STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05268

KOYEH FUN OS

Shimon Kanc

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמעון קאַנץ

כוח פון אות

עסייען

פֿאַר קלאַראַ און יאַנג טעפּ —
מיט ליבשאַפֿט
שמעון
30.VII.79

שמעון קנץ / מסות

SHIMON KANC
E S S A Y S

I. L. Perets Publishing house

Printed in Israel

הילע: משה בערנשטיין

פארלאג י. ל. פרץ, תל־אביב, אלנבי 31

©

תל־אביב ✶ תשל״ט — 1979

שמעון קאַנץ

כּח פֿון אות

עסייען

פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ ישׂראל

דאָס בוך דערשיינט מיט דער הילף פון:

שמואל און גאָלדע שפּירא־פאָנד, פּאַריז
עטאַבלירט ביים י. ל. פּרץ־פאַרלאַג אין ישראל;

קרן תל־אביב לספרות ולאמנות,
אליעזר פּינעס ליטעראַטור־פאָנד,
יידישער קולטור־קאָנגרעס,
יידישער שרייבער־און זשורנאַליסטן־פאַריין אין ישראל

בײַם קװאַל פֿון פּאָעזיע

עס איז אַן אַלטע און װײַט נישט אױסגעפּאָרשטע פֿראַגע: װאָס איז געװען פֿריער: פּאָעזיע אָדער פּראָזע? מעגלעך, אַז עס איז בכלל נישטאָ קײן ענטפֿער אױף דער דאָזיקער פֿראַגע און זי דאַרף געהערן צו דער קאַטעגאָריע אײביקע פֿראַגן, װאָס לעבן איבער אַלע פֿילאָזאָפֿישע און עסטעטישע סיסטעמען און אױף װעלכע מען װעט נישט אױפֿהערן צו זוכן אַן ענטפֿער. אָבער װען מען זאָל אַפֿילו אָננעמען, אַז אין אָנהױב איז געװען טאַנץ, ריטם, אינסטינקטיװער ניגון, נישט־אַרטיקולירט געזאַנג און ריטמישער קלאַנג — יענע דיכטונג, װאָס איז פּרימיטיװער פֿונעם פּראָזאַאישן װאָרט, אָבער האָט געלעבט אין מענטש נאָך אײדער ער איז געקומען צום װאָרט און איז געװען דער ערשטער אױסדרוק פֿונעם מענטש, פֿון זײַן אינערלעכער נשמה — איז אָבער קלאָר, אַז מיט דער צײַט האָט עס צוזאַמען מיטן מענטש דורכגעמאַכט די עװאָלוציע, װאָס האָט דאָס פּאָעטישע װאָרט פֿאַרװאַנדלט אין דער ראַפֿינירטסטער אױסדרוק־פֿאָרם, אָן װעלכער דער מענטש קען זיך שױן נישט באַגײן. פּאָעזיע איז דער אײביקער גליִענדיקער לעבנס־פֿונק, װאָס לאָזט נישט אױסגײן, דערלאָזט נישט, אַז דער מענטש זאָל פֿאַרשטײנערט װערן אין זײַן באַגרענעצטן עגאָיזם, באַװעגט זײַן עװאָלוציאָנערן און רעװאָלוציאָנערן לעבנס־גאַנג, גיט אים כּוח צו טראָגן די משא פֿון מאָראַל, העלפֿט אים פֿונסנײַ אַנטדעקן די װעלט פֿאַר זיך גופֿא און גיט אים שװוּנג אױפֿצוהײבן זיך אין די העכערע עולמות.

אמת, אין קלאַסישן פּעריאָד פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור האָט זי זיך אױסגעצײכנט מיט פּראָזע, אין אַלערלײ פֿאָרמען, סטילן און מעטאָדן פֿון דערצײ־לערישער ליטעראַטור, אָנהײבנדיק פֿון חסידישע מעשׂיות, מוסר־משׂכּילישע און פֿאָלקיסטישע בעלעטריסטיק ביז צו דער מאָדערנער דערצײל־קונסט, איז אָבער אַ פֿאַקט, אַז אונדזער אַלט־ייִדיש האָט זיך אָנגעהױבן מיט טרובאַדורן און זינגער, װעלכע האָבן געװאַנדערט פֿון ישוב צו ישוב מיט זײערע פּרימיטיװע האַלב־דײַטשע, האַלב־תּנ״כישע בעל־פּה־געזאַנגען; אין גראַמען זענען געשריבן געװאָרן תּפֿילות און תּחינות, דרשות און משלים אין עברי־טײַטש, אין װעלכע עס האָט געבליצט מיט פּאָעטישע פֿאַרגלײַכן און, װי אַלט און פּרימיטיװ זײ זאָלן נישט זײַן, הערן זײ נישט אױף אױך הײַנט צו װירקן און רעדן צו אונדזער פֿאַנטאַזיע, רופֿן אַרױס אַ באַשטימטן געפֿיל־אינהאַלט, מיסטישע שטימונג.

נאָך אײדער אונדזערע פּאָעטן האָבן געשריבן פּראָזע אין גראַמען, זענען בײַ ייִדן געשאַפֿן געװאָרן פּרעכטיקע פֿאָלקס־לידער, װעלכע זענען שפּעטער אַנטדעקט און געזאַמלט געװאָרן און האָבן אַזױ שטאַרק און פֿרוכטבאַר און שעפֿעריש באַאײנפֿלוסט אונדזערע שפּעטערע גלענצנדיקע פּאָעטן. אינאײנעם מיט דער פּראָזע האָט געלעבט אַ ייִדישע דיכטונג, װאָס האָט באַװיזן אָנצוזאָגן די װעלט־פּאָעזיע.

רייך איז די גאַלעריע פון גלענצנדיקע יידישע פּאָעטן, וואָס האָבן ביי יידן אין פאַרשידענע טיילן וועלט אַריינגעפירט פּאָעזיע, אויסגעפּיינערט זי און געגערט מיט איר יונג און אַלט.

נאָך דעם מוראדיקן חורבן איז כאַרגעקומען אַן איבערגאַנג פון פּראָזע צו דיכטונג. עס האָט אויסגעזען ווי די יידישע ליטעראַטור וואָלט געענדערט איר כאַראַקטער. אויף די פינגער קען מען ציילן די ערנסטע פּראָזע־ווערק וואָס זענען דערשינען נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. מען דאַרף נישט כאַראַקטעריזירן די דאָזיקע דערשיינונג ווי אַ סימן פון ירידה. גיכער איז עס אַ קריזיס אין רעזולטאַט פון גרויסן חורבן. שוין דאָס צוטיילן דעם נאָבעל־פּרייז פאַר ליטעראַטור פאַרן יאָר 1978 דעם דערציילער יצחק באַשעוויס, איז אַ סאַטיספאַקציע פאַר דער יידישער פּראָזע־ליטעראַטור. אָבער עס בלייבט נאָך אַלץ אַ פאַקט, אַז די צאָל יידישע דיכטער איז גרעסער פון דער צאָל פּראָזאַיקער און דער רעפּרעזענטאַטיווער יידישער קינסטלער פון אונדזער צייט איז איצט נישט דער פּראָזאַיקער נאָר דער פּאָעט. ווי אַזעלכן זעען מיר דעם וווּנדערלעכן דיכטער אברהם סוצקעווער, וואָס איציק מאַנגער האָט מיט רעכט אים אָנגערופן: "דער אריאל פון אונדזער מאָדערנעם יידישן ליד".

דער ווונדער פון דער יידישער דיכטונג

וועגן דער פּאָעזיע פון אברהם סוצקעווער איז שוין אַ סך געשריבן געוואָרן. זיינע לידער, ווי זיין גאַנצער שאַפונגס־וועג, זינט "וואַלדיקס", איבער "געהיימשטאָט", "אָדע צו דער טויב", "גייסטיקע ערד", "אין מדבר סיני", "אָאַזיס", "צייטיקע פנימער", "פירקאַנטיקע אותיות און מופתים", "פידלרויז" ביז די "לידער פון טאָגבוך" — זענען אידעאַלע אָביעקטן פאַר קריטישע אַנאַליזן צו באַהאַנדלען און אויפקלערן גרויסע פּאָעזיע. דאָס וואָס זיינע לידער און פּאָעמעס לייענען זיך נישט אָן פּאַרטיפּטקייט און נישט אַזוי גרינג ווי ביי אַנדערע פּאָעטן, רעדט נישט קעגן דעם דיכטער, נאָר פאַרקערט, דער ראַפינירטער לייענער פון פּאָעזיע איז נישט קיין אָנהענגער פון ליד, וואָס לייענט זיך גלאַטיק און שמידט נישט צו די אויפמערקזאַמקייט צו יעדער שורה, צו יעדן וואָרט און צוזאַמענשטעל פון ווערטער, ווי עס געשעט ביים לייענען סוצקעווערס שאַפונגען.

כ'האָב סוצקעווערס לידער געלייענט און לייען זיי ווידער. כ'האָב אויך געלייענט גאָר אַ סך פון דעם וואָס עס איז וועגן זיי געשריבן און געזען, אַז אַלע נעמען אויף דעם גאַנצן סוצקעווער אַן באַוואָרענישן, מיט עקזאַלטירטער באַגייסטערונג. אַלע קריטיקער, עסייאיסטן און פּאָעטן, אין יידיש, עברית און אין אַנדערע שפּראַכן, בויגן די קעפּ פאַר סוצקעווערס ווונדערלעכע פּאָעטישע ווערק און הייבן אים אַרויס פון צווישן די אויסגעצייכנטסטע יידישע דיכטער אין אַלע צייטן. פון דער באַוווּנדערונג פון זיין דיכטערישן טאַלאַנט ווייעט מיט עפּעס אַ מאָדנער פייערלעכקייט, אַזאַ וואָס נעמט אַרום ביים באַגעגענען זיך מיט דער געשטאַלטונג פון הויך־קינסטלערישער שלימות.

עס איז דערפאַר קלאָר, אַז שרייבנדיק וועגן סוצקעווערן טו איך עס נישט מיט דער דעה צו געבן אַן אַלזייטיקע אָפּהאַנדלונג, נאָר בלויז צוגעבן אַ וואָרט פון אַ פאַרליבטן אין זיין פּאָעזיע, וועלכע איז פון אַזאַ הויכער קאַטעגאָריע, אַז מען דאַרף נישט צוגיין צו איר דורך לאַנגע אַנאַליזן. זי וואַרפט זיך אָן אַליין, אָן קריטישן גלעזל אין אויג. די ווערטער און דער אונטערטעקסט זענען גלייך סוגעסטיוו. די גאַנצע גאַמע פון אַלץ נייע פּאָעטישע שיינקייטן, וואָס סוצקעווער האָט שוין מיט זיינע סאַמע ערשטע לידער אַריינגעבראַכט אין דער יידישער פּאָעזיע, איז נישט געקומען צופעליק, ווי אַ קאַפּריזנער שפּיל און אַוודאי נישט ווי סענטימענטאַלע ראָמאַנטיק, נאָר ווי אַ שפּרודלדיקער קוואַל פון געזונטער שעפערישקייט. פאַרליבט אין "שטראַלכעלעך, קלאַנגען, סיגנאַלן, פון זעאונגען, זוניק געזען", האָבן זיי אויף תמיד דעצידירט וועגן זיין אָריגינעלן צוגאַנג צו אַלע מאָטיוון אין זיין פּאָעזיע.

מיר ווייסן, אַז סוצקעווערס פּאָעטישער וועג איז זיין אייגענער, דורך אים אַליין באַוווסטזיניק געפלאַסטערט. ער האָט אייגנטלעך אָפּגעוואָרפן אַלץ וואָס איז ביי די יונג־ווילנער אָנגעגאַנגען פאַר פּאָעזיע. אים האָט געצויגן דאָס פּאָעטישע וואָרט וואָס פאַרטרויט אונדז די סודות פונעם מענטש, וואָס ראַנגלט זיך מיט התגלותן, שווייגענישן און אַזוי איז ער געבליבן "פאַרשטאָכן מיט געזאַנגען ווי מיט פייערדיקע ביגען".

דער מענטש איז דער פונדאַמענט, אויף וועלכן עס הייבן זיך די בנינים פון סוצקעווערס לידער און פּאָעמעס. ווי אַ מאָטאָ פאַר זיין ליד "דאָס פאַראייביקטע פנים" האָט ער גענומען ר׳ נחמן בראַסלאַווערס זאָג: "יעדער מענטש האָט זיין גן־עדן אויסגעמאָלן אויף זיין פנים". דער זאָג איז פאַר אים געוואָרן די מאַניפעס־טירונג פון זיין פּאָעטישן "רעוא דרעוין" און ווען אויפן אָרט פון גאָט "ס׳האָט מיין פען פון פּראַכט און וווּנדער / פאַרמעקט דאָס וואָרט און אָנגעשריבן / שטאָט אים אַ וואָרט אַ נענטערס: מענטש", וואַרפט ער אים אונטער זיין גאַנצן פּאָעטישן "איך", אָן אָרגאַניזירטן שוין אין זיינע ערשטע לידער, פּונקט אַזוי ווי דער "דו", וואָס איז אַנוועזנדיק אויך אין זיינע שפּעטערדיקע דיכטערישע מאָטיוון און ווערט אַפילו אַ געמיש פון דו־און־איך, אַמאָל ווי אַ קינד, צו וועלכן ער פאַרנייגט זיך "אין טיפן זשעסט ביז צו דער ערד אַראָפּ"; אַמאָל ווי סתם אַ "באַגעגנטער מענטש אויף די שטעגן", מיט וועלכן ער וויל צוזאַמען "צום יסוד פון דער וועלט זיך דערגרונטן, / צום פאַרבאָרגענעם שטאַם פון די שטאַמען, / צו דעם אויבן און אונטן". אַזוי וואַרפט ער אַליין אָן אויף זיין מוזע אַ געוויסע רעזיגנאַציע פון פרייער עקפּרעסיע און כאָטש

עס האָט מיך געבוירן אַ בליציקער שטורעם,
הגם כ׳בין דאָס שטיל זיין.
איך בעט ביי מיין דעמאָן: פאַרבייט מיך, פאַרפורעם,
אין דעם וואָס איך וויל זיין.

דעם פּאָעטישן דאָקטרין געבויט אויף אַזאַ פונדאַמענט, אויף די יסודות פון דינאַמישער גלייכגעוויכט צווישן באַפליגלטער פּאָעטישער פרייהייט און שטרענג־

דיסציפּלינירטער מייסטערשאַפט, איז סוצקעווער געטריי אין זיין גאַנצן שאַפן, אָנהייבנדיק פונעם געזאַנגפולן בלאַנדזשען צווישן סיבירער וואַלד־אַנטפּלעקונגען, איבער די געטאָ־קאָשמאַרן און התגלותן אין זיינע ווייטערדיקע לידער־ביכער.

אין דער זעלבער צייט פאַרבלייבט זיין אינערלעכע וועלט גליענדיק, ניי. דער קוואַל פון פּאָעזיע איז קיינמאָל נישט אויסגעשעפּט און דאָס פייער אין דער פּראָפעטישער שיינקייט פון גליאיקע וויזיעס באַלייכט אַלץ העכער דעם וועג צו די מיסטישע ווונדער אין די "פּירקאַנטיקע אותיות און מופתים" און נאָך פריער "אין מדבר סיני".

דער גייסט פון ווונדער, פון אינעוויניקסטער אויפגעהעלטקייט שוועבט איבער אַלץ, וואָס אברהם סוצקעווער האָט געשאַפן.

שוין אין זיינע ערשטע יוגנטלעכע לידער איז פאַראַן צוזאַמען מיט דער שטרענגער אָרגאַניזאַציע פון דער דיכטערישער שורה אויך אַן אָרגאַניזירטער איך. יעדעס ליד איז אַ סך־הכל פון פיל געלייטערטע שפּירונגען, פון לאַנג־אויסגעטראָגענע, געפּרעסטע איבערלעבונגען, און פאַרמאָגט אין זיך דאָס טיף־קערנדיקע, וואָס היט אָפּ זיין ווירקנדיקן כּוח אויך היינט, ביז איבער אַלע צייטן.

דער דאָזיקער כּוח, מיט וועלכן עס אָטעמען אַפילו די שטילסטע לידער זיינע, איז אַ דעראָבערישער, אַזאַ וואָס מאַכט אונטערטעניק דאָס געמיט, באַהערשט און לייטערט גלייכצייטיק די שווערסטע יסורים, נעמט אונדז איין מיט דער טיפקייט פון אינטואיטיווער דערקענטעניש און אפילו איראַציאָנעלער העלזעערישקייט.

יונג, פאַרקוקט אין די אייגענע פערזענלעכע איבערלעבונגען, איז ער קיינמאָל נישט עגאָצענטריש. אין פאַרבענקטער אַליינקייט... איינגעוואָרצלט אין דער שיינקייט זינגט ער אויך מיט פאַרקאָשערטע אָרבל:

און ווייט, דורך דער נאַכטס האָריזאָנטן,
דערזע איך: עס וואַקסט, עפּעס העלט.
אין מאַרגנרויט נעמען זיך אָנטאָן
אַ וואַלד. אַ מדינה. אַ וועלט.

(באַשאַפונג 1935)

און אינעם ליד אַרום די פייערן:

מיר זענען אַ האָרדע פּאַעטן
פון אַלערליי שבטים און לענדער.
מיר טראָגן דעם רייץ פון פּלאַנעטן,
דעם פיבער פון ערד און לעגענדע.

ביי סוצקעווערן גייט שוין פון אָנהייב אָן דער עטישער טעמפּעראַמענט צוזאַמען מיט דעם עסטעטישן. אָן דעם עטישן וואָלט ער נישט אויסגעוואַקסן צו דער וועגווייזערישקייט, צו דער מדרגה פון אַ נאַציאָנאַלן דיכטער. אַלע זיינע לידער זענען שיין, מעלאָדיש און בילדעריש, מיט דעם שטאַרקן און געדיכטן אַראָמאַט פון פיינער און דעסטילירטער פּאָעזיע. אָבער גלייכצייטיק פאַרמאָגן זיי אַ מעכטיקע דיסציפּלינירטקייט פון אַ מאָראַלער פערזענלעכקייט, וועלכע טרעט

קיינמאָל נישט אָפּ פון דער קינסטלערישער מייסטערשאַפט. איינס דאָס צווייטע שטאַרקט און פאַרגרעסערט.

אברהם סוצקעווער איז באַקאַנט, אַז ער איז דער שאַפער פון נייע פאָרמען, פון נייע אויסדרוק־מיטלען. דאָס איז נישט נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט טיף און גענ״אַל דורכגעדרונגען די יידישע שפּראַך מיט אַלע אירע פאַרבאָרגענע ווענן, מיט אַלע אירע אינטימע קאַפּריזן, נאָר קודם כל דערפאַר, וואָס ער האָט מיט אַ באַזונדערער גבורה געשמידט, געשטאַרקט און געשניצט דעם עצם מהות, דעם תוך און פאָרם פון דער גרויסער מענטשלעכער דערגרייכונג, וואָס מיר רופן פּאָעזיע.

מערקווירדיק, אַז שוין אין זיינע ערשטע לידער, ווען ער האָט נאָך געהערט צו דער גרופּע יונג־ווילנע, האָט מען גיך אויפגעהערט צו זוכן ביי אים איינפלוסן פון צייט, פון אַנדערע פריערדיקע דיכטער. שוין דעמאָלט האָט מען דערזען אין אים די סימנים פון אַ גרויסן קינסטלער, וואָס נעמט נישט ביי קיינעם און האַקט אויס אַלע זיינע אייגנשאַפטן פון זיך אַליין.

דעריבער איז ביי סוצקעווערן אַזוי שווער אָנצוצייכענען די גענויע ליניע פון זיין קינסטלערישער אַנטוויקלונג. ער איז גרויס שוין אין זיינע ערשטע שאַפונגען, נאָר וואָס מער עס ווערט באַרייכערט זיין אינערלעכע וועלט, אַלץ פּילאָרטיקער און פילזייטיקער קומט זי צום אויסדרוק אין פאַרשידענע נוסחאות און פאָרמען.

אַן אומגעהויערן כוח פאַרמאָגן אַלע זיינע נאַציאָנאַלע לידער, אָבער דווקא דאָס ריין־אינדיווידועלע גיט זיי צו נאָך מער קראַפט. זיי האָבן לחלוטין נישט אין זיך קיין שום רעטאָרישקייט, זענען ווייט פון דעם שטראָפעריש־נביאישן, ווייל סוצקעווער געהער נישט צו די דיכטער, וואָס שטעלן זיך העכער פון פאָלק, שטראָפן און דערנידעריקן אים, שמייסנדיק מיט גאַל און שפּאָט. ניט־רעזיגנירנדיק פון אייגענעם יחוס, „איך בין די וועלט, איר מאַכט און דעה. ס׳האָט די אייביקייט מיין בלוט געגליט״. איז אָבער נישטאָ אין אים דאָס געפיל פון אויסגעוויילטקייט, פון העכער שטיין איבערן פאָלק, פון איבערוועגן מיט אייגענער חכמה און צדקות, מיט אייגענער ליכטיקייט. ער שטראָפט נישט, מוסרט נישט, ווייל ער אַליין איז דער געשטראָפטער און געשמיסענער. ער אַליין איז די פאַרקערפערונג פון פאָלק. ער טראָגט אין זיין בלוט דעם כאַראַקטעריסטישן אָפּטימיזם און בטחון פון זיין פאָלק און זיין גלויבן אין באַנייונג. ווען ער זינגט:

— טרינק־אויס מיינע ליפּן, דו ליכטיקער פרעמדער,
און שעפּ מיך אַרויס, ווי מען שעפּט פון אַ ברונעם
אַרויס די לבנה. כ׳וויל אויסער דער לאַטע
אויך מיטנעמען תענוג אין טויטן זכרון
און קומען אין קבר אַ זאַטע, אַ זאַטע,
אַ זאַטע מיט ליבשאַפט, אויב נישט מיט קיין יאָרן.
די לופט האָט געגוססט. נאָר אונטער די קוילן
עס האָט מיר אַ כוח צו ליבן באַפוילן.

(געהיימשטאָט, 1948)

ווייזט עס נישט נאָר, אַז סוצקעווער האָט אַן אויער פאַר דער ליבשאַפט נאָך שטאַרקער פון אומקום, נאָר אויך, אַז ער פילט מיט זיין זעקסטן דיכ־טערישן חוש דעם ריטם פון דער וועלט און טראָגט אין זיך דאָס וואָרט פון פאָלק, דער טיפסטער און פעלזנפעסטסטער פונדאַמענט פון אָפּטימיזם, וועלכן דער דיכטער פילט אין זיך, ווי אַ פרישן געזונטן קוואַל, וואָס שלאָגט זיך דורך אַ וועג אין דעם געדיכטן וואַלד פון פיין אוןליידן.

דער דאָזיקער אָפּטימיזם און גלויבן אין מענטש גייט אויף ביי סוצקע־ווערן אין צענדליקער ווונדערלעכע לידער פון נאָכן חורבן. פון דער באַהערשטער רו און שטילקייט, מיט וועלכער די לידער צייכענען זיך אויס, פילט זיך אַרויס דער געהעמטער געשריי פון אַ פילנדיק האַרץ, און פון זייער לויטערער פשטות — שעפערישע אָנשטרענגונג און אינערלעך־קינסטלערישע דיסציפּלין. ער דערהויבט זיך אינגאַנצן איבער דעם גרויל און גרויזאַמקייט, פאַרוואַנדלט גלויבן אין איבערצייגונג און זיין אינטואיטיוון אָפּטימיזם — אין דעם יסוד פון זיין דיכטערישער וועלט־אויפפאַסונג.

דורכמאַכנדיק דעם גאַנצן בראָך פון ווילנער געטאָ, קומט ער ביים סאַמע סוף פון דער קאַנאַליאַדע מיט פאַליעס אויסרוף אין די גריבער:

איך בין זיך געקומען געזעגנען, בעטן,
איר זאָלט מיך דערמוטיקן, ברידער סקעלעטן!
אויב ערגעץ פאַראַן איז אַ לעבעדיק וואַסער,
וואָס זאָל אייך אָנטדאָרשטן, — איך גיי עס געפינען.
אָניט — כ'וועל אַליין זיך פאַרוואַנדלען אין וואַסער,
אין אייערע דאָרשטיקע מיילער צערינען,
איר זאָלט ניט פאַרגיין מיטן ווינט ווי אַ פּלעווע,
די אייניקלעך זאָלן מיט אייך זיך ניט שעמען.
(געהיימשטאָט)

ס'איז שווער דורך אַלגעמיינע באַגריפן צו כאַראַקטעריזירן די קינסטלערישע הויך פון דער דאָזיקער פאָעמע. פאַראַן דאָ פיין־געשניצטע געשטאַלטן, וואָס פאַרקערפּערן מיט זיך די פאַרשידנסטע שיכטן פון פאָלק, וואַקסן אויס דורך דער טיפער פאָלקסטימלעכער קאָנקרעטקייט צו די גרעסטע אויסדרוקן פון גייסטיקער מענטשלעכער גבורה, פון מענטשלעכער פולווערטיקייט, פון אומדערשיטערלעכן גלויבן אין ענדגילטיקן זיג. צוזאַמען מיטן פּראָטעסט קעגן דער רשעות פון דער וועלט קומט גלייכצייטיק צום אויסדרוק דער מוט און אָנטשלאָסנקייט צו לעבן ווייטער ווי אַ פאָלק. פאַליע איז אַוועק זיך אַליין צו געפינען.

אין מדבר סיני

אין מידבר סיני איז דער צענטער, אין וועלכן עס קניפּן זיך צונויף באַזונדערע פעדעם פון סוצקעווערס שאַפן: מיט אַ ווונדערלעכן כוח פאַר גלייכגעוויכט און מעסיקייט שפּילט ער מיט שאַטנס, וועלכע ער פאַרוואַנדלט

אין רעאַלע געשטאַלטן, און דאָס רעאַלע גיסט זיך צונויף מיט די שאָטנס. שאַפט דעם יש, פלעכט דעם עבר מיטן הווה, ציט דעם הימל צו דער ערד און די זון דריינגט אַריין אין האַרצן, באַזעצט זיך דאָרט און שיינט, שלאָגט אַרויס מיט קוואַלן באַגייסטערונג.

דאָ קען מען צומבעסטן דערקענען די נשמה, דעם מהות פון סוצקעווערס פּאָעזיע. זיין שפּראַכלעכע ווירטואָזיטעט בליצט דאָ מיט אַלע בליצן פון אַ מייסטער־לשון. ווי געלייטערטער מעטאַל, קלאָר און שטראַלנדיק־פשוט זענען זיינע מייסטערהאַפט־געבויטע פערזן:

די טרער די בענקנדיקע אויף מיין וויע
איז אַלט ווי דו, פון דור המידבר שטאַמט זי.
אַ לויב דער קליינער טרער, וואָס האָט די זכיה
צו זען, אַז אויך אין דיין זכרון פלאַמט זי.

ווער האָט אויסגעטראַכט דעם ליגן, אַז שפּראַך איז נאָר אַ מיטל צום ציל? אין דער שפּראַך גופא שאַפט סוצקעווער סיי דעם אינהאַלט, סיי דעם ריטם. מוזיקאַליש געלייטערט רופט זיך אָפּ די שפּראַך, ווי אַ גוטער אינסטרומענט, אויף יעדן מינדסטן ניואַנס. דער דיכטער דערגרונטעוועט זיך מיט איר צו די טיפסטע טיפן פון אונדזער אויסדרוק, וועקט מיט איר זיינע אייגענע כוחות און אַנטפּלעקט זיי פאַר דער וועלט.

שימערירט ממש אין מידבר סיני פון שיינקייט, פון אַלע טייערע אייגנ־שאַפטן פון זיין פּאָעזיע, פון ניי־אַנטדעקטע פּלאַסטישע און מוזיקאַלישע ווירקונגען פון יידישן וואָרט, פון זיינע פריסטע טרוימען, פון בלענדנדיקן ליכט פון ליידן און קידוש־השם, פון וויינענדיקע פידלען אונטער דער ערד. די פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואָרט און צוקונפט פלעכטן זיך צונויף און מאַכן אים, דעם ביז האַלדז פאַרקנאַטעוועם אין גושן פאַרן האַר און מושל פון דעם מדבר.

און ווען ער קומט צו צום באַרג סיני, זינגען מיר דען נישט צוזאַמען מיט אים וואָרט ביי וואָרט, קלאַנג ביי קלאַנג? —

האָסט אויפגעוואַכט אין סיני, אל נקמות,
ווען צו דיין באַרג־שפּיץ האָט זיך שוין געהויבן
דיין טויטער פאָלק, דער באַרג פון די עצמות —
אַ יאָמער־באַרג פון אומשולדיקע טויבן!
ס'האָט אונטערערדיש קינדערבלוט־געריזל
דערוואָרעמט מיט באַלעבנדיקע שטימען
די אָדערן אין דיין גראַניט און קיזל,
און האָסט אַנטפּלעקט דעם צווייטן באַרג דיין סימן:
צעטראָטענע ווי שפּילצייג אונטער זוילן —
צעטרעטן איצט אין סיני טויט און פחד.

אייגנטלעך איז דאָ די זעלבע וואַנדערלוסט, וואָס אין די פריערדיקע לידער, נאָר מיט מער דינאַמישער קראַפט, מיט מער היץ און גלוט, געפירט

פון וואַלקנזייל, וואָס גייט פאָרויס דעם צה"ל. דער מדבר, וואָס איז ברייט און ריזיק, איז איצט נישט וויסט, ווייל

פון שבטים צוועלף — אַ גאַנצער קבוץ־גלויות
די שבטים האָבן זיך צעטיילט אין שבטים.
ביי דיינע קינדער טוישן זיך די ראַליעס.
דו בלאָזט אין ביינער טרוקענע דיין אָטעם.

און ווייטער

אין מידבר סיני ווערט דיין אומה יינגער,
און דיין געבאָט, אין בלעטער פעלדז — דיין פּינקס,
פאַרקריצן מיט אַ פייערדיקן פינגער
סקעלעטן פון די געטאָס און טרעבלינקעס!

דאָס כסדרדיקע דורכפלעכטן דאָס געזעענע מיט די וויזיעס פון נעכטן איז נישט קיין אַנטלויפן פון אומזיכערן כאַאָטישן היינט צו די פאַרטיקע פאָרמען פון אַמאָל. עס איז די לעבעדיקע פאַרבינדונג מיט דעם פאַרגאַנגענעם, כדי אויסצוזויגן פון אים די שעפערישע זאַפטן, אַלע פיבערן, וואָס האָבן אַמאָל געשטאַלטיקט זיין ווילן. דאָס נייע שפּירט ער פּונקט אַזוי שטאַרק ווי די פאַרגאַנגענהייט.ביידע פאָרמאָגן אין זיך רעאַלע לעבנס־צאַפּלענישן. דער נעכטן שטייט אין דינסט פון היינט, באַלייכט די גרויסקייט פון דער היינטיקער ווירקלעכקייט. העלפט געשטאַלטיקן דעם אינערלעכן מהות פון אונדזער ווידערגעבורט.

סוצקעווער וועט זיך קיינמאָל נישט באַפרייען פונעם טרויער פון נעכטן, אָבער דאָס איז נישט קיין ווייבלעך־סענטימענטאַלער טרויער. זיין טרויער איז שטאַרק ווי די פעלדזן, ווי דער שטורמישער ים אין קאָנצערט פון פידלען מיט קלאַנגען צעגליטע... עס איז דער טרויער פון אַ גיגאַנטיש־מעכטיקן גלאָק, פון אַ נביא, וואָס הערט קיין מינוט נישט אויף צו רופן די לידער אין טאָל, די אַלע, וואָס זענען פאַרשלונגען ווי פערל אין פייער. דאָך נישט קיין הימן פאַר קריגער. עס איז אַן עפּאָס פונעם נייעם לעבן, וואָס די גלות־קינדער שאַפן. דער שאַל פון די טרומייטערס האָבן דעם קלאַנג ווי ס׳וואָלט

אַ דימענט אַן אַ דימענט זיך געשליפן:
זאָל רו און שלום קומען שוין געשווינדער.
פון באַרג אין סיני — בלאָז אַוועק די שנאה.
פאַרשנייד אויף ס׳ניי אַ בונד מיט דיינע קינדער,
און זאָלן רויטע זאַמדן ווערן גרינע!

קיין שום זאַך קאָן נישט שטערן זיין דאַזיקן גביאישן געבעט, דעם ווונטש פון פאָלק. דאָס איז דער ווונדערלעכער סינטעז פון שיינקייט און אמת, וואָס דערהויבט און פּירט. סוצקעווער זעט נישט נאָר זעאונגען, נאָר טוט אויך תפילה, אין וועלכער ער פיקסירט געפילן, וואָס געהערן צו די דערהויבנסטע אין

מענטשן. ער געהער צו יענע גראַנדיעזע קינדער אויפֿן האָריזאָנט פֿון דער מענטשלעכער געשיכטע, וועלכע אַנטפּלעקן דעם גרויסן געפּייניקטן וועלט־אמת אין זיין וווּנדערלעכער שיינקייט.

עס זענען פֿאַראַן ביי סוצקעווערן לידער, וואָס אויבנאויף ווייזן זיי זיך אויס צו זיין קיל און אויסגערעכנט. אָבער הינטער דער קילער הויט, ברויזט מיט גליאיקן אומרו, מיט טעמפּעראַמענט, מיט אייגענער אינערלעכער מוזיק, וואָס קומט פֿון סאַמע ריינעם און שיינעם האַרצן און פֿאַרמאָגט אין זיך די טיפֿע רו פֿון אַרומהאַלדזן אַ קאָסמאָס מיט טויזנט שטורעמס. אין דער דאָזיקער רו קען מען דערהערן ווי:

דאָ אָטעמען די מויערן.
דאָ אָטעמען די טויטע.
ס'איז ניט קיין שטאָט —
אַ ריז אַן איינגעשלאָפֿענער
אַ יאָר, אַ דור, צי הונדערט,
איז אויפֿגעוועקט אַצינד
פֿון אָדלערס פּורפּורנע
צערייצטע,
און הייבט די הענט ווי האַלבע רעגן־בויגנס
אַרומצונעמען אין דער וואָר — זיין חלום.

(ירושלים, 1953)

אַזוי אויסשעפּן אַ טעמע, אַזוי סובלימירט אָפּגעבן אַ נשמה־צושטאַנד קאָן בלויז אַ מייסטער, וועלכער בייטיקט זיך גישט אין קיין שפּראַכלעכע עפֿעקטן, וואָס לעבט איבער וויזיעס פֿון דעם אומאויסדריקלעכן און קען זייער שטימונג פֿאַרפֿיקסירן אין ריטמישע ווערטער.

עס זענען פֿאַראַן דיכטער, וועלכע מען האָט ליב אָפּט צו לייענען אָדער צוליב זייער אינהאַלט, אָדער צוליב זייער פֿאָרם. ביי סוצקעווערן קומט צו דעם נאָך צו די אייגנאַרטיקע געמיט־אויפֿרעגונג, וואָס פֿאַרבינדט אַזוי האַר־מאָניש די פֿאָרם מיט דעם אינהאַלט, מיט דער וועלט, אין וועלכער עס פֿירט אונדז אַריין דער צויבער פֿון זיין פּאָעזיע, דער גרויסער וווּנדער פֿון דער יידישער דיכטונג. עס רייסט מיט דאָס וועלט־בילד, וואָס זינגט אַרויס פֿון סוצקעווערס זעאונגען, פֿון זיין געזאַנג וועגן יידישן גורל און יידישער גבורה. דאָס איז גרויס געזאַנג, גרעסער און אייביקער פֿון די פּיין און יסורים; געזאַנג פֿון אַ דיכטער, וואָס איז דערגאַנגען צו הויכקייטן, ווו ס'אַנטפּלעקן זיך די אַלכעמישע וווּנדער הינטער די איבערלעבענישן פֿון אימהדיקן יידישן פֿאַרלענד, הינטער אַלע יידישע נסיונות פֿון אומקום צו אויפֿקום. דאָס געוויין פֿון אַ דור ווערט סובלימירט אין געזאַנג פֿון טראַגישסטער שיינקייט, וואָס האָט אין זיך רחמים, טרייסט און בענטשונג.

אַאַזיס

צו פיר און פערציק יאָר
בין איך געשלאָגן
מיט זעעוודיקייט. ווי אַ גייזער שלאָגן
אין מיר די בלוטן פון אַ דור.
שיכור פון מיין זעעוודיקייט
וועל איך תמיד זען אים
אין מיינע אָדערן, דעם בלינדן דור.
ביז איך וועל געפינען מיין פאַרלוירענעם גיהנום — —

(דער בלינדער מילטאָן)

די לידער אין "אַאַזיס" האָבן צוויי סטרעפעס: די סטרעפע פון קאַטאַקליזם, פון זוכן דעם פאַרלוירענעם גיהנום און די סטרעפע פון מילדקייט, פון קוואַליקע ווערטער אָנגעטרונקענע מיט וווּנדער. זיי האָבן אויך צוויי צייטן, דעם נעכטן, ווען "עס טרינקט זיך דער באַשעפער אין מיין בלוט" און דעם מאָרגן, ווען "דו אַליין וועסט ניכטער ווערן פונעם וויינשטאָק שפעטער, לאָמיר זיין באַשיידן: אין אַ טויזנט יאָר אַרום".

די לידער האָבן אויך אַ סך בילדער, אַפּאָקאַליפּטישע, פּנימער־אָן־הויט פונעם גורל אָדער "וואָלקנס — אורמאָדעלן פאַר אַ בלוטדאָרשטיקן מאָלער" און בילדער פון מירטנוואַלד, בליטן און צוויטן און שמועס מיטן איילבירטבוים: "כ'בין ווי דו./אַ נייער בוים פון מיר וועט בליען שפעטער./אַ בוים זאָגט קיינמאָל נישט קיין ליגן". צופּוסנס פון דער דאָזיקער צווייאיקייט געפינט זיך דאָס קעגנשטעלן די איבערגעלעבטע צייט דער וויזיע פון "באַשאַף אַ נייעם אדם אין דיין צלם/פון רויע קלאָנגען, פון אַן אויפגעשווידערטן מעטאַפאָר". דאָס וואַקסט אויס צו דער ראָל פון אַ מיטאָס, וואָס איז אַ לירישער פּראָטעסט קעגן די אַלערליי חושימדיקע דערפאַרונגען פון אונדזער געשיכטע.

זיינע לידער האָבן אויך אַ סך ניגונים, אויסגעזונגען אין וויגנדיקע שורות, מיט גבורה פון אויסדרוק און פעסטן קלאַנג, צום ריטם פון זיין וועלטזעאונג וואָס כאַפּט אַריין אין אימפּעט אַ שטיק אויפגעריסן האַרץ און וואָס אויפגעריסענער דאָס האַרץ אַלץ שאַרפער רעדט די אינסופיקע איינזאַמקייט, וואָס איז אָבער קיינמאָל נישט קיין פאַרצווייפלטע, קיין אויסזיכטסלאָזע. "אין איינזאַמקייט האָט נישט דער עלנט קיין שליטה", און ווען ער גיט צו: "פאַרנאַכט, אין אַ צייטיקער שעה פון התגלות, באַגעגענען וועל איך מיין מאַמען פון ליטע", געווינט דאָס ליד געוואַלדיקן כוח אַריינצורייסן זיך און בלייבן שטעקן אין זכרון.

זיי האָבן אין זיך דעם באַזונדערן אראָמאַט פון געהיימען און איבער־נאַטירלעכן, וואָס ליגט באַהאַלטן הינטער די בשר־ודם־אויגן און נאָר דער וואָס דער גורל האָט אים אויסגעוויילט "שטילערהייט באַגיסן זיך מיט אייגן בלוט און — שאָפן", איז באַשאַנקען מיט די אייגנשאַפטן צונויפצוגיסן זיך מיט אַלץ, ביזן פאַרהוילנסטן שטויבעלע, אין דער אינעווייניקסטער, ווי אין דער

דרויסנדיקער וועלט, זיין די אויערן, וואָס זעגען ״פולע מיט שירים / פול מיט אַמאָליקן קלאַנג״, הערן די מוזיק וואָס קומט ״דורך די שטערן־פאַרשפּינוועבטע שפּאַלטן״ און דעראַנען דעם אַנטפּלעקערישן באַשייד פון רעטענישן וואָס ליגן אויף יענער זייט פון ראַציאָנעלער דערקענטעניש.

גייסטיקע ערד

סוצקעווער פילט דעם גורל פון אָפּענעם און פאַרבאָרגענעם און ער זעט זיי, דאָס אַנטפּלעקטע און דאָס פאַרהוילענע, נישט נאָר אין בייט פון שטימונגען, נאָר אויך אין יענער דראַמאַטישער ספּעקטאַקולערקייט, וואָס אַנטפּלעקט זיך דורך אים מיט די אייגנשאַפטן פון אַ חוזה, ווענעמנס וויזיעס לאָזן זיך באַגעגענען נאָר ווען מען לאָזט זיך אַראָפּ אין דיכטערס איראַציאָנעלע טיפענישן.

די אותיות־פּורחות האָבן זיך פון שייטער
אַ הייב געטאָן מיט מיינע הענט צוזאַמען
און צוגעפאַלן דאָ צו זינגען ווייטער —
דערמונטערן די אָפּגעהאַקטע שטאַמען.
איך בין מיט מיינע טויטע אומצעטייליק,
און זייער ווייסער שטויב איז ווי ירושלים — הייליק.

הייליק, דורכגענומען מיט קדושה איז אויך די עקזאַלטאַציע, וואָס נעמט לעבן אין אונדז פאַרן דאָזיקן פּאָעטישן לשון, פאַר דער שיינקייט, וואָס גיט אונדז צו פילן דעם אומפאַרגעסלעכן געגוס, וואָס עס קענען נישט געבן קיין שום רעאַלע איבערלעבענישן און מען קען זיי דערפילן נאָר אין חלום. פון סוצקעווערס פּאָעטישער פּאַליטרע גייען אויף די בילדער מיט דער קאָליר פון חלום. דאָס געוויין וואָס שטייט אין האַלדז איז דאַן סיי פון קלאָג איבער די פאַרטיליקטע און סיי פון פרייד מיט דער אַנטפּלעקונג פון שיינקייט אין

...אַ רויז וואָס נישטאָ איר גלייכן,
אַ רויז וואָס אייביק לעבט זי, גיב נאָר וואַסער,
מען קאָן זי צו דיין אייביק פאָלק פאַרגלייכן...

די עקזאַלטאַציע לאָזט אונדז נישט אָפּ איבער אַלע זיבעציק קאַפּיטלעך פון דער פּאָעמע ״אויפן ים,ביים געבורט פון לעגענדעס״ און די ניין־און־דרייסיק קאַפּיטלעך פון ״אַ חלום פון אַ גאָלדשמדיד״ ביזן ניינצנטן קאַפּיטל פון ״עפּילאָג״. וואָס איז אַ באַפרייטער הימן, מיט וועלכן דער דיכטער אָטעמט וואַנדערנדיק איבער די וועגן פון צוגעזאָגטן לאַנד ביזן טויטן ים, ווו ער האָרכט זיך צו צו זיינע מחשבות: ״דער טויטער ים וועט מער נישט זיין קיין טויטער, נאָר בלייבן וועט אין האָרץ אַ ים המוות״ — — —
מיר דערפילן זיך ווי פאַרגאָסענע מיט דער שיינקייט, מיטן בלענדנדיקן גאָלד

פון געזאַנג וואָס לאָזט זיך נישט אַנאַליזירן און נישט אויפקלערן. דערפאַר רופן נישט אַרויס די גרויזאַמסטע טויטן דאָס אָפזאָגן זיך פון לעבן. אין פּאָעטישן טאָט רעאַליזירט זיך דער אַבסאָלוט פון ייִדישן דויער, וואָס איז אָבער נישט בלויז ריין גייסטיק, נאָר אויך ערדיש — גייסטיקע ערד. דאָס גובר זיין דעם טויט איז דער נצחון פון דער אַנטינאָמיע: דויערן מיטן ים המוות אין האַרצן און נישט רעזיגנירן פונעם געטלעכן געשאַנק פון ליד און כוח פון מאַגישער מוזיק אין וואָרט, וועלכן ער איז איבערגעגעבן ווי אַ הייליקע עבודה.

מיר קומען דאָ צו צו די יסודות פון סוצקעווערס פּאָעזיע און זיין ייִדישן וועלט־בילד וואָס האָט זיך געמאָלן שוין אין געהיימשטאָט. דער קברן זלמן־בער ראַטעווועט זיך צווישן די קברים און אַן אַנגעטוענער אין תכריכים לייגט ער זיך אַריין אין אַן אויסגעגראָבענעם קבר און פלוצים דערהערט ער פון דערנעבנדיקן קבר דאָס קול פון אַ פרוי וואָס גייט צו קינד. ער נעמט אָפּ דאָס קינד און זינגט:

געבוירן דער וווּנדער, געבוירן דאָס קינד,
אין הייליקער קראָפּעווע־גרוב, אין דער בלינד,
פאַר אייך איז דערווייל דער סוד נאָך נישט אַנטפּלעקט:
דאָס קינד ליגט אין שויס פון די מתים און לעקט
ווי מילך, דאָס געוויין פון זיין מאַמען.

דעם אויסגעפּיבערטן אמת פון דאָזיקן געזאַנג האָט סוצקעווער אויפגענומען און באַהאַלטן אין זיך אויף אייביק ווי דעם טייערסטן אוצר. דער אויפשפּראָץ פון ניי לעבן אין הייליקן קבר־געבורט, דאָס ווערעמל, וואָס "צעשניטענערהייט ווערן צוויי, ווערן דריי", שטייגן אויף, קריגן פליגל ביים דערנענטערן זיך צום לאַנד פון די אבות:

יהודה בערג און פלוינען שטוינען, שטוינען:
אַ פּריילינג רעגן וויס־און־בלוי. מיר בענטשן זיינע קרוינען!

לאַנג דויערט דער וועג צו די ברעגעס פון דער גייסטיקער ערד. מיט געשטיגענער זעאונגס־קראַפט פאַרוואַנדלט זיך דער דיכטער אין "גרשוני און גרשוני" אין זיך צוזאַמען מיט דער ערד: "אויף דעם טויטנוועג פון די מתים צום שייטער־הויפן און צוריק האָב איך ניין־און־ניינציק בלומען באַזונדערע באַוויזן אַנצוזאַמלען. כ'האָב זיי אויסבאַהאַלטן אונטער מיין קברדיקן געלעגער אין אַ זיידן העמדל פון אַ טויט קינד, און בייינאַכט — זיי צערטלען, זיך מיט זיי האלובען, און דערקענען וועדליק ריח און ליניע איטלעך בלימל באַזונדער".

דער סינטעז פון אים מיט די אידעלע קינדער אין מלכות פון טויט קען זיך אויסווייזן ווי נישט קיין וואָרע ווירקלעכקייט, אָבער אַלע זיינע שפּעטערדיקע דיכטערישע פאַרוואַנדלונגען האָבן זייער אורשפּרונג אין דער דאָזיקער אויסגע־פיבערטער ווירקלעכקייט, אויף דעם טויטנוועג פון די מתים צום שייטער־הויפן מיט די טייוולשע גרוילִיקע בילדער, ווען פלוצים דערשיינט: "אַ נייע אומ־באַקאַנטע בלום. די פרישינקע בלעטלעך ציטערן ווי סטרונעס אונטער אַ דין

פעלדל שיינענדיקן שניי״. זיין געמיט איז אַזוי דין־הערעוודיק און אַזוי ווייט־זעעוודיק, אַז עס איז פאַרויסצוזען דעם המשך פון געהיימשטאָט אויך בייַ כרמל, ביים געזאַלבטן הר הבית, ווי אויף דער גאָרער ערד פון זעאונגען און טראַנסן, וווּ ווונדער איז גאָר קיין ווונדער נישט, אָבער

די ווייטע נעכטנס פילט מען דאָ רעאַלע,
די היינטן האָבן פנימער פון גייסטער,
אַ תהום — די מאָרגנס. עיקר העיקרים:
פּאָעזיע איבער אַלע צייטן זוכט אַ לייב, אַ פּאָרעם.

אומעטום באַגלייטן אים גרויליקע זעאונגען פון די קברים־נעכט. פון וועלכע ער הערט נישט אויף אָפּצוטיילן דאָס פּסולת, כדי ס׳זאָל בלייבן נישט בלויז קינות, נאָר אויך געלייטערט ליד:

— איך קום פון שחיטה־שטאָט, צו דיר, משורר
פון שחיטה־שטאָט. מיין זון איז דאָרט פאַרלאָשן.
פאַרטיליקן האָט נישט געקאָנט דער צורר
דאָס איינציקע וואָס לעבט אָן לייב — מיין לשון.

פירקאַנטיקע אותיות און מופתים

מיטן באַרייכערטן באַגאַזש פון גרויס־דיכטערישע איבערלעבונגען אין דערפאַרונגען קומט סוצקעווער אין די „פירקאַנטיקע אותיות און מופתים״, וווּ דאָס וויזיאָנערישע נעמט שפּילן אַן אַלץ גרעסערע ראָל און אינעם שטאַרקער־אויפגייענדיקן ליכט פון די לידער דערשיינט נאָך בולטער דער דיכטערישער פאַרמעסט אויפצוהייבן דעם פאַרהאַנג וואָס דעקט צו די אינטים־מענטשלעכע וועלטן און דערשיטערנדיקע טראַגעדיעס. עס קען זיך אויסווייזן, אַז אויפהייבנדיק דעם פאַרהאַנג מיינט ער אַליין אַרונטערצוגיין הינטער אים לייענען די אותיות פון דער גורל־מיסטעריע, פון צעפּאַלענע מגילות, אַרויסלייענען פון זיי דאָס אָרט וואָס איז באַשטימט פאַרן ייִד אינעם אַלוועלט, דערלערנען די סודות פון יצירה, אַלע טיפע פאַרבאָרגענישן, וואָס לעבן הינטער און איבער די קאָנקרעטע זאַכן, זענען אַזוי ממשותדיק ווי זיי און נישט ווייניקער „שולדיק״ אין מענטשלעכן גורל, נישט ווייניקער אילוזאָריש און נישט ווייניקער וואָגיק פון דער וועלט וואָס מיר באַנעמען מיט די חושים.

עס האָט נאָך קיינער נישט באַוויזן מיט אַזאַ כוח צו פאַרטיידיקן די רעכט צו שיינקייט אין סיטואַציעס פון גרעסטער אימה; די רעכט, וואָס עס האָבן אַפילו די פאַרשעמטסטע און צעטראָטנסטע, פּונקט ווי עס האָבן עס סיי דאָס אילוזאָרישע, אַבסטראַקטע און סיי דאָס חושימדיקע. דאָס איז סוצקעווערס גרויסער טריאומף

פון איבעראַשנדיקן אינהאַלט אין גרויל פון נאָך אַלעמען: „מיין שכן זיצט אין פוילן אויף אַ קוימען, / באַטראַכט די שיינע וואָר וואָס איז קיין וואָר נישט, / און וואָס מיין שכן טוט, איז אַלץ דאָס זעלביקע: / ער האַלט אין האַנט אַ שפּיגעלע, מער גאָרנישט".

לייענענדיק סוצקעווערן וואָלט מען געקענט צוגעבן, אַז דאָס אַלץ וואָס געשעט איצט, נאָך אַלעמען, אין דער אויסערלעכער וועלט, נישט בלויז וואָס עס שטערט נישט דעם דיכטער אין זיין פּאָעטישן פלי, נאָר סטימולירט נאָך מער סיי זיין פּאָעטישער קאָנטעמפּלאַציע און סיי זיין אינטעלעקטועלן געדאַנק. אַלץ האָט געפיל און אַלץ האָט איבער דיר אַ מאַכט. אַפילו פון טויטע רעדט עס מיט לעבעדיקער שפּראַך, מיט גליענדיקן געבאָט און גאָט איז פאַראַן אויך אין גאָרנישט. „יאָ, דער גאָרנישט איז דאָ דייטלעך, / ווי אומשולדיק פּאַפּיר, וואָס בענקט נאָך פאָרם און געשטאַלט".

מ'קען זיך אפילו פרעגן: וואָס וואָלט געווען, ווען די אויסערלעכע וועלט אַרום אונדז, וואָלט אונדז נישט געגעבן געוואָרן צום סטאַבילן און דויערנדיקן אַבסערווירן, נאָר וואָלט זיך אונדז אַנטפּלעקט בלויז אין אויסנאַמלעכע מאָמענטן? ווי אומגעהויער וואָלט דאַן געווען אונדזער איבעראַשונג, ווי גרויס וואָלט געווען אונדזער אַנטציקונג מיטן פּראַכט און גלאַנץ, וואָס וואָלט פאַרבלענדט אונדזער אינעווייניקסט זען און פילן! ווי גרויס דאַרף דערפאַר זיין דער געהיימער כוח צו שאַפן די פּאָעטישע איינהייט פון דרויסנדיקן מיטן אינעווייניקסטן זען, ווי עס איז ביי סוצקעווערן ווען ער הייבט דעם כוס:

— לחיים, ים, לחיים, טויטע שיף, געווין, מאַטראָז,\
און פאַר די כוואַליעס פון אַמאָל עד היום.\
געקאָטעוועט פון ווערטער, טרינק איך זיך־אַליין פון כוס\
און מיטן רעגן קלאַפּ איך צו: לחיים!

גרויסע פּאָעזיע פּרווט דערגרייכן צו אומזעבאַרע גרענעצן, אָבער דאַן טרעפט, אַז אויף יענער זייט גרענעץ דערגייט זי צו אַ פוסטקייט. סוצקעווער פאַרלענגערט די חושים ביז אויסערן האָריזאָנט פון זייער דערגרייכבאַרקייט, ביז נאָכן סוף פון וועלטאַל, ביזן כאַאָס פון אין־סוף און כדי נישט צו זיין באַגרענעצט דורך דער קאָנווענציאָנעלקייט פון שפּראַך און ווערטער, וועלכע קענען אַזוי אָפט נישט אויסטראָגן די משא פון אַנונגען און דערקענטעניש, שאַפט ער זיינע חידושי־לשון, וואָרט־זיווגים, וואָס געבוירן נייע וועלטן און דערפאַר בעט ער זיך:

שענק מיר ווערטער וואָס געשאָנקען האָסטו זיי נישט קיינעם,\
ווערטער ניט פון דאַנען, דין־געאָדערטע קול־דממהס.\
קענען זאָל איך שמועסן מיט מיינע טויטע שכנים,\
ס'זאָלן זיך צונויפשווייגן ווי ליפּ צו ליפּ — נשמות.

מען נעמט דאָ טיפער פאַרשטיין דעם באַגריף פון אותיות פורחות, זייער אינעווייניקסטן שעפערישן פלאַם, אָנגעלאָדן מיט אומגעריכטע קלאַנגען, מיט אַ מעכטיקן כוח אַריינצודרינגען פיל טיפער פונעם באַוווסטזיניקן געדאַנק־און

געפילן־שיכט, אָבער דערביי אָנשלאָגן אינעם גרונט־אינהאַלט פון באַוווסטזיין, כדי אָפּצורייניקן דאָס איבעריקע און איבערפלעצלעכע אינעם אונטערבאַוווסטזיין און באַקומען דעם כוח פון אינטואיטיווער אָנונג וואָס עס פאַרמאָגט איבערבאַוווסטזיין און איז אויך וועגווייזער פון די אייגענע דיכטערישע כוחות:

איך לייג אַליין זיך ווערטער אויפן אימהדיקן וועג
און פאַל, און דעק זיי צו מיט מײַנע טרערן,
אַז אונטערזעגן זאָל נישט קענען קיינמאָל זיי די זעג,
און זייער זיין זאָל אַלעמען געהערן.

דאָס איז ביי סוצקעווערן אַ בפירושער לייט־פּאַדעם, וואָס שלענגלט זיך איבער אַלע זיינע לידער. ער איז און באַפעלט זיך גופא „צו זיין מיט די געפאַלנסטע געבונדן און געקאַוועט" און דערגיין צום סאַמע תוך פון „אויסגע־ברענט ווייסן געביין, / וואָס צוקט אין דער טונקל מיט גליעוודיקס / און אַ פאַרמעט צווישן ציין".

די אומפאַרשטענדלעכע קראַפט, וואָס פילט אָן סוצקעווערס וואָרט, קומט דאָ ווי פון אַ העכערער וועלט, אַריינגעזונגען אין „פלאַנעטן מיט געפלאַצטע הערצער". סיף און פון אַ געוואַלטיקן פאַרנעם מוז זיין דער דראַמאַטישער פאַרמעסט מיטן וואָרט פון דעם וואָס דערזעט „פלוצים זיך אַליין געשליידערט אויף אַ שייטער, / און מײַנע ווונדן שמעלצן זיך אין אים ווי רויטער בליי".

וואָס ווייסן מיר אייגנטלעך פון די קינסטלערישע פּראָבלעמען, מיט וועלכע עס ראַנגלט זיך דער גרויסער דיכטער אין גאַנג צו אַנטפּלעקן דאָס אויסער־מענטשלעכע נישט בלויז פון זיין אייגענער וועלט, נאָר אויך פון אַ גאַנצן דור?

ווען מיר קוקן אויף אַ צעווילדעוועט פייער, אויף אַ פאַרפלייצונג, אויף אַ שטורעם, קענען מיר זיך נישט אָפּהאַלטן פון געבן דעם שפּיל פון די סטיכיעס אונדזערע אייגענע באַצייכענונגען. מיר ניצן דאַן די באַגריפן: וואַנזיניקייט, צאָרן, צעיושעטע נאַטור. מער ווי געפילן, שרייבן מיר זיי צו אונדזערע אפעקטן, לאָמיר נעמען, למשל, דאָס געפיל פון שנאה, וואָס מוז נישט דווקא אויסברעכן ווי אַ סטיכיע. זי דויערט און אפשר דערפאַר וואָס זי איז אַזוי ענלעך אין דער דויערהאַפטיקייט, זענען מיר גרייט צו רעדן וועגן איר אין טערמינען ווי „פאַרהאַסטע צייט", וואָס מיינט אַז מיר נעמען אָן אַלעגאָריש די צייט ווי אַ שונא, וואָס דראָט, לויערט אויף אונדז, איז אַנפאַלעריש און דערפירט אונדז צו זיקנה... מיר פאַרגעסן דאַן מיט וויפל סענטימענטאַלקייט מיר קוקן אויף דער צייט, ווען מיר שטייען פאַר אַ טויזנט־יאָריקן שלאָס, וואָס די צייט האָט צעפרעסן די מויערן און אים פאַרוואַנדלט אין אַ חורבה. אַזאַ שלאָס רופט לגמרי נישט אַרויס די געפילן, וואָס צעברויזן זיך אין אונדז אין אַנבליק פון הייזער און שטעט, וואָס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין חורבות דורך מענטשלעכע הענט. די צייט גופא אינטערעסירט זיך נישט מיט אונדזערע רעאַקציעס. זי קלערט בלויז אויף די סיבות, אַמאָל אַפילו מיט וואַרעמער פאַרשטענדעניש פאַר דער פאַר־ניכטונג, אָבער קיינמאָל האָט זי נישט דעם טריאומף פון אַבסאָלוטן אמת. דער פשוטער מענטש איז אָפּט גענויגט גאָר אויפצונעמען די צייט ווי אַ פריינט, וואָס

פֿאַרהײלט װוּנדן, מאַכט פֿאַרגעסן די עוולות. אָבער דאָס פֿאַרגעסן אַלײן איז דאָך אַ געװיסע פֿאָרם פֿון מאָרדן, פֿון צוניששטמאַכן דאָס װאָס איז אַמאָל געװען לעבן, קראַפֿט, ליבע. דעריבער איז די צײַט געגנטער צו שׂנאה, אפֿילו װען זי דערשײַנט אין די ראַמען פֿון גלײַכגילטיקייט און איז אָפֿט גרױזאַמער פֿון אַנדערע אַקטיװע שׂנאה־אױסברוכן. קײנער האָט זי נישט דערפֿילט אַזױ מוראדיק װי ייִדן װען נאָכן גרױזאַמען אומקום איז געקומען די גלײַכגילטיקייט, װאָס גײט אָן אין דער װעלט ביזן הײַנטיקן טאָג, באַהערשט בהדרגה אױך די אָפּגעראַטעװעטע, װאָס אַמאָל װילן זײ פֿאַרגעסן און אַמאָל איז בײַ זײ דאָס געדענקען נישט מער װי אַ מעכאַנישע פֿונקציע.

כ'שטעל זיך אָפּ דערױף, כּדי בעסער צו באַנעמען פֿאַרװאָס מיר זענען אַזױ איבערפֿולט מיט ליבע און באַװוּנדערונג פֿאַרן דיכטער װאָס האָט דעם כּוח פֿון אַ שטורעם־װינט אַרױסצורײַסן די צײַט פֿון איר גלײַכגילטיקײַט, אױפֿרודערן זי ביזן דנאָ, װי ער טוט עס מיטן ליד „הײַנט איז יאָרצײַט":

אל־נקמות, הײַנט איז יאָרצײַט, יאָרצײַט. הײַנט. אַצינד —
װען גערופֿן האָט צו דיר אַן ערשט געבױרן קינד.

הײַנט איז יאָרצײַט נאָכן שמײכל איבער װאַלד און פֿלײַן,
יעדער האָט הײַנט יאָרצײַט נאָך זײַן שװעל, נאָך זיך אַלײן.

הײַנט איז יאָרצײַט נאָכן רעגן נײַנצן פֿערציק דרײַ,
נאָכן לעצטן קאַרשן־בױם און שװעלבעלע דערבײַ.

הײַנט איז יאָרצײַט נאָך מײַן צײַט, פֿאַרפֿרױרן אין פּאַנאַר,
הײַנט איז יאָרצײַט נאָך מײַן מאַמעס געלן סאַמאָװאַר.

נאָכן שנײַ, פֿון מײַנע װײַסלען אױסגעשנײַט, בשעת
איך האָב צוגעדעקט מיט אים דעם קבֿר פֿון מײַן גאָס.

הײַנט איז יאָרצײַט נאָך די צװײ מלאכים בײַ מײַן בעט,
הײַנט איז יאָרצײַט נאָכן צפֿון־שטערן ערגעץ העט.

יאָרצײַט נאָכן שפּיגל מיטן בלױען טײַך אין ראַם
װוּ עס באָדן זיך די ליכט און שאָטנס פֿון מײַן שטאַם.

הײַנט איז יאָרצײַט נאָך אַ שבת, רײן װי אַ בריליאַנט,
הײַנט איז יאָרצײַט נאָך דער פֿידל אין מײַן חבֿרס האַנט.

הײַנט איז יאָרצײַט נאָך אַ לײַב אין פֿרײדיקן אַנטבלױז
הײַנט איז יאָרצײַט נאָך דער לעצטער יאָרצײַטליכט אין קלױז.

יאָרצײַט נאָכן לאַנגן זײגער אױף דער װאַנט פֿון לײם,
או, נאָך אַלע װיגלידער פֿון אונדזער עיר־ואם!

דאָס קלינגט העכער פונעם שטאַרקסטן פּיוט, וואָס איז ווען עס איז געשריבן געוואָרן וועגן אומדזערע קדושים. ווי וויכטיק וואָלט געווען עס זאָל איבערזעצט ווערן אין אַלע שפּראַכן פון דער וועלט און יידן זאָלן עס לייענען מיט אַ ספּעציעל געשאַפענעם תפילה־ניגון אין אַלע געדענק־טעג נאָך אונדזער גרויסן חורבן.

צייטיקע פּנימער

די זעלבע טעמפּעראַטור, וואָס אין די פריערדיקע ביכער, די זעלבע מוזיק פון שורה מיט שורה, די זעלבע דערפינדערישקייט און ראַפינירטע מייסטער־שאַפט און פונקט אַזוי ווילט זיך ביים לייענען די פּאָעמעס און לידער אָנלעגנען אין יעדן וואָרט, וואָס איז נישט איינמאָל אַ ליד פאַר זיך אַליין.

די געשטאַלטן פון זיידן, פון טאַטן און פון דער מאַמען זעען דאָ באַזונגען מיטן „ניגון פון אַלע ניגונים״: דעם ניגון פון טרערן״. סוצקעווער זעט זיך דאָ ווי אַ יורש פון זיידנס פּעדער און טאַטנס פידל, וואָס האָט „אַרויסגעשפּילט פון זיך מיין טאַטן. / אַרויסגעשפּילט פון רויטן פורעם / די שטומע עדות פון יסורים״.

די יסורים זענען, ווי אַלעמאָל, רעסטאַווירט אין געזאַנג, אָבער ווייט פון יענעם פּאַרפּירערישן לאַרעליי־געזאַנג, כאָטש די ווערטער זינגען אַליין פון זיך. דאָ פילט מען אָבער, אַז די קונסט פון וואָרט איז אַ טיפע איבערלעבונג מיט פּאָעטישער חכמה און דערפאַרונג און אין די הייס־אָטעמדיקע בילדלעכע ווערטער הערט זיך אַ מוזיק, וואָס רעגט דאָס בלוט און קומט אַנטקעגן דעם נאַטירלעכן דראַנג נאָך שיינקייט. אין דער זעלבער צייט הערט עס נישט אויף צו וויינען אין די אַלע ווערטער־שיינקייטן. „דאָס אויג פון דער נשמה וויינט מיט בילדער״. אַמאָל איז עס שפּעט־נאַכטיקער יאָמער פון אַ זקן אין שולעכל, אַמאָל איז עס דאָס געוויין פון טאַטן ביים טויטן זון, אַמאָל געוויין פון מלאַכישן האַרץ:

> אין טאַטנס פידל וויינט אַ שטומער מלאך,
> און דעמאָלט בלויז ווען אויבן לאָזט דער טאַטע שוימיק שווימען
> אַהין־צו און צוריק אַ האַריק שפּענדל
> און זיינע דינע פינגער גיבן סודותדיקע צייכנס —
> צעשפּילן זיך מתיקותדיק די קליינע, שטומע ליפּן.

רייך מיט חידושים, מיט סימבאָלן און איבער אַלעם מיט כישופדיקער בילדערישער שיינקייט זענען די לידער אין דער זאַמלונג „צייטיקע פּנימער״. וועגן יעדער באַזונדערער פּאָעמע, וועגן יעדן ליד וואָלט מען געקענט שרייבן אַן אַ שיעור פּירושים, אָבער אין אַ קורצער אָפּהאַנדלונג איז נישט מעגלעך אַרויסצוברענגען אַלע מחשבות, וועלכע ווערן אָנגערעגט דורך זיינע לידער

און עס ווילט זיך דווקא גאָר שטאַרק אַריינלאָזן אין אַ טיפערן אַנאַליז פון סוצקעווערס אויפטוען פאַר דער יידישער פּאָעטיק, וועגן זיינע וואָרט־ניואַנ־סירונגען, וועגן דער רייכקייט און פאַרביקייט פון דער שפּראַך, וועגן די נייע פּאָעטישע באַגריפן און נייע אינהאַלטן. יעדער וואָס נעמט זיך שרייבן וועגן סוצקעווערס פּאָעזיע דערפילט פאַר זיך גרויס שעפעריש פייער, פאַר וועלכן מען בלייבט שטיין מיט יראת הכבוד, ווי פאַר אַ התגלות. מען פילט זיך פאַרשיכורט פון די אַנטפּלעקטע שיינקייטן און אין דער פאַרשיכורטקייט וויל מען ווידער און ווידער אים לייענען און קלעטערן מיט אים צוזאַמען צו אומגעריכטע הויכקייטן.

די פידלרויז

דער סוד פון סוצקעווערס כוח ליגט אָפן אַנטפּלעקט פאַר אונדז מיט זיין גאַנצער עשירות, מיט דער גרויסמייסטערשאַפט, מיט דער פּאָעטישער און דענקערישער אַנדערשקייט — „אַנדערש איז ער ווי דער שטויב פון זיין גאַלאָפּ — דער ציטער, / אַנדערש ווי די בליענדיקע רו אין זיינע גיטער״.

אַנדערש זענען אויך איצט די טענער פון זיין פידל, נישט ווי אַמאָל דעם טאַטנס פידעלע מיט די „דין־דין־דינע שנייען־קלאַנגען״. שאַרפער דערפילן מיר ווי טיף זיינע ווערטער דרינגען אַריין אין אונדזער בלוט מיט די טענער ווי „פון הויכע וויאָלאַנטשעלן״.

„די פידלרויז דאַרף שוין אַצינד נישט קיין פידלער,
ניטאָ מער קיין ליבער, ניטאָ מער קיין זידלער״

פּרעציזער איז דאָ די פּאָעטישע דערפאַרונג און זי לערנט ממש צו וואָס פאַראַ הויכער מדרגה די חושים קענען דערגיין און וואָס פאַראַ ימען שיינקייטן עס קענען אַרומנעמען די וויזיעס דורכגעקנעטן מיט סימבאָלן און

קלאַנגען־סודות וואָס איך האַלט זיי אויף אַ ריגל,
סודות פון בני־אדם, שטיינער, איינוווינער מיט פליגל.

אומצערייסבאַר איז דאָ דעם דיכטערס פאַרבינדונג מיטן פידעלע סיי דעם טאַטנס און סיי דודס, וואָס הערן זיין שפּילן איז ווערט צו לויפן אין מדבר.

ס׳קען זיך אויסווייזן, אַז די לידער אין „די פידלרויז״ האָבן אין זיך מער פילאָזאָפישן פאַרטראַכט ווי די פריערדיקע, זענען מער באַפרייט פון דער געשפּאַנטקייט אין דיכטערס געמיט און מער קאָנטראָלירט פון זיין באַוווסטזיין. דער אמת איז, אַז ווי תמיד דערפילט מען דאָ אויך סוצקעווערס כוח אויפ־צוהאַלטן זיך אויפן ראַנד פון באַוווסטזיניקער וואַכזאַמקייט אפילו ביים דערגראָבן זיך צום קוואַל פון אונטערבאַוווסטזיין. אין „די פידלרויז״ איז די

איבערגעלעבטע צונויפגעגאָסנקייט פון הימלישע הויכן מיטן דנאָ פון תהום נאָך שלימותדיקער און דער דיכטערישער אויסדרוק נאָך כישופדיקער. אָדלע־רישער פלי גייט צוזאַמען מיט טויכערישן בליק אין די טיפענישן, אָן־תכליתדיקע שיינקייט מיט גאַרונג נאָך קדושה, הייליקייט פון וואָרט און קלאַנג, אַז אַלץ מיט וואָס ער קומט אין באַרירונג זאָלן זיך פאַרוואַנדלען אין

„אומערדישע ווערטער. זיי האָבן די זעלבע גורלות
פון זייערע זינגער אויף אַלע פּלאַנעטן פון גלות".

דער סינטעז פון אָט די אַלע אייגנשאַפטן שאַפט עס די שיר־השירים־דיקייט אין זיין פּאָעזיע, וואָס נישט געקוקט אויף דער עשירות פון איבערלעב־בענישן פאַרמאָגט זי וואָג און צימצום, פּרעציזע געמאָסטנקייט און סקולפּטורעלע געהאַמערטקייט פון איבערלעבעניש און שטימונג.

סוצקעווערס באַזונדערער כוח איז אין אַלכעמישן פאַרוואַנדלען יסורים אין געזאַנג:

ווייטיק ציט צו ווייטיק ווי פאַרליבטן צו געליבטער,
לאָמיר הערן ווי זיי גייען טרעפן זיך ביים שטורעם.
ווען ליבט זי מער פון גאָר דער וועלט און ווען ליבט ער?
וווּנדערלעך, מיין קינד, איז די פאַרוואַנדלונג פון יסורים.

עס איז דעם דיכטערס נצחון איבער זיך אַליין, כדי דורך יסורים צוקומען אַלץ נעענטער און נעענטער צום „שטיקל פייער וואָס מע רופט עס גליק". אויסשעפן די יסורים ביזן דנאָ, לאָזן פאַרקנסן ווייטיק צו ווייטיק, ווייל די פאַרוואַנדלונג פון יסורים דערפירט צו דער אַנטפּלעקונג פון וווּנדער, צו דעראַגען די גרויסע שיינקייט — די נשמה פון דער וועלט. אַלע לבושן פאַלן אַרונטער און עס באַווייזט זיך דאָס סאַמע פאַרהוילענע. פאַרכאַפּט פון דער שיינקייט פאַרגייען ווי רויך אַלע עצבותן, אלדאָס פאַרדראָסיקע און בייזע. די שיינקייט פאַרבלענדט אפילו דעם טויט עס „טרעט אָפּ דער ים צוריק, דו זאָלסט געפינען / זיין אוצר אויף די אָפּגעשוימטע ברעגעס, / ווי מאַרגן־שטערן איבער בלוי־באַגינען".

דאָס געמיט ווערט דורכגענומען מיט ממש בעל־שמישער ליכטיקייט:

אַ שיף גייט אונטער בלייבט אַ טראָפּן בוימל,
פאַרשפּעטיקסטו — נישט בלייבן וועט קיין סימן.
פאַרשפּעטיקט? ניין, דער טויט מעג בענטשן גומל:
דו האָסט אים שוין, דעם אוצר, זינג אַ הימען.

ווי די ערד איז אַרומגענומען מיט לופט, אַזוי איז ביי סוצקעווערן אַלדאָס איבערגעלעבטע מיט אַלע דינסטע קאָמפּליצירטקייטן אַרומגענומען מיט גרויסער קינסטלערישער פרייד, וואָס ווערט דורכן דיכטער דעפינירט אויף פאַרשידענע אופנים, אין „טיילן זיך מיט אָטעם און מיט עפּל און מיט וווּנדן", אין

אַטעמען אַ שמייכל אַ געבוירענעם פון קלאַנגען,
טראָגן אים באַהאַלטן אויפן האַרץ ווי אַ קמיע.
אַטעמען אַ פרייהייט, וואָס האָט ליב צו זיין געפאַנגען,
ווי אַ זומער־ווינט אין אָוונט צווישן אַן אַלייע.

אַטעמען, אוי, אַטעמען מוזיק, ניט ווי־ן ווערטער,
אפשר שפּילט אַזוי אין ים אַ כוואַליע פאַר דער צווייטער?
אפשר קלעטערט מען אַזוי צום אויסגעבענקטן אמת
איבער שטאַפּלען פון אַ שטערן־אָנגעלענטן לייטער?

אין דער אויסדערוויילטער יחידיש־פּאָעטישער שטים הערט זיך דאָס ווידערקול פון דורותדיקער יידישער בענקשאַפט און עס ווילט זיך, אַז דאָס געפיל זאָל זיך איבערגעבן אַלע יידן אין דער וועלט און זאָל אָפּקלינגען אין אַלע ווייטערדיקע דורות מיט דער זעלבער וויזיאָנערער קראַפט, פאַרוואָרצלט אין יידישער בענקשאַפט.

מיר לעבן אין אַ צייט פון אויסערגעוויינלעכע דערגרייכונגען, אין דער טעכניק, אין דער מעדיצין, אין דער אַטאָם־פאָרשונג, פאַר וועלכע מיר האָבן נישט קיין אַנדערע באַצייכענונג ווי: ווונדערלעכער נס. די אַ באַצייכענונג קען מען אויך אַנווענדן פאַר סוצקעווערס פּאָעזיע, וואָס אַנטדעקט פאַר אונדז אַלץ נייע און נייע וועלטן פון שיינקייט.

גרויס איז די פרייד פון אַטעמען, אָבער פילפאַכיק גרעסער מוז זיין די פרייד פון אַטעמען מוזיק. די דאָזיקע פרייד גיסט זיך אונדז אַריין אין בלוט ביים לייענען די פערזן און מיר דערפילן אַ ציטער אין יעדן צונויפשטעל פון געפיל־קרובישע ווערטער, אין אַלע שפּראַכלעכע חידושים, וואָס ווערן באַשאַפן סיי מיט אינטואיציע און סיי מיט חכמה און ווערן אָרגאַניש־אייגן.

סוצקעווערס לידער, זיין פּאָעטישע זעאונג און טיפע איבערלעבונג האָבן אין זייער געמעל אינטעלעקטועלע פּרעציזקייט און זענען דורכגענומען מיט אַ פילאָזאָפישן געדאַנק, צו וועלכן נאָר גרויסע פּאָעטן קענען דערגיין. סוצקעווערס דענקען באַקומט זיין וויטאַליטעט פון פּאָעטישע אַנונגען. די שאַרפקייט פון זיין דענקען צוזאַמען מיט דער באַגייסטערונג פאַר די קוואַלן פון מענטשלעכן געפיל מאַכן פון אים דעם גרויסן עקספּאָנענט פון אַלמענטש־לעכן און אַזוי עכט־יידישן געדאַנק, וואָס איז אָבער נישט עלול אַריינגעקוועטשט צו ווערן אין וועלכן עס איז דענק־סיסטעם. ער געפינט זיך פון יענער זייט סיסטעמען בכלל און קומט נישט ווי אַ מעכאַנישער צוזאַמענלייג פון עלעמענטן, נאָר ווי אַ טאָטאַלע וויזיע פון איינהייט וואָס דרינגט אַריין אין די ספערן פון „איבערערדישע אַפּטייקן וועדליק אַ רעצעפּט געשריבן אויף אַ בלעטל חלום״.

עס איז די שיינקייט פון דער וואָר, וואָס נאָר דער חלום דערמעגלעכט זי צו זען אין איר גאַנצער צעפּינקלטקייט און צעשטראַלטקייט. דאָס איז די נייע געשטאַלט וואָס דער חלום באַקומט ביי סוצקעווערן. דער חלום איז נישט אָפּגעריסן פון דער ווירקלעכקייט, נאָר פאַרקערט, איז מיט איר אינטים פאַר־בונדן און פאַראייניקט.

...איך בייט נישט אויס די הי־וועלט מיט איר פּאַניק
אויף יענער, וווּ פאַראַן דאָס ניט־פּאַראַניקע, דאָס וואָרע.
און ליבער פונעם ניט איז מיר דער שוידער וואָס פּאַראַניק,
און כ׳וועל דאָס ניט־פּאַראַניקע ניט געבן קיין עין־הרע.

ביידע וועלטן דרינגען זיך דורך. דער פּאָעט איז נישט קיין בעל־חלומות. דאָס אויגן־שיינלעכע, סובסטאַנץ און דערשיינונג קענען זיין בלויז מיסטעריע און פאַרבלענדעניש און דאָס וואָס עקזיסטענציאַליסטן רופן „גאַרנישט" קען זיין רייכסטער לעבנס־שטראָם. רייכע דערפאַרונג באַשטייט נישט בלויז אין פּרטימדיקע אָפּגעריסענע געשעענישן, נאָר מער אין דעם וואָס זעט אויס צו זיין ווייטער פון זיי און שטייט אין דער אמת איבער זיי, אין דעם גורל וואָס איז איבער צייט און אָרט; אין דעם, וואָס די מעטאַפיזיק רופט אָן די דריטע דימענסיע פון אונדזער זיין און איז אַ סך מער, ווייל עס זענען דערמיט דורכגענומען אַלע דערשיינונגען ווי זיי ווייזן זיך דירעקט צו אונדזערע חושים. טאַקע יאָ אַזוי „ווי ס׳טיילט זיך אָפּ אַ קינד פון מאַמעס נאָפּל, / טיילט זיך אָפּ צו בלייבן מער פאַרבונדן". עס איז לגמרי נישט קיין באַגריף פון עלעמענטן וואָס באַגעגענען זיך, נאָר פון אייביקן האַרמאָנישן צוזאַמענזיין „ווי באַשערטע קלאַנגען אין אַ סטראָף".

ראַנדעווו מיט אַ כוואַליע

סוצקעווערס פּאָעטישע גאונות איז פאַראַן אויך אינעם אויפשטייג וואָס קומט צום אויסדרוק אין יעדער ווייטערדיקער סעריע לידער. דער אויפשטייג פאַרבליפט נאָכמער, ווייל שוין ביי יעדן פריערדיקן בוך זענען מיר געשטאַנען ווי פאַר אַן אַנטפּלעקונג ווי עס זעט אויס צו האָבן אין זיך דאָס דערגייין צו אַ קולמינאַציע־פונקט פון דערהויבונג, נאָך וועלכן עס דאַרף שוין ווירקן גראַוויטאַציע־געזעץ. דאַן קומען נייע לידער און ווידער פילן מיר יענע איבעראַשונג פון אַ נייעם וועלט־בליק, וואָס איז דער סוד פון גרויסער פּאָעזיע און זיי באַווייזן אַז ס׳איז נישטאָ קיין גרענעץ פאַר קינסטלערישן שטייגן צו ערגעץ נייע קאָסמישע הויכן.

דאָס געשעט אויך מיט דער נייער לידער־סעריע „ראַנדעווו מיט אַ כוואַליע", וואָס איז געדרוקט אין נר. 97 „גאָלדענע קייט". די לידער פאַרכאַפּן אונדז נישט נאָר מיט די אויסערגעוויינלעכע דערגרייכונגען פון יידישער וואָרט־מוזיק, נאָר אויך מיטן דערגרייכן צו יענער טיפער אינערלעכער מוזיק, וואָס גיט די אָנונג פון זיין „האַר איבער אַלע אָטאָמען".

און ווידער: דאָס איז נישט קיין מוזיק פון סתם וואָרט־קלאַנגען, פּונקט ווי די פערזן זענען נישט סתם איידל־שניצעריי. סוצקעווערס מוזיק דערפירט אַלדאָס קאָנקרעטע און ערדישע צו אַזאַ רוחניותדיקייט, וואָס זאָל אָפּקלינגען אין אַלע זיבן הימלען און אויסאיידלען אויך אונדזער מענטשלעכן אויער צו

קענען דערהערן „אונטערוואַלדיש געלעכטער״ פוןביימער, וואָס „רוישן צו דער שטילקייט און בעת אַ שטורעם טרינקען זיי דעם וויין פון זייער בליצן״.

אין בראשיתדיקן צוזאַמענשטעל פון ווערטער ווערן אויסגעטראָגן די ערדישע און איבערערדישע זעאונגען:

ס'איז יעדער בוים אין אַ תפיסה, נאָר די וואָרצלען
צעשטראָמען זיך מיט מאָכיק אונטערוואַלדישן געלעכטער.
זיי נישטערן און זוכן און דערטאַפּןביינער, שאַרבנס,
אַריינצובויערן אין זיי: דאָס משוגעת פון לעבן.

יעדער מאָטיוו, וואָס סוצקעווער רירט אָן מיט די פינגער, נעמט וויברירן מיט אַזאַ דין־ניואַנסירטער מוזיק, וואָס ציט איר יניקה פון גרויס־וויזיאָנערער איבערלעבונג:

... און ס'וועט זיין ביים אויסלאָז פון די טעג,
דעמאָלט וועט געשען: דער בן־אדם
וועט ניט מער דערנענטערן צו זיין הונגעריק מויל
ניט קיין ברויט, ניט קיין רינדפלייש,
ניט קיין פייג, ניט קיין האָניק;
פאַרזוכן וועט ער בלויז אַ וואָרט אָדער צוויי
און ווערן געזעטיקט.

צו דער מאָס פון סוצקעווערס גרויסקייט געהער אויך זיין צוגאַנג צו יעדער טעמע. אמת, ער געפינט אויס אַ סך נייע טעמעס, אָבער די עיקרדיקע גרויסקייט ליגט אין באַשאַפן אויך אין די אַלטע טעמעס נייע סודותפולע פּאָעטישע אָרגאַניזמען, נייעם סודותדיקן בונד פון ווערטער, וואָס שאַפן מיט זיך נייעם אינהאַלט. ווען ער גרייכט צום „גאָט פון שטילקייט״ באַווייזט ער בפירושע וווּנדער איבער ווונדער אין זיין צוגאַנג צו דער דאָזיקער „אַלטער״ טעמע:

דער גאָט פון שטילקייט
וואַנדערט אין די אָדערן.
ערגעץ קוילעט מען אַן אָדלער —
מורמלען מיינע אָדערן.
בלויז צו טרינקען מדבר

פונעם קריגל פון דער נאַכט,
בלויז צו טרינקען זעאונג
און דערזען אין זיך די זעאונג,
באַשערט איז מיר צו לעבן.

דורך דורות און יאָרהונדערטער איז שוין אַזויפיל געזונגען געוואָרן איבער ירושלים, זינט די גרויסע נביאים ביז יהודה הלוי און דאַן די מאָדערנסטע דיכטער אין פאַרשידענע שפּראַכן, אָבער קיינער האָט נישט באַוויזן צו קאָנצענטרירן אין געציילטע שורות אַזאַ דורכנעמענדיק און אָנצינדנדיק גאולה־געזאַנג ווי אין דאָזיקן קורצן ליד „ירושלים״:

אַראָפּגעזונקען איז די זון אין אָפּגרונט פון אַ ברונעם
און שוין האָט נאַכט אַרויפגעקייקלט אויף זיין מויל אַ שטיין.
ירושלים, ביסט געגליכן צו דער זון אין ברונעם
און כ׳וועל דעם שטיין אַרויפקייקלען אַצינד אויף זיך אַליין
און אויסברומען פון ברונעמדיקער זוניקייט מיין פרייד:
ניטאָ די פינצטערניש וואָס קען פאַרשלינגען
די זון אין ברונעם. זיבנזוניק שפּרודלען זיינע רינגען,
און אַלט איז יונג און יונג איז אַלט, ניטאָ מער קיין צעשייד
און טויט האָט מורא, אַז דאָס לעבן זאָל אים ניט פאַרשלינגען...

גרינער אקוואריום

כדי צו פאַרשטיין אַברהם סוצקעווערס פּראָזע דאַרף מען זיך אין איר פּאַרטיפן פונקט ווי אין זיין פּאָעזיע. בעצם זענען דאָך די פּופצן דערציילונגען אינעם ניי־דערשינענעם באַנד „גרינער אַקוואַריום" לידער אין פּראָזע, פירן אויס די זעלבע פונקציעס אין מאָטיוו און אויסדרוק, ווי אויך אין מעטאַפאָר, בילד און מוזיק. עס איז אין זיי פאַראַן דער זעלבער פעגאָמען פון דיכטערישער עמקות, סוצקעווערישער אייגנאַרט פון אויסדרוק, אימאַזשן און טענער, וואָס איבערראַשן; דער זעלבער אויפרודערנדיקער פאָרם־גלאַנץ, רייכע לעקסיק און וויזיאָנעריש־קייט, וואָס פאַרוואַנדלט אַפילו די אַוואַנטורעס פון געדאַנקען און גראָטעסקע בילדער אין הויכער קונסט.

אַ ק וו אַ ר י ו ם רופט אַרויס דאָפּלטע אַסאָציאַציעס. די אַסאָציאַציעס פונעם פילפאַרביקן לעבן פון ווימלדיקע פיש אין וואַסער; פון דער אַנדערער זייט איז אַקאַוואַריום דער היפוך פון שטראָמיקן וואַסער, לעבן צווישן גלעזערנע ווענט, אויסגעשטעלט פאַרן אויג פון צושויער ווי אַ שפּיל פון אַ ים אין מיניאַטור. אין אַברהם סוצקעווערס „גרינער אַקוואַריום" איז דער צונויפשטעל פון דיביידע אַסאָציאַציעס מיסטעריע פון פאַרהוילעניש אין דער טיף פון מענטשלעכן קיום און עס איז גאָר ווייט פון שווייגנדיקן פיש־לעבן אין אַקוואַריום. עס רוישט דאָ ווי אין אַ דזשונגל, עס דונערט און עס בליצט אַ בייז געוויטער, עס פינצטערן מוראדיקע נעכט אין וועלכע „די לבנה שווימט האַסטיק צו די רואינען פון אַ שוואַרצער גאַס און בלייבט הענגען צווישן צוויי קוימענס. לאַנגע זינדיקע שאָטנס קוואַלן אַרויס פון אירע אָדערן ווי שוואַרץ בלוט פון אַ דערהרגעט פערד און צעשמעלצן אונטער זיך, ביזן ברוק, די שנייען".

אונטערן פאַרגרעסער־גלאָז פון פּאָעטישער פּראָזע שפּיגלט זיך אָפּ די טראַגישע גראָטעסקע און וואַנזיניקע געשטאַלט פונעם לעבן גופא אין זיין אַבסורד. אין דער אומבאַשיידלעכער דראַמע פון לעבן אין אַ וועלט פון טויטע. ווען ניט די פּאָעזיע, וואָלט עס געקענט ווערן בלויז סכעמע, אָבער סוצקעווער געהערט צו דער הויכער קאַטעגאָריע דיכטער, וואָס נישט נאָר זיי ווייסן אַ סך וועגן פּאָעזיע,

נאָר קענען אויך גוט די הלכות־קונסט אין אַלע אַנדערע זשאַנערן און ווייסן אויך וועגן אונדזער קיום מער פון אונדז, ווייל זיי שטייען נענטער צו די בראשיתן און סופן פון עקזיסטענצן, און ווייל ער ווייסט אַזויפיל איז די ראַפינירטקייט פון זיין סטיל און בילד אין די דערציילונגען געגומען אי פונעם מקור פון פּאָעטישער התגלות און אי פון שטיין מיטביידע פיס אין אונדזער עבר און הווה און כוח צו אָביעקטיוויזירן דאָס סאַמע אינטימסטע און שווידערלעכסטע. דאָס פּאַראייניקן די עלעמענטן פון פּאָעזיע און פּראָזע שטאַרקט די זעאונג און דערקענונג. אין פּראָצעס פון מחשבה עפענען זיך די טונקלענישן פון געפיל און מען קאָן דעראַנען די כוחות וואָס באַוועגן מיטן קיום פון די באַשעפענישן אין גרינעם אַקוואַריום, זען די אומפאַרענדערלעכע טונקעלע ווייטקייטן צווישן ווילנע און ירושלים און „אַזויפיל סודות, גאָר טונקעלע און מיט אַן אָפּשיין פון גנאַדיקער אַנטפּלעק־קונג, זענען איינגראַווירט אין דער קמיע; אַזויפיל שייכותן און בילדער; אַזאַ הייליקע מוזיק וואָס נאָר איין מאָל אין לעבן הערט מען זי".

ווי אין עכטער פּאָעזיע ווערט אויך אין די דערציילונגען אַפילו די פינצטערניש פאַרוואַנדלט אין „אַ נסים־נאַכט", דאָס סאַמע מאַוימדיקע, אַפילו דער טויט, ווערט געשטעלט אונטער דער פראַגע פון ממשות. דאָס איז נוגע מענטשן און זאַכן, רעיונות און שטרעבונגען — פון אַלעם פּאָדערט דער דיכטער באַווייזן אַז זיי זענען ממשות. די באַווייזן זענען דער נצחון פון קטיגור, מיט וועלכן סוצקעווער פירט דאָ אַ דיאַלאָג אין יענער שטומער שפּראַך, וואָס הערט זיך העכער פון אַלע שפּראַכן, אָבער סוצקעווער גיט אים נישט קיין געלעגנהייט צו טריומפירן. די נקמה אינעם תליון, וואָס ווערט אַזויפיל געמאָנט, ווערט דאָ נעגירט מיט שאַרפער איראָניע, וואָס גייט צוזאַמען מיט דיכטערישער חכמה, ווייל נישטאָ קיין נקמה וואָס זאָל זיין אַ באַצאָלונג פאַר די גרויזאַמע פאַרברעכנס. סוצקעווער שרייבט נישט קיין עלעגיעס. אין די בילדער הערשט די אַטמאָספער פון יום הדין, די מאַכט פון טייוול, מיט וועלכן ער ראַנגלט זיך און לאָזט זיך נישט איבער קיין רגע אָפּרו פונעם אויטאָ־דאַ־פע, וואָס זיין זעלבסט־אינקוויזיציע איז אויף אים גוזר. ער אַנטלויפט נישט פון געראַנגל, כאָטש ער ווייסט, אַז „אַזאַ וועט שוין בלייבן די נאַכט". ליימע דער קברן, וואָס האָט פאַרזייט מיט מענטשנקינדער אַ האַלבן בית־עלמין, גרייט זיך מקבר זיין די לבנה... דער געראַנגל צעפלאַקערט זיך נאָך מער, ווערט הערואיש. „די ווילדע בין איז אַרויסגעפלויגן פון קברנס גלעזערן אויג און איר לעצטן פייערדיקן האָניק אַריינגעשטאָכן אין דיכטערס האַרץ". ער פאַלט און טריומפירט. דער טריומף קלינגט ווי פּאָעטישער מאַזאָכיזם, אָבער ער גיט דער דערציילונג דעם פייערלעכן קלאַנג, פון וועלכן ער קען נישט אַנטלויפן אין סיפּור המעשה. די פעדעם פלעכטן זיך נישט רעאַליסטיש, די פיגורן, אין געכאַפּטע שטריכן, באַוועגן זיך ווי מאַריאָנעטן, פון וועלכע עס גיסט זיך בלוט. נישטאָ קיין פּסיכאָלאָגישע אָבסערוואַציע. דער פאַרשאַרפטער בליק פון דיכטער זוכט נישט דעם אמת אויף יענער זייט פון טראַגישן געשעען. כאָטש מיר ווייסן וועגן דאָס אַלץ געשעט און מיר ווייסן, אַז דער דיכטער איז טויזנטפּעדעמדיק צונויפגעוועבט מיט דער צייט פון געשען, שיינט עס ווי ער וואָלט די געשעענישן און מענטשן געזען פּאַנאָראַמיש, אָן שייכות צו אַ באַשטימטער צייט, ווי שטיפקינדער פון זייער

צייט, ווי נפילים, וואָס האָבן היגטערווייַלעכטס באַקומען אַ שטויס און אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. זיין מאַרך פיבערט: „די בלינדע, דורכאויס אין פייערדיקע אויגן, צינדט אָן מיט איר טאַנץ די געסלעך, צינדט אָן די שטאָט, צינדט אָן די וואָלקנס: ביסטו בלינד, מיין גאָט, נעם צו מיין פייער!...״.

פייער און שניי קריסטאַליזירן זיך ווי צענטראַלע מאָטיוון אין סוצקעווערס פּאָעטישער פּראָזע. סיי ווען ער איז סקעפּטיש און לעסטעריש, סיי ווען ער איז תפילהדיק און זינגעוודיק, איז אין אַלעם פאַראַן דער עלעמענט פון פייער. אַמאָל קיל־קוהלתדיק פייער פון הבל הבלים און אַמאָל שפּיל פון בלענדנדיקע פייערן. אויך דער שניי האָט דעם קאַלטן געברען, וואָס מאַכט שטאַרקער צירקולירן די בלוטן. פאַלנדיקער שניי זעט זיך אויס „גלייך עמעץ וואָלט פאַריאָגט פון הימל־שליאַך אַ ריזיקע טשאַטע פּערל־ווייסע ייִנגיטשקע טויבן, פאַרטריבן זיי אויף דער זינדיקער ערד אין מיטן זייער וואַרעמען שלאָף — דער שניי קען דאָס פייער נישט איינלעשן״. דער נדר אין דער נסים־נאַכט איז געגעבן „אין אַ פאַרשנייטן יאָדלעוואַלד, ווו כ׳האָב זיך אַליין פאַרשאָטן מיט פריש אָנגעפּליקטן שניי״. באַמקע שפּרינגט מיטן קינד אין בוזעם „פונעם בוידעם אין אַ בערגל שניי. זייערע קוועקזילבערנע שאָטנס ווילן אָניאָגן אַ צווייטע וועלט״. צערנע אין „יאַגינאַ און די חיה״ האָט איר מיידעלע אינעם רוקזאַק, געבוירן מיט אַ חודש צוריק, אַ פאַריאושטן וואָרף געטון אין די ווייכע אָרעמס פון אַ קופּע שניי״. דאַנדעלע אין „די ערשטע חתונה אין שטאָט״ בלאָנדזשעט אין פאַרשנייטן וואַלד מיטן קינד, וואָס ער האָט געפונען אין אַן אויפגעריסענעם קעלער. „אויף אַ קופּע שניי פאַלט דאַנדעלע אין אָפּגרונט״.

אין פלוג ווייזט זיך אויס, אַז עס איז דאָ נישטאָ קיין מוקדם ומאוחר. דאָס איז אָבער אַ פאַרבלענדעניש פון אימהדיקן קאָשמאַר. דער ערשטער טייל באַשטייט פון חורבן־בילדער. דער צווייטער טייל „משיחס טאָגבוך״ דערציילט וועגן דער נאָך־חורבן־תקופה, די פאַרלענדונג איז שוין אָפּגעטון און דער דיכטער זוכט נאָך אַלץ דעם אויסדרוק פאַר דער חסר־דעהדיקייט פון די קאָשמאַר־און שגעון־איבערלעבענישן, פאַרבינדט טויט מיט אומשטערבלעכקייט, באַזיגט מיט מיסטעריעזן גלויבן דעם פינצטערן יאוש, פון וועלכן עס זעט זיך נישט קיין אַנטרינונג. ער איז פול מיט נאַכט, אָבער דאָס סאַמע פינצטערסטע פאַרלירט דעם גרויל ווען עס ווערט צעגליט און דורכגעלויכטן אין פּאָעזיע.

אַן עיקר אין די שטאַרקע בילדער איז די אַנדערשקייט פון באַהאַנדלען די אַלטע טעמעס פון חורבן און פאַרלענד, ווי אַזוי דער דיכטער רעאַגירט בילדעריש, געדאַנקלעך און עמאָציאָנעל אויף די שוידערלעכקייטן. דאָס פייער פון אינעווייניק ווערט אַריבערגעפירט אין וואַלד, אין שטאָט און אַלץ ווערט מעשהלע, מאַגיק פון חלום און איבערוועלטיקן באַוווסטזיין. די פּאָעטישע סובסטאַנץ, וואָס בויט דאָס מעשהלע, שעפּט אויס דאָס געפיל ביזן סאַמע סוף און „לאָמיר זאָגן די וואָר: דער באַשייד איז מיר געווען טונקעלער ווי דער חלום, נאָר דיין פערזענלעכקייט און דיין אַריינלוגן מיטן דריטן אויג הינטערן קנייטש פון מיין שטערן האָט מיך אויפגענאָדלט נישט ווינציקער ווי די נאָדל, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון מיין האַרץ. ס׳איז געווען דער היילנדיקער סם, וואָס האָט אויסגעברענט מיין

מרה־שחורה". אַזאַ מין סצענע זעען מיר אויך אין „דאָס רינגעלע", ווו סאַפּנדיקע שאָטנס ציען ביינאַכט איבער די האַלב־פאַרפרוירענע זומפּן. „די לייבער נעפּלען אַרויס די פייכטע וואַרעמקייט און די קליידער, מיט אייזיקע נאָדלדיקע בערשטלעך, קלעפּן זיך צום לייב", אָבער ווען די „פּיס פאַרשווימען אין אַ זיסער פאַרפרוירנ־קייט" און ער קען זיך נישט רירן „דערשפּירן די שפּיץ־פינגער פון מיינע פּיס אַ צערטלעכע גן־עדנדיקע וואַרעמקייט און פּונקט אַנטקעגן אין דער לופטן, שמייכלען צו מיר זילבער־גרינע אויגן". פונעם מיידל מיט די שמייכלענדיקע אויגן איז, אמת, פאַרבליבן ווינציקער ווי פון אַ חלום, אָבער „דאָס רינגעלע מיטן טראָפּן בלוט פון רובין" איז אַזוי טיף אַריין אין זיין בלוט, אַז חלום און ווירקלעכ־קייט זענען געוואָרן איינס און אַן דעם חלום וואָלט נישט געווען קיין ווירקלעכקייט. חלום איז נישט נאָר זעאונג. עס איז דאָס פאַרבינדן נייע שייכותן: „אין אַזאַ מינוט, טרעפט עס, קומט צו מיר אין דער ווירקלעכקייט דאָס פאַרשווונדענע ליד נאַקעט און צעבלוטיקט, נאָר מיט אַ גאָלדן רינגעלע פון ליבשאַפט — און עס שמייכלט דורך טרערן".

די פּאָעטישע נשמה שטייגט דאָ איבער דעם פּראָזאַאישן גוף און עס איז דער דיכטערישער כּוח אין די אותיות פּורחות, וואָס אפילו אין לבוש פון פּראָזע ווערן אויסערלעכע חידושים פאַראייניקט מיטן אויפרייס־שטאָף און שאַפן דאָס קונסט־ווערק, וואָס איז אין אַ געוויסן זין למעלה מן הקונסט.

„לידער פון טאָגבוך"

אַ קליין ביכעלע לידער, וואָס געוויינלעך קען עס שאַפן דעם איינדרוק פון אַ קונטרס, אָבער שוין פון דעם ערשטן ליד נעמט מען אָטעמען מיט דער לופט פון גרויסער פּאָעזיע און מען דערפילט, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַ פּאָעטיש געשעעניש, אַ ווייטערדיקער שטאַפּל אין סוצקעווערס דיכטונג. מען דערזעט דאַן, אַז אויך די אויסערלעכע, די גראַפישע זייט, איז שוין קאָמפּאָנירט האַרמאָניש מיטן אינהאַלט פון אַ גרויס ווערק.

שוין דער טיטל „לידער פון טאָגבוך" און די דאַטעס ווען די לידער זענען גע־שריבן גיבן אַ באַגריף, אַז עס זענען דעם דיכטערס איבערלעבענישן אין די נאָר־וואָס פאַרגאַנגענע יאָרן און מיר האָבן אין זיי די אויסגעשטאַנענע דערפאַרונג אין איר גאַנצער טיפקייט און ליכטיקן צויבער פון אַ גרויסן אויפלייכטער אין אונדזער טונקלקייט, פון אַ דיכטער, וועמענס לידער זענען אַריבער די גרענעץ, וואָס טיילט אָפּ פּאָעזיע פון לעבן און טראָגן אין זיך די אַנונגען פון פאַרוואַנדלען אַלדאָס אומבאַגרייפלעכע אין לעבן. אַפילו דעם טויט, גראָזן אין אַ קאָסמישער אַלייע. ביז „פאַרוואַנדלען ווער איך זיך אַליין אין מענטש וואָס מיר איז נענטער".

שרייבן אַ קורצע רעצענזיע איבער גרויסער פּאָעזיע איז זייער אַ שווערער ענין. עס איז ווי אָנרירן די צעפּאַכטעטע פליגל פון אַן אָדלער אין פלי. אַזוי אויך

ביים רעצענזירן סוצקעווערס „לידער פון טאָגבוך״. עס גייט דאָך נישט בלויז אין באַהאַנדלען די לידער אין זייער ווערטלעכן און מוזיקאַלישן באַדייט. עס האַנדלט זיך אויך אין דער איראַציאָנעלער פּאָעטישער סטיכיע, אין דעם אַלעם וואָס מאַכט אַזוי איינציק די נישט־אַנכאַפּבאַרע אַטמאָספער פון ליד, גיט זיך נישט אונטער קיין פאָרמולירונג און נישט קיין אַנאַליז, רייסט מיט, איז אַזוי סוגעסטיוו, אַז עס איז נישט מעגלעך ביים לייענען די לידער און ביים שרייבן וועגן זיי איינצוזיצן אויף אַן אָרט. עס פאַנגען און פאַרכאַפּן די אויפבליצן פון אַנטפּלעקערישן באַשיידן די מיסטעריעס פון לעבן און טויט, פון וואָר און חלום, פון „קאַפּויערדיקע שפּיל פון ליכט און שאָטן״.

סוצקעווער איז איינער פון די גרויסע פּאָעטן, אויף וועלכע דורות וועלן זיך פאַרופן און לערנען זיינע לידער, שטודירן די טעכניק פון זיין פערז, די וואַריאַציעס פון זיינע גראַמען און אַסאָנאַנסן, אָבער וואָס שייך די „לידער פון טאָג־בוך״ וועט מען דאַרפן פאָרשן און אַנאַליזירן דעם גאַנצן סטיל. דאָס איז אַ סטיל, וואָס נוצט אַלע וויכטיקע אופנים פון שפּראַכלעכן אויסדרוק און מען זעט די געוואַלדיקע עשירות, מיט וועלכער דער דיכטער גייט איבער דער וועלט צוזאַמען מיט אַ מין אינעווייניקסטער הערשאַפט, מיט וועלכער ער איז געבענטשט אין זיין שטרעבן צו דערגרייכן אַ העכערע מדרגה פון קונסט, פון אַ העכערן, מער תוכיקן מין, וואָס וויל אַנטפּלעקן פאַר אונדז דעם „פינקלדיקן עיקר״, וואָס איז אַזוי דימענטיק שאַרף, אַז מען קען מיט אים צעשניידן „די שאָטנוועלט, אַז פידלען זאָלן שפּילן פון די שטיקער און לינדערן אין דיר אַ צווייטנס ליידן״. איר האָט דאָ די פּאָעטישע מאָטיווירונג פון דיכטערס עטישן וועלט־באַנעם, וואָס איז אויך דער טיפער אינהאַלט פון זיין פּאָעזיע, אָבער דאָס מיינט נישט אויסבייטן קונסט אויף עטיק און פילאָזאָפישן געדאַנק. דאָס איז די דיכטונג גופא אַזוי דורכגענומען מיט עטיק, אַז נישט בלויז וואָס עס ווערט נישט פאַרמינערט די קינסטלערישע פונקציע, זי ווערט נאָך פאַרמערט, געגליט און געשטאַלט אין פייער פון פּיין און נסיון.

נישט געקוקט אויף דער שפע פון סימבאָלן אין סוצקעווערס לידער, וועט נישט זיין ריכטיק צו פאַררעכענען אים צו סימבאָליסטן, שוין צוליב דער אויסער־געוויינלעכער קראַפט פון דער פּאָעטישער מאַטעריע, וואָס איז צו וואַגיק און צו אמתדיק, מען זאָל זי קענען רעדוצירן צו סימבאָליסטישער דיכטונג. די דימענסיעס פון מאָנומענטאַלקייט, וואָס עס פאַרמאָגט דאָס קליינע ביכעלע לידער, זענען נישט קיין דרויסנדיקע, נאָר אינעווייניקסטע. מיר דערפילן דעם גרויסן אומרו אין פּראָצעס פון זוכן דאָס וואָס געפינט זיך אויף יענער זייט חושים, אין גאַנג פון אַנטדעקן און קעגנשטעלן וועלטן.

מיר קומען דאָ צו צו אַ געוויסער אייגנשאַפט פון סוצקעווערס פּאָעזיע, וואָס באַשטייט אין געפינען די אויסדרוק־פאָרם פאַר דואַליסטישן אַנען, פאַר נעגאַציע און אַפּראָבאַציע אינאיינעם, פאַר די קאַטעגאָריעס פון אייביקייט און צייט, פון אָרט און פון קאָסמאָס, פון פרייד און פּיין, פון ליבע און שנאה, פון מוט און אימה: „זאָל צונטערן אַ יום־טוב־שרעק איןביידן — אַ נאָענטקייט איז פאַראַן וואָס קאָן צעשיידן, / צו ליב האָבן ביזן לעצטן טראָפּן שנאה״. די דאָזיקע עקזיס־

טענץ פון צווייִדייטיקייט און אַנטיטעטישן איבערלעבן וואָלט אפשר געווען נישט מער ווי אַ ביישפּיל פון העגעליאַנישער אַנטיטעטישקייט און אופן פון פּאָעטישן טראַכטן דורך סתירות, אָדער דאָס וואָס פּלאַטאָן רופט אַן אידייע און די מאָדערנע פיזיק — נעגאַטיווע מאַסע, אָבער סוצקעווער האָט דעם כּוח צו דערציילן: „צעשפּאָלטן שוין דער נאַכטגראַניט און איך בין אויך צעשפּאָלטן: / אַ טויטער און אַ לעבעדיקער, ווי צוויי אָדלערס וואָלטן / פאַרמאָסטן זיך אַצינד אין פלי: דער אָדלער־שאָטן אונטן / און אויבן — דער ביים לייגן קלאַפּטער איבער פעלדזן, גרונטן”. ער האָט דעם כּוח צו זאָגן שוין ביי זיין ערשטער פאַרצייכענונג: „דו האָסט דאָך זעאונגען געזען וואָס נישט געזען האָט קיינער / ביי אירע גרינע יאָרצייט־ליכט אין ווינטלדיקע חצותן: / באַוואַקסענע מיט קליינע פליגל שוועבט אַ מנין שטיינער / און איבער זיי דער שער הרחמים איז נישט מער פאַרשלאָסן”. דאָס איז טיף ערנסטער דיכטער־שפּיל מיט טאָפּלטקייט און געשפּענסטהאַפטיקייט, מיט אויפהויבן די אילוזיע פון עקזיסטענץ ביז לעצטער הויך. אין יענעם עקסטאַז וואָס דערלויבט פאַרויסצופילן דאָס וואָס דער בודאיסט ריכט זיך פון נישט־זיין; מיטן שטרעבן צו דער גרויסקייט פון דעם וואָס דער מענטשלעכער געדאַנק קען נישט משיג זיין; צו דעם טיפן מיסטעריעזן צוזאַמענהאַנג, וואָס הויבט זיך אויף ביי סוצקעווערן העכער נישט נאָר פון עמפּירישער דערקענטעניש, נאָר אויך פון נביאישער אַנטפּלעקונג, דערמיט וואָס סיי אין פאַרמעסטן זיך אין אָדלער־פלי און סיי אין געוואַגטן אַריינקוקן ביזן דנאָ פונעם אָפּגרונט. דאָרט ווו „צוזאַמען, צוזאַמען דער דאָרטן און דאָ / און ס׳בויגט זיך אַ שטראַל צו דערשווימען צום דנאָ”, פאַרלאָזט ער זיך נישט אויפן רוח הקודש אַליין. ווי אַנגעטרונקען ער זאָל נישט זיין מיט כּלות הנפש איז דאָך דאָ דאָס באַוווּסטזיניקע שטרעבן צו פאַרוואַנדלען די פּאָעטישע דערפאַרונג אין דויערנדיקע קינסטלערישע ווערטן.

ווי אַלע גרויסע דיכטער האָט סוצקעווער זיכער אויך די געטעשע לוסט צו פאַבולירן, די תאווה פון וווּלקאַנישן אויסברוך און מסתמא אויך דעם חשק צו אימפּראָוויזירן, אָבער די עצם נאַטור פון זיין פּאָעזיע פאָדערט, ביי דער גאַנצער וואָרט־ווירטואָזיטעט, לאַנגע און פלייסיקע באַאַרבעטונג און ער איז באַשאָנקען, ווי קיינער אין אונדזער דיכטערישן דור, מיט דער מתּנה צו טאָן עס אויף אַזאַ וווּנדערלעכן אופן, אַז די שטימונג זאָל זיך אַריינעקבערן אין מאַרך. דאָס קומט ערשט נאָך לאַנגן און שווערן פּראָצעס פון אַרבעט, נאָך אַ פאַרגעסן אין זיך אַליין און פאַרזונקען ווערן אין דער מאַטעריע. אין דערין באַשטייט די הויכע אייגנאַרט פון סוצקעווערס פּאָעזיע — דערטרינקען דעם איך אין דער אומענדלעכקייט, אין קאָסמאָס. דער „איך”, וואָס חזרט זיך איבער אין אַ סך לידער, איז ביי סוצקעווערן נאָר אַן אויסרייד צו אַנטפּלעקן נייע וויזיעס, ניי פּאָעטיש לשון, נייע שיינקייטן. אַזוי פיל סטיכישע ווערווע און אַזוי פיל אַריינדרינגלעכקייט, אַזוי פיל דראַמאַטישע בילדלעכקייט און אַזוי דורך־און־דורך ליריש. יעדע פאָרמול אויסגעשמידט אין פעלדזיק פעסטן וואָרט און אַזוי אויפטרייסלענדיק דער מעטאַפאָר, קומט אומגעריכט, איבעראַשט, אָבער באַצווינגט גלייכצייטיק מיט אינערלעכער איבערצייגונג.

געטע האָט געזאָגט, אַז ער האָט מער צו פאַרדאַנקען אומבאַוווּסטזיניקער ווי

באַוווסטזיניקער אַרבעט, אָבער דאָס שליסט נישט אויס דעם קלאָרן באַוווסטזיין פֿונעם קינסטלער ביים שמידן די מאַטעריע מיט יענעם העל־פּאָעטישן זען און שאַרפֿן אַריינבליק, וואָס איז ביי סוצקעווערן פֿאַרשאַרפֿט ביז העליזעערישקייט און דאָך האָט יעדעס ליד זיין אייגענע וואָג און עס פּאַסירט נישט, אַז די מעטריק זאָל גיין לויז ביי דער זייט פֿון עמאָציאָנעלן אינהאַלט. תמיד זענען זיי אַ וווּנדערלעכע גאַנצקייט. כ׳שטרייך אונטער דעם מאָמענט, ווייל אונטערן דרוק פֿון די נייע אויסערגעוויינלעכע אינהאַלטן, וואָס האָבן דעם כּישוף־רייץ פֿון ערשטמאָליקייט, האָט געקענט פּאַסירן, אַז עס זאָל ליידן די סטרוקטור, אָבער סוצקעווערס דינאַמיזירנדיקע קראַפֿט פֿון זיין פּאָעזיע און זיין גרויסמייסטערשאַפֿט פֿון וואָרט־און־פֿאָרם האַלטן דאָ אָפּ אַ גרויסן טריאומף.

אלף־בית פֿון צוויי און צוואַנציק פּליגל

פֿאָרויס אין גאַלאָפּ יאָגט מיין האַנט מיט אַ פּעדער
כּדי צו דערגרייכן דעם שפּיץ פֿון אַ באַרג.
עס בלייבט אויף אַ וואָלקן מיין האַנטשריפֿט. און סטדער
צעוויגן זיך צייטיק אויף שפּיץ פֿון אַ באַרג.

א. סוצקעווער, „אינספּירירט פֿון מוזיק“

עס פּירט זיך שוין אַזוי, אַז מען שרייבט וועגן דיכטער און זייערע שאַפֿונגען נאָר ביים דערשיינען פֿון זייערס אַ בוך אָדער ביים אָפּמערקן אַ דאַטע, אַ יובל. פֿאַראַן דאָך אָבער קינסטלער, וואָס מען קען און מען דאַרף וועגן זיי שרייבן תמיד, אָן אַ באַזונדערער געלעגנהייט. זיי זענען מחוץ דער ראַם פֿון דאַטעס און יובילייען, זענען אַ נאַציאָנאַל קולטור־פֿאַרמעגן און עס אינטערעסירט אונדז דערפֿאַר נישט בלויז דאָס נייַ־דערשינענע בוך פֿונעם דיכטער, נאָר זיין גאַנצער דיכטערישער דרך, זיין פּאָעטישע איינשטעלונג און זיין שטעלונג צו דער וועלט, די פֿאַרבינדונג פֿון זיין פּאָעזיע מיט דער צייט און דאָס וואָס איז למעלה מן הזמן; דאָס זען אים אויפֿן פֿאָן פֿון גרויסע געשעענישן אין אונדזער דור און דעם אייביקן ווערט פֿון זיין פּאָעזיע אויך פֿאַר די קומענדיקע דורות.

פֿון אַזאַ פֿאַרנעם איז די דיכטונג פֿון אברהם סוצקעווער, וואָס אַ קלענער טייל איז איצט דערשינען אין עברית, איבערזעצט דורך די אָנגעזעענסטע העברעאישע דיכטער. וויפֿל די איבערזעצונג, ווי דאָס איבערגיסן פֿון איין כּלי אין דער אַנדערער, זאָל נישט מינערן פֿונעם אַראָמאַט, פֿון דער מייסטערשאַפֿט און מאַגיק פֿון ליד, זעט מען דאָך אויך אין די איבערגעזעצטע לידער דעם פּאָעטישן ריז, זיין כּוח דורכצונעמען אונדז מיט איינציקאַרטיקער דיכטערישער וויזיע.

אַ סך קלוגע און נאַרישע רייד זענען שוין געשריבן געוואָרן איבער פּראָבלעמען פֿון איבערזעצן פּאָעזיע, אָבער עס שיינט, אַז צום וויכטיקסטן איז,

אַז דער איבערזעצער זאָל ליב האָבן די לידער, וואָס ער גייט איבערזעצן. אָן דער ליבשאַפט און פאַרערונג איז עס אויפגעצווונגענע מלאכה, טעכניק, אָן אינספּיראַציע, אָרעם. ביי די דיכטער, וועלכע האָבן איבערזעצט סוצקעווערס לידער פילט מען די פאַרערונג און ליבשאַפט צו זיין שאַפן און דערפאַר שטעלן מיר זיך נישט אָפּ אויף דער טעכנישער און נישט אויף דער ריין־פּאָעטישער מאָס פון די איבערזעצערס איבערקנעטן און איבערפורעמען סוצקעווערס לידער און זייער כוח איבערצוגעבן דעם ריטמישן וואָרט־ און קלאַנג־געוועב, וואָס דערגייט אין אָריגינאַל ביז ווירטואָזיטעט. וויכטיקער איז דאָ די הויכע קוואַ־ליטעט, וואָס איז בולט אין דער אויפגעעפנטקייט פון עברית־לשון פאַר די ליניעס און פאַרבן פון זיין דיכטערישן וועלט־בילד, פאַר דער העכערער שיינקייט, וואָס פאַרכאַפּט אַפילו אין די שוואַכערע איבערזעצונגען און איז בעצם דער סאַמע וויכטיקסטער עלעמענט אין סוצקעווערס שאַפן און ווערט אויך אָפּגעשאַצט דורך דער העברעאישער קריטיק, וואָס האָט מיט באַגייסטערונג אויפגענומען סוצקעווערס פּאָעזיע און אָפּגעמערקט דאָס ניי־דערשינענע בוך ווי אַ קולטור־יום־טוב.

דער טראַגיש־אומגעקומענער א״ד שפיר, אַ וווּנדערבאַרער איבערזעצער פון יידיש, שרייבט וועגן פרד״ס־מקור אינעם סטיל פון סוצקעווערס שירה, וואָס איז כולל די פיר יסודות מיט זיין אייגענעם צוזאַמענשטעל. ער ברענגט אַרויס, אַז „סוצקעווער איז אין אָנהויב פון זיין שאַפן געווען נאָענט צו אייניקע יידישע דיכטער, האָט אויך איינגעזאַפּט אין זיך אייראָפּעאישע השפעה (רילקע), אָבער זיין טיפסטער שורש איז, ווי דער שורש פון אברהם שלאָנסקיס פּאָעזיע, אין דער אוראַלטער העברעאישער ליטעראַטור, אין אוראַלטן העברעאישן נוסח, דער נוסח פון אגדה און דרוש. דאָס איז ירושהדיק־מענטאַלער שורש. דער וווּנדערלעכער מעמואַריסטישער עסיי פון ר׳ זלמן שז״ר אין דער יובל־זאַמלונג, געווידמעט סוצקעווערן (דערשינען 1963) ווייזט אָן אין גרונט אויף סוצקעווערס דאָזיקן שורש. פון דאָזיקן מקור האָט סוצקעווער געירשנט דעם שאַרפזין, וואָס איז אין מאָדערנעם גלגול געוואָרן פּאָעטישער שאַרפזין — דאָס איז אָריגינעלע נאַציאָנאַל־יידישע אייגנשאַפט און פאַראַן שעפער, ביי וועלכע דאָס איז בולט, איז זייער עיקר־כאַראַקטער און פאַראַן אַזעלכע, וואָס מען געפינט נישט ביי זיי קיין סימן דערפון. איר וועט עס נישט געפינען ביי ביאַליקן, כאָטש ער האָט זיך געטובלט אין די טיפענישן פון דער אגדתא. עס איז וווּנדערלעך דער חזיון פון דער אור־אַלטער ליטעראַטור, וואָס שלאָגט פאַרהוילענעם שורש (זענען דאָך אַלע וואָרצלען פאַרהוילענע) אין ווייטע צייטן, אפילו אין אַן אַנדער לשון און אין פאַרשידענע זשאַנרען״.

פאַר אונדז, וואָס מיר זענען געוווינט צו מעסטן סוצקעווערס שאַפן מיט יידישע און אייראָפּעאישע נאָרמען, ברענגט א״ד שפירס אַנטדעקונג אַ נייעם עלעמענט, וועלכער מאַכט אונדז פאַרשטענדלעכער סוצקעווערס אַריבערשטר־רעמען אַלע ביז־איצטיקע גרענעצן פון פּאָעטישן וואָרט, זיין נאָענטקייט צום אַלטן קוואַל פון יידישער שעפערישקייט מיט אַזויפיל דורות צוריק און גלייכצייטיק

באַנייען זי אין גייסט פון אונדזער תקופה. פון גאַנצן האַרצן נעמען מיר מיט די אָדעס פון אַנדערע העברעאישע קריטיקער צו דער שיינקייט אין סוצקעווערס פּאָעזיע און מיר האַלטן אונטער זייער טענה, פאַרוואָס איז אַזוי ווייניק געוואָרן איבערגעזעצט און פאַרוואָס אַזאַ צופעליקער אויסוואַל, וואָס גיט קוים אַן אָנונג וועגן דער הויכער מדרגה פון סוצקעווערס פּאָעזיע און זיין אָרט, נישט נאָר אין דער יידישער, נאָר אויך אין דער וועלט־דיכטונג.

נישטאָ אין דעם בוך איבערזעצונגען קיין כראָנאָלאָגישער סדר פון די לידער, לויט סוצקעווערס פּאָעטישער ביאָגראַפיע, ווייל דעמאָלט וואָלט דער אַרומנעם געדאַרפט זיין רעפּרעזענטאַטיווער פאַרן דיכטערס שאַפונגען. די רעדאַקציע איז געגאַנגען אויפן וועג פון געבן אָפּגעזונדערטע איינהייטן, אין וועלכע יעדער איבערזעצער האָט זיין אָפּטייל. די כוונה איז געווען צו געבן דעם לייענער די מעגלעכקייט צו שאַפן זיך אַ קאָנצענטרירט בילד פון דער איבערזעצונג־קונסט פון יעדן באַזונדערן איבערזעצער. דאָס איז אַ גאַנץ וויכטיקער ענין, אָבער נישט ווען עס ווערט געטון אויפן חשבון פון דערקענען דעם שאַפונגס־וועג פונעם דיכטער; אויפן חשבון פון אַנטפּלעקן זיין פּאָעטישע ביאָגראַפיע אין איר פולן צויבער און די הויכע פּאָעזיע פון אַ דיכטערישן וועגווייזער.

אינעם רוב איבערזעצונגען איז פאַראַן די מזיגה פון עברית מיטן טאָן פון מקורותדיקן יידיש און עס איז אָפּגעהיטן דער בוי און די מוזיקאַלישקייט פונעם פערז אין אָריגינאַל. עס טרעפט, אַז די קורצקייט פון העברעאישן פערז גיט עפּעס צו דער פּאָעטישער חכמה און שאַרפזין, אָבער אַן אַנדער מאָל מינערט עס פונעם מאַיעסטעטישן ריטם, פון דער רייכער מוזיקאַלישער גיוואַנסירטקייט און פונעם כוח און טיף פון וואָרט, וואָס איז ביי סוצקעווערן אַזוי שטראַלנדיק און ווירקט מיט אַ קראַפט, וואָס הויבט אים אויף משכמו ולמעלה, ווי איינער פון אַ דור.

דער אמת איז, אַז סוצקעווערס פּאָעזיע איז אַפילו פאַר גרויסע דיכטער נישט גרינג איבערצוזעצן. ווייל מען זי דערפילן אין אַלע אירע פּאָעטישע און אינטעלעקטועלע אימפּליקאַציעס, מוז מען סוצקעווערן לייענען אין יידיש, ווו די פערזן לויכטן אויף ספּאָנטאַן און מ׳פילט דירעקט־עמאָציאָנעל די הויכע קינסטלערישע טעמפּעראַטור פון יעדער שורה.

„דער אַריסטאָקראַט פון אונדזער דיכטונג" — האָט מען סוצקעווערן געקרוינט נאָך מיט דריי צענדליק יאָר צוריק. דאָס האָט געקלונגען מאָדנע פאַר אַ דיכטער, וואָס איז ערשט אַרויס פון אונטערערד, פון די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד, אָבער דאָס האָט נישט געמיינט באַוווסטזיניקע אינטענץ פון דיכטער, וואָס נעמט אָן די פּאָזע פון אַ גייסטיקן אַריסטאָקראַט און וויל פאַרשטאַנען ווערן נאָר דורך אַן ענגן קרייז. דאָס האָט זיך גענומען דערפון, וואָס ער איז שוין דאַן געווען דער פּאָעט אין גרויסן ליד, וואָס וואַקסט זיך אַריבער און איבעראַשט מיט זיין ווונדערלעכער עשירות און אָלימפּישקייט, מיט דער סקולפּטור פון פערז, וואָס האָמערט אויס אומפאַרגלייכלעכע פאָרם, מיט דער מאָלעריי, וואָס באַלויכט דעם פערז מיט זיין אייגנטימלעכן קאָליר.

סוצקעווער געהערט צו די ווייניקע פּאָעטן, וואָס די פּאָעזיע איז ביי זיי נישט אַן אַנטלויפן צו קאָמפּענסאַציע, נישט דער מזבח, ביי וועלכן זיי ראַטעווען זיך פון

איינזאַמקייט. פּאָעזיע איז פאַר אים ווי געטע פאָרמולירט עס: דאָס אידעאַלסטע באַשיצן זיך קעגן דער וועלט און גלייכצייטיק אינטימסטע צונויפגיסן זיך מיט דער וועלט. סוצקעווערס ליד האָט אין זיך אַלץ, וואָס לייגט זיך אויף זיין וועלט: געוויטערן און שטורעמס, אומרועז, איבערלעבענישן און אימאַזשן איבער די שליאַכן פון אונדזער לאַנגער געשיכטע און קעגנוואַרט, פּאָעטישע נגלה און סימבאָלישער נסתר — דאָס אַלץ אין זייער גאַנצער טיפקייט און מיט אַלע שיכטן פון באַדייטונגען.

לייענענדיק ליד נאָך ליד אין סוצקעווערס ביכער: וואַלדיקס, געהיימשטאָט, גייסטיקע ערד, אָדע צו דער טויב, פירקאַנטיקע אותיות און מופתים, צייטיקע פנימער און די פידלרויז, ווערן מיר פאַרגאַפט פון דער רייכקייט פון די פּאָעטישע איבערלעבענישן, אָבער מיר גייען איבער פון איין נשמה־צושטאַנד אין אַנדערן נישט ווי מיר וואָלטן געלייענט די איבערלעבענישן, נאָר דאָס לעבן אַליין. יעדער צושטאַנד עקזיסטירט ווי אַרויסגענומען פון דער ווירקלעכקייט, וועלכע האָט אים פאָרמירט. דאָס ליד איז אָפּגעשניטן און באַפרייט פון יעדן מין אָפּהענגיקייט. גלייכצייטיק ווירקן פילבאַרע אַנטענעס, וואָס כאַפּן אויף דאָס דיינסטע, וואָס איז נישט מערקבאַר און נישט הערבאַר פאַרן געוויינלעכן אויג און אויער און דורכגענומען מיט געוואַלטיקער ליידנשאַפט זוכט ער אויף קאַלט, די מיטלען זי אויסצודריקן. דער געפילן־סטיכיע שטעלט ער אַקעגן דיסציפּלין און מייסטערשאַפט און יעדער צושטאַנד ווערט אויסקריסטאַליזירט ביז אַבסאָלוטער פּאָעזיע. דער מהות פון פּאָעזיע איז די שטרעבונג צו העכערער שיינקייט, די וואָס איז נישט מערקבאַר, איז קיינמאָל נישט געשטילט און איז דאָס האַרץ פון פּאָעזיע, וואָס מיר הערן שלאָגן אַזוי הויך, אַז עס פאַרטויבט דאָס אייגענע האַרץ.

ביי סוצקעווערן געפינען מיר דעם ענטפער אויף דער אַלט־נייער פראַגע: וואָס איז פּאָעזיע? זיינע לידער זענען אַן אומאויפהערלעכער ענטפער. זיין יעדעס ליד איז קודם כל דאָס שטרעבן צו דעפינירן די סטיכיע, זי דיסציפּלינירן, אַרומנעמען און איבערגעבן זיך, אויף קאַלט, דער בלינדער און טויבער מאַטעריע פון איינדרוק און עס געשעט, אַז סיי די יסורימפולע איבערלעבענישן און סיי די באַגייסטערונג, אויסגעדריקט אויף קאַלט, ווערן ווי דורך אַ נס גליאיק לעבן, באַקומען עפּעס העכערס, געוואַלדיקערס, וואָס דערגייט ביזן העכסטן אמת פון דער ליידנשאַפט, פון לעבן. דאָס שטרעבן אויסצודריקן דעם אייביקן אמת פון לעבן איז תמיד דער ציל פון גרויסער פּאָעזיע. אַן אומדערגרייכבאַרער ציל, אָבער ער שאַפט עס די אויסדרוק־מיטלען און וואָס פעסטער דער פּאָעטישער באָדן, אַלץ אַנטדעקערישער איז דער אינערלעכער אמת אין זיך און אַלץ געלייטערטער דער אמת פון דער פּאָעזיע.

דאָס גרויסע געזאַנג פון איציק מאַנגער

אין אַלעם וואָס מאַנגער האָט געשאַפן, אפילו אין זיין פּראָזע, וואָס האָט אָבער דורכאויס פּאָעטישן אָטעם, האָט ער אַריינגעבראַכט געזאַנג. אין די פּשוטסטע ווערטער האָט ער מיט גרויס יידיש געפיל אַריינגעזונגען אַלע בענקשאַפטן. ער איז דורך־און־דורך געזאַנג און אַלץ איז ביי אים פּאָעזיע. אַלץ זינגט. אַזוי הייבט ער אָן זיין "ליד און באַלאַדע": „לאָמיר זשע זינגען פּשוט און פּראָסט". אין געזאַנג ווערט דאָס פּשוטסטע און פּראָסטע וווּנדערלעכע באַלאַדע, שירה. ווי אַן אוראייניקל פון די בראַדער זינגער האָט ער קיינמאָל נישט אָנגענומען קיין אַנדערע אויטאָריטעט ווי דורכאויס זינגער. אַ געפאַנגענער פון די קלאַנגען האָט ער זיי צוריקגעגעבן מיט פולער האַנט, און מיט פולע עמערס האָבן די קאָמפּאָזיטאָרן געשעפּט ביי אים די קלאַנגען פאַר די ניגונים צו זיינע לידער, וואָס זיי האָבן געגומען אויף נאָטן און פאַרוואַנדלט אין סצעניש אַטראַקציעס.

מיט זיין גאַנץ וועזן, מיט אַלע זיינע געבג האָט ער פאַרקערפּערט מיט זיך דעם טיף פונעם זינגער, דעם מענטש, וואָס איז נאָר באַשאַפן צו זינגען ווי שווער און טרויעריק עס זאָלן נישט זיין די נסיונות, ווערן זיי ביי אים געלייטערט און דערהויבן אין פּראָצעס פון געזאַנג. עס איז נישט געווען קיין גלייכן צו אים אין דעם מוט צו לעבן אין געזאַנג. גאָר אָפט האָט ער געדאַרפט אַריבערשפּרינגען באַריערעס, וואָס טיילן אָפּ ס'לעבן פון געזאַנג, אָבער די שפע פון פּאָעזיע אין זיין געמיט האָט אים פאַרוואַנדלט אין אַ ריז מיט לייכטע פליגלען און ווען ס'האָט זיך אים נאָר געוואָלט איז ער די באַריערעס און כלערליי שטרויכלונגען אַריבערגעפליגן און פליענדיק דעראַנט די האַרמאָניע צווישן שירה אוןווירקלעכקייט. אַ פאַרגאַפטער פאַר דער שיינקייט וואָס עס האָט אַ לויכט געטון אויף אים האָט ער דערזען דאָס ליכט, וואָס „איז די גרויסע מאַמע פון דער וועלט".

דאָס איז נישט בלויז פּאָעטישע באַהויכונג. ביי מאַנגערן איז עס ערדישע ממשות, וואָס מאַכט זיינע לידער אַזוי דוויערהאַפטיק. זיין וועלט איז געווען נישט בלויז דערפאַרונג, וואָס דאָס אויג זעט און דאָס אויער הערט. תמיד איז פאַר אים די פּאָעזיע די נשמה פון אַלעם וואָס מען זעט און הערט. אויב עס זענען פאַראַן דיכטער וואָס ראַנגלען זיך זייער גאַנץ לעבן מיט דער פּאָעזיע און האָבן אפשר אויך מורא פאַר איר מאַכט, האָט אָבער מאַנגער זיך געפילט מעכטיק דווקא מיט דער פּאָעזיע. זיין פולע עקזיסטענץ איז געווען איינגעשלאָסן אין פּאָעזיע און אָן מורא האָט ער זיך געטוליעט צו איר אַזוי אינטים, אַז ער האָט זיך דערלויבט איבערצוטרעטן די גרענעצן צווישן ריעאַלן און פאַנטאַסטישן, צווישן נאַטירלעכן און מיסטעריעזן, צווישן וואָר און מעשה. ביי זיך אַליין האָט ער געבאָרגט דאָס פייער, מיט וועלכן ער האָט אָנגעצונדן נישט בלויז זיינע באַלאַדעס, נאָר אויך די שטרענגע מעשיות פון חומש און פון דער מגילה. מיט באַהנטער יונגשאַפט איז ער איבערגעגאַנגען פון ליד צו מעשהלע, פון מעשה צו שפּיל, פון שפּיל צום הויכן פלי און וויפל סיפור המעשה און שטייגערישקייט עס זאָלן נישט האָבן זיינע באַלאַדעס, זענען זיי תמיד מעדיומס פאַר מאַגישן ליריזם. ער באַוועגט זיך צווישן די עקסטרעמען מיט אַ לייכטקייט ווי ער וואָלט געווען צונויפגעוואַקסן מיט

די ווידערשפּרוכן און ער שאַפט פון זיי אַ צוזאַמענשפּיל פון שאָטן און שיין, פון פּחדים און פריידן, פון וואָר און פאַרביקסטער פאַנטאַסטיק, פון פריילעכן וואַגאַבונדישן געלעכטער מיטן טרויער, וואָס איז אָפּגעזעצט אויפן דעק פון זיין נשמה; פון חסידישער לעבנספרייד און טויט־מיסטעריע, פון שיכרות פון וויין און עלנט געוויין.

אויבנאויף קען זיך טיילמאָל שאַפן דער איינדרוק, אַז איציק מאַנגער האָט זיך גישט שטאַרק איבערגענומען מיט די טעכנישע רעגולאַציעס פון ליד און ריטם, מיט דער אַדעקוואטקייט פון וואָרט, אָבער אין דער אמתן איז ער לכתחילה געקומען מיט אַזאַ רייכער פּאָעטישער און עסטעטישער קולטור, אַז דאָס האָט אים דיקטירט סדר און מאָס, דיסציפּלינירטקייט ביזן דינסטן טאָן. בלויז אויבנאויף האָט זיך געקענט אויסווייזן אַז איבער זיינע לידער, באַזונדערס די ערשטע, שוועבט דער אָטעם פון כאַאָס, פון ברויזנדיקן פאָרמירונגס־דראַנג, אָבער דאָס איז גיכער געווען דיכטעריש־שקאָציש אימאַזשינעריע אַריבערצושפּרייזן גרענעצן פון לעבן און ליטעראַטור, אַוועקצוגיין פון פּאָעטישן שאַבלאָן. אין דער אמתן איז אין אַלע זיינע לידער פאַראַן גלענצנדיקע פאָרם. די חכמה און שאַרפזיניקייט זענען ביי אים סובאָרדינירט צו די אינעווייניקסטע מעלות פון ליד, אַזוי אַז מען זאָל אפילו נישט באַמערקן זיין טעכנישע מייסטערשאַפט. יעדעס ליד איז ביי אים אויסגעטראָגן אין האַרץ און אין מוח פון ערשטן ביזן לעצטן פערז. מיט אַ ברייטער האַנט וואַרפט ער זיך מיט שיינקייטן, אָבער אויך קיין איין מאָמענט פאַלט ער נישט אַריין אין איבערפליסיקייט, כאָטש ער איז אַזוי רייך מיט גרויסע קאַפּיטאַלן פון שפּראַך און ווערטער־מעלאָדיעס. מאַנגער איז גרויס מיט זיין אינטימלעכקייט און פרייקייט, אָבער נישט קיין הפקרדיקע, הגם אַ סך פון זיין שאַפן איז געוואָרן פאַרטראַכט „בלאָנקנדיק אין די ביינאַכטיקע שענקן מיט די שאָטנס פון פראַנצויזישע וואַגאַבונדן און הפקרדיקע זינגער”.

פריי, מיט דער גראַציע פון אַ פּיערא, באַוועגט ער זיך צווישן די שיינקייטן פון אַמאָל, פון אַלטע וועלטן, וועלכע ער וויל נישט צעשטערן, נאָר באַנעמט זיי ווי אַ הויכע דיכטערישע עמפּינדונג. אַזוי זעט ער די ערשטע יידישע טרובאַדורן, די זבאַרזשערס, די חסידישע מעשיות, לעגענדעס, מדרשים און מגילות, ביז צו די אבות, ביז קין און הבל, אדם און חוה, אָבער אַלע געפינען זיי זיך אונטער דער שטענדיקער פּאָעטישער אויפזיכט, ווי אַלע זיינע טרוימערישע פאָרשטעלונגען און פאַרבלענדנדיקן זשאָנגלירן מיט וויזיעס, וואָס זענען געשטאַלטיקט אין זיינע לידער.

דער אַרכי־וואַגאַבונד מאַנגער איז נישט פריי פון רעליגיעזן ציטער פאַרן לעצטן סוד. גאָר הויך דערלאַנגען זיינע געפילן און געדאַנקען און גאָר טיף לעבט ער איבער „די שעה פון תשובה און געבעט! / מיין האַרץ קלאַפּט שאַרף, שפּירט אויף זיך / דאָס שטרענגע אויג פון דער אייביקייט. / און אונטער מיינע פיס גייט דורך / אַ קנויל פון זון און שטויב — די ערד. / אַ בליץ פלאַמט אויף און ליכטיק ווערט / און פינצטער ווערט — — — גאָט, מיין גאָט, וואָס האָסטו מיך פאַרלאָזט ?!”

נישט קיין מיסטיק, אָבער אויך נישט דער מינדעסטער צומיש פון איראָניע.

דאָס איז דעם דיכטערס וועלט־געפיל און זיין זען די וועלט ווי אַ הייליקע מיסטעריע. דער רוף צו גאָט קומט פון דער טיף און מען פילט דעם הייסן אָטעם פון רעליגיעזער וויזיאָנערישקייט און פון עכטער גאָט־איבערלעבונג. דער ליד איז דאָ דורכגענומען מיט אמתער ערפורכטיקייט און גאָט־אויפציטער, וואָס איז העכער און ריינער פון די ראָמאַנטיש־בלויע הימלען. דאָס שטערט אים ניישט שפּעטער אַראָפּצורייסן אויף זיין פּאָעטיש־שטיפערישן שטייגער דעם רעליגיעזן שלייער פון תנ״כישע פיגורן און פאַרהיינטצייטיקן די גאַנצע נאַציאָנאַלע דראַמאַטישקייט פון די חומש־מעשיות און פון דער מגילה.

אַלץ וואָס לעבט אין די הימלען איז ביי מאַנגערן גלייכצייטיק ערדיש, אָבער מיטן צוגאָב פון פליגל און עס איז אין זיי אַריינגעטראָגן אַזאַ טאָן, אַזאַ פּלאַסטישע פאַרקערפּערונג פון געפיל, אַז זיי דערשיטערן און דרינגען אונדז דורך. גלייכצייטיק קאָן ער פון זיין טיפסטן טרויער אויסשפּינען לידער, וואָס זאָלן ניישט נאָר רירן נאָר אויך אַמוזירן. דאָס זענען ניישט קיין סתירהדיקע שטימונגען, נאָר צוויי אַספּעקטן פון איין און דער זעלביקער איבערלעבונג. מאַנגערס פּאָעזיע איז אפשר קודם־כל מאַגיק, שפּיל פון באַפליגלטער פאַנטאַזיע און אַ חדווהדיק־גרויסאַרטיקער פּערספּעקטיוו, ווען חלום און בלויע וווּנדער — אַלץ „ווערט טראָט און טופּע און טאַנץ און פרייד, / ווערט פרייד איבער פרייד און אייביקייט״.

מאַנגער האָט מיט זיין שטאַרקן דיכטערישן טאַלאַנט און רייכער קולטור אַריינגעהויכט אַ נייע נשמה אין דער אַלטער ראָמאַנטישער באַלאַדע, וואָס שטאַמט נאָך פון די געצנדינערישע צייטן און איז דעמאָלט נאָך געווען אַ פאַנטאַסטיש שוידער־ליד, אין וועלכן עס האָבן געהערשט געשפּענסטער און טויט־פּחדים. מאַנגערס ציען צו דער באַלאַדע איז באַהאַפטן געווען מיט זיין דראַנג צו שעפּן פון אַלטן גאָלדענעם ברונעם און זיין פאָדאָליער רבֿ איז גובר דעם אַנגסטיקן פּחד פאַרן טויט מיטן כוח פון קדושה און אמונה. דער פּחד, די מיסטעריע פון טויט איז סובלימירט אין גרויס־באַלאַדישער וויזיע, אויסגעפּילט מיט מאָדערנעם וועלט־ און לעבנס־געפיל. אינעם אַלטן פאָדאָליער רבֿ איז פאַראַן טויזנט־יאָריקע קלוגשאַפט און באַשאַפן איז ער אַזוי, אַז ער זאָל תמיד בענקען נאָך חסד און ליבשאַפט. אים איז ווויל, וואָס ער „טרעט איבער דער ערד ווי אין געבעט...״ דער חסד אַנטפּלעקט זיך צו אים און „אָט זעט ער דאָס פעלד, אָט הערט ער דעם טייך, / די פיס זיינע טאַנצן דעם בורא אַ שבח״. ווען די כוחות גייען אים אויס און ער פאַלט, ליכטיקט נאָך אַלץ אין אים די ברכה פון בענקשאַפט נאָך גאָטס אָטעם וואָס איז חסד און נאָענטקייט. ענטפערנדיק דער נאַכט זינגט ער: „ווויל איז מיר: עס האָט מיין שטערן באַרירט דער אָטעם פון גאָט״.

די נאָענטקייט פון טויט וועקט אויף אין אים דעם שאַרפסטן הונגער נאָך לעבן, וואָס אָטעמט מיט דער גאָרער ריינקייט און דערהויבנקייט פון געזאַנג צו גאָט. „זה אלי ואנוהו״. דאָס איז מיין גאָט און איך וועל אים באַשיינען. מאַנגערס גאָט איז די דערליידזונג פון אַליינקייט און עלנט; ניישט קיין פילאָזאָפישע אבסטראַקציע נאָר אַ דערבאַרעמדיקער פאָטער, צו וועלכן מ׳קען זיך ווענדן מיט געבעט און מיט טענות. גאָט איז די מוזיק פון דער וועלט און די

העכסטע מדרגה פון ממשות. נישט צמצום, נאָר וועלטס אין־סוף. הימל און ערד זינגען שירה צו גאָט און דאָס איז נישט קיין פלאַטערן אין דער הויכער ספּערע פון פיקציעס, נאָר אַ פאַנטעאיסטיש לעבנס־ און וועלט־געפיל, ווען מען באַנעמט ווי „די נאַכט איז הייליק, טיף און שיין, / אַז אפילו דער מענטש, וואָס גייט אַליין / באָרוועס איבער אַ פרעמדן לאַנד, / פילט איבער זיך גאָטס בלאָע האַנט".

נישט געקוקט אָבער אויף דעם רירנדיקן, תפילהדיקן טאָן אין אַ סך פון זיינע לידער, וועגט אָבער ס'רוב איבער דאָס פאַרשייט־שפּילעוודיקע. זיין ליד האָט די באַשטאַנדטיילן פון שפּיל. אַמאָל איז עס אַ פרייליכער מאַכן מיט טרערן אין די אויגן, אַ פּאַיאַצישע מאַסקע פון אַ האָצמאַך, וואָס גייט אויס פון הונגער און אַמאָל איז עס שפּיל לשם שפּיל, שפּילן בענקעניש, גלויבן אין ווונדער און אין פליען צו די שטערן, צו דער לבנה, צו גאָט. פּשוט זעטיקן דעם באַגער און דורשט נאָך שפּיל, ווייל דורך שפּיל קומט מען צו שמחהדיקער באַהעפטונג מיטן באַשעפער פון דער וועלט.

דאָס שפּילמאַנישע קאָנטינואירן די טראַדיציע פון די בראָדער זינגער, וואָס ער איז „מיט זיי אַ מהלך וועגס אָפּגעפאָרן, דורך שטעט און שטעטלעך, דורך זינגענדיקע יאָרן, / דורך וואָגל, דורך הפקר און דורך הונגער" — האָט אים געפירט צו די שוישפּילערישע עלעמענטן אין חומש און מגילה און ער האָט באַזייטיקט די מחיצות צווישן טויזנטער יאָרן, צווישן עולם הזה און עולם הבא, צווישן רעאַלע און פאַנטאַסטישע וועלטן. דיכטונג איז קאָסמיש, די גאַנצע וועלט איז אין רשות פונעם דיכטער און דאָס אַלץ — כּדי בעסער און טיפער צו דערפילן די שיינקייטן. אין דער קונסט דעצידירט נישט דער מאָדעל, נאָר די שאַפערישע פאַנטאַזיע. מאַנגער איז נישט נאָר פּאָעט, נאָר אויך שוישפּילער, וואָס פאָלגט נאָך דעם רוף פון זיין כּוח הדמיון און שמעלצט איבער אין זיין ליד דעם מאָדעל אין אַ נייער סובסטאַנץ, וואָס ער הילט איין אין זיידענע שלייערן פון בלויען חלום, פון אומעט און בענקשאַפט און הייבט זי אויף צו די העכסטע פּאָעטישע הייכן.

ס'איז אַ גרויסער מהלך צווישן זיינע באַלאַדעס און מגילה־לידער. די באַלאַדעס זענען געבליבן דער בולטסטער און וויכטיקסטער טייל פון זיין שאַפן, אָבער אויך אין זיי איז שוין פאַראַן דאָס ווונדערלעכע שפּילן זיך מיט עלעמענטן און שפּרוכן פון מעשה־ביכלעך און פאָלקס־לידער צוזאַמען מיט רירנדיקסטע בענקענישן. זיי זאָגן שוין אָן די הומאָרפולע פּאָעטיזירונגען אויפן הינטערגרונט פון תנ"ך.

אַ פאַרקוקטער אין עבר, אין איבערנאַטירלעכקייטן און אין נישטגעשטויגנקייטן געפינט זיך אָבער מאַנגער אין אַלע זיינע שאַפונגען אין אַזאַ שפע פון בילדער און קלאַנגען, אַז די אינהאַלטן וואַקסן אויס צו אייביקע סימבאָלן, וואָס זענען שטענדיק דורכגעגליט מיט רעאַליטעט פון היינט און ווערן אויפגעהויבן צום ליד פון מאָרגן.

מאַנגער איז נישט אַוועק צו די מגילה־געשטאַלטן, נאָר האָט זיי אַראָפּגעבראַכט צו אונדז און אַריינגעטראָגן אין די אוראַלטע מאָטיוון היינטצייטיקע

פאָלקסטימלעכקייט, האָט פאַרמישט דעם מגילה־פרימיטיוו מיטן יידיש־פאָלקס־טימלעכן פרימיטיוו פון היינט. ער האָט מרדכי הצדיק אַנגעטון אַ צילינדער און אסתרן מיט ושתין מאָדערנע קליידער. זייערע רייד האָבן דעם זיבעטן פאָלקס־טימלעכן חן פון היימישע יידן און היימישן לעבנשטייגער און די מאָטיוון און געשטאַלטן זענען דורך מאַנגערן באַלעבט געוואָרן מיט פאָלקסטימלעכן גראָטעסק.

ווען די מגילה־לידער זענען אויפגעפירט געוואָרן אויף דער בינע האָט עס ביי אַ סך פאַרביסענע „כנענים" אין ישראל געעפנט די אויגן אויף די אוצרות פון דער יידישער ליטעראַטור און יידישער דראַמאַטורגיע און גאָר באַזונדערס אויף דער גרויסער קינסטלערישער פערזענלעכקייט פון איציק מאַנגערן. וואָרום עס זענען שוין געווען פרווון פון העברעאישע דיכטער צו באַאַרבעטן מאָטיוון פון די מגילות, פון חומש, און תנ"כישע געשטאַלטן, אָבער זיי זענען ניט דערגאַנגען צו קיין זעלבשטענדיקע שאַפונגען. דאָקעגן מאַנגערס מגילה־לידער זענען אַ זעלבשטענדיקע אָריגינעלע שאַפונג, וואָס איר דראַמאַטיזירונג האָט אַרויסגערופן גרויס ענטוזיאַזם פון אַלע שיכטן צושויער. סיי די געזאַנגטע, סיי די געזונגענע לידער שפרודלען מיט פיינעם הומאָר און גראָטעסק־פאַנטאַזיע. גלייכצייטיק איז פאַראַן אין זיי מאַנגערס אייגנטלעכע ליריק, וואָס האָט סוגערירט און מיטגעריסן אין אַ רייכער שטימונגס־וועלט, פונקט ווי ביי אַלעם צו וואָס מאַנגער האָט זיך צוגערירט.

אין דער סצענישער אויפפירונג פון די מגילה־לידער האָט מען דערפילט דעם עכטן טאָן פון דער מאַנגערישער פלייט. דער רושם וואָס די דאָזיקע פאַרשטעלונג האָט געמאַכט וועט בלייבן אין זכרון. עס איז געווען סצענישע גבורה פון דורכ־אויס פאָלקסטימלעכן, וואָס האָט זיך פונאַנדערגעשפּילט אין אַ ברייטער גאַמע פון פאַרביקער טעאַטראַלישקייט. דער אומגעצוימטער אויסברוך פון מאַנגערס דיכטערישן קאָמפּאָנענט מיט דער פלייצנדיקער שפע פון אומגעאַנטע קאָלירן און אומגעריכטע קלאַנגען, באַגלייט מיט דער וווּנדערלעכער מאַגישער מוזיק פונעם קאָמפּאָזיטאָר דובי זעלצער, וואָס איז אַזוי האַרמאָניש אַריינגעפלאָכטן אין טעקסט, האָט אויפן פאַרביקסטן און איידלסטן אופן געבראַכט צום אויסדרוק דאָס וואַרעמסטע און עכטסטע פון אַלעם וואָס עס טוען און רעדן די מגילה־געשטאַלטן.

ווונדערלעכער סינטעז פון וויזיע און מוזיק

דער מדרש דערציילט:

„...ווען יעקב אבינו האָט זיך געגרייט צום שלאָף, אין וועלכן ער האָט געדאַרפט האָבן דעם גרויסן חלום פון אַראָפּ־און אַרויף־גייענדיקע מלאכים אויפן לייטער, וואָס באַהעפט די ערד מיטן אין־סוף, זענען אַלע שטיינער געקומען צום כביכול מיט דער טענה: „עלי יניח צדיק את ראשו". יעדער שטיין האָט געוואָלט האָבן די זכיה צו זיין דער צוקאָפּנס פון יעקב אבינו. דעמאָלט האָט דער באַשעפער פאַרוואַנדלט די קליינע שטיינער אין איין גרויסן שטיין".

אַזוי איז געשען מיט ארץ־ישראל, וואָס האָט אַרומגעוויקלט אַרום זיך דעם גאַנצן ערד־קיילעך. שפּעטער איז דאָס זעלבע געשען מיטן אָרט, אויף וועלכן עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן דאָס בית־המקדש. אייגנטלעך איז דאָך דאָרט דער „אבן־שתיה", דער שטיין פון די אָנהויבן, דער פונדאַמענט פונעם גאַנצן בנין, וואָס הייסט „וועלט־געשיכטע".

אָט דאָ האָט עס זיך אָנגעהויבן. מיט אַברהמס ערשטן זשעסט פון הכנעה: נעם, גאָט, דאָס טייערסטע... איך בין דיינער און קענסט מיט מיר טון וואָס דו ווילסט. אַזוי ציט עס זיך זינט יענעם ערשטן גרויסן נסיון ביז צו די לעצטע קרעכצן פונעם יידישן פאָלק אויף דער עקידה.

אַזוי איז אויך געשען מיט יידיש, וואָס איז אין דער יידישער מדינה גע־ברענגט געוואָרן אויף דער עקידה ביז עס איז דערהערט געוואָרן דער רוף: אל תשלח ידך אל הנער... יידיש־דיכטער פון גאָר דער וועלט האָבן, ווי יענע שטיינער, געזוכט דעם תיקון ביים צוקאָפּנס פון דער יידישער מדינה, מיט דער פעסטער אמונה, אַז זייער שאַפן איז דאָ פעאיק צו לעבן, אַז עס איז בכוח אויפצוטון אַ גרויסע אַרבעט אויף דורות־לאַנג, אַז זייער שאַפן וועט דינען דעם פאָלק און אַלע, וואָס טראָגן דעם נאָמען מענטש.

ווי מיט יענע שטיינער איז אויך דאָ געשען, אַז אַלע זענען זיי איינגעוויקלט געוואָרן אין די ווערק פון איציק מאַנגער. די, וואָס האָבן זיי געבערענגט, האָט זיך פון אָנהויב אויסגעוויזן ווי אַ פרעמד אימפּאָרט־אַרטיקל און זיי האָבן זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז דאָס וועט זיין אַזאַ גרויסער שעפערישער אויפטו, אַז דורך מאַנגערן וועט זיך אַנטפּלעקן יידישע דיכטונג בכלל, אַז די יידישע פּאָעזיע פאַרמאָגט גרויסע דיכטער, וועמענס לידער ברענגען אַריין נייע עלעמענטן אין אַ ליטעראַטור, באַרייכערן זי נישט נאָר מיט גוטע לידער, נאָר אויך מיט נייע פאָרם־ווערטן, און עכטע פאָרם איז דאָך תמיד גלייכבאַדייטנדיק מיט אינהאַלט. מאַנגערס ווירקונג אין ישראל איז געקומען דורכן טעאַטער. ווי ליריש עס זאָלן נישט זיין די מגילה־לידער, זענען זיי אָבער, מער ווי אויף שטימונג, געבויט אויפן אַקטיוו־דראַמאַטישן באַנעם פונעם געשעעניש אָדער איבערלעבונג. דער טאָן, די רייד, די מאָדולאַציעס, דער אויפשפּיל פון בילד — אַלץ טראָגט אַ דראַמאַטישן כאַראַקטער, דראַמאַטיש אין אויסדרוק און אויספורעמונג. זיכער האָט דאָס פיל צוגעטראָגן צו דער עפעקטיווקייט פון די מגילה־לידער אויף דער בינע.

צוטרעטנדיק אַרויפצוברענגען אויף דער בינע איציק מאַנגערס חומש־לידער, האָט די רעזשי זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז אין זיי זענען איינגעוויקלט אַ סך מער ווי אין די מגילה־לידער, עלעמענטן פון מאַנגערס אייגנאַרטיקייט און אָריגינאַליטעט. די זעלבע שפּילעוודיקייט האָט דעם לירישן טרויער פאַרהילט אין געלעכטער־שלייער; די זעלבע וויזיאָנערישקייט און בונטאַרישקייט מיט מער וואָרהאַפטיקע ווידערקלאַנגען; די זעלבע שפּיל־זשעסטן, מאַסקן־גרימאַסן און באַהעמיש־ווילעריש לעצווען מיט מער עמאָציאָנעל־פּלאַסטישן עלעמענט; די זעלבע פאָלקסטימלעכקייט, וואָס שטראַלט מיט מקורותדיקן יידישן חן פון תחינות, צאינה וראינה און האַרציקע באָבעס. אָבער מיט מער דערקענטן פיין און סענ־סועלער רייכקייט פון בילד, מער גאַלאַנטע טרובאַדורישקייט, פּאָעטישע טראָ־

ציקייט מיט קלוג אינסצעניזירטער ליריק. דער רעזשיסער שמואל בונים האָט דערפֿאַר דאָס אַלץ געוואָלט אַרויסברענגען אויף דער בינע און אַלע שבחים, וואָס ער האָט דערפֿאַר באַקומען, זענען נישט מער ווי אַ טייל פֿון גרויסן לויב, וואָס ער האָט זיך פֿאַרדינט.

געוויס וואָלט דאָס נישט דערגרייכט געוואָרן אָן דער הילף פֿון דובי זעלצער, וועמענס קאָמפּאָזיציעס האָבן אין זיך די ניגונים פֿון דער מגילה און פֿון מעביר־סדרה־זיין צוזאַמען מיט די שטראַלנדיקע מאָטיוון, מיט וועלכע עס רעדן זיך צונויף די לבנה און די שטערן מיט די מענטשן פֿון דער ערד, די בלומען און ווינט. און ווי מאַנגער איז אויך דובי זעלצער נישט אָוועק צום אַמאָל, נאָר האָט דעם אַמאָל איינגעלאַדן צו זיך, אים פֿאַרהיינטיקט און דערמיט אויך אוניווערסאַליזירט.

עס וועלן אפֿשר פֿילן אַ נישט־געזעטיקטקייט די, וואָס האָבן געמיינט צו זען אין דער אויפֿפֿירונג פֿון די חומש־לידער אַ המשך פֿון די מגילה־לידער, אַ ווייטערדיקן רעקוויזיט פֿון פֿאָלקלאָר־מאָטיוון און דאָס בציבורדיקע קול, וואָס דאַוונט אַרויס פֿון זיי. מען דאַרף אָבער געדענקען, אַז אויך אין פֿאָלקס־מאָטיוון איז נישט תמיד דער קען־צייכן דאָס נאַיווע און עלעמענטאַרע. אין זעלצערס קאָמפּאָזיציעס צו די חומש־לידער זענען צעוואָרפֿן מאָטיוון פֿון העכער־אַנטיזיקלט פֿאָלקס־געזאַנג, וואָס איז דער אויסדרוק פֿון אַ רייכערער פֿאָלקס־נשמה, ווייל אַזעלכע זענען אויך מאַנגערס לידער, מאַנגערס חומש־געשטאַלטן. ווי שאַרזשירטע, ווי קאַריקאַטוריסטיש אָדער גראָטעסק זיי זאָלן נישט זיין, צייכענען זיי זיך אויס נישט נאָר מיט זייערע לעבעדיקייט, מיט זייערע טעאַטראַלישער וויטאַליטעט, נאָר אויך מיט וואַגאַבונדיש בלוט, וואָס זידט און זינגט. און פֿאַראַן אין זיי אויך אַ טרויער, וואָס אַט־אָט פֿאַרוויגט ער, אָבער באַלד הויבט מאַנגער אויף זיין וואַגאַבונדישן חוזק־שטעכן און שאַפֿט דעם בכיוונדיקן דיסאָנאַנס סיי צו דער תב״כישער קדושה און סיי צום נאַגנדיק־ראָמאַנטישן. צו די אַלע עלעמענטן און געמיט־צושטאַנדן האָט דובי זעלצער מכוון־געווען זיינע קאָמפּאָזיציעס. עס זינגען אין זיי די פֿאַרהיינטיקטע בערל בראָדער, וועלוול זבאַרזשער און הונדערטער אַנאָנימע יידישע טרובאַדורן. זעלצער האָט זייערע ניגונים איבערגעוועבט אין אַרויסבאַקומען פֿון זיי מעלאָדיעס, וואָס זענען אי אַלט און אי ניי, אי נעכטיקע און אי היינטיקע און אפֿשר אויך מאָרגנדיקע; אי דער זיפֿץ און לאַך פֿון די בראָדער זינגער און אי מאָדערנע מוזיק, אין וועלכער עס קלינגט אָב אויך אור־אַמאָליק פּאַגאַניש געזאַנג פֿון ליבע און לוסט.

אַזוי האָט נישט בלויז יעדעס ליד, נאָר אויך יעדע טעאַטראַליזירטע וויזיע געמוזט האָבן איר אייגענע מוזיק, איר אייגענע מעלאָדיע. מאַנגער אַליין האָט ערגעץ געזאָגט וועגן זיין שווערן גראַאַנגאַל, וואָס ער האָט געפֿירט מיט די שאָטנס פֿון געמיט: „אָבער נאָך שווערער איז דאָס געפֿינען די מוזיקאַלישע באַגלייטונג צום דאָזיקן שווערן גראַאַנגאַל, דעם סינטעז פֿון וויזיע און מוזיק״.

יעקב פרידמאַנס לידער

דאָס העכסטע אין יעקב פרידמאַנס פּאָעזיע איז געווען די גאָט־זוכעניש. איבער אַלעם, וואָס ער האָט געזונגען, האָט געשוועבט די באַהעפטונג מיט גאָט. אַ ציטער גייט דורך ביים פּילבאַרן לייענער, ווען ער הערט זיך איין צוזאַמען מיטן דיכטער „אין דער נשמה פון דער וועלט" און דערפילט „אָ, ווי וווּנדערלעך עס איז אין שויס פון שיינקייט צו ליגן, / מיט גאָט אַליין / אין צעשטערנטן שויס פון דער שיינקייט". פרידמאַן האָט געהאַט אַ טבע אַנצולאָדן און אָפּפרעגן די אַנטפּלעקונג דורך זיין סקעפּסיס, דורכן שאַרפן אויפבריוז פונעם אומזין: „...אפילו גאָט אַליין קען נישט באַשאַפן / אַזעלכע טפל־נישטיקע זאַכן, / פון וועלכע איך זאָל נישט קענען מאַכן מיין ליד..." אַמאָל קומט דער איבערייס דורך דער פּלוצימדיקער אַריינמישונג פון זיין מכלומרשט ניכטערן פאַרשטאַנד: „די וועלט האָט זיך אַליין געוועלטיקט, / און די שטערן אַליין געשטערנט — — איך איינינקער אַליין, איך פנחסל חקרן, דריי זיך אויפן מילראָד פון חקירה, / און בין כופר אין אמונה און כופר אין כפירה". אָבער דעמאָלט ווערט זיין „האַרץ אונטער־געוואָרפן ווי אַ ממזר נעבן אַ פּוסטער קרעטשמע, / כליפּעט... כליפּעט עס, נאָר די קרעטשמע בלייבט אַ פּוסטע." דאָס איז אַן אינטואיטיוו אויסזינגען די שטימונג פון עמפּירישער זעלבסט־דערקענטעניש און באַגער נאָך פאַרוואַנדלונג, נאָך נייעם ווערן.

דאָס איז געווען דער כוח, וואָס האָט פרידמאַנען געטריבן אויסצודריקן זיין אומענדלעכן טרויער, ווי יענע קינדערלעך, וואָס „בלייבן דאַן אין די קעלערס אַליין, / און קוקן דורך די פענצטערלעך אין דער ווייסקייט אַריין" אָדער ווי די זקנים, וואָס „אין אַלע טונקעלע שטיבער צווישן טאָג און נאַכט, / זיצן זיי ביי די פענצטער און גלאָצן אין דער וועלט אַריין / און די אַלטע ציטערדיקע פינגער / פּויקן אין די גרויע שויבן אַריין: / אוי, טאַטע, וואָס וועט זיין? / און וואָס קען זיין? / איבער די נעפּלדיקע גאַסן שלייכן מענטשן זיך, / מן הסתם פון לוויות אַהיים, / ווייל פון ווו האָבן מענטשן צו גיין / אין אַזוינע האַרבסטיקע פאַרנאַכטן?"

נישט איינמאָל ווערט דער דיכטער דורכגענומען מיט מרידה: „ס'איז דער לאָגל פול שוין, בורא!" ער איז דערין זיכער, כאָטש ער זאָגט: „...אפשר איז גאָט אַליין נישטאָ מער, / און די וועלט איז אַ ראָד אַ געקרייזטער / דרייט נאָך אַליין זיך אַ רגע / נעבן די טויטע פינגער פון גרויסן מייסטער?" און דאָך, אויב עס וועט אויסוואַקסן אויפן אַלטן מיטאָס־בוים פון דער יידישער גאָט־געשיכטע אַ נייער צווייג, וועט ער האָבן אין זיך אויך דאָס חיות פון פרידמאַנס פּאָעטישער גאָט־זוכעניש. עס איז די פאַנטאַסטישע וועלט, וואָס ער האָט געשאַפן לויט דער פאַרשטעלונג פון געטלעכקייט, נישט אויפן וועג פון קבלהשן צמצום, נאָר דורך

אידענטיפיצירן זיך מיטן באַשעפער. אין ליידנשאַפטלעכן באַגער צונויפגיסן זיך מיטן באַשאַף, אין דבקותדיקן ייחוד מיטן אחד. „חוץ מיר און גאָט איז קיינער נישטאָ״. אַמאָל גלייך אויף גלייך, אָבער ס׳רוב אָנערקענענדיק די מעכטיקייט פון כביכול אָבער אויך זיין אייגענעם כוח צו באַשווערן גאָט צו באַהעפטן אים מיטן קוואַל פון חסד און קוואַל פון ליכט און ליבשאַפט.

פון דעם אָ קוואַל פון חסד און ליבשאַפט האָט פרידמאַן געשעפט זיין פּאָעזיע און האָט דערפאַר נישט געדאַרפט דורכמאַכן קיין שווערע טראַנספאָרמאַציעס, כאָטש ער האָט איבערגעלעבט אַזעלכע קאַשמאַרפולע צושטאַנדן, ווען דער פּאָעט בלייבט אַ טרויעריק־צעטומלטער הענגען צווישן הימל און ערד. אין די זינלאָזסטע אָנשיקענישן דרייט זיך אויס די ביטערגיש און ווערט פאַרשטאַנד וואָס איז דורכגענומען מיט ליבשאַפט צו גאָר דער וועלט און ער לעבט זי איבער אַזוי אינטענסיוו, אַזוי טיף און געוואַלטיק, אַז די פּאָעזיע פילט אויס דעם חלל אין דער ווירקלעכקייט און קיין איין רגע גייט נישט פאַרלוירן אָן צו פילן דעם אָטעם פון גאָטס חסד און רחמים.

יעקב פרידמאַן איז פון דער דיכטערישער השגחה געוואָרן באַרופן צו חידושימדיקע אַנטפּלעקונגען און די השגחה האָט עס אים געבענטשט מיט אַזאַ איינספּירירנדיקן פּאָעטישן גייסט און פּאָעטישער גדלות אָבער פריי פון פּאָעטישע פּאָזעס. עס איז קעגן זיין פּאָעטישער נאַטור צו מאַכן אָנשטעלעגישן. אויב ער זאָגט: ״אפילו דאָס קויטיקע היי אויפן אָרעמען יריד / וועל איך צונופקלייבן פאַרנאַכט״ איז עס דערפאַר, וואָס עס לעבט אין אים דאָס געפיל, אַז ״שפּעטער וועט פון זעלבן מיסט / אויפגיין אַ פּאַרע ווי אַ לייטער פון זילבער, / אויף וועלכן די שיינע לבנה־קינדער, / מיט די בלויע פידלען פון רחמים און חלום, / וועלן קלעטערן אַראָפּ־אַרויף, / ווי די מלאכים אין יעקבס חלום״. ער דאַרף זיך נישט איבערשטעלן אויף איבערצייגן פון הכנעהדיקער דביקות צו מרידה. זיין פּאָעטישער אינסטינקט העלפט אים צונויפגיסן צוויי היפּוכדיקע ספערן אין אַן אייגענער וואָר און אין איר גייט אויף זיין ווידערשפעניקייט אָן שפּור פון ביטערניש. אדרבא, ס׳איז אַ מרידה, וואָס קומט פון אומגעשטילטן דורשט און פון דער גרויסער ליבשאַפט צו מענטשן, צום באַשאַף און צום באַשעפער, אַז ער פאַרגינט זיך אַריינצוזאָגן: ״אַלץ איז פאַרקערט און קאַפּויער / צווישן משוגענע ווענט / גאָט אַליין האָט איינגעמויערט / אין געמויער זיינע הענט״.

נישט געקוקט אויף זיינע כסדרדיקע טענות צו גאָט איז דאָך אין זיינע לידער פאַראַן אַ היילנדיקע בטחונדיקייט. אַמאָל אַ צעזונגענע, ״הללויה! זינגען און טאַנצן די ליכטיקייטן איבער מיר״. אַמאָל מיט דער יידישער פאַרחלשטער בענקשאַפט נאָך רו. ״אַזויפיל געפאַרשט דיך, מיין גאָט, / איצט פאַרש איך נישט מער. / שטום ווי דאָס בערעלע ביים האַריקן בויך / פונעם בער, / וועל איך אויסציען זיך לעבן דיר / אין וואַלד געדיכטס״.

טיפע אינעווייניקסטע גאַנצקייט, פולע דיכטערישע אַנטפּלעקונג פילט מען אויך אין די לידער, וואָס שרייען פון זיך אַרויס די סתירות און ספיקות: „ווער זענען מיר אין סודותדיקן גאַנג פון דורות?״ אין גייסט איז זיין ליד תמיד

פאַנטאַסטיש. אפילו ווען ער זעט אויס צו זיין געשטימט קונדסיש־ליצניש, שווימט אין אַ ווייסער שיף צווישן הכנעהדיקע כּלות אָדער גאָר מאַריאַנעטיש, וואָס „אַמאָל טרייבט דער שטורעם אונדזער האַנט צו מאָרד, / אַ צווייט מאָל באַפּעלט ער איר צו גלעטן", פאַרכאַפּט דאָך דער גרויסער ערנסט, דער טיפער חשבון הנפש, וואָס איז אַזאַ אינטעגראַלער טייל פון זיין דיכטונג און אַזוי כאַראַק־טעריסטיש פאַרן עכטן יעקב פרידמאַן און דער עיקר, וואָס דאָס אַלץ, סיי דאָס ליצנותדיקע, סיי דאָס ערנסטע ווערט ביי אים דערהויבנדיק און פליסט דירעקט אַרויס פון האַרץ און מוח, גדלות דמוחין; פון אוממיטלבאַרער דורכגענומענקייט מיטן האַרמאָנישן געפיל, וואָס גיט דעם קאָסמישן „תענוג צו ליגן אויף דער שוועל פון באַשאַף" און פילן „ווי עס גייט דורך מיר / די וועלט די גאַנצע שטילערהייט, / אַלע דורות פון אדמען ביז איצטער / און מיט אים צוזאַמען גייען טייכן, וועלדער, שטעט".

בכלל זענען פרידמאַנס לידער גרויסע איינהערונג אין זיך און אין דער אַרומיקער וועלט און דאָס איז טאַקע דאָס וווּנדערלעכסטע, וואָס שמידט צו די אויפמערקזאַמקייט פון לייענער, די פּילפּאַכיקע וואַכזאַמקייט פון דיכטער צום אינערלעכן שפּינען פון דער אייגענער נשמה און צו דער אינעווייניקסטער רעאַליטעט פון חי און דומם. יעדער דעטאַל איז בילדלעך און שעפּט אויס דאָס טיפע, וואָס לאָזט זיך בלויז אנען. דערביי איז באַזונדערס אינטערעסאַנט און קינסטלעריש די דערציילערישקייט. דאָס דורכשמועסן זיך, אין מאָנאָלאָגן און דיאַלאָגן, וואָס שטערט נישט, נאָר פאַרקערט, פאַרשטאַרקט די לירישע אינטענ־סיווקייט פון ליד.

יעקב פרידמאַן געהער צו די גרויסע דיכטער, וואָס פאַרבליפן מיט יעדן איינציקן ליד, אָבער דעם גאַנצן פאַרנעם פון זייער גרויסקייט דערפילט מען ווען מען קען זיי אינגאַנצן. אין פרידמאַנען האָבן געשפּילט, געשטורעמט און זיך געריסן צום אויסדרוק קאָנפליקטן און קאָנטראַסטן. ער איז געווען אי ליריש, אי סאַטיריש, סענסועל און אַסקעטיש, הכנעהדיק און שטאָלץ. ער האָט געטראָגן אין זיך די זעאונג פון „לעצטן אדם אויף פאַרקוילטער ערד", מיטן פּחד פאַר גאָטס „אָנהייבן דעם בראשית פונסניי" און אין דער זעלבער צייט בענקט ער נאָכן „סוד פון מיין ערב־געבוירן". ער זינגט עקסטאַטישע הימנען צום באַשעפער און האָט דאָס טראַגישע געפיל פון „לייכטן און נישט געדאַרפט צו ווערן. ער גיט זיך אָפּ צו גאָט ווי „יצחק אויף דער עקידה אין פאַרטאָגיקן וואַלד". זינגט צו גאָט „אַ לויב, וואָס האָסט אויף אַ רגע / געמאַכט מיין גוף פאַר אַ טיר צו דיר"... און ווייסט אַז דאָס איז נישט מער ווי „כּדי פון העכסטער הויך צוריק צו פאַלן אין טיפעניש פון תהום אַריין". דערגרייכנדיק אַזאַ הימל־הויכקייט, וואָס איז אין דער יידישער דיכטונג אַ זעלטענע דערשיינונג, האָט ער אָבער דאָס טראַגישע געפיל פון אייביקע צוימען און גרענעצן, וואָס מען קאָן נישט אַריבערטרעטן.

אומפאַרגעסלעך איז פרידמאַנס יעדעס ליד, אָבער דעם פולן ווערט און געוואַלדיקן פאַרנעם פון זיין קונסט דערקאָנט מען ערשט, ווען מען קען אַלע זיינע לידער. צו דער הויכער קונסט קומט נאָך צו דער אינעווייניקסטער זין און דראַנג, וואָס שטייגט ווייט אַריבער די פּאָעטישע קולטור און דערגרייכט די

העכסטע מדרגה פון נביאישער קאָנטעמפּלאַציע. אַזאַ ליד ווי „דער אר״י הקדוש״ איז אַ סך מער ווי אַ ליד — אַ גרויס ווערק. יעדעס וואָרט, יעדע שורה איז פול מיט געלייטערטער שיינקייט און זיכערקייט פון עכטע, שטיל־לויטערע עקסטאַז־מאָמענטן. יעדער פּרט איז דאָ העכסטער סימבאָל, יעדעס בילד אַן עפּישע פּאָעמע. איך דערמאָן דאָס דאָזיקע קורצע ליד, ווייל דאָס איז איינס פון אַ סך, וואָס וויפל מאָל מען זאָל זיי נישט לייענען, אַלץ מער דערפילט מען די דורכ־זיכטיקע ריינקייט און נשמה־יתרהדיקייט, די פּלוצימדיקע ווירקונג פון אוממיטל־באַרן קאָנטאַקט מיט „טויזנטער געזיכטער און גופים, / ווי אַ קוואַל דורך בערג און געשטיין, / ביז זי וועט דורך יסורים און סיגופים / געלייטערט אומקערן אַהיים, / אַהיים צו דיר, רבונו של עולם״...

נישט איינמאָל האָט יעקב פרידמאַן געוואָלט איינשמועסן זיך אָדער דעם לייענער, אַז אין תוך גענומען „מיר איז קיין חילוק נישט מער, / אין וועלכן לשון איך זינג, ווו, ווען און ווער איך בין / אין אַ משוגענער שטאָט״. דער אמת איז אָבער, אַז דער דאָמינירנדיקער טאָן אין זיין פּאָעזיע איז דאָס געפיל, אַז עס „שרייבט צו אייך דער יידישער פּרינץ / אין זיין הייליקן יידישן לשון״ און „שיין איז צו לייענען מיין בריוו אין לבנה־שיין ביים ים, / בשעת די שיפן לאָזן די זעגלען אַראָפּ און דער ווינט איז מיד / און פון געבערג רינט, מסתם, / אַן אַלטן פּאַסטעכס טרויעריק ליד״.

אין אונדזער פּאָעזיע האָט אפשר קיינער נישט געהאַט אַזוי פיל עכטע רעליגיעזיטעט ווי עס האָט פאַרמאָגט יעקב פרידמאַן. זעלטן אַזאַ שטיין מיט אַ פרום געמיט פאַר די לעצטע רעטענישן פון וועלט און לעבן, אַזאַ בענקען נאָך דער לעצטער אַנטפּלעקונג פון אַן אמת, און עס איז געוויס נישט קיין גוזמא, אַז פרידמאַנען האָט נאָך דערוויל קיינער ביז איצט נישט איבערגעשטיגן אין דבקות פון גאָט־זוכעניש און פאַנטאַסטישן אהבת הבורא, אין פאַרביקייט און אָריגי־נעלקייט פון סטיל און פולבלוטיקייט פון דער שורה.

עס איז דעריבער קיין חידוש נישט, וואָס די באַקאַנטשאַפט מיט פרידמאַנס לידער איז אַזאַ גרויסע, ממש אַנטשיידנדיקע איבערלעבעניש און עד היום לייענען מיר די לידער זיינע מיט דעם זעלבן געפיל פון איבעראַשונג, פרייד און באַוווּנדערונג.

אין זיין וווּנדערלעכער פּאָעזיע איז פאַראַן אַזויפיל גרויסע מענטשלעכקייט און אַזויפיל פאַרבאָרגענער כוח צו פאַרוואַנדלען וואָך אין יום־טוב, אַז דאָס לייענען ווערט אַ טיפע און פייערלעכע איבערלעבונג. מען קערט זיך אום צו זיין פּאָעזיע ווי פאַרגלויבטע חסידים צו דער תורה פון זייער רבין, לאַנגע יאָרן נאָך זיין הסתלקות.

יעקב פרידמאַנס פּאָעזיע איז פון דעם מין וויזיע און חקירה אינאיינעם, וואָס העלפט אונדז אַריינקוקן אין זיך, לאו דווקא אויף צו דערקענען און פאַרשטיין, נאָר מער אויף צו דערזען דאָס אומפאַרשטענדלעכע, די מיסטעריע פון אייגענעם לעבן ביזן קלענסטן ווערעמל.

מען האָט געזאָגט אויף אים, אַז ער איז פול מיט וואַקלענישן צווישן אמונה און כפירה, אָבער אין דער אמתן זענען זיינע לידער ווייט איבערגעוואַקסן דעם

פשוטן באַגריף פון ספיקות. אין זיין פּאַעטישן שווונג האָט ער זיך דערהויבן אין די ספערן, ווו כפירה איז נאָר אַ שטאַפּל צו דער סאַמע לויטערסטער אמונה און די טראַגיק — דער וועג צו די ממעמקים פון דער נשמה, צום שורש פון פאַרהוילנקייט.

זעלטן אַ דיכטער, וואָס זיין טאַלאַנט און פּריוואַט לעבן איז אַזוי צונויפגעגאַסן, ווי דאָס איז געווען יעקב פרידמאַן, אין איין טיפער ליידנשאַפט צו שיינקייט. ער איז געווען דיכטער אין אַלע שעהן פון טאָג און נאַכט, מיט דעם כוח אויפצוהיטן אין יעדן, וואָס האָט אים געקענט פון דער נאָענט, די ליבשאַפט צו זיין געשטאַלט אויך אונטערן שלייער פון טויט און פונדאַנען דער גלי פון בענקשאַפט צום דיכטער, צו זיין כישוף־וואָרט, צו זיין געשטאַלט, וואָס באַצווינגט אונדז ביים אומקערן זיך צו זיינע לידער, ביים דערמאָנען זיך אין יעקב פרידמאַן, וואָס האָט אַזוי געבלענדט און געכישופט מיט זיין געשריבן און גערעדט וואָרט, מיט זיין גאַנצער דיכטערישער פערזענלעכקייט.

אַ סך רבישעס, פון דער ריזשינער גזע, איז געווען אין יעקב פרידמאַן, אָבער דאָס סאַמע עיקרדיקע אין זיין רבישקייט איז געווען זיין חוש פון פילן אַרום זיך, ווי לעבעדיקע צוהערער און לייענער, די יידן פון שפּעטערדיקע צייטן, אפשר אויך פון די, וואָס דאַרפן ערשט געבוירן ווערן און וועלן קומען צו יידיש דורך פאַרהוילענע גורלדיקע וועגן.

דער דאָזיקער חוש געהער צו די פסיכישע הויפּט־עלעמענטן פון גרויסע קינסטלער, נביאים און באַרופענע רביים. אַזעלכער איז געווען יעקב פרידמאַן און דערפאַר קערן מיר זיך אום צו זיינע לידער, וואָס העלפן אונדז באַנייען אונדזער גאָט־ און לעבנס־געפיל און מאַכן אונדזער לעבן שענער, ווערטפולער.

יעקב פרידמאַנס וועג ציט זיך פון אינטראָספּעקטיווער „איך"־זוכעניש צום נע־ונדיקן גאַנג געטריבן פון טיפער גאָט־בענקשאַפט. שוין אין זיין ערשטער גרויסער פּאָעמע „אדם", וואָס איז דערשינען אין טשערנאָוויץ 1934, ווען ער איז אַלט געווען פיר און צוואַנציק יאָר, זינגט אַרויס פון זיין אדם הראשון אַ מין השתוקקות אלוהים, וואָס גייט איבער אין זעלישער באַדערפעניש צו הכרת־אלוהים. גאָט איז פאַר אים נישט געווען קיין איין־מאָל־פאַר־אַלע־מאָל אַנטפּלעקער, כאָטש ווער ווייסט עס נישט, אַז געטלעכקייט איז די גרויסקייט און די שיינקייט, „דאָס ליכטיקע געזאַנג וואָס פליסט אין די אָדערן פון דער וועלט"? דאָס הייסט אָבער נישט, אַז דער מענטש איז בלויז קליינקייט און נישטיקייט, וואָרום ער קומט דאָך אוממיטלבאַר אַרויס פון גאָטס וועזנטלעכקייט, איז בלויז אומבאַהאָלפן און צוגעבונדן צו דער ערד ווי די גראָזן אָדער ווי „געציטערטע ביזינקלעך ביים גרויסן, קלוגן טאַטן". מען דערזעט עס און מען נעמט עס פאַרשטיין שוין ביים בראשית:

„אַהאַ! אַלדינגס לעבט, אַלדינגס בליט אַרום,
און אַלדינגס דאַרף ווערן...
ווי אַזוי וועט אויסזען די פולקומקייט וואָס מיר פאַרהוילן נאָך אין זיך?
און וואָס דאַרפן מיר הערן?

ווער בענקט נאָך אונדזער רייפקייט?
און ווער טרייבט אונדז צו צעבליען?
מיר ווייסן נישט,
נאָר ס'איז גוט:
דער טוי פאַלט אויף אונדז און מיר זויגן אים זינגענדיק איין.
און מיט דער גוטסקייט פון אַ מאַמען פליסט אויף אונדז די שטערנשיין
אין בלויע פרילינגנעכט.
ווייסן מיר גאָרנישט, נאָר מיר פילן,
אַז עפּעס אייביקס פירט מיט אונדז, פירט און איז גערעכט..."

אָט די טיף־געאָנטע ווערטער לייגט פרידמאַן אַריין אינעם מויל פון אדם הראשון, וואָס מיינט די אייביקע ערשטיקייט פון יעדן מענטש. אין דאָזיקן מאָטיוו איז פאַראַן אויך פילאָזאָפישער געדאַנק, צו וועלכן פרידמאַן איז דער־גאַנגען נישט דורך חקירה נאָר דורך גרויס־פּאָעטישער אָנונג: די בעל־קשאַפט איז גאָטס אַן אייגנשאַפט, אַן אַטריבוט פון געטלעכקייט, האָט נישט קיין אָנהויב און נישט קיין סוף, איז אַן אַקטיווע שעפערישע קראַפט. דער שעפער און דאָס געשאַפענע איז די זעלבע זאַך און פון דאַנען קומט דאָס אינעווייניקסטע געזעץ זיך צו פאַרביגדן, דורך ליבשאַפט, מיטן העכסטן גוטס.

מיט דער דאָזיקער אָנונג זענען דורכגעדרונגען אויך אַלע זיינע שפּעטער־דיקע שאַפונגען. וואָלט אים באַשערט געווען איבערצונעמען דאָס רביסטווא פון זיין טאַטן און זיידן, וואָלט זיין דרך זיכער געווען דאָס שטעלן דעם טראָפּ אויף אהבת הבריות, ווארום די געטלעכע שאַפונג איז אַן אַקט פון בענטשונג, פון גוטסקייט און נאָר דער וועג פירט צו דערנענטערן זיך צום מקור פון לעבן און דערגרייכן דאָס באַפרייען זיך פונעם טויט. „נישט ציטער פאַרן טויט, קום, ווער מיט אים היימיש. / ווי דעם זיידנס קיטל שמעקט ער, ווי דעם זיידנס אַלטע שמות". נישט איינמאָל קערט זיך פרידמאַן אום צום דאָזיקן מאָטיוו פון באַפרייען זיך פון דער מורא פאַרן טויט און אויפהערן זען אין אים אַ קאָשמאַר: „סאָראַ תענוג איז צו שבתן / נאָכן שטויביקן וואָגל, / צוריק ביים טאַטן אין דער אַלטער גוטער היים..."

די דאָזיקע אָנונגען האָבן פרידמאַנען נישט געלאָזט רוען. ער האָט געפילט אַ נאָגנדיקע באַדערפעניש צו באַפעסטיקן אין זיך ממש בילדעריש די גאָט־אידעע און צו געניסן פון געטלעכן קוואַל אין זיין גאַנצער דערפרישנדיקער קראַפט. ער האָט געוואָלט אַריינגעמען אין זיך די גאַנצע שפע ליכטיקייט, וואָס שטראַלט פון העכערע גאָט־מדרגות.

זיין גאָט־זוכעניש האָט אים קיינמאָל נישט געפירט צו קבלה און זוהר, נישט צו אַסטראָנאָמישע און קאָסמאָלאָגישע לערעס. ער האָט אפשר בכלל נישט געהאַלטן פון לערנען די פראַצעסן פון געטלעכער אויסשטראַלונג, אָבער אין זיינע לידער בליצן דורך די אָנונגען פון די צען ספירות ווי זיי שפיגלען אָפּ דעם ערשטן מקור. וואָס ווייטער פונעם ערשטן מקור אַלץ בלאַסער איז דאָס בילד, אַלץ מער גשמיות.

„און ערגעץ טיף אין זיך האָט ער אַ קול דערהערט:
„דו נאַרסט זיך, אדם, ביסט פלייש און גאָרנישט מער".

אָבער נישטאָ קיין חילוק צווישן פלייש און גייסט, צווישן קולטור און נאַטור, ווי צווישן איבערנאַטירלעכן און נאַטירלעכן. ביידע זענען פּראָדוקטן פון איין פּראָצעס. פאַר דעם וואָס „וויל זיך איינהאָרכן אין דער נשמה פון דער וועלט" און וויל זי איינאָטעמען אין זיך, הערשט אומעטום איינהייט. „נישט נאָר אין די פיר איילן גוף, וואָס הייסן: איך, / נאָר אין דער גאַנצער צעשטערנטער אומענדלעכ־קייט, / אומעטום איז מיין היים". אַזוי זענען ביי אים די איבערגענג פון ריינער רוחניות צו ריינער גשמיות, אָבער אויך די גשמיותדיקע וועלט טראָגט אין זיך אַן אָפּגלאַנץ פון געטלעכן קוואַל. אַלץ ציט זיך מיט גרויסן באַגער צום ערשטן לעבנס־קוואַל: „איך בין דאָס ליד פון שטילע נעכט, וואָס פליסט פון גאָט און צוריק צו אים, ווייל אומעטום איז ער. איך קום פון גאָט און גיי צו אים".

אַ פאַרטשמעליעטער פון באַוווּנדערונג קוקט ער זיך צו צו די וווּנדער פון באַשאַף און האַלט אָן זיין שטייגנדיקן גאַנג פון די אַלע עלעמענטן וואָס שטעלן צונאָמען די וועלט און אַזוי שוועבט ער איבער דער פּלאַנעטן־ספערע ערגעץ ביז צו דער אַכטער און ניינטער ספערע, ווי ער וואָלט יעדן טאָג געפאַלן כורעים פאַרן באַשעפער פון די אַלע שיינקייטן, אין וועלכע עס איז אויך פאַראַן דאָס „געוויין פון אַ האַרץ, ווען ס'איז אַליין, אויף דער וועלט אַליין... / און גייט אונטער ווי אַ זון. / און גאָט איז אין דער שיינקייט דערפון..."

שיינקייט איז ביי פרידמאַנען נישט בלויז אַ געמיט־צושטאַנד, אַן עמפינדונג אָדער אימאַגינאַציע. זיינע טראַכטונגען און אַנונגען זענען קיינמאָל נישט רעדוצירט צו די דערפאַרונגען פון דער נאַטור, פון אָרגאַנישע שפירונגען. מיט דער שיינקייט פון זון־אויפגאַנג און פאַרגאַנג שווימען אַרויף די פראַגן: „ווער צינדט דען יעדן פרימאָרגן די זונען און פאַרלעשט זיי יעדן אָוונט? / ווער איז דער וואָס צינדט אַזויפיל שטערן אָן?" דאָס איז דער דראַנג צו דערקענטעניש, צו געפינען די ערשטע פּרינציפּן פון וועלט און מענטש, וואָס זענען דער פּערמאַנענטער קוואַל פון אינספּיראַציע פאַר זיינע לידער און אויף דעם יסוד שאַפט ער זיינע וווּנדער־לעכע געזאַנגען: „ברידער, לאָמיר אַ טורעם ביז צום הימל אויפבויען און פליגל צום פליען".

דעם טורעם ביזן הימל בויט דער דיכטער אין זיך און די ציגל און טרעפּ צום טורעם זענען פון דעם וואָס ער נעמט אויף פון זיך ווי פון דעם אַרום און נישטאָ קיין איזאָלירטע דערשיינונגען. אַלץ גיסט זיך צונויף אין אַן איינהייטלעכע רעאַליטעט און נעמט אַריין אויך די סתירות. אין דער פּאָעטישער דערקענטעניש זענען אויך די סתירות אַ טייל פונעם קאָסמאָס:

דער כאַאָס שווייגט: נישטאָ קיין אויג וואָס קוקט מיט ליבע צי מיט האַס
אויף אָט דעם אַלעמען,
נישטאָ קיין אויער וואָס הערט זיך צו.
ותוהו ובוהו רוישט אין די אייביקייטן בלינד און טויב,
אַריבער לעבן, אַריבער טויט,

צוליב גאַרנישט נישט, פאַר קיינעם נישט.
אַ, אייביקער אומזין!

די היפּוכדיקע בילדער חזרן זיך איבער אין אדמס זוכעניש צו דערקענען דעם זיין אין זיך, דעם תמצית אָדער די עצם־עקזיסטענץ. אין סך־הכל איז דער גאַרנישט אויך אַ סובסטאַנץ, אַן אורסובסטאַנץ פון אַלץ וואָס עקזיסטירט. אויפ־האַלטן זיך אין גאַרנישט איז דאָך עקזיסטענץ. אָן דאָזיקן גאַרנישט, וואָלט נישט געווען קיין באַוועגונג, קיין לעבן. פאַרוואָס־זשע נעגירן דעם גאַרנישט און נישט באַזינגען אים ווי דעם יש מאין?

פּונקט ווי עס איז פאַראַן דערקענטעניש, וואָס זוכט צו דערגיין צו די לעצטע יסודות פון באַוווסטזיין, אַזוי איז אויך פאַראַן דאָס זוכן צו דערקענען די יסודות פונעם זיין:

און אדם האָט געהערט קלאַפּן דאָס האַרץ פון דער צייט.
ער האָט דערזען דאָס מענטשלעכע לעבן פונעם ערשטן טאָג ביזן לעצטן,
אַלע דורות וואָס זענען געקומען און פאַרגאַנגען אין דער צייט.
און ער, אדם אַליין, אין דער אומענדלעכער נאַכט אַליין!
און ווער איז ער, אדם?
נישט מיט זיין ווילן איז ער געקומען
און נישט מיט זיין ווילן וועט ער גיין...
און צו וואָס איז ער דאָ?
און ווער פירט מיט אונדז?
סע מוז דאָך זיין אַ פירער פון דער וועלט!
און אדם האָט דערפילט זיך ווי אַ קינד, וואָס שטרעקט אין דער
פינצטער אויס די הענט:
„פיר מיך, מאַמע, פיר, ס'איז פינצטער ביי דער נאַכט!"

ש ב ת

שיינקייט ווערט באַוווּנדערט דורך יעדן מענטש, וועקט אויף אינטערעס, דערפירט צו התרוממות. ביי פרידמאַנען איז עס גראַד אַן אַנדערע קאַטעגאָריע. שיינקייט איז די פולע באַשפּייזונג פון אַלע זיינע חושים, וואָס דערגרייכן ביזן ערב באַשאַף, אין וועלכן עס איז שוין דאָ דער אָנזאָג פון ערשטן טאָג פון ששת ימי בראשית. דעם מענטשנס עקזיסטענץ באַשטייט נישט פונעם הווה, נאָר פון די „וווּנדערלעכע שייכותן צווישן אַלע זאַכן אין דער וועלט". אַלץ וואָס עקזיס־טירט באַשטייט פון איין־איינציקער סובסטאַנץ, וואָס פילאָזאָפן רופן „קאָסמישע מאַטעריע". קיין שום זאַך ווערט נישט געשאַפן און קיין שום זאַך קומט נישט אום. אַלץ באַשטייט פון איבערגאַנג פון איין צושטאַנד אין אַנדערן: „מיר זענען בעכערס גאָלדענע און איך פיל דאָס לעבן / פון איין בעכער אינעם צווייטן איבערגיסן... / סאַראָ וווּנדערלעכער יום־טוב! שטרעק אויס די אָרעמס, קלע־טערער, און זינג צום ברודער רוים, / צום ברודער קוואַל, צו ערד, צו זון און

רעגן... / מיר אָטעמען צוזאַמען און בליען ווי פּירות אויף איין בוים, / און אומענדלעך און אייביק איז דאָס געזאַנג פון אונדזער לעבן!"

דעם מענטשנס נשמה איז אומשטערבלעך, זי גייט פון איין גוף אין אַנדערן און איז איינע פון די זאַכן די וואָס געפינען זיך אין קאָסמאָס. דאָס איז ביי פרידמאַנען נישט אין סתירה צום יידישן מיטאָס, אַז דער מענטש איז באַשאַפן אין גאָטס געשטאַלט און אַז ער איז קוים עטוואָס ווייניקער פון גאָט, איז די קרוין און תכלית פון דער יצירה, פון אַלע וווּנדערלעכע זאַכן אין דער וועלט: „אין שטורעמדיקער שיינקייט שטיי איך גאַפנדיק אין גאָלד פון דער זון. / איך זאַפּ איין אין זיך דאָס געשריי פון אָקסן תאוודיקע און אָגערס, / און דאָס גאָלד דאָס שטילע וואָס פאַלט דאָ אויף אַ בלום. / איך בין אַלץ אַצינד אין שטילקייט פון באַגינען, / איך מאַך די אויגן צו און נעם די וועלט אין זיך".

אַזוי דערנעענטערט זיך פרידמאַן צום באַדייט פון דער פילאָזאָפישער מחשבה, אַז דער מענטש איז אַ באַשעפעניש וואָס געפינט זיך אין טראַנס פון ווערן, פון איבערגאַנג, מיט דער האָפענונג אויף דערלייזונג. דער אונטערשייד איז אָבער דערמיט וואָס יענע רעליגיעזע פילאָזאָפן האָבן געהאַלטן, אַז ווייניק מענטשן האָבן אַ שאַנס אויסגעלייזט צו ווערן און זוכה זיין צו אַן אייביק לעבן, ווייל דער רוב איז פאַרמשפּט אומצוקומען צוליב אדמס זינד, וואָס גייט איבער בירושה צו אַלע דורות. פרידמאַנס אדם איז נישט זינדיק:

אין גאַנצע נעכט פלעג אדם ביים ברעג פון ים אין בלויער
שטילקייט שטיין,
און זיך איינהערן אין דער וועלט,
און טראַכטן וועגן ציל פונעם לעבן.
און ער פלעג די הענט אויסשטרעקן און אַליין זיך פרעגן:
וווּהין גייען מיר? און וווּהין קען מען דען דערגיין?
און אדם פלעג דערפילן, אַז מע נאַרט נאַר זיך אַליין:
ווייל וואָס איז מען דען מער
ווי „עפּעס" געוואָרפן פון „עפּעס"? און וואָלט מען כאָטש וויסן וווּהין,
וואָלט מען כאָטש וויסן צו וואָס...
העי, אומזין, אומענדלעכער אומזין!

פרידמאַנס אדם איז די באַנייאונג פון דער יידישער מענטש־אידעע. ער מוז נישט זיין דער העכסטער אויסדרוק פון דער נאַטור כדי צו זוכן זיין שלימות אין דער אייגענער נאַטור, אין דער האַרמאָנישער אָרדענונג פון אַלע זיינע טיילן, אַזוי אין די הימלישע ספערן ווי אויף דער ערד. „איבער דער שטילקייט פון וואַסערן שווימט דער טאָג אַוועק מיט גאָלד / און ווי אין „טויזנט און איין נאַכט" נעמען אויסשטערנען זיך אין־סופן". דאָס באַהעפטן זיך מיט דער פויערטע מיט מאַלינעס איז אַ טייל פון דער זיסער שיכרות פון דער נאַכט ווען „ס'באַהעפט זיך גאָט דורך דער שיינקייט מיט דער וועלט". די ערד איז נישט קיין נידעריקערער טייל פון גאָטס אַלע וועלטן און איז נישט ווייניקער חשוב פון אַלע אַנדערע הימלישע קערפּערס. דער מענטש איז אַ מיקראָקאָסמאָס, וואָס

האָט אין זיך אַלץ וואָס עס האָט דער מאַקראָקאָסמאָס און כאָטש ער איז נישט מער ווי אַ טייל פון דער נאַטור האָט ער דאָך דעם כוח מתקן צו זיין גאָטס ווילן, און דעם כוח דאַרף דער דיכטער נישט זוכן מחוץ דעם גשמיותדיקן, נאָר איז אַליין די אינעווייניקסטע סיבה וואָס באַוועגט אַלץ. „ווי אַ גאָט איינגעשלאָפן ליגט די שטילקייט אויסגעצויגן איבער רוימען", דער מענטש האָט זיין יסוד אינעם געטלעכן און אַזוי קומט פרידמאַנס אדם צו דער דערקענטעניש, וואָס איר איינציקער אָנשפּאַר איז די פּאָעטישע אָנונג און זי גיט עס אים די באַהעפטונג מיט דער אייביקער שיינקייט, אַנטפּלעקט דורך גאָט.

ביי וועמען שיינקייט עקזיסטירט דורך דער מיטאַרבעט פונעם קאָנטעמפּלירנדיקן שכל; ווער עס באַטראַכט די שיינקייט ווי אַ כאַראַקטעריסטיק פונעם אָביעקט וואָס שאַפט אין מוח די עסטעטישע דערפאַרונג און ווערט דורך אונדז פראָסט און פשוט אָבסערווירט און אויפגעדעקט. ביי פרידמאַנען הויבט זיך אָן די שיינקייט פון אים גופא. די שיינקייט וווינט אין אים, בליט אין אים, „באַהעפט זיך מיט איר, ווערט איינס, איינס פאַר אַלע אייביקייטן..." זי איז די מיסטעריע פון אַלע אימפּולסן, איז אומאָפּהענגיק פונעם שכל, געפינט זיך אויף אַלע שטאַפּלען פון געפיל. „אָ, ווי וווּנדערלעך עס איז אין שויס פון שיינקייט צו ליגן / מיט גאָט אַליין / אין צעשטערטן שויס פון דער שיינקייט".

שיינקייט איז די אור־סיבה און דער רעזולטאַט, איז מאָטיוו און כוונה פון אַלע זיינע טואונגען און טראַכטענישן, איז „די בליִע האַנט וואָס רוט איבער אַלע זאַכן אין דער וועלט" און מאַכט קלאָר אַלץ וואָס איז פאַרהוילן און פאַרשטעלט און ווען „ער האָט ווידער געקניט און געקושט די שיינקייט פון דער ערד, / דעם וועג צום מקור פון וועלכן ער שטאַמט", ווייסט מען, אַז די שיינקייט איז די מאָס פון אַלע העכערע ווערטן און אויך פאַר אַלדאָס וויטאַלע. „ס'איז דער לוין פאַר דער שיינקייט / אַליין אין דער שיינקייט פאַראַנען... — מיר שטייען אויף און גייען אויס פאַר דער שיינקייט פון דער וועלט, פאַר איר ציל און גיבן אַלץ אַוועק, דאָס אייגענע לייב, דעם אייגענעם איך..."

דער וויטאַלער עלעמענט פון שיינקייט איז דאָס ליד, צי עס איז „דאָס ליד פון ציגיינער, / וואָס האָבן אייביק געצויגן נע ונד דורך דער וועלט", צי פון פאַסטוך, ווען די שאָף גייען אהיים פון דער פאַשע, צי פון לוי יצחק, פונעם ייד, וואָס „דאַוונט ביים ירדן מיין פשוט ליד" און נאָכמער פון משה לייב, וואָס „אים צופוסנס טאַנצט די טאָכטער פון סולטאַן" און אָן אים, אָן זיינע גראַמען, וואָלט די מענטשהייט נישט געהאַט קיין פנים — אַלע מאָל איז עס „דאָס ליד פון הייליקער שטילקייט, וואָס ס'קען קיינער נישט דערהערן".

אין די שפּעטערדיקע יאָרן, אין ישראל, ווען זיינע פּאָעטישע פליגל זענען שוין אַ סך גרינגערע און ער הויבט זיך לייכט ווי אַן אָדלער אין די הויכן, פאַרגינט ער זיך אָנצולענען די פליגל אויף דער ערד און באַלד זיך אַוועקלאָזן ווייט ווייט אין אַלע אייביקייטן. זיין ליד איז געוואַגטער, איז „געגליכן אַמאָל צו אַ זויגקינד אין דרימלענדיקן גלוסטן; / ס'איז נישט קיין חילוק אים, צי זייגט עס פון דער מאַמעס כשרער מילך / צי פון דער גויאישער אַמס טרייפענע ברוסטן..."

פרידמאַנס אינסטינקטיוון פּאָעטישן כּוח פילט מען אויך אין דעם אופן פון באַזינגען דעם שבת:

וויי פון טונקעלע היימען גייען מיר אַרויס פון די דלד אמות,
מיר טוען זיך פון די גופים אויס, פונעם עולם התוהו,
און ווערן אייביק צעשטערנטער שבת.
מיר לאָזן די ערד אונטער זיך, פאַרמאַכן די אויגן
און הייבן איבער בלוט זיך, איבער שיטערס און תליות
און ווערן די אייביקע שטילקייט פון צעשטערנטע הייכן.
אונדזער זינגענדיק אויפהייבן זיך אין לבנהדיקע נעכט
איז דער זילבערנער פלי פון דער בריאה,
וואָס באַהעפט זיך אין חלום צוריק צום ערשטן טאָג פון ווערק,
צוריק צום מקור, צו תוך, צו גאָט...

יעקב פרידמאַן האָט געשריבן אויף די אוניווערסאַלסטע מאָטיוון אין דער וועלט: איך, ער און זי, אָבער אַנגעפילט ווי אַ דריי־אייניקייט און נישט ווי אַ מעטאַפיזישן באַגריף, נאָר ממשותדיקער מהות פון לעבן, ווי עס קאָן נאָר זיין פּאָעטישער חלום, שטאַרקער פון אַלע פיזישע געזעצן. „אין חלום הייבן מיר די וועלט פונעם חומר, / גרינג ווי לבנה־שיין, אַרויף צום אין־סוף״.

פּאַסטוכער אין ישראל

יעקב פרידמאַנס גאָט־בענקשאַפט דריקט זיך אויס קודם־כּל אין תפילה: „איך פיל דיין ליבשאַפט רוט אויף מיין דאַך״. אַלץ אַרום, די גאַנצע וועלט אַרום אים לעבט און אָטעמט מיט דער בענקשאַפט און „ס׳צייטיקט אין ליד מיינעם די ליבשאַפט״. אין דער זעלבער צייט שטייט אים פאַר די אויגן דאָס געזאַנג פון משה לייב דעם נסתר, וואָס לאָזט זיך גלות אַפריכטן און „נעמט מיט אַ זמרל שפּאַנען״. דער דיכטער פילט זיך אין ישראל היימיש אין דער נייער לאַנדשאַפט פון חומש און מקובלים. אַלץ איז אייגנטלעך אַזוי ווי אין די יונגע קינדערישע יאָרן אין דער אַלטער היים און ווי אדם „איך פיל ווי עס גייט דורך מיר / די וועלט די גאַנצע שטילערהייט, / אַלע דורות פון אדמען ביז איצטער, / און מיט אים צוזאַמען גייען טייכן, וועלדער, שטעט״. יעקב פרידמאַן, דער זון פון מילניצער רבין און ריזשינער אייניקל, קען דעם פּאַסטוך נאָך פון רבישן הויף, פון וואַנען עס גייען אים נאָך די ניצוצות קדושים, וואָס געפינען זיך אין יעדער זאַך. „אין מינדעסטן טויעלע קען זיך שפּיגלען די זון. / מ׳דאַרף נאָר ווי דער טוי קענען זיין אַזוי ריין״. צווישן דער קליפּה און די הייליקע פונקען וואָס געפינען זיך אין זיי קומט פאָר אַ כּסדרדיקער קאַמף. אַמאָל זיגט דאָס גשמיותדיקע און אַמאָל דאָס רוחניותדיקע, אָבער ווען מ׳טאַנצט ווי דער סאַסאָווער רבי מיטן ייגגל פון אָרעמען לאַטוטניק ווי מיט דער תורה, ווערן אַלע גשמיותן דערהויבן צו זייער רוחניותדיקן מקור. עס פאַרשווינדן אַלע מחיצות

צווישן טהרה און טומאה ווייל איןביידע גלייך געפינען זיך די הייליקע פונקען, אין אַלע טועכצן וואָס דער מענטש טוט, אפילו אין אַן עבירה...

מען טרעפט זיך אָן אין פרידמאַנס לידער מיט אַ מין חסידישן פּאַנטעאיזם, וואָס האָט זיין אָפּשטאַם אין דער קבלה. דערמאָנט אין „לית אתר פנוי מיניה״, וואָס איז אַ מער קאָנקרעטע דעפיניציע פון „כבודו מלא עולם״. ווען דער מקובל פון סטרי זאָגט: „יעדע רגע בין איך דיינער, באַשעפער״, רופט ער זיך איבער מיט מעפיסטאָ אין „דיכטערינס טאָגבוך״:

מאַדאַם, זאָגט ער, הערט מיך, פאַרשטייט, ס׳איז נישט קיין מאַניע,
נאָר אַן אַקט אַזאַ פון געטלעכן שגעון.
איך שפּיל גנעדיקע, ווייל כ׳מוז אַזוי שפּילן,
און אַלע טוען מיר וואָס מען הייסט אונדז טאָן.

דער מיטאָס פון ניצוצות קדושים שטאַמט פון אר״י הקדוש און ביי יעקב פרידמאַן אַטעמען זיי מיט פלאַמיקן עקסטאַז:

אדמס אויגן זענען קינדיש און ריין,
און ס׳גאַפט דער אר״י אין זיין געזיכט:
ווי וואונדערלעך ס׳קען באַהעפטן זיך לייט
מיט כביכולס אין־סופיקן ליכט...
קדוש, קדוש, קדוש!
יעדער ציטער אין דער וועלט איז רמז און כוונה,
און ס׳גאַפט דער אר״י הקדוש
ווי אין שיין פון דער לבנה
הייבט זיך אדמס גוף פון זילבער...

אַלץ וואָס יעקב פרידמאַן איז געווען ווי אַן עטישע פערזענלעכקייט האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דעם דיכטער אין אים. די זעלביקע כוחות, וואָס האָבן געוועקט און גערעגט זיין כח הדמיון, האָבן מסתמא גערעגט אויך זיין עטיש געפיל. „אין שויס פון תפארת / וויגט דיין ליבשאַפט דעם וואַלד, / און ס׳ריזלט דיין וויגליד — / יאָר טויזנטער אַלט״. זיין עסטעטישער קרעדאָ האָט געשטימט אות באות מיט זיין עטישן אני מאמין און אין זיין דיכטערישן שאַפן איז געווען די שלימותדיקע פאַרווירקלעכונג פון זיינע עטישע השגות און שטרעבונגען. דערפאַר איז ביי אים געווען אַזוי שטאַרק דער דראַנג צו בחירה „אָן בחירה, האָ? וואָס איז דער מענטש דען? / אין שטורעמווינט אַ גלאָק אַזאַ וואָס קלינגט. / איך, אהרון, קען נישט לעבן אָן בחירה. / איך וויל נישט זיין אין שטורעמווינט אַ גלאָק!״ אַוודאי שטרייכט ער באַלד אונטער מיט איראָניע: „ער לאַכט; און אויב איך וועל נישט וועלן, וועט מאָרגן סיוורי ווערן טאָג״. אָבער דאַדורך ווערט דער דראַנג צו בחירה נישט ווייניקער קרעפטיק, אפשר נאָכמער דורכגעלויכטן מיט עקסטאַז, ווייל אָן אַ שיעור דיכטערישע ראַפינירטקייט איז פאַראַן אין פרידמאַנס איראָניע און זעלבסט־חוזק, וואָס אויבנאויף קען עס זיך אויסווייזן ווי ער וואָלט געוואָלט מיגערן דאָס טרוימערישע און אָפּקילן די הייסע

טעמפעראַטור פון זיין ליד, אָבער אין דער אמתן ווערט נאָך שטאַרקער אונטער־געשטראָכן די עמאַציאָנעלע אויפגעוועקטקייט, דאָס עקסטאַטישע.

אַדאַנק דעם „אַפּלאַכן" פאַרלירט נישט פרידמאַן די ערד אונטער די פיס אפילו ווען ער שוועבט צווישן צעשטערנטע וועלטן. אַליין אַ דיכטער פון חלום, האָט ער אָבער גוט געוווּסט ווו עס לאָזט זיך אויס דער חלום און עס הייבט זיך אָן די וואָר. ער האָט זיך נישט געלאָזט פאַרפירן און פאַרשיכורן פון „נאַכטיקן בעכער מיט לבנהשן וויין". די רבישע חכמה איז קיינמאָל נישט אָפּגעטראָטן פון פּאָעטישן געפיל און איז פונקט אַזוי געווען אָנגעזאַפּט מיט עכטער לירישקייט.

די לעגענדע נח גרין

וואָס מיינט דער אמת און די שיינקייט?
זיי מיינען זיך אַליין.
איבער בלויע טייכן לבנה־מלכות גייען
שטאָלץ אין אייביקער אַליינקייט.

דער מאָטיוו פון שיינקייט, וואָס איז דאָמינירנדיק אין אַלע תקופות פון יעקב פרידמאַנס שאַפן, איז אויך פאַראַן אין „די לעגענדע נח גרין" ווי אַ וויטאַלער עלעמענט אין לעבן, אין דער נאַטור. ביי פרידמאַנען איז די פּריאָריטעט פונעם עסטעטישן עלעמענט ביים מענטש באַשטעטיקט אויף אַ דעפיניטיוון אופן. שיינקייט איז די מאָס פאַר אמת און פאַלש, פאַר לעבן און טויט. אין דער תפילה פון ראַק־קראַנקע איז דער שלוס־אַקאָרד: „...געדענקסט אונדזערע פאַרשעמטע אברים אין זייער ערשטער שיינקייט נאָך, / זאָלן מיר כאָטש אין דיין זכרון פאַרבלייבן אין אונדזער אורפּראַכטיקייט..."

עס איז די שיינקייט, וואָס פילט אים אָן מיט אַזויפיל געטלעכער פרייד. דערפאַר קען זיך אויסווייזן אַז זי איז בכלל נישט קיין פיזישע דערשיינונג, ווייל אין דיכטונג איז דאָך יעדע פיזישע דערשיינונג... אידעאַל. אַזוי האָט געלערנט דער שעפער פונעם באַגריף עקספּרעסיאָניזם, דענעדעטאָ קראָטשע, אויף וועלכן פרידמאַן האָט זיך אָפּט פאַרופן אין זיינע התלהבותדיקע שמועסן. פאַר אַ נאַיוון רעאַליסט האָט אַזאַ קוק אויסגעזען מאָדנע און אויך פאַלש. פרידמאַן האָט עס געהאַלטן פאַר זייער ריכטיק. קראָטשע האָט אַ סוף געמאַכט צו אַלע טעאָריעס וועגן עסטעטיק, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין משך פון העכער צוויי טויזנט יאָר. די שיינקייט טראָגט איר ווערט אין זיך גופא און געפינט זיך אין דעם פאַר־קאָנצעפּטועלן עטאַפּ פונעם געדאַנק:

די פליטן דימענטענע, אין זייערע הענט,
האַלטן פאַרשלאָסן אין זיך דעם ניגון.
די שיינקייט וויל קיינעם נישט פאַרוויגן,
זי האַלט איר געזיכט צו זיך געווענדט.

נישטאָ קיין פראַגע צווישן עסטעטישער און סענסועלער הנאה. די שיינקייט איז אַ ציל אין זיך גופא. פריי פון אייגענע אָדער פרעמדע אינטערעסן און באַזירט דערפאַר נישט דווקא אויף מעטאָדן אָדער געזעצן — „סע קומט אַמאָל אַזוי זיך אומגעטראַכט...״

איבעריק צו זאָגן, אַז די שיינקייט קען נישט ביי פרידמאַנען דעפינירט ווערן ווי פאַרגעניגן, פונקט ווי דאָס שטומע שטיינבלייבן פאַרן גורל פאַרשאַפט נישט קיין הנאה, נאָר פירט צו ווייטיקדיקער איבערלעבונג. שיינקייט פילט אים אָן מיט פרייד, מיט חידוש פאַר אַלערליי פלאי־פלאים אין דער גרויער און בידנער וועלט, פאַר אַלעם וואָס געשעט זינט יענעם פרימאָרגן, ווען אדם „האָט די אויגן אויפגעמאַכט און צום ערשטן מאָל די וועלט דערזען, / ער האָט די אויערן אויפגעשפיצט און צום ערשטן מאָל די וועלט דערהערט — / האָט אַ פרייד אַ זעץ געטון אין זיין בלוט און ער האָט אַרומגענומען די ערד״.

שיינקייט איז אין אַלעם און איבער אַלעם, איז די אויסשטראַלונג פון גאָט, אין דעם מענטשנס נשמה, איז דער תכלית פון דער יצירה, פון דער געטלעכער און פון דער קינסטלערישער. אין דער שיינקייט ווערט געבוירן ליד און דאָס ליד ווערט געבוירן כדי אַליין צו באַשאַפן שיינקייטן. צו דער אַ באַשאַפונג בענקט אָן אויפהער דער דיכטער פון אַזאַ הויכער קאַטעגאָריע ווי עס איז יעקב פרידמאַן. ער פיבערט ממש מיט דער בענקשאַפט, אַ פיבער וואָס שטעקט אָן, צינדט אָן, אַנטפּלעקט סודות, וואָס ליגן אונטער דעם וואָס אונדזערע חושים נעמען אויף. דאָס מוז אָבער נישט זיין דווקא מעטאַפיזישע פרעדיספּאָ־זיציע צום נעגירן אַלדאָס חושימדיקע אין טאָג־טעגלעכן לעבן. „וואָרהאַפטיק זאָג איך, איך בין ווידער מיט אַלע פיטשעווקעס „איך״ און איך נעם די קאַנען און לאָז זיך אין שטאַל אַריין מעלקן די ציגן. זע נאָר, די ציגן זענען ווידער ציגן און די לעמער — לעמער, און די בינען פון בינשטאָק און פון טויבנשלאַק די טויבן״. דער דיכטער נעמט אויף די רעאַליטעט גלייך ווי זי וואָלט געווען אַ געוועב נישט בלויז פון „ניגונים און מחשבות, וואָס שלאָפן אין די בלויע פידלען פון תוהו ובוהו״, נאָר אויך פון די אַלע שייכותן צווישן גשמיות און רוחניות, אין וועלכע עס זענען פאַרטראָטן אַלע וואָכעדיקע ענינים. ער גייט צו טייכן און קוואַלן נישט בלויז כדי צו דערפילן דעם ריח פון דער שטילעניש „אין דער ערשטער נאַכט פון ערב ליד״, אָדער גאָר הערן „די קלוגע שטילקייט גיין איבערן ים״, נאָר טאַקע „כדי די שיינע כלות אין די ווייסע וואָלקן־שאַלן / זאָלן זיך קומען שפּיגלען אין זיי, די אייגענע שיינקייט דערזען. / וואָרעם ווייל איז צו דער שיינקייט וואָס דערקענט נישט איר אייגענעם חן״.

פרידמאַנס ליד בכלל איז אַ סינטעז פון סתירות, פון היפּוכדיקע דערקענ־טענישן און געפילן, פון דערפילן „דעם היימישן טעם פון אַ וואָכעדיקער המוציא איבערן שוואַרצן ראַזאָוון ברויט״ און פון „דערטראָגן די קרוין פון רחמים, אַ לויטערע, דורך אַלע נסיונות״. עס וווּנדערט אונדז דערפאַר נישט ווען ער קומט מיט זיין גרויס־רבישער לעסטערונג:

לאָמיר אויספּלאָפּלען דעם אמת:
אַ חדר־יינגל איז אונדזער גאָט.
אַ פאַרבלאָנדזשעטע חדר־יינגל
מיט אַ פאַרלאָשענעם לאָמטערן
אין מיטן גרויסן ווינטער.
אונדזער גאָט וויינט
ווי אַ דערשראָקן קינד אין טיף־נאַכט.
אונדזער גאָט ווייסט נישט
וואָס צו טון מיט דער וועלט.
ווי אַ דריי יאָריק מיידעלע,
מיט אַ גרויסער צעבראָכענער ליאַלקע,
שטייט אונדזער גאָט אין מיטן טראַקט
צווישן גאָרנישט און גאָרנישט:
וואָס זאָל ער טאָן מיט דער גרויסער
צעקאַליעטשעטער וועלט, אונדזער גאָט,
אונדזער וויינענדיקער גאָט?

נפילים

ווען מיר לייענען פרידמאַנס דראַמאַטישע פּאָעמע „נפילים" האָבן מיר דאָס געפיל, ווי ער וואָלט אין די סאַמע פאַרפלאָנטערסטע מחשבות געפונען דעם וויסאָלן געוועב פון שייכותן, וואָס איז אפשר אַזוי דין און אומזעבאַר ווי די עלעקטרישע כוואַליע אין דער מאַטעריע. אונטער זיינע דורכלויכטנדיקע חושים גיסן זיך צונויף רעאַלע מיט סוררעאַלע דערשיינונגען, די וועלט פון זאַכן און פאַקטן מיט דער אידעאַלער וועלט פון ווערטן. די געוועזענע מלאכים טיילן דעם גורל פון מענטשן, זייערע מפּלות און נצחונות. אינעם נפיל אויף דער זינדיקער ערד לעבט נאָך אַלץ דער פריערדיקער מלאך, וואָס וויל דערפילן דעם אוממיטל־באַרן באַריר מיטן גורל פון בן אדם און טראָגן אים מיט אחריות אויף דער ערד. דער מענטש איז דער איינציקער אין דער נאַטור וואָס טראָגט אחריות פאַר זיך, פאַר זיינע מיטמענטשן און פאַר די קומענדיקע דורות. גאָר גיך קומט דער נפיל צום אויספיר, אַז „דאָס גאַנצע אחריות פאַר דער וועלט ליגט אויף מיינע פּלייצעס". עס קומט אָבער אָן דער מאָמענט ווען דער נפיל, נאָכן דורכמאַכן „אַזויפיל גרויל... אַזויפיל שטורעם, דונערן און בליץ", נעמט בעטן:

אָ, האַר, פאַרוואָס נאָר דער מענטש טראָגן דאַרף דעם גאַנצן עול,
נאָר ער אַליין מיט אומרו און פול מיט ספיקות?
ער אַליין די וואָג דאַרף זיין פאַר גוטס און שלעכטס,
די גאַנצע וועלט־אחריות — נאָר אויף זיינע פּלייצעס?

נפיל איז די פאַרקערפּערונג פון פאַרשטויסענער מענטשלעכער גרויסקייט, ער גיט זיך אונטער דעם פאַטום פון דער ווירקלעכקייט און מאַכט שלום מיטן

געדאַנק, אַז דאָס לעבן איז געבויט אויף זינד און רשעות און מיט זיין אייגענער ריינקייט זעט ער זיך ווי אַ ווילד געוויקס. אַ מלאכיש פרעמדער אויף דער מענטשלעכער ערד. זיין איינציקער פאַרלאַנג איז, אַז יורד זאָל זיך צוהערן צו זיין געבעט און אים מוחל זיין זיין ריינקייט און נישט זינדיקן. דאַקעגן יורד הויבט אָן זיך שטייגנדיקן פראַגרעס אויף דער ערד מיט צופאַסן זיך צום נאַטור־מענטש און איבערנעמען אַלע זיינע גיריקע און פאַרציקנדיקע אייגנשאַפטן: „יורד רוט נישט, אַהאַ, וועלט פאַרדרימלטע. עס וועט יורד אַ טאַנץ טאָן זיין פייער־טאַנץ / איבער דיין פאַפנדיקן גוף און אַ פלאַקער טאָן מיט שריפה...״

נפיל סימבאַליזירט די יידישע אידעע פון מענטש און די גאַנצע מענטשלעכע קולטור וואָס איז באַהערשט פון יידישן מיטאָס, אַז דער מענטש איז באַשאַפן אין גאָטס געשטאַלט, אַז ער איז דער העכסטער אויסדרוק פון דער נאַטור. פרידמאַן איז גרייט אָנצונעמען, אַז די נאַטור טראָגט אין זיך אירע אייגענע שעפערישע כוחות וואָס אַנטפּלעקן זיך אין שיינקייט, אין חסד. עס הייסט, אַז דאָס שיינע און גרויסע אינעם מענטש האָבן זייער יסוד אין דער נאַטור, אָבער געהערן צו די שוואַכערע עלעמענטן, פון וועלכע דאָס לעבן איז צונויפגעשטעלט. דער נצחון געהערט צו די חיהשע עלעמענטן, וועלכע בלייבן תמיד שטאַרקער פון די אינטעלעקטועלע און מאָראַלע איינשטעלונגען: „איבער דער ערד קיניגט יורד, און איבער די הימלען וועט ער קיניגן, / און אַלע פעלקער וועלן קומען בוקן זיך פאַר זיין גרויסקייט... / וואָרהאַפטיק, / אפילו די געטער קומען וועלן און קניען פאַר זיין אַלמאַכט...״

פרידמאַן גרייכט צו די סאַמע וויטסטע אַסאָציאַציעס און אַלע פיגורן וואָס טרעטן אויף אין דער דראַמאַטישער פאָעמע, זענען ראַפינירטע מאַסקעס פון זיין אייגן שעמעוודיק פנים. אַמאָל באַהאַלט ער זיך אונטער דער מאַסקע פון נפיל און אַמאָל הינטער דעם אָדער אַנדערן פריסטער, וואָס פאַרנעמען ווי „די געטער לאַכן און שפילן וויטער זייער שפיל...״ אַמאָל איז ער יענער ערשטער חכם, וואָס ווייסט, אַז „איטלעכער, ווייזט אויס, האָט זיך זיין אמת, זיין איין־און־איינציקן אמתדיקן אמת. / און ער טראָגט אים אין בוזעם־קעשענע ביי זיך, / ווי מען טראָגט אַ פושקעלע מיט טאַביק / און ווען מען דאַרף, נעמט ער אַרויס און טוט אַ שמעק״.

ליבשאַפט

ליבשאַפט איז אין יעקב פרידמאַנס שאַפן נישט בלויז אַ מאָטיוו, וואָס ציט זיך ווי אַ רויטער פאָדעם איבער אַלע זיינע לידער. מיט ליבשאַפט איז דורכגענומען זיין גאַנץ וועזן. מיט ליבשאַפט שטרעקט ער זיינע פּאָעטישע הענט צום אוניווערס און איז דאָרט מתפלל פאַרן מענטש אין זיין קלעם. ליבשאַפט איז פאַר אים דאָס נאַטירלעכע און איבערנאַטירלעכע אינעם מענטש, דאָס איבערמענטשלעכע, די גשמה יתירה פונעם מענטש, דאָס איבערוועלטיקע, איבערגעטלעכע און דער גאָטהייט. מיט ליבשאַפט איז ער זיך מתיחד מיט

זייַנע רזין דרזין און שלאָגט דאָרט אָן זיין אייגענעם טאָן פון אַ דיכטער בשר ודם, וואָס האָט זוכה געווען צו עילוי נשמה, אַ דורן־און־דורך־איבערגענומע־נער מיט גרענעצלאָזער אהבה צום מענטש, צו יעדן באַשעפעניש, צום באַשאַף: "אַלע טייכן און וועלדער, פון קינדווייַ, / רונדיקן זיך אַרייַן אין די ערטער./ און גענוג פאַר זיי איז דער קלייַנער קרייַז / פון מיר שמעקנדיקע ווערטער..."

עס טרעפט אַז עס פאַרגייט אין אים אַ ווייטיקלעך געפיל אין הארץ פון ספיקות אָדער אַנטוישונג, אָבער אויך דאָן פילט מען דעם גליאיקן פלאַם־פייער פון זייַן גרויסער אהבה און דאָס ברענגט מיט זיך אַן אויסברוך פון אַ הייסער תפילה. דערנאָך קומט די אומוואַנדלונג: דאָס שאַרפע געפיל פאַר־שווינדט און אויף דעם אָרט קומט די שטימונג פון טונקעלע בין השמשותן. באַלד אָבער ווערט דאָס געמיט ווידער אָנגעגליט און אָנגעלאָדן מיט פריד־מאַנס אהבה, וואָס זעט אויס צו קומען אַ געשעפּטע פון סאַמע הארץ פונעם קאָסמאָס.

ווער איז עס אימשטאַנד איבערצוציילן און איבערצודערציילן די אָנגע־הויפטע פּרטים אין געטלעכן באַשאַף? די מיליאָנען ברוכטיילן אין וועלכע עס צעפאַלן זיך דער דומם חי צומח ומדבר אין דעם באַשאַף? נאָר מיטן גאַנג פון אַן עבטן דיכטער קאָן מען דורכגיין אָט דעם וועג ביז צום דערשלאָגן זיך צום מענטש. און יעקב פרידמאַן האָט געזען די וועלט פון באַשעפער דורך אָט די אַלע עלעמענטן. דאָס ווערעמל אין און אויף דער ערד שפּילט ביי אים די זעלבע ראָל ווי דער פויגל וואָס זינגט שירה אָדער אפילו דער מענטש וואָס הערט זיך צו צו אָט דעם געזאַנג. זייער ווייניק דיכטער געדענקען שוין הייַנט, אַז דער כביכול בעגקט נאָך אַלץ צו אַ שותף צו מעשי בראשית. די וועלט איז שוין געוואָרן אַזוי נעבעכדיק־פאַרפולקאָמט, אַז מען דאַרף שוין אויס־טראַכטן וויאַזוי זי עפעקטפול צו ליקווידירן. נאָר דער, וואָס האָט פון סאַמע מקור געגירשנט דאָס געפיל פון גרויסער אהבה קאָן זיך באַטראַכטן ווי אַ באַצווונגענער פון יענעם גרויסן עול, וואָס די יצירה לייגט אַרויף אויפן יוצר, אויף איר שעפער, ביי וועמען זי מאָנט כסדר: קום און באַנייַ מיך, אין נאָמען פון דער ליבשאַפט צום שענסטן פון די ברואים — דעם מענטש, וואָס „אפילו דאָס פאַרשעמטע געקאָרטש פון זיקנה פאַרמאָגט די פּראַכט פון אַ קעניגרייך בעת דער שונא באַפאַלט".

די דערהויבונג, וואָס זעט אויס אַריבערצושפּאַנען אונדזערע באַגריפן און זייַן איבערמענטשלעך, איז פאַר אים אַזוי פשוט און טיף־מענטשלעך, ווייל זי איז דאָך „די גרויסע זינגענדיקע בענקעניש מיט דוד המלכס פידל אין האַרצן".

זעלטן ווען עס געלינגט אַ דיכטער אַזוי אויסצורונדיקן זייַן לעבנס־ווערק, שאַפן אַזאַ האַרמאָניע פון זייַן פּאָעזיע און זייַן לעבן. יעקב פרידמאַנס לידער האָבן אין זיך די געשלאָסנקייט פון אַ קרייַז: אָנגעהויבן מיט דער תפילה פון אַ פּאַסטוך: „זיי גוט צו מיר, גאָט, / כ'בעט נישט קיין סך. / איך וויל פילן דייַן ליבשאַפט / רוט אויף מייַן דאַך" און געענדיקט מיט זייַן לעצטער תפילה אויפן שפּיטאָל־בעט: „...נעמט צו פון אונדז דאָס ערב־שטאַרבן / און שענקט אונדז דאָס גרויסע גנאָד פון נישט־זייַן. / נעמט אונדז אַראָפּ פון די העסע־

בעטן / און לייגט אונדז אין די גוטע קברים אַריין, / דאָרט וועלן מיר ווידער ווערן מענטשן, / טויטע מענטשן, אָבער מענטשן...״ אין אַלע צושטאַנדן איז פרידמאַנען בייגעשטאַנען דער שטאָלצער קינסטלער און געוועלטיקער איבער די וועלטן פון לעבן און טויט. דאָס לעצטע ליד זיינס „קאַשמאַרן״ איז נישט קיין געוויינלעך ליד וועגן טויט. דאָס איז פּלי אין דער הויך איבערן תהום און הימל, אַן דער סתירה צווישן פאַרגענגלעכקייט און אומענדלעכקייט, און די יסורים גייען פון זיך אַליין איבער אין תפילה: „...נעמט אונדז אַראָפּ פון די העסע־בעטן / און ענטפערט אונדז איבער אין די גוטע הענט / פון דער קילער ערד...״

מער פון דער פּאָטישער קראַפט פונעם ליד האָט איבעראַשט די דויערנדיקע אַנגעלאָדנקייט פון זיין זעלטענער פּערזענלעכקייט; דאָס העלדישע קוקן אין זיך און פאַר זיך ווי אין אַ שפּיגל, וויסן דעם גאַנצן אמת, אַז דאָס זענען די לעצטע טעג און דערביי אַנטפּלעקן אַזאַ נשמה־גבורה, אַזאַ שטאַרקע עקס־פּלאָזיע פון פּאָעטישער עסענץ. זיכער וועט די גבורה אין זיינע לעצטע טעג בלייבן, ווי זיין גאַנץ לעבן און שאַפן, פאַר אונדז ווי אַ גרויסע ירושה.

די פּאָעזיע און פּראָזע פון יצחק יאַנאַסאָוויטש

יצחק יאַנאַסאָוויטש געהערט צו דער קאַטעגאָריע שרייבער, וואָס געבן וועגן זיי אַ קורצע אָפּשאַצונג איז אַ גאַנץ שווערע הלכה. די שווערקייט הויבט זיך אָן באַלד ווי מען האָט אויסגעסדרט פאַר זיך זיינע ביכער, פּאָעזיע, קריטישע עסייען, פּובליציסטיק, זיי ערלעך דורכגעלייענט און גענומען זיך צום סומירן די איינ־דרוקן, דערקענטעענישן — גלייך דערוועקט זיך די מורא, אַז מ׳קען דאָ טאָן אַן עוולה. ווייל ערשטנס איז נאָך ווייט נישט אַלץ וואָס ער האָט געשריבן אַריינגע־נומען צווישן ביכער־טאָוולען. כ׳מיין, אַז מען וואָלט נאָך געדאַרפט אַ היבש ביסל בענדער אויף אַריינצונעמען זיינע אַלע אַרבעטן, וואָס זענען צעזייט און צעשפּרייט אין הונדערטער זשורנאַלן און צייטונגען און אין זיי שפּיגלט זיך אָפּ סיי זיין פּאָעטישע און דענקערישע שעפערישקייט, סיי זיין אומדערמידלעכע מי נאָכצוגיין דעם כוואַליקן שטראָם פון לעבן, רעאַגירן אויף געשעענישן און דערשיינונגען, ווי דאָס טוט יאַנאַסאָוויטש אין משך פון איבער 40 יאָר, ביזן היינטיקן טאָג.

צווייטנס, איז טאַקע אַ שווער שטיקל אַרבעט אָפּצושאַצן אַזאַ פּילזייטיק און פּיל־קאָלירדיק שאַפן, סיי ווי אַ דיכטער בחסד עליון און סיי ווי אַ קריטיקער־עסייאיסט, פּובליציסט און אויך פּראָזאַאיקער. אמת, יאַנאַסאָוויטש האָט אַ ביסל פאַרנאַכלעסיקט די פּראָזע זיינע און דערמיט, פאַרשטייט זיך, געטאָן אונדז אַן עוולה, ווייל די נאָוועלן, דערציילונגען און אויך רעפּאָרטאַזשן, וועלכע ער האָט אָפּגעדרוקט אין פאַרשידענע צייטן, אין פאַרשידענע צייטשריפטן, זענען ערשט־

ראַנגיקע פּראָזע, פון הויכער דערציילערישער קוואַליטעט. נישט אַרויסברענגען עס — הייסט טאָן אַן עוולה, אים און אונדז.

מיר וועלן אָבער נישט טאָן קיין עוולה, ווען מיר וועלן אָפּגעבן דעם אויבנאָן יאַנאַסאָוויטשן דעם דיכטער, אפשר אויך דערפאַר, וואָס אין אַלעם, וואָס ער שרייבט — איז בולט דער דיכטער. מיט דיכטונג האָט ער, טאַקע אין לאָדזש, אָנגעהויבן זיין גאַנג אין דער ליטעראַטור, און כ'מיין, אַז דער פּאָעזיע האָט ער אַלע יאָרן אָפּגעגעבן זיין מאַקסימאַלסטע מי און אינטערעס. לייענט מען זיינע קריטישע עסייען, זעט מען בולט, צוזאַמען מיט אַנאַליטישן חוש און הויכן אינטעלעקט, אויך דעם דיכטערישן טאַלאַנט, דעם טאַלאַנט איבערצולעבן און אַרויסצוברענגען די נשמה פון יעדער זאַך, וואָס ער באַהאַנדלט. אין זיין בוך וועגן די יידישע שרייבער אין רוסלאַנד, אין די פּובליציסטישע אַרטיקלען, צו וועלכן זשאַנר ער רירט זיך צו, שלאָגט תמיד אַרויס דער בליץ פון דיכטונג.

געטע האָט געזאָגט, אַז דיכטונג איז דער אויסגעשריי פון דער מענטשלעכער נשמה. דער דאָזיקער אויסגעשריי, די שטים פון האַרץ, איז פאַראַן אין אַלעם וואָס יאַנאַסאָוויטש שרייבט. פאַר יאַנאַסאָוויטשן איז דיכטונג די לופט צום אָטעמען, אַ לעבנס־פונקציע און דערפאַר מסתמא זינגט ביי אים אַרויס די דיכטונג אין אַלע פאָרמען פון זיין שאַפן.

אין ערשטן אַריינפיר־ליד אין זיין לעצטנס־דערשינענעם בוך "אויף יענער זייט וואַנדער", זאָגט ער: "מיין ליד און לייב היטן אַ ירושה: דורותדיק פאַרגאַנגען יידיש לעבן. / איך אַליין, דער אוצר, בין דורך גרויל פאַרכישופט, / איך אַליין, דער שומר, שטיי און וואַך דערנעבן". דער אַ דיכטערישער אני מאמין איז חל אויף אַלעם, וואָס יאַנאַסאָוויטש שרייבט. דאָס איז בעצם די רוח הקודשדיקע זעלבסט־כאַראַקטעריזירונג, דער דיכטערישער אויסדרוק פאַר דער עקשנותדיקער שליחות צו זיין איבער פערציק יאָר, אין איין אָטעם, דיכטער און אָפּשאַצער, כראָניקער און קריטיקער פון מלכות יידיש. די גאַנצע צייט איז ער איינגעשפּאַנט אין דער גרויסער הארעוואַניע צו זיין אַליין דער אוצר און אַליין דער שומר, צו ברענגען דורך אינטימער לירישקייט זיין אייגן ליד און אויך דאָס געזאַנג פון אַנדערע דיכטער. און נישט נאָר פון דיכטער, נאָר אויך פון מאָלער און אַקטיאָרן. יאַנאַסאָוויטש איז אַן אויסגעצייכנטער קענער פון טעאַטער.

איך בין אינגאַנצן מיט עטלעכע יאָר יינגער פון יאַנאַסאָוויטשן, אָבער איך געדענק, ווען איך בין אין די דרייסיקער יאָרן געקומען קיין לאָדזש און צום ערשטן מאָל זיך אָנגעטראָפן אויף יאַנאַסאָוויטשעס דיכטונג און אַלגעמיין שרייבערישער טעטיקייט, האָב איך זיך געפילט ווי אַ יינגל, וואָס שטייט פאַר אַ שעפעריש־אויסגעוואַקסענעם שרייבער. אַזוי האָבן מסתמא שוין דעמאָלט זיך געפילט אַלע יונגע שרייבער אין לאָדזש. איך געדענק דעם אויפברויז, וואָס עס האָט אַרויס־גערופן זיין בוך "שטילקייטן", וואָס איז געקומען נאָך דעם בוך לידער "רויכיקע פאַרטאָגן", ווו די טעמאַטיק איז נאָך געווען פול מיט מאָטיוון פון בונט און רעוואָלט. עס איז דעמאָלט געווען די צייט פון אידעאישער און שרייאיקער דיכטונג, פונעם קאַמפס־ליד. אין "שטילקייטן" איז יאַנאַסאָוויטש שוין געקומען מיט ריין דיכטע־רישע שיינקייטן, מיט מוזיק און וויזיע, בעיקר מיטן אינטים־לירישן ליד. עס איז

געוועזן קלאָר, אַז מען האָט פאַר זיך נישט נאָר אַ טאַלאַנטירטן יונגן דיכטער, נאָך אויך אַ רייפן מייסטער פון אַלע נייע פאָרמען אין דער דיכטונג. דאָס זענען לידער, וואָס האָבן מיט זייער שטילקייט אַריבערגעזונגען אַלע בענקשאַפטן; אַ שטילקייט, וואָס האָט אָפגעשפיגלט אַן אינערלעכן שטורעם. באַפרייט פון השפעות, קרובהשאַפטן מיט אַנדערע דיכטער, איז ער שוין דאַן געשטאַנען אויף אייגענע פיס, מיט אַן אייגענעם נוסח, מיט אייגענעם ריטם פון געזאַנג, וואָס איז זעלטן געווען צו געפינען ביי די יונגע דיכטער פון יענער צייט. דאָס האָט זיך באַשטעטיקט אין די שפּעטערדיקע לידער, באַזונדערס ווען עס אין אין יאָרן אַרום דערשינען זיין פּאָעמע "אַ שטוב אין שטעטל".

עס וואָלט פאַרפירט צו ווייט, מיר זאָלן וועלן אָפּשטעלן זיך אויפן דאָזיקן דיכטעריש־דערציילערישן ווערק אַ ביסל ברייטער, ווי עס האָט זיך באמת פאַרדינט. דאָס איז אַ געזאַנג צו דער חרובער היים, אויסגעזונגען מיט אַ גוואַלטיקער מוזיקאַלישקייט. איך דערמאָן זיך אַן אָוונט, וואָס איז געווען געווידמעט יאַנאַסאָוויטשן אין מאָסקווער שרייבער־פאַראיין, אין יאַנואַר 1946. איך האָב אים דעמאָלט שוין געהערט לייענען פראַגמענטן פון דער דאָזיקער פּאָעמע, וואָס ער האָט פאַרענדיקט און אַרויסגעגעבן עטלעכע יאָר שפּעטער אין פּאַריז. עד־היום ציטערן נאָך אין מיר די טענער, די בילדער און געשטאַלטן, וואָס ער האָט ווידער באַלעבט אַזוי פּלאַסטיש און אינטים. ער האָט זיך דאָ אַנטפּלעקט ווי אַ דיכטער מיט אַ רייכער קלאַוויאַטור. הייגט, די גאַלעריע געשטאַלטן, וואָס ער שניצט אויס און זינגט אויס פאַר אונדז.

אין זכרון זענען מיר געבליבן איינגעקריצט די ווערטער פון פּרץ מאַרקיש, וואָס האָט דעמאָלט געפירט דעם אָוונט. ער האָט געזאָגט: "יאַנאַסאָוויטשעס לידער, באַזונדערס די פּאָעמע "אַ שטוב אין שטעטל", זענען אַ קלאַסישער מוסטער פון עכט יידישער און הויך־מאָדערנער פּאָעזיע און זענען ראוי צו ווערן אַריינגענומען אין אַ וועלט־אַנטאָלאָגיע פון גרויסער דיכטונג". אגב, ווען איך בין מיט עטלעכע טעג שפּעטער צוריקגעפאָרן פון מאָסקווע קיין פּוילן, האָב איך אין וואַגאָן פאַרצייכנט זיך נאָטיצן, רעפלעקסן וואָס די פּאָעמע האָט ביי מיר אַרויסגערופן און ווי אַזוי עס האָבן דעמאָלט מיט אַזאַ ענטוזיאַזם רעאַגירט די סאָוויעטיש־יידישע שרייבער און קריטיקער, ווי דאָברושין, בערגלסאָן א. א. מיט מיר אין וואַגאָן איז געפאָרן אַ רוסישער פּאָלקאָווניק. מיר זענען געווען אין צווייען אין אַ באַזונדערער קאַבינע פון טוריסטישן וואַגאָן. ער האָט מסתמא אָבסערווירט מיין פאַרצייכענען פון רעכטס אויף לינקס און אים האָט זיך דאָס אויסגעוויזן פאַרדעכטיק, בפרט אַז איך בין געווען אין אַ מונדיר פון פּוילישן מיליטער. פאַרן אָנקומען צו דער גרענעץ האָט ער אויסגענוצט דעם מאָמענט ווען איך בין אויף אַ ווייל אַרויסגעגאַנגען פון דער קאַבינע און — די נאָטיצן זענען פאַרשוווּנדן. זיי זענען מיר געווען שטאַרק אַ שאָד. כ'האָב זיי פאַרצייכנט אונטערן שטאַרקן איינדרוק פון דער פּאָעמע. פאָרגדיק אין דער באַן האָב איך ווידער איבערגעלעבט דאָס געזאַנג צו די געשטאַלטן פון דער "שטוב אין שטעטל". זיי זענען געשטאַנען פאַר מיר ווי לעבעדיקע, באַוואָקסן מיט סביבה, מיט אַטמאָספער.

די צייט, זאָגט מען, איז דער שטרענגסטער קריטיקער. ווען כ'האָב מיט

עטלעכע יאָר שפּעטער באַקומען דאָס בוך, האָט עס אויסגעהאַלטן דעם שווערסטן עקזאַמען, פאַר וועלכן אַ ווערק ווערט געשטעלט — איבערלייענען עס עטלעכע מאָל און ביי יעדן מאָל אַנטדעקן נייע שיינקייטן און נייע טיפקייטן.

די פּשוטע פרומע יידן זענען ביי יאַנאַסאָוויטשן טרוימער, צאַרטע פרומע טרוימער. מיר קענען זיי דאָך די אַלע מענטשן, אַמאָליקע פּשוטע יידן פון אַ גאַנץ יאָר, אָבער יאַנאַסאָוויטש גיט זיי צו דעם חן פון אָביעקטיוון דיכטערישן טרוים און — פון גרויסער דיכטערישער געשטאַלטיקונג. ווען זיי צעחלומען זיך פרום און לעבן אַזוי טיף איבער די וועלט און אַלץ וואָס עס טוט זיך אַרום זיי — דעמאָלט זעען מיר זיי ווי די שענסטע און טיפסטע געשטאַלטן אין דער יידישער דיכטונג.

בכלל גענומען איז די פּאָעמע אַ פּערל פון לירייש עפּישער קונסט. עס איז ווי אַן אויטאָביאָגראַפיע פון פּאָעטס געפילן און שטימונגען. ליבע, באַוווּנדערונג און טיפע זעלישע קרובהשאַפט צו די מעשים און חלומות פון די יידן אין שטעטל, צו זייער התנהגות און צו אַלץ וואָס איז געשען אין אונדזער דור.

דאָס איז געשריבן נאָך דעם ווי דער דיכטער איז דורכגעגאַנגען אַלע שבעה מדורי גהינום. פון אייגענעם און פון יידיש פאָלקישן גורל. דער נעכטן איז פאַרשאָטן מיט אַש און דער וועג צום מאָרגן איז פאַרנעפּלט, טרערן פאַרשטיקטע פאַרשטעלן די ראיה, אָבער דאָס ליד קומט אַרויס לויטער, אויסגעהיט פון געשריי.

אין זיין ליד "צו פוילן" שרייבט יאַנאַסאָוויטש: "פוילן, פוילן, כ'בין מיין בענקען / ווי אַ שבעה אויסגעזעסן. / צופיל פּיין דיך צו געדענקען, / צופיל גרויל דיך צו פאַרגעסן. / פרעמד איז מיר אין טאָל פון ביינער, / די אויפסניי צעבליטע ליפּע. / דיין פאַרלאָשענער געוויין נאָר / זאַלציק בריט איצט מיינע ליפּן. / דיין געזאַנג איז מיר דערווידער, / נישט איך דאַרף עס, נישט איך וויל עס, / נאָר דיין שטילקייט ווי אַ סידור / היט דעם ווײ פון מיינע תפילות. / פרעמד איז מיר דיין פעלד, וואָס מיניעט / אין דעם ליכט פון זומער זאַטן. / פון דיין גאַנצער ערד, מיין קנין / איז, דאָס קבר פון טאַטן. / ווי אַ וווּנד איז יעדער גרוב שוין / מיט אַ גרינער הויך פאַרצויגן, / נאָר אויף טייכן ליגט דער אָפּשיין / פון מיין מאַמעס בלויע אויגן. / אונדז דערווייטערט האָט דאָס לעבן, / נאָר דער טויט האָט אונדז פאַרבונדן. / וויפל ווײ איך מוז פאַרגעבן / און פאַרשווייגן — וויפל וווּנדן".

אַ מוסטערהאַפט ליד, סיי לויט דער פאָרם און סיי לויט זיין געפילן־וועלט. אין געציילטע, ווי פון מאַרמאָר אויסגעהאַקטע פערזן, איז ווי אַריינגעפּאַנגען אַ וועלט מיט טיפע געפילן, אַ שטיק אינטימס פאַרטיפטער ווייטיק און צער פון אונדזער דור. דורכן דאַזיקן ליד ריזלען אַלע געפילן פון יענער צייט ווען עס איז קלאָר געוואָרן דער טראַגישער גורל פון פוילישן יידנטום.

אמת געזאָגט, האָבן מיך די לידער אין זיין לעצטן בוך נישט געדאַרפט איבעראַשן. האָב איך דאָך געקענט שוין פון יאָרן יאַנאַסאָוויטשעס גרויסן דיכטערישן כוח. דאָך האָב איך זיי געלייענט מיט איבעראַשונג. דאָס איז די איבעראַשונג וואָס מאַכט גוט אויפן האַרצן, מאַכט קליגער, און נעמט זיך פון דער פּאָעטישער פרישקייט, קינסטלערישע און אינטעלעקטועלע. איך וואָלט געזאָגט,

אַז איינער פון די שליסלען צו דער פּאָעטישער פרישקייט איז דער קינסטלע־רישער סינטעז פון פּשטות און ראַפינירטקייט. ווען ער זאָגט:

„רייד צו אונדז פּשוט און פּראָסט, / אַזוי ווי אַ מאָל מ׳האָט גערעדט", איז עס גאָרנישט אַזוי איינפאַך און פּראָסט. פאַראַן דאָ אַן אויסגעצייכנטע באַלאַנ־סירטקייט פון עמאָציע און אינטעלעקט, ווי ער זאָגט עס באַלד: / „וואָס טויג דיר די שיינקייט פון אייז, / דער גלאַנץ פון קרישטאָלענער קעלט? / צעשויבער, צעבערעך און צערייס — / מיר זענען אַליין אויף דער וועלט". צום סוף פון ליד זאָגט ער: / „געבליבן מיר זענען אַצינד / אַ מנין אויף קדיש, נישט מער, / און בלוט פון די אויגן אונדז רינט, / אנשטאָט דער געלייטערטער טרער. / צעברעך־זשע דאָס וואָרט און באַוויַיז / דאָס, וואָס די שאָל האָט פאַרשטעלט. / פאַרמאַכט אַרום אונדז איז דער קרייז — מיר זענען אַליין אויף דער וועלט".

פאַקטיש איז דאָ פאַרקנאָטן יאַנאַסאָוויטשעס צוגאַנג אויך אין זיין פּראָזע, קודם־כל אין דער קריטיק, אין זיין שאַצן און אָפּשאַצן אַ שרייבער. ביי יאַנאַ־סאָוויטשן איז דאָס נישט קיין ענין פון מעכאַנישער געניטקייט, פון פּראָפעסיאָ־נעלער רוטין, נאָר אַן אינערלעכער באַרוף, אַ שליחות־געבאָט, נישט ווייניקער פון דעם באַרוף און געבאָט, וואָס באַוועלטיקן אים אין דער פּאָעזיע.

יאַנאַסאָוויטשעס קריטישער צוגאַנג, זיין איינשטעל צו דער יידישער ליטע־ראַטור און צו יידישע שרייבער, ווערט אפשר צום גאָענטסטן פאָרמולירט אין זיין אַרבעט וועגן דער גאולה־טעמע ביי לייוויקן. ער זאָגט: „קיין שום וואָרט אין אַלע שבעים לשונות קאָן זיך נישט פאַרגלייכן מיט אונדזער העבּרעאיש־יידישן וואָרט „גאולה" ביים באַצייכענען דעם דאָזיקן הויך קאָמפּליצירטן באַגריף. אין „גאולה" ווערט די פולע מענטשלעכע אויסלייזונג דערהויבן צו אַזאַ מאַקסימאַלן צושטאַנד, אַז דאָס וואָרט הערט שוין אויף צו זיין צייכן און פאַרוואַנדלט זיך אין אַ רייך־ניואַנסירטן פילאָזאָפישן קאָמפּלעקס. אין דעם דריי־זילביקן וואָרט „גאולה" איז פאַראַן די אדעקוואַטסטע פאָרמולירונג און באַצייכענונג פון אַ שלימות, וואָס איבער איר זענען נישטאָ קיין העכערע שטאַפּלען. דאָס דאָזיקע וואָרט איז די פאַרענטפערונג פון אַלע קשיות. די פאַרווירקלעכונג פון אַלע טרוימען, די געשטילטקייט פון אַלע בענקשאַפטן. נישט אומזיסט האָט דאָס פאָלק אַלע זיינע פּיינען, אַלע זיינע צערן, אויסגעלעבט אין דער האָפענונג אויף גאולה. און מיט דער גאולה האָט דאָך דאָס פאָלק פאַרבונדן זיין לעצטע ענדגילטיקע דערגרייכונג פונעם סאַמע גרעסטן און שענסטן אידעאַל. נאָך מער — גאולה האָט נישט צו טאָן בלויז מיט מענטשלעכע, סאָציאַלע און מאָראַלישע קאַטעגאָריעס. גאולה איז פאַר־בונדן מיט משיחס צייטן און די ווידער זענען פאַרבונדן מיטן גרויסן שינוי, וואָס דאַרף פאַרקומען אין סדר העולם".

אין דעם בוך „פנימער און נעמען" זענען צונויפגענומען עסייען איבער קרוב פערציק יידישע פּאָעטן. איך האָב ציטירט דעם איינעם אָפּזאַץ, כדי צו האָבן אַ בילד נישט נאָר פון יאַנאַסאָוויטשס גוואַלדיקער התפעלותדיקער אָפּשאַצונג פון לייוויקן, נאָר אויך פון דער עכטער איבערלעבונג הינטער יעדן וואָרט און דעם כוח איבערצוגעבן עס דעם לייענער. ער איז בטבע צוגעגרייט דערצו מיט זיין חוש אַרויסצוברענגען די טיפקייטן פונעם ווערק. און עס איז בפירוש אָנגענעם צו

קענען זאָגן, אַז פון די עסייען איבער יידישע פּאָעטן און פּראָזאיקער זעט מען יאַנאַסאָוויטשן דעם דיכטער אַן אַריינגעטוענעם מיט זיין גאַנצער נשמה אין שעפערישן פּראָצעס פון אַנדערע דיכטער און איז אי אויסטייטשער און אָפּשאַצער, אי געטרייער אָפּהיטער און מיטשאַפער.

יצחק יאַנאַסאָוויטש שרייבט אַ סך וועגן די פּאָעטן און פּראָזאיקער און איז אויך בעל פה זייער וואָרטזאָגער און באַשיינער פון זייערע פייערונגען און אוונטן לכבוד זייערע ווערק.

אַ וואָרט דאַרף מען זאָגן וועגן זיין פּובליציסטיק. וועגן אָפּשטעלן זיך אויף די אַלע אַרבעטן איז נישטאָ וואָס צו רעדן, בלויז על רגל אחת וואָלט איך געזאָגט, איז דאָ אויך בולט צוזאַמען מיט דער לאָגיק און חריפות, אויך די הויכע טעמ־פּעראַטור.

אין אַלעם וואָס ער באַהאַנדלט, איז ער קיינמאָל נישט קאַלט און אויך דאָ לאָזן זיך נישט פאַרווישן די שפּורן פונעם פּאָעט.

כ׳האָב אין אַנהויב דערמאָנט יאַנאַסאָוויטשעס בוך ״מיט יידישע שרייבער אין רוסלאַנד״. דאָס זענען גלענצנדיק־געצייכנטע ליטעראַרישע פּאָרטרעטן פון זעקס יידישע שרייבער. אַ בוך, וואָס האָט בשעתו אָפּגעקלונגען איבער גאָר דער יידישער וועלט און איז היינט נישט צו באַקומען אין ערגעץ. דאָס בוך וועט אַמאָל זיין אַן אוצר פאַר פאָרשער. יאַנאַסאָוויטש האָט דאָ אַנגעכאַפּט די גרויסע טעמע און פּערפעקט אַרויסגעברענגט אַ מאַסע פּרטים, וואָס דאַרפן די גרויסע טעמע אויסדריקן. דאָס זענען נישט בלויז פּאָרטרעטן, נאָר געמעלן גאַנצע, און יאַנאַ־סאָוויטש איז דאָ פּאָעט, דערציילער, און איבער אַלעם קריטיקער.

איך האָב אין מאָסקווע געזען יאַנאַסאָוויטשס נאָענטע באַציאונגען מיט די שרייבער, אָבער איך בין זיכער, אַז זיי האָבן קיין אַנונג נישט געהאַט ווי טיף ער איז אַריינגעדרונגען אין זייער טראַגעדיע. ער האָט זיי געקענט אַ סך בעסער ווי זיי אַליין האָבן זיך געקענט. אין בוך האָט ער אַנטדעקט אַלע ניואַנסן פון זייער געראַנגל מיטן גורל, מיט זיך און צווישן זיך, מיטן אייגענעם געוויסן. אַמאָל קומט אַרויס אַ פאַרהוילן געפיל פון דרך ארץ פאַרן גלויבן פון געוויסע שרייבער. אַזוי למשל, זאָגט ער וועגן קוויטקאָ, אַז ער איז געווען „באַשאַנקען מיט אַן אינער־לעכער זעלישער גאַנצקייט און אויך אַ ניצוץ פון הימלישער תמימות. און וואָלט אפילו אין גהינום אויך געקענט הנאה האָבן פון די פלאַמען״.

עס וואָלט גוט געווען ווען מען קען זיך אַריינלאָזן אין אַ טיפערן אַנאַליז פון יאַנאַסאָוויטשס גרויסן אויפטו אין די דאָזיקע געמעלן. ווען איך האָב דאָס בוך געלייענט האָב איך געהאַט דאָס געפיל, ווי פון אַ שטאַרקער פּראָזע־אַרבעט, אין וועלכער עס איז אַרויסגעברענגט געוואָרן דאָס אַלזייטיקע סאָציאַלע, פּסיכישע און מאָראַלישע בילד פון דער יידיש סאָוועטישער ליטעראַטור, פון גאַנצן לעבן אין סאָוועט־רוסלאַנד. אַלץ איז דאָ געזאָגט געוואָרן, אויסשעפּנדיק, און איך חזר איבער: מיט איידעלן און שאַרפן אַנאַליז, מיט מאָראַלישער עקשנות און היסטאָרישער אחריות. ער דעקט אָפּ די וואָרצלען פון דעם שקר און מען זעט ווי טיף עס גייט אים אָן דער שקר אין דעם לעבן און אין שאַפן פון די יידישע שרייבער, ווייל סיי די שרייבער, סיי זייערע ווערק, האָבן געזאָגט ליגן. אָבער

ערגעץ אינעווייניק האָט עס זיי געשטיקט און געפּייניקט און דער דאָזיקער אַבסורד פון זייער לעבן און שאַפן ווערט אונטער יאַנאַסאָוויטשעס פּעדער קינסט־לערישעווירקלעכקייט.

פאַראַן דאָ אינערלעכע איבערלעבונגען, פאַר וועלכע עס איז שווער צו געפינען אַן אויסדרוק. אַזוי דין זענען זיי, נישט אָנצוטאַפּן, נישט איינצופּאַסן אין ווערטער. מען דאַרף האָבן מוט און קראַפט צו פּרוּוון און דעם גרויסן טאַלאַנט דאָס צו דערגרייכן. איך מיין, אַז עס איז בכלל נישט גרינג צו געפינען אַן ענלעך טיף און סוגעסטירנדיק בוך.

מען וואָלט געקענט און געדאַרפט נאָך אַ סך ציטירן און רעדן וועגן אַן אַ שיעור אַספּעקטן פון יאַנאַסאָוויטשס פּילזייטיקן שאַפן. איך וויל אָבער פאַר־ענדיקן מיט אַ ציטאַט פון יאַנאַסאָוויטשס דערמאָנטער אָפּהאַנדלונג וועגן לייוויקן: ״...וואָס לייוויק האָט נאָר נישט געוואָלט שרייבן, אַ לירישע פּאָעמע אָדער אַ סאָציאַלע דראַמע, אַ פילאָזאָפיש־מיסטישע טראַגעדיע אָדער אַ חורבן־ליד — אַלצאיינס איז ער תמיד סטימולירט און אינספּירירט געוואָרן פון אַן עטישן אימפּולס, פון אַ באַגער און אַ באַדערפעניש אַרויסצוברענגען זיין מאָראַלישן אני מאמין בנוגע וועלט און לעבן״.

דאָס זעלבע בעט זיך געזאָגט צו ווערן אויך וועגן יאַנאַסאָוויטשס פּילזייטיקער שעפערישער פּערזענלעכקייט.

פילשטאפלדיקע קינסטלערישע באגאבונג

די פּאָעזיע פון יצחק יאַנאַסאָוויטש פאַרנעמט זיכער אַן אָרט אויף דער מזרח־וואַנט פון דער יידישער דיכטונג, אָבער ווען מען נעמט אַריינקוקן אין זיין ברייט־צעוואַקסענעם שרייבערישן באַגאַזש אין די פאַרשידענע זשאַנערן, זעט מען, אַז דאָס איבערגעוויכט פאַלט אויף זיין פּראָזע, עסייאיסטיק און פּובלי־ציסטיק, וואָס שטייגט איבער אין קוואַנטיטעט פילפאַכיק זיינע פּאָעטישע ווערק. דאָך איז יאַנאַסאָוויטש קודם כל אַ דיכטער און דער אָטעם פון דיכטונג גייט אויף פון אַלעם וואָס ער שרייבט. אַפילו אין די צייטונג־אַרטיקלען, וואָס ער פלעגט שרייבן יעדן טאָג און ביז היינט פאַרנעמען זיי נאָך אַלץ דעם גרעסטן טייל פון זיינע אַרבעטסטעג, ווירקט ער מיט זיין דיכטעריש צויבער־שטעקעלע מער ווי מיטן כוח פון איבערצייגונג און עס האָט זיך שוין נישט איינמאָל אַרויסגעוויזן, אַז דער צויבערקלאַנג פון וואָרט ווירקט אויך אין דער פּובליציסטיק שטאַרקער ווי דער לאָגישער אַרגומענט. יאַנאַסאָוויטשעס פּובליציסטיק האָט אין זיך דעם פּאָעטישן צוגאָב, וואָס ווירקט, באַרוישט, ברענגט אין באַוועגונג דעם געדאַנק און דאָס געפיל. די דיכטערישע אינטואיציע פאַרלאָזט אים נישט אין זיין זשורנאַליסטישער אַרבעט, ביים באַהאַנדלען אַזויפיל צענדליקער און הונדערטער טעמעס און נישט

איין פובליציסטיש אַרטיקל קומט ביי אים אַרויס ווי אויסגעזונגען מיט דעם וווּנדערבאַרן ריטם און ניגון, מיט וועלכן עס צייכענען זיך אויס זיינע לידער.

זיין קינסטלערישע באַגאַבונג אין די אַקטועלע אַרטיקלען גייט צוזאַמען מיט דער פּערזענלעכער אַנגאַזשירטקייט אין די באַהאַנדלטע פּראָבלעמען. ער רופט זיך אָפּ מיט ווייטאָגלעכער פּאַראינטערעסירונג און אין זיין הייסן רעאַגירן איז דאָ די אינערלעכע באַציאונג וואָס שטעקט אָן דעם לייענער. דערצו איז ער אַ גלענצנדיקער סטיליסט. די שיינקייט, וואָס דריקט זיך אויס אין אַזאַ סטיל ווי יאַנאַסאָוויטשעס, שאַפט די דויערנדיקע ווערט אויך פון אַ צייטונגס־אַרבעט און עס וואָלט דערפאַר כדאַי געווען זיי צונויפצוזאַמלען און אַריינעמען צווישן טאָוולען. דאָס וואָלט אפשר געגעבן אַ שליסל אויך צו די אַנדערע געביטן פון זיין קינסטלערישן שאַפן.

קלאָר, אַז פון אַ פּיל טיפערער טיף זענען יאַנאַסאָוויטשעס עסייען. ווען מען בלעטערט אין זיינע צוויי בענדער „פּנימער און נעמען" ווערט מען ממש בשתומם פון דער עשירות פון געדאַנק און שפע פון דיכטונג און דערביי אַזאַ אינטימע נאָענטקייט סיי צום ווערק און סיי צום מחבר, אַפילו צו אַ ווייניק־באַקאַנטן. יעדן, אַפילו ווען ער איז נישט מער ווי אַ פּינטעלע אינעם ברייטן בילד פון דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע און פּראָזע, באַהאַנדלט ער מיטן זעלבן כובד־ראש, נישט פון אַ פּיעדעסטאַל, ווי אַ לערער, צי אַ מוסר־זאָגער. עס פאַלט אים גאָר־נישט איין אָוועקצושטעלן זיך מיטן טייטל און עמעצן לערנען. ער גייט צו צו יעדן שרייבער ווי אַן אייגענער, פון זעלבן באַרוף און פון דער זעלבער מדרגה, ווי ער וואָלט אַליין נישט געוווּסט מיט וויפל קעפּ ער שטייט אָפטמאָל העכער פונעם באַהאַנדלטן שרייבער. „דער סוד פון גרויסקייט — האָט געזאָגט ראָמען ראָלאַן — איז דאָס נישט וויסן פון איר".

ער ווייסט אויך נישט, אַז ער כאַראַקטעריזירט זיך אַליין ווען ער שרייבט וועגן די הויכע מדרגות פון אַנדערע. אַזוי שרייבט ער וועגן יעקב גלאַטשטיין: „...זיין איינשטעל איז מלכתחילה געווען, אַז עס זענען נישטאָ קיין ספּעציעלע פּאָעטישע טעמעס און קיין ספּעציעלע פּאָעטישע ווייד, נאָר עס איז פאַראַן אַ מענטשלעך פילן און דערזען, וואָס אין אַ באַשטימטער אַנגעגליטער אַטמאָספער פאַרוואַנדלען זיי יעדעס לעבעדיקע וואָרט אין פּאָעזיע". יעדע טעמע ווערט ביי יאַנאַסאָוויטשן דורכגעגליט און אַפילו די אַקאַדעמישע באַהאַנדלונג ווערט צונויפגעשפּילט מיט שירה פון דער נשמה, מיט תפילה זכה. דערפאַר קען זיך אַמאָל אויסווייזן, אַז די שבחים פאַר דעם אָדער אַנדערן שרייבער זענען איבערגעטריבן. אָבער דאָס איז זיין אמת און דער אמת פון אַ דיכטערישער פּערזענלעכקייט איז אויך אונדזער אמת.

אין איינעם פון זיינע עסייען שטעלט יאַנאַסאָוויטש די פראַגע: וואָס אַזוינס איז פּערזענלעכקייט בכלל? ער ענטפערט, אַז פּערזענלעכקייט איז די קאָמבינירטע סומע פון גייסטיקע אייגנשאַפטן, וועלכע אונטערשיידן דעם מענטש פון אַנדערע. מיר דערקענען די פּערזענלעכקייט אין דעם, וואָס ער טיילט זיך אויס פון זיין סביבה, באַזיצט מער פון די אַנדערע. מיר וועלן זיכער מסכים זיין מיט אים, אַז די דיכטערישע פּערזענלעכקייט באַשטייט אין זיין אַנדערשקייט פון אַנדערע

דיכטערס, אין זיין זען די וועלט און אַרויסברענגען דאָס געזעענע אַנדערש פון די דיכטערס אַרום אים. די דאָזיקע אַנדערשקייט געפינען מיר אין די פאַרשידענע ושאַנערן פון יאַנאַסאָוויטשעס ליטעראַרישן שאַפן. אין זיינע קריטישע אַרבעטן איז עס אויך די אַנדערשקייט אינעם צוגאַנג צום שרייבער, אינעם זוכן ביים שרייבער דאָס וויטאַל־אייגענע, דאָס תוכיקע. אויב ער באַהאַנדלט אַזוי אָפט די טעכניק פונעם דיכטער, איז עס ווייל ער זעט אין איר אַ פאָרם פון זעלבסט־קאָנטראָל, וואָס באַשטימט זיין פאָעטישן מהות.

אין אַלע אָפּהאַנדלונגען, וואָס ער שרייבט מיט אַזאַ קינסטלערישער קלאָרקייט, איז דאָ דער ציטערנדיקער נאָכקלאַנג פון יענער פאָעטישער נישט דערזאָגטקייט, וואָס מיינט גאָר אַ סך און הינטער די זאַכלעכע רייד און אינטעלעקטועלער ליידנשאַפט פילט מען די אינטערעסאַנטע קינסטלערישע פערזענלעכקייט, מיט הויכער אויסדרוק־קולטור און גרויסער ליבשאַפט צו קונסט און צום קינסטלער.

וואָס דערפירט אַ דיכטער צו נעמען זיך צו קריטיק? ווער בעט בכלל אַ מענטש צו זאָגן מיינונגען איבער אַנדערע? די אימפּולסן זענען מסתמא פאַרשידענע. ווער עס איז פון דער נאַטור אַ לערער, אַ מוסר־זאָגער אָדער גאָר אַ בייזער מענטש. דער אינטערעסאַנטסטער קריטיקער איז דער קונסט־ליבהאָבער, וואָס איז נאָך דערצו גייסטרייך. רעדן וועגן קונסט איז אַ שווערער ענין און אויב מען איז נישט פאַרליבט אין איר, איז מען נישט פעאיק צו זאָגן עפּעס בייעס ווי אינטעליגענט מען זאָל נישט זיין. יאַנאַסאָוויטשעס קריטישע אָפּהאַנדלונגען זענען געשריבן מיט ליבשאַפט, אָבער דאָס איז די ליבשאַפט פון אַ שטאַרקן מאַן, דריקט אויס כוח גברא און וויפל ער זאָל נישט זיין דורכגענומען מיט באַוווּנדערונג וועט זי נישט אַריבערפלייצן די עסטעטישע שוועלן.

צו באַשיינפּערלעכער התגלות דערגייט זיין קינסטלערישע פולקייט אין דער פּאָעזיע, אין וועלכער ער קומט מיט אַלע שעפערישע אייגנאַרטיקייטן פון אַ דיכטערישער פערזענלעכקייט. זיינע לידער פאַרמאָגן די פרישקייט פון דערפילן די וווּנדער פון לעבן, מיט שאַרפער עקספּרעסיע פון געפיל און מחשבה, וואָס איז ביי אים פון ריינסטן פאָעטישן מעטאַל. אין דער פּאָעמע „אַ שטוב אין שטעטל" איז פאַראַן דער כוח אויסצופאָרעמען אומגעווייגלעכע פּאָעזיע פון די סאַמע געווייגלעכסטע זאַכן און אין אַ פאָרם, וואָס דערגרייכט זעלטענע שלימות. די בענקשאַפט נאָך דער היים אין אירע פשוטסטע דערשיינונגען איז געשטאַלטיקט ממש אויף אַ מאָנומענטאַלן און עפּישן פאַרנעם. עס איז נישט בלויז דאָס אָרעמע לעבן פון זיין אייגענער היים. עס איז דער גאַנצער יידישער קיום אין אַמאָליקן שטעטל און אין דער נויט און אָרעמקייט אַנטפּלעקן זיך די וווּנדער פון גרויסער פּאָעזיע, פון תפילה לעני כי יעטוף, פון תהילים און תיקון חצות, פון טאַטנס פרומקייט און מידות טובות און פעטערס זוכן דעם אמת פון לעבן און פון דער שוועסטערס רעוואָלט און בונט קעגן אונטערדריקונג. אָבער איבער אַלעם איז עס יאַנאַסאָוויטשעס קינסטלעריש געפיל און ליריש געמיט, מיט וועלכן עס איז דורכגענומען דאָס שטייגעריש־רעאַליסטישע. די מעלאָדישקייט, די לירישע מאָטיוון זענען פּונקט ווי דער טראַגישער אויסגעשריי אָרגאַניש צונויפגעוואַקסן מיט די קאָנקרעטע און שטייגערישע בילדער, וואָס ווי שווער און ביטער זיי זאָלן

נישט אַרויסקומען, זענען זיי אָבער נישט אויסן צו וועקן רחמנות. די פּאָעמע האַלט געשפּאַנט מיט איר פּאַטעטישער און קינסטלערישער אויספאַרעמונג. עס אַנטפּלעקט זיך אין איר דער כאַראַקטער פון עפּיקער, וואָס געהער צו די שטאַרקסטע שטריכן אין יאַנאַסאָוויטשעס טאַלאַנט. אויך זיינע שפּעטערדיקע לידער האָבן אַן אינעווייניקסטע געבונדנקייט, קייטלען זיך, זעצן פאָר איינס דאָס אַנדערע און שאַפן צוזאַמען דאָס גאַנצע, דורך וועלכן עס גייט דורך דאָס לעבן פונעם דיכטער, נישט אין געוויינלעכן אויטאָביאָגראַפישן זין, נאָר פון דער פּאָעטישער וועלט־ און לעבנס־דערקענטעניש.

די דויערנדיקע ווערטן אין זיין פילשטאָפּלדיקער ליטעראַרישער גערעטעניש גיבן יאַנאַסאָוויטשן דאָס אָרט, וואָס ער פאַרנעמט אין דער יידישער ליטעראַטור און די אָנערקענונג איז באַגלייט מיט דער דאַנקבאַרקייט פון זיינע לייענער, די דאַנקבאַרקייט צום קינסטלער פאַרן באַרייכערן און פאַרשענערן אונדזער גייסטיק לעבן.

„פנימער און נעמען"

2־טער באַנד

יצחק יאַנאַסאָוויטש געהערט צום סאַמע פאָדערשטן קרייז פון די יידישע ליטעראַטור־קריטיקער און רעפּרעזענטירט אויסגעצייכנט דעם טיפּ קריטיקער, וואָס זיין הויפּט־ציל איז אַרויסצובאַקומען די נשמה פון דעם קונסט־ווערק. אָבער אָנערקענענדיק אים ווי אַ בר־סמכא פון ערשטן ראַנג אין דער ליטעראַטור־קריטיק, איז דאָך אוממעגלעך נישט צו האָבן פאַר די אויגן יאַנאַסאָוויטשן דעם דיכטער און פּראָזאיקער. עס אַנטשטייט דאָן די פראַגע: ווען איז דער פיל־זשאַנערדיקער שרייבער מער גאַנץ מיט זיך? דאָס הייסט: אין וועלכער פאָרם, אין וועלכן זשאַנער זאָגט ער זיך אַרויס צום פולסטן און ברענגט צום בולטסטן אַרויס זיין קינסטלערישע פּערזענלעכקייט.

אין דעם פאַל, ווען מיר האָבן שוין פאַר זיך דעם צווייטן באַנד יאַנאַסאָוויטשעס אָפּגעקליבענע קריטישע עסייען, געהערט דער ענטפער צו די סודות פון זיין פילזייטיקן טאַלאַנט, ווייל אויך דאָ, ווי אין יעדן אַנדערן זשאַנער, זעען מיר קלאָר זיין קינסטלערישע אָריגינאַליטעט, דאָס באַזונדערע וואָס טיילט אים אויס פון אַנדערע. ווי אין דער פּאָעזיע און פּראָזע איז יאַנאַסאָוויטש אויך אין דער קריטיק אַנדערש פון אַנדערע שרייבער, וועלכע עס קומט אויס צו פאַרנעמען זיך אויך מיט ליטעראַטור־קריטיק.

וועגן דער אָריגינאַליטעט פון שרייבער זאָגט זיך פאַרשידנס. אַמאָל שטעלט מען זיך אָפּ אויף די נייע אויסדרוק־מיטלען, אויף דער דערפינדערישער טעכניק. צי גאָר אויף דער טעמאַטיק פון דער לעצטער מאָדע. עס ווערט זיין דעמאַגאָגיש

מבטל צו מאַכן די אַלע דעפיניציעס אַלס איבערפּלעכלעכע, אָדער ווי מיספּאַר־שטענדעניש, אָבער דאָך דאַרף מען זיך קלאָר מאַכן, אַז זיי דערגייען נישט צום עצם מהות פון אָריגינאַליטעט. אמתע אָריגינאַליטעט איז באַדינגט פון דער פּערזענלעכקייט פונעם שרייבער, פון זיינע געדאַנקען און געפילן, פון זיין צוגאַנג צום אָפּשאַצן ווערטן, פון דער ריכטונג וואָס ער גיט זיין לײדנשאַפט; פון זיין גלויבן און פון זיינע ספיקות. אונטער בליציקער נאָוואַטאָרישקייט פון פאָרם און טעכנישע אויפטוען באַהאַלט זיך אָפט פאַרמאַסקירטע באַנאַליטעט, אינטע־לעקטועלע אָרעמקייט און פאַרעווע געפילן. פאַרקערט, טרעפן מיר זיך אָן אויף קאָנווענציאָנעל־אָנגעשריבענע זאַכן, לויט אָנגענומענע טראַדיציעס, אויף איבער־געקייטע "אייביקע" טעמעס, אָבער אַ דאַנק דער פּערזענלעכקייט פונעם שרייבער קומען זיי אַרויס ווי פון דאָס ניי באַהאַנדלט און זיי דריקן אויס אויף אַ נייעם אופן די באַציאונג פון היינצייטיקן מענטש צום אינהאַלט. דאַן איז דאָס אַ דורכ־אויס אָריגינעלע שאַפונג און אין איר יסוד היינטצייטיק און ניי. אט די דאָזיקע נייקייט און אָריגינאַליטעט איז פאַראַן ביי יאַנאַסאָוויטשן אין אַלע זיינע זשאַנרען, אין זיין גאַנצן, ווי מען רופט עס, ליטעראַרישן וואַרשטאַט, און קודם כל אין דער דיכטונג, ווו אין קאָנווענציאָנעלע פאָרמען און אַלטע טעמעס פון טרויער און פרייד, פון אומעט און געזאַנג, אַנטפּלעקט ער מיט די שטילסטע ווערטער נייע פּאָעטישע רעאַליטעטן, נייע שיינקייטן, נייע נשמהדיקע מאַטעריעס. דאָס זעלבע אין זיין פּראָזע, ווו די פּאָעטישע עלעמענטן ווערן אַבסאָרבירט און דינען דעם עיקר וואָס ער שטעלט זיך אין זיין דערציילונג.

גאָר באַזונדערס גיסן זיך צונויף די אַלע ליטעראַרישע פאָרמען אין זיינע קריטישע עסייען. ווי אַ שרייבערישע פּערזענלעכקייט, געהערט ער דאָך צו די דיכטער און דערציילער און ווייסט, ווי אַן אייגענער, דעם סוד פון זייער שאַפן, די באַציאונג צום באַהאַנדלטן שרייבער און זיין ווערק איז דערפאַר אַן אומ־מיטלבאַרע. דאָס מוז במילא האָבן אַ השפּעה אויפן מעטאָד פון זיין קריטיק, אויף דער אויפגאַבע וואָס ער שטעלט זיך ביים שרייבן איבער די ווערק פון פּאָעטן און פּראָזאַאיקער. אין יאַנאַסאָוויטשן האָבן מיר צו טאָן מיטן טיפּ קריטיקער־קינסטלער, וואָס איז מסוגל אַריינצודרינגען אין דער מאַטעריע און גייסט פונעם ווערק און מיר בייגן דעם קאָפּ פאַר זיין טיפן אַנאַליז און טרעפלעכן סינטעז.

יאַנאַסאָוויטש פאַרמאָגט די אַפּאַראַטור פון אַנאַליטישן באַהאַנדלען אַ קינסטלעריש ווערק, ער איז אַן ערודיט, מיט ברייטע ידיעות אין דער וועלט־ליטעראַטור און קען זיך באַדינען אויך מיט פאַרשידענע מעטאָדן, אָבער ער גיט זיך אָפּ אַ חשבון, אַז דאָס בלויזע ראַציאָנעל־אַנאַליטישע פאָרשן, וועט נישט ענטפערן אויף די פראַגן, וואָס ער שטעלט זיך אַלס קריטיקער. פאַרקערט, וועט נאָך באַגרענעצן דעם שטח פון די קריטישע פאַראינטערעסירונגען. ער נעגירט נישט די אַלגעמיין־אָנערקענטע פּרינציפּן פון קינסטלערישער שאַפונג, אָבער וועט זי קיינמאָל נישט מעסטן לויט פאַרגליווערטע דאָגמעס. דאָס וויכטיקסטע אין יאַנאַסאָוויטשעס אָפּשאַצונגען איז די קריטישע מאָס, נישט ווי אַ סתם ספּע־ציאַליסט, וואָס אונטערזוכט אַ ווערק און מעסט עס לויט פעסטע כללים אין גאַנצן;

נישט ווי אַן אָביעקטיוועך אָפּשאַצער און קלאַסיפיצירער, צי גאָר אומבארהמנות־דיקער ריכטער, וואָס טראָגט אַרויס אורטיילן אויפן סמך פון פעסטגעשטעלטע מאָסן. ער קומט קיינמאָל נישט צום ווערק פון דרויסן, נאָר פון אינעווייניק, פון אינעווייניקסטן קרייז לעבעדיקע, פערמענטירנדיקע שעפערישקייט.

אין זיין אַריינפיר באַוואָרנט זיך יאַנאַסאָוויטש, אַז די אָפּהאַנדלונגען, וואָס גייען אַריין אינעם בוך זענען לכתחילה געשריבן געוואָרן פאַר צייטונגען און זשורנאַלן או דאָס האָט געלייגט אויף זיי אַ קענטיקן חותם. דערמיט וויל ער זאָגן, אַז זיי זענען געשריבן ווי רעצענזיעס און פרעטענדירן נישט אויף אויסשעפנדיקער קריטיק. דער אמת איז אָבער, אַז אַפילו אין זיינע רעצענזיעס פילט מען דעם לאַנג־אָטעמדיקן שעפערישן קריטיקער, וועמענס קריטישער שטראָם פלייצט אַריבער נישט בלויז די ראָם פון אַ רעצענזיע, נאָר אָפט אויך די באַגרענעצטע קאָנטורן פונוועדק. די סאַמע קירצסטע אָפּהאַנדלונג קומט ביי אים קיינמאָל נישט אַרויס ווי אַ גוט־ברודערישע, אָדער בייזווייליק־ביטערע רעצענזיע. דווקא די קורצע רעצענזיע איז דער בעסטער עדות פון זיין טאַלאַנט צו דערזען אַ ווערק פון אַלע אַספּעקטן, דרויסנדיקע און אינעווייניקסטע. באַשאַקען מיט איינגעבוירענעם געפיל פאַר וואָג און מאָס, באַווייזט ער אויף אַ תמציתדיקן אופן צו אַנאַליזירן דעם פּאַרנעם פונעם ווערק, אָפּשטעלן זיך אויף זיינע קינסטלערישע ווערטן. באַצייכענען דאָס וואָס איז אייגנס און וואָס איז השפעה, אַן פאַלשע הנחות, אַן אילוזאָרישע ווערטן, אַן עמאָציאָנעל־גוזמאדיקע באַהויפּטונגען און אַנדערע פּסולע זאַכן, מיט וועלכע רעצענזענטן ווערן אָפט געשטרויכלט.

אמת אין אַ גרעסערן פאַרנעם זעען מיר אים אין די ברייטע אָפּהאַנדלונגען. ווי למשל די וועגן חיים גראַדעס און מרדכי צאַנינס ראָמאַנען, וועגן אפרים קאַגאַנאָווסקי, מענדל מאַן און הערץ בערגנער. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אין דער ברייטערער אָפּהאַנדלונג איז ער אימשטאַנד מער אַרומצונעמען, מער אַריינלאָזן זיך אין שפּיל פון געדאַנק־ניואַנסן, אויפמערקזאַמער איינהערן זיך אין סובטעלע, ראַפינירטע אונטער־טעקסטן, אָבער נאָך בעסער דערזעט מען די קינסטלערישע גאַנצקייט אין זיין קריטיק, ווען מען האָט די אַלע גרעסערע און קלענערע אָפּהאַנדלונגען צווישן צוויי טאָוולען און עס באַווייזט זיך פאַר אונדז די פּאַנאָראַמע פון אַ ליטעראַרישער תקופה אויף דער קאַלירפולער קאַנווע פון דרייסיק יידישע דערציילער, וואָס זייערע ווערק זענען דערשינען נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה און האָבן על פי רוב געשילדערט דעם חורבן פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום און אויך די העראָאישע און טאָג־טעגלעכעווירקלעכקייט אין מדינת ישראל.

מיט טיפקייט און עמפּינדלעכקייט הויבט ער אויף די ווערטן פון יעדן דער־ציילער באַזונדער, לעבט דורך סוביעקטיוו און אַפילו עמאָציאָנעל דאָס געגעבענע ווערק, ברענגט אַרויס זיינע אייגענע אידעען, ווייל ער האָט וואָס צו שעפּן פון זיין אייגענער רייכער און שעפערישער פאַנטאַזיע און ער טוט עס אויף אַזאַ מאַגישן אופן, אַז ער פאַרבינדט דעם דערציילער מיטן אָפּנעמער פון זיין שאַפונג.

אין דער אַרבעט איבער קאַגאַנאָווסקין שרייבט יאַנאַסאָוויטש : „...קאַגאַנאָווסקי שפּילט זיך נישט מיט קיין ווערטער, ער צערטלט זיי נישט, איר האָט אָבער דאָס

געפיל, אַז קיין שום וואָרט האָט זיך ביי אים נישט אַרויסגעגליטשט צופעליק. ווי אַ געניטער מייסטער האָט ער אַ ווײַלע געזוכט און געפינענדיק — עס געבומען פאָרזיכטיק באַטראַכטן. בכלל באַוועגט ער די ווערטער זייער פאָרזיכטיק, ווי אַ גאָלדשמיד באַוועגט פאָרזיכטיק זיין געצייג איבערן איידעלן מעטאַל". דאָס איז אויך יאַנאַסאָוויטשעס גרויסע מעלה אין זיינע קריטישע אַרבעטן. ביי דער גאַנצער ליבשאַפט צו די ליטעראַרישע שאַפונגען, וואָס ער באַהאַנדלט, לאָזט ער זיך אָבער נישט פאַרשיכורן פון עמאָציאָנעלער געפליגלקייט און נישט מיט־רייסן זיך פון סענטימענטן. אין זיין יעדער אָפּהאַנדלונג איז דאָ דער „ראַסאָווער" טעמפּעראַמענט פון אַ קריטיקער, וואָס פאַרשטייט ווי אַרויסצוברענגען די ווערק אין זייערע רייכסטע אויסמעסטונגען און ווייסט ווי צו באַנוצן זיך מיט מילדע־רנדיקע אומשטענדן לגבי אַ שוואַכערן מחבר, אָבער ווייט פון גלעטן איבערן קאָפּ מיט איבערגעטריבענע, נישט באַגרינדעטע שבחים, וואָס טוען אַ קנאַפּע טובה דעם שרייבער. יאַנאַסאָוויטשס אָביעקטיווער און העכערער ציל אין זיין קריטיק איז דער גרויסער אינטערעס אין דער יידישער ליטעראַטור, דאָס גרויסע געפיל פאַר דעם עכטן און גוטן, אַז עס זאָל וואַקסן אין אַ וואַרעמער אַטמאָספער פון אָנערקענונג, פאַרערונג און ליבשאַפט.

אַן אויסרוף־צייכנס

די זאַמלונג עסייען און פעליעטאָנען „אַן אויסרוף־צייכנס" פון יצחק יאַנאַסאָוויטש געהער צום סאָרט ביכער, וואָס לאָזן זיך נישט רעפערירן אין אַ רעצענזיע. עס ווערן דאָ באַהאַנדלט צופיל אינטערעסאַנטע טעמעס און עס ווערן אויפגעהויבן אַ סך וויכטיקע ליטעראַטור־פּראָבלעמען. דערצו איז יאַנאַסאָוויטש פּאָעט און פּראָזאיקער, קריטיקער און פּובליציסט. פאַר דער יידישער ליטעראַטור איז עס זיכער אַ געווינס. זיין קוואַלנדיקע שעפערישקייט אויף די אַלע געביטן גיט אונדז דאָס געפיל פון איינגעפונדעוועטער ליטעראַטור־עשירות. דאָך עקבערט די פראַגע: צי פילט עס אויך דער געבענטשטער מיט אַזויפיל זשאַנערן ווי אַ ברכה אָדער פילט ער עס ווי אַן איבערגעלאָדנקייט, וואָס דערפירט צו איבער־געשפּאַנטע עמאָציעס?

די מעדיטאַציעס איבער קונסט, חכמה און מאָראַל — צווייפלענישן אין דער וויכטיקייט פון דער ליטעראַטורס שליחות, צי דאָס זענען צווייפלענישן אויף אַ רגע אין דער מאָראַלישער עובדה פון דער קינסטלערישער שאַפונג, צי דאָס איז בלויז אַן אָנוועקשטעלן דעם גרויסן פרעג־צייכן פאַר אַן אָפענער דיסקוסיע, רופט עס אַרויס דעם איינדרוק פון אַ געוויסער צעצווייאונג פון זיין קינסטלערישן איך. אין דער טיפעניש פון זיין באַוווסטזיין לעבט זיין ליטעראַריש שאַפן ווי אַ שליחות, איז ער דער דיכטער, וועמענס „ליד און לייב היטן אַ ירושה :/דורותדיק

פֿאַרגאַנגען יידיש לעבן, / איך אַליין, דער אוצר, בין דורך גרויל פֿאַרכישופֿט, / איך אַליין, דער שומר, שטיי און וואַך דערנעבן". ערשט ווען ער גייט אַוועק אויף די וועגן פֿון אינטעלעקטועלן רעאַגירן, כאָטש אויך אין זיין פּובליציסטיק שפּיגלט זיך אָפּ אומדערמידלעכע שעפֿערישע מי, זעט עס אויס ווי ער וואָלט זיך אַליין דערפֿירט צו שווערע קאָמפּליצירטקייטן אָדער זיך מיטאַמאָל דערזען אַ פֿאַרפֿירטן אין אַ געדיכטן וואַלד, פֿון וועלכן עס איז שווער אַליין זיך אַרויסצוקריגן. ער זעט די הויכע קונסט־טורעמס, וואָס ער האָט אַליין געהאָלפֿן בויען און אים דאכט זיך, אַז זיי דריקן אויף אים און האָבן אויך נישט דעם כּוח אויפֿצוהייבן די מענטשן. עס גלויבט זיך נישט, אַז ער מיינט באמת, אַז דאָס מוסר־ספֿר אָן שום ליטעראַרישן ווערט העלפֿט דעם מענטש מאָראַליש זיך לייטערן מער ווי גרויסע קונסט־ווערק. גיכער זעט עס אויס צו באַהאַלטן דעם דראַנג פֿון אַ רעוואָלטירנדיקער פּאָעטישער פּערזענלעכקייט אַראָפּצוואַרפֿן פֿון זיך אַלדאָס אָנגענומענע און דיסציפּלינירטע, אַרויסגיין פֿריי און זען אַלץ פֿונסניי, מיט אייגענע אויגן.

יאַנאַסאָוויטשס אינטעלעקטועלע צווייפֿלענישן קענען אָפּגעפֿרעגט ווערן מיט דער זעלבער לאָגיק, מיט וועלכער ער פּרוווט זיי באַגרינדן. דאָס איז די דיאַלעקטישע לאָגיק, וואָס קען אויסגלייכן אַלע מעגלעכע סתּירות, באַרעכטיקן אבסורדן און אפֿילו אָפּלייקענען די ווערט פֿון שכלדיקער דערקענטעניש. מיט דער לאָגיק קען מען באַווייזן ווי עס זענען אין מוסר־ספֿרים פֿון אַלע רעליגיעס פֿאַרקריפּלט געוואָרן די באַגריפֿן פֿון גוטס און שלעכטס און שכר ועונש. פּונקט אַזוי קען מען באַווייזן, אַז קונסט איז אַ מין אָפּיום און וואָס העכער די קונסט, אַלץ מער איז זי אַמאָראַליש; צי גאָר אַז דאָס גאַנצע לעבן האָט נישט קיין זין און קיין ציל אָדער אַז די קונסט דאַרף ווערן איינגעשפּאַנט אין דער אויפֿגאַבע צו דינען דעם מענטש, הגם יאַנאַסאָוויטשן איז זיכער נאָענט דער ערשטער תּנאַי אינעם צוגאַנג צום עסטעטישן, אַז עס דאַרף אין זיך נישט איינשליסן קיין שום פּאַקטישן אינטערעס און ער קען גוט דעם כּוח פֿון קונסט צו באַגייסטערן פֿאַר גרויסע מעשׂים. האָט דאָך טאָלסטאָי נישט בלויז געזאָגט, אַז ער האָט אין דער ליטעראַטור נישט געפֿונען דאָס, וואָס ער האָט געזוכט, נאָר האָט זיך אויך באַרימט: „אין דער יוגנט האָב איך געוואָלט זיין אַ גענעראַל, בין איך געוואָרן אַ גענעראַל פֿון ליטעראַטור". דערפֿאַר לאָזן זיך זיינע צווייפֿלענישן אָננעמען ווי אַן איבערפֿלוס פֿון ברויזנדיקן גייסטיקן אומרו, וואָס באַוועגט צו ווערטן־איבערשאַצונג און אין אַזאַ מאָמענט שיינט אויסצורינען פֿון אונטער די הענט די אינעווייניקסטע דערפֿאַרונג פֿון קינסטלער, וואָס איז אַליין דורכגעדרונגען מיט דער שיינקייט און דערהויבנקייט פֿון שעפֿערישן וואָרט. והא ראיה, אויך די פּעליעטאָניסטישע מעדיטאַציעס, אין וועלכע ער שטעלט זיך פּנים אל פּנים מיט יידישע און אַלגעמיינע פּראָבלעמען, איז אויסער די צווייפֿלענישן פֿאַראַן אויך דער קאָנטראַסט, וואָס האַלט אויף דאָס גלייכגעוויכט פֿון גלויבן אין גרויסע ווערטן, קלערט אויף און פֿאַרכאַפּט דעם מוח און דאָס האַרץ מיט קלאָרער און קלוגער אַנאַליטישקייט און דערהויבנדיק געפֿיל. מיר זעען דאָ יאַנאַסאָוויטשן אויך ווי אַ גלענצנדן פּובליציסט, וואָס דערהויבט זיין אַרבעט ביז קינסטלערישקייט, נישט ווי אַ קאַפּריז, נאָר ווי אַן אויסדרוק פֿון אַן אינערלעכן באַרוף און מען פֿילט אין איר די גייסטיקע קראַפֿט פֿון פּאָעט און דענקער.

נחמן ראפּפּ —

„אין שיין פון ברענענדיקן דאָרן”

די אָפּהאַנדלונג איבערן דאָזיקן בוך לידער פון נחמן ראַפּפּ דאַרף מען אָנהויבן מיט דער פעסטשטעלונג, אַז דאָס בוך מוז באַטראַכט ווערן ווי אַן אייגנהייטלעכע גאַנצקייט, ווי עס וואָלט געווען איין גרויסע לירישע פּאָעמע, און נישט ווי באַזונדערע לידער, צעוואָרפענע איבער די קנאַפּע 250 זייטן. פון די ערשטע חורבן־לידער ביז צו די עפּישע פערזן, וואָס דער דיכטער האָט געשריבן אינעם זוניקן בלענד פונעם סיני־אויפמאַרש, צייכענען זיך דייטלעך און קלאָר די סדר־הכלען פון קאָנקרעטער דיכטערישער דערפאַרונג. מיט דער דאָזיקער דערפאַרונג איז ער אויסן צו זאָגן, אַז עס איז נישטאָ קיין מחיצה צווישן פּערזענלעכער און נאַציאָנאַלער פּאָעזיע, צווישן עפּיק און ליריק, צווישן ליד און הימן, צווישן נביאישן פּאַטאָס און שטילסטן איך־מאָטיוו. איינטיילן און אונטערשיידן זיי קען האָבן אַ געוויסע ווערט פאַר דעם ליטעראַטור־פאָרשער, גיט אָבער זייער ווייניק דעם שאַפנדיקן קינסטלער, וועלכער איז דער זעלבער ווען ער שפּילט אויף אַ פלייט ווי אויף אַ קלאַוויר. דער פּאָעטישער נביא פליענדיק איבער די וואָלקנס האָדעוועט טיף אין די פאַרבאָרגנקייטן פון געמיט דעם שטילן בלאָ פון די הימלען, וואָס מאַכט קלאָרער זיינע תפילה־טענער. דער פילבאַרער ליריקער צוימט אין זיך אַ טירטעוש, פּונקט ווי אין דעם זינגער פון ליבע־שעפּטש רייפט זיך דער עפּיקער.

אַזאַ געפיל האָט מען, ווען מען לייענט נחמן ראַפּפּס לידער, ווי ער וואָלט געזאָגט: לאָמיר זיך נישט רעכענען מיט די אָנגענומענע געזעצן, וואָס עס ווילן אויף אונדז אַרויפוואַרפן אַלערליי קענער און קריטיקער. לאָמיר זיך נישט שעמען איבערצוגיין פון פאַרבענקטן טרויער צו דונערדיקן רוף, פון שטילער עלעגיע צו ברוטאַל־אָנגרייפערישער סאַטירע. עס איז בלויז נויטיק, אַז די שטימונגס־ענדערונגען און טאָנאַציעס זאָלן ביז גאָר געטריי אָפּשפּיגלען דאָס כוואַליען פון געפיל און זאָלן נישט זיין קיין צופעליקער פלאָנטער פון מאָטיוון און סטילן.

צי האָט זיך נחמן ראַפּפּ אַן עצה געגעבן מיט דער דאָזיקער קאָנצעפּציע? דאָס פאָדערט אַ ברייטערע באַהאַנדלונג. געוויס זענען דאָ מאָמענטן ווען ער ווערט געשטרויכלט, ווען ער רעדט מיט אַ שטאַרקער שפּראַך דווקא דאָרט, וווּ דאָס וואָרט דאַרף זיין שטיל, „ווי דער גאַנג פון די וואָלקנס”. עס טרעפט אויך אַ נאַכלעסיק טראַקטירן דאָס איבערגיין פון צאַרטן ליריזם צו סטיכישער בונטאָרישקייט... דאָך זעט מען אין אַלגעמיין די קאָנסעקווענטע גלייכגעוויכט און ענגע פאַרבינדונג, וואָס עס שאַפט דעם קינסטלערס ערלעכע באַציִונג צום אָרום ווי צו זיך אַליין.

נחמן ראַפּפּ פאַרמאָגט אַ קלאַנגיקע און בילדערישע שפּראַך, וואָס איז גרינג מיט דער גרינגשאַפט פון אַ שפּעדיקן טאַלאַנט און האָט זיך איר אייגן לעבן; ווי אַזוי ער מאַכט עס, אַז די שפּראַך זאָל לעבן, דאָס איז נישט קיין טעמע פאַר באַהאַנדלען די שאַפונגען פון אַ דיכטער. דאָס איז דער סוד פון דער דיכטערישער פּערזענלעכקייט. פאַר אונדז איז גענוג, אַז זיין שפּראַך איז אינטים, רעדט צום

האַרצן און באַווירקט, אַזוי אַז מיר לעבן איבער דעם זעלבן נשמה־צושטאַנד, אין וועלכן דער דיכטער געפינט זיך, אַז אין אונדז וועבט זיך דאָס אייגענע, דאָס חדרי־חדרימדיקע פונעם דיכטערס „איך". לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַ מוזיקער, וואָס זיצט לאַנג און מאַטערט זיך איבער זיין פידל צו געפינען דעם טאָן פאַר זיין קאָמפּאָזיציע און מיטאַמאָל — אַ טאָן. ער הערט זיך איין אין אים מיט אַ באַזונ־דערער צערטלעכקייט און שיינט אויף פון גרויסן שעפערישן גליק: ס'איז זיין טאָן. דאָס זעלבע איז מיטן דיכטער, ווען ער געפינט דעם באַזונדערן אַקאָרד פון ווערטער. אונדז דאַכט זיך דעמלט: ווי גרינג עס קומט אים אָן! ווי פליסיק עס שטראָמען די ווערטער און טענער, און מיר גיבן זיך נישט אָפּ קיין חשבון וויפל פּיין דער דיכטער האָט דורכגעמאַכט ביז ער האָט געפונען די דאָזיקע לייכטקייט, דעם דאָזיקן טאָן, וואָס עפנט פאַר אים אונדזערע הערצער און לאָזן פאַלן זיינע ווערטער ווי טוי אויף פלאַנצן.

ווי אין דער מוזיק איז נישטאָ קיין איינפאַכער איינדייטיקער טאָן, נאָר יעדער טאָן איז באַגלייט פון אויבער־ און אונטער־טענער, וועלכע גיבן דעם גרונט־טאָן, דעם באַזונדערן קאָלאָריט, אַזוי איז עס אויך אין דער דיכטונג. דאָס עלעמענטאַרע געפיל, אָן די שאַטירונגען, איז נאַקעט, איז נישט־אינטערעסאַנט. וויפיל האָט מען שוין ביי אונדז נישט אויסגעזונגען איבער דעם טרויער נאָכן גרויסן חורבן, איבער דער פרייד פון דער נאַציאָנאַלער דערוואַכונג, איבער די ביבלישע געשטאַלטן ווי משה, אמנון און תמר. מיר טרעטן צו לייענען די דאָזיקע שאַפונגען ווי צו אַלט־באַקאַנטע מאָטיוון, וואָס זענען נישט בכוח צו באַרייכערן אונדז, צו דערציילן אונדז אַזעלכעס, וואָס מיר ווייסן נישט. ווי איז עס ביי ראַפּפּן? זיין אויסגעשפּראָכענע פאָלקסטימלעכקייט אין טאָן ווי אין אינהאַלט פאַרמאָגט אַזאַ הויכע קולטור־שפּראַך, אַזויפיל הויכע דיכטערישע וויזיע און אַזויפיל עכטע דיכטערישע איבערלעבונג, פאַרפיינערט און פילפאַרביק, אַז מיר באַקומען קיינמאָל נישט דעם בלויזן טרויער, צי בלויז די פרייד, נאָר די גאַנצע סימפאָניע, וואָס רודערט אויף יעדן נערוו.

נישט ניי איז אויך דער מאָטיוו פון אַנטוישונג אין דער קאָמוניסטישער אידעע, וואָס קומט פון מאָסקווע. אין פּוילן, פראַנקרייך, אַמעריקע און ישראל ציט זיך שוין עטלעכע יאָר און דויערט נאָך ביז היינט דאָס ליד פון צעווייטיקטן יידישן דיכטער, וועמענס גלויבן איז אַזוי ברוטאַל צעטרעטן געוואָרן. אָבער ביי ראַפּפּן דאַרף אויך גענומען ווערן אין באַטראַכט דער ברייטער פאַרנעם, די גרויסע קאַנווע, דער געבוי, די פאָרם, וואָס איז נישט צום אָפּטיילן פון אינהאַלט. ראַפּפּ האָט אין דער פּאָעמע „אין צער און צאָרן" אַרויסגעוויזן אַ הויכן גראַד קינסטלערישע רייפקייט. ווידער טיילט זיך זיך נישט אויס פונעם פריערדיקן טרויער אין די חורבן־לידער. כאָטש די בונטאַרישקייט גיט איר מער מאַטעריע און וואָג, ווערט זי נישט פּלוצימדיקער סטיכישער אויסברוך. ראַפּפּס בונטאַ־רישקייט איז מער ענלעך צו אַ פויגל־פּלי. דער אויגנבליק פון דער הויך, פון אַ פּערספּעקטיוו, מאַכט זיין ליד פרייער, שוועבנדיקער, לייכטער און אָריגינעלער.

זיינע תנכישע מאָטיוון, הגם זיי ווילן נישט קאָנקורירן מיט די נביאים אין זייער שטאַרקייט, פאַרמאָגן אָבער די וווּנדערבאַרע איינפאַכקייט און קאַרגקייט אין ווערטער. ער פילט זיך גוט אין דער גייסטיקער אַטמאָספער פון משהן, ווען

ער קריגט זיך מיט גאָט, ווייל ס׳קאָן אַ גאָט צום קנעכט זיינעם באַפעלן זיין געבאָט, נאָר האָט קיין האַרץ נישט אויף אַ האַרץ־ציטער באַנעמען. מער ווי אומעטום אַנטפּלעקט זיך דאָ פאַר אונדז דער דיכטער ווי אַן אָפּגעהאַקטער פינק, וואָס זוכט זיין פלאַם צוריק זיך צו באַהעפטן, און דווקא די שטאָלצקייט זיינע און דערהויבנקייט מאַכן אים נאָך נענטער און היימישער. דער אַמאָל מיטן הייגס פלעכטן זיך און ווישן אָפּ אַלע גרענעצן פון יסורים. דערפאַר זאָגט ער מיט סראַגישער און געצוימטער געלאַסנקייט: איך שטיי פאַר דיר אין טרערן ברענענדיקן צער, און יאָמער אויס פאַר דיר מיין לעצטע, לעצטע תפילה.

אויך אין זיין „אמנון״, וווּ ער איז דורכאויס ביבליש מיט ביבלישער מעלאָדישקייט, האָט ער דורכגעבראָכן דאָס מאָנומענטאַלע פון די תנכישע געשטאַלטן און אויפגעעפנט זייערע פשוטע מענטשלעכע הערצער. ווייל די סאַמע פשוטסטע רייד זאָגט אבשלום: ס׳איז יעדערן זיין גורל אויף דער ערד באַשערט און קיינער קאָן זיך נישט פון אים באַפרייען. ראַפּפּ זעט די תנכישע וועלט אַ האַרבע, אַ קלאָרע, נישט פאַטיזירט נאָר ממשותדיק קול פון די יסורים, וואָס שלאָגן אין דער טיף. עס איז ווי ער וואָלט זיין אייגענעם איצט איבערגעזעצט אויף דער פאַרגאַנגענהייט און היסטאָריזירט די טאָג־טעגלעכקייט פון אַ יידישן דיכטער.

און אויב ס׳האָט זיך נאָך געפאָדערט אַן איבעריקער באַווייז איז געקומען די גרויסע פאָעמע „אין שיין פון ברענענדיקן דאָרן״, וואָס פאַרמאָגט אין זיך די ערשטע שפּראַך פונעם נייעם עפּאָס, וואָס רופט זיך סיני. ער האָט געזען און באַזונגען די ערשטע טריט אין זעלבערישן מאַרש פונעם ייד, וואָס איז אַרויס פון גלות, און ס׳פיבערט שוין זיין אויג מיט גבורהדיקן גלי, ווייל דער דיכטער, אַ געטריי קינד פון פאָלק, לעבט מיט דעם צוריקער צו דער ערד, צו אונדזער ערד, און ווען אין צעשריגענעם מדבר עס זעגנען פונעם דזשיפּ געבליבן נאָר פלאַמענדיקע לעכער, ער איז געפלויגן הויך, אויב נישט נאָך העכער, און אין דערפלויגן ביז צום פאַנטעאָן.

נחמן ראַפּפּ איז באַקאַנט דעם יידישן לייענער סיי פון זיינע פריערדיקע ביכער, סיי פון די איינצלנע לידער, געדרוקט אין פאַרשידענע ליטעראַרישע צייטשריפטן. אָבער זיי זענען בלויז ברוכשטיקער אַקעגן דעם גרויסן בוך לידער „אין שיין פון ברענענדיקן דאָרן״. מיר האָבן דאָ פאַר זיך גרויסע דיכטערישע שאַפונגען, אין וועלכע מען הערט דעם דופּק פון אונדזער תקופה, סיי די טראַגיק, סיי דעם ווונדער פון די היינטיקע טעג.

דאָס בוך עפנט זיך מיט דער טראַגישער הייליקונג — ווי אַ סך יידישע ביכער אין אונדזער צייט — דער מאַמען צביה רחל, דעם טאַטן יצחק יהושע, די שוועסטער שרה רבקה און רייזל, דעם ברודער דוד, אומגעקומענע דורך די נאַצישע רוצחים.

עס איז ווי אַ גאַטירלעכער אַריינפיר אין דעם ערשטן ציקל לידער „פאַרלענד״, וווּ עס קומט צום אויסדרוק די גרויסע טראַגעדיע פון אונדזער פאָלק. פאַראַן אין די לידער דער טרויער אויפן גרויסן יידישן חורבן, דער חורבן, איבער וועלכן עס איז שוין אַ סך געטרויערט געוואָרן אין דער יידישער ליטעראַטור. אויך נחמן ראַפּפּן פאַרפאָלגט עס, פייניקט און לאָזט אים נישט אָפּ. אָבער ווי אין אַלע

אַנדערע לידער האָט ער אויך דאָ זיין אייגענעם טאָן. צו שטיל איז זיין ליד געלייטערט געוואָרן צו קאָנען הויך שרייען. עס בריט אָבער, צינדט אָן דאָס געמיט און גײַסט אָן דאָס האַרץ מיט געוויין. די דאַזיקע שטילקייט איז פאַראַן אַפילו ווען ער רעדט וועגן זיין פאַרברענטער מאַמען וואָס רוט אין בלאָ פון ליכט, אַז:

... איך האָב געמיינט,
זי האָט די טרערן אויסגעוויינט,
נאָך ביי דער טיר פון אויוון,
נאָר גאַנץ אָפט זע איך נאָך ביי איר,
אין שלאָף ביי יעדן מינדסטן ריר,
ווערן פול מיט הייסן ברי,
אירע אַלטע אויגן...

אין סאַמע צענטער פונעם בוך געפינט זיך די גרויסע אין כמות און אין איכות פּאָעמע „אין צער און צאַרן”. מיט קוים אָנגעהויכטער פאבולע, אָן מעשה־געשעעניש, אָן פּראָזאישער שילדערונג, נאָר מיט דער גראַוויר־נאָדל פון אָן עכטן פּאָעט קריצט דאָ ראפּפּ אויס דאָס גרויסע קלאָג־געזאַנג איבער דעם אומקום פון די יידישע שרייבער אין מאָסקווע, ווו עס „וואַלגערט זיך אין מיסטן זיין גלויבן אַ באַשפּיגענער, צעקנאָדערט און צעטראָטן”.

איינע פון די כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן פון אונדזער צייט, איז דאָס צערינען פון דער אילוזיע, וואָס האָט פאַרוועבט מוחות, פאַר וועלכער „טויט איז געקומען מיט לאַנגע גסיסות אין קעלער פון פינצטערע צאַרישע תפיסות”. נחמן ראפּפּ ברענגט אַרויס דעם גאַנצן גלי פון יענע לעכצנדיקע מענטשן, נאָך אַ וועלט פון יושר און ברידערלעכקייט, און ווייזט זיי ממש מיט זעלבסטפּייניקונג ווי „דער טרוים איז צעטראָטן, די מאַכט האָט באַקומען דער האַריקער שטן, די בלומען האָט ער מיט בלוט אָנגעטרונקען, די פרייד די צעפּראַלטע אין טרערן דערטרונקען”.

ער שילדערט נישט די גרוילבילדער. ער גיט בלויז זייער אָפּקלאַנג אין פאָלק און אין די געפילן פון צער און צאַרן אין דיקטערס האַרץ, וואָס שטייט מיט ערפורכט און דערשיטערונג פאַר די נשמות פון די קדושים, די קרבנות פון יענע, וואָס האָבן פאַרפלייצט די וועלט מיטן סם פון שנאה.

אַלס פּאָעמע וואָלט זי אמת געדאַרפט האָבן אַ ברייטערן אָטעם און מער פרייעם דערציילערישן ריטם. אָבער דאָ איז עס נישט קיין סיפור המעשה. עס איז אַ פּאָעמע פון ברענענדיקן ווייטיק, אויסגעגאָסן אין אַ גליאיקע מאַסע, אין וועלכער עס שמעלצן זיך געפילן, געדאַנקען און אויך פּראָבלעמען. עס איז די עפּאָפּייע פונעם דיכטערס פּערזענלעכן גורל, וואָס ווערט אויך אונדזערער. עס איז דאָס סאַמע שטאַרקסטע אויפרייס־מאַטעריאַל און דער דיכטער געפינט זיך נישט אינדרויסן נאָר אינעווייניק. דער קנויל פון ווייטיק, באַוועגט פון זיין אינערלעכן פייער, וויקלט זיך אין די שורות, ווי שלאַנגען, איינער אין אַנדערן ביז צום רוף: קלאַפּט מיט די שאַרבנס ווי מעשענע טאַצן, די הערשאַפט פון שטן זאָל קראַכן און פּלאַצן.

קעגן דער רעאַליטעט פון אומענדלעכער פּיין, וואָס איז פאַראַן אין דער דאָזיקער וויטיקפולער פּאָעמע, איז איוב צו פילאָזאָפיש־דידאַקטיש, איכה — צו הכנעהדיק.

דאָ פאַרמעסט זיך ראַפּפּ צו ברענגען זיין אני־מאמין, אַ געלייטערטן אין פּיין פון פאַרפירטקייט און צעטרעטענעם גלויבן. עס איז פאַראַן דאָ די אייגנ־טימלעכע וועלט, אין וועלכער דער דיכטער האָט דורכגעמאַכט זיינע פּיין און עס איז אויך פאַראַן דער מעכטיקער נביאישער ווילן צו פאַרזייען, ווי קערנער, דאָס טייערסטע פון זיין פערזענלעכן און כלל־נאַציאָנאַלן קרעדאָ. ראַפּפּס ליד איז נביאיש אין זיין טאָן און אין זיין אור־כוח, און רייסט זיך צום האַרץ פון דער וועלט.

די פּאָעמע איז אין דעם זין נישט קיין האַסטיקער איבערגאַנג פון איין גלויבן צום צווייטן, פון איין וועלט און לעבנס־געפיל צום אַנדערן. זי האָט אין זיך סיי די צעבראָכנקייט, סיי די געלייטערטע גאַנצקייט און איז אַן איינהייטלעך ווערק, אין עפּיש־לירישן פאַרנעם, געשריבן מיט הייסן אָטעם און אינערלעכער עקזאַלטאַציע.

וועלכע זענען די וויכטיקסטע עלעמענטן אין ראַפּפּס וועלט־ און לעבנס־געפיל?

עס האָט געזיגט דאָס שטאָלצע האַרץ פון מענטש — זאָגט ראַפּפּ אין איינעם פון זיינע שענסטע לידער, אין דער פּאָעמע „משה אין מדבר". דאָ איז פאַראַן די פּאָעטיק און דער לעבנס־איינשטעל, די פולע ווירדע פונעם דיכטערס מינימאַליזם. נישט קיין גרויסע פּראָגראַמען, נאָר גבורה און קראַפט פון געמיט, וואָס פאַרהיט דאָס האַרץ פון שטורעם־ווינט און פוילונג און טוט דעם טרויס אין אמת פאַרוואַנדלען.

דאָס איז דער וויכטיקסטער עלעמענט, פון וועלכן עס צעצווייגן זיך אַלע איבעריקע, ווי זעלבשטענדיק זיי זאָלן נישט זיין אין זייער עקזיסטענץ. סיי זיין סיני־געזאַנג, סיי זיינע הערלעכע לידער־ציקלען „איילבירטבלעטער" און „אין פידל־שפּיל" זענען די בוים־שפּיצן פון דאָזיקן טיפן וואָרצל. די פּאָעמע „אין צער און צאָרן" האָט פּונקט ווי אַנדערע לידער אַלע זיבן חנען פון פּאָעטישן געזאַנג, איז האַרציק און דורכדרינגענדיק, מיט דער זעלטענער מעלאָדישקייט, וואָס קלינגט לאַנג אָפּ אין די אויערן, אָבער ביי ראַפּפּן קומט עס אַרויס נישט געצערטלט, נישט געחנדלט נאָר געשליידערט, געשטורעמט און געצונדן האַרץ און געמיט.

לייענען מיר די לידער פון די אַנדערע ציקלען און פילן ווי עס אַנטפּלעקט זיך אויך אין זיי זיין דיכטערישע און מענטשלעכע פערזענלעכקייט. זי אַנט־פּלעקט זיך אין די קוואַליטעט־אַטריבוטן פון זיין שאַפן סיי אין אינהאַלט, סיי אין סטיל. פאַראַן סטילן וואָס מען קאָן אויף זיי אַן שום גוזמא זאָגן, אַז זיי זענען נישט אַזוי סטיל ווי געוווינהייט. נחמן ראַפּפּ געהער צו די, וואָס פאַר־מאָגן סטיל אין דער דירעקטער פאָרם. דאָס הייסט דעם סטיל פון דער פערזענלעכקייט.

צי איז פאַר אַ יידישן דיכטער אין דער איצטיקער צייט פאַראַן אַן אנדער

ווירקלעכקייט, אויסער דער היים פון טרוימען די אייביקע אַרויסצוהויבן זיך פון אונטער דעם שווערן און פינצטערן באַרג פון ווייטיק און צער צו אַזעלכע לויטערע הויכן פון גלויבן?

אין לויטערן קוואַל פון ליבע און גלויבן,
וועט ער דעם אייגענעם אומגליק דערהויבן.
דורות וועלן וויסן, איבער געסלעך קאַלטן שיין
עס האָט געזיגט דאָס שטאָלצע האַרץ פון מענטש.

מען וואָלט געקאָנט ברענגען צענדליקער אַזעלכע אויסצוגן, וועלכע דריקן אויס סך־הכלען פון מענטשלעכע און דיכטערישע איבערלעבונגען, אויסגעקלאָרטע ביז ווייטיק, נאָר וואָס אָטעמען גלייכצייטיק מיט גלויבן אין מענטש און פאָלק. דער גלויבן אין ראַפּפּס לידער איז אַן אינערלעך ברענענדיק געפיל, וואָס איז גלייכצייטיק אַנשפּאַר און פאַרגרינגערט די פּיין. אַזאַ איז אויך דאָס הייסע סיני־געזאַנג „אין שיין פון ברענענדיקן דאָרן", ווו עס זענען פאַראַן כמעט אַלע עלעמענטן פון ראַפּפּס פּאָעטישן סטיל. די פּשוטע באַשרייבערישע ווערטער פאַרמאָגן גלייכצייטיק אַזאַ אויסערגעוויינלעכקייט און דערהויבנקייט, וואָס פירן גלייך אַריין אין אַ וועלט, וועלכע שטייגט אַריבער די דירעקטע שפּירונגען פון די חושים. צוזאַמען מיט די זעלנער פון סיני בלייבן מיר שטיין פּנים צו פּנים מיט דער שטילער געהייליקטקייט פון די וועגן פון אַמאָל, און הערן דעם טיפן ברום פון שמשונס גאַנג אויף עזה אין פּאַרצייטן. מען פילט דעם המשך, די גבורה און טרייסט פונעם המשך, וואָס באַגיסט אונדז מיט דעם סודותפולן ליכט פון אונזערע ווונדערלעכע, אָבער בלוטיקע טויזנטער יאָרן פון אונדזערע קאַמפן און גאַנגען אויף קדוש השם, פון די טרומפּעלדאָרס און אַנילעוויטשעס.

אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמען אין דעם בוך די תנ"כישע פּאָעמעס. זיי זענען תנ"כיש נישט בלויז אין דער טעמאַטיק, נאָר אויך אין דער פולבלוטיקייט און ליידנשאַפטלעכקייט פון די איבערלעבונגען און געוואָגטע געדאַנקען, וואָס זיי ברענגען אַרויס, נישט רעטאָרישע אינטעלעקטואַליסטישע, נאָר טיפע דער־קענטעניש, וואָס גייט צוזאַמען מיטן שעפערישן געפיל און שאַפט די אינטימסטע פאַרבינדונג מיט דער צייט, מיט די געשעענישן און געשטאַלטן.

אַ קרוג מיט וויין

„אין שיין פון ברענענדיקן דאָרן", האָבן מיר געזען פאַר זיך דעם דיכטער אין זיין פולער רייפקייט און עס האָט זיך געקענט דאַכטן, אַז אַלע זיינע ווייטערדיקע שאַפונגען וועלן זיין בלויז אַ המשך פון זיין אויסגעטראָטענעם קינסטלערישן וועג. די אייניקע זשאַנערן פון פּאָעטישער שאַפונג, וועלכע זענען אין דאָזיקן בוך פאַרטראָטן: דאָס לירישע ליבע־ליד, פאָלקסטימלעכע באַלאַדע, דראַמאַטישע פּאָעמע און פילאָזאָפישער נשמה־אַריינבליק, די־אָ אַלע פּאָעטישע

זשאַגערן זענען אין דערמאָנטן בוך געקומען צו זייער פולן אויסדרוק אין הויכע פּאָעטישע טענער און לירישע קול־דממה־דקה־געזאַנגען, איבער וועלכע עס איז גישט מעגלעך, ווי עס האָט זיך אויסגעדאַכט, קיין ווייטערער שווונג אין דער הויך.

דערפאַר נעמען מיר אויף מיט אַזוי פיל התפעלות זיין ניי־דערשינענעם באַנד לידער „אַ קרוג מיט ווייַן״, אין וועלכן דער דיכטער נחמן ראַפּפּ האָט זיך דער־שלאָגן צו די הויכקייטן פון געלייטערטן קינסטלערישן וואָרט און צו די שפּיצן פון פּאָעטיש־לירישער שיינקייט. עס איז, אמת, פאַראַן אויך אין די נייע לידער דער ספּעציפיש־אייגענער טאָן פון נחמן ראַפּפּ, די זעלבע שיינקייט בנוגע אַלע פּאָעטישע אופנים און פאַרלאַנגען. דאָך איז איצט דער אָטעם נאָך מער פאַרכאַפּט פון דער קדושה וואָס איז פאַראַן אין די לידער, פון דער בענקשאַפט נאָך דעם וואָגיקן זאָג, נאָך טיפקייט און פון אויסגעזונגענער סימבאָליק, וואָס רופט אַרויס די ציטערן אין אונדזער נשמה.

ליריקער האָבן זיך זייער אייגנאַרטיקע באַציאונג צו דער וועלט און איר׳ע דערשיינונגען. זיי טראָגן אין זיך אַליין דעם גרויסן דיסאָנאַנס, וואָס שאַפט אויך אָפט אַ מחיצה צווישן אים און דעם אַרום, די סתירה צווישן הימל און ערד. נחמן ראַפּפּ איז אין דער הינזיכט אַן אויסנאַם. ער איז טרויעריק, ווי יעדער וואָס קען קוקן און דערזען ווי „דער מענטש פאַרטרינקט זיין ביטערניש״ און דערפילן „דאָס פינצטערע לייב פון דער נאַכט״, ווייל: „ס׳אַ ליגן אַז די נאַכט באַשאַפן איז פאַר רו״ און: „ווי אַ טונקלע שווערע פאַרזעעניש, כ׳וועל הענגען אין פענצטער פון רו״ און: „ווי אַ טונקלע שווערע פאַרזעעניש, כ׳וועל הענגען אין פענצטער פון פונדעסטוועגן זינגט ער:

„אַ לויב פאַר דעם האַרץ געטובלט אין שירה,
פון זילבערנעם ברונעם אין זילבערנער נאַכט,
אַ לויב פאַרן ווייַן און פאַר פייַן פון דער לידע,
וואָס היט אָפּ דאָס ליכט און די שיינקייט באַוואַכט״.

זענען עס צוויי אָפּגעזונדערטע וועלטן? גיכער זענען עס היפּאָכאָנדריקע כוחות, צונויפגעקנוילטע אינאיינעם. און פון דאַנען נעמט זיך דער מעכטיקער, אָמלע־טישער אָטעם:

„אין פייער פונעם סנה כ׳האָב זיך מיט דיר פאַראייניקט,
דיין דונער און דיין בליץ געטרונקען כ׳האָב ווי ווייַן,
און ווען דער טרונק־געברי געוואָרן איז מיר ווייניק,
בין איך צו דיר אין פייער־פלאַם אַריין״.

נישט אַלע שיינקייטן וואָס די וועלט פאַרמאָגט זענען אָפן פאַר אַלעמען. עס טרעפט, דו זעסט פאַרב אין אַ געוויינלעכן שטיין, אַ גרויסער דומם, וואָס זאָגט גאָרנישט, דערציילט גאָרנישט. אָן אַן אָנהייב און אָן אַ תכלית. אָבער אָט גייט פאַרביי דער דיכטער, שטעלט זיך אָפּ ביים שטיין, רופט אים אָן ביים נאָמען און זאָגט צו אים: מאַך דיך אויף! דער שטיין עפנט זיך און מען דערזעט אַ גרויסע און ליכטיקע הייל, מיט שיינע פּאַלאַצן ביי די ברעגן פון אַ גרויסן טייך, מיט

גערטנער און בלומען, מיט פּרוכטביימער און אַלערליי שמעקעוודיקע געוויקסן. און אין וואַסער שלאָגט זיך אָפּ די אָפּשפּיגלונג פון דער זון.

נחמן ראַפּפּ איז דער דיכטער, וואָס ווייסט דעם שפּרוך ווי צו מאַכן ריידן דעם דומם. מעג עס אַפּילו זיין דאָס פּינצטערע לייב פון דער נאַכט. עס איז נישט קיין מליצה ווען ער זאָגט: „אויף ברוינעם גראַניט, אויף באַרגיקער שטיינקייט — רוט דאָס געביין, פון פאַרפייניקטן גאָט". דאָס איז נישט קיין בלינד רייסן זיך פון האַרץ־טיפעניש, נאָר אַ כישוף־שפּרוך פאַר נאַכטיקע באַשעפענישן, זיי זאָלן דערזען די זון ווי זי: „טרינקט די טרערן, וואָס פייער האָט זיי נישט געקאָנט פאַרברענען". זיי זאָלן דערהערן דעם געשריי פון כאָאָס וואָס זוכט אַ תיקון, דערזען די בלאָנדזשענדיקע בליקן פון די שארית־הפּליטה פון אַ דור, וועמענס שיף איז אונטערגעצונדן געוואָרן און איז אונטערגעגאַנגען. די איבערגעבליבענע שווימען צו אַן אויסגעחלומטן ברעג, צו וועלכן עס טראָגט זיי דער שטורעם.

נחמן ראַפּפּס לידער שטיצן זיך שטענדיק אויף מוזיקאַלישע יסודות און נישט אויף קיין עטישע פּרינציפּן. דאָס זעט מען אַפּילו אין די פּאָעמעס. אַפּילו דאָרט ווו ער וויל מאָלן אַ פּלאַסטיש בילד, מיט אַ קלאָרקייט, וואָס דערגייט אַמאָל מיט איר שאַרפקייט ביז אכזריות. אין זיין דראַמאַטישער פּאָעמע „משה אין מדבר", האָט ער אויפגעוועקט פון זייער רו די הייליקסטע חומש־געשטאַלטן צוזאַמען מיט די געשלאָגענע, בייזע געמיטער, „וואָס טויטן מיט איר גיפט זי קאָן געפילן גרויסע" און באַגערן צוריק די קנעכטשאַפט אין שפּלדיקן מצרים און עס איז פאַר זיי פרעמד די געטלעך־גרויסע שיין פון נביא. איז די דאָזיקע טעמע באַהאַנדלט אין איר עפּישער גרויס? די אַלע געשטאַלטן האָבן אין דער דראַמאַטישער פּאָעמע געדאַרפט זיין קלאָרער, שאַרפער געצייכנט און האָבן אין זיך מער לעבן. עס איז אָבער אַ גוואַלדיקע דערגרייכונג דער אייגנאַרטיקער ריטם און אינדיווידועלע מוזיק פון יעדנס רייד באַזונדער. יעדע געשטאַלט האָט איר אייגענעם טאָן, איר אייגענעם ניגון און אייגענע סימבאָליק, וואָס איז אי אמת־מאָדערן, אי טיף־נאַציאָנאַל.

פּאָעטישער רעאַליזם

שוין אין זיין ערשטן בוך לידער „פונקען אין אַש", איז נחמן ראַפּפּ סאָציאַל און יחידיש, אָנגעזאַפּט מיט יידישער טראַדיציע און פול מיט בונטאַרישן ריס צו בייזע וועלטן און ווערטן. אַזעלכער איז ער אויך אין אַלע שפּעטערדיקע פאַזן פון זיין דיכטערישן שאַפן, ביז זיינע ישראל־לידער, אין וועלכע עס איז פאַראַן דער קלימאַט און פּייזאַזש פון דורות יידישער בענקשאַפט און די וויזיע פון דורות, געפורעמט אין לעבעדיקערווירקלעכקייט. בכלל אָטעמען זיינע לידער מיט טיף־

און גרויס יידיש געפיל און צייכענען זיך אויס מיט זייערע אינעווייניקסטע, ווי מיט זייערע ריין־פאַרמעלע מעלות. זיי ווירקן מיט אַ האַרמאָנישער גאַנצקייט, מיט דער ממשותדיקער קראַפט פון הויכער קונסט.

פאַראַן אין נחמן ראַפּפּס פּאָעזיע דאָס געפיל פון טראַגישער דערהויבנקייט אין יידישן גורל. עס פאַרכאַפּט דער גרויסער ערנסט און טיפער חשבון הנפש, די אַנגסט פון געבלוטיקטן דור און דערשטיקטער יאָמער פון מיליאָנען, וואָס גייט אויף אין זיינע לידער מיט אוממיטלבאַרער דורכגענומענקייט און מיט הויך־פּאָעטישער קראַפט.

נחמן ראַפּפּס פּאָעטישע פערזענלעכקייט קומט אויך צום אויסדרוק אין זיין אָריגינעלער פּראָזע, באַזונדערס אין זיינע תנ״כישע דערציילונגען, אין וועלכע ער שלאָגט אָן אין די טענער פון גרויסע פּראָזע־מייסטער און דאָך באַקומט זיך ריינע דיכטונג. מיט זיין דיכטערישן פּרעציזן אינסטרומענט דערפירט ער די תנ״כישע העלדן צו מאָנומענטאַלע געשטאַלטן, דורכגענומענע מיט אַ שיין פון דערהויבנקייט און מיר זעען דאָס ווייט־פאַרגאַנגענע ווי לעבעדיק פאַר די אויגן.

פון הויכער מדרגה זענען אויך זיינע אַנדערע דערציילונגען. אין תוך אַ ראָמאַנטישער דיכטער, מיט ראָמאַנטישער פאַרליבטקייט אין לעבן און מענטשן, איז אָבער זיין שילדערן מענטשן און סיטואַציעס נישט סתם ראָמאַנטיזם, נאָר בעסטע יידישע טראַדיציעס פון אויפהעלן דאָס וואָכעדיקע דורכן יום־טובדיקן. דערפאַר ווערן די געשטאַלטן נישט צעשווימען אין דער ראָמאַנטישער אַטמאָ־ספער, זיי פאַרמאָגן אַ זעלטענע עמאָציאָנעלע פולקייט, בלייבן אַנזעעוודיק, פאַרשטאַרקט דורך דער לירישער אינטענסיווקייט.

באַווירקנדיק פּאָעטיש געזאַנג זענען אויך זיינע לידער, וואָס ווערן געזונגען אין טעאַטער און אויף קאָנצערטן. אין די איינפאַכע ווערטער פליסט וואַרעם פּאָעטיש בלוט און זיי פאַרמאָגן דאָס רירנדיק־ריינע געפיל, וואָס עס שאַפט דאָס אינטימע וואָרט.

נחמן ראַפּפּס שטייגן אויף דער לייטער פון קינסטלערישן שאַפן גייט ווייטער אָן און זיין מעיין־המתגברדיק פּאָעטיש געזאַנג האָט אַלע אייגנשאַפטן פון קוואַ־ליקן שלאָגן נייע רעקאָרדן.

פאַראַן עפּעס מאַגישעס אין דער פּראָזע פונעם דיכטער נחמן ראַפּפּ, וואָס רייסט מיט ווי אַ מעכטיקער שטראָם. די מעשה ווערט דערציילט ווי אין אַ טראַנס און גלייכצייטיק דערנענטערט צום קאָנקרעטן מענטש און צו קאָנקרעטע געשע־ענישן און לאָזט זיי נישט אַראָפּגיין פון דערציילערישן דרך הישר. ווי שטאַרק עס זאָל נישט זיין דער שיר השירים, די שטימונג איבער שטימונגען, פאַרלירט זיך אָבער נישט אויף קיין מינוט דער פאָדעם פונעם סיפּור המעשה, צי עס איז די שילדערונג פון אוריס פאַלן אויפן פראָנט, זיין אויפנעמען אין זיך דעם טויט און מיטן טויט זיך שטורעמען אין לעבן אַריין; צי דאָס עפּענען אַלע טירן פאַרן אַרויסברענגען די וועלט פון נאום דאַווידאָוויטש ציטרין און אַלגאַ וואַסיליעוונאַ, פונעם מאָלער מיט זיין הונגעריקן קינד, מאַנאַ ליזאַ אין זיסן חלום פון ליכטיקן ווייסן ברויט. דאָס זענען נישט קיין צוגעטראַכטע געשטאַלטן, נישט דעמאָטע־ריאַליזירט, אָבער די דיכטונג איז דאָ נישט בלויז אינעם ריטם, אינעם גלי און

פיבער פון דער שפראַך, נאָר אויך אין דער פּאָעטישער וויזיע, אין דער אויס־קריסטאַליזירטקייט פון דער שטימונג, אין דער סטיכישער קראַפט פון זיינע העלדן.

דאָס איינהילן די העלדן אין שטימונגספּולן שלייער פאַרגעפּלט זיי נישט, נאָר ברייטערט אויס דעם אמת פון זייער לעבן, מאַכט זיי דערזען פון בייע פּערעס־פּעקטיוון, פון מער אַספּעקטן, וואָס שטערן אָבער נישט די קאָנצענטרירטקייט פונעם בילד.

צום מייגסטן פּאָעטיש זענען זיינע היסטאָרישע נאָוועלן, פּאַולוס און די יונגפרוי. דאָ האָט ער צו טון מיט אויסערגעוויינלעך פּילבאַרע אינסטרומענטן, אויף וועלכע נחמן ראַפּפּ שפּילט אַזוי גוט, זינגט אויס אייביקע אמתן וועגן יענע, וואָס מוזן בענטשן די, וואָס דערנענטערן זייער סוף און עס קומט זייער ריי אויסצוטרינקען דעם בעכער מיט גיפט. „די יסורים וועלן פאַרגעסן ווערן און בלייבן וועט די ליוב אויף אַלע אייביקייטן. ווייל דער שטאַרקסטער ווייַן פון אַלע וויינען איז דאָס בלוט. דאָס איז דאָס טייערסטע און דאָס סאַמע ערשטע, וואָס מוז געשפּרענגט ווערן, כדי דער אמת זאָל זיין דיינער און ער זאָל געוועלטיקן אויף אייביק".

פון די תנ"כישע געשטאַלטן איז ראַפּפּן נענטער דער נביא ווי דער כהן גדול, כאָטש אין ביידע איז בולט דער עלעמענט פון מאַכט און פּאָליטיק, אָבער אין נביא זעט ער דעם עקזאַלטירטן וויזיאָנער און לערער. אין זייער עקסטאַז זעט ער פּאָרויסיקע אינעווייניקסטע צוגרייטונג צו נאַציאָנאַלער שליחות, אויפצונעמען געטלעכע אינספּיראַציע. דער נביא איז ביי ראַפּפּן אַריינגעטאָן מיט האַרץ און נשמה אין די ענינים פון מענטש און פאָלק. אין דער נבואה שטעקט נישט קיין שום פאַרלירן דעם באַוווסטזיין, ווי אויך נישט קיין שום גלייכגילטיקייט צו דער מענטשן־וועלט. די פולע קראַפט פונעם נביאס זען און פילן שוואַכן נישט אָפּ זיין דענק־קראַפט. דאָ אַנטפּלעקט זיך דער שכלדיק־באַוווסטזיניקער כאַראַקטער פון דער נבואה אין זאָלבן דעם ערשטן מלך איבער די בני ישראל. „איצט וועלן זיי שוין זיין מיט פעלקער גלייך. עס וועט שוין פון זיי נישט שפּעטן דער פלישתי, דער פאַריסענער יבוסי, וואָס האָט זיך פאַרפאַנצערט און באַפעסטיקט אויפן באַרג — — איצט וועט דער מלך, דער געזאַלבטער פון גאָט, דורך זיין נביא, דעם זעער, פאָרויסגיין פאַר זיי און זיי פירן צו נצחונות. ער, דער מלך, און נישט דער שוואַכער, איידעלער כהן, וואָס איז אַליין פאַרשוווּנדן אויף אַ מיסטעריעזן אופן אין טאָל פון טויט, אין שאול". דער שכלדיק־באַוווסטזיניקער כאַראַקטער פון דער נבואהשער פּראַקטיק שיינט אַרויס פונעם נביאס ווערטער.

„אין פייגל איבערן קרעמאַטאָריום" רוקט זיך נחמן ראַפּפּ אָפּ אויף אַ קינסט־לערישער דיסטאַנס פונעם אוישוויצער שוידער און קאָשמאַר, כדי צו קענען זיין וואָס נענטער צום חורבן. דאָס בילד פון קידוש השם, וואָס ער ברענגט אַרויס מיט אַזאַ דיכטערישער קראַפט, איז נישט צום אַנאַליזירן. זיין כוח ליגט אין רייסן זיך צו שלימות, צו שלימותדיקער טראַגעדיע און העכסטער הויך פון קרבן. דאָס איז נישט צו מעסטן מיט קיין שום מאָס, אַ חוץ מיטן כוח צו דערוווייטערן זיך, כדי נישט צו לאָזן זיך איינשלינגען פון דער נאָענטקייט צו דער טעמע. פון מאָטל

לייטשעס זאָג צום רבין: „אָט איז דער סוף...” נאָר ווערן דורכגענומען מיטן רבינס הייסן שעפּטשען: „כי עוף השמים יוליך את הקול... לאָמיר זיי מיטגעבן אונדזער לעצטן געשריי. זיי וועלן עס דערטראָגן אונטער יעדן דאַך, ווו עס קלאַפּט אַ מענטשלעך האַרץ. דער מענטש וועט פאַרציטערט ווערן און וועט זיך זען באַוואָרענען קען דער פינצטערער משוגעת, וואָס פאַרצערט אַ וועלט. מיר, גייענדיקע צום טויט, זענען שולדיק די לעבעדיקע אונדזער לעצטן געשריי, וועלכער דאַרף זיי שטאַרקן און דערהאַלטן ביים לעבן...”

דער פּראָזאַיִקער אין נחמן ראַפּפּ האָט די גוויטיקע קראַפט צו טרינקען פולע בעכערס פּאָעזיע און נישט ווערן שיכור, נישט מינערן די פולע טעטיקייט פון אַלע פינף חושים, פון זען און דיפערענצירן די פאַרשידענע פאַרבן און קלאַנגען, פון פלינקן שווימען אין די וועלטן פון ווייטן און נאָענטן עבר. די פּאָעטישע מעטאַפאָרן ליגן נישט ערגעץ ווייט, נאָר גאָר נאָענט נעבן קאָנקרעט־געשילדערטן בילד. ווי הויך ער זאָל נישט פליען אין היכל פון שירה, הילכט אויך אָפּ זיין פעסטער טראָט פון געזונטע פיס אויף דער ערד. ער לאָזט נישט אַרויס פון אויג דעם פליגל־פלאַטער, אָבער ביים סוף פון געזאַנג־אויפגאַנג דערגייט ער צום „חלום, וואָס לייכט אויף דער קרוין פון אַלע פאַרגאַנגענע טעג”. נישט בלויז די ווערטער זענען אַזוי נישט־ערדיש צאַרט, נאָר אויך די שטימונג, אַן וועלכער עס איז נישטאָ קיין זעערישע אַנונג און דאָך ווערט מען פאַרכאַפּט פונעם רעאַליסטישן מאָלן די מענטשן, אַזוי אַז זיי זאָלן צום בעסטן געזען ווערן. דאָס ריין־לירישע אין ראַפּפּס רעאַליזם דערציילט פון שטילער יידישער גוטסקייט און דיכטערישער חכמה און ווי אַן אמתער קינסטלער זעט ער זיינע געשטאַלטן אין זייער פולקייט, ערדיש און נשמהדיק, מיט דעם, וואָס טליעט באַהאַלטן אין זייער בלוט. דערפאַר ווייסט ער, אַז „נישטאָ קיין שטילע און צוריקגעהאַלטענע מענטשן. יעדער מענטש ענטפערט, אויף זיין שטייגער, אויפן רוף, וואָס דערגייט צו אים”. מער ווי די וועלט פון אָפנקייט און קלאָרקייט אינטערעסירט ראַפּפּן דאָס, וואָס ליגט אויפן דנאָ און הערט נישט אויף צו רופן און פייניקן. עס העלפט נישט דאָס דערשטיקן אָדער באַזייטיקן, ווי אַן אויסטערלישן זקן, מיט אַ לייכטן שטויס. ער לעבט ווייטער און רופט מיט אַלע מאָדולאַציעס פון געוויסן־פּיין און וויפל ער זאָל עס נישט אָנצינדן אין פּאָעטישע פייערן, בלייבט עס רעאַליסטיש קאָנקרעט. פלאַמיק, פאַרביק, אָבער נישט אין סתירה צו די רעאַלע יסורים. דאָס צען־יאָריקע ייִנגעלע איז די אומוואַנדלונג פון אַלטן מאַן און עס איז געגנוג, אַז ער עקזיסטירט, כדי צו זען ווידער „די גאַס אַ באַלויכטענע מיט טויזנטער ליכטער”.

דער אָנהייב

די תנ”כישע דערציילונגען פון נחמן ראַפּפּ זענען אַמביציעזע פון אַ העכער מדרגה און עס איז אין זיי פאַראייניקט געשמאַקפולער פּאָעטישער חוש מיט טיפזיניקער מחשבה, וואַריאַציעס און אַנטפלעקונגען אויף היסטאָרישע מאָטיוון מיט דראַמאַטישן געראַנגל צווישן פּראָפעטישן פּאַטאָס און וווּלקאַנישער עמאָציע,

חזיונות און ליידנשאַפטן פון שטאַרקע סענסיטיווע הערצער. ראַפּפּס שפּראַך איז פילפאַרביק, קוואַליק, מיט וואָך אויג און אויער פאַר די שיינקייטן פון תנ״ך און אוניווערסאַלע מאָטיוון, געמעלן פון נאַטור, בענקענישן און באַגערן.

דער תנ״ך, זיינע העלדן און געשעענישן, וואָס ווערן אין אים געשילדערט, גיט פון אייביק־אַן ברייטע מעגלעכקייטן און אָנרעגונגען, און צוזאַמען מיט דעם אויך אַ געוויסע באַשרענקטקייט, צוליב זיין קאַנאָניזאַציע, ביים וועבן אויף זיין קאַנווע טיפערע איבערלעבענישן און גורלות פון מענטשלעכע לעבנס. עס איז געווען צו דערוואַרטן, אַז דער דיכטער נחמן ראַפּפּ, ביי ווען תנ״ך־מאָטיוון פּילן אויס מערערע זייטן אין זיינע פּאָעזיע־ביכער, וועט אויך גיין אויף ז׳עם וועג פון בייקומען, אָדער דורכקומען מיט דער תנ״ך־טעמאַטיק אויף אַזאַ אופן, וואָס וועט דעם געשילדערטן תנ״ך־העלד שטעלן ווי אַ סימבאָלישן ביישפּיל און אים נישט פאַרוועבן אין ספּור המעשה פון זיין אייגן דורכגעמאַכט לעבן.

בין איך, ביים לייענען דאָס בוך „דער אָנהייב״ פון נחמן ראַפּפּ איבערראַשט געוואָרן פון דער קינסטלעריש־קאָמבינירטער פּשטות ביי זיין טראַקטירן דעם תנ״כישן העלד, אַ זאַך וואָס איז אונדז ביז איצט ווייניק באַקאַנט, און לאָמיר צוגעבן, אויך ביז איצט נישט רעקאָמענדירט.

פון דער תנ״ך־טעמאַטיק וואָס דערשיינט אין דער ליטעראַטור ביי יידן זענען מיר אַממערסטן באַקאַנט צוויי: דאָס בוך „במדבר״ פון דוד פרישמאַן און די תנ״ך־מאָטיוון ביי איציק מאַנגער. אָבער ביידע, סיי פרישמאַן און סיי מאַנגער, האָבן געפונען פאַר פּאַסיק אַרויסצופירן דעם תנ״ך־העלד פון זיין אייגנטימלעכקייט און אַזוי אַרום אים דערנענטערן צום מאָדערנעם לייענער. עס זעט אויס, ווי די צוויי דערמאָנטע מחברים וואָלטן זייער ווייניק געגלויבט אין דער פליישׂ־און־בלוטיקייט פון די תנ״ך־פּערסאָנאַזשן און עס איז, ביי איינעם, ביי פרישמאַנען, גלייכער געווען, זיך צו באַציען צום פּראָבלעם ווי צום מענטש, און ביים צווייטן, ביים דיכטער מאַנגער, באַקומט דער תנ״ך־העלד זיין ערדישעווירקלעכקייט נאָר דעמאָלט, ווען דער מחבר פלאַנצט אים איין אין זיין מיליע פון יידישער שטאָט און שטעטל אין זיין צייט.

דוד פרישמאַן זעט די גרויסע טראַגעדיעס און העראָישע געשעענישן אין זייער טעגלעכער אויסווירקונג אין מדבר, נישט באַציענדיק זיך צום שעפער און אינספּיראַטאָר פון די געשעענישן — משה. ער דערציילט וועגן דער „מחוללת״, דער טענצערין, וואָס גייט גאַרנישט אויף די וועגן פון תנ״ך, נאָר דער תנ״ך האָט זי אויפגעלויכטן אין דער פאַנטאַזיע פון מחבר. אַזוי איז אויך דער „המקושש״ וואָס באַקומט זיין אומגעריכטע שטראָף פאַר חלול שבת אין נייעם שמירת־שבת־געזעץ, וואָס האָט אָפּגעקלונגען אין מדבר. אָבער דער באַשטראָפטער זעט נישט דעם שעפער פון געזעץ, ווי דוד פרישמאַן גיט דעם האיש משה, דער מענטש משה, וואָס איז געוואַלדיק מענטשלעך, אין זיין געטלעכקייט. פרישמאַנען איז וויכטיק דער אויסקלאַנג און אויסווירקונג פון דעם געטלעכן געזעץ.

אויך מאַנגער האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר דער ווייטער און אָרעאַל־באַלויכטענער געשטאַלט פון תנ״ך־טיפּ און האָט אים מיט זיינע כישוף־סטראָפן דער־נענטערט צום שענק „דער גאָלדענער הערש״, ווייל... מסתמא איז פאַרט אַ שטיק

פחד זיך צו דערנענטערן מיט אַ וואָכעדיקער קינסטלערישער דימענסיע־מאָס צום קאַנאָניזירטן העלד פון תנ״ך.

נחמן ראַפּפּ האָט יאָ געמאַכט דעם פּרווו פון מענטשלעכן דערנענטערן זיך צום מענטש אין תנ״ך, אַוועק מיט אים אין זיינע וועגן פון נביא און מלך, פון גס און וויזיע, און אים ווי פאַרבעטן אויף אַ מענטשלעכקייט־סעאַנס מיט זיך. און וואָס האָט זיך באַקומען? עס האָט זיך באַקומען אַ גרויסקייט פון אַ נביא און אַ מעכטיקייט פון אַ קעניג, אַ געטלעכע דערהויבנקייט פון אַ געזעצגעבער. טאָקע דערפאַר ווייל אָט די אַלע זענען — ווי ראַפּפּ זאָגט — העכער פון מלאכים, זיי זענען מענטשן. משה רבנו און דער נביא הושע, דוד המלך און דער מלך שאול, גומר בת דבליים און רצפה בת איה, אהרון הכהן און מרים הנביאה, חנוך און אנוש, אַלע בלייבן זיי ביי נחמן ראַפּפּ אין זייער תנ״ך־אַטמאָספער, ווי דער ספר הספרים האָט פאַר זיי געשאַפן. ראַפּפּ פּרוווט אפילו נישט פון דער דאָזיקער אַטמאָספער זיי אַרויספירן כדי זיי אַנצוקליידן אין אַ מער רעאַלן מאַנטל פון אַ בשר־ודם. זיי זענען ביי ראַפּפּן געגוג בשר־ודמדיק אין זייער געטלעכקייט און געגוג דערהויבן אין זייער טעגלעכן זיין פון אַ בשר ודם. און דאָס איז די נייע דימענסיע, אין וועלכער ראַפּפּ האָט געזען און פאַר אונדז געשילדערט די העלדן פון תנ״ך.

תנ״ך איז ביי יידן נישט קיין זאַך פון ווייטער ראָמאַנטישער פאַרגאַנגנהייט. די געשטאַלטן פון די נביאים זענען היימישע, נאָענטע און נאָך נענטער זענען זיי פאַר אַ דיכטער ווי נחמן ראַפּפּ, וואָס איז נאָך דערצו אַ גרויסער למדן. באַגעמט און פאַרשטייט נישט נאָר דעם פּירוש המילות, נאָר אויך דעם אינעווייניקסטן טייטש פון די נביאישע רייד און פון אַלץ וואָס איז מיט זיי געשען. נחמן ראַפּפּ האָט זיי געזען נישט בלויז אין זייער צעשטראַלטער וויזיאָנערישקייט, נאָר אויך אין זייער קרעפטיקער בשר־ודמיקייט. איינס האָט דאָס צווייטע פאַרגרעסערט און געשטאַרקט, און ער איז צוגעגאַנגען צו זיי נישט ווי צו טעמעס, וואָס רייצן די פאַנטאַזיע פון דיכטער אין אַלע צייטן, נאָר געצויגן פון אינעווייניקסטן רוף און דראַנג. אין יעדער שורה פילט מען דעם גלי און פיבער, מיט וועלכן ער איז געוואָרן דורכגענומען: דעם גרויסן כוח פון דער נביאישער וויזיע, וואָס רעגט דעם דיכטערס כוח הדמיון און וואָס שטאַרקער און צעפלאַמטער די פאַנטאַזיע, אַלץ גאַנצער און שלימותדיקער די דערציילונג, די קינסטלערישע געשטאַלטיקונג פונעם נביא, ביזן דערגיין צום פאַרבאָרגענעם סוד, וואָס האָט דעם נביא געפייניקט און גערופן צו התגלות.

אָט דעם הויכן ציל צו געבן דער נביאישער פערזענלעכקייט דעם פולסטן און בולטסטן אויסדרוק האָט נחמן ראַפּפּ זיך געשטעלט אין זיינע תנ״כישע דערציילונגען און דאָס איז דער סוד אויך פון זיין אייגענער דיכטערישער פערזענלעכקייט און איז אויך דער סוד פון דער געוואַלדיקער ווירקונג פון די דערציילונגען אויפן לייענער, פונעם טיפן און סוגעסטיוון רושם, וואָס עס לאָזן איבער די אַזוי בילדלעך־קאָנצענטרירטע און שטימונגספולע שילדערונגען, הינטער וועלכע עס שטייט אַ דיכטער אין גאַנג צו קינסטלערישער געלייטערטקייט און גאַנצקייט.

געזאַנג צום מענטש

באשר הוא אדם — ווייל ער איז אַ מענטש, פשוט אַ מענטש, און נישט קיין מלאך, און דערפאַר פאַרמאָגט ער אַלע בענקשאַפטן און שענסטע חלומות, וויזיעס, פאַרביקע פאַרבלענדענישן וואָס ציען אין תהום און דראַמאַטישע קלעטערנישן צו אַבסטראַקטע הייכן.

אַזעלכע זענען זיי די דערציילונגען פון נחמן ראַפּס, וואָס זענען דערשינען אין דער העברעאישער איבערזעצונג פון שמאי מאַנדל, און אַלע העלדן אין די דאָזיקע דערציילונגען געפינען די קראַפט פאַר זייער געראַנגל אין ליכטיקן שמייכל פון זינדיקן און געשטראָפטן מענטש. חנוך, וואָס קומט ווי אַ מלאך פונעם לאַנד פון אייביקייט צום פאַרגאַנגלעכן לעבן אויף דער ערד, שלאָגט אַרויס פון זיך קוואַלן באַגייסטערונג, ווען ער דערפילט דעם תענוג פון מענטשלעכן זיין און נישט פון טובלען זיך אין פלייצנדיקן ליכט פון מלאכים־באַשטאַנד.

דאָס אַנטימלאכישע פון חנוכן אין דער דערציילונג „אנוש” חזרט זיך איבער אין כל־מיני ניואַנסן אויך ביי די אַנדערע העלדן פון ראַפּס דערציילונגען. אויך משה אין „צעבראָכענע לוחות”, וואָס שטרעבט צו די הימלען, כדי פון דאָרט צו ברענגען געלייטערט ליכט פאַרן מענטש, דערקענט לסוף, אַז דאָס געטלעכע איז בלויז אַן אָפּשיין פון מענטשלעכן ליכט אין זיין האַרצן. היט ער דאָס פלאַקערנדיקע ליכט אין מענטשנס האַרץ און שטייגט דערמיט איבער דעם גליוּוער פון די מלאכים.

ראַפּס כוח ליגט נישט אין דער מאָלערישקייט, נישט אין לעבעדיקן פּאָרטרעט און נישט אין אַרכיטעקטאָנישן געבוי פון דער דערציילונג. זיין פּראָזע איז אַ פּאָעטישע און אין זיין פּאָעטישער באַרעדעוודיקייט זענען פאַראַן סיי געזאָגטע און סיי איבערגעלעבטע רייד. אין אימפּעטיקער זעאונג פאַרזעט ער די מכשולים. אָבער זיין פּראַזע, דער ריטעם, דער באַוועג־טעמפּאָ און אינעווייניקסטער שטורעם פונעם סיפּור המעשה, פון די העלדן און פון די געשעענישן, פאַרמאָגן אין זיך אַ שטילע, אינטענסיווע מוזיק, וואָס באַרוישט, פאַרשיכורט און מען פילט נישט ווי דער שרייבער, אַליין אַ פאַרשיכורטער, פירט אַראָפּ זיינע העלדן פון גלייכן וועג, לאָזט זיי אין אַ געהעכערטער טעמפּעראַטור פון מעשים אשר לא יעשו, באשר זיי זענען מענטשן.

דער מענטש, מיט אַלע זיינע שפּלדיקייטן, אַפילו ווען ער זינקט אין זינד, ווען ער בלאָנדזשעט אַ צעדרודערטער, דערדריקטער און באַליידיקטער, אָן אַ קאָמפּאַס אינעם תוהו־ובוהו פון לעבן, איז נאָך אַלץ דער בעסטער פון אַלע שלעכטסן. דער טויט שטייט תמיד פאַר זיינע אויגן, ווי אַן אָפּחוזקנדיקע פאַרלייקענונג פון אַלע זיינע שטרעבונגען אויף דער ערד. עס איז אָבער בלויז די שטרענגע לאָגיק, וואָס ווערט געפאַנגען פון דער אַכזריותדיקער סכנה אין גאַנצן צו פאַרשווינדן פון לעבן, אָבער אויך זי, די לאָגיק, וואָס קען זיין אַזוי ברוטאַל אומלאָגיש, ווערט סובלימירט אין אַ וועלט פון אַנונגען, שטרעבונגען

און האָפּענונגען, און זענען אייגנטלעך בענקשאַפטן נאָך שיינקייט אין אַלע אירע מעגלעכע דערשיינונגען און פאָרמען. דער ווייטיקדיקער גראַנגל צווישן דער לאָגיק און אַבסטראַקטער בענקשאַפט פאַרטונקלט אָפט דעם מענטשנס אויג. און ער, דער מענטש, איז נישט אין שטאַנד צו דערזען די גרויסקייט פון זיין אייגענער געשטאַלט; ער שאַפט פאַר זיך איבערמענטשלעכע אַבסטראַקציעס, איבערמענטשלעכע שיינקייטן, פאַרגעסנדיק, אַז זיי זענען גאָר די ליכטיקע שטראַלן פון זיין אייגן האַרץ, וואָס באַשיינען זיינע טעג אויף דער ערד, פאַר אים, דעם מענטש, ווייל ער איז אַ מענטש.

מיטן דאָזיקן גאַרן צו שיינקייט זענען דורכגעדרונגען נחמן ראַפּס דער־ציילונגען. מיט די תנכישע געשטאַלטן, מיט דעם תנכישן טאָן און תנכישער סטיליזאַציע איז ראַפּ נישט אויסן אַרויסצוברענגען יענע קדמונדיקע צייט, איר קאָלאָריט און לעבנס־שטייגער, נאָר צו שאַפן אַ ליטעראַריש־כעמישע באַהעפ־טונג פונעם רעאַליסטישן מיטן אַבסטראַקטן.

ס׳איז קיין שיעור נישט צו דער עשירות פונעם מענטש. עס קלעקט אים אויסצובאַרגן פון זיין שיינקייט און גרויסקייט פאַר אַלערליי מיסטעריעזע אַבסטראַקציעס. ריזיקע קוואַנטומס פון שיינקייטן שיקט ער אָפּ אין די ווייטע הימלען, צעטיילט זיי פאַרשווענדעריש צווישן מלאכים און געטער, באַשיינט זיי מיטן אור הגנוז, באַשענקט זיי מיט גערעכטיקייט און לויטערקייטן, ער פאַרטונקלט אָבער זיינע אייגענע העכערע חושים און הערט אויף צו באַגרייפן זיין אייגענע גרויסקייט. אין זיין טרוים פון אייביקייט איז ער גרייט צו פאַר־לירן זיין אידענטישקייט, אויסטאַן זיך פון מענטשלעכע אייגנשאַפטן און אַריינגעמען אין זיך דאָס מלאָכישע, דאָס געטלעכע. פאַר זיין מיסטישער איבערלעבונג באַצאָלט ער מיטן אַנולירן זיין איך.

אַזוי ווייל מען מערסטנס זען די נביאים, אָבער ווי אַנדערש קומען זיי אויף אין תנך? דער נביא הושע האָט פאַר די טראַגישע געשעענישן, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, געפונען צווישן די דריי הויפּט־סיבות — די מאָראַלישע פאַר־דאָרבנקייט. מיט פאַראַכטנדיקן צאָרן רעדט ער וועגן דער זונה, וואָס האָט געזאָגט: „איך וועל גיין נאָך מיינע ליבהאָבערס, די וואָס גיבן מיין ברויט און מיין וואַסער, מיין וואָל און מיין פלאַקס, מיין אייל און מיין טראַנק". דער נביא זאָגט פאָרויס איר שטראָף, וואָס וועט זיין אומברחמנותדיק: „און אַצינד וועל איך אַנטפּלעקן איר שאַנד פאַר די אויגן פון אירע ליבהאָבערס און קיינער וועט זי נישט מציל זיין פון מיין האַנט..." וועגן דעם זעלבן נביא ווערט אָבער באַלד אין אָנהייב דערציילט, אַז ער האָט גענומען פאַר אַ ווייב די זונה גומר בת דבלים און זי האָט אים געבוירן דריי קינדער. אַזוי געשטאַלטיקט זיך דעם נביאס פּער־זענלעכקייט, וואָס בלייבט אָנוועזנדיק מיט איר פולער ערדישקייט און איז באַוווסטזיניק מיט דער גאַנצער קראַפט פון פשוטן מענטשלעכן קיום. דעם נביאס ערדישע אידענטישקייט ווערט נישט פאַרנייגט דורך זיינע וויזיעס. אין דער נבואה שטעקט נישט קיין שום פאַרלירן דעם באַוווסטזיין, ווי אויך נישט קיין שום גלייכגילט צו דער מענטשנוועלט. דאָס פאַרבינדן זיך מיט דער זונה שטרייכט אונטער זיין צוזאַמענגיסן זיך מיט דער אַבסאָלוטער וואָר און דאָס פאַרטונקלט נישט

דעם נביאס דערקענטעניש. זיין נביאיש וואָרט איז שטורעמדיקער אומרו „געגליכן צו פייער, צו אַ האַמער, וואָס צעברעקלט פעלדזן", האָט אין זיך די האַרמאָניע פון זיין דענקען און פילן, דעם עקסטאַז פון זיין נשמה.

פון פערטן קאַפּיטל אין הושע הייבט זיך אָן אַ נייער נוסח און עס שטייגט אין עקסטאַז די אידעע פון דער אייבערהערשאַפט פון מאָראַלע ווערטן, ווי אַ זאַך אין זיך גופא. און נחמן ראַפּ זעט דעם נביא אין אומבאַהאָלפענעם פינצטערן צאָרן, אין פיין פון פאַרלאָזן זיין ווייב. די גאָט־דערקענטעניש האָט זיך אָפּגעריסן פון דער מענטש־דערקענטעניש און זי באַזיגט. נחמן ראַפּ קוקט אויף אים מיט פרומקיים און איראָניע. דעם נביאס נשמה שוועבט און טאַנצט אויף די כוואַליעס פון לעבן, צווישן די קולות פון ווינט און וואַסער. ערשט ווען די זון זעצט זיך און דער פאַרטונקלטער הימל פאַלט צו אַזוי ווי די לעפלעך אויף מידע אויגן, לאָזט דער נביא זיינע געדאַנקען זינקען אויפן גרונט פון דער טיפעניש, צווישן דעם אייביקן סוד פון דער שטילקייט.

ווי שווער מוז זיין די שטילקייט אין נביאס האַרץ, וואָס איז פול מיט דער־וואַרטונג אויפן אויפוואַך פון דער ליבע, אויפן צער פון ליבע, באַשר ער איז אַ מענטש!

אין דער דערציילונג „דער נס" האָט דער בייזער און שטרענגער נביא, פאַרבייגייענדיק דאָס שטעטל שונים, דאָך מזכה געווען ציפּורהן מיט אַ בן זכר און מיטן הויך פון זיין אָטעם באַלעבט ער דעם טויטן קערפּער פון דעם קינד און עס עפנט די אויגן. אין פאַרביטערטן קאַמף מיט דער געצנדינעריי איז דער נביא פול מיט חסד צו יעדן ליידנדיקן און ווען עס האָט אין חשכות פון דער מידבר־נאַכט זיך באַוויזן פאַר אים דער „נס", ווען ער האָט פון טויט אָפּגע־ראַטעוועט און צוריק צום לעבן געבראַכט, איז ער, אַ באַהערשטער פון גרויסער ליבשאַפט, פאַרגאַנגען אין טיפער שוויגעניש, האָט מער נישט געקענט צאַרענען און איז אויפגעגאַנגען אויף אַ פייער־וואָגן אין הימל אַריין, באַשר ער איז אַ מענטש.

אַנאַליטיקער וועלן לייכט געפינען סתירות אין ראַפּס באַנעמען די נבואה און זען דעם נביא ווי אַ ליידנדיקן יחיד. אָט איז די אינספּיראַציע נישט מער ווי אַן עמאָציאָנעלע איבערלעבונג אָדער אַ דערהייבונג פון גרויסער מענטשלעכער איינזאַמקייט, וואָס דערגייט צו העלזעערישקייט; אָט איז זי אַ געטלעכער אַקט, וואָס קומט גאָר פאַר נישט אינעווייניק אין אים, נאָר איבער אים, נישט אין זיין האַרצן, נאָר פאַר די אויגן, דורך גאָטס חסד. נחמן ראַפּפּ האָט, זעט אויס, אָפּגעגעבן זיך אַ חשבון פון דעם און פאַרענטפערט עס: באַשר ער איז אַ מענטש, און אין אים גייט אָן דער געראַנגל צווישן ערדישע עמאָציעס און מיסטעריעס, צווישן ליכט און פינצטערניש, געזאַנג און געשריי, ליבע און האַס, פרייד און פיין.

אין אָט דעם דאָזיקן עיגול פירט זיין געראַנגל דער מענטש און גייט פון אים קיין מאָל נישט אַרויס. אפשר איז דאָס דער סוד, וואָס האַלט אויף דעם מענטש אויף דער ערד אין זכות און אין שטראָף פאַר דעם, וואָס ער איז אַ מענטש.

לייזער אייכענראַנד — פֿון
„ממעמקים" ביז „דורשט נאָך דויער"

עס זענען הייַנט שוין אָפּגעפּרעגט די פֿראַגן וועגן „מהות" פֿון פּאָעטישער שאַפֿונג, וועגן געהיימער „מאַניע" פֿון סוגערירן, וועגן דעם צי דער פּאָעט טראַכט, לעבט איבער עמאָציעס אין בילד צי אין באַגריף. אין דער היינטצייטיקער ליטעראַטור־טעאָריע זענען די דאָזיקע פֿראַגן שוין אַרכאַיִש. עס זענען שוין אָפּגעשאַפֿט די אַבסאָלוטע דעפֿיניציעס און באַצייכענונגען פֿון פּאָעזיע. עס איז שוין נישט אָנגענומען צו באַטראַכטן די באַזונדערקייט פֿון פּאָעזיע ווי אַן אייגנאַרטיקן טיף עמאָציאָנעלע שפּראַך אין קעגנזאַץ צו דער אינטעלעקטואַליסטישער וואָס דינט דער דערקענטעניש און דער קעגנזייטיקער פֿאַרשטענדיקונג. מען פּרוּווט שוין נישט באַטראַכטן דאָס לשון ווי אַ לבוש צום גוף, האַלטנדיק, אַז דער תּוך האָט זייַנע גאָר אַנדערע פֿונקציעס ווי די פֿאָרם. ווי פֿאַרשידן עס זאָלן נישט זייַן די אופֿנים און די קראַפֿט פֿון אויסדרוק, האָבן תּוך און פֿאָרם נישט קיין באַזונדערע, נאָר פֿאַראייניקטע פֿונקציעס פֿון פּלאַם און קנויט.

אייכענראַנד באַווייזט עס אין זייַנע לידער דורכן אומגעווייגלעכן האַרמאָנירן שפּראַך, מאָטיוו און פֿאָרם. וואָס מער ער האָט אַנטוויקלט די האַרמאָניע פֿון די אַלע פּאָעטישע עלעמענטן, אַלץ מער האָט עס אַרויסגערופֿן חידוש און אפֿילו אויסטערלישקייט. אין אַ געוויסן זין איז ער געוואָרן אַ נאָוואַטאָר פֿון מאָטיוו און פֿון אויסדרוק, פֿון נייַע פֿאָרמען, ריטמען און אופֿנים פֿון ווערסיפֿיקאַציע. אָנהייבנדיק פֿון זייַן ערשט בוך „ממעמקים" דאָמינירן כּסדר אין זייַנע לידער די מאָטיוון פֿון פֿינצטערן עלנט און פּאַטוס. אָבער זיי זענען קיינמאָל נישט קיין עיקר אין זייַן דיכטונג. מען פֿילט ביי אים אַן איבערגעלאָדענעם באַגאַזש פֿון איבערלעבונגען און אינטעלעקטועלער דערקענטעניש, פֿון פּאָעטיש געמיט מיט געדאַנק־עשירות און איבער אַלעם אַ באַגער צו געשטאַלטיקונג און באַנייַאונג. אָט־אָ דער באַגער האָט אין זיך אַזויפֿיל שאַפֿונגס־פֿרייד, אַז עס מילדערט דעם קאָשמאַר פֿון די פֿינצטערע איבערלעבענישן, דעמפּט דעם גלי און פֿיבער, דעם אומרו און די צערייצטקייט. עס דאָמינירט דער הויך־פּאָעטישער נייגער פֿאַר דעם וואָס עס טוט זיך אויף יענער זייט וואָרט, וווּ עס הערט זיך דער פֿייגלעכער געשוויַיג פֿון מענטש, וואָס וואָיעט העכער פֿונעם ווילדסטן געשריי. מיטן דאָזיקן נייגער באַהערשט ער אויך דעם לייענער און צוזאַמען מיטן דיכטער ווילט זיך זוכן דעם ענטפֿער אויף דער פֿראַגע: „ווו האַלט זיך אויף אין בליענדיקן רעיון / דאָס שווייגן וואָס פֿאַרלעשט פֿון וואָרט דעם קוואַל?".

אין געדיכטן וואַלד פֿון אייכענראַנדס לידער איז גרינג צו זוכן ביישפּילן, וואָס זאָלן באַשטעטיקן די אָריגינעלקייט פֿון זייַנע ריטמען און געדאַנקען. אין די קורצע שורות פֿון זייַנע לידער זינגט עס מיט געדאַנק, וואָס ווערט ווי אַ פּערל אויפֿגעציילעט אויפֿן דינסטן שניַרל פּאָעזיע:

דיין שטילער
שטומער פלי
שאָטנס
מיט נישט־הי,
דיין בליק
איז שפּעט און פרי,
ער איז
אַלצדינג — און מי.
ביי זייטן
פון דיין פליען,
ווייטן, ווייטן,
אַן — פאַרבליען.

די פּערזן קומען מיטן נאָכקלאַנג פונעם דיכטערס שווערן געראַנגל ביים אויסשיילן די ווערטער פון כאַאָס און מיט געהיימע מוזיקאַלישע מיטלען גע־שטאַלטיקן מיט זיי דאָס ליד, אָנגעמאָסטן פאַר זיין געראַנגל „מיט גאָטס טרויער״:

אין מדבר
שלאָגסט אַריין
דיין בליקן,
ווי אין קברים
רידלעס,
שלאָגסט אַריין
דיין בליקן;
נעבן דיר
רייסט אויף
די ווונדן
פון קומענדיקן,
דער געשריי
פון רגעס —
פּאַלסט אַריבער
דיינע שלייפן,
פּאַלסט אַריבער
זיך אַליין;
פּאַמעלעך
בייגט זיך
אַריבער דיר
גאָטס טרויער —

ברויט פון צער

די זעלבע מאָטיוון און דער זעלבער באַגער צו געשטאַלטיקונג פאַרמירן די גאַמע פון זיינע שפּעטערדיקע לידער אין „ברויט פון צער״, אָבער אין זיי ווייזט זיך שוין אַרויס אַ סך קענטיקער די ביטערקייט איבערן באַנקראָט פון מאָדערנעם מענטש. אַלץ איז איינגעהילט אין נאַכט, דאָס גאַנצע לעבן איז אַ טונקעלע נסיעה צום פאַרגאַנג, צום „גופיקן צעפאַל״, אַזאַ מין אומזיסט וואַרטן אויף עפּעס וואָס וועט קיינמאָל נישט קומען און דאָס פּירט אים אַריין אין אַ שטימונג פון מידת הדין נישט בלויז צו דער וועלט, נאָר אויך צו זיך אַליין, אָפּט ווי אַ באַצווינגער פון זיך גופא, פון זיינע אייגענע יסורים, וואָס ער טראָגט אין זיך, איבער וויסטע וועגן, ווי אַ סוד מיט טויזנטער קלאַנגען, וואָס דאַרפן דערהערט ווערן אין סאַמע דינינקסטן וואָרט צונויפגעגליט מיט בילד, אָפּט דורך קאָמפּליצירטער קאָמבינאַציע פון וואָרטשפּיל און מוזיק פון די אותיות.

עס טרעפט, אַז אויבנאויף קען עס זיך אויסווייזן ווי דאָס וואָלט געטון גע־וואָרן אויפן חשבון פון געדאַנק, פון מיין, פון כוונה. אינדערעמתן איז עס דער כוח אַרויסצובאַקומען פון פאַראייניציקטע ווערטער אַן עשירות פון געפיל און געדאַנק. נאָכמער: עפּעס אינעם קורצסטן ווערטער־צוזאַמענשטעל דעם סוד פון ליד. דאָס פאַרשטאַרקט דעם זין און רייצט נאָכמער דעם געדאַנק, ער זאָל זיך פרייער באַוועגן. דאָס נעמט זיך, נאַטירלעך, דערפון וואָס דער דיכטער פאַר־מאָגט הויך־פּאָעטישע קולטור, ראַפינירטן חוש און רייכע אויסדרוק־מעגלעכקייטן.

ער ווייסט דעם סוד, אַז פּונקט ווי אַן איינציק וואָרט קען קאַליע מאַכן די האַרמאָניע פֿונעם ליד, אַזוי קען אַן איינציק וואָרט האַרמאָניש־געפּאָרט מיטן אַנדערן איבערגעבן די דינסטע און סובטעלסטע אַנונגען. דערפֿאַר איז די קורצקייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אייכנראַנדס פּערז, קיינמאָל נישט קיין סימן פֿון קורץ־אָטעמדיקייט. גיכער איז עס מיניאַטור, אין וועלכער עס שפּיגלען זיך אָפּ ווי אין אַ טראָפּן זיינע אינעווייניקסטע וועלטן.

לייזער אייכנראַנד האָט אַריינגעבראַנגט אין דער יידישער פּאָעזיע דאָס מאָדערניסטיש־קולטיווירטע ליד, וואָס איז נישט צעפלאָסן, נאָר איז איינגעשטייפּט, פּאַרקירצט, רמזדיק, אָבער אָפּן פֿאַרן פֿיינפֿילעוודיקן אויער. זיין סטיל און שפּראַך איז אַ סינטעז פֿון יידישן תוך און אייראָפּעאישער וואָרט־קונסט. ער באַנוצט זיך מיט פֿאַרשידענע פֿאָרמען פֿון דער פּערזנקונסט, געבונדענע און פֿרייע און אין אַלע פֿאָרמען ווייזט ער זיך אַרויס ווי אַן אָריגינעלער אַריינבריגנגער פֿון דער אייראָפּעאישער קולטור־אַטמאָספֿער. ער איז דורכאויס אַנדערש פֿון אַלע אַנדערע יידישע דיכטער אפילו ווען די טעמאַטיק איז די זעלבע, ווי למשל, די טעמע פֿון אונדזער מוראדיקן אומגליק, אָבער ער האָט דעם חומר פֿון אָט דער טעמאַטיק אויפֿגעלעבט מיט אַנדערשדיקע בילדער און אויסדרוקן און זייער סוגעסטיווע קראַפֿט קומט פֿון דעם וואָס זיי האָבן נישט קיין שמץ זייפֿנבלאָז פֿון געפֿיל, נאָר קומען פֿון אייגענעם אומגעוויינלעכן פּאָעטישן געמיט און זענען דורכגעגליט אין די פֿלאַמען פֿון עכטער פּאָעזיע.

פּאָעזיע, האָט געזאָגט דער גריכישער דיכטער האָפּמארקאַלוס, ווערט געשריבן פֿאַר די געטער, נישט פֿאַר סתם מענטשן. וואָלטן דעמאָלט געווען קריטיקער, וואָלט ער מסתמא געזאָגט, אַז פּאָעזיע ווערט נישט געשריבן פֿאַר קיין קריטיקער, און עס איז פֿאַראַן אין דעם אַ געוויסע מאָס אמת, אין וועלכן מען דערמאָנט זיך ווען מען טרעפֿט זיך אָן אויף הויכער פּאָעזיע, אַזאַ ווי עס איז די פּאָעזיע פֿון לייזער אייכנראַנד, דער סאַמע מאָדערניסטישער דיכטער אין דער יידישער פּאָעזיע. זיינע לידער זענען איבערגעזעצט אויך אין עברית, דייטש און פֿראַנצויזיש און אויך אין די איבערזעצונגען איז בולט זיין אַנדערשקייט, זיין סטיליזירן, זיין פֿיל־רמזימדיק וואָרט, תמציתדיקער מאָטיוו און אָריגינעלע עלעגאַנץ.

אין זיינע לידער איז פֿאַראַן געזאַנג פֿון קלוג און טיף זאָגן, פֿון וואָרט־ראַפֿינירטקייט. אייגנטלעך וואָלטן אַלע זיינע לידער געקענט אַריינגיין אין דעם „ממעמקים״. אַלע האָבן זיי אַזאַ אומענדלעכע טיפֿקייט. אפילו די איינזאַמקייט, דער עלנט איז קיינמאָל נישט אויף דער אויבערפֿלאַך. יעדעס געפֿיל איז פֿאַרטיפֿט און געוויקט אינעם ווייַן פֿון זיינע פּאָעטישע לאָגלען. לאָגלען מוזן נישט אַלעמאָל זיין ניי, אפילו ביי אַ מאָדערניסט, אָבער דער וויין איז שטענדיק ניי און פֿאַרשיכורנדיק. בכלל איז ער מער אָנהענגער פֿון וויסקי, ווי פֿון ווייַן, אָבער שטענדיק ווי אַ ניי און דערפֿרישנדיק געטראַנק.

אייכנראַנדס לידער זענען כמעט אַלע געבויט אויף פֿילפֿאַכיקע מאָטיוון. בילדערישער וואָלט איך עס פֿאָרמולירט ווי טאָפּלטע „אַקציעס״. איינע שפּילט זיך אָפּ אויף דער אויבערפֿלאַך און נעמט אַרום זעלבשטענדיקע מאָטיוון און

אימאַזשן, וואָס זעען נישט אויס צו האָבן דעם מינדעסטן צוזאַמענהאַנג, שורות און סטראָפן קענען געלייענט ווערן באַזונדער, אָן פאַרבינדונג צווישן זיך. די צווייטע „אַקציע" אַנטוויקלט זיך אונטער דער אויבערפלאַך פונעם טעקסט. דאָס איז דער אויסערווערטלעכער און צווישן־שורהדיקער שטראָם, וואָס פאַראייניקט די מכלומרשט לויז־צונויפגעשטעלטע שורות און בילדער און פירט אַריין דעם דינאַמישן צוזאַמענהאַנג, דעם שטימונגספולן צוזאַמענקלאַנג, שאַפט די גאַנצקייט און איינהייטלעכקייט פון דער פּאָעטישער איבערלעבעניש. עס איז כאַראַקטע־ריסטיש פאַר אים אַ מין שווייגן, וואָס טיילט דורך די עלעמענטן פון בילד און פאַרמאָגט זיין אייגענע סעמאַנטיק, שאַפט די אינטימע באַציאונג צווישן די ווערטער און שורות און זייער גלאַטע קאָנסטרוקציע, טראָגט אַריין אין פראַג־מענטאַרישן צונויפשטעל פון די בילדער דעם מאָמענט פון כסדרדיקער באַוועגונג. אָט ווי אייכנראַנד דערהויבט שווייגן צו פּאָעזיע: „דיין שווייגן / זוכט אַ וואָרט / פאַר אַלע בלינדע צייטן, אַ בראשיתדיק וואָרט, / פאַרגעסן צווישן טויט און טויט / און רירט מיט מידע פינגער אָן / דאָס שפּינוועבס / פון דער שקיעה, פאַרשפּינט אין ברונעמער / פון יעדן בליק / און נעמט לסוף / די שטערנווייטן / צום תענוג מיט דיין שרעק / און לייגט אויף קברים, / מיט דער נאַכט, / די פליגל פון אַ תפילה / שטיל אַוועק / און לאַכט און לאַכט, / מיט אויגן פינצ־טערע / פון שווייגן".

אייכנראַנדס ליד איז אַן אייגנאַרטיקער שפּיל פון אַרויסגעזאָגטן און פון פאַר־שוויגענעם וואָרט, פון טעקסט און אונטערטעקסט, פון אוממיטלבאַרן בילד און וויבראַציעס אונטער דער אויבערפלאַך, וואָס סוגערירן נישט ווייניקער פונעם דייטלעך־אַרויסגעבראַכטן.ביידע „אַקציעס" באַווירקן זיך אומאויפהערלעך, פאָרמולירן זיך קעגנזייטיק, שאַפן די בילדערישע און מוזיקאַלישע האַרמאָניע.

דאָס איז דער גרונטיקער פּרינציפּ פון אייכנראַנדס פּאָעזיע, וואָס קומט פון אַן אומאויפהערלעכן קוואַל — וואָרט און שווייגן אין קינסטלערישן סינטעז: „די וועלף פון שווייגן / וועקן זיך / ביי דיין אַלט האַרץ; / פאַרציקן / וועט באַלד זייער הונגער / דיינע ווערטער".

דער פּראָצעס פון מאָטיווירן, פון האַרמאָניזירן און פון פאַראיינהייטלעכן די איבערלעבונג ווערט אַראָפּגעשטופּט אונטער דער אויבערפלאַך פונעם בילד, אין אונטערטעקסט. אָפט זענען די ווערטער נישט מער ווי „די מייל־שטיינער פון שווייגן", ווערן דורכן שווייגן באַהאַפטן און דורכגעגליט: „ניגונט ווער איין אויף דיין וויע / דיין ווערן, און דאָס וואָס דו האָסט, / מיט קולות פון שווייגן און פראָסט?".

די ציטאַטן געהערן נישט צו אייכנראַנדס בעסטע לידער. זיי אילוסטרירן אָבער זייער גוט דעם גרונטיקן פּרינציפּ אין זיין פּאָעזיע. אַ סך פון זיינע לידער דערנענטערן זיך צו קאָנקרעטער דעפיניציע, נישט בלויז דערפאַר, וואָס ער פאַרמאַכט זיי מיט בולט־אויסדריקלעכער פּוענטע, מיט עקזאַקטער קאָנצעפּציע. נאָר אויך מיטן שאַפן פאַר זיך גענוג טעמאַטישן רוים פאַרן פאָרמירן דאָס געמיט, די שטימונג, די נשמה פון לעבן. אַזאַ איז זיין ליד „איוב": „...זיינע אויגן / פירן / פון וונד צו וונד. / זיינע ליפּן / זענען ברענענדיקע שוועלן / אין די

חורבות / פונעם צער. / זיינע שוואַרצאַפּלען / זענען אויסגעוואָרפן / אין יאָר־טויזנטער, / אַנצובליקן / איין רגע — גאָט. / ער שטייט / און שאַרפט / די בליצן / פון זיינע ווערטער, / אויפצוקלעטערן אויף זיי / צום הימל; / ביז די פינגער זיינע / הייבן אָן צו טריפן / מיט דעם סוד / פון זאַמד". אָבער די אונטערשטע שורה איז אין דעם דראַמאַטישן און אין די ציטערנישן, וואָס „ליגן אין קברים פון ווערטער, / געהילטע מיט שווייגן און קאַלט".

דער סינטעז פון וואָרט און שווייגן דערגייט ביי אייכנראַנדן ביז פּאָעטישער מעטאַפיזיק. דאָס וואָרט טראָגט מיט זיך די אינטימקייט פון יענער אָנונג, וואָס קאָמוניקירט זיך מיט ספּיריטועלער עמאָציע, אָן עמאָציע, וואָס קומט פון גרויסער איבערלעבונג ביי זאַכן, וואָס זענען אויסערלעך נישט אָנזעעוודיק, נישט ממשותדיק. דערפאַר געהערט אייכנראַנד צו די פּאָעטן, וואָס זייערע קורצע לידער טאָר מען נישט לייענען שנעל, נאָר פּאַוואָליע און בשעת מעשה זיך איינהערן, מיט אַ פאַרשאַרפט אויער, אין דעם וואָס טוט זיך צווישן די שורות, אין וויבראַציעס אונטער די ווערטער. דעמאָלט עפענען זיך בשתיקה קליינע פענצטערלעך און געהיימע טירלעך און מיר זעען ווי אין דער אוממשותדיקייט אַנטפּלעקן זיך די רייכע שיינהייטן פון פּאָעטישער אילוזיע.

„רגעי רוח"

„רגעי רוח" איז איינס פון אייכנראַנדס ביכער לידער, איבערגעזעצט דורך יעקב בסר אויף עברית. דאָס איז אַ טייל פון זיינע שענסטע און געראָטנסטע לידער, אין וועלכע עס זענען פאַרטראַכטן פאַרשידענע פאָרמען פון פערז און ריטם, אָבער מערסטנס זענען עס שמאָלע שורות, אין וועלכע די ווערטער באַ־העפטן זיך מיטאַנאַנד אינעם שטילן ריטם פון דער ווונדערלעכער פּאָעטישער בילדלעכקייט.

דאָס זענען לידער, וואָס ווירקן אויפן געמיט ווי מוזיק און פירן אונדז אַריין אין דער סוד־אַנגעלאָדענער וועלט, אין וועלכער מען ווערט אַרומגענומען מיט אַנונגען און זעאונגען, און ווייל דאָס ליד איז אמתדיק, פילט מען אויך אין דער עברית־איבערזעצונג ווי עס קומט פון האַרץ און זינגט צום האַרץ. ווען עמאָציעס און דיכטערישע געדאַנקען ווערן לאַנג געוואַרעמט און געלייטערט, קומען זיי אַרויס אויך אין איבערגעזעצטע ווערטער אויסגעגליטע, געשליפענע, ריין ווי קריסטאַל און פונקט ווי אין מקור לייענט מען זיי נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל איבער און מען זעט ווי עס וועבט זיך ממש די יריעה פונעם פּאָעטס וועלט־זעאונג מיט „שווייצאַרישן ניגון", „פאַרשפּעטיקטע טרערן" און „תפילה פונעם קראַנקן דיכטער", וואָס רופט נאָך הילף צו „לעשן די אַלע שריפות וואָס אין שווייגן" און שטילן דעם דורשט „אינעם ווייַן פון אַלע ווייטיקייטן און דעם בליק פון מיינע אויגן אינעם סוד פון באַשאַף".

עס איז פֿאַראַן אין אײַכנראַנדס לידער אַ גלײַכער דורכגאַנג און אַ לײַכטער איבערגאַנג פֿון איין מאָטיוו צום אַנדערן און פֿון איין צושטאַנד צו אַ צווייטן, ווען אפילו זיי זענען אויס ווי סתירות אין דער מיסטעריע פֿון זײַנע קאָמפּליצירטע איבערלעבענישן און זעאונגען, ווייל אײַכענראַנד פֿאַרמאָגט דאָס פּייער, וואָס צינדט אָן שעפּעריש אָט די סתירות און אין זייער ליכט אַנטפּלעקן זיך די טיפֿע־נישן פֿון די פֿיינפֿולע זעאונגען ביז צום סאַמע דנאָ. מען ווערט פֿאַרכאַפּט פֿון דער דינקייט און אומגעווייגלעכקייט פֿון די שטימונגען און מען זעט מיט אים אינאיינעם העכער, טיפֿער און גאַנצער.

דאָס דאָזיקע אינעווייניקסטע שעפּערישע פּייער ברענט אמתדיק און עכט אויך אין די עבֿרית־פּערזן מיט אַ מערקווירדיקער מיסטיש־בראשיתדיקער קרובֿה־שאַפֿט: „מתוך עינינו / מנשבת / האש הקרה / אשר לאל בשמים — — — כשאומר אתה: אלהים ־ / מתכוון אתה לצל הלבן / אשר לבדידות האנושית / או / לנמר הבוער / ביערות הלילה". אַזאַ זעלטענע באַהערשונג פֿון דער עמאָציע אין פּאָעטישן בילד און עס איז זעלטן, אַז אין אַן איבערזעצונג זאָל געלינגען איבערצוגעבן די זעלבע געשליפֿנקייט פֿון פֿאָרעם ווי אין מקור, די זעלבע שלימות פֿון דער אַרכיטעקטאָניק, דעם זעלבן צונויפֿגוס פֿון שפּראַך און קלאַנג און אַזוי ענלעך צום מקור.

זיכער איז דאָס דער פֿאַרדינסט פֿונעם איבערזעצער, אַליין אַ דיכטער מיטן כּוח צו באַנעמען אַנטפּלעקערישע איבערטראַכטענישן וועגן דער הויה, אָבער עס איז אויך דער כּוח פֿון אײַכענראַנדס פּאָעטיש בילד, די אינטענסיווע בריענדיקע וויזיע און געדאַנקלעכער ליריזם, וועמענס מאָנומענטאַלע שיינקייט גיסט זיך איבער אויך אין אַנדערן שפּראַכלעכן לבֿוש.

„שתיקת שלגים"

דעם איבערזעצערס פֿאַרערונג, אפֿילו ליבשאַפֿט און טיפֿע פֿאַרשטענדעניש סיי פֿאַר אײַכנראַנדס טראַגיש־יידישער דערקענטעניש און סיי פֿאַר זײַנע נייע פּאָעטישע סובסטאַנצן, איז בולט אויך אין דעם ווייטערדיקן בוך „שתיקת שלגים", וואָס איז דערשינען אין פֿאַרלאַג „ספריית הפועלים". בסך האָט אָפּגע־היטן דעם בוי און די פֿולע מוזיקאַלישקייט פֿון די לידער, דעם פֿולן אַראָמאַט פֿון דער מאָדערניסטישער פֿרישקייט און פֿון דעם ליריזם, נאָענט צום דיכטערס געמיט און ניגון, וואָס איז אי יידיש, אי אייראָפּעאיש, דורכגענומען מיט דער אַטמאָספֿער פֿון דער הייבטצייטיקער דײַטשער דיכטונג.

דער איבערזעצער איז דאָ אײַגנטלעך געשטאַנען פֿאַר די זעלבע פּראָ־בלעמען, וועלכע מען דאַרף לייזן ביי יעדן איבערזעצן פּאָעזיע, אָבער ביי אײַכענראַנדן זענען די פּראָבלעמען קאָמפּליצירטער, נישט בלויז צוליב דער ראַפֿינירטקייט פֿון זײַן ליד, נאָר אויך צוליב דער פֿילוועלטיקייט אין זײַן

פּאָעזיע, אין וועלכער עס גייען צוזאַמען דאָס סטיכישע און דאָס דיסציפּלינירטע, דאָס שפּילן אויף פאַרשידענע שטאַפּלען פונעם מוזיקאַלישן לייטער אין דער מענטשלעכער נשמה. דער איבערזעצער האָט דאָ געדאַרפט דערפילן סיי די טיף־איבערגעלעבטע ציטערנישן און סיי די אַטמאָספער, וואָס אייכענראַנד אָטעמט אַריין אין זיין יעדן ליד.

אין גרעסטן טייל פון דער ניי־דערשינענער לידער־זאַמלונג „שתיקת שלגים" האָט יעקב בסר באַוויזן זיך אַן עצה צו געבן מיט די באַזונדערע פּראָבלעמען, האָט געפּאַקט די אַטמאָספער פון אייכענראַנדס ליד און דער עיקר דעם שווונג און די אויפגעלויכטענע דיכטערישע זעאונג. מען ווערט פאַרכאַפּט פון דער געטריישאַפט צו דער אַטמאָספער און ריטם פון אָריגינאַל. מען איז דערפאַר מוחל דעם איבערזעצער ווען צוליב דער קלאָרקייט פון ליד ברענגט ער אין טייל לידער פאַר אַ קרבן יענע אַנונגען און ווידערשפּרוכן, וואָס זענען אייגן אייכענראַנדס פּאָעטישער פיל־וועלטיקייט.

יעקב בסר ריכטעט זיך אין זיין איבערזעצן מיט דער פּאָטענציעלער איינער שפּראַך, וואָס איז באַהאַלטן צווישן די שורות פון אַלע שפּראַכן אין דער וועלט. ווייסט מען דאָך, אַז אין יעדער שפּראַך זענען פאַראַן אַלע שפּראַכן, נאָר דער איבערזעצער דאַרף קענען רעאַליזירן זיין קונסט דורך באַפרוכפּערן די שפּראַך פון דער איבערזעצונג מיט דער פּאָעזיע פון דער אָריגינעלער שפּראַך. דערמיט פירט דאָ בסר אויס נאָך אַ פונקציע — דאָס אַריינפירן אַ האַרמאָניע צווישןביידע שפּראַכן, יידיש און עברית.

מען דאַרף אָבער געדענקען, אַז אין דער גופא אַרבעט אויף דער איבער־זעצונג העלפט נישט דעם איבערזעצער יענע פונדאַמענטאַלע איינהייט צווישן די שפּראַכן. ער מוז כסדר האָבן פאַר די אויגן אויך די אינדיווידועלע אונטערשיידן צווישן די שפּראַכן און ער דאַרף קענען איבערפירן אין דער איבערזעצונג די פולע וועלט פון דער פּאָעזיע אין דער אָריגינעלער שפּראַך, דעם אופן פון ציטערנדיקן רעאַגירן און אויסדריקן.

געמענדיק דאָס אַלץ אין אַכט, איז יעדע געלונגענע איבערזעצונג ממש אַ נס, אָבער נסים געשעען נישט אָן איבעררייס, אַפילו ווען מען אַרבעט אויף זיי גאָר שווער. כ'זאָג דאָס אָקעגן דעם פּראָבלעם פון איבערזעצונגען בכלל. עס זענען פאַראַן פאַרשטענדלעכע סיבות פאַר דעם, וואָס יידישע דיכטער זוכן מיט אַלע מיטלען, אַז זייערע לידער זאָלן ווערן איבערגעזעצט אויף אַנדערע שפּראַכן און באַזונדערס אויף עברית. אָבער נישט אַלעמאָל גיט זיך דער דיכטער אָפּ אַ חשבון פון דעם וואָס גייט פאַרלוירן אין דער איבערזע־צונג, אויב זי פאַלט נישט אַריין אין די געטרייע הענט פון אַ קינסטלער, וואָס שטייט פאַרן יידישן פּאָעזיע־בוך נישט בלויז מיט יראת הכבוד פאַר דער דיכטערישער גרויסקייט, נאָר אויך מיט דער גרויסער לאַסט פון אחריות, וואָס עס פאָדערט די קונסט פון איבערזעצן. דאָס איז די אחריות פון אַ בעל־תפילה צו די ימים נוראים, פון וועלכן עס ווערט געפאָדערט ער זאָל מפשפש זיין אין זיינע מעשים, צי ער איז ראוי צו זיין דער שליח־ציבור פון דער עדה, צי ער איז באַוואָפנט מיט די אַלע נויטיקע מעלות, וואָס אָן זיי קען ער דאָך,

חלילה, קאַליע־מאַכן, אַנשטאַט העלפן, אַז די תּפילות זאָלן דערגיין צום כּסא הכּבוד...

די טעכנישע פעאיקייטן טאָרן דאָ נישט אָפּשטיין פון די גייסטיקע מעלות. די איבערזעצונג זוכט די גאַנצע צייט דאָס ענלעכע אינעם אַנדערש־דיקן און דאָך דאַרף דער איבערזעצער זיך אויסהיטן פונעם אַנדערשדיקן אינעם ענלעכן, ווייל נישט געקוקט אויף די געלונגענסטע פּרוון, איז די אַטמאָספער און דאָס געמיט אין דער איבערזעצונג כּמעט קיינמאָל נישט די זעלבע ווי אין אָריגינאַל. דאָס זעלבע וואָרט, דער זעלבער באַגריף קען אין דער איבערזעצונג האָבן אַן אַנדערע באַדייטונג, אַן אַנדערן אויסקלאַנג.

יעקב בסר איז אָן ספק אַ שפּראַך־קינסטלער, אָבער זיין פאַרדינסט אין די איבערזעצונגען פון אייכענראַנדס לידער איז דווקא נישט פון שפּראַך־שטאַנדפונקט. נישטאָ דאָ קיין חנדלען זיך מיט שפּראַך־עפעקטן, נאָר דער רצון צו שטעלן די שפּראַך אין דינסט פון דער עכטער דיכטונג און אַרויס־ברענגען דאָס אינעווייניקסטע אין דער וועלט, אין דער צווייאיקער און דרייאיקער וועלט פונעם דיכטער, ווי עס וואָלט אים געטריבן צו געבן אַ תּיקון דער דיכטונג, וואָס האָט, נאָך זיין מיינונג, צופעליק זיך באַזעצט אין יידיש און דאַרף האָבן אַ היים אויך אין עברית.

לחם דווי

אַן ענלעכע גאָר נאָענטע קרובהשאַפט צו אייכענראַנדס פּאָעזיע, צו זיין אָביעקטיוו־אמתן צער און טרויער, האָט זיכער געמוזט פילן דער העברע־אישער עסייאיסט עזרא זוסמאַן. אַנדערש וואָלט ער אין זיינע איבערזעצונגען נישט געווען אַזוי צוזאַמענגעוואקסן מיט דער שטימונג, מיט די עקספּרעסיווע בילדער און אימאַזשן, מיט די עמאָציאָנעלע זשעסטן און סובטעלער מוזיק אין אייכנראַנדס לידער. פונדאַנען נעמט זיך אויך די געטרייקייט צום מעטער, צו דער סקאַנדירונג פון דער שורה, צו איר מעלאָדישן כאַראַקטער, צו דער ריטמישער אויספורעמונג פון דער סטראָפע און איר אַקוסטישן עפעקט.

מען דאַרף געדענקען, אַז אייכנראַנדס לידער מען נישט נאָר וועלן לייענען, נאָר אויך קאָנען לייענען. זיין פּאָעזיע איז קוואַליפיצירט מאָדער־ניסטיש און פאָדערט פונעם לייענער די זעלבע קוואַליפיקאַציע. נאָר מער איז עס געזאָגט לגבי דעם איבערזעצער, וואָס דאַרף אַליין האָבן דעם מאָדער־ניסטישן אופן פון זען און איבערלעבן אין געמיט, אין בלוט, כּדי ער זאָל אין דער איבערזעצונג פון ליד אַרויסקריגן אַלץ, וואָס דער פּאָעט האָט אין אים אַריינגעלייגט.

הירש אשעראָוויטש: צווישן בליץ און דונער

אינעם קנאַפּע פיר הונדערט זייטיקן בוך גייען אַריין אָשעראָוויטשעס שאַפונגען פאַר די לעצטע צען יאָר און עס שפּיגלען זיך אָפּ אין זיי די אומגעוויינלעכע פאַרפּלאָנטערטקייטן פונעם יידישן לעבן אין אונדזער דור, דאָס סאַמע פינצטערע און דאָס סאַמע הויכע און ביידע זענען אַזוי גרויס אין זייער חשבון הנפש און אַזוי עלעגיש־צאַרט און אָנגעלאָדן מיט אינהאַלט, מיט זין און געפיל, מיטן בדחילו ורחימו און אומרו ביים שטיין פאַר דער וועלט פון פאַרהוילנקייטן און סתירות, ווו „אַלצדינג, וואָס ממשות איז דאָ געווען, זעט אויס איצט ווי ניט ריכטיק, / גלייך די גוט־באַקאַנטע וואָר וואָלט דאָ גאָר קיינמאָל ניט קיין נעסט געהאַט".

הירש אָשעראָוויטשס לידער זענען אָנגעטרונקען מיט חכמה, קולטור און און עלעגאַנץ, מיט עכטער איבערלעבונג און גרויסער אינספּיראַציע און אין אַלעם דאָמינירט דער אומגעשטילטער דורשט צו קלעטערן „ווי דער אדם קדמון איבער בראשיתדיקע פעלדזן", און דער תמצית פון אָשעראָוויטשס פּאָעטישן קלעטערן מיט האַרטע טריט, וואָס האַקן פונקען פון פעלדז, פונקען פּיין און פון זעערישקייט, איז צו דערגיין אָדער גאָר אַליין „זיין דער ענטפער, וואָס באַליידיקט נישט די פראַגע" און די פראַגן זענען דאָך אַזוי אָן אַ שיעור, אָנהייבנדיק פון: „זאָג, פונוואַנען שטאַמט דער ווייטאָג / און פונוואַנען נעמט זיך אומעט?" איבער אַלע זוכענישן דעם וועג צו זיך און ווען דערקלערן ווי אַזוי: „טאָג נאָך טאָג פאַרלירט מען טרערן / און עס האָט נאָך קיינער קיינמאָל קיין טרער געפונען. / ס׳טייטש, ווו זענען זיי אַהינגעקומען?!" ביז: „וואָס איז אמת? וואָרט איז אמת? / וואָר איז אמת? וואָס איז אמת?" דאָס האָט לגמרי נישט קיין שייכות מיט כפירה אָדער אונטערגעבן זיך דער אָנמאַכט. אָשעראָוויטשס אינטעלעקט גרייכט צו טיף, ער זאָל זיך אונטערגעבן שטימונגען. ער ווייסט, אַז „אָן ווייטאָג איז נישטאָ קיין לעבן, / אָבער מיט אים איז אַוודאי דאָך נישטאָ..." די אינטעלעקטועלע גלייכגעוויכט פאַרהיט אים פון פאַרגליווערטע שטימונגען. ער פאַרקוקט זיך אויפן „פלאַטערל האָט צוגעזעצט זיך אויף אַ שטיין. / אָ, זע: מיר זענען ווי זיי ביידע. / מיר — אי דער אומרו, אי די רו, / מיר זענען פאַרביקע אין גרוי, / מיר גליווערן און שוועבן".

אין זיינע לידער היילט אָשעראָוויטש זיין צעוווּנדיקט געמיט, זיין פּחד פאַרן „ווילדן וועטער היינט. / עס דוכט דער גאַנצער אומרעכט פון דער וועלט האָט זיך צעוואָיעט"; זיין חרטה פאַרוואָס „אויך איך האָב טעמפּ געפּרעפּלט „עקצע האָמאָ", / און קניענדיק פאַר יענעם זיך פאַרקליינלעכט". דער מאָטיוו פון חרטה חזרט זיך אָפּט איבער אין פאַרשידענע וואַריאַנטן, אָבער אומעטום ווי אַן עטאַפּ אין דער אַליין־פאַרוואַנדלונג, אין די אינערלעכע גייסטיקע ענדערונגען, אין וועלכע עס ווערט רעאַליזירט און געשטאַלטיקט די פּערזענלעכקייט, וואָס

„אויף שטעגן מיט בלאָטע, אויף שליאַכן מיט שטויב — / צעטרענצלט דיין גאַנג און געוויסן, / קומט אָן, ווי אַ וואָלף, וואָס אַרויס איז אין רויב / און ס׳האָבן די הינט אים צעביסן / — — דערמאָרדעט האָסטו דיין דערהויבענעם טרוים, / און שבעה דאַרפסו זיצן נאָך זיך גאָר, / אַ גרויזאַמער פּסק איז פאַר דיר איצט דער לוין: / זיין מערדער און קרבן, און ריכטער״.

די איבערלעבעניש אין אַשעראָוויטשס ליד פון פאַרוואַנדלונג קומט אַרויס סטיליזירט און פאַרשליירט, רמזימדיק און מאַסקירט, אַמאָל ווי דער פויגל אין נישט פויגלדיקן דיאַלאָג, וואָס „נישט ער זינגט אַרויס, ער שלינגט גאָר איין די טענער״: אַמאָל ווי „אַ לייב צו אונדז פאַרבלאָנדזשעט און דערפילט זיך שוואַך און עלנט, / ווען ער האָט דערזען, ווי ס׳ווירבלט / שוואַרצער רויך פון רויטן פלאַם״. אין זיינע טענות, אין זיין פאָדערן קלאָרקייט, אין קוהלתדיקן רעדן דורך אַנטוישונג איז אָפּטמאָל פאַראַן שפּילעוודיקייט, אָבער קיינמאָל מינערט עס נישט דעם טיפן דיכטערישן ערנסט סיי פון דער טראַגישער פאַרלוירנקייט, ווי אין „חורבן־קאַראַהאָד״: „נעם איך זיך אַליין אָן פאַר די הענט / און איך גיי אַ קאַראַהאָד מיט זיך. / מיינע יונגע יאָרן — אויסגעברענט, / אָן אַרומגעסמאַ־ליעטער — מיין איך. / ערגעץ איז פאַרבליבן אַזוי פיל, / און פאַראַן איז דאָרט גאָרנישט מער! / שפּיל איך זיך מיט זיך אַליין אַ שפּיל / און צולהכעיסדיק אַליין זיך שטער...״ און סיי אין דער וויזיע פון חסידישן באַהעפטן זיך מיט דער פרייד: „...גיי אַ טאַנץ, בשר־ודם, / פיל דיין לייב מיט שכינה אָן. / ווער פון דיין געזאַנג נשתומם, / אַ התפּעלותדיקער שריי: / „מענטש איז פלאַם און נישט קיין דומם / מענטש איז, ווי דער שטורעם פריי.״

די עטלעכע הונדערט לידער אינעם באַנד „צווישן בליץ און דונער״ זענען, מיט זייער גאַנצער מאָטיוון־רייכקייט, נאָר אַ טייל פון אַשעראָוויטשס פּאָעזיע און איך האָב בלויז אָנגערירט אַנצוווייזן דעם לייענער אויף דער הויכער קאַטעגאָריע פון זיין דיכטונג, כאָטש פול מיט איגערלעכע קאָנפליקטן, אָבער דורכגענומען מיט שטרעבן צו אַ באַזינונג פון לעבן. פאַראַן אין אַשעראָוויטשס פּאָעזיע דער חשבון הנפש מיט דער וועלט פון פריערדיקע אידעען, וואָס די רייכע דערפאַרונג האָט איינגעזען זייער פאַלשקייט און דער גרויסער דיכטער האָט די פולע חכמה פון קענען מאַכן דעם סך־הכל פון די דערפאַרונגען נאָכן דורכגיין אַלע גיהנומס פון אייגענעם און פון יידיש־פאָלקישן גורל און דערגיין צו אַזאַ קינסטלערישער געלייטערטקייט פון הויך־פּאָעטישע זעאונגען. זיי גייען נאָך לאַנג נאָכן לייענען און בלייבן אין זכרון ווי מוסטערן פון הויך־פּאָעטישער קונסט.

דיכטונג פון מיסטישן געדאַנק —
„שירי חקל תפוחין" פון שלמה שנהוד

שלמה שנהודס שאַפונגען אויף קבלה־ און זוהר־מאָטיוון, וואָלטן געדאַרפט דינען פאַר אַ גרעסערער פאַרשונגס־אַרבעט, וואָס זאָל זיך פאַרטיפן סיי אינעם אַנהייב און פאַרלויף פון זיין דיכטערישן פּראָצעס, סיי אין פאַרשן דעם סינטעז פון קינסטלערישן מעשה־בראשית מיט דער מעשה מרכבה און די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן זיי. זיכער באַהאַלטן זיי, אין זייער טיף, פּאָעטישע סודות, וואָס אין אַנדערע לידער זוכט מען זיי אויף דער אויבערפלאַך. שנהודס לידער זענען אַ געשעעניש, באַזונדערס אין אַנבליק פונעם תוהו ובוהו, וואָס הערשט היינט אין דער מאָדערנער העברעאישער דיכטונג, ווו אין פאָדערגרונט טרעט אַרויס אָנשטעל און פּוסטקייט, פאַרשווומען אין נעפּלדיקע אָדער שטוםבלייבנדיקע ווערטער און אויסדרוקן. מיט זיין שמאַרקן דיכטערישן טאַלאַנט און דיכטערישער קולטור האָט שנהוד אַריינגעהויכט אַ נייע נשמה אין די קבלה־מאָטיוון. דער דיכטערישער עלעמענט אין די קבלה־לידער איז עכט און אָריגינעל.

דאָס טיפע אין די קבלה־לידער קאָנען מיר בלויז אָנען און טאַקע מיט דער הילף פון טיף־דערגאַנטער וועלט פון אצילות און פון אַלע ספירות, וואָס זענען משפיע אויף מענטש און וועלטן. דאָס איז דערפאַר אַ טעמע פאַר אַ גרעסערער אַרבעט. אָן אָנהויב האָבן מיר אין דעם אינטערעסאַנטן עסיי פון זלמן שזר, דער דריטער נשיא פון מדינת ישראל, וואָס אינספּירירט פון שנהודס לידער באַגלייט ער זיי אין בוך — אַן עסיי איבער צפת אין דער תקופה פון אר״י און זיינע תלמידים און איבער זייער השפעה אויפן גייסטיקן לעבן פון יידן אין פאַרשידענע אַנדערע תקופות. דאָס איז „צפת של מעלה", וואָס שלמה שנהוד באַזינגט אין קבלה־נוסח, אָבער מיט עכט־ליִרישער דעקונג:

„...הילט זיך עפּל־פעלד־הויה / חסד־וויס, נישט דין־אין אדמות. / זע איך ס׳פירן שבילין נייע / צו די וועלטן פיר — אבי׳ע־געקייטלטע דורך אדם קדמון. / ערשט איצט, אין ערב־שבת־בייט / פון קאָליר אויף צפתער שטחים, איך זע מרכבהדיק עס רייט / אר״י מיט קאָרדאָווער ביי זייט / צום הייליקן חקל תפוחין".

אַזעלכע זענען זיינע לידער. דער קבלה־געדאַנק ווערט פאַרוואַנדלט אין דיכטונג. דער דיכטער באַגנוגנט זיך נישט מיטן לערנען די טיפערע סודות און רמזים, מיטן זוכן דעם תכלית און די וואָנקען פון קבלה. ער זוכט און אַנטפּלעקט אויך די שיינקייט, כאָטש ער איז אַליין מרמז אויף די טיפע ענינים און עס איז קלאָר, אַז עס זענען פאַר אים נישט פאַרהוילן די רזין דרזין פון די ספירות. אָבער ווי עכטע פּאָעזיע זענען אויך דאָ די הויפּט־יסודות: געפיל, זעאונג, פאַרב, ריטמישער קלאַנג, און איר הויפּט־כאַראַקטער איז די לירישער־

קייט פון געפיל, שאַרפקייט פון מעטאַפאָר און קלאָרקייט פון אויסדרוק. קבלהדיק לויט זיין דיכטערישן מהות איז שנהוד ממש פאַרקאַפּט פון דעם בילד, וואָס ער זעט אין זיין דמיון, ווי דעם אר״יס תלמידים טראָגן דעם גרויסן נפטר אין שטיל־פאַרשטיקטן קלאָגן און נידערן מיט די טרעפּלעך אַראָפּ אין מקוה־וואַסער:

„אין דער מינוט דערשטוין איך: / דער נפטר, ווי פּאַר תפילה, / טונקט־אַיין דעם קאָפּ אין וואַסער / און מאַכט אַליין די טבילה... / — — — פיר הונדערט נאָך זיין פטירה / בין איך זיך היינט נאָך מודה, / ווען ס׳קומט דאָס בילד אין דמיון / גייט מיר דורך אַ שוידער...״

פון דעם זעלביקן כאַראַקטער איז אויך „חקל תפוחין״, וואָס גיט מיט אַזאַ געוואַלדיקער פשטות דאָס טיפע און דינע פון קבלה־געדאַנק, דאָס וווּנדער־לעכע און מיטישע, וואָס ליגט פאַרבאָרגן אין דער מיסטישער איבערלעבונג:

„פון כתר ביז מלכות / קייטלען זיך די וועלטן, / מיך האָט אר״י געלערנט / דעם פּרגוד דעם פאַרשטעלטן / פאַרשאַרן און פאַרציען, / און ווענדן מיינע בליקן, / מיט טיפן סוד פאַרסודעט, / צו הויכער וועלט פון תיקון. / עס האָט זיין פעלד פון עפּל / אַ שלאָג געטאָן מיט ריחות — — / איך פיל: דער טיש, מיין טאַטנס, / האָט אויך געהאַט אַ שייכות / צום הייליקן פעלד פון עפּל, / וואָס שפּרייט זיך אין די ספירות, / און זינגט מיר אין די אויערן / די שבתדיקע זמירות״.

די רמזים און סודות זענען דורכגענומען מיט דער פּראַכט פון די קינסט־לערישע עלעמענטן, מיט וועלכע שנהוד גיסט זיי צונויף. נישט אמת, אַז כדי צו דערגרייכן דעם העכסטן עקסטאַז דאַרף דער מענטש פאַרלירן זיין אידענ־טיטעט, אויסטון זיך פון מענטשלעכע אייגנשאַפטן כדי צו ווערן דורכגעדרונגען מיט פולער געטלעכער אייגנשאַפט. אַזוי האָבן געהאַלטן די קריסטלעכע מיס־טיקער און באַצאַלט פאַר זייער מיסטישער איבערלעבונג מיטן אַנולירן זייער „איך״. שנהודס דיכטערישע פערזענלעכקייט איז אינעם העכסטן עקסטאַז, ווי דער אר״י מיט זיינע תלמידים, אַליין אויך בייוועזנדיק אין דער פולער פאַראַנענקייט. דעם דיכטערס פערזענלעכע אידענטיטעט ווערט נישט אַנולירט דורך זיינע מיסטישע וויזיעס. פאַרקערט גאָר, זי ווערט נאָך בולטער אויסגע־דריקט אין דער קאָנטעמפּלאַציע, אינעם קומען אין באַריר מיט די ספירות. זי שטאַרקט און דערהויבט זיין דיכטערישע באַרופנקייט.

אַזוי גייט ער „אין פּוסטריט די רזין״ ביזן פּערטן היכל, ווו עס הערשט דער גייסט, וואָס הייסט זכות און „הכא קידה באנפין בארעא לאתגברא על דינא״, וואָס מיינט נייגן זיך צו דר׳ערד איבערצוּוועגן דעם דין:

„קום אין סוד, וועט דער ליכטיקער שפּיגל קלאָר דיר באַווייזן
דיין חלומבלוי, אין אים ביסט אינגאַנצן פאַרבענקט״.
גיי איך פוסטריט דעם סוד נאָך און ווייס:
יאָרן פירהונדערט אין פאַרהויל ר׳איז פאַרזענקט.

ס'איז צפת איצט של מעלה. אין פאַרנאַכטבלוי פאַרהערט כ'ב'ן,
און ס'גייט אַ גאַרן אין מיר צום הימל דעם פערטן,
ווו צוויי־און־זיבעציק ליכטער
זענען די ריכטער;
ווו דאָס בוקן איז צו דר'ערד זיך פאַרנייגן
דעם דין אויסצומיידן;
ווו דער מענטש אין זיין קראַנקנויט
ווערט פאַרמשפט צום לעבן,
ווערט פאַרמשפט צום טויט —
ווו די שולדן פון וועלט
ווערן זכות.
און כאַטש צום שפיגל־ליכט של מעלה דער גאַנצער באַגער איז,
און ס'אויער פאַרהאַרכט צום עירין־געפלאַטער זיך ציט —
בין איך צום שפיגל נישט דערגאַנגען, בלויז צו תפילה און ליד...

די ראַנגלעניש, וואָס מאַטערן דעם דיכטער, דער פּראָצעס פון מאָגען אָן ענטפער אויף פראַגן און ספקות, פון דערזען און פון באַנעמען דעם סוד אינעם קיום פון שלעכטס, פירן אים אויפן וועג פון אר"י, דעם גרויסן יידישן מיסטיקער, רבי יצחק אשכנזי לוריא, וועלכער איז פון מצרים געקומען קיין צפת און אויף זיינע לאַנגע שפּאַצירן אין די צפתער בערג און טאָלן געלערנט מיט זיינע תלמידים די סודות אין דער געטלעכער מיסטעריע, די קעגנזייטיקע אָפּהענגיקייט אין באַשאַף, די יידישע עמאַנאַציע און דער זין פון יידישן זיין. די אייביקע אצילות, וואָס מאַכט דעם יחיד אַליין אויך אומענדלעך, אומעטום און אין אַלץ געפינט שנהוד דעם אמת פון דער אַרומנעמענדיקער איינהייט. און דאָס מיינט נישט אַ רעלאַציע צווישן עלעמענטן, וואָס האַלטן זיך ווי אַן איינהייט, נאָר אַ צונויפגיסן זיך פונעם נאַטירלעכן מיטן איבערנאַטירלעכן, פון ערדישן מיטן געטלעכן, ווי די קלאַנגען אין אַ מעלאָדיע, וואָס איז אַ סך מער פון די קלאַנגען, און די וויזיע פון דער דאַזיקער איינהייט שטעלט מיט זיך פאָר אַ רעאַליטאַט.

ווי די מיסטעריע, צו וועלכער דער ספּעקולאַטיווער געדאַנק האָט בכלל קיין צוטריט נישט, איז זי דורך שנהודן געגעבן נישט בלויז ווי אַן אייביקער יש, נאָר ווי אַ ממשותדיקע רעאַליטעט מיט דער דערמונטערנדיקער פרישקייט פון אַן אַקאַרשטיקער איבערלעבונג, דורכגעדרונגען מיט אַ פייערלעכער מחיקאַ־לישקייט און דורכגענומען מיט אַן אומרואיק און אינטענסיוו געפיל.

מיט דער דביקות פון אַ געטרייען תלמיד פון אר"י שפּרינגט זיין אויפ־געלויכטענער דמיון פון איין וועלט אין דער אַנדערער, פון דער וועלט פון אָפנקייט און קלאָרקייט אין דער וועלט פון צעשטראָלטער וויזיאָנערישקייט. אויף די אַנגסטיקע פראַגן, וואָס רופן אַרויס די מורא:

„צי וועט מיין ניגון אַזוי זיך שלימותדיק אויך רונדן / און גליען אין מיין ליד מיט רוחין ונפשין?"

קומט דער ענטפער, אויך אַזוי רוחניותפשיגדיק, פון דער וועלט, וווּ עס הערשט צעזונגענע גלויביקייט.

„ווו אַלץ איז היכלדיק צעשפּילט, / דכסיפינדיק צעפרייט / און אין שׂמחהן — / וואַרטן גרייט / אויף דעם, / וואָס וועט קיינמאָל / נישט קומען...“

ווי ווייט און הויך עס זאָל נישט גרייכן זיין צעפלאַמטע וויזיע, לאָזט ער זיך נישט פאַרשלעפן מחוץ די גרענעצן פון זיין פערזענלעכקייט און נישט מחוץ דעם צער און האָפענונגען פון זיין צייט און פון זיין דור. די געשפּענסטיקע מאַכט פון דעמאָנישן מענטש דריקט אויף אים ווי דער גערעַנגל מיטן „אדם בליעל“, וואָס דער אר״י האָט געלערנט ווי אַזוי גובר צו זיין אים דורך עקסטאַזיקן באַגער צו געלייטערטקייט, צום „מילך־ווייסאָויג פון חסד“.

קומען זיי פאַרספירהט ביידע
פון בלוי־דכסיפין־היכלען
און ברענגען מיר אצילות־וועלט —
באַנעמען און דערגרייכן.

שטאָפּל איך אין ביידנס היכלען
מיט ליד — אַ בלויער שפּיגל.
כ'שטאָפּל? ניין, איך ווער געטראָגן
אויף רזינדיקע פליגל.

דער ערשטער בויט זי שכלדיק,
ער מאַכט זי קלאָר און קלערער.
דער צווייטער די פאַרהוילנקייט
פאַרהוילט נאָך מער און מנרער.

זע איך דאָ פאַרויס, מיר שוועבן
פון לאַנג שוין, לאַנג, אַ נשר —
בלויז בן גבירול האָט דערשטאַפּלט
פון מלכות ביז צו כתר...

אין גרונט פון יעדן פאַרגיין זיך אין עקסטאַז שטעקט די געפאַר צו פאַרקלענערן די ווערט פון דערקענטעניש־באַוווסטזיין. די, וואָס בלאָנדזשען אין פרעמדער מיסטיק מיינען, אַז כדי צו געווינען אינספּיראַציע מוזן זיי זיך דערווייטערן פון באַוווסטזיין, באַפרייען זיך פון יעדן צובונד צו אונדזער וועלט. שנהודס גרויסע מעלה איז דווקא דערמיט, וואָס ער איז מיט האַרץ און נשמה אַריינגעטאָן אין די ענינים און פּראָבלעמען פון היינטיקן מענטש און פון דער היינטצייטיקער געזעלשאַפט. נישטאָ קיין איבערייס אין זיין סענסיטיוון באַנעמען אַלץ וואָס געשעט אין אונדזער וועלט, וועלכע ער זעט איז מיס־טעריעזן שפּיגל פון געראַנגל צווישן די גלייכוועריטיקע קאָסמישע כוחות. אין פלוג קען עס אַפילו אויסזען ווי אַ קאָנטראַסט צו דער מיסטישער וויזיע, וואָס ווייבערירט אין די אָפּגרונטן פון דער פּסיכיק, אויפן טאַמע דנאָ פון באַוווסטזיין. ביי שנהודן איז די וועלט פון קבלה און זוהר אַן אַקט פון אוממיטלבאַרער דיכטערישער שעפערישקייט און ליידנשאַפטלעכן באַגער צו דערפילן דעם ברי אין ברען פון

„יענע אָוונט־התגלות אין די בערג דיינע, צפת, / דאָס בני־דכסיפין־געזאַנג אין די אויערן, / און ס'פאַרלוירענע קול דעם טאַטנס / אוי ס'חלום־פויגל־געפלאַטער...“

מיט דער הויך־פּראָפּעטישער וויזיע און מיטן אָטעם און ציטער פון עכטער ליריק גייט שנהוד אַ סך ווייטער פון דעם אר״י, ווייל

„אַזאַ ווילדע, בלוט־דורשטיקע וועלט / האָט אר״י אַוודאי נישט געזען / אין זיין בייזסטן חלום. / אַלע יחודים פאַר שלום / זענען געווען / קרוינרייך / פאַר ברוך־הוא־במרומין, / און רוישטאָף / פאַר איבערבייט־שרייפלעך / צו דער לויזקייט / פון די ספירות. / און מיר איז / אין דער גרויסקייט / פון אַזאַ ווילדער אַטאָם־וועלט / אויף דער וואָר באַשערט / אַזאַ אויסגעקליגלט טעכ־ניש־וויסן, / וואָס וועדט / אונטער דיין הימל, גאָט, צעריסן / צווישן זין און אומזין... / אָ, סאַראַ זינלאָזער זין!״

זיין דורכדרינגלעכער קוק און זיין אינספּיראַציע פאַרמירן די עליה פון זיין ליד צו פולער דיכטערישער אַנטפּלעקונג און טיפער אינעווייניקסטער גאַנצקייט. עס פאַרכאַפּט אין די לידער דער טיפער חשבון הנפש, וואָס גייט צוזאַמען מיטן עקסטאַז, ווי אַן אויסגעווײלטע פּסיכישע איבערלעבונג. אין דער ספערע פון זיינע איבערלעבונגען גייט אַריין אַלץ וואָס עס נעמען אויף אין זיך און שטראַלן אַרויס פון זיך די עשר ספירות און די ארבעה עולמות (לויטן אַר״י — פינף עולמות), וואָס די ערשטע איז אצילות (לויטן אר״י — אדם קדמון), די וועלט פון עמאַנאַציע.

ליד נאָך ליד דערציילן ביי שנהודן וועגן מענטשס צונויפגיסן זיך מיטן געטלעכן און די אינספּיראַציע איז דאָ מער ווי אַן עמאַציאָנעלע איבער־לעבונג; זי איז דער באַוווסטזיין פון אינעווייניקסטן אויפנעם, און דער דיכטער פילט זי ווי אַן איראַציאָנעלן עלעמענט פונעם הייליקסטן, וואָס לעבט איבער אים און אין אים; פון מיסטישן, אויפטרייסלענדיקן און מאַגישן כוח, וואָס איז גלייכצייטיק מאָראַלער עלעמענט, און דאָס גיט צו זיין פּאָעזיע, אויסער איר מערקווירדיקער טעמאַטישער גאַנצקייט, אויך אַ שפּאַנונג, אַ דראַמאַטישקייט, וואָס ווערט נאָך פאַרשטאַרקט דורך „אַ פאַרכטיק געדויש, / באַלד אַ שאַל פון אַ מרובע, / און ס׳בֿידערט אַ רעשיק געשוועב דורך די ספערן. / דערנאָך — / סאַראַ דקה די דממה — / זי פאַרציטערט די שטערן / און אַליין זיך אַפילו...״ — אַ ליד, וואָס רופט זיך איבער מיט דער וויזיע פון יחזקאלס מרכבה, אָבער מען דאַרף געדענקען, אַז אין דער וועלט פון רזין דרזין און עין התכלת לויערט די געפאַר, אויב נישט פון פּאַסיווקייט און רעזיגנאַציע, איז פאַרפרוירענע רו, אַן מינדעסטן צאַפּל פון לעבן, רוען שטיל אין מלכות פון נישט־רעאַליזירטן חלום און פאַרזינקען אין האַלוצינאַ־ציעס. עס איז ווירקלעך צו שטוינען, ווען מען האָט אין זין שנהודס ברוי־זנדיקן טעמפּעראַמענט, וויפל שטילקייט עס איז פאַראַן אין אַ סך פון זיינע לידער, אָבער אויך די גרויסע שטילקייט פון דער נאַכט איז פול מיט קולות און געזאַנגען, אויך ווען ער איז

„געפאַנגען פון די ניצוצין סוהרין, / וואָס אַנטבלויזן און פאַרדעקן / לעגענדעס און וואונדער — אין די פאַרבאָרגענע טיפן און מיסטישע הייכן״.

איז עס ביי שנהודן שעפעריש־דינאַמישער אַקט, וואָס גיט אים דעם שווונג צום רוף:

„האַלט איין דעם אַנקום פון נאַכט, נאַכט פון אַטאָם, ווי דער שאוג תחתיה אין דער וועלט, / חלומלאָזע און תכלת־אויסגערונענע נאַכט".

דאָס וווּנדערלעכסטע אין שלמה שנהודס לידער איז די דאָפּלטע וואַכזאַמקייט צום אינערלעכן שפּינען פון דער אייגענער נשמה און צו דער דרויסנדיקער רעאַליטעט פון אונדזער צייט. דער קבלהשער ווענד איז עמאַנציאַנעל באַרעכטיקט אויך ביי די היינצייטיקע פּראָבלעמען, און די בחינות, גבורות און דינים אין דער נקודת־הצימצום פון אר"י רופן זיך איבער מיט די עלעקטראָנען און נייטראָנען, די יסודות פון אַטאָם, און ער אַנטדעקט אין זיי נייע פאַרבאָרגענע אייגנשאַפטן, וואָס בינדן דאָס אינעווייניקסטע און דרויסנדיקע געשען אין אַ וווּנדערלעכער אינעווייניקסטער געבונדנקייט און דאָס איז דאָך דער דיאַלעקטישער געדאַנק פון דער קבלה, סיי ביים רמ"ק און סיי ביים אר"י, אַריינצונעמען די „סיטרא אחרא" אינעם אומבאַדינגטן פּראָצעס פון קאָסמישן באַשאַף, און דער געראַנגל מיטן שטן, ווי דאָס גובר זיין אים און קלעטערן צו די הויכקייטן פון זוהר־הימל, איז דאָך די ספירה פון גבורה, דאָס דויערנדיקע, אייביקע, וואָס ציט זיך פון ששת ימי בראשית ביזן סוף כל הדורות.

עס ציט דאָס אויג אויך די גראַפישע זייט פונעם בוך, די מאַלערישע און אַרכיטעקטאָנישע אידייע אינעם אויפבוי פון די לידער־סעריעס, אין די אָריגינעלע צייכענונגען פון פנחס שערי — זעלטענע ביישפּילן פון צייכענישער קונסט. די סימבאָלישע ליניעס, פאָרמען און פיגורן זענען ענג פאַרבונדן מיט די קבלה־מאָטיוון אין יעדן באַזונדערן אָפּטייל, פירן אַריין אין אייביקן אומרו און מיסטעריעס, מיט וועלכע עס זענען אויסגעפּילט די ספירות, וועלכע זענען, ווי דער אין־סוף, דער אינהאַלט פון שנהודס לידער און דערפאַר היט ער אָפּ אַזוי שטרענג אויך דאָס אויטענטישע קבלה־לשון און איז דערביי מחדש דאָס לשון מיט ווערטער, וואָס קלינגען, אגב, באַטירלעכער און האַרמאָנישער אין יידיש ווי אין עברית, ווייל זיי האָבן טיפערע וואָרצלען אין אונדזערע זכרונות פון די חדר־ און בית־המדרש־יאָרן, פון די זמירות פון אר"י, וואָס מיר האָבן געזונגען ביי די שבתדיקע טישן, פון די פרייטאָגצונאַכטסן ביז צו די מלווה־מלכהס. אָבער אויך אין וואָכנטאָג, ווען ס'נעמט דער מענטש דאַווענען מעריב, זעט דער קבלה־דיכטער דעם אָדלער פון זוהר, דער „נשרא קא נחית ביומין דחולא", וואָס נידערט אַראָפּ אויפצונעמען אויף די פליגל די נאַכטיקע תפילה.

דער באַדייט פון די ווערטער לעבט אין אונדז און עס צענעמט אונדז די מוזיק פונעם ליד, מיר געפינען זיך אין סאַמע תוך פון אַן אינטענסיווער און דערהויבנדיקער ספערע, ווו עס

שלאָגט | און טראָגט
כוואַליע נאָך כוואַליע, | נאָך היינט

קבלת־שבת־געזאַנג
פון יענער פמליה
אין הייליקן פעלד
פון תפוחין ?
ס'איז פאָרכטיק־שטיל אַזוי פאַרן ווי נאָכן
זונפאַרשווינדט הינטער בערג
דאָ אַרום.
אָט דוכט זיך :

די גאַנצע יצירה ווערט איינ־יק־פרום,
ווערט גלאַסן,
געמעסיקט — —
און אָט —
וועט השגחהדיק אַ מיגע טאָן
ס'מילד־ווייסאויג
פון חסד.

אַזוי רעדט יידיש לשון דורכן מויל פון אייגענעם טאַטן און רבין און אַזוי פלאַטערט עס מיט ווערטער וואָס זענען דורכגענומען מיט הויכער נשמה־איבערלעבעניש מיט אַלע דינסטע קאָמפּליצירטקייטן פון די קבלה־געדאַנקען, ווען זיי קומען אין באַריר מיט אַפּיקורסישע ספקות : „אויך איך ווי פאַרגאַף שוין, / שטוין איבער אייער ניגון־גאַנג, / איבערן מדרגות־פלי...״

מיט דער זעלבער פאַרגאַפונג שטוינען מיר איבער דער נאָענטקייט פון דער מאָדערנער ליריק צום אַלט־יידישן קוואַל פון מיסטישן שאַפן, ווי נאָענט עס זענען די אויספירן פון הייזנטצייטיקע אַטאָם־פאָרשער צום צימצום־געדאַנק פון אר״י, באַנייט פון יידיש־העברעאישן דיכטער אין גייסט פון אונדזער צייט.

שלמה וואָרזאָגער —
„דאָ גייט אויף די זון״

אין פלוג לידער פון זון־אויפגאַנג, אָבער שוין אין ערשטן ליד „גייט אויף די זון דאָ : / אַ חלום איבער בערג אומקום״ אַנטפּלעקט זיך די פּאָעטישע גרונט־שטימונג, ווי זי ווערט קאָנדענסירט מיט געדויערדיקער קראַפט אין די ווייטערדיקע לידער און עס דאַכט זיך, אַז דער שרייבער שלמה וואָרזאָגער אַנטלויפט פון זיינע אַנדערע שאַפונגס־זשאַנערן אַהער אין דער דיכטונג, כדי דאָ אומגעשטערט אויסצוגיסן זיין פיין, דעם יידישן וועלט־פיין. אינעם ליד איז ער מער מיט זיך : „די פרייד איז יונג דאָ / פאַרשלאָגן מיט אַ דינעם טרויער — / טריט נאָך אַ לוויה. / סכנה / אין כסדרדיקן דויער / דערשיינט דאָ / ווי אלישע / איבער ייִנגל־יתום : / מיט זיין אָטעם / איז אַ יעדער דאָ באַזונדער״ און ווידער טוט עס אַ ברויז־אויף אינעם דיכטערס האַרץ : „סאַראַ קאָסמישע פרייד, / סאַראַ געגאַרטער באַגעגן — / דאָ אַ רעגן״. אָבער באַלד ווערט ווידער דער יום העצמאות „דעם טאָג וועל איך טרויעריק זיין. / פון הימל נידערן צו מיר קולות, / פאַלן, פאַלן — אָפּגעבערענטע שמות : / פאַרוואָס פון פלייש־געביין געבליבן קייל איז ? / די נשמה ווייסט נישט ווו איר היים איז ?״

אין בידעריקע, שטיל־וויברירטע טענער רעדט דער דיכטער צו די עולים: „איך קוק אויף די שיפן און קאָן נישט באַנעמען, / צי גייט אויף דאָ אַ חלום צו ברעמען, / צי שיפלט פון אויג דעם פריידיק־צעשיינטן / אַ טרער אויף „על נהרות" נישט־דערוויינטן — — איך קוק אויף די שיפן און זע / די גרויס פון דער רגע און אייגענע / קלייניקייט אין ים פון געשען". פאַראַן דאָ מער ווי אַ צוויי צענדליק לידער פונעם דאָזיקן געמיט־צושטאַנד, געזאַנגען מיט אַליפיל אומעט, אפילו אין זיין פרייד איז באַהאַלטן לאַנגיאָריקער ווייטיק; אפילו אין דער זעאונג ווי די זון „גייט מיטן גרויסן וועג אין אָפענעם טאָג אַריין" הערט זיך דער קרעכץ: „אַז ווי אוו ווויל איז / מיר זאָל זיין פאַר דיינע יונגע ביינער".

דאָס איז נישט קיין סתם־פאַרבייאיילנדיקע שטימונג. וואָרזאָגערס ליד איז ווייט פונעם מאָמענטאַל־פאַרשווינדנדיקן לייכטן איינדרוק, איז טיף פאַרוואָרצלט אין זיין פסיכיק „יעדעס ליד ווי אַ מענטש האָט זיין גורל" און כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם דיכטער, וואָס טראָגט אין זיך דעם גרויס פון יידישן אומקום און אָטעמט „דעם טשאַד, דאָס כאָרכלען, די ספּאַזמע, די לעצטע געשרייען / פון העלדזער פאַרגאַזטע און פרייכנדיקע מיילער / — — און זע אויגן צעגלאָצטע, געפּלאַצטע און לעבער פון ווייטיק און פּחד" איז דאָס איבערגיין אויך צו דעם אַנדערן געמיט־צושטאַנד, ווען אויפן פאַנטאַסטיש־גרויליקן הינטערגרונט פון אומקום האָט אויפגעלויכטן, מיט באַזונדערס בליענדיקן ליכט, די עפּאָפּייע פון יידישער גבורה: „מיט לוחות גראַניטענע, / בלענדיק / גייט אַקעגן דיר דער סיני. / און איך פון נס געטראָפן, / ווי פון אַ בליץ, / גיי שיעור נישט אַראָפּ פון זינען; / לאָמיר גאַנץ זיין ווי דו. / לאָמיר גרויס זיין ווי די שעה, / די שעה, די גרויסע, נישט פאַרשלאָפן".

אַנדערע זעלישע צושטאַנדן, טיף־איבערגעלעבטע שטימונגען און פּאָעטישע רעיונות דריקט אויס שלמה וואָרזאָגער אין זיינע לידער מיט מענטשלעכער אמתדיקייט און עכטקייט, אינטים, מיטן ציטער פון זיין אייגנאַרטיקן נשמה־טאָן: „כ'האָב געוווסט! / אַזוי וועט עס זיין. / כ'וועל טרינקען דעם ווין / פון אַ חלום./ זיך בערן / מיטן קוק — אייביק הונגעריקן / פון אומגעזעטיקטער שיינקייט / דיינער. / ווי איינער, וואָס אַ קישן איז אים די אַליינקייט, / כאַפּט זיך אויף אין מיטן / פון אַ גוטן חלום / און וויל די אויגן צוריק פאַרמאַכן / עס זאָל אים אָפן זיין דער וועג צו זאַכן: / גרויסע, קליינע זאַכן / פון גאָט און מענטש געגעבן, / פול מיט ווונדער און מיט ווייי, / זאַכן, וואָס אָן זיי / קאָן אַ מענטש נישט לעבן". ווי אין דער מוזיק איז אויך דאָ יעדער טאָן באַגלייט פון אַ סך איבער־טענער, וועלכע קלינגען מיט און זענען אָפּטמאָל וויכטיקער פונעם גרונט־טאָן, באַרייכערן און וועקן אויף מער אַקאָרדן, מער נערוון־וויבראַציעס. פאָלגט מען נאָך די מאָטיוון פון ליבע, גורל און חשבון הנפש אין זיינע אַנדערע לידער, דערפילט מען די באַלאַנסירונג צווישן דעם פאַרגענגלעכן און צווישן דעם וואָס וויל עס פאַרהאַלטן און ווען ער פאַלט אַריין אין אַ שטימונג פון אַראָפּנייגן דעם קאָפּ, פון צידוק הדין, איז דער דיכטער און זיין ליד אַ צד אין דער גרויסער דראַמע, אין וועלכער עס קומט פאָר דער פאַרמעסט צווישן פאַרגענגלעכן מיטן עקזיסטירנדיקן, צווישן באַגרענעצטן מיטן אומגעהויערן און אייביקן. ביים טאָטנס

טויטנבעט גיט ער זיך נישט אונטער דעם גליוווער און פינצטערניש פון דער נאַכט און שטעלט איבער דעם אַקצענט אויף ערב־טאָג. „אין דער־אַ שעה עפּענען זיך טויערן פון מוטערטראַכטן. דו ווערסט געבוירן ווידער״.

זיינע טויט־מאָטיוון לאָזן זיך פאַרשידן אויסטייטשן: הבל־הבלים, פּלאָנטער, פּחד, טרויער, אָבער קיינמאָל נישט קיין יאוש. עס דערגענצן זיך פרייד און אומעט, הויכקייטן און אָפּגרונטן, איינזאַמקייט און אינטימע נאָענטקייט, געשריי און שווייגן, ליבע און פאַראַכטונג און דאָך איז די גאַנצע וועלט אַ ליד און דער מענטש און די וועלט זענען איינס, ווי מענטש און ליד. די דיסטאַנס איז נאָר אַן אויסערלעכע, אויף צו שאַפן פּערעספּעקטיוו, אָבער דער דיכטער זעט ווייטער די וועלט דורך זיך און זיך דורך דער וועלט. אַמאָל זעט ער די וועלט ווי אַ מיסטעריעז וווּנדער, וואָס צעזינגט זיך אין אים און אַמאָל ווי אַ קאָנפראָנטאַציע, „טומאה מיט דער תורה אין געפּעקט״.

אייגנטלעך איז עס דער זעלבער געפּעקט, וואָס איז פאַראַן אין שלמה וואָר־זאָגערס דערציילונגען. עס איז דער געפּעקט מיטן גורל, פאַר אַביסל פרייד. פאַר אַן אָרט אין דער וועלט און פאַרן ליכט פון אויפגייענדיקער זון. אָן אַ שיעור ליריזם איז צעוואָרפן אויך אין זיין פּראָזע, אין וועלכער מיר זעען אים ווי אַ שאַרפן רעאַליסט, מענטשן־קענער און אייגנאַרטיקן שילדערער פון פּסיכישע סיטואַציעס, פון אינערלעכע געמיט־ און כאַראַקטער־אייגנשאַפטן. אין די לידער איז דער געפּעקט אינטענסיווער, רעוואָלטירנדיקער, אָבער דעם דיכטער מיט זיינע ראָמאַנטיש־לירישע אייגנשאַפטן, מיט דעם כוח צו לאָזן זיך אויפטרייסלען און גלייכצייטיק פיינעם געהער פאַרן וואָרט פילט מען אויך אין זיינע פּראָזע־ביכער: „ברויט״, „זאַמד״, „גורלות״ און „יאָרן״. ס׳רוב דערציילונגען זענען געשריבן אויפן הינטערגרונט פון אייגענע איבערלעבענישן אין דער פאַרוואָגלטקייט און עס גוויטיקט זיך שרייבערישער כוח צו האָבן די דיסטאַנס צום מאַטעריאַל, כדי עס צו באַצווינגען און דיסציפּלינירן, אַז די אַקציע זאָל באַקומען די מאַגיק פון אַ דערציילונג און דאָס לירישע און מאָלערישע זאָל זיין הערמעטיש פאַרבונדן מיטן לעבן און האָבן די וואָג פון גוטער פּראָזע.

יעקב צבי שארגעל —
הארבסטיקע טרויבן

יעקב צבי שארגעלס לידער ווילט זיך לייענען אָן קריטישער מבינות. נישט אָפּשטעלן זיך אויף דער פאָרמעלער סטיליסטישער זייט פון זיינע לידער, נאָר לאָזן זיך נאָכגיין נאָך דער גרויסער מעלאָדיע פון אומעט, וואָס הויבט זיך אָן „פון ציגעלעך צוויי, / וואָס געשטאַנען און זיך געפּאַשעט ביי מיין וויג״. עס איז נישט אַזוי ווייט דאָס ליד, וואָס די מאַמע האָט געזונגען, ווי דער טיפער ניגון פון אומעט, וואָס מען קען דערהערן אויך אין זיין זינגען פון יום־טוב און פרייד. עס איז דער אומעט, וואָס ענדיקט זיך קיין מאָל נישט, אָבער דאָך דערגייט קיין

מאָל נישט צו קיין מרה־שחורה, ווייל ער קומט פון אַ ריין ליריש געמיט און נישט־ווייניקער אויך פון זיין אָביעקטיוון דיכטערישן געפיל, אַדאַנק וועלכן עס טוליעט דער אומעט און ציט מיט אַ זיסקייט, וואָס עס האָט אין זיך די פרייד און קאָן פאַרוויגן מיט די שענסטע חלומות.

אַז שארגעל האָט ליב פּאָעזיע אהבת נפש, וואָלט מען געקענט ברענגען אַ סך ראיות פון זיינע אָפּהאַנדלונגען איבער אַנדערע דיכטער, צו וועמענס לידער ער גייט צו ווי צו באַטעמטע פרוכטן, אַ ברכה צו מאַכן, קוויקן זיך און באַוועגן אויך די לייענער צו געניסן פון זיי. די־אַ פּאָעזיע־דורשטיקייט איז אין זיינע אַלע לידער, אפילו זיין רעליגיעזיטעט אינעם דורכטעגהן זיך מיט גאָט איז אויך אַ תירוץ פאַר פּאָעטישער תשוקה. אינדעראמתן האָט ער מער ווי גאָט אינזינען דעם מענטש, איז דורכגענומען מיטן עטישן לעבנס־זין, וואָס לייזט זיך אויף אין פּראָצעס פון דיכטערישן שאַפן. דערפאַר איז זיין ליד מער שירה צום מענטש ווי לויב צו אַ העכערער און געטלעכער קראַפט; מער צוהערן זיך צום „געוויין פון אַרעמאַן צו דיר — האַר פון דער וועלט״.

שארגעל איז אין זיינע לידער השתפכות־הנפשדיק, קאַרגט נישט קיין וואָרט, קיין הויכע רייד, אָבער נישט דערפאַר, ווייל ער ווייסט נישט דעם סוד פון צמצום, נאָר ווייל ער וויל זיך אַרויסזאָגן אינגאַנצן, וויל זיך נישט באַהאַלטן הינטער רמזים, הינטער אותיות פורחות און אומפאַרשטענדלעכקייטן. געפינענדיק זיך אונטערן אַטמאָספערישן דרוק, וואָס עס פילט יעדער וועלכער טראָגט אויף זיך די משא פון געפיל פון אומענדלעכקייט און אייביקייט, געפינט ער די אויסלאָדונג אין צעזונגענער גלויביקייט, איז מקבל באהבה דעם ניגון „וואָס אָט איז ער פול מיט חסד און אָט — מיט דין״.

גאָר תפילהדיק ווערט זיין ליד, ווען ער שטייגט אויף די בערג פון ירושלים, אָנגעגורט מיט דער גייסטיקער גבורה פון דורות, וואָס העכער דאָס שטייגן, אַלץ עקסטאַטישער די תפילה פון די טיפעגישן און ווי משה ביים שטייגן פון נבו ביז דער פסגה רופט ער: „ואתחנן!״... אין דער גלויביקייט קומט צום אויסדרוק דאָס ביטערע געפיל פון יידישער טראַגיק, וואָס גייט איבער בירושה און בלייבט אָן אַ פאַרענטפערונג, ווי נישט פאַרענטפערט און נישט געטרייסט עס בלייבט „דאָס געשריי פון אַ מאַמען, וואָס וויל וויסן, פאַרוואָס און אַ טאַטע — דעם זין פון פאַרגיי״.

י. צ. שארגעל פאַרמאָגט פּאָעטיש געפיל פאַר גרויסע און קליינע זאַכן, פאַר נאַציאָנאַלע טעמעס און פאַר יחידישן צער, ווי פאַר אַן אָפּשיין פון אַ שמייכל. אַלע זענען זיי אָנגעזאָפּט מיט עכטער לירישקייט און טייל אויך מיט געדאַנקלעכער עמקות, פון וואַנען ער שעפּט אויך זיין אָפּטימיזם, זיין יידיש־מענטשלעכן בטחון, אַז עס וועט ווידער קומען דער טאָג, ווען עס וועלן זיך „צעפּראַלן טירן־טויערן פאַר יענעם ניגון פונעם אָנהייב פון די טעג״.

געטריי צום מקור

דער באַנד לידער „עלי ספים" איז אַן אָפּקלייב פון יעקב צבי שאַרגעלס לידער־זאַמלונגען: אין בלויען ליכט, פון ווײַ און גלויבן און זוניקע שוועלן, איבערזעצט דורך: אמיר גלבוע, ב. מרדכי, חיים רבינזון און שלמה שנהוד.

דער אָפּקלייב דעמאָנסטרירט אַ קאָלירפול בילד פון י. צ. שאַרגעלס פּאָעטישן פּולן רעגנבויגן, וואָס בלישטשעט שוין עטלעכע צענדליק יאָר אויפן הימל פון יידיש־שאַפן אין לאַנד, אַ קינסטלערישער שפּיגל פון די פאַרשידענע תקופות און פון דער אומרואיקער און פיינפילנדיקער נשמה פונעם דיכטער גופא.

אין די איבערזעצונגען איז אָפּגעהיטן די תמימות און נאַטירלעכקייט, דער ווייכער מוזיקאַלישער קלאַנג פון שאַרגעלס ליד. י. צ. שאַרגעל איז אַ דיכטער פון שטימונגען, עמאָציעס, אידעען און חלומות פון יושר און שיינקייט.

יעקב צבי שאַרגעל געהער צו די אייגנאַרטיקע דיכטער, וואָס צו דערגיין און איבערגיין צו זייערע „עלי ספים", איבער זייערע שוועלן, דאַרף מען זיך פאַרטיפן אין זייער אינערלעכער וועלט. דעמאָלט קומט אויך דער שכר אין דער פולער מאָס. מיר באַגרייפן דאַן די אינערלעכע לאַנדשאַפט, וואָס דאָמינירט אין דיכטערס אַלע חושים, זיין באַגער נאָך פאַרוואַנדלונג און נאָך בייעם ווערן. אין שאַרגעלס פּאָעזיע איז עמאָציאָנעל־ליריש פאַרבונדן חורבן און גאולה. טיפע אינעווייניקסטע גאַנצקייט דערגרייכט ער ווען עס צעזינגט זיך אין אים דער חומשדיקער „ואני..." אין טאָן — שטיל, מעדיטאַטיוו, אָבער עס פאַרכאַפּט די פולע דיכטערישע אַנט־פּלעקונג, די פילפאַכיקע וואַכזאַמקייט פונעם דיכטער צום אינערלעכן שפּינען פון תהילימדיקן ניגון, וואָס גייט אַריין אין די „יעלות" און קומט איבערן ירדן צוזאַמען מיטן ניגון פון דער גאַס, שטוב און געוויין פון דער מאַמען און פאַר־שניטענעם שטעטל.

דאָס בוך איז פאַרזען מיט אַן אַריינפיר פון פּראָפ. דב סדן איבער י. צ. שאַרגעלס שאַפונגסוועג און גיט גלייכצייטיק אַן אויסקוק אויף דער גאַנצער גרופּע יידיש־שרייבער אין ארץ־ישראל פון די פריערדיקע צייטן.

יונה בערקמאַן —
שירה און מחשבה

דער מאָטאָ, וואָס יונה בערקמאַן גיט אין אָנהויב פון זיין בוך לידער „ווייפרייד": „כאָטש געבויגן מיין רוקן, פאַרבראָכן, / אויף אים טראָג איך אַלץ נאָך מיין גאָט — / כ'האָב מורא צו בלייבן אַ יתום, / באַנקראָט" — איז אין אַ געוויסער מאָס זיין פּאָעטישער דעוויז, וואָס ציטערט דורך אין אַ סך פון זיינע לידער מיט טיפער אמונה און פרומער פאַרגלויבטקייט. ער גלייבט אין יידישן וואָרט, וואָס זוכט „אַ הייפל כשרע בעלי־תפילות" אָבער לעבט אין מורא, אַז „צו נעילה פונעם קדושים־לשון גישט זיין ווער לאָזן זאָל אַ טרער". דאָס איז נישט

סתם פאַריבעררַייענדיקע שטימונג, נאָר אַ טרויער, וואָס עס ברענגט מיט זיך פּאַטעטיש־קלאָרער באַטראַכט, אָדער ווי בערקמאַן דעפיגירט עס: „...שטום צו דער לוויה, שטיל אָן טרערן, / נאָך לשון מאַמישן, דעם פאַלנדיקן שטערן; / ווי האָדעורעט אַ יתום זיך אין נייעם דור?...״

קלאָרער באַטראַכט און פּאַטעטישער אומרו גייען צוזאַמען אין בערקמאַנס פּאָעזיע. כאָטש ער איז אַ גלויביקער און וואַרט אויף „פּסוקי דזימרה פון נאָענטער גאולה״ אָדער „אויף אַ נס — אַז אַ רעגן פון רחמים פאַרציען אַ זוניקע בריק זאָל אויף רויכיקע תהומען״, עקבערן אָבער די ספקות: „וויפל געוואַלדן דאַרף מען מאַכן ס׳זאָל אַ גאָט דערהערן דיין שטום לשון?״ אַ פונאַנדערגער־ברויזטער נעמט ער זיך בונטעווען: „דו זאָג מיר נישט קיין מוסר, איך פאַל צו לאַסט אויף זיך אַליין פון די ניגונים אַנגעקוואָלענע מיט אומעט״. דער פּאַטעטישער אומרו ברענגט נישט מיט זיך קיין רעוואָלט. דער הויפּט־מאָטיוו בלייבט די בדידות און דאָס וואַרטן אויף טרייסט. די וואַרטעניש איז דורכגענומען מיט תפילה־רייד. כאָטש ער איז נישט זיכער „צי דאָ איז אַ הימל פאַר טרערן פון בדידות?״ ער איז אפשר נישט אַזאַ איינזאַמער דיכטער ווי דער דיכטער פון איינזאַמקייט, ווייל יעדע סטרונע פון זיין האַרץ וויברירט מיט עלעגיע און תפילה, קלאָג און קאַשמאַר, קלעם און אימה, איז ער זיך מתבודד. אַליין הערט ער דעם „מזמור און מודה־אני, טאַטנס, מיין זיידנס״, וואָס עס זינגען אויס די פייגל, צונויפגעזאַמלטע „מיט פרייד און געפלאַטער פון גרינעם געצווייג״.

אַ ליריש־עמאָציאָנעלע איינגעהאַלטנקייט באַהערשט כמעט אַלע בערקמאַנס לידער, אַ מין תפילה לעני פון אַ צעבראָכן האַרץ, וואָס הערט נישט אויף צו זוכן „טרייסט וואָס שאָטנט זיך פון אורנעכטיקייטן״. ער האָט דעם כח אָפּצוקילן די טעמפּעראַטור פון אַ בעל־תפילה און זען זיך ווי אַ צונויפקלייבער פון אותיות פון אַלטע צעבראָכענע לחות „פון דעם בית המדרש פאַרהאַרכט אין עילויאישער דבקות, פון תהילים פון יידן פון פאַסטן און טרערן געלייטערט, וואָס טרויט אָן דעם בורא זיין מאַרגן אָן ספקות״. אין זעלבן ליד אַנטפּלעקט ער אונדז דעם קוואַל פון זיין דיכטערישן געמיט: „עד היום כ׳באַהאַלט זיך אַהינטערן אויוון פון קלויזן, / פאַרנעם אין די בלוטן דעם אמר אביי דעם טאַטנס, / און דויער איך שעפּ דאָרט פון שטויביקן שפּינוועבס אַרויסעט, / ווי אַלע כתב־יידן איך וועג אויף דער וואָג פון קאַראַטן...״ פון יענעם הינטערן אויוון זינגט אויך אַרויס דער נשמה־צושטאַנד פון יידישן בטחון און פרומער הכנעהדיקייט, וואָס ער ווערט נישט מיד איבערצוזינגען אין אַלע פיר סעריעס פון זיין נייעם בוך לידער, וואָס באַשטייט פון „תפילות״ און „תיקון חצות״, פון „בדידות״ און „וויפריידֿ״.

די פרייד איז קוים אַ ציטער פון שמחה און כאַפּט אָן דעם דיכטער „ביי לידער פון גאונים, וואָס שפּילעוודיק איז זייער ניגון״ און בסך הכל מיינט ער מיט אים צו עפענען די שערי הרחמים, אָבער אויף קיין רגע טוען זיך נישט אָפּ פון אים אַלע צערן פון יידישן לעבן, די אבלות נאָך די געפאַלענע בחורים און סתם טרויער, כללישער און יחידישער וועלטוויי, וואָס בערקמאַן אַנטדעקט אין זיך ווי אַ פּאַטעטישע התגלות. „טוט אַ שיין די זון און ווערט אויפגעדעקט מיין

טרויער". די פונקען פרייד זענען זייער ווייניק און ווי געבאָרגט פון ערגעץ פאַר אַ חלום. עס ווערט אַזוי אומעטיק פון זיין שטיין אין אַ ווינקעלע און לאַכן און וויינען דערפאַר, וואָס „ווייפרייד סוף כל סוף צעלאָזט האָט די קריעס פון מיין ווינטער, און מיין דופק קריכט אַ פרילינג־אָנגעשטאָפּטער מיט ברכי נפשי קנאָספּן...“ אין די שורות האָט דאָך יונה בערקמאַן אַליין געגעבן דעם פּראָגראַם פון זיין דיכטונג. דער שמייכל דורך געוויין אַקאָמפּאַנירט יעדעס ליד און עס איז ווי אַ לייט־מאָטיוו צו אַלעם, אָט דאָס „געוויין, וואָס איז מטהר", דער „ברכי נפשי פון דיין אייגן תהילים".

אַזוי דאַוונט דער דיכטער „פאַר זיך" אין אַלע זיינע לידער און די דיסקרעטע השתפכות הנפש לאָזט נישט איבער דעם מינדעסטן ספק, אַז ער און זיין ליד זענען אייגס און דאָס זעלבע, שירה און מחשבה, וואָס קומען זיך צונויף אין התבודדות און פאַרגייען זיך אין „ממעמקים קראתיך".

חיים־לייב פוקס —
שירה און תפילה

ווען ח. ל. פוקס איז שוין אַ סך געשריבן געוואָרן. אין משך פון פופציק יאָר ליטעראַרישן שאַפן האָט ער באַוויזן צוצואייגענען זיך אַ סך זשאַנערן. ער איז עסייאיסט און פובליציסט, קריטיקער און היסטאָריקער פון דער יידישער ליטע־ראַטור, אָבער קודם כל און איבער אַלעם איז ער אַ יידיש־סענסיטיווער דיכטער, וואָס שעפּט פון די קוואַלן פון אומענדלעכע ליידן, טרויער און ליבשאַפט און איז קינסטלעריש דערגאַנגען צו הויכן פון געמיט־ און אויסדרוק־רייפקייט.

אַ באַזונדער גרויס אָרט פאַרנעמט אין זיין שאַפן די ישראל־טעמאַטיק. אין זיינע ארץ־ישראל־לידער שרייט און וויינט, חלומט און האָפט, אין טיף־לירישן השתפכות הנפש, די נשמה פון פאָלק. יאָרן־לאַנג איז ער געווען אין ארץ־ישראל, האָט אָנטיילגענומען אין בויען דאָס לאַנד, און מען פילט דערפאַר אין זיינע לידער סיי דעם פיזישן קלימאַט און סיי די חומש־אַטמאָספער פון ארץ־ישראל, די לעכצונג נאָך גאולה און די קאַמפּסלוסטיקייט פון יונגן חלוץ.

ווען מיר לייענען זיינע ארץ־ישראל־לידער, סיי די, וואָס ער האָט געשריבן מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק און סיי די פון די איצטיקע טעג, דערפילן מיר די רעאַליטעט און דעם חלום פונעם ייד אין דער וועלט און אין לאַנד, דאָס קול פון אַמאָל, וואָס קלינגט מיט דורכגעגליטער האָפענונג אויף דורות, די יידישע פרייקייט, גבורה און קדושה פון אַלע צייטן.

זיין היסטאָרישער ראָמאַן „בר־גיוראס לעצטער וועג" אָטעמט מיטן הייליקן קאַמף פון די פאַרצייטיקע יידישע גיבורים, אָבער גלייכצייטיק איז אין אים פאַראַן אויך דער שטורעם און די סטיכישקייט פון זיין אייגענעם געמיט און מיט דער עכטקייט פון זיין אייגענעם איבערלעבן כישופט ער אונדז אַריין אין די

זעאונגען פון יענער פאַרצייטישער וועלט, אין יענעם פאַרביסענעם געראַנגל צווישן ירושלים און רוים.

די גרויסע מידה פון אהבת ישראל, וואָס מען פילט אַפּ אין ה. ל. פוקס גאַנצער פערזענלעכקייט, אין זיין שאַפן ווי אין וואָכעדיקן לעבן, איז ביי אים אין בלוט פון דורות רבנישן יחוס, וואָס ציט זיך ביז דעם צפתער גאון ר׳ יוסף קאַרו, וואָס האָט געגעבן דער יידישער וועלט דעם שולחן ערוך. ה. ל. פוקס איז אַ זון פון אַ רב און אַן אייניקל פון טשעכאַנאָווער רבין און האָט אַליין אין עלטער פון זעכצן יאָר געקראָגן סמיכה אויף רבנות.

פול מיט ליבשאַפט שרייבט ער זיינע אַרבעטן וועגן יידישן עבר, די מאָנאָ־גראַפיעס פון הונדערטער יידישע קינסטלער, שרייבער און דיכטער, פון אַלע, וואָס זענען געווען טעטיק אויף די פאַרשידנסטע געביטן פון יידישער קולטור און קונסט. ער טוט דאָס אַלץ מיט גרויסער מי און מסירות נפש. ער איז געווען אייניקע יאָרן איינער פון די הויפּט־מיטאַרבעטער פון לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור און האָט אַליין אָנגעשריבן קרוב דריי טויזנט ביאָגראַפיעס.

ה. ל. פוקס האָט גרויסע פאַרדינסטן ביים אויסגעפינען פאַרגעסענע מחברים אין יידיש, ערשטע שרייבער פון יידישע מעשה־ביכלען, דעם ערשטן איבערזעצער פון „אגרת הרמב״ם" און אַנדערע, וואָס האָבן אין פאַרשידענע צייטן געווירקט אין יידיש־טייטש, מיטגעווירקט צו באַרייכערן די יידישע ליטעראַטור.

די לידער, תפילות און פּאָעמעס פון חיים־לייב פוקס געהערן צום מין רעלי־גיעזער פּאָעזיע און נישטאָ קיין אַנדערע רעליגיעזע דערקענטעניש, ווי בעתן עקסטאַז. עס וועט דערפאַר זיין אַ טעות אָנצונעמען זיינע טרויער־תפילות פאַרן טרויער פון לעבן, וואָרום זיין פּאָעזיע, אַפילו ווען זי איז דורכגענומען מיט דער טראַגעדיע פון דור, האָט אויך אין זיך די פרייד פון שטאַרקן כוח איבערצוקומען אָדער אַפילו אומקומען אין יסורים. דערפאַר איז זיין טרויער קיינמאָל נישט קיין מרה שחורהדיקער. ער איז תמיד אָנגעשטעקט מיטן ווייטיקלעכן תענוג פון שאַפן און איז דורכגעלויכטן מיט די איקס־שטראַלן פון דיכטונג, וואָס פירט צוריק דעם פּיין צו יענעם איינאונאיינציקן מקור, פונוואַנען עס שטאַמען סיי די שמחה און סיי דער טרויער.

דער געדאַנק פון השארת הנפש איז ביי חיים־לייב פוקס אַזוי עכט און פול, אַז ער לייזט אים אויס און שיידט אים אָפּ פון טויט: „אַז איך וועל אַוועקגיין, וועל איך דאָ לאָזן פון מיין דאַזיין סימנים / אויף יעטוועדער זאַך, וואָס האָט אויך נאָר איינמאָל באַרירט מיך. / אין יעדנס אויגן, וואָס האָבן אין מיינע געצירט זיך, / אויף פעלזן פון טרויער, אויף שטעגלעך פון פרייד געפירט מיך — / אויף אַלעם וועט בלייבן דער שמייכל און שיין פון מיין פנים". דאָ איז פאַראַן אַזויפיל אַקטיווקייט פון דער איבערלעבונג, אַז זי באַלויכט די פּיין פון אַוועקגיין מיט דעם געהיימנישפולן ליכט, וואָס אין זיין שיין באַקומט אַפילו דער טויט זיין הייליקן און דערהויבענעם צויבער. עס איז דאָס ליכט פון דיכטונג און ביי חיים־לייב פוקס איז עס אויך דאָס ליכט פון יידיש: „און ס׳וועלן די קינדער חוץ קדיש

מיין שטאַרבן אויף יידיש באַוויינען". דאָס גיט אים די צעזונגענע גלויביקייט און דאָס דערפילן דעם העכערן זין פון יסורים.

וואָס קען שוין זיין גרעסער פונעם טרויער, וואָס עס יאָגט אָן דער מאַמעס לעצטער געשריי ביי די געטאָ־דראָטן? „ער יאָגט מיך דער שריי נאָך איבער ימים און לענדער, / ווו עס האָט מיין געביין געוואַנדערט, געוואָגלט / און אויך דאָ, אַצינד, עס רעגנט און האָגלט / אַריין אין געמיט מיר. ס'האָט זיך גאָרנישט געענדערט". אויך דאָ איז דער טרויער דורכגענומען מיט דער בענקשאַפט נאָך פערזענלעכער מיסטישער אויפלייזונג אינעם ליד — „מיין קרבן עולה, וואָס שפּראָצט אין מיר, ווי אָדערלעך פון מיין טיפסטן האַרץ".

אין דער אמתער דיכטונג ווערט טיפער טרויער אויך פאַרוואַנדלט אין פרייד. עס איז אַ העכערע דערקענטעניש און דערפאַר איז אים אַזוי גרינג אונטערצו־וואַרפן זיך אַן טענות און מענות דעם טרויער, וואָס וויינט אויף די גאַסן פון ירושלים, ווייל באַלד געשעט „דורך בערג פול מיט טרויער, דורך טייכן בלוט, / דורך לעצטע געשרייען, פאַרשטיקטע געוויינען — / הויבט אויף זיך צו מיר און נעמט מיך אַרום / מיין יידישע תפילה: ותחזינה עינינו!"

דאָס איז די שירה און תפילה צו אַ העכערער און געטלעכער קראַפט און דערגייט צו אַן אויסערגעוויינלעכער אויפגעוועקטקייט אויף דער ערד פון ישראל ביי די טויערן פון ירושלים, ביים כותל המערבי און אויפן דאַך פון בית ברענער, אין קיבוץ רוחמה, ביים כנרת, ביים קבר פון דער דיכטערין רחל, אין נבטים און פון זונפאַרגאַנג איבער צפת ביז צום הר המוריה. גאַר שטאַרק ווערט ער אינספּי־רירט אויפן וועג קיין מירון, ווו ער הערט ווי „עס דאַוונט איצט דער אָוונט מעריב מיר אַריין אין האַרצן. / זענען עס מיין זיידנס, דעם „בית יוספס" אַלטע תפילות / וואָס זענען דורות שטיל געשלאָפן אינעם הר־ציון? — — און איבער מיר דער ניגון פון די העכסטע, טיפסטע הויכן, / שפּאַנט מיט מיר קיין מירון, וואָס אומעטום און דאָ איז!"

אַוודאי האָט מען דאָ צו פאַרדאַנקען חיים־לייבס לירישן געמיט, אָבער נישט ווייניקער אויך דעם עפּישן געפיל, פון וועלכן ער ווערט באַהערשט אויף טריט און שריט, איבער אַלע וועגן און שטעגן פון דער ישראלדיקער לאַנדשאַפט, אין וועלכער ער שטעקט מיט אַלע זיינע רמ"ח אברים. פאַראַן אין זיינע לידער נישט גאָר חומש־אילוזיעס לרוב, נאָר עס שוועבט אויך איבער זיי דער גייסט פון גמרא און מדרש, כוונות פון מקובלים און פסוקי דזימרה פון פייטנים צוזאַמען מיטן זיידנס חצות־זאָגן און אַלע גיסן זיי זיך צונויף האַרמאָניש אין דעם אינעוועייניקסטן אמת פון זיין לירישן געזאַנג.

דאָס, וואָס עס הויבט אַרויס חיים לייב פוקסן פון צווישן אַנדערע אויסגע־צייכנטע יידישע פּאָעטן, איז די זעאונג, וואָס ער נעמט אָן ווי אַ העכערן צייכן פון אַ שליחות, מיט וועלכער ער שפּאַנט אין אונדזער געמיט אַריבער די גרענעצן פון ליטעראַטור און דערשיינט פאַר אונדז אין דער געשטאַלט פון אַ גרויסן מגיד. אַליין איז ער פול מיט געזאַנג, מיט וווּנדער און באַוווּנדערונג פאַרן געטלעכן סוד, אָבער אומעטום באַגלייט אים אַ בת־קול פון די תהומות און דאָס געזאַנג, ווי די תפילה, געמורמלט אין די שטילסטע טענער, קומט פון אַ ממעמקים פון

אונדזער צייט און דאָס מיינט פון די אַנגסטיקע טיפענישן אינעם אייביקן טאָל, ווו „יידישע קינדער גייען צום טויט" און „דער לעצטער אָוונט־גלי, / שלינגט אַריין אין זיך זייער לעצטן אָטעם: / שמע ישראל!"

פון חיים לייבס לידער ווייעט מיט פּערמאַנענטן צער און געקלאָג. אַפילו ווען „עס זינגען די ווינקלען און עס ברומען די נישן / לידער פון פאַרבן, וואָס הימלען זיי מישן" אויך דעמאָלט „פון גראַניט אַרויס עס שפּילן ווינטן מיר טרויער־לידער, / ווי טויזנט טשעלאָס וואָלטן אין מיר ברומען".

גאַרנישט קען אָפּשוואַכן די שליחות־משא, וואָס דער דיכטער טראָגט אויף זיך; דעם ברענענדיקן צער און דעם יאָמערלעכן געשריי, וואָס איז פאַראַן אינעם „וואָרט אַרויסגעשטאַמלט / ווי עס וואָלט געהערט מיך, גאָט, / איך זע דאָ איצט מיין מאַמען — זי שרייט עס הויך דאָס וואָרט —".

טיף־יידיש און מיט אַ שטאַרקן ווילן צו דערגיין צום מקור. דערפאַר געפינען מיר ביי אים אַזעלכע לידער, ווי יום פּקודה, צו חצות ביים כותל המערבי, יזכור. דערפאַר חזרן זיך ביי אים איבער אַזעלכע באַגריפן ווי חסד, תפארת, שוכן מרומים, מסתרים, קדמונים. זיינע לידער זענען אָנגעזאַפּט מיט חסידישע און מיסטישע סימבאָלן, וועלכע זענען אָבער קלאָר געזען און דורכגעלעבט. דאָס זוכן און באַגרייפן, דאָס ווילן געפינען דעם שליסל צו דער יידישער וואָר, פירט אים צו הויכער וויזיע. די וועלט פון קאָשמאַרן און פון סתירות איז פאַר חיים לייב פוקסן אַן אָנגעלאָדענע מיט ליכט און מיט שאָטנס, וואָס וואָרענען מיט אומהיימלעכע אָגונגען און נעמען אַן אַ גורלדיקן באַדייט: „...די לייבן — מיינע ברידער, פון טויט און פּיין — געפאַנגענע, זיי ברילן פון פאַציפיקס סקאַלעס. / ווי די ברידער מיינע פון די געטאָס, זייערע יעלות / רוישן נאָך אין מיר, ווילן נישט פאַרגיין. / איך שטיי און שטום, נאָר איבער קאָפּ מיר קוילערן זיך געשרייען, / וואָס קומט צו מיר פון אינדזל פון די ים־לייבן / און אין מיין בלוט, פאַרסמט מיט שטילע ווייען, / הער איך דאָס געשריי, מיינס, פון חיים לייבן"... דאָס איז חיים־לייבס לייבן־געשריי און גורל, וואָס ליגט אין זיין שעפערישן בראשית און טרעט נישט אָפּ פון אים ביזן גרויס־אויסגעוואַקסענעם דיכטערישן אויסדרוק, פון די „דורשטיקע לעמער" מיט פופציק יאָר צוריק, איבערן היסטאָרישן ראָמאַן „בר גיוראַס לעצטער וועג" ביזן איצטיקן בוך „זונפאַרגאַנג", אין וועלכן ער האָט, פונקט ווי אין „די טעג נייגן די קעפּ", געשטעלט זיך פּנים אל פּנים צום גרויליקן חורבן.

די עצבות, דער טיפער צער איז ביי ח. ל. פוקסן אַ סך מער ווי סתם שטימונג. עס גייט ביי אים צוזאַמען מיט דער בענקשאַפט צו באַנעמען די יסורים, זייער זין, דעם וועג פון די פאַרפלאָנטערטסטע געפילן, פון די סאַמע תהומותדיקע טונקלקייטן ביז צו דער ספערע פון פּאָעטישער אויסלייזונג און אויסשטראַלונג, אָן אויפהער געלייטערט אין גלויביקן געמיט און רעליגיעזן ציטער.

חיים־לייב פוקס איז בעצם אַ מאמין, וואָס האָט געשלאָסן אַן אייביקן בונד צווישן זיך און בורא, צווישן זיך און די וועלטן פון יידישע דורות און איז געבליבן ערלעך צו זיך און צום באַשעפער, צו וועמען ער זינגט זיין „יזכור", וואָס קאָן אַריינגענומען ווערן ווי נאָך אַ קאַפּיטל אין די יידישע קינות: „געדענק זיי, גאָט,

אַזוי ווי זיי האָבן אין דיר געדענקט, / אַזוי ווי זיי האָבן צו דיר געבענקט / יעדע מינוט פון זייער טאָג, וואָס איז געווען נאַכט, / יעדע רגע פון זייער לעבן, וואָס איז געווען טויט, / און אויפן טויטס לעצטע טרעפּ, די פאַרפּייניקטע, פאַרבלוטיקטע קעפּ / זיי האָבן צו דיר, צו דיר געהויבן — זיי דיר פאַרטרויט".

פריי פון פּאַעטישער פּאָזע און אָנשטעל, פול מיט וויזיע, עלעגיע און תפילה, מיט אמונה און פרומען בטחון, דערנענטערט זיך חיים לייב פוקס צו דער מדרגה פון אַ תוכיקן מקונן, וואָס טראָגט אין זיך אַלע דורותדיקע געוויינען און טרייסטן.

מ. חסידס יידיש־קודש־געזאַנג

„יידישע ווערטער" איז נישט דאָס איינציקע ליד אין דער נייער זאַמלונג פון מ. חסיד, וואָס עס ווילט זיך פּשוט מיטפּליסטערן: „איך וועל מיר מיטנעמען/ אַ פערד און וועגעלע / און וועל אַרומפאָרן / פאַרשפּרייטן, / אין מיין אייגן לאַנד, ליידנדיקע / יידיש־קודש / ווערטער", און טאַקע אַ דאַנק דעם כישוף פון ווערטער אין זיין פערלדיק לשון איז ער מבשר דעם רוף צום יום־הדין, פון וועלכן דאָס וואָרט ווערט „ביז אויף קויל פאַרברענט".

דער אויפזינג פון מ. חסידס פאַרטיפטער ליריק איז פאַרקליידט אין זייער געראַטענע, פּילבאַרע אויסדרוק־מיטלען און פאָרמען, אין די ראַמען פון אַ פּשטות, מיט וועלכע עס ווערן געשאַפן תפילות, ווען מען וויל באַפרייען די נשמה פון טונקעלע פלאָנטערס. אַזוי וויקלט אויך אויף דער דיכטער „גאָר ברייט די פאַרמעטן פון חומש — / לאָז פריי אַרויס פון דאָרט / די בראשיתדיקע טעג". די יידישע מורא פאַרן „אַרויסרייסן מיט כוח אדומס חוב" און פאַר דעם הויכן פרייז, וואָס יעקב דאַרף צאָלן עשון, איז די באַלויכטענע אַרענע פאַר דער פּראָצעסיע פון אייביקן ייד אפילו אין אייגענעם לאַנד און דאָס פאַרטונקלט זיין געמיט און עס איז פאַרויסצוזען דאָס גיכע צונויפוויקלען די פאַרמעטן פון חומש און „לאָז נאָר אַריין צוריק די בלאָנדזשענדיקע טעג".

עס טרעפט, אַז אין דער פאַרצווייפלטער ראַנגלעניש פון זיין ליד מיטן געמיט פון דער געגעבענער לעבנס־תקופה אַנטפּלעקן זיך פאַר אים נייע ווינקלען, וואָס נאָר אַ פּאָעט באַשאַנקען מיט באַזונדערע חושים איז פעאיק זיי צו דערזען, ווי ער דערזעט דעם שיר המעלות, וואָס „אַ באַרג טוט אָן איבער זיין קאָפּ" און דערהערט ווי „עס לאָזן שטיל אַראָפּ זיך פון דער סאַמעטענער הויך די שבתדיקע כלות" און אויך זיי האָבן דעם חן פון פרומע צניעותדיקע פרויען אין בענקנדיקע פענצטער, וואָס „קוקן אין דער שטורנענדיקער ווייט אַריין".

מ. חסידס לידער, נישט געקוקט אויף דעם טאָן פון זעלבסט־איראָניע, האָבן אָבער אַזויפיל שטימונג, אַז זיי געהערן צו דער קאַטעגאָריע פּאָעזיע, וואָס מען דאַרף לייענען ביחידות. אויף אַ דינעם איידעלן אופן הויבט ער אויף זיינע טענות צו גאָט און וועלט אין דער פולסטער טראַגיק פון יידישן חשבון הנפש: „אפשר האָבן מיר דאָס / טאַקע אָנגעזעצט דער וועלט / און איר געבליבן שולדיק / אַ מאַיאָנטעק נישט־דערחלומטע חלומות — / איצט ליגט דער חשבון אַ פאַרבלוטיקטער אין דער ערד. / וועט מען אים סילוקן ? / אין וואָסערע מקומות ?"

די טראַגיק פון יידישן גורל ווערט דורך אים אויפגענומען סיי מיטן צויבער פון אמתער דיכטונג און סיי מיט דער שאַרפקייט פון פילאָזאָפישן געדאַנק, וואָס קאָנטראָלירט און וואַרפט זיך גלייכצייטיק אונטער דעם פרייען אימפּולס און די איבערלעבעניש ווייטיקט זיך אַריין אוממיטלבאַר אין האַרץ און נשמה און לאָזט איבער דעם אומרו, נישט ווי אַ מאָמענטאַלן רעפלעקס, נאָר אויף תמיד.

די טראַגישסטע איבערלעבעניש פון חשבון קומט צום אויסדרוק אָן באַנאַלן געשריי, נאָר קול דממה־דקהדיק: „ווער זאָגט מיט מיר איצט אַ קאַפּיטל תהילים? — — פון ציון־באַרג עס לויפט אַ שליאַך דורך מיר אַדורך העט־העט צום יאַרמעליניצער יאַריד — —".

אַ סך שווערער אינהאַלט איז אַנגעלאָדן אַפילו אין זיינע לייכטע לידער, וואָס מאַכן טיילמאָל דעם איינדרוק פון אימפּראָוויזאַציעס. אַפילו ווען ער פרעגט: „ווו האָסטו, אויבערשטער, אַ שענק אַזאַ — איך זאָל דערטרינקען דאָרט מיין אומעט?" שלאָגט זיך די שווערקייט פון אינהאַלט ממש קאָפּ אין וואַנט מיט דער לייכטער שפּילעוודיקייט פון דער פאָרם, און דער סוף: „זאָלסט מיך לאָזן שיכור לוט פאַרבלייבן אָט אַזוי אויף תמיד" איז צומאָל אין סתירה מיטן קומענדיקן ליד צום „שטראַלנדיקן טלית", וואָס גאָט טוט אים אָן זינט זיין קינדהייט און „דו האָסט דאָך זיך אַליין אויך איינגעהילט אין אור הגנוז־ליכט און האָסט אַרויסגעשטראַלט פון זעלבן טלית".

און פונדעסטוועגן דערציילט מ. חסיד, וועלכער שטייט בכלל ביי דער גרענעץ פון אומגלויבן און פעסימיזם: „איך האָב אַ ליד, נאָר פעלן פעלט אים אויס מיין גלויבן", אַז „איך האָב אַ גלויבן, נאָר עס איז אים ענג אין ליד" און בעצם איז עס דער גלויבן, וואָס האָט אויפגעבויט דעם פּאָעט אין אים און איז אפשר די טיפסטע איבערלעבונג, וואָס דויערט אין אַלע זיינע לידער, איז אויך די קראַפט, זאַפט און וואַרעמקייט, וואָס פאַרברידערט אים מיט קליין און גרויס און איז אויך דער רווישטאָף פון זיין נשמה־שפּאַנונג, נאָר ווען ער דערפילט, אַז אָט־אָט נעמט עס אין אים עקספּלאָדירן, פאַרוואַנדלט ער זיך אין „לעצטן גילגול פון דעם כעלעמער רב" און „קריך פון חוזק קיינמאָל נישט אַרויס" כאָטש ווייסן ווייסט ער, אַז נישט געקוקט וואָס ער איז אדם־קליין, האָט „אַלץ אין מיר זיך דערוואַקסן סטראַשנע גרויס".

יעקב גלאַנץ —

מיינע נע־ונדן

זיכער שאַצן מיר אָפּ אויך די ווערט פון זיין עסייאיסטיק, פּובליציסטיק, ווער שמועסט נאָך זיין מאָלעריי, אָבער דאָס פונדאַמענטאַלע אין גלאַנצס שאַפן איז די דיכטונג. דאָס ליד איז זיין שטאַרקסט געווער אינעם געראַנגל מיטן מלאך און מיטן מחבל, מיט זיך און מיט דער רשעות פון דער וועלט. אין די לידער אַנטפּלעקט זיך זיין יידיש־שעפערישע פערזענלעכקייט אין איר מענטשלעכער

עכטקייט און דיכטערישער אויטענטישקייט. עס איז די פערזענלעכקייט, וואָס ווערט פאָרמירט אין אויספירן אַ שליחות, אין באַוווסטזיין, אַז מיט זיין שאַפן פאָלגט ער אויס דעם אינערלעכן רוף אויסצוזינגען דעם למד־וואָוויקן באַגער עפּעס מתקן צו זיין, צו דערזען און דערפילן די ליכטיקע מאָמענטן אין לעבן. זיינע לידער שטימען און האַרמאָניזירן מיט זיין פערזענלעכקייט און עס אַנטפּלעקט זיך אין זיי דאָס ליידנשאַפטלעכע קלאַמערן זיך אין די אייביקע כוחות, וואָס העלפן דורכמאַכן שווערע גילגולים.

איינע פון זיינע הויכע מדריגות האָט יעקב גלאַנץ דערגרייכט אין זיין לעצט־דערשינענער לידער־זאַמלונג „מיינע גע־ונדן". דאָס זענען לידער פון דורכגעלייטערטער איבערלעבעניש, צי דאָס איז דער מוראדיקער חורבן, צי די הייסע גליאיקע בענקשאַפט צו ישראל, אָדער די פאַרשידענע סאָציאַלע און יחידישע מאָטיוון, אָנגעזאַפּטע מיט טראַדיציע און אין דער זעלבער צייט פיל מיט בונטאַרישן ריס צו נייע וועלטן און ווערטן.

אין זיין שאַפן איז יעקב גלאַנץ געבענטשט מיט דער פּשטות, וואָס כדי צו קומען צו איר, מוז מען דורכגיין די גיהנומס פון סתירות און יסורים פון אַ היינטיקן יידישן פּאָעט. זיינע לערער זענען געווען די קלאַסיקער פון דער פּאָעזיע, בעיקר פון דער רוסישער, ער איז פון אָנהויב אָן אוניווערסאַל־מאָדערן, אָבער גלייכצייטיק דורכגענומען מיט יידישער אינטימיטעט און אין אַלע תקופות פון זיין שאַפן האָבן זיינע לידער אין זיך די פרישקייט פון ניי־געפונענעם, אייגענעם וועג און אייגן דיכטעריש לשון. זיין פּאָעטישן כוח דערפילט מען אויך אין איינצלנע לידער, אָבער דעם פולן ווערט פון זיין שאַפן דערקאָנט מען ערשט ווען מען לייענט אַלע זיינע לידער. גלאַנץ געהערט צו די דיכטער, וואָס מען דאַרף זיי קענען אינגאַנצן. עס פאַרכאַפּט דאָן די פולע דיכטערישע אַנטפּלעקונג אינעם טיפן חשבון הנפש וואָס ציט זיך איבער אַלע זיינע דיכטערישע גע־ונדן, באַרג אַרויף, דורך חורבן און דערלייזונג, מיט צעשטראַלטער וויזיאָנערישקייט אין אויסערגעוויינלעכער אויפגעוועקטקייט פאַר ייד און וועלט. עס קלינגט אין די ווערטער פון זיינס אַ ליד געשריבן אין מעקסיקע, 1978 : „און דאָס איז די וואָר, / די וואָר פון מיין דור. / צו וואָס איז ער נאָך / נישט דערגאַנגען ?"
דאָס איז אויך די וואָר פון יעקב גלאַנצס פּאָעטישער וועלט, די וואָר פון אַ הכנעהדיקן מאמין, וואָס האָט זיין אמונה געגעבן אַזאַ פולווערטיקן קינסטלערישן אויסדרוק, רעגולירט דורך אַ ראַפינירטן דיכטערישן חוש. זיין פּאָעטישע קאָנצעפּציע איז פאַרוואָרצלט אין יידישן הומאַניזם און איז דורכגענומען מיטן יידישן גורל פון לאַנגע דורות, וואָס לעבן אין אונדז. אין אַלע זיינע לידער איז פאַראַן אַ שלל מיט יידיש געמיט און יידישער אימפּעט, מיט וועלכע ער דערגייט צו פּאָעטישע התגלותן, צום איבערטראָגן אַלדאָס רעאַלע אין דער וועלט פון פּאָעזיע, פון זיין קלוגער יידישער פּאָעזיע, אין וועלכער רגש און מחשבה, אַנונג און חכמה גיסן זיך האַרמאָניש צונויף אין גרויס פּאָעטיש געזאַנג.

אברהם רייזען

אין דער יידישער ליטעראַטור, ווי אין דער געדעכעניש פון פאָלק איז אברהם רייזען געבליבן די פאַרקערפערונג פון פאָלקס עפּאָס, פון פשטות און אויפריכטיקייט, ווי עס איז איינפאַך און אָרנטלעך דאָס לעבן פון האָרעוואַניע און אומעט, וואָס ער האָט געשילדערט; דאָס גראָע לעבן, אַזוי ווי עס איז, מיט זיין בילד און שטימונג, מיט זיין צווייפל און טרויער, מיט זיין גאַליקן שמייכל און אייביקער האָפענונג. זיינע טעמעס — רייך און דראַמאַטיש, טיף־מענטשלעך און וויברירנדיק־האַרציק. געטריי זיין וועלט און זיינע העלדן, האָט ער מיט אַ ווייך־גלעטנדיקער האַנט געווישט די טרערן פון די אייביק־פאַראייַנזאַמטע, פאַרלוירענע אויפן שליאַך פון לעבן, פון די וואָס „פינף קאַרטאָפליעס" איז פאַר זיי געווען אַ שווער, ביטער פּראָבלעם.

נאָך וואָס — וועלטשמערצן און פּאָעטישע טראַגיק, נאָך וואָס וועלט־פּראָבלעמען פון זיין נישט זיין, אָדער אַז אַרום אים האָט געשטראָמט אַ טייך פון אַזויפיל טרערן, קרישטאַלענע, אויפריכטיקע? שטיל, אָן יאָגעניש נאָך טאָג־געשרייען און פאַרבן, וואָס רייסן דאָס אויג, נאָך טריאומפן און הללויהס, האָט ער זיך צוגעהערט צום שטילן ריזלען פון די וואַסערן אינעם טייך פון מענטש־לעכע ליידן און פון דאָרט יאָרן־לאַנג געשעפּט מיט זיין בעכער, און נישט מיד געוואָרן צו שעפּן. פון פאָלק — צו פאָלק, פון האַרץ צו האַרץ, מיט דער גאַנצער נאַאיווקייט און אוממיטלבאַרקייט, מיט אומבאַגרענעצטער איבערגעגעבנקייט צו זיינע פּערסאָנאַזשן. דערפאַר איז ער אויך נישט דער דיכטער פון טרערן און יאוש. שילדערנדיק די אומעטיקע ווירקלעכקייט האָט ער געוועקט טרוים און האָפענונג אויף אַ רייכער און ליכטיקער צוקונפט, געוואָלט מונטערן און באַפליגלען. „עס זאָל דיין ליד פאַר אָרעמע / מיט מוט געפליגלט זיין; / און אַלע ברידער / פון אין דער נידער / דערהויבן ביזן העכסטן שיין". נישט מיט געפילדער און באַרוישונג האָט געקלונגען זיין קאַמפסליד, אָבער יעדעס וואָרט האָט געטראָפן אין ציל, האָט געברענט און גערופן. עס האָט געמונטערט די פשטות פונעם דיכטערס גלויבן, וואָס איז געווען פונקט אַזוי נאַטירלעך און אויפריכטיק ווי זיין טרער און אומעט.

זיינע לידער זענען דערפאַר געזונגען געוואָרן אַפילו אין די טיפסטע שיכטן, ווו פּאָעזיע איז נאָך געווען אַן ענין פון מינדלעכן וואָרט. זיין פּרימיטיוו איז געוואָרן דער רייכסטער אוצר פאַר די קינדער אין שול, פאַר די דערוואַקסענע פון המונישן לייענער־עולם. דיכטער אין זיין צייט האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט זייערע אייגענע שטימונגען און באַגערן. די פּאָעזיע — אין היכלות פון פאַנטאַזיע און טרוים. אברהם רייזען האָט אויסגעזונגען דאָס טרויער־ליד פון דעם וואָס זיצט גאַנצע נעכט און קלאַפּט מיטן העמערל; פון דעם וואָס פרירט אַן איינגע־

הויקערטערביים היטן פרעמד גליק און רו. ער האָט גענומען אויף זיך אויס־צוגיסן דעם ווייטאָג פון דעם טשעסלער, וואָס בויט פאַר יענעם שיינע הייזער און אַליין לעבט ער אין נויט; פון אַלעליידנדיקע, וואָס גאַרן נאָך אַ וואָרט פון טרייסט און דערמוטיקונג.

אָט דער הויכער ציל, וואָס אברהם רייזען האָט זיך געשטעלט מיט זיין ליד און דערציילונג, איז דער סוד פון זיין ווירקונג אויף די לייענער. דער דיכטער אין אים און זיין מאָראַלישע פערזענלעכקייט האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט עפּעס אַ מין ווונדערלעכע איינהייט. איינס האָט דאָס צווייטע פאָרגרעסערט און גע־שטאַלטיקט. די עטישע פערזענלעכקייט האָט געדעגט דעם דיכטער און דער דיכטער האָט געהאָלפן דער עטישער פערזענלעכקייט קומען צום פולסטן אויס־דרוק און דער לייענער האָט דאָס געפיל, אַז ער האָט צו טון נישט נאָר מיט לידער און דערציילונגען, נאָר מיט גרויסע און געלייטערטע מעשים טובים.

וואָס איז רייזענס אַ ליד? אַ רעיון, אין וועלכן עס איז איינגעראַמט אַ געפיל אָדער אַ בילד; אַ זען גלייכצייטיק מיט קאָפּ, אויג און האַרץ. עס איז ווי געזען מיט אַ דימענט אין אויג — אַ דימענטענער אַריינבליק, וואָס איז צוגלייך אי דורכגעטראַכט, אי דורכגעפילט, עס איז שאַרפע, שפּיציקע ראיה, וואָס דערזעט אַ שפּליטערל, קוקט דורך אַ שפּעלטעלע. עס כאַפּט נישט אַריין קיין בילד פון ברייטן פאַרנעם, קיין געפיל פון לאַנגן דויער. דערפאַר אָבער דורך אַ קנייטשעלע אין כאַראַקטער זעט עס דורך דעם גאַנצן מענטשן, דורך אַ רגעלע לעבן — דאָס גאַנצע לעבן. דורך אַ קנייטש לאָזט זיך דורכקוקן צום גאַנצן מענטשן, דורך אַ רגע ווייזט זיך דאָס גאַנצע לעבן; און דורך אָט די פונאַנדערגעעפנטע קנייטשן און פונאַנדערגעשפּאָלטענע רגעס באַוועגט זיך די דערציילונג.

היינריך היינע —
דער טראַגישער יידישער דיכטער

אַ ריזיקע ליטעראַטור איז שוין געשריבן געוואָרן איבער היינריך היינען, איבער אָט דער אייגנאַרטיקער, קאָמפּליצירטער און ראַפינירטער דיכטערישער פערזענלעכקייט, מיט אַלע זיינע ליכט און שאָטן, ערנסטקייט און קאַפּריזן, מוט און געפאַלנקייט, וואָס האָבן זיך אַלע יאָרן אין אים געמישט און געביטן, אין אים און אין זיין שאַפן.

דער דאָזיקער געניאַלער דיכטער איז געווען אַ טיף־טראַגישע פערזענלעכקייט, מיט טיפע סתּירותדיקע עלעמענטן אין זייער עקסטרעמסטער פאָרם, טרויער און פרייד האָבן זיך געמיניעט אין אים. זיין גייסטיקער בליק האָט דורכגעריסן די שווערסטע פּאַרהאַנגען פון רעאַל־ווירקלעכן און דערגרייכט אין שטילן עקסטאַז צו איר מעטאַפיזישן קערן. פון דער צווייטער זייט האָט ער אַזאַ שטאַרקן געפיל פאַר דעם רעאַל־פאַראַנענעם און באַקעמפט זיינע אייגענע אינעווייניקסטע איבער־צייגונגען. ווען ער רעדט וועגן בייראָנס צעריסנקייט, זאָגט ער: „דער, וואָס

באַרימט זיך, אַז זיין האַרץ איז געבליבן דאָס זעלבע, וואָס פריער, איז זיך בלויז מודה, אַז נר פאַרמאָגט אַ פּראָזאאיש האַרץ, וואָס איז פאַררוקט אין אַ העק אָבער דת״ך מיין האַרץ איז דורכגעגאַנגען דער גרויסער וועלט־ריס, און טאַקע דערפאַר ווייס איך, אַז די גרויסע געטער האָבן מיך אלגנעדיק אויסדערווײלט פון פיל אַנדערע און געהאַלטן מיך ווירדיק פאַר דער העלדישער ראָל פון אַ פּאָעט״.

איך זיין „בוך פון לידער״, וואָס ער האָט געשאַפן אַלט זייענדיק דרייסיק יאָר, האָט זיך אַנטפּלעקט די גאַנצע אויסגערייפטקייט פון היינעס גרויסן טאַלאַנט ווי אַ ליריקער. די קורצע לידער, אָט צאַרטע און אומעטיקע, אָט שאַרף־בייסנדיקע און איראָניש־פרייִלעכע האָבן זיך כסדר געביטן און געבראַכט צום אויסדרוק די פאַרשידענע געפילן און שטימונגען פונעם פּאָעט. אָט הייבט ער זיך אויף אויף די פליגלען פון ראָמאַנטישע טרוימערייען און אָט צעקלאַפּט ער אומברחמנותדיק די חלומען און קערט זיך אום צו דערווירקלעכקייט, צו דעם עמפּיריש־זעבאַרן אין וועמענס נאָמען ער פאַרניינט דאָס אַבסאָלוט־גייסטיקע, צו וועלכן ער דינט.

אין זיינע רייזע־בילדער, אָנגעשריבן אין אַ שאַרפער פאָרם פון וואַנדער־שילדערונגען, איז היינע נאָך שטאַרקער ווי אין זיינע לידער. זיין פּאָעמע דייטשלאַנד האָט ער געגעבן די פאָרם פון אַ רייזע־טאָגבוך און באַנוצט דערביי די פאַרשידנסטע פּאָעטישע פאָרמען: די מעשהלעך־ראָמאַנטיק, לירישע מאָנאָלאָגן און שאַרפע פּובליציסטיק. ער דעקט אויף מיט גוואַלטיקער קינסטלערישער קראַפט דעם העסלעכן פּרצוף פון פּרייסישן דייטשלאַנד און שילדערט מיט באַהאַרצטער וואַרעמקייט דעם פּשוטן דייטשן מענטש. אויף זיין טויטן־בעט האָט היינע פאַרפאַסט די פּאָעמעס וויכוח, ווו ער ברענגט צום אויסדרוק זיינע קינסטלערישע אַנשויונגען, מאַכט דעם חשבון־הנפש אַלס מענטש און אַלס ייד. אין דער טיפעניש פון באַוווּסטזיין לעבט אין אים דער יידישער שורש. אין דעם איז אפשר אויך אַ סיבה, אַ לאָגישע נויטווענדיקייט פון ליידן.

...אָן געזאַנגען און אָן קדיש
וועט מען מיך צום קבר טראָגן.

זעלבסטפּייניקונג, ווייטיק און חוזק, באַוווּסטזיניקע איראָניע און פּרווו צו קאָנסטרואירן די האַרמאָניע פון זיין אייגענער וועלט — דאָס איז געווען היינעס גרויסע לעבנס־ליניע. אַלץ וואָס איז דורך אים אויסגעזונגען און אויסגעווייטיקט געוואָרן האָט גאָרנישט פאַרלוירן פון דער דערשיטערנדיק־טראַגישער אינטימיטעט, איז אויך היינט פריש און צאַפּלדיק, לעבט, ווירקט און לערנט...

ב פראָזע

אמר רבי מענדעלע מוכר ספרים...

שלום יעקב אַבראַמאָוויטש — מענדעלע מוכר ספרים איז געשטאָרבן אין טיפן עלטער און איבערגעלאָזט אונדז אַ גרויסע ירושה, וועגן וועלכער עס איז שוין אָנגעשריבן אַ רייכע ליטעראַטור און מען קאָן פון איר נאָך אַלץ שעפּן און שעפּן. יעדער דור, יעדע תקופה, יעדער נייער צייט־אַפּשניט ברענגט אַריין אַן אייגענעם ניואַנס אינעם אויפנעמען זיינע ווערק, געפינט אין זיי נייע מחשבות, וויזיעס און שאַטנס, באַאָבאַכטונגען, דערקענטעניש און אמתן.

גרויסע ווערק בלייבן קיינמאָל נישט פאַרשטיינערט און נישט פאַרענדיקט. ווייל אַ חוץ דעם אינטערעסאַנטן סיפור המעשה, סוגעסטיוון דערציילן און אייגנ־אַרטיקן נוסח, פאַרמאָגן זיי אַ רייכע געדאַנקען־וועלט, פּראָבלעמען, סכעמעס, אָנדייטונגען, סימבאָלן, וואָס לאָזן זיך פאַרשידנאַרטיק אינטערפּרעטירן און יעדעס מאָל לעבן זיי אויף פונסניי, קריגן צו ניי בלוט, נייעם אינהאַלט, נייעם גייסט. מען לייענט אין זיי דאָס נאַציאָנאַל־יידישע און אַלגעמיין־מענטשלעכע פון זיין צייט, די אייביקע סודותפולע שאלות פונעם יידישן דענקען, איבערן יידישן גורל.

אין שיין פון די גרויסע וועלט־אויפטרייסלונגען האָט זיך אונדזער געדאַנק און געפיל אין באַצוג צו פיל זאַכן ראַדיקאַל געענדערט. דערפון נעמען זיך אויך די פאַרשידענע אויסטייטשונגען, איבערשאַצונגען און רעוויזיעס, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה איבער מענדעלען, איבער זיין ראָל אין דער ליטעראַטור און אין יידישן געדאַנק. נאָך דעם מוראדיקן חורבן פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום וויזט זיך אויס פאַר טייל שרייבער און לייענער, אַז מענדעלע האָט זיך צו־ווייט פאַרגאַלאָפּירט אין זיין קריטיקירן דאָס יידישע לעבן, אַז דער מחבר פון „פישקע דער קרומער" און פון בוך „מסעות בנימין השלישי" איז צוגעגאַנגען צום יידישן לעבן מיט געפילן פון האַס און פאַראַכטונג. מענדעלעס ווערק האָבן דאָך ראשית כל געהאַט צו טון מיטן יידישן דלות, מיט דער גרויסער יידישער טאָרבע. ער האָט ווירקלעך פיינט געהאַט די יידישע אביונישקייט בתכלית השנאה, וויסנדיק אַז דער דלות, די נויט פאַרדאַרבט, פאַרקריפּלט, דעם יחיד און דעם כלל, פיזיש און גייסטיק. ווי אַ משכיל האָט ער געהאַלטן, אַז בילדונג דאַרף העלפן ענדערן דעם שווערן מצב און דערפאַר דאַרף דער שרייבער שילדערן די נעגאַטיווע אַספּעקטן פון יידישן לעבן און דאָס דאַרף געטון ווערן מיט פייערדיקער שנאה צו די הינטישע לעבנס־באַדינגונגען פון דער יידישער גאַס.

מערקווירדיק זענען די וועגן פון שנאה, וועלכע עס זאָלן נישט זיין די סיבות און די כוונות, קוים האַלט זי אָן אַ לענגערע צייט, ווערט זי אַ בייזער כוח און שלאָגט מיט אַ בלינדקייט, פון וועלכער עס איז אים שווער זיך צו באַפרייען. דאָס האָט אויך מענדעלען דערפירט צו מאַנגל אין איינזעעניש אין זיין

צוגאַנג צום שילדערן דאָס יידישע לעבן. דערפאַר איז „פישקע דער קרומער" געוואָרן דער משל פון יידישער אָרעמקייט. נישט דער איינגעהילטער אין זיבן שלייערן אורח אויף שבת, נישט דער שוויגנדיקער וואַסער־טרעגער, נישט די וואָס האָבן געהונגערט אינדערשטיל איידער זיי האָבן ביי זיך געפועלט אויסצו־שטרעקן אַ האַנט; נישט די אַלע פאַרבאָרגענע אָרעמעלייט, וואָס האָבן געלעבט אין דחקות און מיט זייער נשמה־גרויסקייט אויפגעהאַלטן דעם קיום פון דער וועלט, נאָר די פּראָפעסיאָנעלע בעטלערס, וואַגאַבונדן און פאַרברעכער האָט מענדעלע אין זיין האַס גענומען ווי אַ משל פאַר דער יידישער טאָרבע. דאָס איז די טבע פון האַס, ער פלעכט זיך אַריין אויך אין דער קונסט, עסט זיך איין אין דער נשמה אויך פון גרויסע קינסטלער.

עס וועט אָבער זיין נאַיוו און נישט יושרדיק אָפּצופרעגן דערפאַר די גרויסקייט פון מענדעלעס שאַפונגען. מען דאַרף געדענקען, אַז זיין האַס האָט אין זיך געטראָגן מרידה און אויפשטאַנד קעגן פוילעניש און שמייסנדיק די יידישע ווירק־לעכקייט מיט דער צאָרנדיקער רוט פון סאַטירע, האָט דער געניאַלער שרייבער פון זיין צייט געשטרעבט צו דערוועקן דאָס געפיל פון מרידה ביי יעדן ייד באַזונדער און ביי אַלע אינאיינעם, כדי צו פאַרמיאוסן דעם שרעקלעכן צושטאַנד און אַ שטויס־טון צו אַקטיוויקייט, זעלבסטהילף און קאַמף פאַר אַ בעסער לעבן. „דאָס קליינע מענטשעלע" און „פישקע דער קרומער" געהערן צו דער ערשטער העלפט פון מענדעלעס שאַפן, אין וועלכע ער האָט געהאַט צו טון מיט דורכאויס נעגאַטיווע טיפּן, פאַרברעכער, פאַראַזיטן און פייניקער. ער האָט געזען די דעמאָ־ראַליזאַציע אין יידישן לעבן, האָט דעמאַסקירט די שולדיקע, וועלכע ער האָט פיינט געהאַט פונעם גאַנצן האַרצן.

מענדעלע האָט געגלויבט אין קריטישן רעאַליזם און אין דער צווייטער העלפט פון זיין שאַפן האָט ער אָנגעהויבן צו אַנטדעקן די וועלט פון שיינע מענטשן און אַרויסגעברענגט די איידלקייט פון צאַרטע און רייכע נשמות, פאַרבענקטע, פאַר־בלאָנדזשעטע, מיט אויסדרוקפולער מענטשלעכקייט. די קרבנות פון דער אָרעמקייט, פון די רדיפות און נגישות האָט מענדעלע ליב געהאַט ביז ווייטאָג. אין זיינע ווערק פעלן נישט קיין רירנדיקע לירישע אויסגוסן, פול מיט רחמים איבער די מענטשן פון גלופּסק און קאַבצאַנסק און מיט ענטוזיאַזם פאַר יידישן לעבנס־שטייגער. עס דאָמינירט אָבער דער עלעמענט פון קריטיק און סאַטירע, פון מוסר און דידאַקטיק. מענדעלע האָט נישט געקענט און נישט געוואָלט אַרויס פון דער משכילישער הויט, אָבער דאָך האָט ער זיך באַצויגן צום יידישן לעבן אַ סך ווייניקער נעגאַטיוו ווי די העברעאישע און יידישע שרייבער און דיכטער פון דער השכלה־תקופה. מענדעלען האָט דאָ געהאָלפן זיין פאָלקסטימלעכקייט. זיינע ראָמאַנען זענען, אמת, דורכגעדרונגען מיט די אידעאַלן פון דער פאָלקסטימלעכער השכלה, אָבער ווי אַ קינסטלער איז ער געשטאַנען אומפאַרגלייכלעך העכער פון זיינע מיטצייטלער און פאַרגייער און האָט זיך דערפאַר געהאַלטן נענטער צו דער ווירקלעכקייט. ווי אַ משכיל האָט ער, פאַרשטייט זיך, אידעאַליזירט בילדונג, אָבער איז געווען ווייט פון דער משכילישער פאָרמול: בילדונג וועט ברענגען רעכט

און וואָלטאַג. אין „די קליאַטשע" געפינען מיר שוין, אַז „נישט די אומגעביל־דעטקייט איז שולדיק אין קאַבצאַנסקן דלות, נאָר פּאַרקערט, קיין טאַנץ גייט נישט פאַרן עסן. וואָס פאַר אַ שייכות, איך בעט אייך, האָט עסן און די נויטיקע באַדערפעניש מיט בילדונג ? מיט וואָס פאַר אַ יושר קאָן מען יענעם נישט לאָזן עסן, אָטעמען פריי, סיידן ביז ער וועט זיך אויסלערנען עפּעס קונצן ?" ווען הערשעלע קערט זיך אום אַהיים, ביים סוף פון „דאָס ווינטשפינגערל", טענהט ער מיטן פאַקטערגער ר' מענדעלע, אַז יידן דאַרפן ברויט און נישט קיין ספרים. אמת, דאָס איז מער אַן איראָנישע סיטואַציע, נישט קיין דידאַקטישע און די קונסט ליגט דאָ אין דער שפּאַנונג צווישן די צוויי געשטאַלטן, דאָך קען מען דאָ אַרויספילן מענדעלעס אני־מאמין, אַז פריער רעכט אויף לעבן און דערנאָך בילדונג. דערמיט איז ער אָוועק פון דער אַלט־משכילישער וועלט־אַנשויאונג, פון אברהם מאפו און פרץ סמאָלענסקי, פון יהודה לייב גאָרדאָן, פון לעוו לעוואַנדע און אָסיפ ראַבינאָוויטש, וועלכע האָבן זיך באַצויגן אַ סך פיינטלעכער פון מענדעלען צום יידישן לעבן.

מענדעלע האָט אָנגעהויבן ווי אַ משכיל. ער האָט געשריבן עברית, פון זיין ערשטן העברעאישן מאמר איבער דערציאונגס־פראַגן אין „המליץ", ביז זיינע לעצטע יידישע ווערק, אַ שאַפונגס־וועג פון זעכציק יאָר, האָט מענדעלע דורכגע־מאַכט אַלץ נייע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע אומוואַנדלונגען און ווען ער איז אַריבער צו שרייבן יידיש, איז עס געווען אַ באמת רעוואָלוציאָנערער דורכברוך אין דער דורות־לאַנגער טראַדיציע. „זאָל זיין וואָס עס וויל — האָט מענדעלע אָפן געזאָגט — איך וועל מיך אָננעמען פאַרן פאַרשטויסענעם יידיש". אפשר איז מענדעלען דעם קינסטלער געגאַנגען מער אין פאַרשטויסענעם מענטש, אין אויפדעקן אַלע וווּנדן, פאַרבאַרגענע מכות, עוולות און פּלאָגן אין יידישן לעבן, —אָבער זיכער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל זיין ליבשאַפט צו יידיש, ווי ער האָט אַליין עדות געזאָגט אויף זיך : „...פון דעמאָלט אָן האָב איך זיך פאַרליבט אין יידיש און האָב די שפּראַך צו מיר פאַרקנסט אויף אייביק און האָב איר געגעבן די בשמים און קרייטעכצער, וואָס איר קומט און זי איז געוואָרן אַ שיינע, באַחנטע פּריצטע און האָט מיר געגעבן אַ סך זין". די דאָזיקע ליבשאַפט איז געגאַנגען צוזאַמען מיט זיין גאונישן חוש פאַר שפּראַך. ער האָט באַפרייט דאָס געשריבענע יידישע לשון פון דעם אומגעלומפּערטן פאַרדייטשן. וואָס עס האָבן אין איר אַריינגעטראָגן פריערדיקע משכילישע שרייבער, האָט אַרויסגעוואָרפן אומנויטיקע רופיציזמען, וואָס האָבן זיך צוגעקלעפּט אין דער גערעדטער שפּראַך און האָט אויף אַ ווירטואָזן אופן אַנטוויקלט דעם יידישן סינטאַקס און ראַפינירט דעם זאַצבוי. ער איז געווען דער ערשטער שפּראַך־מייסטער אין יידיש און אין נישט־געשטילטן דורשט צו שלימות איז ער נישט מיד געוואָרן צו שלייפן און פאַרפיינערן, מיט געשמאַק און קולטור. ער איז געווען דער ערשטער רבי, וואָס האָט אונדז געלערנט ווי אַזוי צו דערפילן דעם טעם פון וואָרט. ער האָט אונדז דער ערשטער געלערנט — סטיל.

ווי אויסגעצייכנט מענדעלע האָט צוגעפּאַסט ווערטער צו מעשים, שפּראַכלעכן לבוש צום אינהאַלט. מיט אַ וואָרט, וואָס ער שטעלט אַריין אין זאַץ, באַקומט זיך

אַ שפּראַכלעכער, הומאָריסטישער עפעקט. אין רעזולטאַט לייגן זיך צונויף שפּראַכלעכע פאָרם און פאַקטיש געשען אין איין האַרמאָנישער גאַנצקייט, אין איין אייגנאַרטיקן מענדעלע־נוסח, אין האַרמאָנישן סינטעז פון אַלטער און נייער יידישקייט.

עס איז געווען אַ שווערע צייט, אַ טראַגישע, אין דער געשיכטע פון יידן אין רוסלאַנד, ווען מענדעלע איז אַרויסגעטרעטן אויף זיין וועג ווי אַ יידישער שרייבער. דורכגעדרונגען מיט די איינדרוקן פון זיין יוגנט, וואָס איז זיך צונויפגעפאַלן מיט די חושכדיקסטע יאָרן און ער האָט זיי כסדר באַשריבן, אויסגעלאַכט מיט אַן אומברחמנותדיקן נאַטוראַליזם, געשילדערט די סאָציאַלע אומנאָרמאַלקייט, די קולטורעלע אָפּגעשטאַנענקייט, אין וועלכע ער האָט געזען די נאַציאָנאַלע טראַגעדיע פון אונדזער פאָלק, דאָס אַליין־שטיין פון יידישן פאָלק כלפּי דער גאַנצער וועלט אומות. אין אַלע זיינע ווערק איז אין תוך פאַראַן נאָר איין טעמע: דער ייד, זיין לעבן און וועלט־באַנעם, זיינע ראַנגלענישן פאַרן קיום, זיינע יסורים און פּיין, זיינע כלומרשטע פריידן אוןווירקלעכע טראַגיק.

אָט וואָס מענדעלע האָט אין די 80־ער יאָרן געזאָגט וועגן זיין אַרט שרייבן:

„...אַזוי ווי איך האָב ליב יידן מיטן גאַנצן האַרצן, האָב איך דעריבער אויסגעקליבן אין דער ליטעראַטור דעם וועג פון סאַטירע, גאָרנישט מורא האָבנדיק צו פאַנאַנדערנעמען און אויפדעקן אונדזערע אינעווייניקסטע פעלערן". אַ שטרענגער לערער, אַ מוכיח און אַ שטראָפער, אָבער מיט ברענענדיקער ליבשאַפט אין האַרצן. פון אָט דער ליבשאַפט קומט עס דאָס וווּנדערלעכע ליכט, וואָס באַשטראַלט אַפילו די בילדער פון טונקלדיקסטן עלנט. ער רייסט אַראָפּ אַלע צביעותדיקע שלייערן, ווייזט אַלץ וואָס איז העסלעך און צעפוילט, אָבער קיינמאָל נישט גלאַט אַזוי זיך מעשיות. מיט יעדן בילד, ווי מיט יעדער דערציילונג, האָט ער געצילט צו עפענען די אויגן, מען זאָל זען, אַז עס איז נישט גוט, אַז מען דאַרף ענדערן דעם שטייגער, וואָס איז געוואָרן פאַרקריפּלט. ער איז געגאַנגען אין די דרכים פונעם גרויסן סאַטיריקער גאָגאָל, אָבער ווי דער זיידע פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט אין איר אַריינגעבראַכט אַזוי פיל אוצרות, איז ער געוואָרן אַ טייל פון דער היסטאָרישער קראַפט, וואָס האָט אונדז געהאָלפן אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג.

מענדעלע איז געווען אַ דענקער און אַ קינסטלער און ביידע זיינע מעלות האָט ער געשטעלט אין דינסט פון נאַציאָנאַלן געזונט מאַכן, און עס איז גאָר קיין ערך נישטאָ, אויף וויפל דער קינסטלער האָט געווירקט טיפער און שטאַרקער פון דעם דענקער. מיט דער גבורה פון זיין קונסט האָט ער אויסגעברענט אין האַרצן לעבעדיק־וויברירנדיקע געפילן. „האָב נישט קיין טענות צום שפּיגל, אויב דאָס פּנים איז קרום" — איז דער מאָטאָ צו גאָגאָלס „רעוויזאָר", און מענדעלע האָט טאַקע פּיינט געהאַט דאָס קרומע פּנים, אָבער ליב געהאַט דאָס פאָלק און געוואָלט עס באַפרייען פון די צעקרימטע פּנימער. עס איז אויך געגאַנגען צוזאַמען מיט רחמנות און צער, וואָס נעמען אַרום דאָס האַרץ ביים דערזען דעם גאַנצן תהום פון ליידן און דער גרויסער קינסטלער איז דורכגעדרונגען מיט דער אחריות פון אייגנעם. וואָס איז שוין אַזוי צונויפגעוואַקסן מיטן פאָלק, אַז נישט נאָר שטאַלצירט

ער מיט דעם, וואָס פאַרדינט לויב, נישט נאָר איז ער פּערזענלעך טיף באַליידיקט פאַר יעדן שטאָך און בזיון, וואָס ווערן אונדז אָנגעטון, נאָר זעענדיק די חסרונות און קרומע וועגן, ווערט זיין האַרץ פון דעם באַגאָסן מיט בלוט. מיט יעדן אָטעם זיינעם פילט ער די אחריות. אַזוי האָבן עס געפילט די נביאים אין זייערע שטראָף־רייד, די תנאים און די אמוראים ביז די קלאַסיקער און אַלע גרויסע שרייבער פון אונדזער צייט. דאָס האָט אויך אָפּגעקלונגען אין ביאַליקס ליד „פון צער און צאָרן״.

אמר מענדעלע... איז המשך פון דער אַלטער יידישער נבואה און חכמה, וואָס רבי מענדעלע האָט מיט אַזוי פיל האַרץ אַריינגעברענגט אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, מיט קלאָרע און שאַרפע חושים און קוואַל פון לעבנס־זאַפטן. ביי אַלע איינפלוסן פון דער רוסישער און וועלט־ליטעראַטור האָט ער אָבער נישט דורכגעמאַכט קיין ליטעראַרישע מאָדע. אַלץ וואָס ער האָט געשאַפן אין דער ליטעראַטור, האָט ער געשאַפן אָרגאַניש, דורך איבערלעבער נויטווענ־דיקייט. פולע זעכציק יאָר האָבן אַריינגעבליקט אינעם יידישן לעבן די נייגעריקע און שטרענג אָבסערווירנדיקע אויגן פונעם גרויסן קינסטלער. די נאַטור פון זיין טאַלאַנט האָט אים דערלויבט אַריינצודרינגען אין די ספערן פון יידישן לעבן, וועלכע קיינער ביז אים האָט נישט געזען מיט אַזאַ קלאָרקייט. אין יעדער מעשה, וואָס ער האָט דערציילט, געפינען זיך נאָך אַ סך מעשיות, פאַרקניפּט און פאַר־פלאָנטערט איינע אין דער אַנדערער, אָבער די עצם־מעשה איז שטענדיק קרישטאָל־קלאָר, קאָמפּאַקט, געפורעמט און געשטאַלטיקט לויט זיין אייגענעם נוסח־מענדעלע. יעדעס נייע ווערק האָט אַרויסבאַוויזן נייע מאָמענטן און זייטן אין זיין טאַלאַנט. צוגלייך מיט דער אויסברייטערונג פונעם לעבנס־קרייז, וואָס איז אַריינגענומען געוואָרן אין דער שאַפונגס־ספערע פון זיין אויפמערקזאַמקייט, האָט זיך אויך אַנטוויקלט זיין עצם קוק אויפן יידישן לעבן און עס האָט זיך אַלץ מער אַרויסגעוויזן זיין גרויסע אהבת ישראל און דערפאַר איז עס אַ דערהויבונג פאַר אַ ליטעראַטור, ווען עס ווערט געבענטשט מיט אַזאַ ייִדן. מענדעלע געהער צו יענע קינסטלערישע פּערזענלעכקייטן, וואָס אידענטיפיצירן זיך מיט דער צייט און שטייען גלייכצייטיק איבער זייער צייט אין זייער דראַנג אַרויסצוברענגען דעם אמת.

מ. צאַנין —

עפּאָפּייע פון יידישן וואַנדער

ביז איצט זענען דערשינען פיר בענדער פון צאַנינס גרויסער עפּאָפּייע "אַרטאַפּאַנוס קומט צוריק אַהיים". יעדער באַנד איז אַ ווערק פאַר זיך און איז גלייכצייטיק אַ המשך פונעם פריערדיקן און זאָגט אויך אָן דעם ווייטערדיקן המשך, די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פונעם הויפּט־העלד אַרטאַפּאַנוס, דער אייביקער ייד, וואָס גייט דורך דער יידישער געשיכטע, וואַנדערט איבער אַלע לענדער פון יידישן גלות, ביז ער קומט צוריק אַהיים אין דער יידישער מדינה, אין ישראל.

"אַרטאַפּאַנוס קומט צוריק אַהיים" הייבט זיך אָן מיטן היינטיקן ישראל. די באַגעגעניש פונעם שרייבער מיט אַרטאַפּאַנוסן איז געגעבן ווי אַן אַריינפיר, אַ רמז אויף אַרטאַפּאַנוס דעם היסטאָריקער, וואָס האָט געלעבט אינעם צווייטן יאָרהונדערט פאַר דער איצטיקער צייט־רעכענונג, אָבער מיטן דייטלעכן אָנזאָג אויף דעם יידישן אייביקן ייד, נישט דעם, וואָס איז פאַרשאָלטן געוואָרן צו וואַנדערן איבער דער וועלט, ווי אַ שטראָף דערפאַר, ווייל ער האָט נישט אָנגענומען ישו, נאָר דעם וואָס טראָגט אין זיך דעם כוח פונעם ווייט־היסטאָרישן יידישן דויער. מיט דערציילערישער מייסטערשאַפט פאַרוויקלט זיך דער פּלאַנטער פונעם הויפּט־העלד, וועלכער גייט אַדורך די פאַרשידענע תקופות אין דער יידישער געשיכטע, אַנהייבנדיק פון דער אייגענער היים, די אינערלעכע קאַמפן, וואָס קומען פאָר אין יידישן לעבן, די צעריסנקייט און די צעשפּאָלטנקייט אין דער יידישער געזעלשאַפט, וואָס האָט דערפירט צום פאַלן פון דער יידישער מלוכה און דאָן דער לאַנגער יידישער גלות־וועג. מיר זעען דעם הויפּט־העלד אין רוים מיט איבער הונדערט יאָר שפּעטער, ווען עס איז שוין דאָרט פאַראַן אַ גרויסער יידישער קיבוץ, וואָס פירט אַן אייגן יידיש לעבן. די יידן אין רוימישן גלות האָבן דערגרייכט וויכטיקע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, געהאַט נאָענטע באַציאונגען מיט די רוימער, ביז עס איז געקומען די אויפטרייסלונג, דער בייזער שטורעם וואָס האָט אויסגעריסן די וואָרצלען אין פרעמדן באָדן. ווידער הייבט דער ייד אָן די וואַנדערונג פונסניי, אָבער דאָס איז נישט די באַקאַנטע אהאספער געשטאַלט, וואָס די קריסטלעכע קירך מיט אירע טעאָלאָגן האָבן אונדז אונטערגעטראָגן פול מיט גיפטיקער שנאה. צאַנינס אַרטאַפּאַנוס, וואָס לעבט איבער צייטן און דורות, דורך אַלע הונדערטער יאָרן אין גלות, אין רוים, אין גאַליע, אין אשכנז, אין פוילן, איז אַ שטאָלצער ייד, געבענטשט מיט חכמה און גבורה, אַ העלד, וואָס ווערט מגולגל און לעבט איבער צייטן און דורות.

אין קלאָר רעאַליסטישע בילדער ווערן איבערגעגעבן זיינע מעשים און העלדישקייטן. מיר זעען אַרטאַפּאַנוסן אַ לעבעדיקן סיי אַלס יועץ און נאָענטער

מענטש פון דער חשמונאים־דינאַסטיע, סיי אַלס רופא און קעמפער אין רוים, אין גאַליע און אין די ווייטערדיקע גלותן, ווו ער טראָגט איבער מיט יידישן בטחון די פאַרשידנערליי צרות. רייך אין אומפאַרגעסלעכע דראַמאַטישע בילדער איז דער גוראַנגל פון די יידישע ישובים אין די פאַרשידענע תקופות, אָבער אין ערגעץ פאַרלירט נישט דער יידישער מענטש זיין ווירדע, זיין מאָראַל, שאַפט נייע מאָראַלישע קוואַליטעטן, וועלכע העלפן אים אין זיין געראַנגל פאַרן קיום. עס שטאַרקט זיך דער קולט פאַר גייסטיקע ווערטן און דער גלויבן, אַז נאָר אין טראַנס פון שאַפן די ווערטן ליגט די גאַראַנטיע פאַרן פאָלקס־דויער. צוזאַמען מיטן קאַמף פאַר עקזיסטענץ גייט דער קולט פאַר גייסטיקע ווערטן. ארטאפאנוס איז אומעטום אַ שעפערישע פערזענלעכקייט, וואָס האָט פאַר זיך דעם ציל פון אויפריכטונג, פון דערלייזונג. אויף אַן עכט קינסטלערישן אופן זענען געמאָלן די ברייטע לייוונטן פון די היסטאָרישע תקופות, וועלכע לעבן אויף מיט זייער ספּעציפישן קאָלאָריט און שטייגער. לעבעדיקע דערשיינען פאַר אונדז די געשטאַלטן מיט אַלע אַמביציעס, אינסטינקטן און געפילן. צאַנין מאָלט פאַר אונדז די פאַרהעלטענישן, באַציאונגען און לעבנס־פאָרמען, וואָס טראָגן אויף זיך דעם חותם פון זייער צייט, אָבער דערביי זענען זיי אלצייטיק, אַלמענטשלעך און איבער אַלעם — יידיש.

אונטער פרעמדע הימלען

מ. צאַנין שטעלט אונדז אַוועק אויג־אויף־אויג מיט עפּאָכעס, וועלכע מיר קענען פון דער געשיכטע, פון אַלטע ספרים און פון מאָדערנע היסטאָריקער, און דאָך דערזעען מיר ווי ווייניק מיר האָבן וועגן זיי געוווּסט און אַזוי ווייניק פאַרשטאַנען דעם מעכאַניזם, די שרייפעלעך און רעדלעך פון זייער באַוועגונג. צאַנין האָט זיין אייגענעם אופן פון דערציילן געשיכטע, האָט אויסגעצייכנט פאַרדייעט געשיכטלעך וויסן און ווייסט אַ סך בעסער פונעם היסטאָריקער וועגן קאָנפליקט צווישן ייד און וועלט, וועגן די סודות פון מענטשס נאַטור און צונויפ־קנעטנדיק ארטאפאנוסן מיטן גאַנצן געשיכטלעכן לעבן פון די יידן מאַכט ער אויך לויזער דעם געוועב פון די פּאַסירונגען און געשעענישן, פון גאַנצן דורות־דיקן קיום, מאַכט אַלץ לויכטנדיקער, דורכזיכטיקער — פאַרן טיפערן שטראַלן, פאַרן באַלייכטן אַלע טונקלקייטן אינעם טראַכטן און טון פון קאָלעקטיוון און פון יחידים, פון פאַרגאַנגענע און פון קומענדיקע צייטן. ווען עס ענדיקט זיך אַ תקופה דערשיינט אַרטאַפּאַנוס אין דער ווייטערדיקער, אין אַ פולשטענדיקער נייער סביבה, ווי מען וואָלט אים אויסגעקוקט, געוואַרט אויף זיין קומען, אויף זיין זאָג, אויף זיינע מעשים. צאַנינס כוח באַשטייט אין אויפדעקן דאָס פאַרבאָר־גענע פון ווייטסטן אַמאָל און גלייכצייטיק אָפּדעקן די האָריזאָנטן, הינטער וועלכע עס פליסט אין דער אייביקייט די אומענדלעכע באַוועגונג פון יידישן גורל, פון יידישן לעבן, וואָס זעט אויס צו באַשטיין פון אומאויפהערלעכן אַנטלויפן פון רדיפות און פיבערהאַפטיקן זוכן צייטווייליקע ערי־מקלט, אָבער אומעטום יאָגט

נאָך דער האַס פונעם קריסטנטום דעם אויסדערוויילטן און אַזוי פשוטן יידישן מענטש, דעם אַרטאַפּאַנוס פון אַלע צייטן.

דעם דאָזיקן ייד מאָלט צאַנין היסטאָריש מאָטיווירט, אין אינטעלעקטועלע קאַטעגאָריעס, אָבער מיט אינסטינקטן און נערוון, מיט שוואַכקייטן און טראַגישע צוגמענשטויסן. מוסר־השכלס, פילאָזאָפישע געדאַנקען, וואָס אַנדערע וואָלטן געטון אין קאָמענטאַרן, אין דיגרעסיעס — ווערן ביי צאַנינען קינסטלעריש מאַטעריאַל, אַריינגעוועבט אין דער סטרוקטור פונעם ראָמאַן און פאַרוואַנדלט אין עקספּלאָדירנדיקער סובסטאַנץ, אין שווערער באַשולדיקונג קעגן קריסטנטום. פונעם בישאָף פּעריס ביזן אַרכיבישאָף רוטהאַרד, פונקט ווי פון פּרעה, איבער אפּיאָן און המן ביז היטלערן — זיי אַלע דריקן אויס צו יידן אַן איראַציאָנעל אור־געפיל פון אומהיימלעכער שנאה, וואָס באַשטימט אַלע זייערע פסיכישע אינדיווידועלע און קאָלעקטיווע מעשים. צאַנין דעקט אָפּ די רעליגיעזע שלייערן און ווייזט די קערנער פון די נאַקעסטע און אומהיימלעכסטע אמתן אין דער אַלטעגלעכקייט פון דער קריסטלעכער קירך און איר גייסטלעכע.

גרויסע ראָמאַניסטן האָבן אין זייערע היסטאָרישע דערציילונגען נישט באַמיט זיך אויפצוקלערן ווער עס זענען זייערע העלדן. אויך צאַנין שפּילט זיך נישט אין לעקסיקאָנישע אויפקלערונגען איבער די באַזונדערע געשטאַלטן. פונקט ווי אַרטאַפּאַנוס דערשיינען אויך די אַנדערע געשטאַלטן פּאַראַלגעמיי־נערטע. הינטער די נעמען פון די העלדן: אפרתי, רבי חנניה ערידעס, רבי שמעון, רופולוס, רבי גרשום, משה בן משה און אַ סך אַנדערע באַהאַלטן זיך פּערזענלעכ־קייטן, וואָס האָבן געווירקט אין די באַזונדערע תקופות. ביי צאַנינען זענען זיי די פּערזאָניפיקאַציעס פון צענדליקער און הונדערטער יידישע חכמים, אָבער אין בוך איז יעדנס חכמה אינדיווידועל, וואָס יעדער דעראָבערט אויף זיין איי־גענעם אופן און זי ווערט נתגלה פון אַן אינעווייניקסטער וועלט, אַ רייכע, מיט עמערס צו שעפּן פון איר חן און חכמה, רמזים און פאַרבינדונגען מיט דער הײַנטיקער ווירקלעכקייט.

אונדזער הײַנטיק לעבן ווערט טיפער, אינטענסיווער, ווען עס הערט אויף צו זיין צופעליק און עס ווערט אַ רינג אין דער קייט, וואָס בינדט אונדז מיטן אַמאָל און מיט שפּעטער, ביז די וויטסטע צייטן. מיט אַרטאַפּאַנוסעס גלגולים און דערפאַרונגען ווערט אינטענסיווער אויך אונדזער אייגענע דערפאַרונגס־פעאי־קייט, ווערן פאַרשאַרפט אונדזערע חושים פאַרן אויפנעמען דאָס ווערטפולע פון יעדער תקופה און גלייכצייטיק, באַקענענדיק פון אינעווייניק די לעבנס פון די פריערדיקע דורות, באַנעמען מיר פולער און בעסער די איינדרוקן פון אונדזער דור, פון אייגענעם לעבן. אַלע דערשיינונגען אין לעבן לאָזן זיך בעסער אויפ־קלערן ווען מיר דערגראָבן זיך צום אָנהויב, ווען מיר דעראָנען דעם מיקראָס־קאָפּישן פלאַנטער, פון וועלכן עס ציען זיך די פעדעם איבער די אַלע יאָרהונדער־טער, וועלכע אַרטאַפּאַנוס מאַכט דורך.

אַלץ, וואָס ווערט געשילדערט אין ביידע בענדער פון מ. צאַנינס ראָמאַן פּאַ־סירט ערב אַן אַנקומענדיקער קאַטאַסטראָפע. דאָך איז דאָס כאַראַקטעריסטישסטע פאַר אַרטאַפּאַנוסן דאָס אַנטי־קאַטאַסטראָפישע, דאָס אויפגייענדיקע, דאָס איז דער

סימבאָל פון יידישן וועלט־געפיל, און יידישער לעבנס־פּסיכאָלאָגיע, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן שוין אין לאַנד פון יידישער אַנטשטייאונג, יהודה, די וויג פון אַרטאַפּאַנוסן, אייביק אַרומגערינגלט מיט מעכטיקע שונאים, איבערחזרנדיקן חורבן און איבער אַלע רדיפות, גזירות און אומקום־תקופות אין גלות אָבער אַפילו אין די יאָמערלעכע קינות איז דאָך נישטאָ קיין שפור פון נאַציאָנאַלן פּעסימיזם.

די דראַמאַטישע גורלות אין ארטאַפּאַנוסעס פאַרשידענע גילגולים פאַרנעמען אַלע חושים און עס איז פאַראַן די געפאַר, אַז דער לייענער זאָל פאַרגעסן זיך אָפּצושטעלן אויף די באַזונדערע קינסטלערישע מעלות. דערפאַר דאַרף דאָ אָק־צענטירט ווערן, אַז דאָס ווערק איז געשריבן געוואָרן אין סאַמע געשליפנסטן סטיל, אַ סטיל פון אַן עכטן פּראָזאַיקער, וואָס איז געוואַגט ביים שילדערן מאַסן־סצענעס, מענטשן־געווירבלען און בונטע צוזאַמענשטויסן. צאַנין דיספּאָנירט מיט אַ געוואַלטיקער עשירות פון שפּראַך, אָבער זי איז אים זייער טייער און ער איז דערפאַר מקפּיד אויף דער עלעגאַנץ, אויף דער האַרמאָניע פון פאָרמולירונגען, פון וואָרט־קלאַנגען און ווידערקלאַנגען, יעדעס וואָרט און יעדער ווענד זענען ביי אים אויסגערעכנט ווי ביים אָפּגעהיטנסטן דיכטער און נאָר אין שיכרות פון אויפ־געשוימטע שאַפונגס־כוחות וואַגט אַ קינסטלער צו פאַרמעסטן זיך אויף אַזאַ מאָנומענטאַל ווערק און זאָל דערביי נישט דורכלאָזן קיין איין קאַפּיטל, וואָס זאָל נישט טראָגן אויף זיך די שפּורן פון פּלייסיקסטן דורכפאָרשן די באַזונדערע תקופות אין דער יידישער געשיכטע, פון דער וועלט און פון לעבן; פון שאַרפן דעם אינסטרומענט פון זיין אַרבעט; פון קאָנטראָלירן, אויסשלייפן, אַרומפּיילן און אַנטוויקלען די רעזולטאַטן פון שאַפונגס־פּראָצעס. די אַלע אויסגערעכנטע מעלות שעפן נישט אויס די באַזונדערקייט פון צאַנינס שאַפן. וואָרום די סוב־טעלקייט און די עשירות פון זיין סטיל לאָזן זיך נישט אַריינגעמען אין שאַבלאָנע פאָרמולן — און דאָס אַליין איז אַ גענוגנדיקער באַווייז פון צאַנינס אָריגינאַ־ליטעט. אָריגינאַליטעט הייסט אויך אויסדריקן אייגענעם קוק אויף וועלט און לעבן, אין דעם פאַל — אויף ייד־זיין אין אַלע תקופות; הייסט אויך זיין ביי ווי אַ ווערט אַן־און־פאַר־זיך, ווייל פאַר אַ קינסטלערישער שאַפונג איז בייקייט נישט בלויז די באַרעכטיקונג פאַר זיין אַנטשטיין, נאָר אויך דער עלעמענט פון זיין קיום.

מען וואָלט נאָך געקענט אַ סך רעדן איבער דער אָריגינעלקייט פון צאַנינס קוק אויפן געראַנגל פון כוחות אין יידישן לעבן, אָבער סוף־כל־סוף איז דאָך דער הויפּט־אינטערעס פון לייענער געוואָנדן אויפן אינהאַלט, אויף דער צענטראַ־לער געשטאַלט ארטאַפּאַנוס, וואָס איז אויך דער הויפּט־מאָטאָר פון דער דראַמאַטישער אַקציע און פאַרקערפּערט מיט זיך די אייביקע רעאינקערנאַציע פון דער יידישער געשיכטע.

פאַראַן עפּעס סטיכישעס אין צאַנינס אופן פון שילדערן. דער סיפּור המעשה שטראָמט ביי אים ווי אַ מעכטיקער וואַסער־שטראָם און עס ברויזט אין אים מיט ווינטן און שטורעמס. מען ווערט פאַרגאַפט און מיטגעריסן מיטן לויף פון די געשעענישן און זיי לאָזן זיך נישט אָפּשטעלן און פאַרטראַכטן איבערן רייכן אוצר פון געדאַנקען און אַפאָריזמען. מען איז כסדר סוגערירט פון די אויסער־

געוויינלעכע סיטואַציעס, וואָס נעמען אָבער דורך מיט דער פּשטות און נאַטיר־לעכקייט פון זייער געשען. ארטאפאנוס אַליין איז דאָך אייגנטלעך דער פּשוטער נאָמענלאָזער ייד, וואָס האַלט אויס די השפעות פון פרעמדע קולטורן און בלייבט געטריי זיין אָפּשטאַם און אויפן דנאָ פון אַלע גילגולים און געשעענישן ליגט דער וואָרצלדיקער אמת פון אונדזער היסטאָרישער רעאַליטעט. אַרטאַפּאַנוס טראָגט אין זיך דעם כוח פונעם ווייט־היסטאָרישן יידישן דויער. צייט און שטח רינען אויס אין אַ מין קוים געאַנטער יידישער מעטאַפיזיק און אַרטאַפּאַנוסעס גילגולים וועבן אונדז אַריין אין אַ געוועב, וואָס פאַרלירט זיך מיט זיין אָנהויב און סוף אין דער אומענדלעכקייט.

אין ארטאפאנוסן האָט צאַנין אַרויסגעהויבן דעם קאָלעקטיוון היסטאָרישן גורל אויפן פינצטערן הינטערגרונט פון מיסטישן יידן־האַס. אין די מעשים און אין גאַנג פון ארטאפאנוסן אין אַלע תקופות פון יידישן זיין ליגט דער כאַראַק־טער פון דער גאַנצער יידישער געשיכטע, די עליות און ירידות ביז צו אירע טיפסטע און טונקלסטע אָפּגרונטן. ארטאפאנוס און יידיש פאָלק זענען סינטעטיש צוזאַמענגענומען אין איין לעבעדיקן כוח, וואָס שטעלט זיך קעגן דעם מערדע־רישן קין אין אַלע אומקום־תקופות. אין זיינע געדאַנקען און אין זיינע מעשים זעען מיר דעם גאַנג פון יידישן פאָלק פון ירושלים דורך רוים און בבל, גאַליע, מאגדעבורג, מעץ, קעלן, מיינץ און לובלין. עס איז אייגנטלעך נישטאָ קיין פאַר־גענגלעכקייט. אַלץ, וואָס האָט עקזיסטירט ביי די יידן אין ירושלים און רוים, עקזיסטירט ווייטער און באַטייליקט זיך אין דער אַנטוויקלונג פון יידישן גייסט.

ליבשאַפט אין געוויטער

נאָך די צוויי פריערדיקע בענד פונעם גרויסן ראָמאַן „אַרטאַפּאַנוס קומט צוריק אַהיים״: („ירושלים און רוים״), „אונטער פרעמדע הימלען״, וואָס דערציילן די אָנהויבן פון אַרטאַפּאַנוסעס וועג זינט דער לעצטער תקופה פון יידישן מלכות, שילדערן די דראַמאַטישע גורלות אין אַרטאַפּאַנוסעס פאַרשידענע גילגולים און איבערלעבענישן, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט איבער די גלותן, רוים, גאַליע און אשכנז — קומט דאָס איצטיקע בוך, „ליבשאַפט אין געוויטער״, וואָס דערציילט וועגן דער תקופה פון ת״ח ות״ט און איז אַ המשך פון די אַלע פריערדיקע ליב־שאַפטן און בייזע געוויטערס אויף אַלע וועגן פון יידישן גורל, אין אַלע געראַנג־לען פאַר יידישן קיום, מיט די ליכטיקסטע און שאָטנדיקסטע זייטן פון יידישן לעבן און יידישער טראַגיק. מיטן דאָזיקן באַנד איז נאָך דער ראָמאַן ווייט נישט פאַרענדיקט, אָבער מיר האָבן שוין פאַר זיך דריי אויסגעפורעמטע, פאַרגאַנצטע מייסטער־ווערק, וואָס געהערן צו דער קאַטעגאָריע אומשטערבלעכע שאַפונגען און פילן אויס אַ בלויז נישט נאָר אין דער יידישער, נאָר אויך אין דער וועלט־ליטעראַטור.

אַרטאַפּאַנוס, דער הויפּט־העלד פונעם ראָמאַן, איז די פאַרקערפּערונג פון יידישן דויער און אין אים זענען קאָנצענטרירט די פּראָבלעמען פון יידישן גורל. אין אַלע גילגולים דערשיינט אַרטאַפּאַנוס ווי אַ וועלטלעכער ייד, אינטעלעקטואַל און עסטעט, אונטער דער השפּעה פון פרעמדע קולטורן, און דאָך איז ער דורכ־געווייקט און דורכגעפּיבערט מיט יידישן גייסט. ער איז דער פּרינץ פון ירושלים און טראָגט מיט זיך אומעטום, ווו ער קומט, דעם גייסט פון ירושלים קעגן רוים. דער אייביקער ייד טראָגט מיט זיך ירושלים אומעטום און אומעטום, ווו ער קומט, וויל ער בויען ירושלים, אָבער ווי אַזוי קען מען בויען אויף אַ באָדן, וואָס איז צעפרעסן פון שנאה? און דאָ ווילט זיך פרעגן: צי אידענטיפיצירט זיך צאַנין, דער שרייבער מיט זיין הויפּט־העלד, מיט אַרטאַפּאַנוסעס פילאָזאָפיע פון לעבן, פילאָזאָפיע פון אמונה?

פונעם פאַרענטפערן די דאָזיקע פראַגע איז אָפּהענגיק דער ענטפער אויף אַ צווייטער, אפשר וויכטיקערער פראַגע: צי באַגנוגנט זיך צאַנין מיטן אויסשיילן די פּראָבלעמען און ראַנגלעניש, וואָס חזרן זיך איבער אויף פאַרשידענע אופנים איבער דער גאַנצער לענג פון דער יידישער געשיכטע, אָדער געפינט ער אויך אַן ענטפער, אַ לייזונג פאַר די פּראָבלעמען? און צי איז די לייזונג אין אַרטאַפּאַ־נוסעס אומקערן זיך אַהיים?

צאַנין איז נישט בלויז אַ גרויסער זוכער, נאָר אויך אַ גרויסער געפינער. אַרטאַפּאַנוס אַליין, די מאָנומענטאַלע פיגור פון אייביקן ייד, איז דער סינטעז פון אַלע פראַגן און ענטפערס. ער איז דער צוויי־טויזנטפּאָכיקער ייד, וואָס גייט דורות לאַנג איבערן סימבאָלישן וואַנדער־וועג, פון איין פאַרלענדונג צו דער אַנדערער, און תמיד ברענט ער ממש מיטן ווילן צו נעמען אויף זיך דעם פּיינ־פולן עול אין דער שליחות פון אייביקן אַהאַספער און טראָגן די אחריות פאַרן המשך פון יידישקייט אין אַלע ווייטערדיקע גילגולים.

ווי אין די פריערדיקע טיילן אַנטפּלעקט זיך אויך אין „ליבשאַפט אין געווי־טער" אַ גרויס לעבן. ווי אַ ברייט־אָטעמדיקער שריפטשטעלער און צוגלייך פאַר־שער, אַנאַליזירער, עפּישער שילדערער, האָבן די אַלע מוזעס זיך פאַרזאַמלט ביי זיין שרייב־טיש אים אינספּירירט און געוואָרן פאַרקערפּערט אין זיין דערציילונג. נישט בלויז אַרטאַפּאַנוס, נאָר אויך די אַנדערע העלדן זענען נישט סתם גע־שטאַלטן, נישט בלויז געלונגענע קינסטלערישע פּאָרטרעטן פון די אַמאָליקע צייטן, וואָס בעטן זיך, אַז נאָר אַ מאָלער זאָל זיי אילוסטרירן און צושמידן צו זיי דאָס אויג. ד"ר מאָנטאַלטאָ, רבי יקותיאל, דער ראש ישיבה, ר' יצחק פּרנס, ר' פנחס, ר' דוד אויערבאַך, דער שמש פון דער מהרש"ל־שול, הערש בוגים, ר' אברהם בן־יהודה, און נאָך אַ סך אַנדערע וואַקסן אויס צו סימבאָלן, וואָס כדי אויסצוטייטשן בפּרטימדיק די פיינע און סובטעלע סימבאָליק, וואָל מען געדאַרפט זיך אָפּשטעלן אויף זיי ברייטער.

אַלע געהערן זיי צום פּראָבלעם פון „אייביקן ייד", וואָס מער ווי אינעם לעבן שטייען זיי איבערן לעבן, זענען „די עדות", ווי עס האָבן די אַלטע קריסטלעכע טעאָלאָגן גערופן דעם ייד. אין אַלע תקופות זענען זיי די לעבעדיקע סביבה

פון אַרטאַפּאַנוסן, אַלט און יונג אינאיינעם, מער יונג ווי אַלט, ווייל קיינמאָל נישט אויסגעשעפּט דעם לעבנסקוואַל. דער יידישער באַגריף פון זיקנה איז אַן אַנדערער ווי ביי די אומות העולם. זיקנה גייט צוזאַמען מיט הדרת פנים. אפשר דערפאַר האָט זיך ביי יידן אַזוי אַנגענומען די מתושלח־לעגענדע. אין קאַמף פאַרן קיום האָט די הויפּטראָל געשפּילט חכמה. דאָס מיינט רייפקייט און דערצו איז נויטיק צייט, אַ כך צייט, מתושלחס יאָרן, מיטן רייכסטן אינהאַלט אין אַרטאַפּאַנוסעס גלגולים.

פאַרמעסטנדיק זיך אַריינצודרינגען אין אַ קרייז פון צוויי טויזנט יאָר גלות און חורבן, הייבט ער אָן אין דער קריטישער תקופה פאַרן טויט פון אלכסנדר ינאַי, ערב דעם צווייטן חורבן, און דערגייט ביז צו אונדזערע טעג אין מדינת ישראל, איינשליסנדיק אויך דעם חורבן פון דעם אייראָפּעאישן צענטער. דורך די אַלע בלוטיקע טייכן שפּאַנט דורך אַ געשטאַלט, וואָס טראָגט דעם גריכישן נאָמען אַרטאַפּאַנוס. אין ערשטן טייל איז אַרטאַפּאַנוס אַ מיליטערמאַן, אין צווייטן — אַ סוחר, אין די ווייטערדיקע טיילן איז ער אַ דאָקטאָר, אַ רופא. ווי אַ מענטש און ווי אַ ייד איז ער אומעטום און אַלע מאָל דער זעלבער.

ער לעבט נישט אויף יענער זייט נסיונות. פאַרקערט, ער קוקט די נסיונות כסדר אין פנים אַריין. ער איז אַ לעבעדיקער מענטש און אַ סימבאָל אין דער זעלביקער צייט. ער איז דער טרעגער פון נסיונות און דער וואָס גיט זיי צו זינען און טיפן אינהאַלט; ער קייקלט זיי צונויף אין יענע רינגען, וואָס זיי שאַפן די געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק. לעבט ער דורך די טראַכטענישן פון די גדולי ישראל אין אַלע זייערע נעכטנס, און אין הינטערגרונט הייבן זיך אַרויס די פאַר־געפילן פון פאַרכמאַרעטע מאָרגנס, אַזוי ווי באַרג־שפּיצן אויף אַ ווייטן האָריזאָנט.

אַרטאַפּאַנוס איז דער טרעגער און דער היטער פון די העכסטע פּרינציפּן. ער איז אַ מוסטער פון מאָראַל. אין אים גליט ס'ריינע פייער פון בין אדם לחברו. ספּאָנטאַן, אָן איבערקלערענישן, איז ער תמיד גרייט צו שטעלן דאָס אייגענע לעבן אין געפאַר כדי צו ראַטעווען, צו העלפן. ער איז נישט קיין „צדיק", נישט קיין „הייליקער" — ער איז אַ בשר ודם מיט פריידן אוןליידן אין אַלע מענטש־לעכע סיטואַציעס.

אין „ליבשאַפט אין געוויטער" טרעפן מיר זיך מיט אַן ערך הונדערט געשטאַלטן פון פאַרשיידענעם עלטער, פון פאַרשיידענע סאָציאַלע שיכטן. אַלע אין איינעם זענען פאַרבונדן מיט טויזנטער פעדעם אין אַ פולסירנדיק צוזאַמענלעבן פון אַן אָרגאַניזירטער קהילהשאַפט, וווּ יעדער יחיד איז ערוב פאַר יעדן אַנדערן יחיד און פאַר דעם גאַנצן כלל. נישט נאָר די פירנדיקע פרנסים און רבנים, די טובי העיר און די שתדלנים זענען אויף דער וואָך פון די לויערנדיקע אָנגעשפּיצטע אויערן און אָפענע אויגן צו דערהערן דעם מינדעסטן שאָרך און דערזען דעם קלענסטן סימן פון געפאַר. יעדע געשטאַלט צאַפּלט מיט טיפע איבערלעבונגען פון דער גאַנצער גאַמע גלותדיקע דערפאַרונגען. דער פּערסאָנאַזש באַשטייט פון ליידנדיקע, ליכטיקע, ליבנדיקע און קרבנות־גרייטע יידישע מענטשן. זיי ווערן אונדז נאָענט, אייגן, אַזוי ווי די קרובים פון אונדזער משפּחה־אַלבום.

נישט געקוקט אויף די פאַרשידנקייטן אין דער גרויסער גאַלעריע, זענען זיי

אַלע פאַרוואָרצלט אין זייער שטייגער און געבונדן דורך די באַגריפן און איינ־שטעלן פון זייער צייט:

די אַריסטאָקראַטישע לאה, די פרוי פון אַרטאַפּאַנוס, די פיינפילנדיקע און ברייטהאַרציקע, שטעלט זיך קעגן מיט האַרטקייט איר אייגענעם זון, ווען זי געפינט אויס, אַז ער האָט זיך פאַרליבט אין אַ „מויד" פון געמיינעם שטאַנד. דער היפּער־סענסיטיווער זון יצחק, דורכגעציטערט פון „עזה כמות אהבה", ברעכט זיך איין, ווייל איינשטעלונגען פון זיין צייט און שטאַנד זענען נאָך שטאַרקער. און ער לאָזט זיך אויף וועגן פון וואַנדער און ווי דער ברודער שכנא, דער אויסשטודירטער אין דער פרייער איטאַליענישער שטאָט פּאַדואַ, איז מוותר אויף אַ ליכטיקן לעבן איבערן פינפטן געבאָט און קומט אַהיים צו דינען זיין קהילה אין לאַנד פון תורה און יידישקייט, אין פּה־לין. די פאַרשטויסענע סערקעלע מיט איר אומבאַגרענעצטער ליבשאַפט צום בחור פון הויכן שטאַנד, פילט זיך ווי די באַרימטע אסתרקע פון דער לעגענדע, און דאָך, ווען דער מלך פאַרלאָזט זי, איז נישטאָ ביי איר די מינדעסטע שנאה צו זיין משפחה. רבי יקותיאל, וואָס איז עוסק אין קבלה, ווייסט, אַז דערביי מוז מען זיך אין גאַנצן אויסטון פון דער וועלט, אַפילו פון צרכי ציבור, אַפילו פון פורעניותן און גזירות, איז ער אויף יענער זייט נסיון. דער קראַנקער ר׳ אברהם בלייבט מיט די רעשטלעך פון זיין עדה מקיים צו זיין די מצווה פון קובר זיין מתים, פון צונויפעדהן זיך מיט די, וואָס האָבן שוין מקדש השם געווען.

בריינדל די אייננגייערין איז די בריק צווישן די הויכע און געמיינע; די פירשפּרעכערין פון פאָלק. איר אלמנהשאַפט און אָרעמקייט נעמט בריינדל אָן ווי באַשערט פון הימל: „ווי גאָט סילוקט יעדן זיינעם, דאַרף מען אים לויבן און שאַצן". זי באַנעמט, אַז זי דאַרף מער זיך זאָרגן וועגן דעם דאָקטאָרס פאַמיליע ווי וועגן אירע אייגענע קינדער. יענע זענען דאָך פון אַן איידעלערן שטאַם. אַ טאָכטער פון אַ וואַסערטרעגער און כמעט אין דער מדרגה פון אַ באַדינערין, פילט זי זיך גלייכצייטיק ווי אַ באַשטאַנדטייל פון דער משפחה, אַן אייגענע. וואָס לעבט איבער די אינטימע משפחה־סיטואַציעס, געהערט זי גלייכצייטיק צו פאַרשיידענע שיכטן און שפּיגלט אַריין אין זיך יידישע כללישקייט.

מרדכי צאַנין זעט ווי די אינעווייניקסטע צונויפגעוואַקסנקייט פון כלל ישראל ווערט ממש מיט יעדן דור שטייפער און פעסטער. אוודאי נעמט אַרום אַלץ מער און מער די רייפן פון אמונה און מנהגים, אָבער פּאַראַלעל מיט זיי ווערן געדיכטער און ממשותדיקער יענע פשוטע פאָלקישקייט און אַלץ מער סובטעלער פאָלקלאָר, ווייל אַלע יידישע דורות זענען דאָ שעפעריש און אויפטועריש און דער פועל יוצא איז דאָס לשון, די פאָלקס־חכמה און די נשמהדיקע וואַרעמקייט, וואָס זיי שטראַלן אַרויס פון בריינדלען און פון איר ס׳גאַל, פון פאָלקס־געשטאַלטן.

די וויכוחים וועגן דעם יידישן מצב, וואָס זיי פאַרנעמען אַ היפּשן טייל פון די פריערדיקע ביכער, ווערן אין „ליבשאַפט אין געוויטער" אויסגעברייטערט. וואָרום צרות און גזירות פאַרפלייצן אַלץ מער און מער. צוזאַמען מיט דעם צעוואַקסט זיך דער קרייז פון די וואָס פילן אויף זיך די אחריות פאַרן יידישן גורל, פון רבנים און שתדלנים און פאַרשטענדיקע. אין פוילן זענען שוין דאָ מער

בני תורה ווי אין די פריערדיקע תקופות. אין פאַרגלייך מיט ספרד און אשכנז רייכער מיט ישיבות, טיפער אין לומדות. ווען מיר קומען קיין פוילן, באַגעגענען מיר שוין יענעם תלמודישן ים, וואָס נעמט אַרום אַ גרויסן טייל פון דער מאַנצ־בילישער באַפעלקערונג, ווי עס איז אונדז באַקאַנט איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן דער פאַרוועלטלעכונג־פּראָצעס. מיר טרעפן שוין אפילו נשים וואָס קענען אַ בלאַט גמרא. מען האָט געפּילט די סימנים, אַז אָט קומט אָן אַ בלוטיקער מבול; קיין תיבה האָט מען נישט געבויט, ווייל מען האָט געגלויבט באמונה שלימה אַז אָט־אָט קומט משיח, מען הערט שוין זיינע טריט. אין אַ וויכוח פון די וויכטיקסטע פערזענלעכקייטן פון די ארבע־הארצות, ביים באַטראַכטן פּרטים פון קאָנקרעטע גזירות, שטייגט מען אויף צו דביקות אין דערוואַרטן משיחן. משיח איז געבוירן אין תשעה־באב און ער ווערט דעריבער געזען אויף דער שוועל פון יעדן חורבן.

ווען גרויסע יידישע אומגליקן קומען אין דער זעלבער צייט, וואָס אומגליקן פאַר די פעלקער צווישן וועלכע זיי לעבן, איז דער גרויסער חילוק וואָס דאָס פייער פון קאַטאַסטראָפע שמעלצט נישט צונויף די באַזונדערע שיכטן ביי די אומות־העולם. נאָר פאַרקערט, נאָך איידער דער דרויסנדיקער שונא קומט, וואַרפן זיך די אונטערדריקטע קעגן די אייגענע אונטערדריקערס; ביי יידן שטאַרקט זיך נאָך מער די גורל־געבונדנקייט און דערגרייכט צו קידוש־השם. אָט די געבונדנקייט האָט געווירקט אויף צוויי אופנים: פון איין זייט האָט דאָס אָפּגעטעמפּט דאָס פאַרגעפיל פון דער סכנה און פון דער צווייטער זייט האָט עס געפעסטיקט די אמונה אין נצח־ישראל. נישט געקוקט אויף די פריערדיקע חורבות, האָט זיך אין דעם יידנס וועלט־געפיל און וועלט־באַנעם קיין מאָל נישט אַריינגעריסן אַ פאַר־שטעלונג פון טאָטאַלן אומקום. וואָס גרעסער די קאַטאַסטראָפע — אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן דער גלויבן אין גאולה.

דער מחבר זעט אין דעם געשיכטלעכן גאַנג די ליניע פון אַן אומקרייז, ווו אָנהייב און סוף זענען צונויפגעגאָסן אָן אַ מחיצה. גאָטס כוונה ווערט דערביי רעאַליזירט; פאַר דעם מענטש — אין גאַנצן אומפאַרשטענדלעך. דאָס איז די יידישע פילאָזאָפיע פון דער געשיכטע איבערגעגעבן על רגל אחת. אָן דעם גאָט־באַגריף איז דעם ייד נישט מעגלעך צו באַנעמען געשיכטע, ווייל דעמאָלט ווערט אַרויסגעשטויסן יעדער מאָראַלישער זינען פון מענטשלעכן ליידן. יידן האָבן שוין מיט טויזנטער יאָרן פריער זיך אָפּגעזאָגט פון בלינדן פאַטאַליזם און פון צושטימען אַז דער שטאַרקער איז אויך דער גערעכטער. אין דער צווייטער העלפט פון נייַנצנטן יאָרהונדערט און אפילו צום טייל אויך איצט געוועלטיקט אין די מוחות די אַלגעמיינע סכעמע פון דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, וואָס אויפגע־שטעלט האָט זי דער גרויסער דייטשער פילאָזאָף העגעל. לויט אים דריקט אויס די געשיכטע דאָס שטרעבן פון גייסט צו „פרייהייט". די גרויסע פירערס (גענעראַלן, מלכים, הערשערס) זענען די וואָס מיט זיי ווערט געמאָסטן דער פּראָגרעס פון דער מענטשהייט. אַזיע איז געווען דאָס וויגעלע, ווו די מענטשהייט האָט פאַר־בראַכט איר קינדהייט; גריכנלאַנד און רוים — די תקופה פון יוגנט און צייטיק ווערן. מיטן דערשיינען אויף דער אַרענע פון די גערמאַנישע שבטים קומט די

תקופה פון פולער רייפקייט. ערשט דעמאָלט שאַפט זיך די האַרמאָניע פון אַלע גרונט־פּרינציפּן — דעספּאָטיזם און דעמאָקראַטיע, מדינה און אינדיווידואַליזם. דאָס איז ביי העגעלן דער סינטעז, די שלימות, וואָס די דייטשע קולטור האָט צו זיי דערגרייכט. די פאַרקערפּערונג פון דער „פרייהייט פון גייסט" זעט העגעל אין דעם אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם, אין זיין צייט און אין דער aufklaerung העכערער שטאַפּל, אין אונדזער צייט — היטלער. אומעטום ווו מען קען געפינען אַן אויסדרוק פאַר דעם „גייסט פון דער געשיכטע" ביי די דייטשן, איז דער פירנדיקער כוח — כוח, אַפילו דעם שוואַכן. אין דעם יידישן געשיכטלעכן באַנעם איז דער פירנדיקער גייסט דער רבונו של עולם און די זאָרג פון יידן איז די זאָרג וועגן דעם שוואַכערן.

דורך אַרטאַפּאַנוסן זעט מ. צאַנין ווי עס וואַקסט דאָס ייד־באַוווסטזיין אין דער גישט־יידישער וועלט, ווי דער מענטש אין דעם ייד ווערט דורכגעיידישט. צוזאַמען מיט זיין נישט־יידישן נאָמען נעמט ער אַריין אין זיין יידישער וועלט דאָס בעסטע פון דעם נישט־יידישן און ווערט אַלץ טיפער פאַראַנקערט אין דער אמונה, אַז די גאולה קען קומען פאַר דעם יידישן פאָלק נאָר דורך דער גאולה פון דער גאַרער וועלט. קיינער, קיינער איז נישט געבליבן לעבן פון אַרטאַפּאַנוסעס משפחה, פון אַלע זיינע פריינט, פון אַלע זיינע יידן אין דער יידנשטאָט, אין לובלין, פון אַלע זיינע נאָענטע און די אַלע אַנדערע הייליקע יידישע קהילות אין פוילן. ער בלייבט איינער אַליין אין דער וועלט און ער טראָגט ווייטער דעם פונק פון אמונה.

דער עפּאָס פון חסידות

„די מרידה פון מעזשיבאָזש"

„די מרידה פון מעזשיבאָזש" איז דער פערטער באַנד אין מ. צאַנינס עפּאָפּיע פון יידישן וואַנדער, וואָס הויבט זיך אָן מיט „אַרטאַפּאַנוס קומט צוריק אַהיים", ציט זיך איבער „פרעמדע הימלען" און „ליבשאַפט אין געוויטער", דורך תקופות און לענדער, דורך מלחמות, שחיטות, גייסטיקע און פּאָליטישע שלאַכטן, עליות און ירידות, ביז צו דער התגלות פון חסידות, וואָס ווערט אָפּגעשפּיגלט אין דערשינענעם ראָמאַן, ווו דער צענטראַלער העלד איז דאָ דער זעלבער אַרטאַפּאַנוס. דאָס איז דער זעלבער אַרטאַפּאַנוס, וועלכן מיר באַגעגענען צום ערשטן מאָל ביים אַריינפאָר קיין ירושלים, און צאַנין האָט אים פאַרוואַנדלט פון אַ היסטאָרישער געשטאַלט אין אַ מיטאָס־געשטאַלט פון יידישן וואַנדער. מען דאַרף אים אָבער נישט פאַרבינדן מיטן מיטלאַלטערלעכן אהאַסווער־מעשהלע פון אייביקן ייד, אַ פאַרשאָלטענער צו וואַנדערן איבער דער וועלט, ווי אַ שטראָף פאַר נישט

אָנערקענען יעזוסן ווי אַ דערלייזער. צאַנינס אַרטאַפּאַנוס איז די פּאַרקערפּערונג פון יידישער אייביקייט און פון דער יידישער פּערזענלעכקייט, וואָס ווערט איבערגעפּירט און איבערגעפּלאַנצט אין פאַרשידענע טיילן וועלט און בלייבט שטאַנדהאַפטיק און שטאַרק. אַרטאַפּאַנוס גייט דורך דער צוויי־טויזנט־יאָריקער יידישער געשיכטע, איבער אַלע לענדער פון יידישן גלות און מאַניפעסטירט די יידישע קולטור אין אַלע אירע פאָרמען, זאַפּט אין זיך איין דאָס וויסן פון אַנדערע פעלקער, פון דער העלעניסטישער ביז צו די מאָדערנע קולטורן פון די שפּעטערדיקע עפּאָכעס. אין אַלע גילגולים איז זיין געשטאַלט אַן אַפּעלירנדיקע און פאַראינטריגירנדיקע מיט דער קראַפט פון זיין מאָראַל, מיט דער חכמה און מיסטעריע פון אַ הייליקן, מיט דער קלאָרער מענטשלעכקייט און נביאישער וויזיאָנערישקייט, מיט דער אויסשטראַלונג פון יידישן גייסט און יידישער גבורה.

דער זעלבער אַרטאַפּאַנוס דערשיינט דאָ אויפן פאָן פון אויפגייענדיקן חסידות, וואָס האָט געבראַכט טרייסט און דערמוטיקונג פאַר די אָרעמע און שוואַכע און איז געקומען אין שאַרפן קאָנפליקט מיט דער למדנישער אַריסטאָקראַטיע און קהילה־תּקיפים. צאַנין האָט אין איצטיקן גילגול פון אַרטאַפּאַנוסן אַנטפּלעקט נאָך מער קינסטלערישע ענערגיע, נאָך מער באַגייסטערונג, ווי אין די פריערדיקע. מען זעט, אַז ער האָט געפילט די באַזונדערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס עס האָט אויף אים אַרויפגעלייגט אָט די גרויסע היסטאָרישע עפּאָכע און אָט דער גראַנדיעזער אוצר פאָלקלאָר, וואָס ער האָט גענומען פאַרן שטאָף פון זיין קינסטלערישער דערציילונג. מען פילט אין די שילדערונגען די פאַרשאַרפטע וואַכזאַמקייט פון דעם שרייבערס אויסערגעוויינלעכע אינטואיטיוו־קינסטלערישע און אינטעלעקטועלע כּוחות, דעם עקסטאַז, וואָס ער באַמיט זיך איינצוהאַלטן ביים שרייבן אָט דעם וויטערדיקן און פאַרטיפטן גילגול פון אַרטאַפּאַנוסן. עס גייט אויף פאַר אונדז דאָס ליכט פון דער גרעאַנגלפולער באַוועגונג, וואָס איז געווען ממש רעוואָלוציאָנער, איינפירנדיק דעם אַנטראָפּאָצענטריזם אויפן אָרט פון טעאָצענטריזם. אין מיטלאַלטער האָט געהערשט דער טעאָצענטריזם, וואָס האָט צוגענומען ביים זינדיקן מענטש דעם זכות צו דערנענטערן זיך צום אַלמעכטיקן. דער בעש״ט האָט אין צענטער געשטעלט דעם מענטש, מיט זיינע גלוסטונגען, בענקשאַפטן און טרוימען און דערנענטערט גאָט צום מענטש, צעוואָרפן די מחיצות צווישן גאָט און מענטש, ווייל אויך אין די מחיצות איז דאָ גאָט. דער מענטש שטראַלט פון זיך אַרויס דאָס דערהויבענע און באַאיינפלוסט די עולמות עליונים. „דע מה למעלה ממך״ — האָט דער בעש״ט געטייטשט: ווייס, אַז אַלץ אין דער הויך שטאַמט פון מענטש. אַרטאַפּאַנוס בלייבט נישט שטיין ביי די טויערן פון פאָגראָמירטן לובלין, מיט וועלכן עס ענדיקט זיך ז׳ער דריטער באַנד פון זיין עפּאָפּייע. זיין וווקס האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט. פאַרקערט, די יאָרן, די וויטערדיקע תּקופות, האָבן מיט זיך געבראַכט מער קלאָרקייט, געלייטערטקייט, פילזייטיקייט און אַ העכערע מדרגה פון פאַרשטאַנד און דורכטן באַנעמען דעם יידישן מצב. אַרטאַפּאַנוס שטרעבט אויף אַ הויכמענטשלעכן שטייגער איינצוגלידערן דאָס חסידות אין לעבן. ווי אין אַלע פריערדיקע גילגולים, איז ער אויך אין חסידישן גילגול תּמיד גרייט מקריב זיין זיך פאַר יענעם. ער איז דער ליכטיקער גייסט,

וואָס ברענגט מיט זיך פֿרייד און גלויבן פֿאַר יעדן קראַנקן און נויטבאַדערפֿטיקן.

דאָס חסידות פֿון דעם דאָקטאָר אליעזר אַרטאַפֿאַנוס איז דורכגעדרונגען מיט וואַרעמער ליבשאַפֿט צום פּשוטן אומבאַהאָלפֿענעם פֿאָלקס־מענטש. אין בראָד, אין קאַמעניעץ, אין רודניצע האָבן יידן אים געקענט ווי אַ גרויסן פֿריינט פֿונעם אָרעמאַן, פֿונעם פּראָסטן מענטש. צאַנין האָט אין פּרעכטיק געשילדערטע סיטואַציעס אַרויסבאַקומען פֿון אים דעם מאַקסימום מענטשן־פֿריינטלעכקייט און באַוויזן די אינערלעכע מעגלעכקייט פֿונעם אמתן אַריסטאָקראַט צונויפֿצולעבן זיך, צונויפֿפֿרייען און צונויפֿטאַנצן זיך מיט די פּשוטע מענטשן. ער אַליין פֿאָרט נישט צום רבין, דעמאָלט דער מעזריטשער מגיד, רבי דב בער, טרייסלט זיך נישט ביי די תּפֿילות, אָבער דאָך איז ער אַ טייל פֿון דער חסידישער ברידערלעכקייט, פֿון דער עדה מיט אַ באַשטימטער עטישער געשלאָסנקייט, מיטן אויסגעגליטן באַגער צו שמחה און חדווה.

איבערן ברייטן שטח פֿון אונדזער ליטעראַטור איז חסידות געוואָרן אָפּגעשפּיגלט אין אַלע זיינע אויסשטראַלונגען. צום ערשט זענען געווען די משׂכּילישע צוגעשניטענע דערציילונגען, וואָס האָבן געזען דאָס חסידות פֿון זיין נעגאַטיווער זייט, מיט ביטול און איראָניע, מיט סאַרקאַזם, אויף אַ לחלוטין אומקינסטלערישן אופֿן. ערשט פּרץ האָט זיין גרויסשרייבערישקייט אויפֿגעבויט אויף דער חסידישער דערציילונג. ליכט און וואַרעמקייט האָט יהודה שטיינבערג געפֿונען אין חסידות. אין די פֿייערן פֿון חסידות איז אויך דורכגעגאַנגען אַפּאַטאָשו. אַ סך אַנדערע שרייבער האָבן געזען און געוווּסט ווי צו שאַצן די וואַרעמקייט, אויב נישט דאָס ליכט פֿון חסידות. אָבער אַלע זענען זיי געקומען אין דער וועלט פֿון חסידות שוין אין זיין ווייטערדיקער אַנטוויקלונג, נאָכן דורכמאַכן די גילגולים פֿון בעש״ט און מעזריטש צום ליזשענסקער רבי אלימלך, רבי משה־לייב סאַסאָווער און די ווייטערדיקע פֿאַרשידענע לייטערונגס־וועגן אינעם חסידות־פּראָצעס. צאַנין איז אַריינגעדרונגען אין סאַמע אָנהייב פֿון דער חסידישער וועלט און גייט אויף אירע וועגן און סטעזשקעס, אויף וועלכע קיינער ביז אים האָט נאָך נישט געטראָטן. דאָס איז די ערשטע פֿאַזע פֿון קלאַסישן חסידות.

אין דער הינזיכט איז „די מרידה אין מעזשיבאָזש“ דאָס איינציקע פּיל־אַרומנעמענדיקע ווערק אין אונדזער ליטעראַטור און שאַפֿט פֿאַר אונדז דאָס בילד פֿון דער באַוועגונג ביי איר ערשטן אויפֿשפּראָץ. וועלוול בעלזער, דער ערשטער חסיד, אויף וועלכן אַרטאַפֿאַנוס טרעפֿט זיך אָן אין בראָד, איז געפֿאָרן צום בעש״ט קיין טלוסט. אין קאָנדענסירטע בילדער ברענגט צאַנין אַרויס די ערשטע פֿאַזן פֿון זיין התגלות. מיר זעען אים קודם ביים אויסגעפֿינען וווּנדער־סגולות, רפֿואות און קמיעות. וועלוול בעלזער קומט צו אים נאָך אַ סגולה קעגן זיין עקרות. „דער בעל־מופֿת, ר׳ ישראל האָט אים יעדעס מאָל אָפּגעשפּראָכן און אים געגעבן קמיעות אויף בנים“. אָבער דער בעש״ט האָט זיך ביסלעכווייז באַפֿרייט פֿון זיינע בעל־מופֿת־לבושים און אַרויסגעבראַכט פֿון זיך אַ בלענדנדיקן שיין, וואָס האָט געלויכטן און געוואַרעמט. אין עטלעכע יאָר אַרום, ווען דאָס צווייטע ווייב, שיינדל, די טאָכטער פֿון קרעמעניצער פּרנס, האָט אים אויך נישט געגעבן קיין קינד, איז וועלוול ווידער געפֿאָרן צו ר׳ ישראלן. דאָ זעען מיר אים

שוין ווי דעם באַרימטן מתבודד, וואָס האָט מיט זיין פייער־התלהבותדיקער תפילה באַוויזן צו דערהויבן די וועלט צו קדושה און „רעדט מיט הקדוש־ברוך־הוא ווי אַ זון רעדט צו אַ פאָטער און ער פועלט ביי אים מתנות טובות פאַר יידן". דער בעש"ט האָט זיך שוין נישט באַגנוגנט מיטן היילן יחידים, נאָר באַמיט זיך אויס־צושפרייטן די וווּנדערפולקייט אויפן כלל. אַזוי אַרום איז די מאַגיק שטופנווייז איבערגעגאַנגען אין מיסטיק. דער בעש"ט זאָגט צו וועלוולען: „זעסט שוין, הקדוש ברוך הוא איז אייביק אין אין־סוף, אין אין־סוף, איז לאָשמיך, אַז ער האָט געוואַרט פון נצח אין עבר מילי־מיליאסן שנים, ביז ער האָט מצמצם געווען די ספירות און באַשאַפן די וועלט. ערשט מיט אַ פינף טויזנט מיט פינף הונדערט יאָר צוריק, איז וואָסזשע איילסטו זיך מיט דיינע צוויי יאָר, וועלוול בעלזער ?!"

געשריבן איז דאָס בוך ווי אַ המשך פון די אינערלעכע קאַמפן, וואָס זענען פאָרגעקומען אין יידישן לעבן אין די פאַרשידענע תקופות, פון דער צעריסנקייט און צעשפּאַלטנקייט, וואָס האָט דערפירט צום פאַלן פון דער יידישער מלוכה און לאַנגן יידישן גלות־וועג, אין רוים, אין גאַליע, אין אשכנז, אין פוילן. צוזאַמען מיטן קאַמף פאַר עקזיסטענץ, גייט תמיד דער קולט פאַר גייסטיקע ווערטן. די ערשטע שוואַלבן פון חסידות האָבן זיך באַוויזן אין אַ צייט, וואָס איז געווען שווער און דערשלאָגנדיק נישט בלויז צוליב דער ווירטשאַפטלעכער ירידה, נאָר אויך צוליב דעם, וואָס די היפערטראָפיע פון גייסט האָט דערפירט צו דער אַטראָפיע פון לעבנס־קולטור און עס האָט זיך שוין געזען די לגמרידיקע קולטור־אַנטאַרטונג. אין חסידות האָט דער ייד געזען די ישועה דורך פאַרבינדן זיך מיטן כלל. צוזאַמען מיטן גלויבן אין נסים און סגולות, האָט ער אויך דערפילט זיין שייכות צו אַ קולטור־קאָלעקטיוו. נישט בלויז דער, וואָס קען נישט פירוש המלים, נאָר אפילו דער, וואָס קען נישט דאַווענען, דערקענט גאָטס אומענדלעכקייט. האָט דאָך דער מעזריטשער מגיד געוואָרפן דעם געדאַנק, אַז מ'קען דינען גאָט נישט נאָר מיט רייד, נאָר אויך מיט שוויגנדיקן טראַכטן. מ'קען דאַווענען במחשבה, דעמאָלט אין די אייגנטלעכע התפשטות הגשמיות. די פאַרגליווערטע לומדישע וועלט האָט נישט געקענט לעבן בשלום מיטן אויפגעוואַכטן רעליגיעזן געמיט און ס'איז אויסגעבראָכן די גרויסע מלחמה, וואָס די רבנים און תקיפים האָבן דערקלערט די חסידים, אַ מלחמה אויף לעבן און טויט: אָדער די מתנגדים וועלן טריומפירן און עס וועט נישט בלייבן קיין זכר פון חסידות, אָדער חסידות וועט מנצח זיין, וועט אָפּפרישן און יינגער מאַכן דאָס פאָלק, צוגעבן אים נייעם אימפעט און אויפוועקן פרישע ענערגיעס. אומעטום זענען פאַראַן ניצוצות, מען דאַרף זיי קענען אַרויס־ציען פון וואָכעדיקייט צו הייליקייט. דערצו איז באַרופן דער פיינפילנדיקער, גייסטיק דערהויבענער און באַהויכטער גדול הדור, דער צדיק.

ווען צאַנין האָט זיך דערנענטערט צום שילדערן די חסידישע וועלט, האָט אים קודם־כל אינטריגירט די אידעע. דערנאָך איז געקומען דאָס דערציילן, אָבער די טרייב־קראַפט איז דאָ נישט בלויז דאָס דערציילן די מעשה, נאָר דאָס דער־גרונטעווען זיך צום פּראָצעס און דאָס אַריינדרינגען אין דעם כוח, וואָס חסידות האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט, איבערגעבן די פאַרכאַפנדיקע דראַמע פון חסידישן אויפקום און די פאַרביסענע מלחמה פון די רבנים. אַרטאַפאַנוס ווערט אַריינגעפירט

אין דער תקופה אַזוי, אַז כאָטש עס ווערט נישט געוויזן זיין שטאַם, און נישט געזאָגט פון וואַנען ער קומט, נישט דערציילט זיין שושלת היוחסין, זאָלן מיר אין אים גלייך דערקענען די געשטאַלט פון יענע זיידעס און עלטער־זיידעס וואָס זענען געבוירן געוואָרן צו שליחותן, נישט פאַר זיך, נאָר פאַר יענעם, צו העלפן אַנדערע. דעריבער ווערט ער דאָ געוויזן אין זיין פולער רייפקייט און גרייטקייט דערצו. שוין אין סוכה ביי וועלוול בעלזער ווייסן מיר, אַז באַלד וועט זיך עפּעס אָנהייבן. אַרטאַפּאַנוסעס אָנוועזנהייט עפנט אין וועלוולען, וואָס וואָלט לויט זיין שטאַנד געדאַרפט געהערן צו די תקיפים, נייע קאַנאַלן, דורך וועלכע די בענקעניש נאָך אַ קינד, ווי זיין ליבשאַפט צו דער עקרהדיקער פרוי, ווערט אויסגעאיידלט, סובלימירט, ביז רעזיגנירן פון זיין שיין ווייב, וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק ליב. זיין גרייטקייט מקריב צו זיין זיך פאַר איר איז אין פולער האַרמאָניע מיטן בעש״טס חסידות. גלייך מיטן פאַרוועבן די אינטריגע ווערן מיר אַריינגעפירט אין דער אַטמאָספער פון ליבשאַפט און וואָס ווייטער ווערט זי אַלץ מער דערהויבן צו אַ העכערער קינסטלערישער מדרגה ביז יוחננס גרויסער תשוקה צו אצילות. אַרטאַפּאַנוס זעט אים אין זיין גאַנצער קאָמפּליצירטער פילזייטיקייט. „ער איז יונג און אַזוי אַלט. ער איז פריי און ער איז ביי דער פריי אַ שבוי. אייגנטלעך איז ער פון די, וואָס לויפן פאָרויס און רייסן זיך אָפּ פון ערב־רב. ער האַלט זיך אין איין באַפרייען און ער האָט דאָס געפיל, אַז ער איז כסדר אַ געבונדענער״...

דאָ רירט צאַנין אָן דעם העכערן שיכט חסידים, דעם וואָס „עס איז אים שווער צו זיין מיט זיך און ער קען נישט אַנטלויפן פון זיך, דעמאָלט גייט ער אַריבער דעם וועג אין דער ריכטונג פון וואַלד, טוט זיך אויס נאַקעט און ער רייבט זיין לייב מיט שניי״. דאָס האָט נישט צו טון מיט סיגופים און תעניתים. פאַרקערט, אַזוי באַפרייט ער זיך פון עבדות. „אַלע תשוקות ווערן אָנגעזעטיקט דורכן תענוג! — — דער תענוג מעסט זיך מיט דער מאָס פון דער תשוקה״. עס פאָדערט זיך חוץ ברייטע ערודיציע אויך טיף באַנעמען דעם אורגעדאַנק פון חסידות און, דער עיקר, הויך־קינסטלערישע שאַפונגס־קראַפט צו געשטאַלטיקן פון רויען מאַטעריאַל אַזאַ מאָנומענטאַלע פיגור ווי דער יונגער יוחנן, צו דערהערן דאָס געזאַנג פון זיין פערזענלעכקייט אויפן פאָן פון זיין סביבה און אַריינצוקומען אין די אינטימע פסיכאָלאָגישע חדרי־חדרים פון אַזאַ פּאָעטישער נשמה און אַרויסברענגען אין זיינע רייד דעם נביאישן טאָן פון „האזינו השמיים אדברה, ותשמע הארץ אמרי פי״. אין אַ סך סצענעס זעען מיר ווי צאַנין האָט קודם געזען פאַר זיך אַ פּאָעטיש בילד און אין מאָלן איז אויסגעוואַקסן עכטע פּראָזע. די שרייבערישע פערזענלעכקייט איז דאָ בולט און לויכטנדיק. זיין יוחנן וואַקסט אויס אין אַ געשטאַלט פון אַ גרויסן חסיד, וואָס דער עיקר איז זיין גייסטיקער מהות, וועלכן אַרטאַפּאַנוס פּרוווט באַנעמען אין זיין גאַנצער טיף און צאַנין שילדערט אים, יוחנן, אין זיין געדאַנקלעכער פּאַרטיפּטקייט, מיטן רייכן קאָלאָריט פון זיין כאַראַקטער. וויפל דער שרייבער זאָל זיך נישט העלפן מיט שעפערישער פאַנטאַזיע, מוז ער דאָך כסדר וועגן, מעסטן און קאָנפראָנטירן דעם העלד מיטן היסטאָרישן אמת. פילט מען טאַקע אין די שילדערונגען ווי אין גאַנצן ראָמאַן, אָן אַ שיעור פליייסיקע פאָרש־אַרבעט אָבער איבער אַלעם איז דאָס אינערלעכע

פּייער, וואָס באַלעבט די עפּאָכע. קינסטלעריש קענען געשיכטע, גרייכט אַ סך טיפער ווי דאָס פאָרשן זי. עס איז דאָ דער בראשיתדיקער עלעמענט פון איבער־שאַפן און איבערפורעמען די געשטאַלטן בצלמו פונעם קינסטלער.

מיט אָפענער אַנטיפּאַטיע שילדערט צאַנין די רבנים און די תקיפים. ר׳ יונתן, ר׳ שמעלקע, נחמן הכהן, ר׳ זימל, יאָסל שמש, יואלטשע, זענען דורכאויס נעגאַטיווע פיגורן. דער שרייבער איז אויף זיי אין כעס פאַר זייער טעמפּער שנאה, פאַרן רודפן און מסרן די חסידים און ווייזט זיי אין זייער גאַנצער העסלעכקייט אין די סצענעס פון שמייסן סענדערן, שלאָגן און אַרעסטירן נחמן גאַרבערן, אָבער צאַנין פאַרשטייט אויך דעם פּחד פון די רבנים פאַר מינות צוליב די פראַנקיסטן, וועלכע צאַנין דעמאַסקירט זיי אין דער פיגור פון אלישע שור, דער ראהיטנער פראַנקיסטישער מנהיג, וואָס האָט שוין דעמאָלט באַוווסטזיניק פּראַקטיצירט סטאַליניסטישע מעטאָדן, געכשרט עלילת דם און שמד, אָבער נאָר קליינע טיילן פון פאָלק האָבן זיך אין אים פאַרפלאָנטערט, דאָס פאָלק לאָזט זיך נישט אָפּנאַרן און די סאַמע שאַרפסטע רייד קעגן דער פראַנקיסטישער פּלאָג לייגט צאַנין אַריין אין מויל פונעם חסיד. וועלוול בעלזער זאָגט: „איך בין שוין אַן אַלטער מאַן, מיט אַ סך נסיון, און צו מיר דאַרפט איר נישט רעדן ווי צו אַ פּראָסטאַק, אַן עם הארץ. קענט איר פאַרגלייכן די מלחמות צווישן יידן אָפּצוהיטן די תורה און זייער קיום מיט דעם וואָס דער קאָמענעצער תלין האָט נאָך אייער מסירה אויף יידן צוגעבונדן צום ווייגדל פון אַ פערד אַ זאַק מיט גמרות, ער זאָל מיט שאַנד שלעפּן די הייליקע ספרים צום עשאַפאָט צו פאַרברענען? — איר און יעקב פראַנק און אַלע פון אייער כת, וועלכע ווייסן יאָ ווי אָפּגעהיט זענען יידן בנוגע בלוט, דאָך האָט איר אויסגעטראַכט די ווילדסטע בילבולים אויף יידן און אין דעם וויכוח מיט די רבנים האָט איר געזאָגט, אַז יידן נוצן בלוט אויף מצות״.

דער געמיינזאַמער האַס צו די פראַנקיסטן וואָלט דאָך געדאַרפט פאַראייניקן די רבנים מיט די חסידים, און דאָך האָבן עס די רבנים נישט פאַרשטאַנען אין זייער טעמפּער פאַרגליווערטקייט, זענען געווען בלינד אויף דער גרויסער דער־שיינונג פון חסידות. אויף דער קאַנווע פון דער דאָזיקער סתירה אַנטוויקלט זיך די גרויסע יידישע דראַמע. אין שרעק פאַרן נייעם, פאַרצוימען זיך די רבנים אין די געדיכטעניש פונעם אַלטן ביז פאַרלירן די זאַפטן, די פערזענלעכקייט, די אַזוי נויטיקע יידישע אחדות.

ווי אַן אמתער קינסטלער זעט צאַנין די חסידישע וועלט אַ פולע מיט אַלע אירע האָפענונגען און חלומות, אפילו די, וואָס זענען נישט דערחלומט ביזן סוף. די יונגע און מיטליאָריקע חסידים זענען אַנדערש איינער פון אַנדערן, אָבער אַלע לעבן זיי אונטער איין חסידישן הימל, אָטעמען מיט דער זעלבער לופט, זינגען דאָס זעלבע געזאַנג. זיין שרייבערישער טעמפּעראַמענט איז צו מאָלן אויף ברייטע לייוונטן כלערליי מענטשן, אָבער ביי די חסידים היט ער זיך נישט אַריינצוציען קיין איבעריקע מענטשן, נאָר די, וואָס האָבן אַ דירעקטן שייכות מיט דער צענטראַלער אַקציע. די צענטראַלע פיגור איז אַרטאַפּאַנוס און ער היט אָפּ, אַז די רייכע גאַלעריע געשטאַלטן, דער גרויסער מענטשן־פאַרנעם זאָל אים נישט אַריבערוואַקסן און זאָלן דאָך אַרויסקומען אין זייער גאַנצער רייכקייט. דער

מייסטערהאַפט געמאָלענער טאַנץ פון די חסידים אויף דער אויפנאַמע פון גראַף פּאָטאָצקי רעהאַביליטירט דעם מה יפית־טאַנץ. זיי טוען עס אויפן פאַרלאַנג פון אָרטאָפּאַנוסן, ווייל זיין ערלעכקייט און קלאָרער שכל נעמט ביי זיי צו יעדן צווייפל. יוחנן בעט בלויז, ער זאָל זיין דערביי ווי זיי וועלן טאַנצן „און מיר וועלן טאַנצן פאַר אייך! איר זענט געשיקט פון הימל צו העלפן אונדז אין אונדזער דרך און פאַר דער מצווה וועלן מיר אייך דינען מיט ריקוד". דער טאַנץ גופא אין נעפל איז אויפגעבויט מיט אַזאַ קינסטלעריש־דערציילערישן שווונג, אַז עס ווערט באַגלויבלעך די פאַרגאַפונג און באַוווּנדערונג פון דער גאַנצער פּוילישער שלאַכטע נישט בלויז פאַר דער מוזיק פונעם טאַנץ, נאָר אויך פאַר דער נשמה־רייכקייט, פאַר דער עקזאַלטאַציע און באַגייסטערונג, וואָס שלאָגט פון די טאַנצנדיקע ווי פון אַ מעכטיקן קוואַל. דאָס איז איינע פון אַ סך שטאַרקע סצענעס פון בוך, וואָס זענען נישט צום פאַרגעסן.

ווי גרויס און געבענטשט עס איז דער טאַלאַנט פון אַ שרייבער, וואָס קען אַזוי באַווירקן לייענער און וועקן די בעסטע געפילן פון גרויס מענטשלעכער געלייטערטקייט.

שוין די פריערדיקע דריי בענדער אין דער וווּנדערלעכער עפּאָפּייע שטעלן מ. צאַנין אין פראָנט פון די גרעסטע פּראָזע־מייסטער אין דער יידישער ליטע־ראַטור. דאָך ווירקט דער איצט־דערשינענער פערטער באַנד ווי אַן איבעראַשונג. די קונסט פון דאָזיקן ראָמאַן איז איבעראַשנדיק נישט נאָר צוליבן אויפלעבן פאַר אונדז די חסידישע באַוועגונג אין איר גאַנצער אורשפּרינגלעכער קראַפט. עס איבעראַשט די קונסט פון עפּישן שווים אין ווייטן עבר און אַרויסברענגען פון דאָרט דעם אַריינקום פון דעם נייעם און שעפערישן אין דער געשיכטע פון יידישן וואַנדער.

יצחק באַשעוויס — דורך די מ"ט צו ספערן פון שירה און חכמה

די דערציילונגען פון יצחק באַשעוויס־זינגער ציען אונדז אַריין אין דער וועלט פון שדים און רוחות, נישט ווי אין עפּעס אַ פרעמדער ספערע, נאָר ווי אין אונדזער אַלעמענס און אויך דעם שרייבערס אייגענער וועלט. נישטאָ קיין אָרט און קיין ווינקל אויף דער ערד, ווו עס זאָלן נישט הערשן די געשפּענסטער מיט אומבאַגרענעצטער גרויזאַמער מאַכט. אומעטום זענען זיי אין צענטער פון מענטשנס גייסטיקער אויפמערקזאַמקייט. דורות פאַרגייען און דורות קומען אויף; עס קומען פאַר טיפע ענדערונגען, מלחמות, קאַטאַסטראָפעס. עס קומען אויף נייע קולטורן, אָבער אין די רוחות און דעמאָנען פאַרגעסט מען קיינמאָל נישט. וואָס אויסטערלישער, וואָס מאָנסטרועזער, אַלץ מער טראַכט מען וועגן זיי. מען פילט זיך נישט זיכער, ווייל זיי לויערן פון אומעטום. די קבלה האָט פאַר

זיי געפונען דעם טערמין סיטרא אחרא, די אַנדערע זייט פון געטלעכקייט. צו גאָט קאָן מען תפילה טון, באַהעפטן זיך מיט אים, פילן נאָענט און אינטים. שדים און רוחות איז נישט שייך צו בעטן. זייער שליחות איז צו טון שלעכטס, אַנרעדן צו זינד. „ווען אַ שד ווערט מיד פון יאָגן זיך נאָך נעכטיקע טעג, אָדער פון דרייען זיך אין די פליגל פון אַ ווינטמיל, קען ער זיך אַלעמאָל באַזעצן אין אַ שפיגל. ער הויערט ווי אַ שפין אויף איר שפינוועבס, און די פליג מוז אַריינפאַלן". דעם שדס ווילן קען מען נישט ענדערן. מען קען אים נאָר באַצווינגען מיט שפרוכן, השבעות, קמיעות און שוואַרצקינצלעריי. דאָ הייבט זיך אָן די מיסטעריע, דאָס זען זיך פאַרוועבט מיט דומם, צומח, בעל־חי און דאָס אַריינציען אין קרייז פון יחידישן און קאָלעקטיוון לעבן די גייסטער, וואָס לאָזן זיך נישט באַנעמען און אויפקלערן, אָבער זענען דורכגעפלאָכטן און דורכגעמישט מיט די מענטשן, מיטן גאַנצן באַשאַף אין איין שרעקלעכן מישמאַש און פלאָנטער.

באַשעוויס האָט אַ נייגונג צו גראָטעסק, צו קאַריקאַטור, צוזאַמען מיט גוטן חוש פאַר כאַראַקטער און סיטואַציע, אָבער אין זיינע דערציילונגען איז עס נישט סתם גראָטעסק, נאָר סורעאַליזם, אויב מען וויל דווקא האָבן אַ נאָמען פאַר דעם וואָס דרינגט אַריין אין יענער זייט פון חושים און געדאַנקען און האָט שטענדיק און אייביק דעם נאָמען: קונסט. מיט דער הילף פון זיינע שדים און רוחות, וואָס זענען ווייט נישט קיין געשפּענסטער פון צוגעטראַכטער פאַנטאַסטיק, נאָר היימישע שטעטליקע יידן און יידענעס, דעקט באַשעוויס אויף פאַרבאָרגענע סודות, פירט אַריין אין די חדרי־חדרים און ווייזט וואָס עס טוען דאָרט צניעותדיקע רביצינס און גבאַיטעס. צי איז דאָס אָבער בלויז דערציילערישע טעכניק? באַשעוויס אַליין, אַפילו ווען ער דערציילט די אויסטערלישע זאַכן מיטן גאַנצן ערנסט, לאָזט אומעטום איבער דעם צומיש פון איראָניע, דאָס ממזרישע שמייכעלע פון מאַקאַבערישער חוזק־מאַכעריי, אַ מין קונדייסישע מיסטיק, וואָס האָט מער צו טון מיט כפירה ווי מיט אמונה, אָבער באַשעוויס איז אַ סך קאָמפּליצירטער ווי עס דערציילט אונדז דאָס אויבנאויפיקע לייענען זיינע מעשיות. מיטגייענדיק מיט אים אין די היילן פון דער מיסטישער אונטערוועלט, וווּ עס ווימלט מיט נישט־גוטע, מיט שדישע גלוסטעניש צו ווייבער, צו מאַכט, צו רשעות, דערפילט מען אויך זיין פאַרטראַכטקייט אין די עולמות העליונים. זיין פאַרטשעפען זיך אין קבלהדיקע ניצוצות און חשק איינצוטוליען זיך אין קדושה. דער וועג איז אַ ווייטער, פירט דורך לאַבירינטן פון מ"ט שערי טומאה, דורך קלעטערן אויף לייטערס מיט אונטערשטע און אויבערשטע שטאַפּלען. דער אינהאַלט ליגט נישט בלויז אינעם גערענגל פון קדושה און טומאה, נאָר אויך אינעם געקלעטער פון דער תהומיקער פינצטערניש צו אַ פאַרהוילענער און ליכטיקער הויכקייט.

עס איז דערפאַר נישטאָ קיין ספק, אַז באַשעוויס איז אָנגעלאָדן מיט דער עשירות פון דער קבלהשער וועלט, נישט בלויז צימצום, נאָר אויך רקיעדיקער אויסשפּרייט אין וועלטישן אין־סוף; נישט בלויז אַשמדאַי און לילית, לצים און שרעטעלעך, נאָר אויך מלאכים, ריזן און עמודים פון דער וועלט. דער שד אין „מעשה טישעוויץ" הערט זיך צו צום שיידל פונעם רב: ריינע מחשבות. עס העלפן נישט די אַנרעדענישן צו ניאוף, געלט און גאווה, נישט דער ווינט אין

בית־דין־שטוב. דער שד איז מודה. „קעגן ספר יצירה" קאָן קיינער פון אונדז נישט באַשטיין. כ'בין קוים אַרויס פון בית־דין־שטאָט בפחי־נפש".

אַזוי ווערן געשאַפן וועלטן פון קליפות, גילגולים, פאַרזעענישן פון ס"מ, וואָס ראַיען אין די מ"ט און זעען אויס ווי שטעטלדיקע יידן פון אַלערליי מינים; לצים שטרעקן אויס צו דער לבנה לאַנגע צונגען, זאָגן אָן מלחמת גוג־ומגוג, קאַרליקעס קריכן אַרויס פון היילן און מאַכן פול די וועלט מיט זנות און ערווה, מיט פחדים און הפקר. „טויזנט יאָר דויערט די שפיל, אָבער פאַר דער שוואַרצער חברה איז דאָס נישט צופיל. יעדער שד האָט זיין געשעפט. — — אַ מגילה וואָס טוט זיך אייביק וויקלען, אַ מעשה אָן אַ סוף, אַן אַלף וואָס גרייכט קיינמאָל נישט צום תיו". דאָ טרעפן זיך אַלע אַמאָליקע פחדים מיט די איצטיקע, אויסגעטון פון דער געוויינלעכער קאָנקרעטקייט, צערודערט, אָבער מיט וואַכע אויגן און אויערן צום צערודערטן תוהו ובוהו און פאַרנעמט ווי מאיר טומטום זאָגט: „ווי גאָר דער אין־סוף האָט זיך מצמצם געווען און איבערגעלאָזט אַ מקום פנוי, איז אויפגעקומען אַ משוגעת. די קליפה איז משוגע, אַפילו די מלאכים זענען אַ קאַפּעלע צערודערט. דער עולם העשיה איז אַ משוגעים־הויז". אָבער דער זעלבער מאיר טומטום קומט אין „גרייזן" צום אויספיר, אַז ס'זענען דאָ אַזוינע עולמות ווו אַלע גרייזן קערן זיך אום צום אמת...". והא ראיה, גבריאל, וואָס איז צוליב אַ גרייז אין ר' בערישעס חריפס ספר „אמרי דב" געוואָרן אַ שוסטער און „אַפילו פריצים האָבן באַשטעלט ביי אים שטיוול און קאַמאַשן", איז נאָך ר' בערישס פטירה געוואָרן אויפגענומען פאַר רב, איבערגענומען די ישיבה און געהייסן די תלמידים, זיי זאָלן לערנען אַ מלאכה. אָפגעווישט ווערט די מחיצה צווישן עולם העשיה און עולם החזיון. אַנשטאָט כישופמאַכעריי קומען נסים. זיי ווערן ממש אַרויסגעשלעפּט פון די לצנישע כישוף־נעצן און קומען מיט שעפערישע כוחות, טוען ווונדערלעכע זאַכן. בעלי תשובה גלייכן זיך אויס מיט צדיקים גמורים.

דורך שרעקן און פחדים איז דער מענטש גלייביק געוואָרן, האָט אָנגעהויבן רייסן די אויגן צום הימל און נאָכקוקן דעם גאַנג פון זון, לבנה און שטערן, געגומען זינגען לידער צו שיינקייט. אַלע קונסטן האָבן זייער אורשפּרונג אין דער מיסטישער שרעק. נאָך די נעכט פון קאָשמאַרן, געוואַלדן, ווילדע שרעק־געשפּענסטער און אַלערליי כישוף־מעשיות האָט באַשעפעניש אויסגעכישופט די געשטאַלטן פון נחמן דעם פרוש, וואָס דערוויסנדיק זיך, אַז ער האָט גערעדט לשון הרע טוט ער אַ נדר צו ווערן אַ שותק; פונעם שוחט, וואָס „דאָס שעכטן יעדע דקה, יעדע גסה האָט אים וויי געטון ווי ער וואָלט געשניטן דעם אייגענעם האַלדז; פון דער צעפייניקטער ליבע־יענטל, וואָס קען נישט פאַרגעסן איר געשטאָרבענעם חתן. כדי זיך דורכצונעמען מיט די דאָזיקע געשטאַלטן האָט מען פריער געדאַרפט דורכגיין אַלע פינצטערע פלאָנטערנישן ביזן דערזען די אַנדערעווירקלעכקייט, וואָס איז איבערן געוויינלעכן תהום און אַנטפּלעקן די עולמות פון קדושה, וואָס האָבן זייערע אייגענע סודות און פנימיות'דיקע אוואַנטורעס אין די ספערן פון שירה און חכמה...

מענדל מאַן —

„נאַכט איבער גלושינא"

מענדל מאַן האָט שוין מיט זיינע ערשטע נאָוועלן פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט צווישן אונדזערע פיינערע דערציילער. שוין אין „אויפגעוואַכטע ערד", „אין אַ פאַרוואַרלאָזטן דאָרף", „ביי די טויערן פון מאָסקווע", האָט מאַן באַוויזן, אַז ער האָט זיך זיין אייגענעם איבערצייגנדיקן טאָן און אייגענעם וועג, אויף וועלכן ער גייט — און דערגייט — צו זיין ציל מיט קליינע, פאַמעלעכע, אָבער איינגעשפּאַרטע און זיכערע טריט. האָט אונדז דעריבער נישט געוואונדערט וואָס מיר האָבן אויך אין דאָזיקן בוך געפונען אַ רייכקייט פון קינסטלערישע פּרטים, וואָס זאַמלען זיך, שנירלען און ציען זיך אַזוי לאַנג ביז זיי דערגרייכן זייער ציל. אונדז האָט נישט געחידושט די האַרמאָנישע גאַנצקייט פון אַ פיין־אויסגעאַרבעטער מאָזאַיק, נישט די גרויסע פאַרשטענדעניש פאַר מאָס און די קינסטלערישע ערלעכקייט.

אין „נאַכט איבער גלושינא" שילדערט מאַן די איבערלעבונגען פון אַ גרופּע רוסישע סאָלדאַטן, וואָס ווערן אָפּגעריסן פון זייער איינהייט, ווערן פאַרוואָרפן אין אַ העק אין דעם וויסטן גלושינע, ווו זיי באַשליסן איבערצוּוואַרטן די מלחמה. עס שטאַרבט דער לייטענאַנט וואָס האָט מיט זיי אָנגעפירט. דזשיגיטאַ נעמט איבער די אָנפירונג. עס קומען אָן שווערע טעג. דאָס אָרעמע דערפל גלושינע איז נישט אומשטאַנד אויסצוהאַלטן די סאָלדאַטן. דעמאָלט אַנטשטייען קאָנפליקטן, וועלכע טרייסלען אויף מיט זייערע טיפע און שטאַרקע איבערלעבונגען.

אַן אַנדערער אויף מענדל מאַנס אָרט וואָלט פון די צוויי הונדערט זייטלעך געמאַכט דריי מאָל אַזויפיל, און עס וואָלט נישט געווען קיין סך. דאָס מאַטעריאַל איז אַזוי רייך, אַזוי וואָגיק, אַז ס׳איז פשוט אַן עוולה פון מאַנען, וואָס ער האָט עס איינגעשמעלט אין אַ סדום־בעטל.

בלויז די געשטאַלט פון דזשיגיטאַן, וואָס איז די פאַרקערפּערונג פון סטאַלינען, איז אַ בוך פאַר זיך. ס׳קאָן זיין, אַז דער ייד בורגין וואָס איז געהאַלטן די גאַנצע צייט, אַזוי ווי הינטער אַ דורכזיכטיקער פאָרהאַנג, איז אויך אַ געשטאַלט פון איינעם פון די קאָמוניסטישע פירער אין רוסלאַנד. אָבער ער איז דאָ געגעבן מיט צו־קאַרגע מיטלען, ווי ער וואָלט זיך געשעמט אים צו דערגרונטעווען, צו דערציילן וועגן אים דעם גאַנצן אמת. מ. מאַן וויל מיט די דאָזיקע סאָלדאַטן ווייזן דעם מעכאַניזם פון דיקטאַטאָרישן הערשן. אין הסכם מיט דער דאָזיקער טענדענץ וואָלט ער געדאַרפט געבן די דירעקטע שילדערונגען פון דער סביבה פון וועלכער זיי וואַקסן אַרויס. מאַן גיט אָבער וועגן דעם בלויז אַ לייכטן אָנדייט, אויף אַן אייליקן און קאָנספּעקטאַרטיקן אופן. דאָס פירט אומפאַרמיידלעך דערצו, אַז מיר זעען נישט קיין קלאָרע פנימער פון די, וועגן וועלכע דער מחבר דערציילט.

אָבער דאָס שטערט אונדז נישט. פאַרקערט, דאָס העלפט אונדז איינצוזאַפּן אין זיך די שווערע לופט אַרום זיי, ווייל זיי דרייען זיך אַלע אַרום ווי שאָטנס.

ווי זייער שווערע פינצטערקייט באַוועגט זיך און שוועבט צווישן שקר און מאָרד. ווי רוחות. און אויב מיר זעען נישט יעדעס פּנים באַזונדער, זעען מיר און פילן, עס איז די פינצטערע נאַכט איבער גלושינע.

פאַרלוירענע מענטשן זענען די איינוואוינער פון גלושינע, גאַלינאַ די גלושינערין, אַרמאַדין און צענדליקער אַנדערע דורכגעליטענע פון פּיין און ליידן, פון זנות און נאַיווער פרומקייט, פון שטילקייט און אויפבריוז, פאַרטראַגענע, דערשראָקענע, ווי דאָס ווייטע ווידערקול פון דער וועלט־מלחמה, וואָס קוילערט זיך אַרום זייער דאָרף.

אין „נאַכט איבער גלושינאַ", ווי אין די אַנדערע דערציילונגען פון דאָזיקן אינטערעסאַנטן בוך, פילט זיך דער אָטעם פון אַן אָריגינעלן קינסטלער, וואָס ביי דער גאַנצער רייכקייט פון שפּראַך און געדיכטער מאָלערישקייט באַקומט זיך קיינמאָל נישט דער איינדרוק פון שפּראַכלעכער איבערלאָדונג. עס איז פאַראַן אין זיי די עכט־קינסטלערישע פּראַפּאָרץ, וואָס לאָזט נישט אָפּשוואַכן דאָס אויפנעמען דעם גרונט־געדאַנק פון יעדן בילד.

די אַלע פּערסאָנאַזשן, די אַלע געשעענישן זענען דורכגענומען מיט אַ הויכן פיבער. ס'איז אַ געזאַנג אין דער נאַכט אַריין. אָט דערנענטערט עס זיך, דאָס געזאַנג, אָט קומט עס פון ווייט, צעשויבערט, נישט לויט אַלע כּללים און דינים פון דער קלאַסישער פּראָזע, אָבער ביים לייענען פיבערט מען מיט.

אַ האַרמאָנישע גאַנצקייט איז די שילדערונג פון גלושינאַ מיט אירע מענטשן. יעדער טיפּ איז איבערציייגנדיק און אויסגעהאַלטן פון דער ערשטער מינוט ביזן סוף. אַלץ איז דאָרט אמתדיק און רירנדיק. קיין איין איבעריקער שטריך, קיין איין געקינצלטער טאָן. דער מחבר האָט די גויט פון רוסישן מענטש געמוזט דורכלעבן גאָר טיף, אויב ער האָט זי געקענט אַרויסברענגען אַזוי לעבעדיק און מיט אַזויפיל פּשטות און קלאָרקייט. אין דעם אוממיטלבאַרן קינסטלעריש־איבערציייגנדיקן טראַגיזם, אין וועלכן גלושינאַ איז אונדז געגעבן, דערהויבט זי זיך ממש צו דעם סימבאָל פון פאַרפּייניקטן רעכטלאָזן מענטש אונטער דער הערשאַפט פון ענקאַוודע.

פּיין און קינסטלעריש איבערציייגנדיק זענען אויך געגעבן די געשטאַלטן אין די ישראל־דערציילונגען. מיט איינצלנע כאַראַקטעריסטישע שטריכן גיט זיך מאַנען איין צו שאַפן לעבעדיקע טיפּן, וועלכע באַווירקן אונדז מיט זייער אמת. עס זענען אָריגינעלע בילדער פון היגן לעבן, אָן פאַרשלייערונגען. אַלץ, וואָס ער האָט דאָ געזען און דורכגעלעבט, האָט ער געלאָזט אויסשטיין פאַר אינהאַלטלעכער פאַרטיפונג און פאַרמעלער געשטאַלטיקונג.

נישטאָ אין די דערציילונגען קיין שום זיסלעכס און דאָך זענען זיי רירנדיק. אין פאַוועלן, גיזעלען, טאַמאַרען, גאַבושן און עדנהן, דערקענען מיר די מענטשן, מיט וועלכע מיר טרעפן זיך יעדן טאָג. מיר וואָלטן אפילו געקענט צוגעבן נאָך שטריכן, וואָס דער מחבר האָט פאַרפעלט, און דאָך אַנטפּלעקט ער פאַר אונדז עפּעס נייעס אין די דאָזיקע מענטשן, ער ווייזט אונדז די פּאָעזיע פון זייער לעבן. דאָס לעבן, וואָס מיר קענען גוט; זייער בענקשאַפט, מיט וועלכער זיי בינדן אונדז צו צו זיך; זייער נשמה יתירה אינמיטן דער גרויער וואָכעדיקער מאָטערניש.

גרשון סאַפּאָזשניקאָוו —
דער גורל פון יידן
צווישן די אומות העולם

גרשון סאַפּאָזשניקאָווס בוך „דער גורל פון יידן צווישן די אומות העולם" איז אַן אַנאַליטישער אַריינבליק אין דער מלחמה־טרילאָגיע פון מענדל מאַן, וואָס נעמט אַרום „ביי די טויערן פון מאָסקווע", „ביי דער ווייסל" און „דאָס פאַלן פון בערלין". מער ווי איבער די קינסטלערישע אַספּעקטן פון דער דאָזיקער גרויסער ליטעראַרישער שאַפונג, שטעלט זיך סאַפּאָזשניקאָוו אָפּ אויף דעם אַספּעקט פון דער יידישער טראַגיק, וואָס איז געשטעלט אין צענטער פון מאָנומענטאַלן ווערק און ציט זיך איבערן גאַנצן דערנערוועג פון רוסיש־מאָרדאָווישן דאָרף טענגושיי ביז מאָסקווע און פון מאָסקווע ביז וואַרשע און פון וואַרשע ביז בערלין.

די אויפּטרייסלענדיקע וועלט־געשעענישן זענען גורלדיק און טראַגיש פאַרן יידישן פאָלק. אין דאָזיקן גורלדיקן גראַנגל קעגן גרעסטן שונא פון דער מענטשהייט, וואָס האָט געדאַרפט פאַראייניקן רוס און ייד אין זייער געמיינזאַמען ציל צו באַזיגן דעם פיינט, איז אָבער געבליבן די איינציקע מחיצה, די שנאת ישראל, וואָס באַשטימט דעם גורל פון ייד צווישן פעלקער. דער ייד קען בשום אופן נישט פטור ווערן פון זייער אייביקער שנאה, וואָס אין פאַרוואָרפענעם דאָרף זעט זי אויס צו שלאָפן און ווען קיינער וועקט זי נישט קומט אפילו אויף די ליבע און וואַרעמע צווישנמענטשלעכע באַציאונגען, אָבער ביים ערשטן צוזאַמענשטויס קריכן אַרויס די ווערעם פון די אַלטע אטאַוויסטישע אינסטינקטן און די שנאה צום פרעמדן, צום ייד, וואָס הערט נישט אויף צו שפּילן זיין היסטאָרישע ראָל פון אַ שעיר לעזאזל צווישן פעלקער.

גרשון סאַפּאָזשניקאָוו האָט זיך דאָ פאַרמאָסטן אויף אַן אַרבעט, וואָס דאַרף אונדז באַווייזן, אַז די שנאת ישראל איז דאָס צענטראַלע פּראָבלעם פון מענדל מאַנס טרילאָגיע, אין וועלכער עס קומט אַרויס דער גורל פון יידישן יחיד פאַרבונדן מיטן כלל אויף לאַנגע דורות. אַפילו אויפן פראָנט קעגן אַ געמיינזאַמען שונא גייט אים נאָך די שנאה און די פאַראַכטונג, וואָס וואָרצלט טיף אין דער נשמה פון רוסישן מענטש. נישט געקוקט אויף דער העלדישקייט פונעם יידישן סאָלדאַט, וואַרפט מען אים פאָר פחדנות. ער רייסט זיך אין שלאַכט צוליב דער דאָזיקער פחדנות. די שנאה צום ייד איז באַזירט נישט בלויז אויף נאַרישע פאָראורטיילן, נאָר אויך אויף וווּלגאַרע און נאַטירלעכע אייגנשאַפטן, איז אין בלוט און ציט זיך דורך יאָרטויזנטער ווי אַ בלוטיקער שנור פון ברודער־מאָרד.

די דאָזיקע אַרבעט פון גרשון סאַפּאָזשניקאָוו איז נישט סתם קריטיק. עס איז אַן אַריינבליק פון אַ דענקער און זיינע אַנאַליזן, באַמערקונגען, באַלייכטונגען זענען נישט באַפרייט פון זיין פסיכאָאַנאַליטישן צוגאַנג צו ליטעראַרישע ווערק און דאָס פאַרלייכטערט אים צו אינטערפּרעטירן שילדערונגען, געשעענישן און

דיאַלאָגן, אַוועקשטעלנדיק זיי אין ליכט פון דער אינטימער שאַפונגס־פּסיכאָלאָגיע, לויט וועלכער די שאַפונג רייסט זיך אָפּ פונעם מוטער־באָדן, ווערט אַ בריה פאַר זיך און האָט זיך איר אייגן לעבן, איר אייגענע געשיכטע. אמת, אין מענדל מאַנגס טרילאָגיע פאַרנעמען אַ סך אָרט די מיאוסע פּרצופים פון שונאי ישראל, וועלכע נוצן אויס יעדע געלעגנהייט צו שלאָגן דעם ייד און גיבן אים צו פילן, אַז ער איז אַ פרעמדער, אָן אונטערשיד צי ער איז אַ געוויינלעכער סאָלדאַט צי אַ פאַרדינסט־פולער גענעראַל. מענדל מאַן שטרייכט אָבער אומעטום אונטער, אַז די שונאים קומען פון רעזשים, פונעם פאַרטייאישן אָדער פּאָליציייאישן אַפּאַראַט. דאַקעגן דעם פאָלק, די מענטשן פון טענגושיי איז אינגאַנצן פרעמד די בלינדע שנאה, בכלל קען מען אין דער טרילאָגיע זען אויך אַ הימן צום רוסישן פאָלק, וואָס האַסט דעם רעזשים. פון שנאה צום רעזשים זענען זיי אַוועק דינען דעם דייטש. דאָס האָבן געטון גאַנצע פעלקער, אַרמייען, אָבער דאָך לערנען זיי נישט אויפן גאַנצן פאָלק. דאָס פאָלק האָט זיך העלדיש געשלאָגן, ווייל עס האָט ליב געהאַט זיין פאָטערלאַנד. פון פאָלק ברענגט מענדל מאַן אַרויס ווונדערלעכע מענטשלעכע געשטאַלטן, פשוטע זעלנער און הויכע אָפיצירן, וואָס די פריינדשאַפט און איבער־געגעבנקייט צו זייערע יידישע שלאַכט־חברים איז אַזוי נאַטירלעך ווי דער ווילן צו באַזיגן דעם געמיינזאַמען שונא. סאַפּאָזשניקאָוו זעט אָבער די שנאה ווי אַ פּסיכאָ־אַנאַליטיש פּראָבלעם. אַ פּראָבלעם פון פאַרדרענגטן ליידנשאַפטלעכן האַס און וואַקסט אויס צו אַ גורלדיקער באַשערטקייט, מיט וועלכן דער ייד מוז זיך ראַנגלען זינט אייביקע צייטן.

אין קאַטאַקליזם פון מלחמה־שגעון באַזינגט מענדל מאַן די נשמה פון רוסישן מענטש, אָבער גלייכצייטיק ברענגט ער אַרויס די פאַרבאָרגענע אינסטינקטן, וואָס לויערן אין די אונטערבאַוווסטזיניקע שיכטן. עס איז אוממעגלעך דורכצודרינגען זייער תמצית, סיידן מיר קענען אויפכאַפּן דעם מיסטישן כאַראַקטער פון די כוחות, וואָס זענען אין זיי פאַרוויקלט. דאָס מיז נישט דווקא זיין די מיסטיק וואָס ווערט געבוירן פון מעטאַפיזישן טראַכטן, נאָר די וואָס שיילט זיך אַרויס פון קינסטלערישן איבערלעבן. סאַפּאָזשניקאָוו צילט דורכאויס צו יענעם פינטעלע אין דער טיפעניש פון דער מענטשלעכער פּסיכיק, וואָס אָפּהענגיק פון יחיד אין אַלע זיינע צייט־וואַנדלונגען, בלייבט עס אַמאָל אין אַ קאָשמאַרן צושטאַנד, אַמאָל ווידער צעפלאַקערט עס זיך ווי אַ העליש פייער און גליט פונאַנדער אַלדאָס אַרומיקע. דאָס דאָזיקע פינטעלע וואָרצלט אין דער ספערע פון אינסטינקטן, קעגן וועלכע יעדער שכלדיקער אַרגומענט בלייבט אומבאַהאָלפן.

כ׳נעם זיך נישט אונטער דאָ צו באַהאַנדלען דעם גאַנצן טראַקטאַט וועגן דער קעגנזייטיקער באַציאונג פון ליטעראַטור און פּסיכאָאַנאַליז. מיין ציל איז נאָר אָנצומערקן, אַז סאַפּאָזשניקאָוו באַפרידיקט זיך נישט מיט סתם אָפּשאַצן מענדל מאַנס מלחמה־טרילאָגיע, נאָר שטעלט עס אַוועק ווי אַן אַנטפּלעקונג, וואָס ווייזט דעם גורל פון ייד צווישן פעלקער און האָט מיט פּסיכאָלאָגישער פּאַרטיפּטקייט און זעלטענער ליטעראַרישער קענטשאַפט פונאַנדערגעוויקלט אַלע פּראָבלעמען, וואָס זענען אויפגעוועקט אין דער טרילאָגיע.

יוסף ערליך — שבת

מיט זיין ניי־דערשינענעם בוך „שבת״ איז יוסף ערליך ערגעץ־ווו צוגעקומען און ווי נאָך אַ לאַנגער בלאָנדזשעניש, האָט ער פריי אָפּגעאָטעמט, האָט זיך דערפילט אין פולער רייפקייט, האָט דערפילט זיין סטיל, די קראַפט פון געצוימטער און אָביעקטיווער פּראָזע און אין קאָנטראַסט צו זיין פריערדיקן בוך „עד האחרון״, איז „שבת״ רייף ווי אַ צייטיק־אויסגעשטאַנענע פרי.

דאָס איז דער שבת פון זיין שטעטל, וועלכן ער האָט נאָך פריער פּאַראייביקט אין זיין בוך „וואָלבראָם״, וואָס איז דערשינען אין יידיש און אין דער העברעאישער איבערזעצונג פון שמאי מאַנדל. די לאַנדשאַפט, די מענטשן, די מיליע זענען אונדז היימיש. מיר קאָנען זיי סיי אין לעבן, סיי פון דער ליטעראַטור און דאָך איז עס ערליכס אייגן שטעטל. ער ווייזט אונדז זיין אייגענע באַציאונג צום שטעטל, צו די איינפאַכע אויסגעהאַלטענע יידן, פריי פון געפילן־פלאַנטער, געזונט, סימפּאַטיש און וואַרעם.

עס איז אַ קינסטלערישע מצבה אויפן יידישן לעבן אין שטעטל, וואָס איז מער נישטאָ, לעבט נאָר ווי אַ היסטאָרישע דערינערונג און איז אַזוי באַוועלט געוואָרן דורכן רוב יידישע שרייבער פאַרן חורבן. מיטן ריכטיקן געפיל פון אַ שרייבערישן טאַלאַנט האָט יוסף ערליך זיך אומגעקערט צום שבת, ווי צו אַן אור־עלעמענט פון יידישן לעבן אין שטעטל און עס איז ווי דער גרויסער טאָג שבת וואָלט באַשיינט פאַרהאַרטעוועטע וואָר פון אַ גאַנצער וואָך.

די דערציילונג שפּינט זיך אין און אַרום אַ ווינטערדיקן שבת, ווען דאָס שטעטל איז פאַרקאָוועט אין פראָסט און דער שניי סקריפּעט אונטער די פיס. דער יאַריד האָט זיך נאָר וואָס געענדיקט און פּייזול, דער הויפּט־העלד פון דער דערציילונג, נעמט ביי פאַרהעמערטע טיר און פענצטער ציילן דעם פדיון און בלייבט „זיצן מיט אַן אָפן מויל, ווי ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס ער האָט נישט מער קיין באַנקנאָטן, ער זאָל קאָנען ציילן ווייטער — — עס פעלן צוויי גילדן צום שבת״. זיין ווייב, יאַכעט, ברענגט דעם שבת אין שטוב אַריין, לויפט פון איין געסל אין אַנדערן, פון קצב צום בעקער, פון פישער צום מילכיקער און שפּייז־קרעמער, ביז אַלץ איז שוין גרייט און עס קומט די שעה פון מקבל־שבת־זיין און „די שיין פון די ליכט האָט זיך צעגאָסן איבער דער שטוב. די ווינקלען פון דער שטוב זענען געוואָרן העל. די ליכט־פלעמלעך האָבן זיך אַ צי־געטאָן אין דער הויך — — — זי האָט מיט די הענט פאַרדעקט דאָס פנים און געבענטשט: „...אשר קדשנו במצוותיו וצונו להדליק נר של שבת״. איר קול האָט געציטערט. איר האַלדז איז געווען אויסגעשטרעקט. די וואַרעמקייט אין שטוב האָט אַ פלאַטער־געטאָן״. אַלץ, וואָס געשעט ווייטער, איז ווי דורכגענומען מיטן ליכט און מיט דער וואַרעמקייט פון דער יידישער שטוב קעגן פראָסטיקן דרויסן...
עס איז דאָס ליכט, וואָס האָט געגעבן אַ זין און תוכן דעם לעבן און שטאַרבן פון

אומצאָליקע דורות. ווער ווייסט, צי דער גרויסער ליידנס־וועג פון די דורות, דער שווערער בלוטיקער און מיזאָמער שליאַך איבער דער יידישער געשיכטע ציט זיך נישט ווי אַ טיפע בענקשאַפט צום דאָזיקן ליכט, צום אייביקן שבת?!

וואָס קען נאָך מער צופרידנשטעלן דעם שרייבער ווי דאָס אויפרודערן אין האַרצן פון לייענער אַ גאַנצע נעסט פון מחשבות, פון נאָגנדיקע און בענקנדיקע געפילן? יוסף ערליכס „שבת" געהער צום מין דערציילונגען, וואָס רודערן אויף אפילו גלייכגילטיקע הערצער, באַוועגן זיי צו טראַכטן וועגן זאַכן, וואָס זענען צוגלייך אַזוי לעבעדיק און אַזוי טויט, אַזוי פשוט און אַזוי פול מיט סודות פון אַן אומבאַגרייפלעכן גורל. די האַנדלונג אין „שבת" לאָזט זיך נישט איבערדערציילן. נישט אין דער מעשה ליגט דער עיקר פון דער דערציילונג, נישט אין די רעאַליסטישע שילדערונגען, נאָר אין דער שטימונג, וואָס ליגט אויסגעגאָסן איבערן גאַנצן סיפור־המעשה. אין תוך גענומען איז אַלץ, וואָס ערליך שרייבט וועגן שבת אין שטעטל, אַ שטיל געזאַנג אין פּראָזע וועגן יידישן שטייגער. שטילע רו און הייליקייט פון דער מלכה־שבת הילט אַרום נישט בלויז די שטוב פון פייוול און יאַכעט, דוד און זלאַטקעלע, נאָר אויך אַלע שטובן און געסלעך פון שטעטל. דאָס גאַנצע שטעטל איז שבתדיק, און די מענטשן אינעווייניק לעבט דער שבת, איז שבת. זעט, זאָגט ערליך, וויפל ליבע, וויפל ליכט עס האָט געוויילט ווי אַ ברכה איבער די קעפּ פון די מענטשן אין אַמאָליקן יידישן שטעטל!

דער בעכער פון לעבן איז דער שבת־בעכער, וועלכן ערליך טראָגט איצט אַ פולן אַקעגן דער מידער וועלט פון היינט, פון וואָך. מיט שטילע הענט רוקט ער פונאַנדער דעם פאָרהאַנג איבערן פאַרשניטענעם יידישן לעבן און ווייזט שטילע יידישע שיינקייט, הייסע ליבע פון אַ יידישער מאַמע, פרומע האַרציקע ליבשאַפט פון שרה בת־טובים, וואָס האָבן באַשיינט די אָרעמקייטן פון דער יידישערווירקלעכקייט, וועלכע מענדעלע האָט אַזוי אויסגעלאַכט און י. ל. פרץ איז געשטאַנען פאַר זיי ווי פאַר אַ בלוטיקער טראַגעדיע אָן אַן אויסוועג; שלום אַש, פאַרשיכורט פון ראָמאַנטיק, איז געקומען צום שטעטל ווי אַ צושויער צום טעאַטער און געקוקט דערויף ווי אויף אַ צניעותדיקער כלה, וואָס בענטשט שבת־ליכט. ביי ווייסנבערגן נעמען־צו די ניי־מאָדנע אידעען דאָס ספּעציפיש־יידישע פּונעם שטעטל, ברענגען עס אַריין אין אַלגעמיינעם לעבנס־שטראָם און ליידיקן עס סוף־כל־סוף אויס פון אַלץ וואָס איז יונג און קרעפטיק. ביי בערגעלסאָנען באַוועגן זיך די מענטשן ווי נישט־דערשאָסענע פייגל. מען מאַכט מיט די פליגל און דאָס בליי אין לייב ציט אין אייביקער פּוסטקייט צו דער ערד. אין ערליכס שטעטל אין די לופט אָנגעפילט מיט דער פשטות און תמימות פון פאַרהאָרעוועטע מענטשן, מיטן גאַנצן צוטרוי צום אייגענעם טאָן. זיי האַנדלען און וואַנדלען, פאָרן, רעכענען און טוען כלערליי מלאכות. אויף אַלע זייערע טיפן, הגם געצייכנט ווי סקיצנהאַפטיקע סילועטן, ליגט דער חותם פון לעבנס־עקשנות. זיי פאַרמאָגן קאָנפליקטן און אפילו נעגאַטיווע, שאָטנדיקע זייטן פון לעבן און דאָך שוועבט איבער זיי דאָס שבת־געזאַנג און פונקט ווי אין בית־המדרש רוט די שכינה אויך אין זייערע שטובן און עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז ער

רעדט מיט אַ כוונה אַזוי שטיל, צו־שטיל, צו־אײַנפּאַק, צו־פּאַרבלאָז, צו־פּאַוואָליע, ווייל ער וויל הינטער דעם אַלעם באַהאַלטן דעם סוד פֿון דער גרויסער יידישער בענקשאַפֿט צום שבת.

אין פּיין־געשליפֿענים עסיי, וואָס פּראָפֿ. דב סדן שרייבט ווי אַ הקדמה צו יוסף ערליכס בוך „שבת", זאָגט ער צוו. אַנד.: „די עובדא פֿון ספֿר איז אַן עפּישער, צומאָל נאָר פּלאַסטישער דין־וחשבון איבערן איין־און־איינציקן טאָג פֿון דער וואָך, וואָס פּאַר אַ שפֿע פֿון איבערלעבענישן עס האָט אים אויס־געפֿילט. אָבער עס איז מער פֿון אַ דין־וחשבון. עס איז אויך אַ רמז זיך צו באַקלערן, צי פֿאַרשטייען מיר, וואָס אונדזערע שטעט און דערפֿער אין אונדזער לאַנד האָבן אָנגעוווירן, וואָס דער שבת איז פֿאַר זיי לאַנג נישט דאָס וואָס ער איז געווען אין דער לעבעדיקער יידישער קהילה, אַן אַבסאָלוט אַנדערער טאָג, אין דעם וווּנדערלעכן סינטעז פֿון מנוחה און קדושה; צי פֿאַרשטייען מיר, אַז איפּכא מסתברא: אויב דאַרט אין דער פֿרעמד האָבן מיר געהאַט אַזאַ גדולה, דאָ אין דער היים לא כל שכן".

דער לעצטער טאָג פֿון וועלט־באַשאַף איז דער טאָג פֿון שבת. לאַנג און פֿיל זענען די וואָכן־טעג און קורץ איז דער שבת־טאָג, אָבער איין טאָג שבת וועגט אַריבער אַ גאַנצע גרויע וואָך. דאָס איז דער שבת, וואָס דער ייד אין שטעטל האָט געטראָגן אין זיך און געטרוימט פֿון אַן אחרית־הימים — אַ שבת אויף דער גאַנצער וועלט.

נאָענטע ווייטקייטן

אין דער דאָזיקער דערציילונג פֿון יוסף ערליך, „מרחקים קרובים" איז, ווי אין זיינע פֿריערדיקע דערציילונגען, דער עיקר דער מענטשלעכער תוך, סיי דער געיאָמער פֿון די עלנטע און ליידנדיקע און סיי דאָס געזאַנג פֿון גוט־האַרציקע און ערלעכע. דערביי האָבן זיי אין זיך אַ תמצית פֿון יידישן כאַראַקטער, די גרויסקייט פֿון יידישער קעגנזייטיקער הילף, כאָטש מ'דאַרף אין זיי נישט זוכן גרויסע כאַראַקטערס, נישט קיין גרויסע העלדן און נישט קיין שטאַרקע דראַ־מאַטישע קאָנפֿליקטן. דערפֿאַר איז אָבער פֿאַראַן אין זיי אַ גרויסע, כאָטש שטילע, בענקשאַפֿט נאָך דעם ליכטיקן, שיינעם און פֿרידלעכן.

אין „מרחקים קרובים" איז די הויפּט־העלדין אַ יונגע פֿרוי, בתיה, אַן אָפּגעראַטעוועטע פֿון היטלעריסטישן טויטן־לאַגער, קומט קיין ישראל צו אַ שוועסטער, די איינציקע לייבלעך־נאָענטע, וואָס איר איז געבליבן פֿון דער גאַנצער משפּחה, אָבער אַנשטאָט פֿרייד פֿון אָפּגעפֿינען, דאָמינירט דאָ דער קאָשמאַר פֿון די דורכגעמאַכטע איבערלעבענישן, וואָס לאָזט איר נישט אָפּ טאָג און נאַכט, אין שטוב, אין גאַס און ביי דער אַרבעט. יעדער אָנגעטראָפֿענער מענטש וועקט אין איר פּחד, אַלץ דערמאָנט איר אין יענעם דורכגעמאַכטן גיהנום, אין איר קינד, וואָס

די היטלעריסטן האָבן אַרויסגעריסן פון אירע הענט; אין אַלע בעסטיאַלישע יסורים און מאָרדן, וואָס זי האָט זיך אָנגעזען. זי לעבט אין כסדרדיקער מרה־שחורה. פון איר פאַרפינצטערט פּנים און האַלטונג יאָגט מיט וואַנזין, אָבער נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, איז די אַטמאָספער אין דער דערציילונג נישט קיין קאָשמאַר־האַפּטיקע.

די וועלט, וואָס דער שרייבער שטעלט אַנטקעגן דער דאָזיקער שווער געליטענער פרוי, שטראַלט מיט אײדעלער מענטשלעכקייט. דאָס דערפירט, אַז כאָטש אין תוך איז דאָך בתיה די הויפּט־העלדין, פאַרמאָגט זי אָבער נישט דעם כּוח אויסצוהאַלטן דעם גאַנצן בנין פון דער דערציילונג. זי שטרעבט דאָך צו גאָרנישט, האָט אַפילו נישט קיין אייגענעם געדאַנק, קיין אייגענעם ווילן. זי בלייבט טאַקע דער צענטער, צו וועלכן אַלץ ציט זיך, אָבער ווי פון זיך אַליין, ווערט דאָ די הויפּט־העלדין שפרה, וועלכע נעמט אויף איר אָפּגעראַטעוועטע שוועסטער נישט נאָר מיט גרענעצלאָזער ליבשאַפט, נאָר אויך מיט גרויס פאַר־שטענדעניש פאַר דעם צושטאַנד, אין וועלכן זי איז אַריינגעבראַכט געוואָרן. זי ווערט דאָ דער סימבאָל פון טויזנטער אַנדערע פרויען און מענער און מען איז די גאַנצע צייט דורכגענומען מיט באַוווּנדערונג פאַר איר גרענעצלאָזן אויסהאַלטן די שגעונות פון דער שוועסטער, פאַר איר אומגעהויערן אָנשטרענג צו באַפרייען בתיהן פון די קאָשמאַרן און אַריינפירן זי אין דער נייערווירקלעכקייט. אַזאַ איז אויך די וועלט פון איר מאַן יצחק, און זייער קינד וואָס פרייט זיך מיט דער נייער מומע, הגם זי ציטערט אויף פון זיין באַריר און אָנבליק. אַזעלכע זענען אויך די אַנדערע עפּיזאָדישע פיגורן אין דער דערציילונג.

יוסף ערליך ברענגט אַרויס אין דער געשטאַלט פון בתיה דעם חורבן, וואָס דויערט אין די אָפּגעראַטעוועטע פון די היטלעריסטישע טויטן־לאַגערן אויך נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך „רעסטאַווירט". עס איז טרויעריק. אויך דער שרייבער איז טרויעריק, אָבער נישט דעם טרויער איז ער אויסן אַרויסצוברענגען. ער וויל אויסגיסן זיין האַרץ אין אַ מין אייגענעם תהילים, אין אַ מין בערדיטשעווער טענה: זעט, וויפל שיינע און גוטע יידן עס לעבן אויף דער וועלט. זייער מיט־לייד מיט דער אויסטערלישער פרוי און אויפריכטיקער ווילן צו העלפן איר איז דאָס עכטע ליכט פון יידישער מענטשלעכקייט. די פרויען און מענער, יונגע און עלטערע, וועלכע באַוועגן זיך אַרום בתיהן, אין פאַבריק, אין גאַס, דערמאָנען אין אַמאָליקן יידישן שטעטל, וואָס איז אינגאַנצן אָפּגעווישט געוואָרן, אָבער דער זכר איז פאַרבליבן אין דער כאַראַקטעריסטיק פון די מענטשן, אין דער אַטמאָספער פון דער ישראלדיקער שכונה.

נישטאָ אין יוסף ערליכס דערציילונג קיין פאַרוויקלטע אַקציע, נישט קיין צופיל אינהאַלט און דאָך געשעט גאָר אַ סך. בתיהס לעבן איז טראַגיש אויך אין דער ליבשאַפט, מיט וועלכער זי ווערט אַרומגערינגלט. און ווען עס טרעט אַריין די ליבע פון יהודהן, דער בחור, וועלכער האָט געברענגט קיין ישראל די שיף מיט עולים, ווו עס האָט זיך אויך געפונען בתיה. איצט, נאָך יאָרן, באַגעגנט ער זי און די ליבע איז גלייך אין אָנהויב טראַגעדיע. ער פילט איר שווערן צושטאַנד, וואָס זעט אויס צו זיין אומהיילבאַר. ערלעכקייט און צאַרטע פאַרחלומטקייט

טרעפֿן זיך מיט פֿינצטערן קאַשמאַר, שיעור נישט אַן ערנסטישער קאָנפֿליקט, אָבער די ליבע איז אַ שטומער שיר השירים, אַ געזאַנג, וואָס טראָגט אין זיך דעם כּוח צו היילן. לאַנג האַלט נאָך אַן דער קאַשמאַר, אויך נאָך דער חתונה, אָבער עס איז שוין דאָ דער אָנזאָג, אַז דאָס לעבן וועט ווידער אויפֿגיין.

דווער און אָנזאָג

יוסף ערליכס נײַ בוך „קימאַ" אין דער עבֿרית־איבערזעצונג פֿון פּ. אורן, איז אַ בילד פֿון אַ שטיק ישׂראלדיקער ווירקלעכקייט אינעם לעבן פֿון נײַע עולים, איבערגעפֿלאַנצטע אויף נײַעם זאַמדיקן באָדן, יעדער מיט זײַן באַגאַזש איבער־לעבענישן פֿון די אַלטע היימען, וועד פֿון אייראָפּע און ווער פֿון אַפֿריקע. אַלע באַגלייט די פֿאַרגאַנגענהייט ווי אַ שאָטן און מער פֿון אַלע לעבט מיט אַלע חושים אין דער גרויליקער פֿאַרגאַנגענהייט די צענטראַלע געשטאַלט דוד, דער אַמאָליקער אינזשיניער, וועמענס אַלע נאָענסטע, ווײַב און קינד, זענען אומגעקומען אין די גאַז־אויוונס. ער איז געבליבן אַליין. דער שרײַבער ווײַזט אים אין אַ מעברה, האינטער נתניה, אויפֿן פּאַן פֿון אַ קיבוץ גלויות אין דער פּאַזע פֿון שווערע חבלי־לידה, אין וועלכע עס נעמט זיך אָקאַרשט אויספּיקן אַ ישוב, בשכנות פֿון שלווהדיקן דאָרף זכריה. אין דער דאָזיקער שלווה רײַסט זיך אַרײַן מיט דער גאַנצער שאַרפֿקייט רינהס טראַגעדיע. אין אַ לבֿנה־נאַכט, ווען יהודה און שמואל גייען מיט די ביקסן אויף שמירה, טרעפֿן זיך אָן אויף פֿעדאַיִנער און יהודה ווערט דער־הרגעט. רינה, די יונגע אַלמנה, בלײַבט אין דאָרף בײַ אירע עלטערן, זוכט טרייסט אין לערנען די קינדער פֿון דער מעברה און דאָ טרעפֿט זי דער גורל צונויף מיט דודן.

דאָס איז אייגנטלעך די אַקס פֿון דער דערציילונג, אָבער נישט די פֿאַבולע, דער סיפּור־המעשׂה איז דאָ דער עיקר, נאָר די סיטואַציעס, אין וועלכע די מענטשן ווערן אַרײַנגעוואָרפֿן, די מאָמענטן פֿון לײַדן און פֿון אײַנלעבן זיך אויף דעם נײַעם באָדן, אין דער נײַער ווירקלעכקייט, די אַטמאָספֿער פֿון אינעווייניקסטן אומרו און דאָס אַרויסקומען פֿונעם קלעם און דערגיין צום ברעג ; דאָס געבן קינסטלערישן אויסדרוק טיפֿן מענטשלעכן צער, גײַסטיקע יסורים, רירנדיקן טראַגיזם און פֿון אומגעצוימטער וויטאַליטעט, מיט אומדערשיטערטן גלויבן אין דער צוקונפֿט. יוסף ערליך אַנטפּלעקט זיך דאָ נישט בלויז ווי אַ דערציילערישער כּירורג מיט אַ דין און שאַרף לאַנצעטל, נאָר ווי אַ שרײַבער מיט אַ וואַרעם מיטפֿילנדיק האַרץ. ער איז קודם כּל זוכער פֿון מענטשלעכקייט אינעם מענטש. עס גייט אים ממש אין לעבן צו אַנטפּלעקן דאָס צערטלעכע און איידעלע אונטער דער מאַסקע פֿון מכלומרשטער פֿאַרהאַרטעוועטקייט סײַ בײַ די מענטשן אין דער מעברה און סײַ בײַ די וותיקים אין דאָרף. עס קוקט אויס ווי ער וואָלט אַליין געוואָלט אויסבענקען זייערע בענקענישן און מיטציטערן מיטן אויפֿציטער פֿון דער צאַרטער ליבע וואָס

גייט אויף אין די הערצער פון רינה און דוד. אין אים איז פאַראַן די אָפּשפּיגלונג פון דער יידישער טראַגיק נאָכן חורבן. דוד אַרבעט שווער, אָבער שוועבט כסדר אין די שווערע וואָלקנס איבער אוישוויץ און עס דויערט לאַנג ביז ער דערפילט דאָס לעבן אַרום זיך. אין זיינע חלומות זעט ער שקעלעטן, וואָס באַהאַלטן בגניבה קאַרטאָפל־שאָלעכטס און די שוידערלעכע סצענעס פון אומקום שטייען אים שטענדיק פאַר די אויגן. „אויך איך בין צווישן די טויטע" — זאָגט ער צו זיינע חברים, שמחה און טוביה, וועלכע ווילן אים צוריק אַריינציען אין לעבן און אַלע זייערע רייד שלאָגן אָפּ צוריק, ווי פון אַ טויבער מויער.

ביי דודס גאַנצער באַזונדערקייט און אויסטערלישקייט וויל ערליך אַרויס־ברענגען אין אים דאָס, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ סך אָפּגעראַטעוועטע פון די מוראדיקע שחיטות. ער זוכט אַריינצודרינגען אין די טיפעניש פון דער יידישער דראַמע, וואָס האָט זיך נישט געענדיקט מיטן סוף פון דער מלחמה. די שפורן פון אומקום זענען צו־טיף אין יעדן אָפּגעראַטעוועטן, נאָר גרויסע ליבע קען זיך זיי קעגנשטעלן נישט אונטערצוגיין.

דער שרייבער לאָזט זיין העלד אַריינקוקן אין אייגענעם געכטן נישט מיט קיין אויסגעלאָשענע אויגן און אָפּגעקילט האַרץ. נאָר מיטן גאַנצן פלאַם פון צאַרן און לעבנסדראַנג. טראַגיק פון אומקום און דינאַמיק פון לעבן זענען דורכגעפלאָכטן אין די עכטע בילדער פון שטילן לעבנס־שטייגער אין פּראָצעס פון ענדערונג. ערליכס דערציילמעטאָד איז: געבן עכטע בילדער פון לעבן, פון לאַנדשאַפט און שטייגער און זיי באַשטראַלן מיט דער וואַרעמער שיין פון זון־אויפגאַנג. דאָס טוט ער מיט פשטותדיקן שרייב־מאַניער און מיט ליבשאַפט צו זיינע מענטשן, וואָס ער האָט קענען געלערנט אין זייערע מעשים, מחשבות און געפילן.

יוסף ערליך איז בטבע אַ שטילער דערציילער, מיט אַן אייגנהאַלטענעם טאָן, ווי דער פלוס פון אַ שטיל וואַסער. ערגעצווו איז אין דער שילדערונג פאַראַן אַ רירנדיקע אידילישקייט, וואָס שטרייכט נאָך שטאַרקער אונטער די חורבן־איבערלעבענישן, וואָס דוד טראָגט אין זיין זכרון, און די טראַגיק באַשטייט דאָך טאַקע אין דעם, וואָס אָט די פּיין אין זכרון לאָזט אים נישט איינוואָרצלען זיך אין נייעם לעבן, אָבער ערליך פירט די אַקציע אַזוי, אַז דער לייענער זאָל כסדר האָבן דאָס געפיל, ווי אין צענטער פון דער דערציילונג שטייט אַ מענטש ביים אַנהויב פון זיין לעבן און אַז ער וועט לסוף געפינען זיין אָרט אין דער נייער אויפגעייענ־דיקער וואָר. די נייגונג אַרויסצוברענגען דאָס גוטע אין מענטש האָט אויך אַ לאָגישן און קאָנסעקווענטן אופן געפירט דערצו, אַז די דויערנדיקסטע פיגורן ביי ערליכן זאָלן זיין די, וואָס פאַרקערפּערן אין זיך די קווינטעסענץ פון עכטן און פיינעם, פון טיף־מענטשלעכן.

מיטן נאָמען „דויער", וואָס יוסף ערליך האָט געגעבן זיין דערציילונג, וואָס איז פריער דערשינען אין עברית, מיינט ער קיום, אויסהאַלטן און דאָס גייט צוזאַמען מיט בטחון, טיף־יידישן בטחון. יוסף ערליך איז אַ שטאַרק אָפּטימיס־טישער שרייבער, וואָס ווייסט, אַז דאָס לעבן שטייט איבער ליידן און פאַרגעניגנס. איז אַליין דער קוואַל פון אַלע שפּירונגען און דערפאַר איז זיין אָפּטימיזם נישט קיין פּראַגראַמאַטישער, קומט נישט ווי אַ פועל־יוצא פון תענוגים

פון גליקלעכע איבערלעבענישן צי געשעענישן. לעבן אין באַוועגונג, דאָ־זיין. דו־יער. דערפֿאַר איז דעם שרייבערס אָפּטימיזם אַ סך הכלדיקער און בראשיתדיקער. אַ טייל פון זיין טאַלאַנט, מיט וועלכן ער איז געבוירן און גיט אים דעם כּוח צו באַזיגן טרויער און ספקות, פֿאַרוואַנדלען פּעסימיסטישע עלעמענטן אין אָפּטי־מיסטישע.

ערליכס העלדן פֿעלן נישט קיין צרות, אַנטוישונגען און פּורעניותן. עס קורטשען זיך אין יסורים סיי די וואָס האָבן איבערגעלעבט דעם נאַציזשן גיהנום און סיי די, וואָס האָבן דורכגעמאַכט אַלערליי פּלאָגן פון מדבר און אַראַבישע רציחות, אָבער זיי ווערן אין גאַנג צום נייעם, צו אויפֿריכטונג, טראַנסמיטירט, איבערגעמאָלן און אָוועקגעשטעלט העכער איבער די וואָלקנס פון דאגות און עגמת נפש, וואָס דעקן צו דאָס שטיקל הימל פונעם מענטש. בלויז קורצזיכטיקע, שמאָל־קעפּלדיקע און ענגהאַרציקע גיבן זיך אונטער די צרות און זעען נישט דעם אויס־וועג, דערשווימען נישט צום ברעג, פֿאַרזינקען אין טרויער, ווערן פּעסימיסטיש.

אין ערליכס איינגעבוירענעם אָפּטימיזם ליגט דער סוד פון זיין שרייבעריש באַרג־אַרויף, זיין אינטענסיווער פּראָדוקטיווקייט און דערשיינען פון זיינע ביכער אין עברית און אין יידיש. די השגות, פֿאַרלאַנגען און שטרעבונגען פונעם שרייבער שטייען נישט אויף איין אָרט. זיי ווערן ראַפֿינירטער, זיי הויבן זיך אויף אין אַלץ העכערע ספערן און שפּרייטן זיך אויס אין ברייטערע רעגיאָנען, אָבער דער אָנשטרענג אין זיין שאַפֿן איז זיך אַראָפּלאָזן, טויכן וואָס נידעריקער פון דער אויבנאויפֿיקער גלאַטקייט, דאָרט ווו עס ווייזט זיך אויס, אַז דער מענטש טרינקט זיך אין יאוש און אויסזיכטסלאָזיקייט און עס שלאָגט דער ריח פון אַלע עלנטן אין דער וועלט, אָבער ער געפינט אויס ביי זיי דעם ווילן צו לעבן, דעם טעם פון לעבן און דעם כּוח צו דערגיין צום געוווּנטשענעם ציל.

דאָס גוטע ווי אַן אמת

יוסף ערליכס נייע דערציילונג „המהלך על כלונסאות״, וואָס מיינט דער גייענדיקער אויף שטאָלצן, איז שרייבעריש אַ שפּאַן ווייטער פון זיינע פֿריערדיקע דערציילונגען, דערשינענע אין יידיש און אין עברית. זיין צוגאַנג צום פּערסאָנאַזש, באַזונדערס צו די הויפּט־העלדן אילנה און עפרוני, איז אַ דירעקטער, אוממיטל־באַרער, מיט פּשטות. דער טאָן, די פֿאַרבן זענען וואַרעמע און מען קען דאָ געפֿינען סתירותדיקע קעגנזעצלעכקייטן, וואָס זענען פֿאַראַן אין מענטש, אָבער זיי פֿאַרנעפּלען נישט די דרויסנדיקע ווירקלעכקייט און נישט די אינערלעכע וועלטן פון זיינע העלדן. אדרבה. די ווירקלעכקייט קען זיך ענדערן, לאָזט זיך באַזיגן, אָבער די אינערלעכע וועלט בלייבט גאַנץ.

דאָס פּאַרפּאָלק אילנה און עפרוני זענען צוויי באַזונדערע וועלטן און עס איז אינטערעסאַנט סיי דער קאָנטאַקט צווישן זיי און סיי די קאָנפֿליקטן. דער

קאָנטאַקט איז ווייט נישט קיין האַרמאָנישער. שוין אין די ערשטע באַגעגענישן איז דאָ דער צוזאַמענשטויס פון קעגנזעצלעכע נאַטורן און כאַראַקטערס; דער צוזאַמענשטויס, וואָס טראָגט אין זיך דאָס פייער פון צוזאַמענגעקלאַפּטע שטיינער. די ערשטע באַגעגעניש צווישן די צוויי קעגנזעצלעכע כאַראַקטערן איז אַ רעזולטאַט פון אַ פריערדיקן קאָנפליקט צווישן אילנהן און ערנסטן. אילנהס ליבע־אַנטוישונג האָט זי דערפירט אַוועקצוגיין פון אירע עלטערן אין מושב און באַזעצן זיך אין שטאָט, וווּ די באַגעגעניש מיט עפרונין קומט ווי אַ גורלדיקע אומפאַרמיידלעכקייט. כאָטש ער איז אַ פולשטענדיקער ווידערשפּרוך צו איר אינטעלעקטועלן גיהנום און געפילן־וועלט.

עס זענען בפירוש אינטערעסאַנט אויך די קאָנפליקטן, דאָס קעגנשטעלן דער צאַרטער אילנהן דעם ברוטאַלן טיפּ פון אַ האָכשטאַפּלער, גענומען דירעקט פון ישׂראלדיקן לעבן, פון דער רעאַלער טאָג־טעגלעכקייט, פון אָבסערווירן מיט אַ שרייבעריש אויג דעם קאַריעריסט ביי זיין אַרבעט, אין דער פּאַרטיי. יוסף ערליך שטייט דאָ ממש אויפן באָדן פון פאַקטן און אָטעמט מיט דער לופט פון רעאַליס־טישער פּסיכאָלאָגיע. מען זעט ווי ער טוט זיך אָן אַ כוח נישט צו שאַנעווען נישט בלויז עפרונין, מלכהן, רפאלהן, נאָר אויך דעם אַלטן פּאַרטיי־טוער צור — מאַריאָנעטן פון די אַרומיקע באַדינגונגען ווערן באַוועגט דורך פעדעם, וואָס ציען זיך פון אויבן, פון היגטערקוליסן, מיטן כוח פון זייערע ווולגאַרע אַפּעטיטן פון אונטן. דאָס אָנטון זיך אַ כוח צו שילדערן זיי פּרטימדיק, אין שאַרפן איראָנישן ליכט, ערטערווייז מיט סאַרקאַזם, נעמט זיך דערפון, וואָס ערליכן איז בדרך כּלל ענג אין פּסיכאָלאָגישן רעאַליזם. ער פילט זיך בעסער ביים אויפהייבן זיך העכער און שוועבן פריי אין אַ רעאַליטעט, וואָס דערוואַרעמט און באַלעבט, ווי מיט זון־שטראַלן, די וועלט פוןליידנדיקן מענטש. די נעגאַטיווע כאַראַקטערס אין זיין דערציילונג זענען דערפאַר אין אַ געוויסן זין דעטערמינירט דורך אומצאָליקע אויסערלעכע פאַקטאָרן, וועלכע באַווירקן דעם לעבנס־גאַנג פון מענטשן און באַשטימען זייער גורל.

ביי אַזאַ איינשטעלונג וואָלט אָבער נישט געבליבן קיין אָרט פאַר הארץ און מענטשלעכקייט און דערמיט וויל ערליך בשום אופן נישט שלום מאַכן. איינעם דעטערמיניזם זעט ער אַן אָרט פאַרן שענערן מענטש. עפרוני איז טאַקע אויטאָ־מאַטיש אַ פּראָדוקט פון אינסטינקטיוון צופּאַסן זיך צו דער אַרומיקער סביבה און אַן אָרגאַנישער טייל פון דער סאָציאַלער אומגעבונג, אָבער אין דער זעלבער צייט איז אילנה די אַנדערע דימענסיע אין דער דערציילונג. איר טראַכטן און פילן שטראָמען פון די פאַרבאָרגענע קוואַלן פון האַרצן און מיט אַן עמאָציאָנעלער קראַפט באַשטימען זיי איר האַנדלען.

ערליך ווייזט אין דער דערציילונג אַ צענדליק טיפּן און אין דורכשניט זענען זיי אונדז באַקאַנט פון דער ווירקלעכקייט, אָבער דאָ שניידן זיי זיך אַריין אין געמיט, נישט ווייל דער שרייבער האָט זיי געזוכט צו באַלייכטן, נאָר דווקא, ווייל ער האָט געוואָלט זיי ווייזן אַזוי ווי זיי זענען, און ווען מיר ענדיקן לייענען די דערציילונג בלייבט ביי אונדז אַ בילד פון אַ גאַנצן אָפּשניט, פון אַ לעבנסשטייגער.

פון געשטאַלטן מיט אַן אייגענער מענטאַליטעט און באַזונדערן צוגאַנג צום לעבן, צו אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו וועלט און מענטש.

פאַראַן דאָ דערשיטערנדיקע מאָמענטן, אין אילנהס לעבן, אין די ליידן פון אירע עלטערן, אָבער ביי ערליכן ווערט די טראַגיק לסוף געלייטערט דורך אַ פריידיקן געמיט, וואָס ברעכט זיך נישט איין אונטער דער לאַסט פון דער ווירק־לעכקייט. דאָס איז ערליכס פאַרעקשנטער שרייבערישער דרך אין אַלע זיינע דערציילונגען און קיין שום דערשיטערונג קען אים נישט אַראָפּפירן פונעם וועג, זיין וועג פון אומדערשיטערטן צוטרוי צום מענטש. קאָן זיין, אַז דאָס איז נישט בלויז אַן ענין פון געמיט, נאָר אויך פון טיפער איבערצייגונג, פון אַ וועלט־אָנשוי־אונג, אַז דער מענטש דאַרף מיט אַ מוטער געמיט זיך קעגנשטעלן דער טראַגיק פון גורל און נישט פאַרלירן דעם ווילן און די פרייד פון לעבן. יעדנפאַלס איז עס די פירנדיקע אידעע, וועלכע קוועלט אַרויס פון דער דערציילונג. מיר פילן כסדר, ווי דער שרייבער זוכט צו געפינען די פעדעם, וועלכע זאָלן צוריק צוזאַמענבינדן דאָס צעבראָכענע משפחה־לעבן. איינדעראמתן חלומט עפרוני וועגן עפעס וואָס איז פאַר אים נישט רעאַליזירבאַר. דער מאַנגל אין בילדונג פאַרצוימט אים דעם וועג צו דער געגאַרטער קאַריערע. דאָס פירט אים אויף די קרומע וועגן פון חנופה, אינטריגע און פאַראַט. ביסלעכווייז קריגט דער שרייבער פון אים אַרויס דאָס פשוט מענטשלעכע. אילנהס שנאה ווערט אויפגעלעזט אין עפרוניס צוזאַמענ־געבראָכנקייט און מורמלען: „איך בין דער שולדיקער", שלאָגנדיק זיך מיט די פויסטן אין האַרצן. זי וויל אים אַרומנעמען און באַרויקן, אָבער גיט זיך אַזוי גרינג נישט אונטער. וואַרפט אים אין פנים דעם אמת: „ביזט נישט קיין מאַן, קיין טאַטע, ווייל דו האָסט געוואָלט זיין אַ מנהיג". צוזאַמען מיטן שרייבער פייערט זי איר נצחון און ווערט דערביי באַפרייט פון דער שנאה און פון די ווייטאָגן, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט במשך דער לאַנגער צייט. דאָס איז אַ צושטאַנד פון לייטזעליקייט, וואָס עפנט אַ פּערספּעקטיוו פאַרן אַרויסגיין פונעם ווירבל־קעסל פון קאָנפליקטן און אויסלעבן זיך אין געגאַרטער ליבשאַפט פון אַ וואַרעמער משפחה־נעסט.

פ. זיגלבוים —
היימישע עקזאָטיק

דער הויפט־העלד איז פייוול זיגלבוימס דערציילונג „די אוהאמאס" איז דער דריטער דור פון אַ משפחה, וואָס געהער צום פרימיטיוון שבט זולו, אַ טייל פון אַ גרעסערער גרופּע, וואָס האָט געהייסן „נגוני" און זיך באַזעצט אין דרומדיקן טייל אַפריקע, ווו עס גיסן זיך צוזאַמען דער אינדישער מיטן אַטלאַנטישן אָקעאַן. דער דינאַמישער אַנטוויקלונגס־פּראָצעס האָט אַ סך פון זיי געבראַנגט אין דער מאָדערנער שטאָט, ווו אין צוזאַמענשטויס צווישן ווייסע און שוואַרצע איז געוואַקסן אויף דער בלוטיקער גראַנגל נישט בלויז פאַר עקזיסטענץ, נאָר אויך פאַר מענטשלעכער און נאַציאָנאַלער ווירדע. דער טרוים פון בענעט מאסיליבו

אוהאמא איז די גייסטיקע אויפריכטונג פונעם שוואַרצן אַרבעטס־מענטש און אין אים ברענט אַ דורשט נאָך גוטע מעשים און ליבע.

פּ. זיגלבוים קען גוט די שוואַרצהויטיקע מענטשן אין דרום־אַפריקע, האָט צוזאַמען מיט זיי געאַרבעט אין דער גרויסער שטאָט, געקומען אין זייערע שטרויענע הייזקעס אין זולולאַנד, געלערנט זייערע מנהגים, לעגענדעס און געזאַנגען און מיטגעריסן געוואָרן מיט זייער גוטסקייט און פשטותדיקער טראַגיק. דערציילנדיק וועגן זיי האָט ער זיך פאַרגעבן די שווערע אויפגאַבע קינסטלעריש צו ווייזן ווי אַזוי דאָס מאָדערנע לעבן האָט איבערגעפורעמט די מענטשן פון זולו־שבט, וואָס טיילן זיך אויס מיט זייער פיזישער שיינקייט און אַרבעטספעאיקייט, איבערגעשמאָלצן זיי אין אונדוסטריעלע פּראָלעטאַריער און געברענגט דערצו, אַז זיי זאָלן ווערן קעמפער פאַר גערעכטיקייט און פרייהייט. דאָס בוך האָט אייניקע דינאַמישע סיטואַציעס פון דאָזיקן קאַמף, אָבער דערציילנדיק וועגן דעם רעזיגנירט נישט זיגלבוים פון שילדערן די מענטשן אין זייערע אייגענע „רונדע שטרוי־פּאַלאַצן" און דער עיקר גייט אים אין פאָלקלאָר, מנהגים און שטרעבונגען. ווייניקער ווערט האָט פאַר אים די פּסיכאָלאָגיע. אונטערן דרוק פון דער מיסטי־פיקאַציע, וואָס עס מאַכט דורך די היינטצייטיקע מענטשלעכע פּסיכיק, האָבן פּילפּאַכיק מער רייץ די אויטענטישקייט פונעם לעבנס־שטייגער, די דראַמאַטישקייט פון איבערוואַנדלונגען, דאָס געזאַנג, וואָס גייט איבער פון דור צו דור, דאָס פאָלקס־מעשהלע, וואָס אָטעמט מיט מענטש־ליבשאַפט און מיט פחד פאַר געהיימע כוחות. דערפאַר ווערט דאָ דער נאַראַטיווער שטראָם אַזוי אָפט איבערגעריסן דורך אַ ליד וועגן פריילעכע בעטלער און לוסטיק־קלינגענדיקע צדקה־פּושקעס, וועגן דער קליינער סוזאַן, וואָס קומט צום טייכל וואַשן אירע קליידער און דאָס פאַסטעכל אין פעלד הערט זיך צו צו איר אומעטיק געזאַנג. די שטימונג פון די מעשיות, טענץ און לידער זענען אינטעגראַלע באַשטאַנד־טיילן פון דער דער־ציילונג. דער קראַאַל, ווו עס איז געווען בענעטס היים, איז נישט בלויז די אַרענע פאַר דער אַקציע, נאָר אויך די הויפּט־טעמע. די שטרויענע שוואָמען־הייזלעך, דער זילבערנער אומגעני־טייך, די טאָלן און בערג פון זולולאַנד, זענען דער גן־עדן און גיהנום פון די מענטשן און דינען דעם שרייבער נישט בלויז ווי אַ פאָן, נאָר ווערן דורך אים אַקטיוויזירט, נעמען אָנטייל סיי אין געשטאַלטיקן די כאַראַקטערס און סיי אין האַמעווען זייער אַנטוויקלונג. די מענטשן זענען אַ קנויל פון לעבנס אין געפאַרעמטן לעבנס־שטייגער, וואָס וויברירט, ווי עס וואָלט געווען פליסיק און נישט אַ שטייענדיקע, מיט שימל־באַדעקטע אָזיערע; ווי עס האָלט גאָרוואָס אויפגעטויכט פון זיין מיטאָלאָגיע.

דער קעגנזאַץ פון זולולאַנד איז די גרויסע שטאָט, וואָס איז צעברויזט אין שטורמישע כוואַליעס, סטיכיעס. אויף איין פּלאַן זענען דער רעש און איבערפלוס, כאַאָס פון פיל שפּראַכיקן געשריי און פייפעריי פון סירענעס, די ראַסן־קאָנפליקטן, פּאָליטישע און שטייגערישע פּראָבלעמען, וואָס זענען זיך סותר און דערגענצן זיך, אָבער שאַפן די איינהייט, קעגן וועלכער דער שטילער קראַאַל וואָלט אויסגעזען אַ פיקציע, אַ מעשהלע, ווען נישט בענעטס גרויסע און ליידנשאַפטלעכע ליבע צו

סאקאבולא. די ליבע איז זיגלבוימס שליסל צו דער קאָמפּאָזיציע פון דער דער־ציילונג און צו דער נשמה פון זיינע העלדן, וואָס פאַרלירן און געפינען זיך אין דער וועלט פון ליבע. דער עראָטיזם איז דאָ געוויזן פון דער שענסטער זייט, ווי די פונקציע פון דערהויבענער ליבע, די אייביק־מענטשלעכע, אַרום וועלכער דאָס לעבן דרייט זיך און פלאָנטערט זיך אָן אויפהער און כאָטש זיגלבוימען גייט נישט אין קלאָרן באַשיידן די נשמה־פלאָנטערן פון זיינע העלדן, פאַרמאָגן אָבער אפילו די אויסגעשוויגענע איבערלעבענישן פון זיינע העלדן אַזויפיל בילדלעכע סובטעלקייט און דורכדרינגלעכקייט, אַז זייערע יסורים און פריידן ווערן אויך אונדזערע.

זעלטן אַ דעביוטיש בוך זאָל זיין אַזוי רייף און אַזוי קאָנסעקווענט אָנגעשריבן, אינטערעסאַנט, מיט אַ נאַאיוויטעט, וואָס אינטריגירט; אַ וועלט אַן אינערלעכע, אַן אָנגעשטרענגטע, אַן אָנגעלאָדענע מיט צער, אין פּילבאַדייטנדיקע בילדער, שטימונגספולע און מוזיקאַליש־געפורעמטע פאָלקס־לידער, וואָס באַצווינגען דאָס געמיט מיט זייער שטאַרק־פאָלקסטימלעכן אַראָמאַט, זענען מעלאָדיש און ביל־דעריש, האַרמאָניש מיטן שרייבעריש־אינטימען סטיל פון דער שילדערונג.

זיגלבוים דערציילט דאָס, וואָס ער האָט געזען, אָבער דאָך איז עס נישט קיין רעפּאָרטאַזש. ער וויל דאָס געזעענע פאַרקערפּערן אין אַ קינסטלעריש ווערק און דאָס פאָלקסטימלעכע העלפט שאַפן דעם פּאָזיטיוון ארעאל פון די טיפן, אַן ארעאל, וואָס נעמט אָפּ, אין אַ געוויסער מאָס, פון דער לעבעדיקייט פון די מענטשן, איז אָבער אַ וויכטיקער עלעמענט פון זיין שרייבערישער וויזיע, איר באָדן און שטיצפּונקט פאַר פאַראַלגעמיינערונג. אין בענעטן שפּילט זיך אָפּ די דראַמע פון אַ פאַרבלאָנדזשעטער נשמה, אַרויסגעריסן פון איר נאַטירלעכער סביבה, אַן אחיזה אין דער טראַדיציע פון זיינע אבות, וואָס האָט נישט אין דער גרויסער שטאָט קיין שום מעגלעכקייטן פאַר המשך. נישט געקוקט אויף די פאַרביסענע קאָנפליקטן איז בענעט אין זיינע רייפע שטרעבונגען מער ווייסער ווי שוואַרצער, נעמט אָן אַלץ מער די קולטורעלע און מאָראַלע באַגריפן פונעם הומאַניזם פון די ווייסע. זיין טראַגישער טויט באַשטעטיקט, אַז עס איז נישטאָ קיין פאַרבינדונג צווישן דער פאַרגאַנגענהייט מיט דער צוקונפט און ביי דער גאַנצער סימפּאַטיע, וואָס ווייזט אויף דער מיטבאַטייליקונג פונעם מחבר אינעם קאַמף פון זיין הויפּט־העלד אין דער דרום־אַפריקאַנער שטאָט, קומט אָבער אַרויס זיין אויסגעוואָרצלטקייט פון דער נערנדיקער היימערד און דערפאַר אַזאַ אומבאַהאָלפנקייט אין וועלן אַריינ־וואַקסן אין דער חשיבות־געבנדיקער וועלט פון אַרבעט אין פאַבריק, אין וועלכער ער טרייבט זיך אַרום ווי וואָרצללאָז גראָז. דאָס דאַרף, אין וועלכן ער איז געבוירן, לאָזט אים פונדעסטוועגן נישט איבערייסן אינגאַנצן מיט זיך, האָט מורא, אַז אָפּטיילנדיק זיך, פאַרשווינדט ער אינגאַנצן אין דער פיינטלעכער שטאָט.

עס איז אַ דערשיטערנדיקע סצענע דאָס אָנזאָגן דער מוטער אינעם טאָג פון געבוירן דעם טראַגישן טויט פון איר מאַן אין דער ווייטער שטאָט, אָבער אין דער זעלבער צייט איז פאַראַן אין זיין גאַנצער אורשפּרינגלעכער קראַפט דער אָנזאָג פון הויפּט־העלדס פאַרווירקלעכטן חלום, אַז זיין ווייב זאָל געבוירן אַ זון „דינגאַנע״, אַן אויסלייזער, וועמען די מוטער גיט גלייך דעם פאָטערס נאָמען:

מאסיליבו בענעם דינגאָן! און דערמיט אויף די זיכערקייט, אַז ער וועט אַריינ־וואַקסן אין דער ערשטער שפּראַצונג פון זיין צוקונפט. פאַר וועלכער זיין פאָטער איז אומגעקומען, אָבער דערמיט ווערט אויך אַרויסגעגעבן דער פאַרניכטנדיקער אורטייל איבערן זולו מיט זיין קראַאַל־געזאַנג, מיט זיינע מנהגים און שטרעבונגען, און ווער ווייס, צי זי וועט נישט אַמאָל האָבן טענות צו זיך, וואָס זי האָט מיטן נאַגעבענעם באַמען אַרויפגעלייגט אויף אים דעם חוב צו גיין אין פאָטערס וועגן. עס איז אָבער די גרויסע ליבע, וואָס הייליקט די ערבות, וועלכע די געשיכטע לייגט אַרויף אויף יעדן דור. יעדער דור איז נישט נאָר פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיך; ער ברענגט אַרויס נייע דורות, וואָס וועלן לעבן אין אַנדערע אומשטענדן, מיט אַנדערע האָפענונגען, שטרעבונגען, וואָס וועלן אים מאַכן גרויס און מיד, אָבער שטענדיק אָפן פאַר דער שפע פון קומענדיקע צייטן.

אַ שאַפונג פאַר זיך איז די הקדמה פון פראָפ. דב סדן, געבויט אויף דער קשיא: ווי קומט דער מחבר צו דעם חיבור? סיי די רמזים אויף די פאַרבינד־פונקטן צווישן מחבר און זיין חיבור, סיי דאָס אויפדעקן די טיפערע סיבות פונעם כוה המושך אינעם סוזשעט, „דער סוד פון דער אידענטיפיקאַציע צווישן דער ביאָגראַפיע פונעם מחבר און דעם ענין פון זיין חיבור" — פאַרמאָגן אין זיך האַרמאָניע און קינסטלערישע גראַציע, אַ גראַציע, וואָס איז נישט בלויז פאָרם, נאָר אויך פילבאַדייטנדיקער אינהאַלט, און גאָר וויכטיק איז דאָ סדנס ווילן צו דערגיין צום מקור; דער שטאַרקער ווילן צו דערזען, צו באַגרייפן און דערקלערן דעם גאַנג פונעם מחבר צום סיפור־המעשה פון ווייטן זולולאַנד און זען אין דעם „אַן עדות פון אַ טעמאַטישער רעגאַרמאַליזאַציע אין דער ליטעראַטור אונדזערער".

ישעיהו שפּיגל —

„מלכות געטאָ"

די געטאָ־טעמע האָט נאָך ביז איצט ביי קיין שום שרייבער נישט באַקומען אַזאַ קינסטלערישן תיקון ווי ביי ישעיהו שפּיגל. ביי קיינעם פון די, וואָס האָבן זיך צוגערירט צו דער גרויליקער טעמאַטיק איז נישט אַזוי בולט דער מאָמענט פון באַוווסטזיניקער מייסטערשאַפט, פון קינסטלערישער קאָנטראָל און דיסציפּלין, ווי ביי שפּיגלען. ער האָט אַליין איבערגעלעבט דעם גיהנום פון לאָדזשער געטאָ און פון טויט־לאַגערן און איז דערפאַר מער פון אַנדערע, וואָס זענען אין געטאָ נישט געווען, אויסגעשטעלט אויף דער געפאַר, אַז דער גליאיקער שטאָף פון זיין דערציילונג זאָל אַרויס פון די ראַמען פון געצווימטער און אָביעקטיווער פּראָזע און איבערגיין אין פּראָסטן און אוממיטלבאַרן געשריי פון אַליין־איבער־געלעבטן ווייטיק. שפּיגל האָט די געפאַר אויסגעמיטן און נאָך קיינמאָל איז אונדז נישט אויסגעקומען צו לייענען אַזאַ הויך־קינסטלערישע טראַנספאָרמאַציע פון גרויל און ליידן.

געוויס וואָלט אַזאַ ווערק, דערפאַר טאַקע, וואָס עס דאַרף בלייבן לזכרון נאָך

אַ פֿאַרשווונדענער וועלט, געדאַרפֿט זיין פולער, במילא אויך פולקאָמער. דאָס נעמט אָבער נישט צו די ריין־קינסטלער־ישע גבורה פון דעם דאָזיקן בוך נאָוועלן.

אמת, אין געטאָ האָבן פּאַסירט אַ סך ערגערע זאַכן, מער גרויליקע פון די, וועלכע ווערן אַרויסגעבערענגט אין דעם דאָזיקן בוך, אָבער נישט וויכטיק איז אין די נאָוועלן דער ספּור־המעשה, וועלכער איז סוף־כל־סוף נישט מער ווי אַן אויסרייד דער קינסטלער זאָל אונדז קאָנען אַריינפירן אין דער יסורימפולער וועלט, וועלכע ער צייכנט פאַר אונדז מיטן געשליפענעם אינסטרומענט פון זיין מייסטערהאַפטן וואָרט.

ישעיהו שפּיגל האָט זיך דאָ נישט פאַרמאָסטן צו געבן אַן אַלזייטיק בילד פון דעם גיהנום. חוץ דער לעצטער שילדערונג, וואָס לייענט זיך אגב, ווי אַ פּאָעמע, נעמט ער, ס׳רוב, דאָס טיף־פאַרוקטע, פאַרוויקלטע, וואָס ליגט ביים דנאָ פונעם געטאָ־לעבן, צוגעדעקט כמעט פון זיך אַליין.

מען קאָן נישט פאַרבייגיין די זעלטענע פאַרבן, מיט וועלכע שפּיגל גיט די שוידערהאַפטיקע געטאָ־בילדער. די אַטמאָספער פון אָפּגעריסנקייט פון סאָציאַלן שורש, חולאתדיקייט, פּאַטאַלאָגיע און פאַרזונקנקייט אין אויסזיכטלאָזער שווערער פינצטערניש, פאַרוואַנדלט אַ סך רעאַליסטישע שילדערונגען אין איבער־רעאַליסטישע האַלוצינאַציעס. ער גיט זיי איבער ווי אַ מאָדערנער פאָלקס־דערציילער, אַזוי רירנדיק־שטיל, מיט דעם טאָן פון טיפסטן באַצווינגענדיקן טרויער.

שפּיגלס געטאָ־געשטאַלטן זענען לייכט און סקיצנהאַפטיק אויפגעכאַפּט. זייער פּלאַסטישקייט איז אָבער צוליב דעם נישט ווייניקער בולט און דערשיטערנדיק. זיינע פאַרפּייניקטע יידן זענען מער ווי מענטשן, זיי זענען די „געקרייציקטע אין האַרץ פון געטאָ... אָנגעגאָסן מיט פלאַם״. ביי דעם גאַנצן חשכות און אויס־טערליש־ברוטאַלער נויט פאַרמאָגן זיי גלייכצייטיק אַ געוויסע דורכזיכטיקייט. מיר זעען, כאָטש דער דיכטער זאָגט עס אונדז נישט, ווי אין זייער טיפסטן אינערן וויברירן און צאַפּלען שיינע געפילן און אינסטינקטיווער נשמה־ווידערשטאַנד קעגן אונטערגאַנג.

די שטאַרקסטע שילדערונג אין דעם ביכל איז, אָן ספק, די סצענע מיט די צוויי קינדער, וועלכע קוקן אַרויס דורך אַ שפּאַרע פון אַ ווענטל אינעם בוידעם־קעמערל צו יענער זייט גאַס, אויסער די גרענעצן פון געטאָ, ווו אין אַ שוי־פענצטער „ליגן אויסגעלייגט ברוינע ברויט און גלאַנציקע, ווייסע, רונדיקע בולקעס״. דאָס בילד, הן לויט זיין טעמאַטיק, הן לויט דעם אופן פון זיין שילדערן, געהערט צו די שטאַרקסטע נאָוועלן אין דער וועלט־ליטעראַטור.

ווער עס האָט איינמאָל געלייענט די סצענע, וועט שוין אויף אייביק טראָגן איר אָפּקלאַנג אין זיין געמיט.

אין אַ ריי אַנדערע נאָוועלן לאָזט זיך פילן דעם דיכטערס איבערגאַנג פון פּערזן צו פּראָזע. עס איז דאָ אַ געמיש פון שטאַרקסטן רעאַליזם מיט פּאָעטישער וויזיע. דער הימל, די נאַטור און די אַלע קלייניקייטן, וואָס האָבן מיט אונדז אַ שייכות נאָר אין זעלטענע איינגעשטילטע רגעס, דאָס אַלץ רייסט זיך דאָ צום וואָרט, אַ דאַנק דער וואַכקייט פון זיינע חושים און שאַרפע עמפּינדונגען. שפּיגל האָט קאָנטיק אַליין באַשלאָסן זיך צו האַמעווען. ער האָט געוואָלט בעיקר שילדערן,

דערציילן, אַדורכפירן דאָס גרויליקסטע שטיק לעבן דורך דעם קרעפטיקן גאַנג פון דער רעאַלער שילדערונג.

מיטן מאָמענט ווען מיר מאַכן זיך נאָר קלאָר, אַז דער דיכטער האָט אַליין דורכגעמאַכט דעם גאַנצן שוידער פון געטאָ; אַז די אַלע נאָוועלן, וועלכע גייען אַריין אין דעם ביכל זענען געשריבן אין לאָדזשער געטאָ, אין יענע קאַשמאַר־טעג, וועלכע ווערן אין זיי געשילדערט, איז ממש צו באַוווּנדערן זיין „קאַלטבלוטיק" שטיין פאַר דער אומהיימלעכער חיה־רעהשער וויזיע, זיין חוש פון אָביעקטיווי־זירונג, פון ממש אָפּשיידן זיך פון זיך אַליין, פון די אייגענע ליידן און אָנווענדן צו זיי קינסטלערישע וואָג און מאָס, פון עמפינדן ביזן ברענגען זיי צום אויסדרוק. זיין בליק ווערט אויף קיין איין ווײַלע נישט טעמפּ פון ווייטיק, נישט פאַרנעפּלט דורך טרערן.

בלויז ריינסטע דיכטערישע אינטואיציע און פיינסטע קינסטלערישע דיסציפּלין קאָנען אַרויסברענגען אַזאַ נאַטירלעכן און טיפן נאָכקלאַנג אין דער נשמה פון לייענער.

ווי אין זיינע פריערדיקע נאָוועלן אין „מלכות געטאָ" אַזוי אויך אין זיין ראָמאַן, וואָס איז איצט דערשינען אין עברית א. ג. „ערומים בטרם שחר" דעקט אויף ישעיהו שפּיגל דעם שוידער פון יענער צייט מיט אינערלעכן געצוימטן ווייטיק און אויסערלעכער, ממש פּאַטריאַרכאַלישער, עפּישער רואיקייט, און מען דאַרף האָבן אַ גרויסן כוח פון סטיליסטישער זעלבסטבאַהערשונג צו קענען פאַרשטעלן די אַטמאָספער פון געטאָ, די אינערלעכע איבערלעבונגען פון די מענטשן און די הערשנדיקע שטימונגען פון יענע יאָרן אין אַזאַ באַהערשטער פאָרם און דערביי אויף קיין האָר נישט מינערן פונעם אינערלעך טיפן שטאַרק־צעווייטיקטן געפיל אין יענער שוידערלעכער אומקום־צייט.

די טעכניק אינעם דאָזיקן ראָמאַן איז נישט קיין קאָנווענציאָנעלע, נאָר צונויפגעשטעלט פון אַכצן דערציילונגען, וואָס יעדע באַזונדער, מיט איר טעמאַ־טיק, קאָמפּלעטער האַנדלונג און אויספירלעכקייט, וואָלט געקענט זיין אַ דער־ציילונג פאַר זיך, אָבער דאָס איז נישט קיין מעכאַנישער צונויפשמעלץ, נאָר אַ שעפערישער־קפדנותדיקע איינגלידערונג פון מענטשן און געשעענישן, פון קאָנ־פליקטן און דראַמעס, אינערלעכע ענדערונגען און פאַרוואַנדלונגען, אויסגעגראָבן פון דער טיפעניש, כדי דער סיפור המעשה זאָל אַרויסקומען פולער, קאָנקרעטער און אויסגעשעפּט ביזן דנאָ.

אביגדור, דער וויטאַלסטער העלד אין דעם ראָמאַן, טרעפט זיך ביי זעלדעס טויטנבעט מיטן טשעכישן ייד, אַנטאָן קראַפּט, וואָס האָט געשווירן נישט אָפּצו־געבן זיין סטראַדיוואַריוס די דייטשן און אביגדורס צעפלאָקערט האַרץ מוז אויפ־ציטערן אין אויפשטייג פון מוט זעענדיק אַנטאָנס צוגעבונדנקייט צו זיין פידל פון אַכצנטן יאָרהונדערט נישט ווייניקער ווי פון זעלדעס אָפּזאָגן זיך צו נעמען זיין ברויט און צוקער פאַרן באַהאַלטן זיין פידל. אביגדורס איידעלע ליבע, גיטעלעס פרייד מיטן מקריב זיין זיך פאַרן פרעמדן קינד, וואָס האָט פאַרלוירן זיינע עלטערן; דעם גלאָקנציערס באַהאַלטן יידן אין קעלער פון דער קירך, זענען אין חושך פון אומקום ליכטיקע זעאונגען פון טיפסטער מענטשלעכקייט,

וואָס זענען אי טרייסט, אי פּאַראויסשפּירער פון קדושה און דערהויבנקייט. דערמיט וויל שפּיגל ערגעץ צוימען דעם גרויל, די פינצטערע כוחות, איינשטילן, געבן זיי אַ קינסטלערישן תיקון. דאָס קינסטלעריש־קאָנקרעטע איז די וויכטיקסטע ליניע אין שפּיגלס שילדערן דעם וויסטן אומקום. דאָס קומט נישט אָן גרינג. דער געראַנגל מיט דער גרויליקער טעמע איז אַ דראַמאַטישער און עס שטעלט מיט זיך פאָר דאָס אינטערעסאַנטסטע קאַפּיטל אין שפּיגלס שרייבן, דווקא דאָס גובר זיין די טעמע און ברענגען צום פאָדערגרונט דאָס קינסטלערישע.

כאַראַקטעריסטיש דערפאַר זענען שפּיגלס אויסגעצייכנטע פּייזאַזשן. צוזאַמען מיט דער איידלקייט פון געמעל פאַרמאָגן זיינע לאַנדשאַפט־בילדער, וואָס זענען פון אָנהויב ביזן סוף אָן אָרגאַנישער באַשטאַנדטייל פון דער אַקציע, אַ סך ליכט־פּונקטן, זון, לבנה, שטערן און שניי. די פינצטערע קוימענס, וואָס זעען אויס, איינגעהילטע אין שניי־נעפּל, ווי פאַרכישופטע געשטאַלטן מיט אָפּגעהאַקטע קעפּ, האָבן אין זיך אי טראַגישן אויסגעשריי אי דאָס ווילן דערזען דעם אָנזאָג פון אַ ליכטיקער שיין אין גרענעצלאָזן חושכדיקן אָפּגרונט.

דווקא אין דער דאָזיקער שיין זעט מען קלאָרער און שאַרפער דאָס לעבן אין געטאָ, וואָס שפּיגל לאָזט פאַר אונדז אויפגיין. דאָס מאַכט נאָך פייערלעכער זייערע יסורים, הילט זיי איין אין ווייסן געוויטער און די געוויינלעכע פּאַסירונגען ווערן געהייליקט אין אויסערגעוויינלעכער שטילקייט. קוקנדיק אין אָפּגרונט, אפילו אין דעם וואָס מען האָט אַליין געלעבט, מוז דער שרייבער זיך פילן ווי אויף אַ הויך אָרט, פון וואַנען מען זעט פאַר זיך די ווייטע ברייטע וועלט, פּונקט ווי די טיפענישן און אַלע פינצטערע קאַשמאַרן אינעם אָפּגרונט פון פּיין און טויט.

יהודה עלבערג —

די עפּאָפּייע פון אומקום און דערהויבונג

אויבנאויף קען זיך אויסווייזן, אַז מען דאַרף פריער דורכמאַכן דעם גאַנצן מהלך פון גרויס־אַטעמדיקן ראָמאַן, ביזן דערגיין צום פינאַל, וואָס זאָל באַרעכטיקן דעם נאָמען „אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט", און עס קען זיך אויסווייזן, אַז עס וואָלט אים גיכער געפּאַסט דער נאָמען „אומקום", „אין תהום", „אין טיפסטן אָפּגרונט", ווייל עס איז דורכאויס אַ חורבן־ראָמאַן, און דער אומקום איז דאָ פּאַראייביקט אויף אַ מאָנומענטאַלן אופן. דער אמת איז, אַז דער מאָטיוו „אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט", וואָס איז אַ צונויפגוס פון טראַגיק און דערהויבונג, מענטשלעכע און נאַציאָנאַלע, איז פאַראַן אין אַלע שילדערונגען. פּלאַסטיש און עקספּרעסיוו זענען אויסגעשניצט די געשטאַלטן אין זייער גאַנצער טראַגיק, און מיר ווערן דורכגע־דרונגען ביז דער לעצטער טיפעניש מיט די געשעענישן, מיטן גאַנצן טרויער פון דעם לעבן אין תהום, אָבער דערביי זעט מען אַז דעם שרייבער יהודה עלבערג האָט אפילו אין דער תהום־טיפער טראַגיק נישט אָפּגעלאָזט די וויזיע פון דעם

מאַסט אויף דער שיף, וואָס פירט אַוועק די יידישע פליטים פון דער ברענענדיקער, אין חורבות צעפאַלנדיקער וועלט, צו דער נייער היים.

די גרויליקע געשעענישן לאָזן קוים דורכשלאָגן די ווזיע פון דעם מאַסט. דער שוידער אין דער אַטמאָספער איז אַזוי געדיכט און וואַנזיניק, אַז עס דאַכט זיך נישט צו בלייבן קיין אָרט פאַרן פשוט־ און אייביק־מענטשלעכן, וואָס מוז לסוף טריאומפירן איבערן חיהש־רוצחישן און איבערן פאַטום, וואָס באַגלייט די אַפגעראַטעוועטע, ביז זיי קומען אָן צו די ברעגן פון דער נייער היים. אָבער אין דער אמתן איז די גאַנצע צייט דאָ נישט בלויז דער רמז, נאָר אויך אַ קאָנקרעטע שפּירונג, אַז דער מענטש וועט מיט זיין העראָישקייט אויפסניי אַנטפּלעקן פאַר זיך און פאַר דער וועלט דעם אויסוועג פון דער אימהדיקער פינצטערניש. נישט בלויז די צענטראַלע העלדן יורעק און זיין מוטער, נאָר אויך די עפּיזאָדישע, ווי יאַנושעק יאַסטשעמבסקי, דאָס יינגל, וואָס האָט אין מאַמענט פון דעמאַסקירן זיין יידישקייט, געהאַט נאָר איין פאַרלאַנג: צו ראַטעווען זיין מאַמען, און אין דער אַנוועזנהייט פון פוילישן פּאָליציאַנט געשריגן צו איר: „דו, גנבטע, האָסט צוגענומען דאָס גאָלד ביי מיין טאַטעשי, מיך צו באַהאַלטן. איצט האָסטו מיך געמסרט. כ׳ווייס, דו האָסט מיך געמסרט!״ אויף דער פראַגע פון פּאָליציאַנט: „וואָס שרייסטו אויף דיין מאַמען, זשיד?״ — ענטפערט דאָס יינגעלע, נאָך גאָר אַ קינד: „זי איז נישט מיין מאַמע. זי איז אַ פוילישע שלאַנג!״ דאָס איז נאָר איינס פון אַ סך בילדער, וואָס דערשיטערן מיט די אַנטקעגנגעזעצטע כוחות: גרויזאַמע רציחה און הייליקע מענטשלעכע דערהויבנקייט.

די דאָזיקע דערהויבנקייט לייכט ממש אַרויס פון דעם רוב יידישע געשטאַלטן אין עלבערגס ראָמאַן, אָבער מען דאַרף עס נישט אָננעמען ווי דאָס זוכן ליכט מיט אַ לאַמטערן, ווי אַ טראַגישער דיאַגנעס. דאָס איז קודם־כל דאָס קענען די גייסטיקע און נאַציאָנאַלע וואָרצלען אונדזערע און דערהערן דאָס היסטאָרישע ביי־קול, וואָס באַגלייט יידיש לעבן און אומקום אין אַלע צייטן און גיט דאָ אַ זין דעם צוזאַמענעמען אַלע צעוואָרפענע פּאַסירונגען פון דער חשכותדיקער תקופה אין דער יידישער געשיכטע אין אַ ראָמאַן. אין דאָזיקן ברייט־אָטעמדיקן ראָמאַן איז דאָ דאָס היסטאָרישע געפיל, וואָס באַגלייט אַלע שילדערונגען פון יידישער גורלדיקייט. די געיאָגטע און געפּלאָגטע, די געברענטע און געמאַטערטע טראָגן אין זיך אַן אינערלעכע גרויסקייט, אָנגעטאָן און אַרומגעוויקלט מיט יידישער מאָראַל, מיט גוטע מעשים און גרויסע חזיונות. נאָך אַלע גילגולים און טויזנטער נסים דערקלעטערט זיך יורעק צום שפּיץ פון מאַסט אויף דער שיף, וואָס פירט די אָפּגעראַטעוועטע יידן קיין ארץ־ישראל. „עס איז שווער געווען צו צעפּלאָנטערן די שטריק. אונטן איז ווייטער אָנגעגאַנגען דער קאַמף. מען האָט געוואָרפן קאָנסערוון־פּושקעס פון די שפּייז־מאַגאַזינען, מען האָט אַרויסגעריסן שטאַנגען פון די טרעפּ־געלענדערס און דערמיט דערלאַנגט די אָנגרייפערס. מעג איך זיצן אויפן מאַסט, ווען אונטן קעמפט מען מיט די לעצטע כוחות?״

ווידער דאַכט זיך, אַז יוסף, דער אַמאָליקער יורעק, איז ווי אַ שפּענדל אויפן שטורעמדיקן ים פון דער מלחמה. עס טרעפט, אַז גרויסע ראָמאַניסטן ווערן אין אַזאַ פאַל מיד פון נאָכגיין זייערע העלדן אין אַזוי פיל אומוואַנדלונגען, אָבער דאָ

פילט איר, ווי דער שרייבער קלעטערט צוזאַמען מיט זיין העלד אויפן מאַסט, הייבט זיך אויף מיט אים, אַ פלי צוטאָן צו געאַנטע הויכן: „די פאָן וועט שטאַרקן דעם גייסט פון די קעמפערס — זאָגט צו זיך יוסף — ער מוז צעוויקלען און אַרויסציען די פאָן”. דאָס איז שוין נישט בלויז פונק, נאָר אַ בריענדיקע לאַווע פון קדושה, מיט דער פאַנטאַזיע פון לעגענדאַרן קידוש־השם און נסימדיקן וווּנדער. אויף נישט געזעענע פליגל פון גרויסן וווּנדער, זענען געקומען די ווייען פון געווינען צוזאַמען מיט די ווייען פון פאַרלירן... פון דער קימפעטאָרין אויף דער שיף רייסט זיך דער טראַגישסטער געקלאָג פון אַ מאַמען, וואָס האָט אַלץ פאַרלוירן: חנהלען אין אַ וויסטן וואַלד, נענאַ — אין קאַלכאויוון, יאָסלען אינמיטן ים. האָסט נאָך אַנדערע מיתות משונות, רבונו של עולם? וואָס האָסטו צוגעגרייט פאַרן נייעם קינד?”

אַריינגעדרייט אינעם ווירבל־ראָד פון דער שווערסטער דראַמע, דערגייט דער שרייבער צו אַ הויכן גראַד פאַטעטישקייט: „ער וואָלט באַדאַרפט אָפּבייסן די האַנט וואָס פאַרשרייבט דאָס און קען נישט איבערגעבן אירע ווערטער מיט דער רויער הייזעריקייט, מיט דעם ביטערן בייזוווּנדער פון דער קימפעטאָרין”.

דאָ, נאָכן סוף פון דעם צענטראַלן העלדס לעבנס־וועג, איז, דאַכט זיך, נישטאָ שוין וואָס צו וואַרטן אויף אַ נס. דאָך ווערט די אַטמאָספער ווידער פול מיט נסימדיקייט, ווייל ביי עלבערגן איז מיט יוספס אַראָפּפאַלן פון דעם מאַסט ווייט נישט אַלץ געענדיקט. די לעבנס־געשיכטע פון יוסף־יורעק, כאָטש זי האָט אין זיך אַזוי פיל אויטאָביאָגראַפישעס, איז אַ סך מער ווי די געשיכטע פון אַ ייִנגל אין געטאָ, שפּעטער אויף דער אַרישער זייט, אין דער גרויסער שטאָט און אין דאָרף; אונטער דער מאַסקע פון אַ הפקרדיקן גאַסן־הענדלער; אין סאַמע פייער פון פוילישן אויפשטאַנד פאַרן סוף פון דער מלחמה; אין געדיכטן ווירוואַר פון האַנדל־וואַנדל און שמוגל אין נאָך־מלחמהדיקן פוילן און אין דייטשלאַנד — אַן אַקציע, וואָס איז אַזוי רייך אין דערשיטערנדיקע פּאַסירונגען, אַז עס איז נישט מעגלעך איבערצוגעבן אפילו אַ תמצית פון דעם סיפור־המעשה. נישט איין דערציילונג, נישט איין ראָמאַן, נאָר אַ סך דערציילונגען און ראָמאַנען זענען דאָ אין דאָזיקן ווערק, אָבער אַלע זענען זיי צונויפגעבונדן סיי מיט די פעדעם פון חורבן און סיי מיטן טיפן גלויבן אינעם אור הגנוז, וואָס יידישער קיום טראָגט אין זיך; אינעם כוח פון שמע ישראל, מיט וועלכן יידן האָבן איבערגעשריגן דעם טויט. דערפאַר איז דאָ, מער ווי דער הויפּט־העלד, די צענטראַלע טעמע דער נסימדיקער מאָטיוו פון דערלייזונג אין אַלע זיינע אויסשטראַלונגען. דער קליינער לייבעלע, וואָס וואַכט איבער דער קימפעטאָרין, „איז אין כעס אויף זיך, וואָס זיין צער איז נישט אַזוי ביטער, ווי אירער. פאַרקערט, ער זעט עפּעס סימבאָלישעס אין דעם עופעלע, וואָס איז געבוירן געוואָרן פאַרטאָג אויף דער „מולדת”. אַ נייער פאַרטאָג פאַר דעם שווער־געפּרוווטן פאָלק! יאָ, דאָס איז עס, געבוירן אין געפאַנגענשאַפט צו לעבן פריי...”

דאָס קלינגט ווי פאַטעטישע פובליציסטיק, אָבער נאָר פאַר דעם, וואָס איז אין חורבן נישט דערגאַנגען ווייטער פון דער טראַגיק און נישט דעראַנט דאָס נייע ליכט, וואָס האָט זיך באַוויזן איבערן ים פון בלוט; דעם גרויסן נאַציאָנאַלן

נס פון אונדזער טראַגישסטער צייט. יהודה עלבערג האָט עס געאַנט אויך אין ברענענדיקן תוהו־ובוהו, פון וועלכן ער האָט אויסגעפּאָרעמט די גסיסדיקייט. שטייענדיק פנים אל פנים צום חורבן, ערטערווייז אפילו אַזוי נאָענט, אַז די שילדערונג נעמט זיך אויסווייזן ווי רעפּאָרטאַזש, ווערט אָבער עלבערג נישט דערפירט צו שבירת הכלים. ווי נאָענט ער זאָל נישט שטיין אין זיין דערציילונג צום תהום, צו די בלוטיקע רויע געשעענישן, באַווייזט ער דורך וווּנדערלעכע דערציילערישע דערגרייכונגען, זיי אָפּצורוקן פון זיך אויף אַ גרויס־קינסטלערישער דיסטאַנס, גיין ממש קעגן שטראָם פון די קאַטאַסטראָפאַלע סצענעס און אפילו אַרויסשיילן זיי פון דער מרה־שחורה, אין וועלכער אַלץ איז פאַרזונקען; זיי סובלימירן, אויפהייבן און דערהייבן דאָס עכט־מענטשלעכע, וואָס רייסט זיך מיט אַלע מיטלען און כוחות צו באַפרייאונג.

עס שאַדט נישט צו דערמאָנען, אַז עלבערג טראָגט עד היום אין זיינע בלוטן דעם יידישן חורבן, וואָס ער האָט אַליין דורכגעמאַכט און אַז דער שטאָף פון זיין ראָמאַן, די געשעענישן און טראַגעדיעס זענען די סאַמע דערשיטערנדיקסטע איבערלעבענישן, וואָס שטייגן איבער יעדע מענטשלעכע השגה און יעדער שרייבער גיט זיך אָפּ אַ חשבון ווי שווער עס איז צו געפינען אַן אויסדרוק פאַר זיי. מען דאַרף האָבן מוט צו פּרוּוון און גרויסע פעיקייטן דאָס צו דערגרייכן. ביידע זענען עיקרדיקע עלעמענטן אין עלבערגס טאַלאַנט. עס זענען פאַראַן סצענעס, קאַפּיטלעך גאַנצע, ביי וועלכע מען גיט אַ ציטער, אַז אָט־אָט און דער רודער פאַלט אים אַרויס פון דער האַנט און ער לאָזט לויפן די פאַקטן. אַמאָל קען זיך אויסדאַכטן, אַז זיינע העלדן זענען נישט פון דער געוויינלעכער פיזישער גרויס און אַז דער גליאיקער שטאָף דערגייט ביז צו אַ קלימאַקס פון עקספּלאָזיע, צעשמעלצט די קאָנווענציאָנעלע פאָרם פון ראָמאַן, פאַרפּלייצט די ברעגן, די ראָם פון געצוימטער און אָביעקטיווער פּראָזע, גייט איבער און נישט געצוימטער פּאָעטיק, אין רעפּאָרטאַזש, אָבער נאָכן דורכלייענען דאָס בוך ביזן סוף, דערפילט מען דעם טאָטאַלן עפעקט און מען זעט פאַר זיך אַ מאָדערנעם, ראַפינירטן ראָמאַניסט אין זיין גאַנצן קינסטלערישן פאַרנעם און דאָס וואָס ווייזט זיך אויס אויבן־אויף נישט געצוימט, איז תמצית פון לאַנגער קינסטלערישער אַרבעט איבער דער טעמע און איר אַרכיטעקטאָנישן געבוי און אַז ווען עלבערג האָט אָנגעהויבן שילדערן דאָס געטאָ, גאָלדעס לויפן איבער די גאַסן זוכן איר חנהלען, שפּעטער יאָסלס אַרויסגיין אויף דער אַרישער זייט און אַרויסראַטעווען חנהלען, ביז די סצענעס אין דאָרף, האָט ער שוין געוווּסט דעם סוף פון יעדן פון דער מיוחסדיקער משפּחה.

גאָלדע, יאָסל, הערצקע זענען נישט בלויז אומפאַרגעסלעכע פיגורן פון געטאָ, געזען דורך דער פּריזמע פון אייגענער דערפאַרונג. זיי זענען פון אָנהייב אָן געבויט דורכצופירן און באַשטעטיקן די וויזיע פון שפּיץ מאַסט אויף דער שיף קיין ארץ־ישראל: „גאָלדעס נאַרע איז געווען אַ האַלב חרובע שיף געוואָרפן פון כוואַליע צו כוואַליע. נאָר איינס פון אירע פריערדיקע קינדער האָט זיך געהאַט געראַטעוועט פון דעם גרויסן שיפבראָך. איצטער איז זיין צעשאָסענער גוף געלעגן אונטער אַ צעשאָסענעם מאַסט און אין אַ צעלעכערטער קאַיוטע אין בויך פון דער

שיף איז צו איר געבוירן געוואָרן אַ נייער זון — — — אַ פישטש פון דעם עופהלע איז צו איר געקומען ווי אַ צוואה. זי וועט אים רופן יוסף, אַזוי צו זאָגן: זאָלן זיך מערן ביי אונדז די זין...״

דאָס איז דער אויסגאַנג־און־שווערפונקט וואָס גיט דעם ראָמאַן זיין באַזונדערע לאָגיק און פאַרענדיקטקייט אין געבוי. דאָ גייט נישט בלויז אין געבויעם אָפּשפּיגלען די שוידערלעכעווירקלעכקייט. עלבערגס העכסטע שטרעבונג איז די יידישע וויזיע, דאָס עפענען געשיכטלעכע פערספעקטיוו אין דער סאַמע חושכדיקסטער צייט, אַרויסברענגען די גייסטיקע קראַפט פון אָט די טראַגיש־פאַרפאָלגטע, אָפּגע־ראַטעוועטע פון דער פאַרשניטענער אומה. אין זיי איז דאָ דער גורל און סוד פון געשיכטלעכן וועלט־ייד, פאַר וועמען אַלע געשיכטלעכע עטאַפּן זענען ענג צונויפגעבונדן מיט דער ירושה פון גייסטיקער אָנגעלאָדנקייט.

אויבנאויף קען זיך אויך אויסווייזן, אַז עלבערג האָט נישט געדאַרפט טראַכטן איבער דער פאַבולע. זי איז דאָך גענומען פון גרייטן און פליסט פריי פאַרויס ווי אַ טראַנספּאָזיציע פון דער וואָר, אָבער אין דער אמתן איז פאַראַן אַ סך שעפערישע פאַנטאַזיע אין אויסקלייבן פונעם מבול שוידערלעכקייטן דאָס, וואָס זאָל אינדיווידואַליזירן און קאָנקרעטיזירן די געשטאַלטן אין זייער סימבאָלישער אויפלעזונג, אַז זיי זאָלן אין אונדז אַריינוואַקסן מיט דער מיסטעריעזקייט פון זייער ווייטערדיקן גורל. דערביי באַנוצט ער זיך מיט אַ גלענצנדיקער דערציי־לערישער טעכניק אין די שטייגערישע געמעלן, בילדער און צייכענונגען, אין איבערגעבן די אַטמאָספער, אין וועלכער עס איז דאָ דער גרויל צוזאַמען מיטן אָטעם פון אמונה אין דער אייביקייט פונעם ייד, אין זיין געשיכטלעכן גאַנג, ביזן דערגיין צום הויכפּונקט, צום שפּיץ פון מאַסט. יאָסל־יורעק־יוסף, זיין מוטער גאָלדע און שפּעטער הערצקע, זענען יחידישע און כלל־געשטאַלטן אינאיינעם. זיי אַנטפּלעקן זיך מיט זייערע נאַטור־קאָנטראַסטן, קעגנזעצלעכע מאָטיוון פון זייערע פאַרהוילנסטע נשמה־קעמערלעך, און די מאָטיוון זענען אַזוי אָרגאַניש צוזאַמענגעפלאָכטן צווישן זיך, מיט די כאַראַקטערן און פּאַסירונגען, אַז עס האָט גאָר אַנדערש נישט געקענט זיין. ביים גאַנצן דינען דער עלבערגישער וויזיע זענען זיי נישט קיין אויבערפלעכלעכע פיגורן, נאָר עכטע, לעבעדיקע און איבער־צייגעוודיקע געשטאַלטן. דורכמאַכנדיק דעם גאַנצן כף הקלע, די גרויזאַמסטע איבערלעבענישן און נסיונות, פיזישע עטישע און גייסטיקע, גייען זיי אויף פאַר אונדז ווי מענטשן וואָס האָבן אין דער מאַוימדיקער חשכות, דערבליקט און פאַר־שטאַנען דעם זין פון בלייבן לעבן; דעם זין, וואָס דער מחבר האָט קינסטלעריש דורכגעפירט ביים געשטאַלטיקן און דורכלויכטן פון אינעווייניק זיינע הויפּט־העלדן; באַהעפטן דעם דאָזיקן זין מיט די איבערלעבענישן און ראַנגלענישן פון די מענטשן און דערהייבן ביז צו ביבלישער פונדאַמענטאַלקייט און עטישקייט פון ״ויהי״, פון אָנהייב ביזן פינאַל: „עס איז געשען אין יענע טעג, אַז דער ייד הערצקע האָט געקענט זיין ווייב גאָלדע און זי איז טראָגעדיק געוואָרן.ביידע — האַלעוועשקעס געראַטעוועט פון פייער, האָט גאָלדע געגאַרט ברענגען איר קינד אויף דער וועלט אין אַ נייער היים.״

צעוואָרפענע זאַנגען

טרויעריק און טראַגיש זענען די טעמעס אין יהודה עלבערגס דערציילונגען, וואָס גייען אַריין אין זיין ניי־דערשינענעם בוך „צעוואָרפענע זאַנגען": געטאָ, חורבן, טאָג־טעגלעכער קוקן דעם טויט אין פנים און קאָלעקטיווער גאַנג צום אומקום. אומענדלעכער טרויער איז אויך פאַראַן אין די דערציילונגען פון אַנדערע שטחים, פון אַמאָליקן לעבן אין פוילן און היינטיקן אין אַמעריקע. דאָך איז דער קען־צייכן פון עלבערגס שאַפן נישט דער טרויער. פונקט ווי אין זיין ברייט־פאַרמאָסטענעם ראָמאַן „אויפן שפיץ פון מאַסט", איז אויך אין זיינע דערציילונגען דער עיקר דער מאָראַלישער סינטעז פון פאַרפייניקטן און אומגעבראַכטן פאָלק, געזען אין אויפגעלעבטער צעצוויגטקייט, אין די זאַפטן פון יידישן שטאַם, וואָס גיט זיך נישט אונטער דעם חורבן. דאָס איז מער ווי סתם געזונטער אינסטינקט און חשק צום לעבן. דאָס איז יידישע גורלדיקייט, וואָס פאַרבינדט דעם עבר מיט דעם, וואָס קומט און ווערט אויפגעבויט אויף די חורבות.

עלבערגס כוח איז אין דער שאַרפער העלזעוודיקייט, אין אַרויסברענגען די פערל פון דער נשמה יתירה, וואָס לייכטן אַפילו ווען זי ווערט געטראָטן און געברענט. עלבערג איז דער קינסטלער פון אָט דער נשמה יתירה, וואָס דערשיינט אין אַלע זיינע דערציילונגען, אין פאַרשידענע פאָרמען און אויף פאַרשידענערליי אופנים. מיט זיין יידישער דערפאַרונג, ווי אַ שרייבער, אַ תלמיד חכם, מיט אַן אויג פאַר די שטילסטע נשמה־וויבראַציעס, שטייט ער מיטן פנים צו דער יידישער צוקונפט.

אין זיינע דערציילונגען, חוץ „משפט מיך", נעמט עלבערג ס'רוב דאָס טיף־פאַרדוקטע, פאַרוויקלטע, וואָס ליגט ביים דנאָ פון געטאָ־לעבן, פאַר־זונקען אין שוואַרצער פינצטערניש. און ער לייכט זי דורך אַזוי, אַז מיר זאָלן דערזען די באַהאַלטענע טיפקייטן פון יידישן געמיט, אַז יעדער צעל פון צעפיי־ניקטן גוף ווערט מיט זיי דורכגעדרונגען, ווערט נשמה, און אין דער נשמה שפיגלען זיך אָפּ געשעענישן, וואָס זענען פול מיט העכערער גייסטיקער גבורה. דאָס איז די באַזונדערע יידישע נשמה און מיט איר שפרייזט עס עלבערג איבער פינצטערע און לויכטנדיקע וועגן צו די קוואַלן פון העכסטער לויטערקייט פון וועלכער עס נערט זיך די נשמה און עס שטייען אויף נייע וועלטן.

יהודה עלבערגס דערציילונגען פאַרנעמען אַן אייגנאַרטיקע פּאָזיציע אין דער מאָדערנער יידישער פּראָזע, נישט בלויז צוליב די מעלות פון אַ גוטן דערציילער, מיט בולטע שילדערונגען, דורכדרינגענדיקע אָבסערוואַציעס און פּלאַסטישע געשטאַלטן. עס פאַרכאַפּט אונדז זיין גרויסע אמונה אין מעטאַפיזישן גורל פון דער יידישער געשיכטע. זיין גרענעצלאָזער בטחון פאַרוואַנדלט זיך אין אהבה און דורך אהבה אין גאולה. וויפל מענטשלעכע גרויסקייט איז אין פינטשעס שפּאָרן פון זיין ברויט־פּאַרציע כדי צו קענען קויפן אַן עפּל פאַר זיין זון. פינטשעס

גוף האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם נסיון און ער האָט דעם עפּל אויפגעגעסן. עס קען זיך אויסווייזן, אַז דער חומר האָט טריאומפירט. אָבער עלבערגס יידישער וועלט־באַנעם איז אַ וועג און אַן אויסוועג. דערפאַר ווען מינדעלע, פינטשעס ווייב, צעווייינט זיך אויף זיין טענה, פאַרוואָס זי פרעגט נישט וואָס ס'איז געשען מיטן עפּל, שיינט אויף אין איר ענטפער דאָס פאַרבאָרגענע יידישע ליכט: „...אַפילו ווען עדות וואָלטן געקומען זאָגן שלעכטס, אַפילו כ'וואָלט געזען מיט מיינע אויגן, האָב איך באַדאַרפט פאַרשטיין, אַז ס'קאָן נישט זיין שלעכט. זיי מיר מוחל, פינטשע".

וויפל מאָל ווילט זיך אונדז פאַרמאַכן די אויגן איבער דער חרפּה פון דער וועלט ווען מיר פאַרנעמען די דאָזיקע עלבערגישע אמונה, וואָס דערהויבט יידישן קיום צו געזאַנג. אין „משפט מיך", וואָס לייענט זיך, אגב, ווי אַ פּאָעמע, דערהויבט זיך עלבערג צום מאָראַלישן פּאַטאָס, אַ געלייטערטער אין קינסטלע־רישער עכטקייט. די מוראַדיקסטע געשעענישן ווערן אונטעריאָכט פון זיין אינע־ווייניקסטן בטחון, וואָס גיט דעם אויסוועג, די טרייסט, דעם כוח אויף ווייטער. ער ווייסט דעם ווערט פון דאָזיקן כוח אַקעגן אַלע שטרויכלונגען. דורכן עלעמענט פון בטחון קומט עלבערג צום טיפסטן געהיימניש פון יידישן אויסדויער. צו אַלדאָס פּאָזיטיווע און בשורהדיקע.

אין דודס באַזיגן אין זיך די אייפערזוכט איבער עטלס שלאָפן מיטן גוי, וואָס האָט זי אויסבאַהאַלטן און דערפאַר גענומען באַצאָלט מיט איר יונגן קערפּער, איז די גרויסע ליבע דורכגענומען מיטן אור־סוד פון יידישער געשיכטע. עטל דערציילט איר אויסגעבענקטן מאַן אַלצדינג, ווי אַזוי זי איז דערפירט געוואָרן צו זינד אין די איין און צוואַנציק חדשים בעת דער וויסטער מלחמה. צו פּאַראַט אין די פיר טעג נאָך דער מלחמה, געלעגן מיטן גוי אין בעט און אָפּגעטאָן אַלדאָס בייז. דאָס איז נישט מוחל צו זיין. אַזוי וואָרפט זי פון זיך אַרויס בילד נאָך בילד פון גרויליקן נעכטן און עס יאָגן נאָך דערמאָנונגען, געשרייען, ווידער־קלאַנגען און פּראַגן, וואָס זענען אויס צו בלייבן אָן ענטפער. עס ווערט נאַטירלעך דודס צעווייטיקט רעאַגירן: „איבּ דו וואָלסט געווען אַזוי געטריי דיין מאַן, כדת משה וישראל, ווי דו ביסט געווען דעם שיכור — —" ווי קען ער בלייבן לעבן מיט אַ פרוי, וואָס האָט נאַכט נאָך נאַכט זיך פאַרקויפט דעם שיכורן גוי? דאָס וואָלט געווען דער געוויינלעכער פינאַל פון דער אוממענטשלעכער טראַגעדיע. אָבער עלבערג פירט צונויף גאָטלאָזן יאוש מיט טיפער אמונה. אויפן סאַמע דנאָ פון תהום איז די שטילקייט, אין וועלכער דער מענטש דערפילט זיין אינערלעכע גבורה אַזוי טיף מוחל צו זיין און מוט צו קומען צוריק און פון דאָס ניי בויען די נעסט פאַר ביידע.

אין דודס צוריקקער איז דאָ די נאָענטקייט פון אַ מענטש מיט אמונה און אהבה, וואָס איז מוחל דעם זינדיקן און פאַרשטויסענעם, אָבער וויכטיקער איז דאָ דער ענטפער, וואָס קומט אַרויס פון עלבערגס דערציילונג אויף דער פראַגע: צי ליגט נישט, חלילה, אין אונטערגיין די לעצטע לייזונג פון דער מוראַדיקער יידישער טראַגעדיע? עלבערג שטייט דאָ אין גאַנצן אָפּגעזונדערט פון אַנדערע שילדערער פון חורבן. ער איז דורכגענומען מיט די זעלבע עמפּינדונגען. אַנדער־

איז נאָר די זעאונג. ער פּטרט נישט אָפּ די טראַגעדיע און דעם מאָטיוו פון שול־דיקייט מיט האַמלעטישע אויספּירן. עלבערגס פּאַראַטענער מאַן פליסטערט זיין זינדיקער עטלען אין אויער: „וועסט זען, מיר וועלן ווידער זיין גליקלעך".

בטחון און ליבע איז די בריק פון יחיד און כלל אין דער יידישער געשיכטע, וואָס פירט אַרויס פון אָפּגרונט צו אַ באַנייט לעבן. דאָס וועלן אָפּגעבן דעם ממזר אין יתומים־הויז איז שוין נישט קיין ענין פון מחילה, נאָר פון דעצידירטן ווילן צו פאַרגעסן אַלץ, וואָס איז געווען. „דאָס נפשל לאָזט נישט פאַרגעסן. עס נעמט ווייגען און קוויטשען, ווי די וועלט וואָלט אונטערגעגאַנגען — ווי אַ להכעיסדיק שדל וואָלט געזעסן אינעם קליינעם ממזרל און נאָר געוואַרט ווען אַריינצושיסן אין זיין קאָפּ גיפטיקע פיילן, ווען אַ מיש אויף צו טאָן פאַר אים אַ בלאָס, וואָס ציגדט זיין קאָפּ אין אַ העליש פייער". אין דעם ווילן אַנצוהייבן פון דאָס ניי צו דערהויבן זיך איבער די געשעעניש און אויך צו זיין גרייט אויף קרבנות.

דעריבער לויפן די ליניעס אין עלבערגס אַלע דערציילונגען צום פּאָזיטיוון. בער־לעפּ איז טאָקע אַן עם־הארצישער בעל־עגלה, אַ גראָבער קאָפּ, אָבער „ער ווייסט ווי צו שאַצן אַזאַ איידל קינד ווי זיין חנה". נאָך דער זינדיקער נאַכט ביי דער פויערטע אין שייער, געפינט ער נישט קיין רו. ס'לעבן איז אים נישט ניחא. אין זיין בענקשאַפט נאָך אַ קינד איז ער גרייט צוצונעמען ביי דער פויערטע דאָס קינד, אָבער ווען ער דערזעט אויפן קינדס העלדזל אַ צלם, ווערט אים פינצטער פאַר די אויגן. דאָס איז די פינצטערע נאַכט, וואָס נעמט אַרום יידיש לעבן מיט געהיימנישפולער שרעק. נישט איין שרייבער האָט אין אַזאַ סיטואַציע פאַר־בלאָנדזשעט און זיך מייאש געווען. ביי עלבערגן ווערט אָבער אַלץ דורכגענומען מיט גרויס יידיש געפיל. אין דער גורל־קאָנסטעלאַציע, אין וועלכער ער האָט איינגערעמט זיינע מענטשן, איז נישטאָ קיין אָרט פאַר יאוש. די פינצטערניש אין בער־לעפן צעגייט זיך מיט חנהס רופן אים אין שטוב אַריין און די בענקשאַפט נאָך אַן אייגן קינד גייט אַריבער אין דער ליבשאַפט צום לאַשיקל און ווען עס ווערט דערטרונקען, פּלאַצט ער אַרויס מיט אַ כליפּ. „יתגדל ויתקדש שמה רבא...".

קאָמפּענסאַציע פאַר גרויסע עוולות, טרייסט פאַר די, וואָס האָבן אין לעבן עפּעס פאַרשפּילט, זענען ביי־מאָטיוון אין עלבערגס דערציילונגען, באַזונדערס אין „דבורהלעס תפילה" און „אַז מ'האָט נישט קיין מזל". אָבער גלייכצייטיק זענען זיי קאַרדינאַלע עלעמענטן פון זיין באַנעמען יידישן גורל, נישט ווי אַ פאַרזיגלטן, און אַפילו ווען ער שטראָפט אַ גערעכטן, איז ער נישט אין גאַנצן אומדערבאַרעמדיק. ערגעץ ווו גלייכט זיך אויס דער באַלאַנס פון די קלעפּ און לסוף בליט זיך דער שטעקן פונאַנדער אין מאַנדלבליטן. אַזוי בליט עס אין דער געלייטערטער אַטמאָספערע פון ווערטן, וואָס עפענען האָריזאָנטן אַפילו אין ביטערסטן יאָמער־טאָל און טראָגן מיט זיך נבואות אויף גרויסע געשעענישן. עלבערג עפנט פאַר אונדז אין געמיט פון זיינע מענטשן, אַזעלכע ווינקעלעך, ווו מיר זאָלן דערבליקן דאָס פאַרבאָרגענע ליכט פון מענטשלעכקייט, דאָס ליכט וואָס באַשיינט זייערע פאַרצווייפלטע ראַנגלענישן מיט גוט־יידישער האָפענונג.

יעדער טיפּ אין עלבערגס דערציילונגען, סיי פון אַמאָל און סיי פון די איבער־געפלאַנצטע אויף נייעם באָדן, ווו זיי ראַנגלען זיך מיט זייערע יחידישע דראַמעס,

אין פֿאַר אים אַ מוסטער פֿאַר זײַן װעלט־באַנעם און ער װיל דערפֿאַר נישט אָפּפֿאַרטיקן זיך מיט זײַ פֿאַרבײַגײענדיק. סײַ די הױפּט־פּערזאָנען, סײַ די נעבן־פּערסאָנאַזשן זענען אַזױ אינדיװידועל אױסגעפּאַרעמט, אַז אַלע קומען זײַ אונז פֿאַר װי אַלטע באַקאַנטע, װעלכע מיר קענען אױסגעבונדן. מיר פֿילן דעם אָטעם פֿון לעבעדיקע, פּולבלוטיקע מענטשן, אָבער דאָס װערטפּולסטע אין די דערצײלונגען איז נישט די פּלאַסטישקײט פֿון די פּערזאָנען, נישט בלױז דער טעמפּאָ פֿון גוטער פּראָזע און גלענצנדיקער דערצײלערישער טעכניק. עס איז דאָס לעבנס־ליכט, אין װעלכן ער הילט אײַן זײַנע מענטשן מיט אַזױ פֿיל קענטעניש פֿון דער ײדישער נשמה; דאָס אױפֿגראָבן דאָס דערהױבענע אינעם פּשוטן, דאָס דװערנדיקע פֿון פֿאַרבײַגײענדיקן, פֿון דאַנען זײַן סובטעל באַהאַנדלען דעם טיפּאַזש אין װאָרהאַפֿטיקע סיטואַציע, געשפּאַנטע מיט קאָנפֿליקטן און ביטערנישן צװישן משפּחה־מיטגלידער. צוליב שפּאָרן פּלאַץ מײַד איך אױס ציטאַטן און אָפּצושטעלן זיך אױף באַזונדערע געשטאַלטן, כאָטש זײַ רײַצן צו באַװײַזן זײַן טאַלאַנט בײַם פֿאַרמירן פֿונעם תּוהו ובֿוהו פֿון פֿאַקטן און געשעענישן זײַן אײגענע קינסטלערישע װעלט, אין װעלכער די רעאַלע סיטואַציעס באַקומען זײער סימבאָלישע אױפֿלעזונג.

די מײַסטערשאַפֿט, מיט װעלכער ער שטעלט דאָס אַלץ פֿאָר, איז צו גרױס, אַז מיר זאָלן בלײַבן גלײַכגילטיק צו זײַן ײדישן גורל־באַנעם און מיר באַנעמען אים װי אַ טיף איבערגעלעבטן און דורכגעפֿילטן אמת.

אפרים שרײַער —
בײַ הײמישע שװעלן

אפרים שרײַערס בוך „בײַ הײמישע שװעלן" עפֿנט זיך מיט דערינערונגען פֿון „געבענטשטע טעג" ערבֿ זײַן עליה און איז װי אַן אַרײַנפֿיר צו דער שטײַגנדיקער בענקשאַפֿט, װאָס איז פֿאַראַן נישט בלױז אין די אײַנדרוקן און עסײען, נאָר אױך אין די פּראָפֿילן. בעצם איז אפרים שרײַער אומעטום, אין זײַן גאַנץ שרײַבן, אַן עסײאיסט, אַפֿילו װען דאָס איז נישט זײַן כּוונה. אױך זײַנע רײַזע־אײַנדרוקן זענען דורכגעצײכנט מיט לירישן אַנטפּלעקן דאָס פּנימיותדיקע פֿון זיך און פֿון די באַגעגנטע מענטשן אין װײַטע שטעט און לענדער. עס אַנטפּלעקט זיך טאַקע אין זײַ די רחבֿותדיקע נאַטור פֿון זײַן שרײַבערישער געשטאַלט און דער אופֿן פֿון זײַן איבערגעבן די אײַנדרוקן איז אַזױ אױסגעאײדלט, אַז עס װערט שפּראַך פֿון נשמה, מיט חוש פֿאַרן קלאַנג און פֿאַרב פֿון דער שפּראַך, מיט טיף געפֿיל, װיסן און עספּרי.

װי אַ קינסטלערישע נאַטור װיל אפרים שרײַער זען נישט בלױז די אױסערלעכקײט פֿון די שטעט און לענדער, איבער װעלכע ער שפּאַצירט, נאָר קודם כּל דאָס אינעװײניקסטע און אַזױ קומט ער צום אױספֿיר, אַז עס איז נישט ריכטיק די באַצײכענונג אױסגעלאַסנקײט, װאָס מען האָט געגעבן פּאַריז. „פּאַריז פֿאַרמאָגט

לעבנס־סטיל, וועלכער גרייכט העכער דער נאָרמע, לויט אונדזערע באַגריפן. כ'האָב דעם איינדרוק, אַז די פּראָווינציזן שטייען העכער איבער אונדזערע באַגריפן, וואָס פאַר אַ קולטור־פאָלק איז נאָרמאַל, באַדייט פאַר אונדז — אויסגעלאַסנקייט". עס פעלן נישט קיין מאָלערישע בילדער. עס אַטאַקירן זיינע זע־נערוון נישט נאָר סטילאַרטיק געבויטע שטעט אין די סקאַנדינאַווישע לענדער, אין ענגלאַנד, סקאָטלאַנד און האָלאַנד. זיינע חושים זענען וואַך צו די נאַטור־שיינקייטן, וואָס באַרייכערן די לענדער. „יעדע ווילע טוישט זיך דאָס בילד, דער קאָלאָריט פון דער פּאַנאָראַמע. יעדע ווילע פאַרשאַפט געגוס, איז משפיע אויף די געפילן, אויף דער שטימונג". אייגנטלעך האַנדלט עס זיך נישט וועגן דער שטימונג גופא, נאָר וועגן דינע ניואַנסן אין דער עמפּינדונג, וואָס שרייער ברענגט אַרויס מיט פיינעזיע, ווי ער וואָלט אונדז געוואָלט באַווייזן, אַז די וועלט איז גאָרנישט אַזוי פּשוט. מען דאַרף נאָר אונטער דעם אויבנאויפיקן דערזען די טיפענישן פון פנימיות. זיינע עמפּינדונגען רעדן צום געמיט, ווייל זיי באַרירן אין אונדז אַ גאַמע פון געפילן און דאָס איז דאָך די הויפּט־קריטעריע פון גוטער עסטעטיק.

אויבנאויף קען זיך אויסווייזן אַ ווייטער מהלך צווישן די רייזע־איינדרוקן און טעאַטער־אָפּשאַצונגען, אָבער אין דער אמתן איז אויך אין די אָפּשאַצונגען פאַראַן דאָס וועלן צופירן צו דער פנימיות, צום באַרירן פילנדיקע סטרונעס און אַז דער באַריר זאָל שטיין אויף דער הויך פון טיפער דערקענטעניש. דער דורך־שטיקער אינטעלעקט און עסטעט זוכט אין טעאַטער די קינסטלערישע פּערזענ־לעכקייט וואָס זאָל אים העלפן געפינען דעם ענטפער אויף די טויזנטער שאלות, וועלכע דאָס לעבן שטעלט דעם טראַכטנדיקן מענטש און דערהויבן צו אַ העכערער מדרגה. אין דער קרעאַציע פון דער פוילישער שוישפילערין אירענא אייכלער באַרוישט אים דאָס איינהערן זיך אינעם שטורעם פון איר אייגענער נשמה. אין בולאָווס שפיל זעט ער דאָס מאַכן רעאַל־וואָרשיינלעך דעם טרוים, פּונקט ווי אין גרעטאַ גאַרבאָ — די אידיליע פון טרוים און וואָר, פון שיינקייט און גייסט.

דעם זעלבן צוגאַנג האָט שרייער אויך אין זיינע קריטישע עסייען און פּראָפילן: מחשבה און געפיל. דערפאַר איז אים אַזוי נאָענט י. ראַפּאָפּאָרטס אופן פון קריטיקירן, זיין געדאַנקען־קלאָריט, שאַרפזין און עמאָציאָנעלער כוח פון אויפ־געמען. דאָס אָנוואַרעמען דעם מוח ביים האַרץ דערפירט אים קלאָרער צו דערגיין די פנימיות פונעם שרייבער, ווענעמס ווערק ער באַהאַנדלט און צום אָביעקטיוון פאַרערן עסקנים, אפילו צו די, צו וועלכע ער האָט אַליין נישט געהאַט קיין מזל, ווי צום חבר מוליע, וועלכער האָט נישט פאַרטראָגן שרייערס אַרויסגעזאָגטע מיינונגען און דאָך איז ער פול מיט ענטוזיאַזם פאַר דעם מענטש, וואָס האָט „אויפגעלעזט דאָס פּערזענלעכע אינעם געמיינשאַפטלעכן" און האָט „פאַרמאָגט אַ ברייטן האָריזאָנט פון פאַראינטערעסירונג מיט אַלע פראַגן און דערשיינונגען אינעם מענטשלעך־שעפערישן גייסט".

אַזעלכע זענען כמעט אַלע אַרבעטן אין דאָזיקן בוך. מען זעט אין זיי בולט דאָס זוכן דעו סינטעז פון געדאַנק און עמאָציאָנעלער איבערלעבונג. עס טרעפט אַז ער לאָזט זיך פאַרפירן פון געפיל, אָבער זיין געדאַנק איז גענוג שעפעריש, אַז די קריטישע אָפּהאַנדלונג זאָל נישט פאַרלירן איר אַנאַליטישן ווערט.

בלעטער פון שיינקייט

ווען באַרימטן רוסישן פאבל־דיכטער קרילאָוו האָט מען געזאָגט, אַז ער האָט זעלטן ווען אויסגעטראַכט זיינע מעשהלעך און משלים. ער האָט זיי גענומען ביי עזאָפּן, ביים פאָלק, ביים רוסישן און ביי אַלע אַנדערע. ער האָט אָבער אין זיי אַריינגעלייגט אַן אַנדערן זין, אַריינגעפירט זיי אין אַ נייער אַטמאָספער און דערפירט זיי צו אַן אייגענער שלימות.

דאָס זעלבע קען מען זאָגן וועגן אפרים שרייערס „בלעטער פון מיין אַלבום", אין וועלכע ער פאַרצייכנט אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין משך פון יאָרן און מסתמא ווירקלעך מיט אים פּאַסירט. ער האָט אפילו נישט געטראַכט צו דערציילן עפּעס נייעס. ער איז גענוג קינסטלער נישט צו וועלן איבעראַשן מיט אויסערגעוויינלעכקייטן. אים גייט אין אַריינפירן אונדז אין אַ וועלט פון עמאָציאָנעלע, פון עסטעטישע איבערלעבונגען און ער ווייסט, אַז אַ סך אַנדערע קומט אויס איבערצולעבן ענלעכע פּאַסירונגען און שטימונגען, ענלעכע אילוזיעס און דערשטוינונגען. דער קינסטלער לעבט עס איבער אינטענסיווער, טיפער און ער נעמט אויף קליגער דאָס נישט־דער־גרייכטע, וואָס דער מענטש האָט גאַנץ אָפט אפילו נישט קיין נאָמען דערפאַר.

דער עסייאיסט אפרים שרייער, מחבר פון אַ ריי קריטישע שטודיעס איבער קינסטלער און קונסטווערק, איבער פּראָבלעמען פון קינסטלערישן שאַפן און האָט אַ סך געווידמעט דעם טעאַטער, קומט דאָ דווקא מיט אַ שטילקייט און אינטימיטעט, וואָס האָט לגמרי נישט צו טאָן מיט טעאַטראַלקייט, איז נישט־דעקאָראַטיוו, נאָר ביהידותדיק איבערגעלעבט. ער באַווייזט זיך דאָ ווי אַ שטימונגס־ און סטיל־מייסטער אין דערציילן, אין פאַרענדיקן די פּוענטע. ער קומט אין די בלעטער מיט אַן אייגענעם טאָן, מיט אייגן בילדלעך לשון און מיטן כוח אַריינצופירן אין אַ מערקווירדיקער שטימונג פון אומעט און פרייד; אַן אומעט וואָס קומט פון גרויס געזאַנג און פרייד וואָס עס רופן אַרויס מילדע זון־שטראַלן.

שרייער דערציילט די אַלע פּאַסירונגען אַזוי שפּילעוודיק, אָבער מיט אַזאַ נאָגנדיקער קלוגשאַפט פון אַ מענטש, וואָס ווייסט, אַז די ווערט פון אַלע ווערטן איז נישט אין פּראַקטישער חכמה, נאָר אין דער פּאָעזיע פונעם לעבן, צו וועלכער עס שטרעבן די איידלסטע הערצער און געשליפענע מוחות. דאָס איז די פּאָעזיע, וועלכע איז דער קולמינאַציע־פּונקט פון די בעסטע און גליקלעכסטע אין לעבן פון יעדן מענטש אין אַלע צייטן.

עס איז נישט אמת, אַז אונדזער צייט איז באַפרייט פון ראָמאַנטיק און דערפאַר געהערט דער ראָמאַנטיקער צו אַ פאַרגאַנגענער צייט. יעדע צייט, יעדער דור נעמט זיך אַ מאָנאָפּאָל אויף אַן „איזם". אונדזער צייט האָט זיך צוגעאייגנט דעם ניכטערן רעאַליזם, אָבער דער אמת איז, אַז פאַר אַלע צייטן איז געמיינשאַפטלעך אַ ברוטאַלער רעאַליזם און ער ציט זיך ווי אַ בלוטיקער פלעק איבער דער גאַנצער

געשיכטע פון דער מענטשהייט, לויערט הינטער קולטור און מאָראַל, דרינגט אַריין אין זיי, אָפּטמאָל באַצירט מיט הויכע קונסט־אויסדרוקן. יעדע צייט האָט אָבער אויך אַ דורשט נאָך שיינקייט, איר אומבאַדינגטן אַנטי־ברוטאַלן רעאַליזם און היט אָפּ דאָס אמת־שיינע, דאָס אמת־מענטשלעכע. נישט אַלעמאָל גיט מען זיך אָפּ אַ חשבון ווי גרויס עס איז די ווירקונג פון דעם אַנטי־ברוטאַלן און אַנטי־ניכטערן — פון דעם ראָמאַנטיקער. אין אַלע צייטן — און אונדזערע אין נאָך אַ העכערן גראַד — איז די דאָזיקע ראָמאַנטיק העכער, ווערטפולער פונעם הערשנ־דיקן איזם, ווייל העכער פון אַלעם איז דאָס טיף־מענטשלעכע.

מערקווירדיק איז דער אויסוואַל פון די פרויען אין די בלעטער פון שרייערס אַלבום. מאלווע פון די „געטראָטענע רויזן", טאַטיאַנאַ אַלעקסייעוונאַ, וואָס האָט שטודירט ליטעראַטור, מוזיק איידער זי האָט געלערנט מעדיצין און האָט אויף אויסגווייניק פאָרגעלייענט יעסיעניגען; לאַרא די דאָקטאָרין פון סווערדלאָווסק און אַלע אַנדערע, וואָס יעדע פון זיי איז אַזוי פאַרשידן, אָבער אַלע זענען זיי באַשאָנקען מיט מוזיקאַלישע געפילן און ראָמאַנטישע אָנרעגונגען, מיט דורכגע־מענדיקער פרוילעכקייט, מענטשן פון בלוט און פלייש און דאָך אַזוי אויסגעהאַלטן אין זייער סובטעלקייט, אָפּגעהיטן פון פאַלשע טענער.

אָנהויבנדיק פון דער לערערין פאַר מאָלעריי אין זיין שטעטל, ביז דער ציגיינערין וואָס רעדט יידיש, טראָגט יעדע אין זיך פונקען פון אַ שטראַלנדיקער ראָמאַנטישער פערזענלעכקייט און דערציילנדיק וועגן זיי פירט אונדז שרייער איבער זיינע אייגענע זעלישע לאַנדשאַפטן, אין וועלכע מיר הערן אינטים־מוזיקאַלישע תפילה צו שיינקייט און ליבע, צו מילדקייט און גוטסקייט.

זיינע פרויען, וועלכע ער באַגעגנט, אָפּט אין צייטן פון שווערע נסיונות, רופן זיך איבער מיט די געטינס פון שיינקייט אין דער תקופה פון ראָמאַנטיזם, אָבער ביי שרייערן זענען זיי קאָנקרעטע און זייער דורשט נאָך שיינקייט איז פאַר אים לופט און ברויט פון אַלע טעג, דריקט זיך אויס אין אַלץ וואָס מיינט לעבן, סיי גייסטיק סיי פיזיש.

ער קען זיך נישט פאַרהיטן פון סענטימענטאַלע דיאַלאָגן, אָבער זיי זענען עכט און געטאָקט. דאָס לשון פון האַרץ דאַרף נישט האָבן אַ סך ווערטער. יעדער עפּיזאָד איז קלאָר און דערציילעריש כמעט אויסגעזונגען.

אַ ראָמאַנטישער עלעמענט איז אויך זיין ליריזם, פאַרחלומט, ווייך, אָבער מיט אַ שטאַרקן באַוווסטזיין פון כוח. ער מיידט אויס ראָמאַנטישע באַרעדעוודיקייט, כאַפּט נישט איבער די מאָס פון דער פּאַסירונג, דערציילט דירעקט, אָנשטאָט רמזים — עלעגאַנטער מיין, אָן שלייערן, וואָס זאָלן פאַרהילן דאָס אינערלעכע פייער. אַלע האָבן זיי קערנדיקן אינהאַלט, פאַרב, עראָטישע טעמפּעראַטור, נישט צום איבערדערציילן, נאָר צום לייענען און אַריינגעמען אין זיך.

צבי אייזנמאַן —

„די באַן"

צבי אייזנמאַנס דערשינענע דערציילונגען „די באַן" שילדערן יידיש לעבן אין פאַרמלחמהדיקן פוילן, אין בשעת־מלחמהדיקן רוסלאַנד און אין מדינת ישראל. דאָס זענען נישט קיין באַשרייבונגען פון סאַמע קאָכעדיקן יידישן לעבן אין די דאָזיקע לענדער, נאָר באַזונדערע שילדערונגען פון יחידישע גורלות, וויטיק־לעכע מענטשלעכע איבערלעבונגען, וועלכע פאַרמאָגן אין זיך דערציילערישע קאָנקרעטקייט און פיינע סטיל־דערגרייכונגען.

צבי אייזנמאַן געהער צו די שרייבער, וואָס פאַרנעמען זיך בלויז מיט דעם אַנדערשדיקן און נישט־געוויינלעכן אין לעבן. עס וואָלט אָבער געווען נישט ריכטיק צו מיינען, אַז ער מיידט בכיוון אויס די געוויינלעכע גרויע וואָר. ער זעט זי סיי אין איר האַרבקייט און אכזריות, סיי אין איר שטילער טעגלעכקייט. זי דינט אים אין אַלע זיינע שילדערונגען ווי אַ פאָן פאַר די באַזונדערע אויסנאַמען, פאַר דעם אַנדערשדיקן, וואָס איז נאָך שטילער, טרויעריקער און געפינט זיך מן הצד פונעם שטראָמיקן לעבן. אויפן פאָן פון דער שטילער און טומלדיקער שטיי־גערישקייט אינעם הויז אויף טוואַרדע קומט אַרויס מיט נאָך מער שאַרפקייט די טראַגישע געשטאַלט פון אירענאַן. פונקט אַזוי איז עס אין די שילדערונגען פון רוסלאַנד, ווו אַלע הערשנדיקע שטימונגען פון יענע טעג זענען נאָר אַ פאָן פאַר דעם אויסטערלישן, ווי עס איז דער ליבע־צוזאַמענשטויס פון נאַסטיע מיטן אימ־פאָטענטן הויקער. אויך דאָ אין לאַנד, אויפן פאָן פון העראָישן קאַמף און אימפעט־פולן אויפבוי הויבט ער אַרויס די, וואָס דער גורל האָט זיי געשטעלט אָן אַ זייט, די איינזאַמע קינדער־דאָקטאָרין, וואָס בלייבט אַ פאַרבענקטע בתולה ביז אין טיפן עלטער, דעם בלינד־געוואָרענעם יגאל, די איינזאַמע זקנים אין קבוץ. אַלע זיינע העלדן געפינען זיך אין דער ספערע פון טיפן עלנט און גרויסן מענטשלעכן טראַגיזם.

נישט געקוקט אויף דער גאַנצער טראַגישקייט איז די אַטמאָספער אין די דערציילונגען נישט קיין שווערע. אין דעם טיפן עלנט און פאַרשעמטקייט לויכטן אויף אַזעלכע טיף־מענטשלעכע אויסלייטערונגען, ווי די חברים אויף יגאל'ס חתונה. עס ווערט טיפער, אָבער העלער דער טרויער. אין דעם דיסקרעטן איינגע־האַלטענעם טאָן, וואָס גייט אויף פון דעם טיפן געמיט־צושטאַנד אין אַלע זיינע דערציילונגען איז פאַראַן גלייכצייטיק שטילער טרויער און טיפער גלויבן, נישט־דערזאָגטס און דרייסטע אָפנהאַרציקייט. דאָס איז אַ טאָן, וואָס רודערט אויף די פאַרבאָרגנסטע געפילן פון טיפער פאַרערונג פאַר דעם מענטש, פון ליבע צו אים, פון גלויבן אין אים.

פון דער באַהערשטער רו און שטילקייט, מיט וועלכע עס צייכענען זיך אויס די דערציילונגען, פילט זיך אַרויס דער געהעמטער געשריי פון אַ פילנדיק האַרץ,

און פון זייער לויטערער פשטות — שעפערישע אָנשטרענגונג און אינערלעך־קינסטלערישע דיסציפּלין.

זיינע געשטאַלטן, אַרומגעהילטע מיט דעם טונקעלן און געהיימען נעפּל פון לעבן, זענען באַלויכטן מיט אַ ווייך און צאַרט ליכט, און אָטעמען מיטן כּוח פון אומבמיטלבאַרן אמת. דאָס איז דער אמת, וועלכן קיין שום קינסטלער טאָר נישט אויסמיידן, מעג ער זיין תהומיק־טיף און פינצטער. וואָס טיפער ער נידערט אין אים, אַלץ העכער איז דערנאָך דער אויפשטייג, אַלץ לויכטנדיקער זענען די שטראַלן פון קומענדיקער אויפריכטונג.

פון אייזנמאַנס קרעפטיקן און אייגנאַרטיקן טאַלאַנט איז נאָך דאָ אַ סך צו דערוואַרטן. זיין אינטימע אָרגאַנישע פאַרבינדונג מיט די קאָנקרעטע שטימונגען פונעם לעבן אין לאַנד, מיט דער העראָיק פון רעאַלע פאַקטן, וועט געוויס עפענען אין אים פרישע קוואַלן פון שאַפונגען, וואָס וועלן אָפּשפּיגלען נישט בלויז פּיין און צער, נאָר אויך דעם באַזיגיקטן פאַרויסגאַנג פון אויפגעריכטן מענטש.

משה שולשטיין —
אַ רינג אין אַ רינג

משה שולשטיין, איינע פון די אינטערעסאַנטסטע געשטאַלטן אין דער מאָדערנער יידישער דיכטונג, קומט פון צייט צו צייט מיט אַ בוך פּראָזע. נאָך די דערציילונגען „איבער די דעכער פון פּאַריז" און דעם באַנד עסייען „געשטאַלטן פאַר מיינע אויגן" קומט איצט דאָס בוך „אַ רינג אין אַ רינג", רעפּאָרטאַזשן, עסייען און פובליציסטישע פאַרצייכענונגען, אין וועלכע משה שולשטיין פאַר־צייכנט זיינע געדאַנקען און איבערלעבענישן אויף דער הייסער מינוט.

דער באַגריף אויף דער הייסער מינוט איז אפשר נישט אַזאַ גענויער, אויב מען נעמט אין אַכט די אַרבעטן אין דער ערשטער סעריע „פאַרבליבן אין זכרון", אין וועלכע שולשטיין קערט זיך צוריק צו די איבערלעבענישן אין די מלחמה־יאָרן. אָבער אויך זכרונות זענען געוואָרן אַרויסגערופן דורך זיין אומקערן זיך אויף די ערטער, נישט אַזוי צוליב דעם וואָס זיי זענען געווען ווי צוליב דעם וואָס זיי זענען געוואָרן. אַזוי איז עס „דאָרט, ווו ס'איז געווען אַמאָל דער לאַגער דראַנסי", אָדער די זכרונות וועגן שרייבער יאָסל צוקער ווען ס'איז דערשינען זיין בוך „שריפטן" צענדליקער יאָרן נאָך זיין אומקום אין אוישוויץ. אַזוי קומען אויך אויף די זכרונות „אויף די חורבות פון אָראַדור", ווען ער בלאָנקעט לענגאויס די איבערבלייבענישן פון די פאַרניכטעטע הייזער, אין אויסגעברענטן קלויסטער שווידערט ער ווידער דורך די דורכגעפירטע שחיטה איבער דערוואַקסענע און קינדער און אַזוי דרינגט ער אַריין אין דער מוראדיקער ווירקלעכקייט, וואָס שטייגט איבער אַלע פאַנטאַזיעס. זעט פאַר זיך די „יידישע אויגן" פון שלום אַשס „ברענענדיקן דאָרן"; פאַראייביקט דעם „מעמאָריאַל — היינטצייטיקער יידישער מקום־קדוש אין פּאַריז", אַן אַדרעס פאַר פאַריזער יידן און אַ וועלט־אַדרעס פאַר

אויסלענדישע יידן. די דאָזיקע פאַרצייכענונגען געהערן צו דער חורבן־ליטעראַטור, וועלכע וועט קיינמאָל נישט זיין געבנוג. מיט זיין פּראָזע איז שולשטיין ממשיך זיין אויסגעשריי אין די פּאָעטישע ווערק, אָנהייבנדיק פון דער פּאָעמע „אויפן אַש פון מיין היים" ביז „ביים פּנקס פון לובלין". דאָס ווייזט, אַז שולשטיין, דער דיכטער פון „כ'האָב געזען אַ באַרג", הערט נישט אויף צו באַוויינען און דערמאָנען, איבערלעבן און מאָנען נישט צו פאַרגעסן די יסורים און גרוילן, וואָס קיין מענטש קען נאָך ביז איצט נישט באַגרייפן.

דער דיכטער, וואָס איז דערגאַנגען צום טיפסטן אָפּגרונט פון פּיין און הערט זיין גאַנץ לעבן נישט אויף דורכצומאַכן דעם וועג קיין מיידאַנעק און אַראָדור, האָט אויך וואָס צו זאָגן וועגן אונדזער צייט. משה שולשטיין האָט דורכגעמאַכט אַן אידעאָלאָגישע מעטאַמאָרפאָזע, וואָס איז נישט בלויז אַן ענין פון אויסגע־ניכטערטן געדאַנק, נאָר איז אַליין פאַר זיך אַ טיפע איבערלעבונג; אַן איבער־לעבונג, וואָס קומט צום אויסדרוק סיי אין זיין פּאָעזיע, סיי אין זיין פּראָזע. אַ דיכטער מיט שטאַרקע עמאָציאָנעלע רעאַקציעס, רעאַגירט ער מיט צאָרן אויף יעדן נייעם פאַרברעכן פון דער דיקטאַטור, וואָס ער האָט אַמאָל פאַרהייליקט און ווייסט היינט, אַז דאָס איז אַ זומפּ פון פאַלשקייט און שקר, פון „גיפט און גאַוועד און באַשפּייען און באַכראַקען די אייגענע איינגעשטעלטע פּרינציפּן און הייליקע צוזאָגן".

אינטערעסאַנט זענען די פאַרצייכענונגען, וואָס גייען אַריין אין אָפּטייל „יידיש היימלאַנד". דאָס זענען איינדרוקן פון זיינע רייזעס אין ישראל. עס וואַרפט זיך אין די אויגן די פאַרשיכורטקייט, וואָס הייבט זיך אָן פון דער באַגריסונג „שלום": „ישראל האַלט אַ ביקס אין האַנט און זאָגט „שלום"! און האַלט אָן נישט נאָר אין די קאַרנאַוואַל־צוגן פון די פּורים־עדלאידעס, נאָר אויך אין העראָאיזם פון טאָג־טעגלעכער מי און אַרבעט. די שיכרות וועפט נישט אויס אויך אין מאה שערים, ווו „נישט בלויז רעדט מען דאָרטן יידיש, נאָר עס רעדט זיך יידיש און עס הערט זיך יידיש".

עס פעלן נישט קיין שטעלן, וואָס קענען זיך אויסווייזן ווי רעטאָריק, אָבער וואָס ווייטער מען לייענט, דערפילט מען, אַז די באַגייסטערטע ווערטער קומען פון דער טיף. דאָס איז אַפילו מער ווי שטימונג. דאָס איז אַזאַ ממשותדיק געפיל, ווי דאָס צוריקקומען צו די פאַרגאַנגענע חנוכה־אָוונטן אין היימישן שטעטל, ווו עס קלינגען די קלויסטער־גלאָקן, דערמאָנען אין בלוט־בילבולים און חדר־יינגלעך זינגען אויס די מעשהלעך פון אַמאָליקע נסים. „אין אונדזערע היינטיקע חנוכה־טעג רייסט זיך אַריין אַ נייער נוסח, נישט בלויז מעשהלעך פון אַמאָל, נאָר אויך מעשהלעך פון איצט". פילט מען, אַז דאָס איז געזאָגט מיטן גאַנצן האַרצן, מיטן טיפן פאַרלאַנג אַרויסצוכישופן דאָס דראַמאַטישע „ווען טרויער און פרייד רירן זיך אָן אין ישראל", און שולשטיין קען זיך נישט דערלויבן צו באַרירן דאָס אַלץ מיט אַ קאַרגער פען און איז דערפאַר אָפט איבערשוימענדיק. דאָס שרייבן קומט פון אַן איבערווייניקסטן שפּרודל, אָבער ווייט נישט מיט קיין מליצות. מיט פּשוטע היימישע יידישע ווערטער באַזינגט ער דאָס וואָס זינגט אין אים, מיט לעבעדיקן אינטערעס צו אַלעם וואָס ער טרעפט אָן אויף זיינע בחיפזונדיקע רייזעס.

אליעזר אָלעי —
ירושה און ניגון פון דורות

אַט איז שוין דאָס פערטע בוך פון אליעזר אָלעיס ברייט־פאַרמאַסטיגעם ציקל ראָמאַנען „די גאַרבער־גאַס“, אין וועלכע עס וויקלען זיך דורך קרעפטיקע בילדער פון אַ קאָלירפולן לעבן אויף אַ ברייטער קאַנווע פון שטייגערישע שילדערונגען און אַלע פיר ראָמאַנען בינדן זיך צוזאַמען אין אַ המשכדיקן סיפור־המעשה און שטעלן פאָר מיט זיך אַ דערציילערישע גאַנצקייט מיט אַ גוט דורכגעטראַכטער פאַבולאַציע און פאַרביקער בילדערישער קאָנסטרוקציע.

דער פּייזאַזש פון שטעטל, וואָס איז אַמאָל געווען און איז מער שוין נישטאָ, דערשיינט אין אָלעיס ראָמאַנען אין אומצאָליקע וואַריאַציעס, אַלעמאָל מיט דער זעלבער פרישקייט און לעבנס־כוח. ער ווייזט אונדז די דלותדיקע געסלעך פון שטעטל און אויך דאָס פעלד און דעם וואַלד, ווו די יוגנט האָט געשפּונען ראָמאַנטישע חלומות און אין די שבתים איז דאָרט געווען פול מיט טומל און געזאַנג.

די פּערסאָנאַזשן פון אליעזר אָלעיס ראָמאַן זענען יידישע אַרבעטס־מענטשן פון צוויי דורות, וועלכע ער ווייזט אונדז ביים איבערגאַנג פון דער אַלטער צו דער נייער צייט. מיר זעען זיי אַליין און משפּחותווייז, ווי עס אַנטוויקלען זיך ביי זיי די ענינים פונעם קאַמף פאַר דער טאָג־טעגלעכער עקזיסטענץ און פון האַרעמער, אויפגייענדיקער ליבע. אין די שילדערונגען איז דאָ אַ מערקווירדיקער אונטערטאָן, אַ ציטערנדיקער נאָכקלאַנג. ער שילדערט אויך די שאָטן־זייטן, עם־הארצות, גראָבקייט, פאַרדאָרבנקייט, לעכערלעכקייט, אָבער ער טוט עס קיינמאָל נישט מיט קיין פאַרביסנקייט און נישט מיט קיין שאַרפן טאָן. תמיד וועגט איבער די פאָלקישקייט, דער בטחון און לעבנספרייד. מיט זיין לעבעדיקן, פאַרבנרייכן סטיל און אָריגינעלן אופן פון דערציילן, מיט דער רייכער שפע פון לעבנס־בילדער, קאָלירפולן, שטראָמיקן, כוואַליקן ווערטער־רייכן יידיש פאַרכאַפּט ער דעם לייענער. מען דערפילט די צאַרטע נשמה פונעם שרייבער, וואָס איז פול מיט נגינה און דורינגט דורך זיינע העלדן מיטן גלויבן אין בעסערע צייטן. אַלע זענען זיי דעם שרייבערס לייבלעכע, נאָענטע מענטשן און כאָטש די געשעענישן און פּאַסירונגען, אין וועלכע זיי זענען פאַרוויקלט, מוזן נישט האָבן קיין שייכות מיטן שרייבערס ביאָגראַפיע, דערקענט מען אין טייל פון זיי כמעט אַ משפּחהדיקע שייכות. אַן אינטעגראַלער טייל פון זיין לעבן איז זיכער דער קאָנפליקט צווישן אַלט און יונג, וועלכן אָלעי ווייזט אונדז ווי ער וואַקסט אויס אין שטעטל צו געשעענישן, וועלכע זאָגן אָן די נייע תקופה און די נייע ווינטן, וואָס בלאָזן צווישן דער עדה גאַרבערס אין זייער איינגעזעסענעם יישוב. ער ווייזט אונדז משפּחות גאַנצע, עלטערע און יונגע, צאַפּלענדיקע אין געראַנגל קעגן גורל, אין דער גאַנץ פון שטעטלשן לעבן, אין וועלכן דער סינדיקאַט וואַקסט אויס ווי אַ נאַטירלעכער קלימאַקס פון די פריערדיקע דערציילונגען.

יעדער פון די מענטשן אין דער רייכער גאַלעריע טיפּן האָט זיין אייגן פּנים

און שורש. צו אַלע גייט ער צו מיטן זעלבן גלייכגעוויכט צווישן מידת הדין און מידת הרחמים. צי עס זענען די מענטשן אין אברהם לעווקידס הויז, צי אין מענדל באַומס און זאַמעס. דער אור־שטאָף, פון וועלכן עס פאַרמירן זיך די פּסיכישע איבערלעבענישן, איז דער מעכאַניזם וועלכער באַוועגט די אַקציע, סיי די אינער־לעכע אויפברויזן און סיי די מעשים.

שריט ביי שריט ווייזט ער אונדז ווי עס רייפט און וואַקסט אַן דער אינער־לעכער קאָנפליקט. מיר הערן דייטלעך דעם אָפּקלאַנג פון יענער ווייטער צייט פון יענעם קאַליפּולן לעבן, דורכגעזאַפּט מיט יידישער פאָלקסטימלעכקייט, מיט טראַגישע קאָנפליקטן, מיטן היימיש־אינטימען משפּחה־ניגון אין יידישן שטעטל, מיט די געפילן און שטימונגען אין די הערצער פון די באַזונדערע העלדן.

מיר זענען אין דעם ראָמאַן אויף וואָס דער שרייבער האָט זיך פאַרמאָסטן און מיר לאָזן זיך מיטרייסן מיט דער פאַרכאַפּנדיקער אַקציע, מיט די צייט־געשעענישן, אין וועלכע אליעזר אַלעי גיט אונדז אַן אַריינבליק. איצט, נאָך אַזויפיל יאָרן, דער־הערן מיר דעם ווייטן אָפּקלאַנג פון יענער צייט אַזוי קלאָר און אמתדיק, אַז מיר אידענטיפיצירן זיך פולשטענדיק מיט זייער לעבן, זייערע געפילן און האַנדלונגען.

די מדרגות פון אָרעמקייט פון יידישן שטעטל, זענען שוין גענוג ברייט און טיף אויסגעשעפּט געוואָרן אין דער יידישער ליטעראַטור, אָבער ביי אַלעין קומען זיי אַרויס ווי געזען אין אַן אַנדער ליכט. ווי שווער עס איז די אָרעמקייט אין זאַמעס שטוב, פאַרלירט זי אָבער נישט דעם מענטשלעכן ראַנג און אַפילו אויפן דנאָ פון פינצטערסטער נויט איז זי דורכגעגנומען מיט אינעווייניקסטן בונטאַרישן חלום. אליעזר אַלעי פאַרמאָגט די חכמה צו אָפּערירן מיט חיותדיקן מאַטעריאַל, מאָלן און באַשרייבן, לעבעדיקע מענטשן, שטייגער און סביבה פון דער פאַר־שניטענער וועלט, פון וועלכער מיר וועלן נאָך לאַנג ציען יניקה, און אַלעי ווייסט ווי אַזוי דערציילעריש אויסצופאַרמירן די דאָזיקע וועלט, אַז מיר זאָלן זיך מיט איר פולשטענדיק אידענטיפיצירן.

דער הויפּט־יסוד פון א. אַלעיס פּראָזע איז עכטקייט, קינסטלערישע עכטקייט און דערפאַר דאַרף ער נישט אָנקומען צו אויסטערלישע סיטואַציעס. ער גיט די יידן אין זייער טאָגטעגלעכקייט און אַלע פּאַסירונגען קומען פאָר אויפן ברייטן, בילדערישן פאָן פון אַמאָליקן שטעטל. אָבער פון די פאַקטן, געשעענישן, און איבערלעבונגען פאַרמירט זיך אויס אַ גאַנצע וועלט, אַ קינסטלעריש באַגרינ־דעטע. אַלעי קען גוט זיינע העלדן. פאַר אים זענען זיי נישט פאַרגאַנגענהייט. זיי האָבן זיך אין אים איינגעגעסן און קומען אַרויס דורכגעפּיבערט, פול מיט קוואַליקער פאָלקס־חיות.

אליעזר אַלעי ברענגט אויך אַרויס צייט־געשעענישן, פּאָליטישע רדיפות, עקאָנאָמישע גזירות און ער גיט אונדז אַן אַריינבליק אין זייער קאָמפּליצירטן פאַרלויף, ווי זיי האָבן געווירקט אויף די יידן אין שטעטל. אָבער די וואָגיקע סאָציאַלע דערשיינונגען, זענען זייער רעדוצירט, צו דער מאָס פונעם אינטעלעקט פון זיינע העלדן און ער לאָזט זיי נישט אַריבערשפּרייזן די גרענעצן פון זייער וועלט־באַנעם. און עס איז גוט וואָס עס פילט זיך נישט, אַז דער שרייבער זאָל וועלן אַריינשלעפּן דעם סאָציאַלן מאָמענט ביי די אויערן, נאָר ווי פאַרבייגייענדיק,

נישט איבערצולאָדענען די געשטאַלטן, נאָר מיטגעבן זיי אויף זייער וועג דאָס סאַמע נויטיקסטע.

אליעזר אָלעי געהערט צו דער גוטער ראַסע דערציילער און פאַרמאָגט די חכמה צו אָפּערירן מיט חיותדיקן מאַטעריאַל, מאָלן, באַשרייבן, מיטן כוח פון קינסטלערישן אמת, לעבעדיקע מענטשן, שטייגער און סביבה פון דער פאַר־שניטענער וועלט, פון וועלכער מיר וועלן נאָך לאַנג ציען יניקה.

וואָס פאַר אַ שאַנס גיט דעם היינטצייטיקן שרייבער דאָס אומקערן זיך צו דער טעמאַטיק פון אַמאָליקן יידישן שטעטל? איז עס דער ווילן צו פאַרטיפן דעם חשבון הנפש מיט דער וועלט אָדער דאָס נאָגנדיקע שולד־געפיל פאַר די זינד, וואָס מען איז אַליין באַגאַנגען נישט אָפּשאַצנדיק די גרויסקייט און שיינקייט פון די פּשוטע מענטשן אין יידישן שטעטל? צי איז עס פּשוט דער איינציקער אויסוועג אין דעם תוהו ובוהו פון נאָכן חורבן אויסצולייזן זיך אין שאַפן פון זיך אַליין?

אַ מדרש־מעשהלע דערציילט:

אין די נעכט, אויף די חורבות פון יידישע תפוצות, גייט אַרום די מאַמע רחל, קלויבט צונויף יריעות פון צעריסענע און געשענדעטע ספר־תורהס און מאַכט פון זיי ליילעכער און באַנדאַזשן אַרומצוּוויקלען אירע פאַרוווּנדעטע קינדער.

דאָס געשעט אויך מיטן יידישן שרייבער, אין וועמענס בלוט עס לעבט די גרויסע יידישע טראַגעדיע און ער טראָגט דעם עבר אין אַלע זיינע אברים, אין אַלע זיינע געדאַנקען און פילט די אחריות פאַרן צונויפבינדן די פאַרגאַנגענהייט מיט דער אייביקייט.

אליעזר אלעי אין זיין נייעם ראָמאַן „גאַרבער־גאַס" וויקלט אויף פאַר אונדז יריעות דורותדיקע יידישעווירקלעכקייט, אַלטן יידישן לעבנס־שטייגער פון וואָך און שבת, פון הארעוואַניע און אידעאַליזם און אין דער געוויינלעכער טאָג־טעגלעכקייט פון אומאויפהערלעכע דאגות פרנסה איז פאַראַן דאָס אינעווייניקסטע לעבן פון יענע יידן, יענע אויסדערוויילטקייט און הערלישקייט, וואָס זיי האָבן אויפגעהיטן און אַריבערגעבראַכט נאָר אין הייליקע רגעס פון גרויסן נסיון.

דער רוב פון אלעיס העלדן זענען פּראָסטע יידן, גאַרבערס, וואָס זענען גאַנצע טעג „פאַרשטעקט אין הויף" ביי זייער פּראַצע, פאַרגינען זיך נישט אַרויסצוּווייזן דאָס פּנים אויף גאָטס וועלט. פון הינטער די פּלויטן טראָגט זיך אַ נאָכאַנאַנדיק געזשום־געברום, אַ בראַזגען פון די שווערקאַרניעס — ברומען מיט ביי זן געפילדער, מיט רעוואַנש, ווי הונגעריקע חיהשע פּיסקעס ווען זייערע שלינגען זענען גרייט צו זעטיקן זיך מיט רויב. עס טראָגט זיך דאָס טרעסקען פון טאַטשקעס, לויפן קייקלענדיקע איבער די שמאָל־ברוקירטע הויף־שטעגן. כּריוקען ווי געבונ־דענע חזרים אין זאַק אויפן פויערישן פורל: כּריוק־כּריוק־כּריוק. ס'קומט אויך אַנטקעגן דאָס רוישן פון לויפנדיקן וואַסער, וואָס גיסט זיך ווי אַ לעבעדיקער קוואַל פון פּלומפּס מויל אַריין אין היי'לצערנע ראָווס, פון זיי צו די גאַרב־פּעסער אין די קאַלך־גריבער. ווי אַ באַגלייט צו דעם פליט אָן דער געקלימפּער פון שלייפנדיקע כּלים אויפן דריי־שטיין, וואָס וואָיען אויך עפּעס ווי געשלאָגענע באַשעפענישן — די העלסטע זון אין ליכטיקסטן טאָג איז פאַר אים פינצטער. דער קלאָרסטער הימל — חושך".

אָבער אונטער אַלעיס פּעדער פאַרשווינדט די אַלטעגלעכקייט און יענע גרויע וואָכעדיקייט פאַרוואַנדלט זיך אין אַן אמונה אין עפּעס שענערס און דערהויבנס. די פּשוטע בעלי־מלאכות, וואָס האָבן קיינמאָל נישט דערגרייכט צו הויכער רוחניות, ווערן פול מיט התפּעלות פאַר דעם וואַנדערנדיקן אורח, וואָס „טראָגט זיך איבער די וועגן, זוכט ערגעץ אַביסל אָפּרוען, דעם האַלדז אַנזעטיקן, און ווי דאָס איז אָנגעפילט מיט תורה, מיט חכמה, פול ווי אַ פייג מיט קערנדלעך. ווייסט מען פון דרויסן וואָס אינעווייניק אין אַ ייד שטעקט?"

אָבער חוץ דעם איינציקן וווּנדערלעכן אורח, וואָס באַווייזט זיך בלויז מיט „הייליקע ווערטער". און „אַ קול פול מיט פלאַים" איז אין דער „גאַרבער־גאַס" נישטאָ קיין איין הייליקער צדיק, דאָך איז די גאַנצע לופט אָנגעפילט מיט צדקות, פּשטות און תמימות. אַ וועלט מיט חסד, און ווען עס געשעט דאָס אומגליק מיטן אָפּסמען אַ פּאַס פעלן ביי מאַשע וויטלס, אַ גאַרבערקע, אַ יונגע אַלמנה, רודערט עס אַלעמען אויף ביז אין די טיפענישן. עס איז דאָס איינציקע שווערע פאַרברעכן אין דאָזיקן בוך. אַלעין ציט מער דאָס עכטע, דאָס פיינע און מענטשלעך־איידעלע. און דער טאָג־טעגלעכער פּירונג פון זיינע פאַרשוינען גיט ער צו אַ פּאַטריאַרכאַ־לישע בכבודיקייט. דאָס דערפירט דערצו, אַז ער זאָל אַזוי ווייניק קריטיקירן זיינע העלדן און כאָטש ער גיט זייערע קאָנפליקטן, די נעגאַטיווע שאָטנדיקע זייטן, זעען זיי אָבער נישט געזען אין שאַרפן אויפדעקערישן ליכט, נאָר אין ווייכערן שיין ווי פון אַ חלבן ליכטל. יעדער נעגאַטיווער שטריך האָט זיין פאַרענטפערונג. מאירלס פאַרברעכערישע טאָט קומט אויך פון גרויס ליבשאַפט. מאַשע מיט די צעבליש־טשעטע שפּיגעלעך אין די אויגן, וואָס איז „מיידלווייז געווען אַ לויפערין, אַ פלאַנדערקע — געפירט לוסטיקע ליבעס מיט רייכע זינדעלעך — מיט גיריקייט צום געניסן, מיט דורשט אַריינצוכאַפּן דעם לאַקנדיקן עולם הזה", האָט חתונה מיט דעם שטילן זלמן, דעם באַשיידנסטן, ווילן און רואיקסטן בחור פון גאַס. און זי האָט געוווּסט „דעם סוד וויאַזוי אַרויסצוגעבן פון זיך דעם גאַנצן ווייבערישן האָניק, זיס מאַכן די וועלט פון מאַנסביל". און אויך שפּעטער אַלס יונגע אלמנה „פאַר קיין שום זאַך אין דער וועלט נישט געוואָלט פאַרשוועכן איר צוריקגעוווּנענע אָרנטלעכקייט".

אליעזר אַלעי האָט ליב די מענטשן פון דער גאַרבער־גאַס און האָט זיי אין דאָזיקן ראָמאַן אַרויסגעפירט מיט אמתער האַרציקער וואַרעמקייט און מענטשלעכער גערירטקייט, מיט טיפער פאַרשטענדעניש פאַר זייער קליינלעכקייט ווי פאַר זייער דערהויבנקייט, אָבער אַ שרייבער טאָר נישט ליב האָבן ביז פאַרגעסן זיך, ביז ווערן סענטימענטאַל. יעדער סענטימענטאַליזם באַגרענעצט דעם שרייבער, פאַרקלענערט די ווערט פון זיינע אמתן און אַנטפּלעקונגען. כאָטש בכלל האָט אַלעי דעם כוח צו האַלטן זיך אויפן פּלאַן פון אָביעקטיוון שילדערן און צימצומדיקן צייכענען די געשטאַלטן, אָבער גאָר אָפט ווערט ער אַליין אַזוי פאַרכאַפּט פון דער האַרציקייט, אַז ער פאַלט אַריין אין סענטימענטאַלער איבערגעלאָדנקייט און עס ליידט דעמאָלט די בעלעטריסטישע אַרכיטעקטאָניק. די פּנימער, רייד און האַנדלונגען פאַרלירן די לעבעדיקייט, און די פּסיכאָלאָגישע מאָטיווירונג גייט ערגעץ פאַרלוירן. קאַרנבליט, אביש, לייבל, דינה, יחיאל, ליפּקין, אַלע אַנדערע חברים און זייערע

האַנדלונגען, מיט וועלכע דער שרייבער וויל אַרויסברענגען די תקופה פון פּוגאַב־דערגעבליטן אידעאַליזם פון דער יידישער יוגנט אין שטעטל, זענען רעפּאַרטאַזש־געשטאַלטן. אין מאָלן זייערע פּאַרטרעטן פעלט די בעלעטריסטישע באַלאַנסירונג צווישן ליכט און שאָטן. עס פעלט דאָס גרייכן צו טיפענישן.

אין תוך איז אָלעי אַ שרייבער מיט אַ שאַרף־אַנגעלאָדענעם געמיט, שטאַרקער באַאָבאַכטונגס־פעאיקייט און קערנדיקער שילדערונגס־קראַפט. אַזעלכע בילדער ווי חיים־אַלטערס אַפּראַטעוווען די פעלן, די דיסקרעט־געצייכנטע ליבע־סצענעס ביי מאַשען אין שטוב, מיט עטלען, דאָס אונטערגעבן זיך ריוולען, פּאַניעס אומקערן זיך אַהיים און נאָך פיל אַנדערע זענען אויסגעפורעמטע, ריטמיש־פּאַרגאַנצטע שילדערונגען, געמאָלן מיט רעאַליסטישער קראַפט, און מען זעט ווי ער באַמיט זיך זיי צו צוימען, זוכט דאָס שטילע אָרט, דעם קאַלטלעכן אויסדרוק, ווי ער וואָלט זיך אָפּגעבן אַ חשבון פון זיין נייגונג אַריינצופאַלן אין אַ צו הייכער טעמפּעראַטור און באַהערשט זיך מיט שרייבערישער זעלבסט־דיסציפּלין. דאָס גיט זיך איבער אַ טייל פון זיינע העלדן. אברהם לעווקינד באַמיט זיך צו זיין וואָס רואיקער, וואָס קעלטער, אַפילו דאַן ווען עס צאַפּלט אין אים יעדער נערוו מיט ליבשאַפט צו זיין מרים. די הייסע גלוסטעניש און ליידנשאַפטן פון רייזע נאַמורן, קומען אַרויס מיט די דינסטע טענער. דערפאַר איז נאָך מער אַ שאָד וועץ דער שרייבער גיט זיך ערטערווייז מיטאַמאָל אַ פּאַרגעס און פּאַרלירט די קינסטלערישע זעלבסטבאַהערשונג.

עס איז וווּנדערלעך די שפּעריש̈ע עקשנות, מיט וועלכער אליעזר אָלעי איז ממשיך אין זיינע ביכער „ירושה פון דורות" צו באַשרייבן די „גאַרבער־גאַס", אַנהויבנדיק פון אברהם לעווקינדס „הויף", זיאמע שאַרפשטיינס שטוב, מענדל באומס הויז, פּתחיהס שטיבל, ביזן פּראָפעסיאָנעלן פּאַראיין מיט דער אומלעגאַלער אַרבעט און דאַן דער „סינדיקאַט". ווידער דרייט זיך דאָס ראָד אין „ירושה פון דורות". מיר זעען דאָ די טאָג־טעגלעכע דאגות פון די האָרעפּאַשנע יידן, די זאָרגן פון עלטערן דור, ווען די קינדער הויבן אָן צו גיין זייער אייגענעם דרך; די שטילע דראַמעס, וואָס שפּילן זיך אָפּ אין די שטובן; די שטים פון דורות, וואָס רעדט דאָ אויך אין די גוטמוטיקע און האַרציקע בילדער. די הויפּט־פיגור איז דאָ חיים־אַלטער, וואָס ווייעט אָן אויפן „הויף" אומרו און זאָרג. מאָמענטנווייז דאַכט זיך, אַז דאָס איז צוליבן שאַפן דעם „סינדיקאַט", אָבער די סיבה איז אַ סך טיפער. דאָס איז חיים־אַלטערס הייסע ליבע צו ריוולען, זיאמעס טאָכטער. צוליב וועלכער ער וואַרפט אַוועק עטלען, גדליהס טאָכטער... פּאַראַן פּאַרשוינען, וואָס זענען נישט קלאָר געצייכנט אין די פריערדיקע בענדער און דאָ קומט דער שרייבער צוריק צו זיי און צווישן די ווידער־אויפגעקומענע פיגורן נעמען זיך צייכענען אין זייער פולקייט חיים־אַלטער און מאַשע. אין גאַנג פון דער אַקציע נעמען זיי אויף זיך פלייש און בלוט. אין זייערע פּערזענלעכע ראַנגלענישן קומט געבנוג בולט אויף נישט בלויז דאָס געפיל־לעבן פון דעם אויפגייענדיקן דור אין דער גאַרבער־גאַס, די „יונגע וועלף", די נייע דעה־זאָגערס, מיט אַספּיראַציעס צו

וואַקסן גרעסער, נאָר אויך אַ שטאַרקע ליניע אינעם קינסטלערישן פּילן פון אליעזר אַלעי. ער קומט אַריין אין חיים־אַלטערס וועלט לגמרי אַן אַנדערער ווי צו אברהם לעוויקינדן. אין דער באַציאונג צו חיים־אַלטערן, צו מאַשען, צו ריוועז, צו לייבלען, האָט ער מער מוט, מער זיכערקייט, מער אפילו זעלבסט־באַוווסטזיין, ראַשיקער גייען דאָ די געשעענישן, אָבער ווי אין די פריערדיקע בענדער טראָגט ער מיט זיך די היים, וואָס איז איצט חרוב, די ערד פון וואַנען ער קומט, די מענטשן, מיט וועלכע ער האָט געלעבט און זיי מאָנען פון אים דעם קינסטלערישן תיקון.

אליעזר אַלעי האָט קינסטלעריש אויפגעהיט נישט נאָר די שטייגער־בילדער פונעם לעבן פון די מענטשן אין דער גאַרבער־גאַס, זייערע טאָג־טעגלעכע מאַטערנישן און האָפענונגען, נאָר אויך זייער לשון, סיי דעם לומדישן יידיש און סיי דעם פאָלקסטימלעכן אינעם מויל פון זיינע עמך־יידן, און עס פאַרמאָגט דעם סימן מובהק פון פאַרוואָרצלטקייט. קערנדיק איז דער יידיש, אַזוי האָבן יידן גערעדט ביי דער אַרבעט און ביים מסחר, געקריגט זיך און איבערגעבעטן.

דער ריטם פון אַלעיס יידיש איז אַ ספּעציפישער, גענומען נישט פון דער ליטעראַטור און נישט פון בית המדרש, נאָר פון דער גאַרבער־גאַס, וואָס איז אַ סך רייכער, שפּעדיקער פון די ביז־איצטיקע שטעטל־שילדערונגען אין דער יידישער ליטעראַטור. אין זיין אַרויסברענגען די געשטאַלטן און די אַטמאָספער פון דער גאַרבער־גאַס, איז ער נישט געגאַנגען אין חדר נישט פון אַשן און נישט פון ווייסנבערגן, אָבער כאָטש אומדירעקט, האַלט ער זיך ביים דערציילן־נוסח פון יידישן תלמיד־חכם, מיט זיין טראַכטן און רעדן, מיט זיינע שטילקייטן און ווייכקייטן, מיט די ניגונים אָן ווערטער, וואָס גייען אויף פון זיין מאָלן די בילדער, קלינגען אָפּ אין גאַנצן בוך און זענען מכפר אויף די ערטער, אין וועלכע דער יצר־טוב פון קינסטלערישער דיסטאַנס און עפּישער רואיקייט שטויסט זיך צונויף מיטן יצר־הרע פון ווילן אַליין אויך עפּעס זאָגן, אָפּשאַצן, אויסטייטשן און עס דראָט מיט ויתרוצצו צווישן קינסטלערישן און פּובליציסטישן.

די געשטאַלטן זענען דאָ פאַרשידענע. מיר באַגעגענען דאָ יידן, רוחניותדיקע, פול מיט בטחון און גוטסקייט, און אויך אַזעלכע, וואָס זענען ביז איבערן קאָפּ איינגעטונקען אין אויפזידן דעם גאַרב, אין שווענקען, דרענגען, פאַרבן, טריקענען, שפּאַנען אויף די ראַמען און אַנדערע פּראָצעסן, ביז עס באַווייזט זיך ענדלעך אַ פיין גלאַנציק לעדערל, ווייך און פליישיק. דערנאָך ביים פאַרקויפן, באַרעכענען, אַרבעטן מיטן מוח, וועגן, מעסטן, מאַכן דעם חשבון, גוט „אָפּצוואָגן" דעם קונה אָדער פאַרקערט, באַציען זיך צו אים מיט חסד, לאָזן יענעם אויך פאַרדינען. אַלעי שוינט נישט זיינע מענטשן, שטעלט זיך אָפּ אויף שוואַכקייטן און געמיינקייטן פון מיאוסע נפשות, איז אָבער דורכגענומען מיט וואַרעמקייט ביים אַנטדעקן ערלעכקייט און גוטסקייט פון גוטע נשמות, שיינע מענטשן מיט לויטערע פּנימער און איידעלע בענקשאַפטן.

„ירושה פון דורות", ווי אַלע פיר פריערדיקע בענדער, זענען קודם־כל אַ יידיש ווערק. עכט יידיש איז דאָס געזאַנג צו די יידישע פּשוטע יגיע־כפּיימניקעס, וואָס ווילן מיט אַלע כוחות זיך דערהאַלטן ביים לעבן מיט דער ירושה פון זייערע

אבות. ערגעץ זוכט אַלעי די פעדעם, וואָס זאָלן פאַרבינדן דעם עלטערן דור מיטן יינגערן, נישט נאָר פון גדליהן מיט זיין טאָכטער, נאָר אויך פון אברהם און פּתחיה, מיט לייבלען, דעם קולטור־טוער און אידעאַליסט. איןביידע לעבן וועלטן פון שטילער ערלעכקייט און אַזוי שאַפּט זיך די פּילפּאַרביקע גאַלעריע פון געשטאַלטן אויפן פאָן פון פאַרכאַפּנדיקע געמעלן, און כאָטש די שילדערונגען זענען פול מיטן געפיל־לעבן פון זיינע העלדן און מען פילט זיין ליבשאַפט צו אַט די פּשוטע יידן, שטערט עס אים אָבער נישט צו צייכענען שאַרף זייערע כאַראַקטערן און זייערע פאַרטערטן קומען אַרויס אויסדרוקספול סיי אין זייער תּמימות און סיי אין זייער לעבנס־חכמה. עס איז שווער צו דערקענען דאָס אויטאָביאָגראַפישע, אָבער גאַנץ אָפט פילט מען אין געוויסע העלדן, באַזונדערס אין לייבלען, ווי דורך אים רעדט דער שרייבער. אַלע ריסן אין די נשמות פון זיינע העלדן, אַלדאָס פלאַם־פייערדיקע אין זייער פילן און האַנדלען האָבן זייער מקור אין אים גופא און זענען אַנגעגליט אין אייגענעם בלוט.

דעם ברייט־געשילדערטן לעבנס־שטייגער באַגלייט אַ טיפער יידישער טרויער, אַן עדה אַ גאַנצע שטייט אויף פאַר אונדז אין די לעצטע שקיעה־שטראַלן, איידער די פינצטערע היטלער־נאַכט האָט אַלץ אויסגעלאָשן.

י. הירשהויט —
דער ניגון פון נעכטן

דרייסיק יאָר זענען פאַרביי זינט עס איז דערשינען י. הירשהויטס „פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק", זכרונות פון יענער פינצטערסטער צייט אין פּוילן, געשריבן פון אַ מענטש, וואָס האָט אַליין דורכגעמאַכט די גרוילן און פאַרמאָגט נישט בלויז אויגן וואָס שלינגען בילדער, אַ זכרון, וואָס איז דורכגענומען מיט דעם דורכגע־לעבטן, נאָר אויך אַן אייגנאַרטיקן טאַלאַנט דאָס אַרויסצוברענגען, דערלייזן דאָס דאָקומענטאַרע מאַטעריאַל און דערהויבן עס צו אַ העכערער ליטעראַרישער מדרגה.

פאַר דער צייט זענען דערשינען הירשהויטס מאָנאָגראַפיעס איבער די היס־טאָריקער: ד"ר י. שיפער און ד"ר מאיר באַלאַבאַן, „יידישע נאָפּט־מענטשן", ווי אויך פאַרשידענע אַנדערע געשיכטלעכע אַרבעטן, צעוואָרפענע איבער פאַר־שידענע אַר־סגאַבן. פון איין בוך צום אַנדערן פירן שטאַפּלען אין דער הויך. פון אַלע וואָגלעגישן, פון באַגעגענישן מיט נאָענטע און פרעמדע, האָט דער שרייבער אָנגעזאַמלט מאַטעריאַל וואָס האָט זיך ממש געבעטן אַ תיקון.

מיטן איצטיקן בוך „דער ניגון פון נעכטן" איז י. הירשהויט אַריבער די בריק, וואָס צעטיילט — און פאַראייניקט — דאָס אויטענטישע מיט ליטעראַטור, די איצטיקע צייט מיט יענער גרויליקער תקופה, וועלכע לעבט נאָך אין אונדז, אַרום אונדז; אירע קולות און ווידער־קולות קלינגען נאָך אין אונדזער אייגן קול און גיסן זיך צונויף אינעם ניגון פון נעכטן. קאָנען מיר דען זיך באַפרייען פון יענע

קולות און שברי־קולות, וואָס הערן נישט אויף צו קלינגען יאָמערנדיק אין אונדזערע אויערן, און זייער אָפּהילך הערט זיך נאָך אונטער דער צעטרייסלטער ערד פון אונדזערע טריט? דאָס קאַטאַסטראָפאַלע געשעעניש האָט בשום אופן נישט געקענט בלייבן מן הצד פונעם שרייבערס אינספּיראַציע. עס האָט זיך מיט שווערער בלייאיקער טונקלקייט אַראָפּגעזעצט אויפן גרונט פון אונדזער נשמה־לעבן און מיר וועלן זיך פון דער דאָזיקער טראַגיק קיינמאָל נישט באַפרייען.

אין די דאָזיקע דערציילונגען אַנטפּלעקן זיך שוין קלאָר הירשהויטס דערציי־לערישע מעלות און מיר פילן דעם לעבעדיקן אָטעם פון אַ גוטן דערציילער. די העלדן זענען דאָ געשילדערט אויפן פאָן פון דער נאָכמלחמהדיקערווירקלעכקייט, אָבער אין אַלע דערציילונגען פילט מען די צוגעבונדנקייט צו דער טעמע פון חורבן. אַלע זענען זיי אָפּגעראַטעוועטע פונעם היטלער־מבול אין פוילן און אַלץ, וואָס עס געשעט מיט זיי אין פאַרשידענע ווינקלען אין דער וועלט, אין די נאָך־מלחמה־יאָרן, איז באַגלייט מיטן אַקאָמפּאַניאַמענט פון די דורכגעלעבטע גרוילן.

כמעט אַלע געשטאַלטן זענען שווער געטראָפן געוואָרן אין די אומקום־יאָרן, וועלכע האָבן איבערגעלאָזט טיפע, נישט פאַרצויגענע וווּנדן אין זייער נשמה און זיי לעבן אַלע אין אַ קלימאַט פון נאָכן חורבן, מיט אַן אומענדלעך־יאָמערדיקע פוסטקייט אין האַרצן, אין אַ פרעמדער וועלט, וואָס בליט מיט זאַטקייט און שפע. בלויז זיי באַוועגן זיך ווי אַרומדרייענדיקע מצבות, מיט אַן אויסגעברענטן נומער אויף דער האַנט און אין דער נשמה, און אָפט מיט אַן אייביקן פעלער, ווער פון שלאָכטן און ווער פון פאַסיוון קאַמף.

י. הירשהויט זוכט נישט קיין אויפטרייסלענדיקע פאַקטן. ער מאָלט בלויז און דערציילט זייער שטיל וועגן די מענטשן, ווי זיי ווילן צוריק אויפשטעלן זייערע היימען, געפינען אַן איבערגעבליבענעם נאָענטן מענטש. עס קען זיך אפילו אויסווייזן, אַז זיי קומען צו זיך, נעמען אָן פלייש און קאָליר אויף זייערע סקעלע־טישע גופים און גייען אַרויס אויף די ברייטע וועגן פון דער אָפענער וועלט, אָבער אין דער אמתן איז עס נישט מער ווי אַ מאַסקע און אין אַלעם וואָס זיי טוען הערט זיך דער עכאָ פון די פאַרגאַנגענע גרוילן און איבער זייערע קעפּ שוועבן די מאָנענדיקע רויכן פון די פאַרגאַזטע און פאַרברענטע קדושים ווי שווערע וואָלקנס, וואָס פאַרהאַלטן דעם אָטעם ביים גאַנג. דערצו נאָך איז אַלץ אַרום אָנגעלאָדן מיט גיפט און האַס צום ייִד.

נישט געקוקט דערויף, וואָס די העלדן אין באַזונדערע דערציילונגען קומען נישט אין אַ דראַמאַטישן אינהאַלטלעכן קאָנפליקט, האָט מען נאָכן דורכלייענען די דערציילונגען דאָס געפיל פון אַ גרויסער פאַרכאַפּנדיקער דראַמע און די באַ־זונדערע פערזאָנען — ווי העלדן פון איין גרויסער טראַגעדיע און צעטראַטענעם ייִדישן גורל, אין וועלכן זיי צאַפּלען זיך צעטומלטע אין דער נייער ווירקלעכקייט.

דאָס זענען דערציילונגען פון מענטשן און משפחות, פון לעבנס און צוזאַ־מענשטויסן. אַ רויטער פאָדעם פון ייִדישן גורל ציט זיך איבער אַלע שילדערונגען, אָנהויבנדיק פונעם קינד, וואָס פּאָליאַקן האָבן אָפּגעראַטעוועט און ערשט נאָך דער מלחמה, ווי אַ דערוואַקסן ייִנגל, דערוויסט ער זיך פון זיין אָפּשטאַם. דאַן זעט ער נישט פאַר זיך קיין אַנדער וועג, נאָר אויסוואַנדערן קיין ישראל — ביז די פאַר־

שידענע גורלות פון די אָפּגעראַטעוועטע מענער און פרויען אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער, אַלע קומען זיי אַרויס רייכער אין דערפאַרונגען און... ווייטאָגן, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין זייער נשמה.

די פאַסירונגען זענען קאַלירפול און פאַרביק, זענען אַזוי אינטערעסאַנט, אַז עס גייען אונדז נישט אָן די כראָניקאַלישע דיגרעסיעס, אין וועלכע עס ווערן אַריינגעכאַפּט גאַנצע שטיקער פונעם נישט אויסדערציילטן צאַפּלדיקן און יסודימדיקן לעבן. אויף אַ סך זייטלעך פון די דערציילונגען זענען פאַקטן איבערגעגעבן טרוקן אין כראָניק־סטיל, אָן פּרעטענזיעס אויף קינסטלערישן געשטאַלטיקן, וואָס וואָלט מן הסתם געדאַרפט פאַרענדיקן דיק־בענדיקע ראָמאַנען. פאַראַן שטעלן, וואָס שטייגן איבער קינסטלערישע שילדערונגען מיט זייער רירנדיקער איבערצייגעוודיקייט, דווקא ווייל זיי זענען געגעבן ווי געשעענע פאַקטן, דערציילט מיט אַן אייגן בילדלעך לשון, וואָס פאַרמאָגט דעם באַלאַנס צווישן עפּישער רואיקייט און אימפּעט פון איבערגאַנג פון איין צושטאַנד צום אַנדערן.

באַזונדערע עפּיזאָדן זענען געמאָלן מייסטעריש, מיט חכמה פון דערציילן און נאַטירלעכקייט פון אויסדרוק, אָן רמזים, אָן סימבאָלן. די פאַקטן גיבן אַן אַריינבליק אין דער צייט, אין דער סביבה און העלפן דערזען קלאָרער דעם מענטש, גיבן זייער צושטייער צום ליטעראַרישן תיקון פון די געשעענישן.

די טרוקענע פאַקטן, אויף וועלכע עס ליגט דער חותם פון כראָניקאַלישער תמימות, זענען נישט געקוקט אויפן מאַנגל אין קינסטלערישער חיות, אַ טייל פון הירשהויטס דערציילערישער טעכניק. אים גייט אַזוי שטאַרק אין אַרויסברענגען אַלץ וואָס ער האָט געזען, אַז ער צוימט זיין קינסטלערישע פּעדער.

די אַנדערע זייטלעך באַווייזן זיין גרויסצוגיקע שרייב־קונסט, און אַז ער מעג זיך פאַרגינען צו האַלטן זיך אויך ביי געשעענע פאַקטן. דאָס איז נישט קיין פראַגע פון אויסגעפעלטן אָטעם, נאָר פון באַוווסטזיניקן איבערלאָזן זיך אָטעם אויף נאָך און נאָך סיטואַציעס פון מענטשן.

יעדע הויפּט־פיגור, זאָל עס זיין דוד שפּיראָ, צי קאַפּיטאַן יאַצעק — העניעק באַראָוויטש, און זיין ווייב מאַריסיאַ, די סאַמע לעבעדיקסטע אין די דערציילונגען, ביז הערשלען אינעם „נס פון קהלת” זענען נישט סתם טיפּן. יעדער באַזונדער רעפּרעזענטירט אַ שיכט און זיי זענען פאַראַן אַ סך, די יענדרעקס און פּיליפּס, די רעניעס און מרימס, לייבקעס און זיגמונדס, אַנציינדער פון אידעען און דינערס צו פרעמדע געטער. געשמיסענע פון ביטערע דערפאַרונגען, זעען זיי זיך שפּעטער אַרום, ווו זיי זענען אין דער וועלט. ווער עס האָט געפונען זיין היים אין ישראל און ווער עס איז צוריק אין שיל אַריין.

אַרום די פּוענטעס שפּילט הירשהויט אויס פון זכרון די געשעענישן, וועלכע עס זענען ווירקלעך מיט זיי פאַרגעקומען. ער איז גוט אינפאַרמירט צו קענען באַוועגן דאָס דערציילטע אין אַן אַטמאָספער פון באַגלויבטקייט. ער קאָן גוט די מענטשן, ווייסט וועגן זייער טאָג־טעגלעך לעבן און וועגן די קורצשלוסן, וועגן זייערע טעג און נעכט, אינטערעסאַנטע באַגעגענישן און אַריינגעדרייטע לעבנס מיט טאָפּלטע דראַמעס.

חיים גראַדע —

„דער שטומער מנין"

אין טיטל גופא, דער שטומער מנין, געפינט זיך שוין, אין אַ באַשטימטן זינען, דער קינסטלערישער קלימאַקס פון בוך. ווי שטאַרק עס זאָלן נישט זיין די שילדערונגען פון די יידן אין „פּעסעלעס הויף", בלייבן זיי נאָך אַלץ אין הינטערגרונט לגבי די געשטאַלטן פון „דער שטומער מנין", מיט די פּרושים און למדן־וואָוניקעס, שווייגערס און פאַרשוויגענע אין דעם וועלט־פאַרלוירענעם ווינקל פון דער אַמאָליקער ירושלים דליטא; שטומע נישט ווייל עס איז ביי זיי אָפּגענומען דאָס לשון, נאָר ווייל זיי טראָגן אין זיך וועלטן וואָס עס איז שווער צו געפינען אַן אויסדרוק פאַר זיי, אַזוי דין און פלאַטערנדיק זענען זיי. נישט אַנצוטאַפּן די ש"י עולמות אין וועלכע זיי לעבן, נישט איינצופאַסן אין ווערטער. מען דאַרף האָבן אַ קינסטלערישן מוט צו געפינען דעם אויסדרוק פאַר זייער שטומקייט, אַ גרויסן דערציילערישן טאַלאַנט — דאָס צו דערגרייכן.

מיטן אַריבערגיין פון פּאָעזיע צו פּראָזע, האָט חיים גראַדע געדאַרפט גובר זיין דעם שטראָם פון דיכטערישע געשטאַלטונג־אופנים און בהדרגהדיק באַווייזן דעם גוואַלדיקן כוח פון אויסדרוק אין פּראָזע. דאָס האָט ער שוין געטאָן אין זיינע פריערדיקע פּראָזע־ביכער, אָבער דאָס ווערט נאָך בולטער אין זיין נייעם בוך דערציילונגען דער שטומער מנין, אין וועלכן ער דערעקבערט זיך צו דער גייסטיקער עשירות פון די פאַרשלאָסענע נשמות, פאַרשפּונענע אין דער נעץ פון אַלטע מעשיות. אַלץ איז אַלט אין דער וועלט פון די פּרושים און אַלץ איז ניי פאַרן קינסטלער. ער דערנענטערט אונדז צו זיינע געשטאַלטן אַ מאָל פון דער פּאָעטישער זייט, אַ מאָל פון דער דערציילערישער און אַ מאָל פון דער דענקערישער — ווי אַ מין קרישטאָל מיט אַ סך זייטן און ווינקלען.

גראַדעס געשטאַלטן, געשילדערט אין דער אָפּגעשלאָסנקייט פון דעם שטומען מנין, שטעלן מיט זיך פאַר נישט נאָר לעבנס־שטייגער, נייערט אויך אַן אַ שיעור קינסטלערישע חכמה. די טיפן זענען נישט קיין נייע אין דער יידישער ליטעראַטור. זייער ווייסטער טרויער איז שוין פאַראַן ביי אַנדערע שרייבערס, וואָס האָבן געמאָלן ישיבה־בחורים ביי דער זייט פון לעבן, אויפן עולם־התוהו, פאַרפלאָנטערטע אין זייערע חלומות, זוכנדיק יאָרן־לאַנג אַן אויסוועג, ביז זיי זענען זיך מייאש. גראַדעס פּרושים זענען אָבער נישט רעזיגנירט, נישט אַפּאַטיש. זיי האָבן אַן אייגענעם אינטערעס אין לעבן, נישט סתם אַ גשמיותדיקן, נאָר אַ העכערן, אַ גייסטיקן.

דער צענטראַלער טיפּ, „דער סטאָליער אליקום פּאַפּ האָט נאָך בחורווייז געקענט לאָזן שטעקן די זעג אין אַן איינגעשניטענעם ברעט און אַוועקגיין אין מאַליאַרסקער קלויז זיך צוקוקן די געשיכטעס פון חומש אויסגעמאָלט אויף די ווענט: ווי נח לאָזט אַרויס אַ ווייסע טויב פון קאַסטן, ווי ס'פּאַלט איין דער טורעם פון בבל און ווי משה רבינו שפּאַלט מיטן שטעקן דעם ים. די יידן אין

קלויז האָבן זיך געדבקעט ביי דער שטילער שמונה־עשׂרה, געשפּרונגען צו קדושה — דער סטאָליער האָט אפילו נישט געהערט אַז מען דאַוונט און נישט געענטפערט קיין אָמן, ער האָט געגאַפּט אויף די וואַנטגעמעלן".

אַזוי הייבט זיך אָן די קינסטלערישע דערציילונג פון חיים גראַדע. די געשיכטע פון דעם דאָזיקן פּשוטן סטאָליער ציט זיך אויך איבער די אַנדערע דערציילונגען און איז ביזן סוף צונויפגעוועבט מיט דער געשיכטע פון פּרושים־קלויז, צוזאַמענגעקנוילט מיט מענטשן־גורלות, פאַרוויקלט מיט זייערע מעשׂים: אַ מין קאַראַהאָד פון געשטאַלטן וואָס גראַדע מייסטרעוועט אויס מיט זיין אינ־דיווידועלן כוח צו אַנטפּלעקן נאָר דאָס וואָס ער וויל, נישט מיטשלעפּן קיין זייטיקע בילדער, וואָס דינען נישט דער קינסטלערישער כּוונה, אַפילו ווען זיי זענען פאַר זיך אַליין אינטערעסאַנט.

אין פלוג קען זיך אויסווייזן אַז גראַדע האָט גאָר נישט געוואָלט קינסטלעריש געוועלטיקן איבערן מאַטעריאַל. ער באַוואָרנט זיך: „...איך האָב אָבער די פאַרשוויגענע אַליינגייער, אָט די פון קיינעם נישט־באַמערקטע בטלנים און למדּ־וואָניקעס, נישט געזוכט צו מאַכן ‚אינטערעסאַנטער׳ דורך צוטראַכטן אַ שפּאַ־נענדיקן סיפּור־המעשׂה, וואָס זאָל זיי צוזאַמענהאַלטן".

איז אָבער די אָביעקטיווקייט פון קונסט אַזוי אמתדיק, אַז אַפילו אָנגעוואָר־פענע שטריכן ווייזן אַרויס גראַדעס דערציילערישע גבורה. אַ מנין פאַרלוירענע, צעבראָכענע מענטשן, איטלעכער מיט זיין כּמעט פאַנטאַסטישער לעבנס־געשיכטע. מיט זיין שגעון — דאָס אַלץ קען אויסזען מאָנאָטאָן, אָן אַ זינען, אָן אַ צוועק; פון דעסטוועגן וואַקסט יעדער טיפּ אויס צו אַ געשטאַלט וואָס רופט אַרויס אַן אומרו דורך זיין טיפער מענטשלעכקייט, דורך זיין מאָראַל און נשמה־ריינקייט, וואָס מאַכן זייער לעבן אַזוי כאַראַקטעריסטיש.

הגם דער שטומער מנין איז אַ מאָטיוו פאַר זיך אַליין, ווייל „עס איז קיינער אויסער מיר נישט געבליבן, וואָס זאָל זיי געדענקען און נאָכזאָגן אַ קדיש", איז ער אָבער פאַר גראַדען נישט אָפּגעריסן פון דער לעבעדיקער יידישער וועלט. ווי ענג עס זאָל נישט זיין צווישן די אביונים אין פּעסעלעס הויף, קומט דאָ צום אויסדרוק אוניווערסאַל־יידיש וועלטגעפיל און ווערט אַ שטיק מיטאָס פון דער יידישער רעאַליטעט מיט אַלע פּאָטענצן פון וועלט און מענטשלעכקייט. אין די דלד אַמות פון דעם שטומען מנין ווערט אויסגעטראָגן דער יידישער חשבון מיט דער וועלט. עס איז אַ שטומקייט וואָס לייזט אויף אין זיך דאָס געשריי „פון אַלע יידן, וואָס זענען שטום געגאַנגען אויף פּאָנאַר".

מיט זיין גאַנצן רעאַליזם, איז חיים גראַדע, וועדליק זיין טעמפּעראַמענט און קינסטלערישן געבוי, אַ ראָמאַנטיקער, אין זינען פון ליב האָבן שיינקייט, אַפילו ווען דאָס איז אַ שיינקייט פון אַ גוססדיקער וועלט. ער איז געבליבן דער גרויסער יאָ־זאָגער.

מיט יאָ האָט גראַדע דעביוטירט צוריק מיט פערציק יאָר ווי אַ שלמותדיקער פּאָעט, אין פאָרעם און אין אינהאַלט. שוין דעמאָלט זענען זיינע לידער געווען נישט נאָר אַ ראַנגלעניש צווישן מרה־שחורה און ייאוש מיט עקסטאַטישער דער־הייבונג, נייערט אויך אַ ראַנגלעניש צווישן רעאַליזם און ראָמאַנטישן שטרעבן.

שוין דעמאָלט איז אין זיין ליד געווען דער היפּערטראָפישער סענטימענט צו זיין סביבה, צו די מענטשן פון שולגאַס, צו דער אָרעמקייט; מיט זיי האָט ער אָנגעהויבן זיין שאָפערישן גאַנג־אַרויף און ער קערט זיך כּסדר אום צו זיי. אמת, היינט שוועבט שוין איבער יענער ראַנגלעניש גראַדעס פייגע, טרויעריקע אירָאָניע, אָבער אין מהות האָט ער נישט אויפגעהערט צו זוכן יידישע שיינקייט און דערפאַר איז זיין איראָניע נישט פון יענע וואָס שטייט ביי דער זייט. ער איז אין גאַנצן אַריינגעלעבט אין דער וועלט און אין שטייגער פון שטומען מנין, פאַרוועבט מיט יידישע מעשיות פון יראַת־שמים און מוסר, וואָס גיבן די טונקעלע בילדער דעם כאַראַקטעריסטישן קאָליר פון יידישן געמיט. נישטאָ קיין נייע טעמעס, אפילו נישט קיין נייע שטימונגען. אַלץ איז בלויז המשך, וואַריאַציעס וואָס באַנייען. דער עיקר איז די פּערזענלעכע באַציאונג, דאָס אַריינלעבן זיך אין דעם דערציילן, כּדי עס זאָל ווערן אייגנקוואַליק, מיטלעביק.

אין אליקום פּאַפּ, די בולטסטע געשטאַלט אין בוך, אַ מאָנומענטאַלע פיגור פון אַן אָרעמען ייד, וואָס האַלט זיך גרויס מיט זיינע שניצערייען און שטייט דערפאַר נישט אָפּ פון די לומדים, זעט מען אויך גראַדעס זוכן דעם עקסטאַז פון קונסט, וואָס באַהאַלט זיך הינטער דער מאַסקע פון אַ „סטראַיטעל". אליקומס לייבעלעך און פייגל, די צווייי אויסגעשטרעקטע הענט פון אַ כּהן ביים דוכענען, די מאַלערייען און שניצערייען, זענען אַ טייל פונעם מקום־קדוש, אויפן הינטער־גרונט פון גרויע ווענט, אָנגעזאַפּטע מיט תּפילות און גמרא־ניגונים, מיט די מגידישע רייד פונעם בלינדן ר' מאָנוש מאַץ, אַז „מ'דאַרף דעם אייבערשטן דינען מיט שיינע זאַכן, מיט אַ שיינעם אתרוג, מיט אַ מזוזה אין אַ זילבערנעם שיידל". אַזוי פיל דאַרשט נאָך שיינקייט אין אַ וועלט פון אביונישער דערשלאָגנקייט!

אין צענטער בלייבט שטענדיק אליקום. דורך אים שטעלט גראַדע אַוועק דעם גרויסן חלום אַריינצופירן שיינקייט ווו מען וועט זי נאָר אָפּשאַצן, אפילו ווען מען באַצאָלט נישט דערפאַר. ער ווייזט אים בעת זיין הייליקער אַרבעט, אין זיין קאָנטאַקט מיט די מענטשן פון שטומען מנין און פון פּעסעלעס הויף, אין זיינע צעברענטע פאַנטאַזיעס וואָס „זענען אים געקראָכן אין קאָפּ אַריין ווי יינגלעך קריכן איבער אַ פּאַרקאַן, אָדער דורך די שפּאַרונעס צווישן ברעטער פון אַן עפּלסאַד". גראַדע ווערט בדרך־כּלל נישט נתפּעל פון זיינע העלדן, פאַרגינט זיך אפילו צו איראָניזירן, אָבער ביי אליקומען פילט מען ווי ער האַלט אין זיין התפּעלות, עס זאָל נישט אַריבערפּלייצן די ברעגן. אַלטע קנייטשן פון פאַר־גאַנגענע דורות קומען זיך צונויף, פאַרפלעכטן זיך מיט נייע, אין די פיגורן געצייכנט מיט אַ מייסטערהאַנט. איטלעכער פּרט איז אַ בילד און צו מאָל אַ ליד אַריינגעוועבט אין לויטערער פּראָזע.

בעצם איז דער שטומער מנין אַ זאַמלונג פון איבער צוויי צענדליק דער־ציילונגען, אָבער אַזוי קינסטלעריש אָרגאַניזירט און מייסטעריש געבויט, אַז איטלעכע דערציילונג פליסט אַרויס פון דער פריערדיקער, ווי אַ קאַפּיטל פון אַ גאַנצקייט. די געשטאַלטן זענען אָרגאַניש פאַרבונדן, נישט בלויז דורך דער צענטראַלער טעמע, נייערט אויך דורך דער צענטראַלער געשטאַלט, הגם כּמעט אַלע געשטאַלטן זענען צענטראַלע. די בעמען זענען אַזוי צוגעוואַקסן צו די

געשטאַלטן, אַז זיי ווערן ממש אויטענטיש. דער שירווינטער מלמד ר׳ טעוועלע אַגרעס, וואָס פירט זיין מחלוקת פון פאַר פערציק יאָר קעגן די מלמדים וואָס האָבן געקעמט די בערד, געטראָגן שבת און יום־טוב צילינדערס, געלערנט מיט די קינדער תנך; זיין תלמיד, אליהו־אַלטער קלונימוס, הגם נישט קיין פרוש, אָבער מיט אַ לאַבירינטישער נשמה, געהערט צום רעכטן פליגל פון דער סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג, איז אַ לערער אין דער יידישער פאָלקסשול, אַ פלאַמיקער רעדנער. ווען ער „האָט גערעדט פאַר דערוואַקסענע האָט געהערשט אַ געשפּאַנטע שטילקייט. מען איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון זיין התלהבות און מען האָט אים אונטערגעשמייכלט פון זיינע הויכע ווערטער״, אָבער אין שטומען מנין קומט ער זיך לערנען זיין אַ שוסטער...

אַ טראַגישע געשטאַלט איז דער בלינדער מגיד, ר׳ מאַנוש מאַץ, וועמעס דרשות מיט די זיסע ניגונים האָבן צוגעצויגן די ווייבער פון עזרת־נשים פונקט ווי די מאַנסלייט. נאָך דעם ווי זיין ווייב איז געשטאָרבן, נאָך אין די יונגען יאָרן, האָט ער מער נישט חתונה געהאַט, ווייל ער איז אין צווישן בלינד געוואָרן און נישט געוואָלט אַז אַ פרוי זאָל אים דאַרפן אַרומפירן אַ גאַנץ לעבן. אַנשטאָט אַ פרוי זאָל אים אויסהאַלטן, איז דעם סגי־נהור מער ניחא געווען זיך מפרנס צו זיין פון צדקה און פון גראָשנדיקן שכירות פאַר זיינע דרשות אין דער קברנישער קלויז. מיט אַלץ האָט ער שלום געמאַכט, נאָר דער שווערסטער קלאַפּ איז פאַר אים געווען דאָס אַוועקגיין פון סענדערל, דעם ברודערס זון, אַ קיילעכ־דיקער יתום, וואָס פלעג אים פירן אויפן בית־עולם, ווען ער האָט געדאַרפט האַלטן אַ הספד און „גלייך ווי ר׳ מאַנוש האָט זיך געשטעלט זאָגן אַ הספד מיט אַ וויינענדיקן ניגון — דערציילט גראַדע — האָט אויך סענדערל זיך צעוויינט, וואָס ער האָט נישט קיין טאַטע־מאַמע״. ווען דער שולטוער העניך בענגיס רעדט אָן סענדערלען ער זאָל אַוועקוואַרפן דעם בלינדן פעטער מיטן חדר און קומען לערנען אין פאָלקשול, איז גראַדע אין גאַנצן אויף דער זייט פונעם מגיד, הגם בענגיס רעדט ערלעך און פאַרשטענדלעך: ער וויל נישט דאָס יינגל זאָל אויס־וואַקסן אָן וויסן, אָן אַ פאַך, בלייבן אַ בטלן, אַ קאַליקע, אַ בעטלער. דורכן מויל פון אליהו־אַלטער קלונימוס הערט זיך גראַדעס קול: „...דער מגיד, הגם ער איז בלינד און לעבט פון נדבות, איז ער פון דעסטוועגן גליקלעכער פון אונדז, וועלטלעכע מענטשן, ווייל ער האָט אַ גלויבן — אַ גלויבן אין גאָט. אויך דאָס יינגל וועט זיין אָן אַ פאַרגלייך גליקלעכער אין לעבן, אויב ער וועט גיין אין זיין פעטערס וועג. די יידישע שול טוט אים נישט קיין טובה דורכן אָפּרייסן אים פון בית־מדרש. איר, חבר בענגיס, דערציילט מיר, אַז אים געפעלט שטאַרק אונדזער כאָר. נישט שטענדיק וועלן אונדזערע כאָריסטן זינגען און נישט שטענדיק וועט זיך אים וועלן זינגען. אָט דעם נייעם תלמיד אייערן, חברטע פייע, וועט זיך נאָך אַ מאָל וועלן וויינען אויך. און ווען מען האָט נישט קיין גלויבן אין אַ גאָט, האָט מען אַפילו נישט פאַר וועמען זיך אויסצוויינען״.

דעם ניגון פון יידיש־גייסטיקן פאַרמעסט הערט מען אויך אין דער געשטאַלט פון צעמישטן רב, ר׳ משולם גרינוואַלד פון פרעשבורג, וואָס איז יעדן טאָג „פון פרי ביז אָוונט געזעסן אין שטומען מנין און געשריבן זיין חיבור מיט

דער איילעניש און אָנשטרענגונג פון איינעם, וואָס שרייבט אַ נייטיקן בריוו אַ האַלבע שעה איידער די באַן גייט אָפּ". אין זיין חיבור וויל ער באַווייזן באותות־ובמופתים, אַז אומעטום אין דער גמרא, וווּ עס רעדט זיך קעגן גויים, מיינען אונדזערע חכמים די אַמאָליקע געצנדינערס. די געשטאַלט פון דאָזיקן פּרוש, וואָס איז אַנטלאָפן פון זיין ווייב ערגעץ אין די מרחקים און געדענקט נישט פון וואַנען ער איז געקומען, איז אַ סך טיפער ווי עס קען זיך אויסווייזן. גראַדע לאָזט אים נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מיסטעריעזן טרוימער. הינטער דעם גראָטעסקן משוגעת שלאָגט אַרויס די געשטאַלט פון אַ ספרים־ייִד מיט אַ דאָן־קיכאָטישער פאַנטאַזיע, ווי עס איז אין דער אמתן דער שטומער מנין. אַלע זענען זיי דאָך פאַרבלאָנקעטע, פאַרוואָגלטע מענטשן, וואָס קומען פון ערגעץ וווּ מיט זעאונגען, אויפגעפלאַקערטע עקסטאַזן, וואָס פאַרלעשן זיך אין ניכטערן לעבן.

דער קערן פון זייער עקזיסטענץ גופא איז מיסטעריע, וואָס שפּילט זיך אָפּ הינטער די קוליסן פון פּעסעלעס הויף, וווּ עס ווימלט מיט ניכטערע, באַרעדעוודיקע פאַרשוינען, וואָס האָבן טענות צו די פּרושים, ווייל זיי פאַרנעמען אַן אָרט וווּ מען וואָלט געקענט אויפשטעלן דירות פאַר די אונטערוואַקסנדיקע קינדער וואָס דאַרפן חתונה האָבן. זיי לאָזן אויס דעם כעס אויף אליקום פּאַפּ, וואָס האָט אויפגעריכט דעם אַלט־חרובן בית־מדרש.

אַפילו דער מעסער־שטעכער עזרל באָס מיט דער חברה בלאַטע, ווען עס קומט דער יום־הדין, ווערן זיי דורכגענומען מיט מיסטעריע, וואָס הויערט ווי אַ נעפּל איבער דער קלויז. גראַדע האָט נישט געקענט אויסמיידן דעם הויף מיט זיינע באַזונדערע טיפּן, און קוים רירט ער זיך צו צו זיי, מאָלט ער זיי מיט גרויס מייסטערשאַפט. דעם שווערפּונקט לייגט ער אָבער אויף די שטומע געשטאַלטן אין זייער התבודדות. זיי געפינען זיך אין פאָדערגרונט און פון זיי ציט עס יניקה דער הינטערגרונט, די פאַרשוינען אין פּעסעלעס הויף, די בערשטערס און טעפּערס, די גלעזערס און בעקערס, שניידער און שטיינקריצערס.

כאַראַקטעריסטיש פאַר גראַדען איז די אָריגינעלע באַשרייבונג פון הענעך בענגיס, אַ המשך פון אַמאָליקן משכיל אין אַ פאָלקסטימלעכן גילגול, אַ מאָדנע קאָנפראָנטאַציע צווישן כפירה און אמונה. פון גרויס ליבשאַפט גיט גראַדע געװעכט ביידן: דעם מגיד און בענגיסן. אין ביידע — דעם בלינדן מגיד וואָס דאַרף נישט קיין אויגן צו זען און אין בענגיסן וואָס גייט קיין מאָל נישט אין בית־מדרש, וואָס האָט פאַרביטן גאָט אויפן אידעאַל פון סאָציאַליזם און בילדונג — זעט גראַדע די אינעווייניקסטע גבורה און דעם דאָרשט נאָך דעם טראַנסצענדענטאַלן. דעריבער ווערט אַלץ אויסגעגליכן. עס פאַרשווינדן די גייסטיקע און סאָציאַלע אונטערשיידן. אין די ווינטערדיקע אָוונטן, ביים וואַרעמען אויוון, ווערן אין שטומען מנין אויסגעגליכן אַלערליי האָלעדראַנצעס, וואַסער־טרעגערס, קברנים און תהלים־זאָגערס, אַלעמענס אויגן קוקן דעמאָלט אין די ווייטסטע ווייטקייטן, וואָס עס שילדערט פאַר זיי „דער קייסער פון די חזנים", צי הערץ האָראָדעץ, דער סאָלדאַט מיטן הילצערנעם פוס, וואָס האָט ליב צו וואַנדערן און

די פרושים זענען אים מקנא, נישט פאַר זיין הולטייעווען, נייערט פאַר זיין אויסגיין אַ וועלט.

מיט הערץ האָראָדעצעס צוריקקומען, קומט אויך דער אָנזאָג פון אונטערגאַנג: מלחמה. אים חלומט זיך יידל מיטן פידל, ווי ער גייט אַרום איבערן פוסטן בית־עלמין און ווייס אַפילו נישט, אַז די פויערים האָבן אים דערהרגעט. „גייט ער פון קבר צו קבר, פון בערגל צו בערגל און שפילט, ביז איך דערזע ווי ער דערנענטערט זיך אויך צו מיר — און איך כאַפּ זיך אויף פון שלאָף אַ באַשלאָגענער מיט שווייס".

מיט זיין פאַרטיפט אויג דרינגט גראַדע אַריין אין דער פאַרשאָטנטער וועלט פון שטומען מנין און פון די אַרומיקע געסלעך, כדי צו אַנטפּלעקן די שיינקייטן פון אַ שטיק פאַרשניטן יידיש לעבן. עס איז טיף־ברוסטיק געזאַנג מיטן העכערן ניגון פון טראַגיק, געשריבן פון רייכער לעבנס־דערפאַרונג. אין זיין העכסט־אייגענעם סטיל און פאָרם פון דערציילן איז דאָ אַזעלכעס, וואָס דינאַמיזירט די געשטאַלטן און די סביבה־שילדערונגען און פאַראַן בילדער וואָס צעטרייסלען דאָס געפיל ביים לייענער, אָבער די געדעמפטע מוזיק אין די שילדערונגען נעמט דורך מיט געמיט אויך די אויפגעשטורעמטע געשעענישן, אין וועלכע עס הילכן שוין אָפּ די טריט פון אָנקומענדיקן אונטערגאַנג און עס דאַכט זיך, אַז אַלע מענטשלעכע שיינקייטן זענען נישט מער ווי אייגרעדעניש.

אין די געסלעך האָט מען זיך אָנגעהערט וועגן נייע פורעניותן אויף יידן. פעסעלעס הויף ווערט דורכגענומען מיט אַ שוידער. הנה־עטל פעסעלעס בעקעריי ווערט באַלעגערט פון מחנות מענער און ווייבער. מען שרעקט זיך פאַר דער מלחמה, כאַפּט מען דערווייל ברויט. „אליקום פּאַפּ האָט מיט אייגענע אויערן געהערט, ווי די לייבעלעך און אָדלערס שרייען שמע־ישראל. מען יאָגט זיך נאָך זיי, מען שיסט אויף זיי, נאָר זיי קענען נישט אַנטלויפן, ווייל ער האָט זיי צוגעקלאַפּט מיט טשוועקעס".

שטייענדיק ביי זיינע שניצערייען איבערן אָרון־קודש, הערט אליקום דאָס געשריי פון די לייבעלעך מיט די אַרויסגעשטעקטע פייערדיקע צינגער, אים צו פאַרברענען: „צי אַרויס די טשוועקעס פון אונדזער לייב, מיר זאָלן קענען פון דאַנען אַנטלויפן". ס'איז דער סוף פון אַלע אײדעלע חלומות. די זאַווערוכע וועט פאַרווייען אַלע הייליקייטן, וואָס האָבן זיינע מענטשן אָנגעפילט מיט איבער־מענטשלעכן גלויבן אין די אייגענע כיחות. ערגעץ ווו איז שוין אַרויסגעטראָגן געוואָרן דער גזר־דין.

אַזוי האָט גראַדע אַרויסגעהויבן די יידישע טראַגעדיע. אין דעם דאַזיקן קינסטלערישן יזכור רירט ער זיך נישט צו צו דעם לעצטן יידישן אומגליק, אָבער ביים לייענען גייט אונדז נאָך דער שמע־ישראל פון די צוגעטשוועקעוועטע לייבעלעך, אין וועלכע ס'הילכט אָפּ דאָס יידישע קול דורי־דורות אין פלאַקערנדיקע פייערן פון חורבן און אומקום.

שמואל לעווין —
צווישן צוויי תהומען

אזוי רופט אָן פּראָפ. דב סדן זיין אַריינפיר צו שמואל לעווינס טרילאָגיע „צווישן צוויי תהומען" און ווי אַלע סדנס אַנדערע עסייען האָבן מיר דאָ אויך אַן אינטערעסאַנטע ליטעראַטור־פאָרשערישע אַרבעט איבער שמואל לעווינס שריפטשטעלערישע פּערזענלעכקייט, איבער זיין וועג אין לעבן און אין דער ליטעראַטור. עס ווערט דאָ אונטערגעשטראָכן דאָס ווונדערלעכע, וואָס לעווין האָט שוין אין די בלוטיקע טריט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין איר גרויליקן חורבן, אַנטיציפּירט דעם בלוטיקערן מאַרש פון דער צווייטער מלחמה און איר נאָך גרויזאַמערן חורבן. פּראָפ. סדן רופט דאָ אַרויס אַ פאַרגלייך צו ביאַליקן, וואָס האָט אין „שחיטה־שטאָט" וועגן קישענעווער פּאָגראָם אַנטיציפּירט דעם גרעסערן כוללדיקן פּאָגראָם, פּונקט ווי עס בעט זיך אַ פאַרגלייך צווישן ביאַליקס חורבן־וויזיע, וואָס פאַרלענדט דעם מקדש, דאָס פאָלק, די וועלט, לאָזט אָבער בעל־כרחו איבער אַ לעבעדיק פלעמל, אַ לעבעדיקע זערנע, וואָס איז ערב דעם אויפקום פון לעבן.

אַזוי זעט פּראָפ. סדן שמואל לעווינס „גראַנדיעזן פּרווו אַרומצונעמען אין זיין טרילאָגיע די שווידערלעכע וואָר פון נעכטן און דעם נאָך גראַנדיעזערן פּרווו אין דער וואָר, איבער איר און אונטער איר, צו דערהאַלטן דעם טרייסטנדיקן חלום פון מאָרגן".

די שמאָלע ראָם פון אַזאַ פאַרצייכענונג דערלויבט נישט אָפּצושטעלן זיך אויף דער באַזונדערער קונסט פון דב סדנס עסיי, וואָס איז ווי תמיד דורכגעפירט ביז אַ הויכער מדרגה דאָס נאָכגיין די שפּורן, וואָס זענען אין געפאַר צו ווערן פאַרווייעט. ער איז דער מייסטער פון דערזען און איבערגעבן סיי דאָס ליכט און סיי דאָס פלאַטערל אַרום אים.

שמואל לעווינס ווערק זענען געוואָרן איבערגעזעצט אין פּויליש, דייטש, ענגליש, פראַנצויזיש און האָלענדיש. זיין טרילאָגיע „צווישן צוויי תהומען" איז צום ערשטן מאָל איבערזעצט אין עברית דורך שמשון מעלצער. אין פאַרלאַג „המנורה" זענען דערשינען אַלע דריי בענדער: „אין דער צייט פון גרויסער מערדעריי", „שוואַרצע בערג אין בלויע הימלען" און „וואָלקן־געדראַנג". די איבערזעצונג פון שמשון מעלצער צייכנט זיך אויס מיט אויסנאַמלעכער געראָטנ־קייט. עס איז אין איר געבליבן דער פולער אַראָמאַט פון לעווינס דערציילע־רישקייט.

אין זיין ערשטן באַנד פון דער טרילאָגיע שילדערט שמואל לעווין דאָס טראַגישע לעבנס־בילד אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה מיט אַלע זיינע אַנגסטן און פּוילענישן. ער שניידט זיך אַריין אין די פאַרהוילענע קעלערן אונטער דער אויבערפלאַך פון די פאַסירונגען. ער אָבסערווירט מיט קלוגע אויגן די התנהגות פון די שיינע יידן און פון פּראָסטן פאָלק, וואָס ווערן אַריינגעצויגן

אין שמוגל. ער האָט זיי נישט פֿיינט, זיינע מענטשן, אָבער ער איז צו טרויעריק צו פֿאַרלייקענען די צביעות און פֿאַרדאַרבנקייט פֿון די אויפֿגעקומענע גבֿירים, פֿון דעם פֿרומען ר׳ יאָסל פּוקסמאַן, וועמענס איינציקע כּוונה ביים דאַווענען איז ווי אַזוי אויסצונוצן זיין שיין טעכטערל דבֿורהלע אַרויסצוקריגן פֿון דייטשן קאָמענדאַנט אַ דערלויבעניש צו האַנדלען מיט חזיר־פֿלייש. דאָס זעלבע טוט אויך דער גבֿיר בערנפּעל, וואָס שיקט זיינע טעכטער צו רוסישער נאַטשאַלסטוואָ, אַרויסקריגן פּריווילעגיעס און זיי זינקען אין דעם זומפּ פֿון אויסגעלאַסנקייט און זנות.

די וועגן זענען גאָרנישט קיין פֿאַרגאַנגענע. שמואל לעווין אַנטפּלעקט זיי אַזוי שפּילעוודיק גרינג. ער באַלעבט זיי און באַלייכט זיי אויף זיין אייגענעם דערציילערישן אופֿן און מיר זעען אַ רייכע גאַלעריע טיפּן און געשטאַלטן, דעם גערעאַנגל צווישן אָרעם און רייך אין דעם כּרך װאַרשע. צוויי וועלטן שטייען איינע קעגן דער אַנדערער און דער שרייבער רייסט אַראָפּ דעם שלייער פֿון איינער און פֿון דער אַנדערער. אין איינער דעקט ער אויף דאָס שוואַרצע און פֿינצטערע און אין דער אַנדערער דעם אידעאַליזם, דאָס לעכצן נאָך שיינקייט און דערהויבנקייט.

דער אמת פֿאַרלאַנגט קרבנות און דערפֿאַר דער חובֿ צום אמת. אַזאַ צוגאַנג פֿונעם ראָמאַניסט מוז נאַטירלעך אויך אַרויסברענגען אַן אייגנאַרטיקן סטיל פֿון דערציילן. ביי דער גאַנצער שטרענגקייט פֿון פֿאָרם נישט מורא האָבן פֿאַר צעשוווּמענקייט און ברייטקייט, פֿאַר פֿאַרפּלאָנטערטע מאָטיוון. ער האָט נישט קיין מורא פֿאַר איבעריקע ווערטער אין די דיאַלאָגן און ווכּוחים, פֿאַר אָנפֿלייץ פֿון פֿאַקטן און פֿאַר ווייטאָג, ער איז אין דער בחינה פֿון יענעם באַלזאַקישן „מעטאַפֿיזיקער״, וואָס וויל זוכן דעם אמת און גייט צו אים אויף די וועגן פֿון העכסטע יסורים. אַזאַ איז דער קאָמוניסט יוזשעק טשעלקאָווסקי און זיין פֿאָטער דער האַרבאַטער מאַטעאוס, וואָס ווערט דערשטאָכן אין גערעאַנגל מיט אַ פּאָגראָמ־שטשיק. ווען דער סופֿר ר׳ שאול וואַלגערט זיך אין גאַס מיט זיין משפּחה, איז זיך קיינער אויף אים נישט מרחם, נאָר ער, דער פּאַליאַק, אַ ביישפּיל פֿון אַ גרויסן אידעאַליסט, איינער פֿון די חסידי אומות העולם, וועמענס גרויסקייט איז נאָך דערהויבענער, ווייל די סבֿיבֿה איז אַזוי פֿינצטער.

שמואל לעווין קען מאָלן פּייזאַזשן און לאַנדשאַפֿטן, פּראָנטן און קעלערן. וויכטיקער פֿונעם אויסערלעכן איז דאָס וואָס טוט זיך אָפּ אין די פֿאַרבאָרגענע חדרים, אין אונטערגרונט. ער באַגנוגנט זיך דערפֿאַר נישט מיט מאָלן, נישט אַפֿילו מיט אַנאַליזירן די פֿאַקטן און מעשׂים. ער זוכט אויך דעם סינטעז און זעט די דערלייזונג אין סאָציאַליזם. סוזאַנאַ ווייס זעט די גאולה אין בויען דאָס יידישע לאַנד. איר ברודער אַדאַם אין דער רעוואָלוציע, אין מורא און נויט, אין קאַמף און פּיין, אָבער אַלץ העכער צו מענטשלעכער פֿרייהייט — דער זין פֿון מענטשלעכן לעבן, פֿון העראָישן, פֿון לעבן מיט אַ ציל.

אַ געפֿלעכט פֿון מאָטיוון, שטרעמונגען, וואָס קרייצן זיך, אונטערברעכן איינע די צווייטע און קאָנען זיך נישט צונויפֿגיסן. לעווין אַנטפּלעקט די גערעאַנגלען פֿון מענטשן, וואָס קומען אַרויס אין פֿאַרשידענע פֿאָרמען. אונטער געשאַפֿענע אומ־

שטענדן ווערן מענטשן אַריינגעקנוילט אין שווערע סיטואַציעס, פון וועלכע זיי זוכן אַן אויסוועג. דער פּרוש ר׳ איסר ווייסט אַזויפיל פון לעבן, זעט אַלע עוולות, זוכט אַ זכות, אַ תיקון.

טײַלמאַל ווייזט זיך אויס, אַז ביים דאָזיקן ליידנדיקן אסקעט פאַרשווינדן די מחיצות צווישן פרומע און פרייע. פיינט האָט ער בלויז די רשעות. דער העכסטער אידעאַל איז חסד. ער רופט זיך איבער מיטן קאָמוניסט אַדאַם ווייס, מיטן בונדישן זשורנאַליסט סמוטנער. רירנדיק איז געשילדערט די זיצונג ביי אים אין שטוב. דער דאָזיקער לונגען־קראַנקער מענטש איז די פאַרקערפּערונג פון קאַמף און עקשנות און פון גרויס איבערגעגעבנקייט, גייט ער אָפּ אין בלוט.

לעווינען איז אין זיין טרילאָגיע געלונגען אַרויסצוברענגען סיי דעם שוידער און סיי די גרויסקייט פון יידיש לעבן צווישן ביידע וועלט־מלחמות, סיי דעם זומפּ און סיי דעם ש ט ו ר ע ם פון אויפגעברויזטער קראַפט, פון אַקטיוויטעט. ער מאָלט מענטשן און פּראָבלעמען מיט אַ שאַרפן און פאַרפיינערטן פענזל. זיין אויג כאַפּט אויף יעדן דעטאַל, וואָס העלפט אַנטפּלעקן סיי דאָס בייזע און סיי דאָס גוטע. אָפט זענען די דעטאַלן שוין צופיל און זיין פען צו פליסיק, אָבער דאָס שטערט נישט דעם גרויסן אינטערעס מיט וועלכן עס לייענען זיך אַלע דריי ביכער פון דער ברייט פאַרמאָסטענער טרילאָגיע.

וואָלף טאמבור —
מעשיות פון עולם האמת

„לעבעדיקע מתים״ איז שוין דאָס זעקסטע בוך פון וואָלף טאמבור דערשינען אין בוקאַרעשט אין פאַרלאַג „קריטעריאָן״. דער שרייבער האָט זיך באַוואָרנט מיט אַ דרייפאַכיקן מאָטאָ פון דריי ערטער אין דער גמרא און אַלע העלפן זיי אָנרעגן די פאַנטאַזיע וועגן די פאַרבאָרגענע כוונות, וואָס באַהאַלטן זיך הינטער די פאַרצייכענונגען פון אַ צווינטער, אין וועלכע די טויטע דערציילן וועגן זייערע איבערלעבונגען, רויע פאַקטן, וואָס דאַרפן אָפּשפּיגלען יענע וועלט, אַ פאַרקערטע פון דער ערדישער. ווי גערעכט איז אָבער געווען רבי יהושע בן לוי, וועגן וועמען די גמרא אין פסחים זאָגט, אַז ווען זיין זון האָט נאָכן אויפוואַכן פון לעטאַרגישן שלאָף אים דערציילט, אַז די וואָס זענען אויף דער וועלט די אויבערשטע, זענען דאָרט, אויף יענער וועלט, די אונטערשטע און פאַרקערט, האָט ער אים געענטפערט: „מיין זון, אַ קלאָרע וועלט האָסטו געזען!...״

איבערלעבונגען, האָט געזאָגט דער פראַנצויזישער שרייבער דידעראָט, דאַרף מען קודם פאַרגעסן און ערשט ווען זיי קומען צוריק און מען לעבט זיי איבער פונסניי, גייען אַריין אין בלוט, קאָכן זיך דאָרט איבער, ערשט דאַן ווערן זיי וויזיע. דאָס איז נוגע דעם פּאָעט ווי דעם פּראָזאַיקער. ווער שמועסט נאָך, ווען צו דער מיסטעריע פון שאַפן קומט נאָך צו די אַטמאָספער פון מורא, פון היסן זיך מיט אַן איבעריק וואָרט און מען דאַרף אין יעדער מעשה באַהאַלטן אַ טיפן

מיין, איז שוין נישט געגוג צו „פאַרגעסן”, נאָר גישטאָ טאָקע קיין בעסערע המצאה ווי אַריבערטראָגן די אַקציע אין אַן אַנדערער וועלט און פון דאָרט לערנען דעם מוסר־השכל.

דאָס בוך „לעבעדיקע מתים” איז מלא וגדוש מיט געשטאַלטן פון טויטע און זייערע לעבעדיקע גורלות, באַגלייט מיט פיבערדיקע וויזיעס און סימבאָלישע אַסאָציאַציעס. הינטער זיי שטייט וואָלף טאַמבור מיט אַ שפּיגל, וואָס כאַפּט אויף די בילדער און טראַכטענישן און עס באַקומען זיך נישט סתם רעפלעקסן פון אייגענע איבערלעבענישן, בילדער און געדאַנקען, נאָר דער גאַנצער קאָשמאַר פון דער „קלאָרער וועלט”, ווו דער גאַנצער סדר העולם איז איבערגעקערט געוואָרן מיטן קאָפּ אַראָפּ און דאָס גאַנצע „לעבן” שפּילט זיך אָפּ אין די נעכט. אָבער דאָס בית־דין של מעלה פירט דורך פּראָצעסן און עס גייען אָן וויכוחים צווישן קטיגור און סניגור, ריינע ווייסע נשמות, אין לייוונטענע תכריכים טרעטן אַרויס אַלס עדות, אַזעלכע וואָס באַשולדיקן און אַזעלכע וואָס זענען מלמד זכות, פאַרטיידיקן. מען פאַראורטיילט פאַר אינדיווידואַליזם און פאַר זוכן... גערעכטיקייט, לויט די באַגריפן פון דער „אַלטער וועלט”. אויך דאָרט הערשט כאַאָס און עס ווערן צעמישט די וועלט־יוצרות. אַלץ זעט אויס צו זיין אין אַ פאַרקערטן שפּיגל, דער הימל אונטן און די ערד אויבן. איבערגעשפּיצטע קליגלען זיך ווי אַזוי צו „באַגראָבן” אומשולדיקע, געבן „טויט־קלעפּ” אייגענע חברים, אַפילו אַזעלכע, וואָס זייער „קבר” איז דאָס קליינע קעסטעלע, אין וועלכן מען האָט אַריינגעלייגט דאָס אַש פון זייערע פאַרברענטע קערפּערס.

וואָלף טאַמבור האָט זיך פאַרמאָסטן אַריינצונעמען אין בוך דעם גאַנצן כאַאָס פון פּחדנות און ספקות, אַלע פינצטערע שטימונגען און גייסטיקע ציטער־נישן פון דער ווירקלעכקייט, וועלכע אים איז אויסגעקומען דורכצומאַכן. גלייך אין אָנהויב, ביים באַוואָרענען זיך, אַז די מעשה איז אַן אויסגעטראַכטע, פון אלף ביז תו. זאָגט ער: „...איך גופא ווייס דאָך אויך נישט וואָס סע הייסט ווירקלעכ־קייט. איז דען בכלל פאַראַן אמתע ווירקלעכקייט?... סע קאָן זיין, אַז לייענענדיק אָט די מעשה, וועט דער מענטש אַזוי אַריינגעלאָזט ווערן אין דער פאַנטאַסטישער וועלט, אַז ער וועט שוין אַליין נישט וויסן ווי אַזוי זיך אויסצוקלייבן צווישן דעם פאַנטאַסטישן און דעם „ווירקלעכן”, וואָס ווייזט אויס נאָר אויבנאויפיק צו זיין ווירקלעך, אָבער אין תוך גענומען איז עס דאָך אויך בלויז פאַנטאַזיע...” דאָס זענען אַזעלכע שווערע רושטאָוואַניעס, וואָס טאַמבור שטעלט אויף אַרום דעם אויסטערלישן בנין פון זיין דערציילונג, מיטן ווילן צו פאַרנעפּלען די נישט־דאָיקייט ביים סובלימירן דעם קאָסמישן כאַאָס, די רעאַלע בעלעטריסטישע הוריות, וואָס ער וויל בכוונה נישט געבן די ראַם פון פאַרפונדעוועטער דערציי־לערישער פיקציע, נאָר איבערלאָזן וואָס מער לופט אין דער קלעמעניש.

די מיסטעריעזע וויכוחים צווישן די טויטע, די האַלוציגאַציעס פון די, וואָס גאַרן נאָך אַ תיקון פאַר די פעלערן אין לעבן, אָבער אַלע טויערן זענען פאַר זיי פאַרמאַכט — זענען אַריבערגעהוזקט פונעם טויט אין לעבן אַריין, אָבער אויף יעדער טענה פון וועלכע עס איז מלאכי חבלה קומט די באַרואיקונג, אַז „וויל מען, מעג מען עס לייענען ווי אַ פאַנטאַסטישע מעשה וועגן אַ יענער וועלט, וואָס

פיל ווייסן, אַז זי איז בכלל נישטאָ"... עס איז נאַטירלעך, אַז דער שרייבער ווערט כסדר אינספּירירט פון די סודות, וואָס די מתים דערציילן און פון די פילאָזאָפיעס, וואָס זענען אייגנטלעך „לעבנס־חכמה", ווי למשל, אַז די לאַגע פון אַ רשע איז מער סטאַבילער ווי פון אַ צדיק. „קיין איין צדיק האָט זיך נישט אין די הענט... סיי ווען מען קען ווידער עפּענען זיין דאָסאר און ווידער איבערקוקן זיין פּסק־דין און אפילו אָנהויבן פונסניי זיין משפּט... דער רשע אָבער האָט אַ מין זיכערקייט, וואָס גאָרנישט ריזיקירט ער שוין נישט. איר ווייסט וויפל צדיקים עס ציטערן אין גן־עדן, אַז מען זאָל חלילה זיי נישט צוריקרופן צום משפּט?".

אָט די שמועסן אויפן עולם האמת און כסדרדיקן אומקערן זיך צום גורל פון די ערלעכע און אומשולדיקע זענען געגעבן מיט אַ שאַרפער כאַראַקטעריזיר־קראַפט, מיט וועלכער טאַמבור פאַרפאָלגט מיט אַזויפיל איראָניע זיינע „מתים" ביז אין די טיפסטע באַהעלטענישן פון זייערע נשמות. דער עולם האמת גיט עס דעם שרייבער אַ היתר אויף זיין שניידנדיקן סאַרקאַזם, אָבער גלייכצייטיק העלפט אים דאָס אַריבערטראָגן די מענטשן און געשעענישן אויף יענער וועלט, כדי ער זאָל זיי דאָרט זען בעסער, שאַרפער און פרייער אַרויסצוזאָגן אַלץ, מיט וואָס ער נעמט זיך איבער. זיין שעפערישער ווילן איז קאָנצענטרירט אויף דער ערנסטקייט פון געשען מער ווי אויף דער שפּילערישקייט פון די סיטואַציעס און דערפינדערישקייט ביים מאָלן דעם הינטערגרונט און די אויסערלעכע געשטאַלטיקונג פון די טויטע העלדן.

טאַמבורן איז אין זיין דערציילונג געלונגען אַרויסצוברענגען בילדער, וואָס ווירקן מיט אַ סוגעסטיוון כוח. דורך סימבאָליש־פאַנטאַסטישע וויזיעס באַהעפט ער דעם עולם האמת מיטן עולם השקר. די נשמות פון די טויטע זענען ענג פאַרבונדן מיטן לעבן אויף דער ערד, מיטן פחד פאַר די מלאכי־חבלה, ווי זאָגט דער ראַפינירטער מאַנידעס: „...האָט איר דען קיינמאָל נית געלערנט קיין גמרא? ווייסט איר דאָך, אַז יעדע נשמה האָט איבער זיך אַ ממונה, דאָס הייסט אַזאַ מין שר, צי אַ מלאך, וואָס קלייבט אויף די מצוות און עבירות און דאָס זעקל זאַמלט זיך, ביז איר קומט פאַרן בית־דין של מעלה און דערנאָך, ווען איר ריכט אייך נישט אַמאָל, דעמאָלט גיט מען אַ טראַסק מיטן זעקל אייערן איבער דער וואָגשאָל און איר שטייט און גאַפּט ווי אַן איבעראַשטער: פון ווו איז דאָס אַראָפּגעפאַלן?!".

דאַרף מען דען אַ בעסערע קאָמוניקאַציע צווישן די ביידע וועלטן?! אין די מעשיות פון עולם האמת איז דאָ די טראַגיק פון די מענטשן איידער זיי זענען געקומען צו קבורה, ווער אויפן צווינטער און ווער אויפן יידישן בית־עלמין, ווער אין תכריכים און ווער אין „ציווילע" קליידער. עס האָט סימבאָליק און רמז אויפן מצב פון יידישן לעבן אין וואָלף טאַמבורס סביבה.

מאיר ווייסגאַל —

אַדיסייע פון אַ רייך לעבן

אין דער איינלייטונג צו מאיר ווייסגאַלס בוך „ווי עס וואָלט געווען נעכטן...‟ שרייבט מ. צאַנין צוו. אַנד.: „די זכרונות פון מאיר ווייסגאַל פאַרמאָגן אויסער אַלעם אַן עלעמענט, וואָס איז נישט אָפּצושאַצן פונעם שטאַנדפּונקט פון דער געשיכטע פון אונדזער צייט. איך וואָלט פאַר דעם עלעמענט אויסגעליען אַ וואָרט פון דער כעמיע און וואָלט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ רעאַקטיווער שטאָף, אַדאַנק וועלכן אַ היסטאָריקער וועט קענען פעסטשטעלן די אויטענטישקייט פון געוויסע היסטאָרישע געשעענישן אין דער פאַרגאַנגענהייט — — וויפל שטיקלעך מעש דער און יענער געשיכטע־שרייבער וויל פאַרקויפן ווי גאָלד־שטיקלעך און, פאַרקערט, וויפל אמתע גאָלד־שטיקלעך די לייט האָבן פאַרגעשטעלט ווי מעשענע מטבעות‟.

ביישפּילן פאַר דער דאָזיקער טרעפלעכער פאָרמולירונג וואָלטן מיר געקענט ברענגען אַ סך. חוץ דעם ביישפּיל, וואָס צאַנין שטרייכט אונטער וועגן רשעותדיקן פעלשן חיים ווייצמאַנס ראָל ביים אַנטשטיין פון מדינת ישראל, וואָלט מען געקענט ברענגען נאָך, אַמאָל ווייניקער און אַמאָל מער דראַסטישע פאַקטן פון וויכטיקע געשיכטלעכע אַנטוויקלונגען, וועלכע באַקומען ביי ווייסגאַלן זייער נאַטירלעכע און אמתע גרויס. אוממיטלבאַר גיט ער איבער דאָס אָפענע צוזאַמען מיטן פאַר־באָרגענעם, מיט אַלעם וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט הינטער די קוליסן. דערפאַר איז דאָס בוך נישט נאָר אַן אינטערעסאַנט אויטאָביאָגראַפיש ווערק פון אַן אָריגינעלער פּערזענלעכקייט מיט אַ רייכער לעבנס־געשיכטע, נאָר אויך אַ וויכטיקע זאַמלונג פון היסטאָרישער כראָניק, אַ לעבעדיקער צאַפּלדיקער דאָקומענט, אַן עדות פון העפטיקן געראַנגל און אַ שליסל צו אַ סך רעטענישן.

יעדער פאַקט, ווי יעדע באַזונדערע געשטאַלט, קומט אַרויס אַ פאַרענדיקטער בנין, אַ פעסטער און זיכערער, געוויסנהאַפט קאָנטראָלירט, מיט גענוג עמאָציאָ־נעלער קראַפט און בילדלעכקייט; גענוג — ווייל ווייסגאַלס גרויסע מעלה איז וואָס ער כאַפּט קיינמאָל נישט איבער די מאָס. אָנגעפּיקעוועט מיט אַ לאַנגער קייט עפּיזאָדן, דאַטעס, געשעענישן פון געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער, מיט ערנסטן היסטאָרישן ווערט און גאָר אַ סך פון זיי פאַרדינען זיך באַזונדערע ביכער גאַנצע, האָבן אויך פאַרנומען אַ גרויס אָרט אין ווייסגאַלס פערזענלעכן לעבן, אָבער דאָ ווערן זיי באַשריבן אין אַ ממש אלגעברישן צימצום, מיט אַנטשפּרעכנדיקן געאָ־מעטרישן אויסבליק. דערצו פאַרמאָגט ער אויך די אינטואיציע, וואָס העלפט אים אַרויסשיילן פונעם אַלטעגלעכן דאָס פונדאַמענטאַלע און פונעם טומלדיקן — דאָס מענטשלעכע אין ברייטן זין פון וואָרט.

עס איז דאָ נישט איבערצוגעבן אפילו אַ קליינעם קאָנספּעקט פון אָט דעם וווּנדערלעכן 540־זייטיקן בוך. אָפּשטעלן זיך אויף אינטערעסאַנטע מאָמענטן

אָדער אפילו בלויז אויסרעכענען זיי, וואָלט געמיינט איבערדרוקן קודם כל די גאַנצע אינהאַלטס־פֿאַרצייכענונג, ווייל אַלע 26 קאַפּיטלען זענען אינטערעסאַנט און ווייסגאַל האָט געהערט צום זעלטענעם טיפּ זשורנאַליסט און שטודירער, וואָס באַאַרבעט, באַשרייבט, אינפֿאָרמירט און באַלערנט, הגם אויף אַ לייכטן, כמעט שפּילעוודיקן אופֿן, איז ער אָבער געווען פֿאַרקערפּערונג פֿון זשורנאַליסטישן אומרו, וואָס דער קיינמאָל נישט־געשטילטער אינטערעס צום לעבן, צו מענטשן און פּאַסירונגען, צו אַלץ וואָס דאָס לעבן ברענגט מיט זיך אין זיין אומאויפֿהערלעכן שטראָם, איז געפֿלאָסן צוזאַמען מיטן בלוט אין זיינע אָדערן און כסדר געטריבן פֿון אימפּולסן. האָבן מיר דערפֿאַר אין יעדן אויטענטישן פֿאַקט אי די אויפֿריכטיקע איבערלעבונג, אי די אָפּשאַצונג, אַזוי אַז דאָס דאָקומענטאַרע איז פֿון אַ גאָר ווונדערלעכן כאַראַקטער. וואָלט ער אפשר דערמיט נישט געווען קיין אויסנאָם ווען נישט די רייכקייט פֿון די פֿאַקטן און איבערלעבענישן און דעם אופֿן ווי ער גיט עס איבער, אין דער גראַציע פֿון איבערדערציילן און דערמיט האָט דאָס בוך אַ בכבודיקן אָרט אין דער יידישער מעמואַרן־ליטעראַטור. אַזאַ עשירות אין יעדן באַזונדערן קאַפּיטל און אַזוי נישט פֿאַרשוווענדעריש, צעגלידערט, אויס־געטיילט און קענטיק געמאַכט די דעטאַלן, אַזוי אַז מיר באַקומען צום סוף נישט קיין צעשויבערטע עפּיזאָדן, נאָר אַ גאַנץ בילד, אַן אָרגאַניזם, אַ סך הכל, פֿון וועלכן עס קוקן אַרויס אַלע עלעמענטן וואָס שטעלן אים צונויף.

די דאָזיקע באַמערקונגען זענען נישט גענוג פֿאַר אַ פֿולער כאַראַקטעריסטיק אָדער אָפּשאַצונג פֿון דאָזיקן אומגעוויינלעך־אינטערעסאַנטן בוך. וויכטיקע אַספּעקטן זענען גלענצנדיק אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין מ. צאַנינס איינלייטונג, וואָס איז פֿון אַלע שטאַנדפּונקטן מייסטעריש און אינהאַלטסרייך. איך האָב געוואָלט נאָר שטעלן דעם טראָפּ אויף דער 100־פּראָצענטיקער געוויסנהייט, אַז דאָס ווערט דאָ גאָרנישט פֿאַרווישט און ביי דעם אַלעם איז עס געשריבן מיט פֿיינעם און דינעם הומאָר, מיטן נוסח פֿון קלוגן מיטלאַכן מיט די שוואַכקייטן פֿון די בני אדם און זיין גרייט זיי מוחל צו זיין אַלע זייערע שוואַכקייטן און לעכערלעכקייטן, אָבער נישט זייער רשעות. נאָכן דערציילן אַן אַנעקדאָט, אויף וועלכן בן־גוריון האָט רעאַגירט מיט ווידערווילן, געהאַלטן אַז ער איז נישט צוגעפּאַסט צו דער סיטואַציע, האָט ווייסגאַל צו אים געזאָגט: „בן־גוריון, עס שטייט געשריבן: לא בחייל, לא בכוח, כי אם ברוח, און מיין גייסט נעמט אַריין אַ געפֿיל פֿון הומאָר. דאָס איז דער גרעסטער וואָפֿן אין אונדזער אַרסענאַל, די פֿעאיקייט צו לאַכן פֿון אייגענע פֿעלערן, דורכפֿאַלן און אפילו פֿון מפּלה״. בן־גוריון האָט אָבער נישט געלאַכט פֿון קיין שום זאַך. ביים צייכענען די סילועטקע פֿון פּאָלאַ, בן־גוריונס ווייב, פֿאַר־ענדיקט ווייסגאַל: „וואָלט בן־גוריון פֿאַרמאָגט אַ צענטל פֿון איר הומאָר, וואָלט ער איינגעשפּאָרט זיך און ישראל אַ סך עגמת נפש״.

ווייסגאַלס הומאָר גייט צוזאַמען מיט דער פֿאַרביקסטער פֿאַרשידנאַרטיקייט, מיט פּשטות, עכטקייט און נאַטירלעכקייט, מיט נאַאיוויטעט און טראַדיציאָנעל לעבן — דאָס אַלץ, וואָס ער האָט מיטגענומען מיט זיך פֿונעם יידישן שטעטל קיקל, די זעלבע יינגלשע פֿאַרליבטקייט און פֿאַרגלויבטקייט אין מענטשן, וואָס ער טראָגט אין זיך דורך אַלע פּאַזן פֿון זיין לעבן אין אַמעריקע, ביים שטורעמען די

פעסטונגען פון אַמעריקאַנער ציוניסטן און מורד זיין אין די געקרוינטע מנהיגי הדור, ביז דער פאַרבינדונג מיטן ווייצמאַן־אינסטיטוט אין רחובות, אין וועלכן ווייסגאַל זעט דעם העכסטן שטאַפּל אין זיין קאַריערע. זיין פּערזענלעכקייט איז געבליבן דער בחור פון קיעל, יענע אייביקע יונגשאַפט, וואָס האָט נישט דערלאָזט, אַז די יאָרן זאָלן האָבן אַ שליטה איבער אים, נישט דערלאָזט, אַז דאָס אומרואיקע, נערוועזע, קאָמפּליצירטע און אומבאַלאַנסירטע לעבן אין אַמעריקע זאָל אָפּטעמפּן זיין הומאָר.

דאָס איז די קראַפט פון ווייסגאַלס זכרונות. פּאָליטישע געשעענישן, שווינדלפולע אַקציעס, דורכגעפלאָכטן מיט אינטעלעקטועלער מחשבה, דערציילן זיך ווי עס וואָלט געווען אַ מעשה, וואָס ציט זיך און ציט זיך, אָן הויכע רייד און אויסגעזוכטע שיינע ווערטער, מיט אַזאַ ליטערער פשטות, וואָס קאָן פאַרפירן נישט געניטע לייענער, זיי זאָלן מיינען, אַז עס גיסט זיך לייכט פון זיך אַליין. לייענט מען זיך אַריין, זעט מען, אַז עס איז, ווי יעדער שאַפונגס־פּראָצעס געמאָסטן און דורכגעטראַכט, געלייטערטער נוסח און גוטער טעם, און דאָס איז דאָך דער אור־שטאָף אין די זכרונות פון אַ געזעלשאַפטלעכער פּערזענלעכקייט פון אַזאַ פאַרנעם ווי מאיר ווייסגאַל.

לייענען מיר די געשיכטע פון דער וועלט פון נעכטן, ווי דאָס וואָלט געווען היינט און מיר שלינגען ממש די קאַפּיטלעך. אַזאַ אָנציעוודיקייט און אַזוי פיל לעבנס־חכמה, קולטור און ערלעכע אויפריכטיקייט, אַזאַ נישט שאַנעווען זיך ביים דערציילן און אַנאַליזירן זיינע מיטצייטלער און זיך אַליין און דאָס אַלץ מיט דיסציפּלינירטן טעמפּעראַמענט און מיט דעם באַזונדערן סטיל, וואָס באַשטייט, לויט סטענדהאַלן, אין צוגעבן צום געדאַנק אַלע די אומשטענדן וואָס זענען אויסגערעכנט אַרויסצוברענגען די גאַנצע ווירקונג פונעם געדאַנק. אין דעם זין איז ווייסגאַל אַ סטיליסט, ביי אים גיסן זיך האַרמאָניש צונויף די אַלע פּרטים פון די באַזונדערע געשעענישן און שאַפן דאָס פאַרגאַנצטע בילד פון זיין צייט.

לייב אָליצקי

פּראָזאיקער און פּאָעט

לייב אָליצקי איז געווען אַ פּראָזאַאיקער און פּאָעט, וועמענס ווערק, דערציילונגען, משלים און לידער פאַרנעמען אַ וויכטיק אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור. ער איז געווען שרייבער און לערער און אויף ביידע געביטן איז ער דערגאַנגען צום האַרצן פון קינד און דערוואַקסענעם און פאַרכאַפּט דעם אינטערעס פון אַ גרויסער לייענערשאַפט.

שוין זיין ערשטער דעביוט אין וואַרשעווער אַלמאַנאַך, אַרויסגעגעבן דורך דער בעלעטריסטן־אָפּטיילונג ביים יידישן ליטעראַטן־פּאַראיין, מיט דער דערציילונג „די עסטרייכישע תליה", האָט אַרויסגערופן גרויס אויפמערקזאַמקייט צווישן די שרייבער. אין יאָר 1924 איז דערשינען זיין ערשט בוך „אין אַן אָקופּירט

שטעטל", וואָס שילדערט די דייטשע אָקופּאַציע אין דער ערשטער וועלט־מלחמה און דעם מצב פון די איבערגעשראָקענע יידן אין קליינעם שטעטל, האָט אַרויס־גערופן אַ לעבהאַפטיקע דיסקוסיע אין דער ליטעראַרישער פּרעסע. באַלד איז דערשינען זיין זאַמלונג נאָוועלן אויף ענלעכע טעמעס.

אין יאָר 1927 איז דערשינען זיין בוך „אין שיין פון פלאַמען", משלים פאַר קינדער און דערוואַקסענע. באַלד דערויף איז דערשינען זיין גרויסער און דרייס־טער ראָמאַן „געראַנגל" און אַנדערע ביכער אין פּראָזע און אין פערזן. זיין ראָמאַן „הונטמאַן" האָט אין יאָר 1937 זוכה געווען צו צוויי אויפלאַגעס. ביזן אויסברוך פון דער מלחמה האָט ער נאָך באַוויזן אַרויסצוגעבן 2 ביכער משלים, אויסגע־צייכנט לייען־מאַטעריאַל פאַר דער שול־יוגנט און פאַר דערוואַקסענע.

אין נאָכמלחמהדיקן פּוילן האָט לייב אַליצקי פאַרנומען אַ מזרח־שטאָט מיט דער שפע פון דערציילערישקייט און אויף פּאָעטישן שאַפן, אין וועלכע עס שפּיגלט זיך אָפּ די דערפאַרונג פון די מלחמה־יאָרן אין ראַטנפאַרבאַנד. ער פאַרנעמט זיך אויך מיט איבערזעצונגען פון קרילאָווס משלים, פון פּושקינס „ציגיינער", גע־זאַמלטע מעשיות א. נ. „אייביקע קוואַלן", כרעסטאָמאַטיעס פאַר די יידישע שולן. אין אַלע זיינע ווערק דערשיינט לייב אַליצקי ווי אַ שרייבער און דיכטער, וואָס צילט מיט זיינע שאַפונגען עפּעס אויסצובעסערן און צו דערהייבן דעם מענטש.

נישט געקוקט אויף זיין טיפן עלטער האָט ער אויך אין די לעצטע יאָרן אין ישראל אָנגעהאַלטן דעם זעלבן טעמפּאָ פון שעפערישקייט אין פּראָזע און פּאָעזיע. אין די לעצטע טעג, ווען ער האָט זיך שוין געפילט קראַנק און שוואַך, האָט ער צו זיינע נאָענטע געזאָגט: „כ'האָב נישט קיין מורא פאַרן טויט. כ'בין בלויז באַאומרואיקט, עס זאָל נישט איבערגעריסן ווערן מיין ווערק, וואָס כ'האָלט ביים פאַרענדיקן".

מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט, כמעט זעקס צענדליק יאָרן, איז לייב אַליצקי געווען שעפעריש אין כמעט אַלע זשאַנרן, געשריבן לידער און משלים, דער־ציילונגען פאַר קינדער, קורצע נאָוועלן און פיל־בענדערדיקע ראָמאַנען, האָט איבערגעזעצט פּאָעזיע און פּראָזע פון רוסיש, פּויליש און עברית און האָט אויף די אַלע געביטן זיך געשאַפן אַ נאָמען, איז אין זיי כסדר געווען אַקטיוו שעפעריש און האָט־אין־האַנט מיט זיין טאַלאַנט איז אויך געגאַנגען זיין מערקווירדיקע פּראָדוקטיווקייט, וואָס איז נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן אפילו אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן.

די טעמאַטיק, מיט וועלכער ער האָט זיך באַנוצט אין זיין שאַפן איז אַ גראַנדיעזע. זיינע ווערק דעקן דאָס יידישע לעבן אין דער גרויסער שטאָט און אין קליינעם וואָלינער יידישן שטעטל, צווישןביידע וועלט מלחמות, בעת און נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין רוסלאַנד און אין פּוילן. זיינע משלים, קינדער־לידער און דערציילונגען, וועלכע זענען געלערנט געוואָרן אין די יידישע שולן אין פּוילן, זענען לייען־ און לערן־מאַטעריאַל אויך פאַר דערוואַקסענע, פאַרמאָגן אַ שפע פון אַלערליי טעמעס און שעפערישע איינפאַלן פון אַ שרייבער און לערער. ער האָט פאַרמאָגט אַלע אַטריבוטן פון אַ פעאיקן דיכטער פון קינדער־לידער: פאַנטאַזיע, שפּילעוודיקייט און אינטימען טאָן פון נאָענטקייט און די־

מעלות זענען פאַראַן אויך אין אַלע זיינע אַנדערע דיכטערישע יצירות, אין וועלכע ער איז מגלה זיינע דערוואַקסענע פּאָעטישע געפילן, מחשבות און שטי־מונגען.

באַזונדערס רירנדיק זענען זיינע „לידער צו אַ ברודער", אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיט זיין ברודער מאַטעס, אין אָנדענק פון זייערע אומגעקומענע ברידער שמחה און ברוך. די טיפע גערירטקייט גייט צוזאַמען מיט אויפרייסערישע איכה־מאַטיוון און דער פּאַטאָס, וואָס איז אייגנטימלעך פאַר זיינע אַנדערע לידער, איז דאָ איינגעשטילט, געדעמפּט.

דער עיקר און דער רייכסטער געביט פון זיין שאַפן איז געווען זיין פּראָזע, וואָס אויבנאויף האָט זי אויסגעזען צו זיין נאַטוראַליסטיש, צו וועלן ווייזן דאָס לעבן ווי עס איז מיט אַלדאָס שלעכטע און מיאוסע. אָבער אין דער אמתן האָט אַליצקי געפלייסט זיך דורך דעמאַסקירן אויך אָנווייזן אַ וועג צו דערווייטערן זיך פונעם שלעכטן און העסלעכן, צו איבעראַנדערשן און צעשטערן דאָס חיהשע. דער נאַטוראַליזם איז נאָר אַ מעדיום צום דאָזיקן ציל.

דערפאַר האָט ער געזוכט צו מאַכן זיינע נעגאַטיווע פּאַרשוינען וואָס לעבנס־פולער, ליידנשאַפטלעכער אין זייערע עלעמענטאַרע אינסטינקטן און בייזע סטיכיעס, גיסט־צו אפילו בלוט צו זיין פאַרב, אָבער מיט אַ סך מער הנאה און אָפענער סימפּאַטיע האָט ער געמאָלן זיינע גוטע מענטשן, די פּאָזיטיווע פאָלקס־טימלעכע געשטאַלטן, די דאַדיע קאָוואַלס און אַלע אַנדערע פּשוטע אַרבעטס־מענטשן, אין וועלכע ער איז געווען אידעאיש און קינסטלעריש פאַראינטערע־סירט. אָבער דאָך נישט געלאָזט זיך פאַרפירן אויף די וועגן פון פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, נאָר געשטרעבט דורכצולייכטן אין זיי דאָס נשמהדיקע און אייביק־מענטשלעכע און אַריינצווועבן אין זיי פעדעם פון די איידלסטע מאַטעריעס, אין עקסטרעמען קעגנזאַץ צום אייביק־חיהשן אין זיינע נעגאַטיווע, גייציקע און פאַרגרעבטע פּאַרשוינען מיט זייערע רויע, פּרימיטיווע אינסטינקטן.

אין מערקווירדיקער פּראָדוקטיווקייט איז אַליצקין טיילמאָל שווער אָנגעקומען צו פאָרמירן די גאַנצקייט פון דער דערציילונג, דאָס באַהערשן איבעריקע אָדער אינמיטן־איבערגעריסענע פעדעם, אָבער תמיד האָט ער געשטרעבט צו געשטאַלטיקן די גאַנצקייט פון זיינע מענטשן און פאַר דעם האָט ער אַפילו מקריב געווען די אינטענסיוויטעט פון דער שילדערונג און ווען זיי זענען אפילו געוויזן נאָר פון איין זייט, זעען מיר זיי אָבער פון דער דאָזיקער זייט קלאָר, שאַרף, פאַרענדיקט און מיר זענען איבערצייגט אין זייער רעאַליסטישקייט.

„דער מענטש וועט זיין גוט"

דער משל־זשאַנר, די פאַבל, געהער צו די עלטסטע ליטעראַרישע געוויקסן ביי אַלע פעלקער און לענדער. שוין אין די אוראַלטע צייטן האָבן דיכטער פאַר־שטאַנען אויסצונוצן דעם דאָזיקן ליטעראַרישן זשאַנר אויף אַריינצוזאָגן דעם מעכטיקן הערשער אַ ביטערן אמת, אַ שטאָך־וואָרט. געפינענדיק בלויז די פּאַסיקע חיה, צו וועלכער דער הערשער איז ענלעך געווען מיט זיין פינצטערן כאַראַקטער.

האָט דער דיכטער־שטראָפער איבערגעלאָזט די גאַנצע האַנדלונג דער אַנטשפּרע־כנדיקער חיה און אַזוי אַרום געגאָסן פון דעם, וואָס ער אַליין איז געבליבן אויסער יעדער פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

גלייכצייטיק האָט דער משל מיט זיין מוסר־השכל געדינט ווי אַ וועג־ווייזער פאַר די שוואַכע און אונטערדריקטע, זיי געוועקט און געטרייסט.

געווען אַמאָל אַ תקופה, ווען כלערליי קאַטעגאָריעס שרייבער, רעדנער און דרשנים האָבן געשאַפן משלים. דער זשאַנר איז געווען דער זיכערסטער וועג צום האַרץ פון די מאַסן, אָבער גלייכצייטיק אַן אַ באַשטימטער קינסטלע־רישער פאָרם. ערשט אין זיבעצנטן י.ה. ווערט אין איטאַליע און פראַנקרייך דער משל צוריקגעפירט צו זיין גריכיש־קלאַסישער פאָרם. צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג פון די קולטורן ביי אַלע פעלקער, בליט און אַנטוויקלט זיך אויך דער משלדיקער ספור־המעשה, וועלכער פאָדערט פונעם דערציילער אַ סך קינסטלערישן כוח. ער דאַרף פאַרמאָגן איינטעלעקטועלע חריפות צוזאַמען מיט צאַרטן ליריזם, לעבנס־חכמה און וויזיאָנערישקייט, שטיפערישע בילדערישקייט און שטעכיקן סאַרקאַזם.

לאַפאָנטען און קרילאָוו גיבן דעם משל דעם שוואונג פון אַן ערשט־קלאַסיק קונסט־ווערק.

אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור האָט דער משל באַקומען זיין העכסטן קינסטלערישן פאַרנעם אין די שאַפונגען פון אליעזר שטיינבאַרג, וועל־כער האָט געלעבט און געשאַפן אין רומעניע. אין פוילן זענען אויך געמאַכט געוואָרן פרווון אויפצולעבן דעם משל־זשאַנר. ל. אַליצקי, וועלכער האָט נאָך פאַר דער מלחמה געהערט צו די ערנסטערע שעפער אויף דעם געביט, האָט אַרויסגעגעבן צוויי ביכער משלים. און נישט־געקוקט דערויף איז אַליצקי מער באַקאַנט דעם יידישן לייענער אַלס נאָוועליסט און וויניקער אַלס פאַבוליסט. אפשר נעמט עס זיך דערפון, וואָס אין די פריערדיקע צוויי ביכער משלים, דער־פירנדיק אין זיי די איינהייטלעכע ליניע פון זיין פראַלעטאַרישן געדאַנקענגאַנג, האָט אַליצקי אין זיך געהאַט בלויז די באַלערנדיקע טענדענץ פונעם משל און פאַרנאַכלעסיקט זיין אייגנטלעכע קינסטלערישע פאָרם, אַ דאַנק וועלכער דער משל באַקומט זיין מעכטיקן ווירקונגס־כוח און נאַאיוו־קינדערישן חן.

אין דעם איצטיקן ביכל, הגם עס טרעפן זיך נאָך אַזעלכע משלים, וואָס זענען מיט זייער רעטאָרישקייט גיכער ענלעך צום אַלט־העברעאישן משל און נישט געקוקט אויף זייער בילדערישקייט רעדן זיי מער צום שכל ווי צו דער פאַנטאַזיע, פאַרמאָגן אָבער אין אַלגעמיין די לעצטע משלים אַ פיל־רייכערע לעבנס־קלאַ־וויאַטור. זיי האָבן אין זיך די זאַפטיקייט און פאַרונדיקטקייט פון קרילאָווס משל. דערפינדערישקייט גייט געפּאָרט מיט עכטער דיכטונג, טיפזיניקער איינפאַל מיט לייכטן קינדער־געמיט.

דער דיכטער איז דאָ דער לעבנס־דערפאַרענער זקן, וואָס דערציילט און גלייכצייטיק דאָס פילבאַרע האַרציקע קינד, וואָס הערט. אין אים קומט פאַר אַ פאַראייניקונג פון עלעמענטן פון די אַלטע בעלי־אגדה, דובנער מגיד און קריסטיאַן אַנדערסען.

ווי יעדער עכטער פאַבוליסט געפינט אַליצקי די פסיכישע פאַרבינדונג פון „מענטש און אַרום", די אינערלעכע אַנאַלאָגיע צווישן מענטש און בעלי־חיים און דאָס אויסגעפונענע ברענגט ער קינסטלעריש צום אויסדרוק.

דער רעאַליסט אין אַליצקין קומט אַמשטאַרקסטן צום אויסדרוק אין זיינע „בעלי חיים". כאָטש זיי זענען אין שפּראַכלעכער און אינטעלעקטועלער היגזיכט פאַרמענטשלעכט, פאַרלירן זיי אָבער גישט זייער רעאַליסטישן אויסזען. זייגע קעץ, כלבים, פוקס, חזיר, לייב און סאָלאָוויי בלייבן געטריי זייערע נאַטורן, זייערע ספּעציפישע געוווינהייטן און אייגנשאַפטן.

די פילאָסאָפיש־עטישע סענטענץ קומט אַרויס איבערצייגנדיק מיט דער זילבערנער געלייטערטקייט פון די לירישע קאַטעגאָריעס, מיט וועלכע אַליצקי סראָגט אויס זיינע געדאַנקען.

פון די משלים שטראַלט אַרויס אַ העל, וואַרעם ליכט, וואָס ציט צו מיט זיין געמיטלעכקייט און היימישקייט און מיט דעם גלויבן, אַז „דער מענטש גייט צו דער זון, אַז ער וועט זיין גוט און עס וועט אים גוט זיין".

חנן איאלטי —
„ווייטער פון ברוקלין"

עס זענען פאַראַן ביכער, וועלכע פאַרכאַפּן די פאַנטאַזיע פון לייענער גלייך פון די ערשטע זייטלעך, און דאָס געשעט נישט צוליב דער מיטרייסנדיקער פאַבול, צי באַזונדערע מעלות פון פסיכאָלאָגישן פאַרטיפן די כאַראַקטערן, נאָך פשוט אַדאַנק דער לעבעדיקער דינאַמיק איגעם דערציילן.

צו די דאָזיקע ביכער געהער אויך חנן איאַלטיס „ווייטער פון ברוקלין". אַזעלכע זענען אויך זיינע פריערדיקע ראָמאַנען „דער האָטעל, וואָס עקזיסטירט נישט", „פאָטער און זון", אויך דער באַנד קלענערע דערציילונגען, אין וועלכן עס זעט זיך שוין אַרויס דער קומענדיקער ראָמאַניסט.

נאָך פריער, באַלד נאָכן דורכלייענען זיין ערשטן ראָמאַן פון דער מלחמה אין שפּאַניע האָב איך זיך פאַרטראַכט: פונוואַנען שלאָגט עס די פאַרכאַפּנדיקייט? צי טאַקע נאָר די עקזאָטישע פאָן פון די געשעענישן און די רעוואָלוציאָנערע סביבה פון פאַרשידענע לענדער? אָבער אין דעם בוך זענען דאָך נישטאָ נישט קיין עקזאָטישקייט, נישט דער ספּעציפישער קלימאַט, וואָס עס שאַפן אַרום זיך רעוואָלוציאָנערע געשטאַלטן. ווייל איאַלטי פילט זיך אין דעם שפּאַנישן פייזאַזש ווי אַן אייגענער און אין דעם שילדערן זיינע העלדן איז נישטאָ דאָס פאַרוווּנ־דערטע שטיין בלייבן פאַר דעם נייעם, ווי ער וואָלט מיט דעם אַלעם פון לאַנג שוין געווען צונויפגעוואַקסן, פונקט ווי די האַנדלונגען, וועלכע ער האָט אַליין דורכ־געמאַכט און עס פילט זיך אין זיי דער ריטם פון זיין אייגענעם פאַרשנעלערטן אָטעם.

גיבער פון אַלעם רייסט דאָ מיט די קאַפּיקע יוגנטלעכקייט, דער געוואַלטיקער כוח פון מוסקולן און לײדנשאַפט. „דאָרט איז אָדער מען לעבט, אָדער מען שטאַרבט, אָבער לעבן, לעבט מען מיטן כוח פון הונדערט פערד" — האָט מיר אַמאָל געזאָגט אַ פּוילישער שרייבער נאָכן אָנקוקן אַ קאָווּבאָישן פילם. איאַלטיס העלדן וואַרפן זיך מיט זייער לעבנס־קאַפּיטאַל מיט דער גרעסטער פאַרשווענדע־רישקייט, שפּילן מיטן גורל. אין קאָן שטייט גליק, נישט אויף קיין ראַטעס, נאָר מיטאַמאָל. זיי גיבן זיך נישט אונטער אפילו אין אָנבליק פון ענדגילטיקן דורכפאַל. דער טויט, אפילו ווען ער קומט, אגב זעלטן, פאַרמאָגט אין זיך עפּעס טריאומ־פירנדיקס.

אין איינער פון זיינע דערציילונגען, וועלכע ליידן אגב פון אַ זשורנאַליסטישן מאַניער, דערציילט איאַלטי וועגן אַ חברה קדיש־ און תהלים־זאָגער, וועלכע געפינט זיך אין פּאַריז בשכנות מיט אַ פּריילעך הייזל. די יידישע פּראָסטיטוטקע, וועלכע וויל באַצאָלן פאַר קדיש זאָגן נאָך איר טאַטן, איז ביי דער גאַנצער פאַראַכטונג צו איר מצד דעם פרומען אַרום, נישט קיין געפאַלענע. זי און אירע חברטעס, וואָס קוקן זיך צו הינטער דער טיר צו דער סצענע אין בית המדרש, דערשפּירן שיינקייט, אומפאַרשטענדלעכע, אומקלאָרע שיינקייט, אָבער זיי שפּירן עס, און דאָס איז דאָך דער בעסטער באַווייז, אַז זיי זענען ביי זיך נישט געפאַלן.

קונסט איז דאָס זען מער וויפל דאָס אויג זעט אויף דער אויבערפלאַך. איז נישטאָ די דאָזיקע פאַרגרעסערטע ראיה, ווערט אפילו די שפּאַנענדיקסטע דער־ציילונג נישט מער ווי זשורנאַליסטישע באַשרייבונג פון אַ מער, אָדער ווייניקער אינטערעסאַנטן פאַקט. דאָס זשורנאַליסטישע אין איאַלטיס דערציילונגען באַשטייט אין דעם באַגאַטעליזירן די בולטע צייכענונג און שאַרפע כאַראַקטעריזירונג פון די געשטאַלטן. ער לאָזט עס איבער דעם גאַנג פון דער אַקציע, אָבער נישט געקוקט, וואָס ער וואָגלט נישט איבער אונטערערדישע נשמה־לאַבירינטן, געהער די דער־ציילערישע באַוועגלעכקייט צום מין קינסטלערישן זען אונטער דער הויט.

מיט קינסטלערישער אויפמערקזאַמקייט הערט זיך איאַלטי איין אין דעם פּולן לעבן פון „פאָטער און זון", פון די אַלטע און יונגע סאָקאָלאָווסקיס, ווי פון די העלדן, וואָס גרייכן „ווייטער פון ברוקלין", דזשען און סילוויאַ, סאַנ־ראַ, די שיינדעלע פון דער היים, מאַרין, די פאַרקערפּערונג פון ליידנשאַפט, סערע, מייקל. דער עמאָציאָנעלער און קאָמפּאָזיציאָנעלער ראַנג פון די עראָטישע סצענעס איז אַ רעאַליסטישער. ער איז קאָנקרעטער, פולבלוטיקער איאַלטישער נוסח.

דזשעק, וואָס האָט אַזוי ליידנשאַפטלעך ליב מאַרין, פילט אויך אַ בענקשאַפט צו ישראל און אַ באַדערפעניש אָנטיילצונעמען אין דער באַפרייאונגס־מלחמה. אָט דאַכט זיך, אַז ישראל איז פאַר אים אַן אידעע, פאַר וועלכער ער איז גרייט צו קעמפן און מקריב זיין דאָס לעבן. ער טוט עס נישט, לעבט נישט דורך קיין שום אַנטוישונג. ווען אים געלינגט עפּעס נישט, באַשולדיקט ער נישט די וועלט, וויל ער איז איאַלטיס אַ געטרייער העלד, און ווי אַלע זיינע העלדן נעמט ער נישט דאָס לעבן פאַטעטיש, זוכט נישט קיין טיפע גייסטיקע ווערטן. דאָס לעבן פאַר־ברענט זיך אַליין אין פּלוצימדיקע אויסלאָדונגען.

די פאַבולע פון „ווייטער פון ברוקלין" איז אפשר סכעמאַטיש, אָבער אין

אַ געוויסן זין אַן פעלערן, אַן איבעריקייטן אין דער קאָנסטרוקציע, אַן יאָגן זיך נאָך סענסאַציע ווי אַ מיטל צו שפּאַנונג. איאלטי האָט בולטע דידאַקטישע אַמביציעס. קודם כל וויל ער דעם לייענער באַרייכערן מיט וויסן וועגן דעם לעבן, שטייגער, סאָציאַלע און געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען פון דער באַשטימטער סביבה. צווייטנס, געהערן די איבערלעבונגען פון די העלדן צום דעם מין, וואָס וועקט צום נאָכטראַכטן און אפשר אויך עפּעס לערנען אין געוויינלעכן זין פון וואָרט. אפילו אין סערעס דערגייען צו דער „סברא, אַז אַרום עוועניו „יו" זענען פאַראַן נישט ווייניקער געהיימנישן ווי אַרום דעם טעמפּל פון בבל, און פּונקט אַזעלכע הייסע און זינדיקע ליבעס ווי צווישן דוד המלך און בת־שבע, אָדער צווישן שלמה המלך און דער מלכּת שבא".

לייב ראָכמאַן —
„דער מבול"

לייב ראָכמאַנס בוך דערציילונגען „דער מבול" וואָס איז דערשינען געציילטע טעג פאַר זיין טויט, איז ווי זיינע פריערדיקע ביכער, אַ „דע פּראָפונדיס" פון די אומקום־טעג. די טעמאַטיק איז דאָ דורכגענומען מיט גרויל, פּחד, פּיין־געשריי, צאָרן און אומזין פון יענע כף־הקלע־יאָרן, דאָס געשריי איז אָבער נישט שרייענדיק, איז געווענדט צו די טיפענישן, פון וועלכע עס קומט, רירט און רודערט אויף אונדזער געמיט און שלינגט עס אַריין אינעם אָפענעם תהום פון יענער יסורים־וועלט. עס זענען אין די אַרויסגעריסענע בלעטער פון טראַגישן פּנקס דעראַנט ביזן סאַמע שאַרפסטן סוף די דינסטע ניואַנסן פון אומפאַרשטענד־לעכן גרויל.

וואָס טיפער ער נידערט אַראָפּ אינעם תהום פון אונטערגאַנג אין יעדער באַזונדער דערציילונג, אַלץ מער פאַרווישן זיך די גרענעצן צווישן איין דערציי־לונג און דער אַנדערער און זיי ווערן ווי עלף קאַפּיטלעך פון איין ווערק, אלצ־איינס ווי מען זאָל אויף דעם ווערק נישט קוקן און אָנרופן — נאָוועלע, דער־ציילונג אָדער אַנטי־דערציילונג.

אין געטעס באַרימטע שמועסן מיט עקערמאַנען, ענטפערט ער אויף דעם פראַגע: וואָס איז אַזעלכעס אַ דערציילונג? — „אַ ווונדערלעכע מעשה". ווען מיר זאָלן אָננעמען די דאָזיקע פאָרמולירונג, וואָלט מען געדאַרפט פּסלען גאָר אַ גרויסן טייל פון דער ליטעראַטור אין דער וועלט, אָבער אויב עס האַנדלט זיך אין דער טעמאַטיק פון ראָכמאַנס דערציילונגען, שטייגט זי זיכער איבער אַלע אויסטערלישסטע און אויסגעטראַכטע מעשיות אין דער וועלט. דערפאַר דאַרף מען נישט צוגיין צו זיינע דערציילונגען מיט קיין שום קאָנווענציאָנעלע מאָסן און נישט זוכן אין זיי דעם געוויינלעכן גענוס פון שילדערן און דערציילן.

געוויינלעך באַטראַכט מען ראָכמאַנען, שוין פון זיינע פריערדיקע ביכער, ווי דעם מאָלער פון געטאָ־ און אומקום־שוידער, פון בילדער, וואָס ברענגען אַרויס

דעם גרויל, אַנגסט, עלנט און יאוש. דאָס זענען טאַקע די טעמעס פון זיינע דער־ציילונגען, אָבער ווייט נישט די איינציקע מאָטיוון. אין ראַכמאַנס סאַמע געשפּענסטיקע שילדערונגען אויפן טראַגיש־פינצטערן פּאַן פון אומקום איז פאַראַן די אַנטפּלעקונג פון גרויסער מענטשלעכקייט און איבערמענטשלעכער גבורה.

ראַכמאַנס פּעדער רינט מיטן בלוט פון די פרי־פאַרשניטענע יידישע קרבנות און ער איז אַזוי אידענטיפיצירט, אַזוי צונויפגעגאָסן, אַזוי אַריינגעלעבט און אַריינגעבערענגט אין זיי, נישט נאָר ביז די לעצטע מינוטן, נאָר אויך נאָך זייער טויט, אַז דאָס בלוט וואָס רינט אין די ווערטער, איז זייער און זיין אייגן בלוט. דאָס שניידט ער זיך איין אַזוי טיף און שאַרף נישט נאָר אין דעם צענטראַלן העלד ש. און אין אַלע אַנדערע געשטאַלטן, נאָר אויך אין זיך, אין אונדז אַלעמען. פון דעם גרוב, ווו ער איז געווען אויסבאַהאַלטן, איז ער אַרויס נישט ווי אַן אַפּגעראַטעוועטער, נאָר ווי איינער פון די אומגעקומענע מיט אַלע מיתות משונות, אַ געבוירענער אין די אַשן פון די פאַרברענטע און פילט אין זיך די העכסטע און אַכזוריותדיקע שליחות צו בלאָזן אויף די טויטע ביינער און אויפלעבן זיי פאַר אונדזערע אויגן, דערציילן וועגן זייערע לעצטע טעג און וועגן זייערע טויטן. די פראַגע איז אָבער ווי אַזוי צו דערציילן? ווי אַזוי אַריינצוברענגען מאָס און קינסטלערישן מעטאָד אין דעם שילדערן די טעג און שעהען פון שוידערלעכסטן חורבן און בלוטיקסטן תוהו־ובוהו פון אַלע צייטן? ווי אַזוי צוימען די פּעדער, אַז דאָס בלוט, וואָס רינט פון איר, זאָל נישט אַריבערשוימען און פאַרפלייצן דעם דערציילער צוזאַמען מיט די דערציילטע? ווי אַזוי אויסטראָגן דאָס אַלץ און נישט פאַלן אונטער דער מאָסע פון די טעמעס?

איבער ראַכמאַנס דערציילונגען פלאַטערט אַ גרויזאַמע באַשערטקייט, ווי עס וואָלט אָנגעצייכנט געוואָרן, ער זאָל געבן אַ תיקון דעם קאַשמאַר און אַרויס־ברענגען די וועלט פון גרויליקן אומקום. ער האָט דערפאַר געמוזט שאַפן זיך אַן אייגענע שפּראַך און אַן אייגענעם אופן פון דערציילן און ער טוט עס מיט אַזאַ קראַפט, אַז עס דאַכט זיך, די אַלע מענטשן זענען, פּונקט ווי ער, שטאַרקער פון עם טויט, פון די פייניקער און מערדער. וואָס ביי זייער גאַנצער גרויזאַמקייט און טאָטאַלער פאַרניכטונג באַוויזן זיי בלויז אויסצוקוילען די גופים, אָבער נישט די נשמות. זיי האָבן נישט געקענט פאַרניכטן די גרויסקייט, וואָס שטראַלט אַרויס פון ש., פונעם קאָליביעלער רב, אין זיין געראַנגל ביים אַרויסטראָגן דעם פּסק־דין אין דער דין־תורה וועלכעס שטעטל זאָל זיך אַליין ליקווידירן און צונויפגיסן מיטן אַנדערן, לויטן באַפעל פון דער געסטאַפּאָ; פון ר׳ אַלטער שניצער, פון קלמנען און מרימלען, פון דעם מענטש, וואָס האָט נישט געדענקט ווען מען האָט אים אַהער געבראַכט, אין בויך פון טאָל און ער קען זיך נישט צוגעוווינען צו דער שטילקייט פון טויט, פון אַלע פאַרזאַמלטע מלווים צו די קברים אַרום מויל פון דער ערד און פון די איבערגעבליבענע, אין וועלכע עס וועקן זיך פאַרגעסענע חלומות, ווי פון פאַר די טאָלן פון טויט.

דאָס איז יענע גרויסקייט וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין דער אונטערגאַנג־וועלט פאַר די, וואָס האָבן אין יענעם מיראַזש געפונען אַ בונד צווישן מענטש

און באַשעפער; אַ גרויסקייט וואָס האָט געבראַוזט און געזידט אין ראַכמאַנען ביז זיין לעצטן אָטעם. און זי האָט עס אים געהאָלפן דערגראָבן זיך צו נישט געאַנטע סיפּעגישן און דערציילן די דראַמעס, אַזוי אַז דער לייענער זאָל דערזען דאָס אומגעזעענע, דאָס אינו נראהדיקע אינעם רואה. ראַכמאַן צינדט אונטער די קאָשמאַרן־וועלט אין אַ פלאַם, וואָס אין זיין שיין זעט מען קלאָר, רעאַליסטיש, דאָס משוגעת פון דער וועלט און די נישט באַמערקטע גדלות פון די אין פלאַמען איינגעהילטע קרבנות. די בילדער פאַרמאָגן אין זיך אַ געוואַלדיקע אויפרייס־קראַפט, אָבער ראַכמאַן ווערט נישט ביז זיי וועלן עקספּלאָדירן, נאָר רייסט זיי אַליין אויף דורך אַן אַלכעמישער מישונג פון בילד מיט בילד און צונויפגיסן אין איין געפעס די אויסטערלישע וויזיעס מיט שטיקער מוראדיקעווירקלעכקייט. אויף אַן אופן, וואָס איז קעגן יעדער שאַבלאָנער פאָרם פון דערציילן, קעגן אַלע אָנגענומענע אופנים פון אַנאַליזירן די כאַראַקטערס פון די באַזונדערע מענטשן און פון די סיטואַציעס. ער געפינט אַ נייעם שטראָם פון דערציילן דורך אַ שאַרפער קאָנצענטרירונג אין די מענטשן און אין דעם שטח, אויף וועלכן עס קומען פאָר די געשעענישן. מיט ש. שאַפט ער אַן איינציקן צענטראַלן העלד. וואָס זעט אַלץ מיט אייגענע אויגן, אָבסערווירט און גיט איבער מיט דער שאַרפקייט און פלייסיקייט פון אַ באַוועגלעכן פּראָזשעקטאָר אַלץ וואָס עס טוט זיך אין אים און אַרום אים, אויף אַלע זייַנע וועגן אויפן ראַנד פון ריזיקע מאַסן־קברים, אין צעפּייניקטע טעג און נעכט אינעם טאָל פון טויט. ער האָט נישט קיין צייט אָפּצוטיילן דאָס אינטימע וואָרט פון די פאָרכטיקע איבערלעבענישן און האַרמאָניזירן די מחשבות און געפילן מיט דעם וואָס געשעט. ער דאַרף דאָך אויפהיטן אַלע כוחות פאַר דעם איינציקן מאָמענט, וואָס דראָט אים צו פאַרפלייצן. און ער מוז זיך אָפּהיטן נישט אַראָפּצוזינקען אין אָפּגרונט. נאָר האַלטן זיך אויף דער אויבערפלאַך פון די ברויזנדיקע וויזיעס און שוימענדיקע ווערטער און טראָגן זיך כסדר פאָרויס צו אַ פונקט אין אייביק־טונקעלע ווייטקייטן.

ביי לייב ראַכמאַן איז עס נישט קיין פראַגע פון אָריגינאַליטעט און יאָגן זיך נאָך אויסטערלישקייטן. זייַנע בילדער, גענומען צוזאַמען אין די דערציילונגען אָדער אַנטי־דערציילונגען, ווייזן דעם צעווייטיקטן ייד פון אַלע צייטן, וואָס עקספּלאָאַטירט זיך אַליין אויפן גרויזאַמסטן אופן, כדי צו עפענען טיר און טויער, פאַר די וואָס זענען אויסגעאַנגען אין די פלאַמען און באַגלייטן אויף אַלע וועגן די איבערגעבליבענע, וואָס אויף אַלע בלאָנדזשענישן זוכן זיי אין זיך דעם ענטפער אויף דעם וואָס איז געשען. צי פּאַסט זיך אַריין דאָס אַלץ אין די פאָרמען פון דערציילן? וואָס פאַר אַ פאָרמען קענען זיין פאַרן מוראדיקסטן קידוש השם? יעדעס בילד לעבט אויף אַלט־פאַרגעסענע בילדער פון יידישן גורל, פון די באַזונדער צוגעטיילטע טריטן, פון דער אומאויפהערלעכער יידישער טראַגעדיע, וואָס איז ווייט אַוועק פון דער מענטשלעכער השגה.

מיט דער זעלבער קראַפט און וויזיאָנערישן אימפּעט, טראָגט ער זיך פאָרביי. אין אומרואיקער האַלב־אויפגעלייזטקייט דורך דער מעשה־מרכבה פון אויסלייזונג אויף באַפרייטער ערד: „מיר גייען איבער די טראָטואַרן, ווי אין די טעג פון נאָך אַלעם. יעדער פון אונדז — אַליין, אַן עלטערן, — געבערט ווידער אין די

געבטן. פֿאַרשוויגענע, הערן מיר אונדזער וועקן זיך: נישט אויסגעטריקנט איז אונדזער זרע. אונדזערע קינדער דאָ, ווערן נישט געבוירן — זיי שטייען אויף לתחיה״.

אין אַלעם וואָס ער שילדערט, באַשרייבט, איז בולט דער סענסיטיווער שרייבער, וואָס פֿאַרהיט אים אין דער וויזיאָנערישער צעוואָרפֿנקייט פֿון סתם רייד, פֿון איבעריקע ווערטער און בילדער. אין יעדן בילד, וואָס אויבנאויפֿיק זעט עס אויס צו זיין אָפּגעריסן פֿון פֿריערדיקן, אַמאָל אויך צעפֿלאָסן אין אַ ים פֿון ווערטער, איז אָבער די אָנגעלאָדנקייט אַזוי דורכגעגליט, אַז זי שמידט צונויף דאָס בילד און די צעפֿלאָסענע רייד אין אַזאַ טראַנס פֿון אויסטרינקען דעם כוס התרעלה ביזן לעצטן טראָפּן ווייטאָג, אַז עס ציטערן אויף אין אונדז אַלע נערוון. מיר זעען זיין דוייערנדיקן פֿאַרמעסט מיט אַלע בלינדע כוחות: „מיט אַמאָל האָט ער דערפֿילט, אַז דאָס איז גאָרנישט אַזוי פֿאַרהוילן. אַלץ פֿליסט פשוט. זיי שטייען דאָ, זיי אַלע, פֿאַר אים, דעם איבערגאַנג. ער האָט דערגרייכט יעדן יחיד. ער איז איבער אים אַריבער. יאָרן זענען זיי, אַלע אַרום אים, איינגעזאַמלט געוואָרן. ער שטייט איבער זייער קבר. ער איז זיי נאָכגעקומען. זיי ליגן, ווי די דורות — אונטער דער ערד — אויף אַלע בתי־קברות. מיט איינמאָל האָבן זיי זיך צעעפֿנט, די קברים; אָפּגעטאָן איז געוואָרן די אייבערשטע שיכט פֿון צווישן; זי האָט זיך אַוועקגעשאַרט די ערד, פֿון איבער זיי — ווי אַ קאָלדרע. ער האָט געזען זיי ליגן, אַלע העוויות, מיט די יסורים פֿון דער לעצטער מינוט — אויף זיך; צעקרימט די פּנימער, די גופֿים, אויסגעדרייט אין גרימאַסעס. יעדעס אבר גייט באַזונדער, וויל אַנטלויפֿן — פֿאַר זיך. אַזוי די אויערן — יעדער פֿון זיי — אַליין. די גאָמבע פֿאַרקראַמפּט, ווי נאָך אין מיטן וועלן זיך אַוועקרייסן. קיינמאָל וועט זיי שוין נישט אַרומנעמען אַלע — דער צלם אלוהים.״

עס קען זיך אויסווייזן, אַז דערמיט איז געשלאָסן די וויזיע פּונעם ייִד אויף דער אַנדערער זייט גאַז־קאַמער, אָבער דער ביטערער גערעַנגל פֿון דעם שרייבער מיט זיינע וויזיעס דויערט ווייטער: „...אויף תמיד שוין וועט זי, די ערד, בלייבן אָפּגעדעקט. מיר זענען איצט איין עולם, אָן אָפּענער, — מיר און זיי. מיר זענען מער נישט צעטיילט״.

דער שרייבער לייב ראָכמאַן איז געבליבן פֿאַרשאָלטן צו בלייבן נישט צעטיילט מיט די דורכגעלעבטע גרוילן ביז די שפּעטסטע יאָרן אין ירושלים, וווּ אין דער נישט אויסגעקויפֿטער דערלייזונג הערט נישט אויף צו שוועבן דער פּחד פֿון יענע טעג: „עס בלייבן בלויז די זכרים. זיי וועלן אַראָפּרייסן די הויט, ווי בלאַנעס פֿון פֿאַר די אויגן. און וואָס וועט זיין, אויב נאָר די זכרים וועלן בלייבן ז פֿאַרמשפּט וועלן מיר אייביק זיין אַ פֿאָלק פֿון טאַטעס.״ אַרויסברענגען אַזעלכע וויזיעס קאָן מען נאָר אין צושטאַנד, וואָס דערגייט ביז משוגעת. דאָס איז די משוגעת, וועלכע עס באַגערן אמתע קינסטלער און נעמען זי אויף ווי אַ גרויס חסד.

דב סדן —
„ארחות ושבילים", דרך האישים

ביי יעדן ניי־דערשינענעם בוך פון פראָפ. דב סדן איז שווער צו באַפרייען זיך פון דער באַוווּנדערונג פאַר דער פאַנטאַסטישער גאונות פון דאָזיקן שעפער, אין וועלכן עס זענען פאַראייניקט בקיאות און חריפות; פאַר זיין מערקווירדיקער קראַפט צו פאַרשמעלצןביידע מעטאַלן אין דער קונסט פון אַנאַליזירן, אָפּשאַצן און אויסדריקן און דאָס מאַכט אים פאַרן אינטערעסאַנטסטן עסייאיסט נישט בלויז פון אונדזער צייט, נאָר אויך פון די פריערדיקע צייטן.

אין דב סדנס עסיי איז פאַראַן אי פילאָזאָפיע, אי שטימונג, אָבער מיט אַן אייגענעם סטיל, וואָס איז נישט געבונדן צו קיין שום טראַדיציע פון דער וועלט־ליטעראַטור, אין וועלכער ער איז אַ בן־בית, פונקט ווי אין גמרא און מדרש און מען פילט זייערע זאַפטן אין אַלעם וואָס ער שרייבט. אַלע ברוגעמס זענען אָפן פאַר אים. ער האָט פאַר זיך אַ ברייטע וועלט פון יידיש און אייראָפּעאיש וויסן און אין דעם ים שווימט ער, לאָזט זיך אַראָפּ אין די טיפענישן און פאַנגט פערל.

דב סדנס ברייט און טיף וויסן, זיין פענאָמענאַלער זכרון און רייכער אינטע־לעקט, זענען גענוג אויף צו באַרעכטיקן די באַוווּנדערונג, אָבער נאָך גרעסער ווערט זי צוליב דעם טיף־מענטשלעכן, וואָס באַגלייט זיין גאונותדיק שרייבן. דאָס טיף־מענטשלעכע איז פאַראַן סיי אין זיין זאַמלען די מאַטעריאַלן וועגן העברע־אישע און יידישע דערציילער און דיכטער, פובליציסטן, דענקער, פאָרשער און געזעלשאַפטלעכע טוער, וועלכע זענען אים נאָענט צוליב זייער ערלעכקייט. די דאָזיקע מענטשלעכע נאָענטקייט פאַרווישט עס די מחיצה צווישן פאָרשטיין און איבערלעבן אין זיין צוגאַנג צום אָפּשאַצן מענטשן און ווערק, אין זיין ליבשאַפט צו יידיש פונקט ווי צו עברית. דאָס איז ביי אים נישט בלויז אַן ענין פון טעאָריע, נאָר פון אַ רייכער, פילפאַכיקער וועלט, וואָס ער טראָגט אין זיך, אָבער דערפאַר איז אונדז אַזוי שווער אַרומצונעמען זי אין אַ קורצער אַרבעט. וועגן דב סדן דאַרף מען שרייבן גרויסע אַרבעטן און ערשט דאַן דערפילט מען ווי אָרעם עס איז אונדזער פען צו געבן אַ פולע אָפּשאַצונג וועגן זיין שרייבערישער אַרבעט.

דערפאַר באַגנוגן איך זיך איצט מיטן בלויזן אָפּמערקן זיין ניי־דערשינענעם בוך „ארחות ושבילים", אַרויסגעגעבן דורך „עם עובד", וואָס נעמט אַרום פופציק דערציילער, דיכטער און דענקער, דער רוב העברעאישע, חוץ די צוויי דייטשע לעאָפּאָלד קאָמפּערט, רישאַרד בער־האָפמאַן און דער נאָרוועגישער דיכטער הענריק ווערגעלאַנד און אויך ביי זיי פאַלט דער טראָפּ אויף די יידישע מאָמענטן אין זייערע ווערק. דער אופן שרייבן איבער אַלע איז אַ סדנישער, אָבער דאָך פילט זיך אַן אַנדערשקייט בנוגע יעדן פון זיי. צו וועמען ער גייט צו מיט אַ מין „שיטה מקובצת", מיט באַוווּסטזיניקן אָנשטרענג אַריינצוברענגען אַ שטיקל סיסטעם אין אויבנאויפיקע און איבערלעכע ווידערשפּרוכן, הייבט אַרויס יעדן

קער־און־ווענד אין זייער שאַפן, אַנאַליזירט, באַוווּנדערט און ס׳טרעפט, אַז צו אַנדערע פּילט מען מער וואַרעמקייט, וואָס דערגייט ביז באַרוישן זיך מיט דער שיינקייט פון זייערע שאַפונגען, ביז פאַרגאַפט ווערן פון זייער פּערזענלעכקייט. אַזעלכע זענען די אַרבעטן איבער א. צ. גרינבערג, יוכבד בת־מרים, נתן אלתרמן, לאה גולדבערג, חיים הזז א. אַ.

עס טרעפט אויך, אַז אין זיין אָפּשאַצן פאַלט אַריין אַ טאָן פון איראָניע, אָבער זי איז אַזוי דין, אַז נאָר אַ פּילבאַר אויער קאָן עס דערהערן. וואָרום אויף ווערטער שמידן איז סדן אַ זעלטענער מייסטער און דער געדאַנק קומט אַרויס ביים אים געשליפן און פּאַלירט, געטאַקט און אויסגעטראָגן, אויסגעהאַמערט. נישט אומזיסט טראָגט ער דעם נאָמען: סדן! ער אַרבעט איבער זיין וואָרט ווי אויף זייער אייגענעם דור, נאָר פאַרמאָגן די געדויערדיקייט איבער דורות.

צו זיינע מעלות דאַרף מען אויך צורעכענען זיין יידישן אופן פון סינטעטיזם. אָפּט ווייזט זיך אונדז אויס ביים לייענען אים ווי זיין לאַבאָראַטאָריע פון סינטעט־זירן אַרבעט פאַר אונדזערע אויגן און אַרבעט מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז דאָס אויג קאָן קוים נאָכפאָלגן. דער מוח קאָן מיט מי נאָכהאַלטן די עסייאיסטישע האַר־מאָנישקייט אין געבוי פון זאַצן און ווערטער און דאָס קומט דאָך פון זיין הייסן ווילן אַרויסצוברענגען די פּערזענלעכקייט אין אַלע אירע עמאַנאַציעס. ער וויל, אַז אַלע אויסשטראַלונגען פון דער שעפערישער פּערזענלעכקייט זאָלן ווערן קאָנצענטרירט אין זיין אָפּשאַצונג ווי אַ גאַנצקייט און דערפאַר האָבן מיר ביים לייענען סדנען דאָס געפיל, אַז מיר ווערן רייכער מיט נייע אַנטפּלעקטע אוצרות.

ישעיהו אברך — פּרקי יותם

אין דעם פיין־דורכגעטראַכטן אַריינפיר צום בוך, אַן עסיי פון טיפער מחשבה, זאָגט דב סדן צוו. אַנד.: „יותם איז דערהויבן נישט נאָר צו דער הייך פון איינעם פון די בעסטע פּובליציסטן פון אונדזער צייט, נאָר אויך צו דער הייך פון די בעסטע אין אונדזער פּובליציסטיק מיט צוויי דורות פריער און ווי אַזעלכער וועט ער פאַרעכנט ווערן אין צוויי דורות נאָך אונדז”. דאָס מיינט, אַז אַדאַנק דער קונסט פון ישעיה אברכס שרייבן ווערן אויך די טעמעס, וועלכע ער באַהאַנדלט איבערצייטלעך און זייער אינהאַלט איז נישט באַגרענעצט בלויז אויף זייער אייגענעם דור, נאָר פאַרמאָגן די געדויערדיקייט איבער דורות.

די ווערטער פון פּראָפ. דב סדן זענען נישט בלויז באַרעכטיקטע התפעלות און באַוווּנדערונג פאַר די אַרבעטן פון ישעיה אברך. זיי זענען קודם כל אַ פונדאַמענטאַלע פעסטשטעלונג, וואָס קומט פון אַן אויטאָריטעט נאָכן באַקענען און אַנאַליזירן די אַרבעטן, דעם וועג און סטיל פון זיין שרייבן, אין וועלכן עס שפּיגלט זיך אָפּ דער מהות פון זיין פּערזענלעכקייט. צוזאַמען מיטן כוח פון קריטישן אַנאַליז טראָגט אברכס שרייבן אויך דעם „כתונת פסים” פון פּאָעטיש געמיט און לירישן אויסדרוק, וואָס דערפירט זיין פּובליציסטיק צו דער מדרגה

פון קונסט, איז אין דער בחינה פון עסייאיסטיק, ווען דער שרייבער ווערט געטריבן פונעם „קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו" איבערצוגעבן זיין זעאונג אין דער עפנטלעכקייט. דאָס איז דער שעפערישער בעל־כרחא, וואָס זיצט אין אים און איז, בלי ספק, דער אָנהויב פון זיין קינסטלערישקייט.

עס פעלן נישט ביי אונדז קיין טאַלאַנטירטע פּובליציסטן, וואָס נעמען שטעלונג צו געזעלשאַפטלעכע ענינים און מען לייענט זיי מיט אינטערעס, אָבער מערסטנס בלייבן זיי אין די ראַמען פון אַקטועלער זשורנאַליסטיק, וואָס פאַרלירט זיך מיטן אַוועקגעגאַנגענעם טאָג. דאָס איז דערפאַר ווייל עס פעלט זיי די זעאונג און עס איז נישטאָ אין זיי דער נביאישער מוז, דער מאָראַלישער דיבוק פון מוזן זאָגן און מוזן שרייבן, וואָס גיט מאָראַלישן כוח דעם געזאָגטן און געשריבענעם וואָרט. י. אברכס פּובליציסטיק ווירקט מיטן ריטם פון מאָראַלישן אויפברויז און די עיקר־עלעמענטן פון איר מאָראַלישן כוח זענען די געדאַנקלעכע גע־וואַגטקייט און די אינטים־יידישע וואַרעמקייט. זיין טראַכטעניש שפּאַנט אַריבער איבער אַלע אידעאָלאָגיעס, פּאַרטייאישע פּראָגראַמען און איזמען. זיין מאָראַלישער און עסטעטישער באַגאַזש איז צו גרויס, אַז ער זאָל זיך לאָזן אַריינגעמען אין שטאַמפּן, אָדער גיין אין טשערעדע פון מחשבה און רגש. דערפאַר איז אַזוי פּערזענלעך זיין פילבאַרקייט צו אַלעם וואָס האָט אַ שייכות צו יידן אין ראַטנ־פאַרבאַנד און זיין אויער פאַרנעמט די ווייטע קולות מן הדממה. אַזוי פּערזענלעך ברויזט זיין פּראָטעסט קעגן יעדן פאַרגעסן וואָס די דייטשע עמלקים האָבן אָפּגעטאָן דעם יידישן פאָלק. אַזוי זינגט אין אים ממעמקימדיק פאַרן קיבוץ און זיינע מענטשן, וואָס „גיבן זייער מי נאָר פאַר די וואָרצלען פון קיום און נישט פאַר זיינע פּוסטע אָפּצווייגן — — אַזוי ווי אַ סך קערנדיקע זאַכן אין דער מאָראַלישער לערע פון דער וועלט וועלן נאָך לאַנגע צייטן גיין אויפן חשבון פונעם פאָלק, וואָס מיר זענען זיינע איבערבלייבענישן, אַזוי איז אויך נישטאָ קיין ספק, אַז דער געזעלשאַפטלעכער מוסטער פונעם קיבוץ אין אונדזער צייט וועט מיט זיינע נאָבעלע סימבאָלן פון פאָלק פאַרבלייבן ביז אין די שפּעטסטע צייטן".

ישעיהו אברכס מאמרים זענען געשריבן אויף דער הייסער מינוט, אין אַ הייסער אַטמאָספער פון וויכוח און פּאָליטישער דיאַלעקטיק, אָבער דער אויפברויז ווערט געמילדערט נישט בלויז דורך פּעדאַנטישער פּרעציזקייט פון שפּראַך און סטיל, נאָר אויך דורכן גלייכגעוויכטיקן גלויבן אין מענטש, אין פאָלק. בכלל זענען אפילו זיינע שאַרפע פּאָלעמיקן אַרויסגעבערענגט בניחותא. מעגלעך, אַז דווקא אַזאַ מענטש, וואָס איז אין תוך אַ מילדער און גוטמוטיקער, האָט רעכט צו אַזאַ בריענדיקער פּען ווי אברך, הינטער וועמענס קריטיק עס שטייט תמיד די זויבערע כוונה פון קאַמף קעגן לעבנס־פעלשונג און עוולות, קעגן מאַנגל פון געשמאַק, קעגן מאַנגל פון אידעאישן ערנסט און קיינמאָל נישט קיין פּניה עמעצן צו דערנידעריקן און נישט זיך אַליין צו דערהויבן.

אין הינזיכט פון אַרכיטעקטאָניק, פון געדאַנקלעכער קלאָרקייט און איבער־צייגונגס־קראַפט געהערן צו די בעסטע אַרבעטן די דרייצן קאַפּיטלעך „יידישע טראַכטענישן" וועגן קיסינדזשערן, וועגן קאָמפּליצירטן פּסיכאָלאָגישן פּלאָנטער

פון אַ ייד, וואָס ווערט מיטאַמאָל אויפגעהויבן צום שפּיץ פון אַן אינטערנאַציאָ־נאַלער פּאָזיציע, זיין נאָמען ווערט באַרימט איבער גאָר דער וועלט, פון פעקין ביז קאַיר און קען נישט, וואָרשיינלעך, אָפּשליסן זיך אין קרייז פון זיין קליינעם פאָלק, ער איז איבער־נאַציאָנאַל. ער, וואָס פירט אַן מיטן ערד־קיילעך אָדער פּרוּווט איינפירן אויף אים אָרדענונג, פון אַן אוניווערסאַלן, כמעט קאָסמישן קוק־ווינקל, קען נישט זיין צוגעבונדן צו זיין אָפּשטאַם פון אַ קליין פּראָווינציעל פאָלק. אבֿרך שטעלט אים אַקעגן, נישט דון יצחק אברבנאל, נאָר אַן אַנדערן אַמעריקאַנער ייד, אַרטור גאָלדבערג, וועלכער האָט טאַקע געמוזט אַוועקגיין. אפשר איז טאַקע דאָס דערגיין צום שפּיץ מחייב עקסקלוזיוון צופּאַסן זיך צו זיין אַרום און לאָזט נישט איבער אין הארצן קיין אָרט פאַרן אייגענעם פאָלק, פאַר זיינע וווּטיקן און גראַנגל פאַר עקזיסטענץ. „דאָס איז נישט — זאָגט אונדז אבֿרך — קיין גריכישע דראַמע, ווי קיסינדזשער וויל זי פאָרמולירן, נאָר אַ קאָמפּליצירטע יידישע דראַמע". יעדנפאַלס וויל ער אין אים גיכער זען עפּעס פון דון יצחק אברבנאל איידער פון ברונאָ קרייסקי און ער קומט דערצו דורך אַריינקוקן מיט אַ סיף־דיכטעריש אויג אין די נשמה־פּאַרבאָרגענישן און מיט זייער דינער און איבערצייגנדיקער געדאַנק־ניואַנסירונג און צוגאָב פון לירישער אַטמאָספער. אין די ביטערע רייד איז פאַראַן דער פיינפולער קריטישער ווילן אויפצוהיטן דאָס אמת־מענטשלעכע קעגן קאָנווענציאָנעלער צביעות.

דאָס זענען נאָר עטלעכע פּונעם רייכן פּעכער טעמעס אין דאָזיקן בוך און איך בין בלויז אויסן אָנצווייזן אויף זיי ווי מוסטערן פון פּובליציסטיק מיטן סאַמע אינטעגראַלסטן יידישן געדאַנק און געמיט. איך מוז זיין שפּאָרעוודיק מיטן באַרירן די גרויסע צאָל אַרבעטן אין דעם איבער פיר הונדערט־זייטיקן בוך, וואָס פאַרכאַפּן מיט זייער געדאַנקלעכער חריפות. די ראָם פון אַ קורצן עסיי איז צו ענג אַרויסצוברענגען די גייסטיקע עשירות פון י. אבֿרכס פּובליציסטיק. איך וואָלט געדאַרפט רעדן וועגן די מיט צער און סובטעלקייט געשריבענע אַרבעטן, וואָס גייען אַריין אין אָפּטייל „חכמת ישראל 1970"; וועגן די אינטערעסאַנטע רייזע־איינדרוקן „פּרקי דרך"; איבערן וויכוח צווישן ד"ר יעקב הערצאָג און ענגלישן פילאָזאָף אַרנאָלד טוינבי. עס איז דאָרט געדאַנקלעך און עמאָציאָנעל ליכטיק פון אָנהייב ביזן סוף און די ליכטיקייט איז אַ באַשטענ־דיקע און גלייכמעסיקע. ער איז דאָ נישט בלויז דעבאַטאַנט, פּובליציסטישער אָפּוועגדער פון פרעמדע אידעען. פּובליציסטיק ווערט דאָ אַ צו־באַשיידענער טערמין, וואָרום אַ סך אַרבעטן זענען גוט־דורכגעטראַכטע עסייען און ווי אַן עסייאיסט איז ער אויך עקספּלאָדירער פון זיין אייגן געמיט. עס איז אין זיי דאָ עסייאיסטישער אַראָמאַט, עסייאיסטישער ניגון, וואָס דערגענטערט דאָס געשרי־בענע צום געמיט פונעם לייענער, ברענגט אים אַריין אין שטימונג, ווי ער וואָלט זיך מיטגעראַנגלט אין די גרויסע געראַנגלען. עס איז פאַראַן אין זיי אַ האַר־מאָנישקייט פון יחידישער און כללישער איבערלעבעניש, פון פרייעם געדאַנק, אָן עול פון כלל געבאָטן, אָן מורא פאַרן העכערן טאָן פון מחשבה און פאַר טאָפּלטער מאָס און וואָג פון וואָרט. די וואָג פון זיין שפּראַך קומט נישט דורך

אַן אָנגלאָדונג פון דרויסן. עס וועגט דער טאָן און די פאַרב פון די ווערטער. עס וועגט די אײדעלע פאַרחלומטקייט, דער צער און דער שמייכל פון די ווערטער, איבער וועלכע עס שפּרייט זיך אַן אַ שיעור שײַנקייט און אַזוי בויערן זיי זיך אַרײַן אין זכרון, דערגייען צו דער מענטשהייטס אייביקייט פון זכרון אויף וויפל זי איז פאַראַן און אויף וויפל זי געדויערט.

יצחק אורפּז —
עיר שאין בה מסתור

דער צענטראַלער מאָטיוו אין יצחק אורפּזס דערציילונגען איז עלנט. דער אויסגעאַנגלאָזער עלנט פון מענטש אין דער גרויסער שטאָט, אומענדלעך וואַריִירט, מיטן שטראָם פון געפיל־ענדערונגען, פון גראָטעסקע וועלט־ און זעלבסט־באַטראַכטונגען, מאָמענטאַלע אויפלויכטונגען, כאַאָטישע פּערצעפּיעס, אָבער רעגולירט דורך אַ פּולקאָם־אָריענטירטן שרײַבערישן חוש. אמת, מען זעט דײַטלעך אין אורפּזס שרײַבן די השפּעה פון פּסיכאָאַנאַליז, אָבער ער נוצט עס ווי אַ שפּרינגברעט, פון וועלכן ער שפּרינגט אַרײַן אין סאַמע געדיכטן פון טאָג־טעגלעכע פּאַסירונגען און מיט קאָנקרעטע מיטלען ברענגט ער אַרויס דאָס אומ־באַוווסטע, די פאַרבאָרגענע פּייערלעך, וואָס צאַפּלען אין פאַרפּיקסירטע כימערעס פון וואַנזיניקן מאַרך, און דאָס אַלץ אין דימענסיעס פון אָביעקטיוויזאַציע, פון אוניווערסאַלקייט און גלײַכצײַטיק — מאַגישע אָנוועזנקייט אפילו פון די נישט רעאַלע געשטאַלטן.

נישט רעאַל זענען די געשטאַלטן גאַנץ אָפט צוליבן איבערטרײַבן ביים שילדערן זיי מיט רעאַליסטישע פּרטים. מענטשן און מוראַשקעס נעמען וואַקסן ביז זיי פאַרלירן די פּראָפּאָרץ. שאַפט זיך אין די נאָוועלן דער געמיש פון פאַנ־טאַסטיק און רעאַליזם אין איין און דער זעלבער געשטאַלט און דאָס קומט קודם כל פון אורפּזס טאַלאַנט צו זען און צו פילן די דינסטע ניואַנסן אין מענטש, ווען ער זינקט אין פינצטערניש, אין זומפּ און אין אָפּפאַל — אין אונטערבאַ־וווסטזײַן.

מען דאַרף אָפּן זאָגן: אורפּזס דערציילונגען זענען נישט פאַר די, וואָס זוכן שפּאַנונג אינעם סיפור המעשה. די נאָוועלן פאַרמאָגן אַ מינימום האַנדלונג און דערציילערישקייט. אין פּרט פון ממשותדיקן סיפור המעשה האַלט זיך אין זיי אַלץ אויף אַ דין־דינער „האָר”, וואָס עס שטעלט זיך דער עיקר אָפּ פון די דאָזיקע זאַכן, איז דער אײַנדרוק פון סימבאָליק און שטראָמען פון באַוווסטזײַן, וואָס רײַסן זיך דורך כדי צו דערפילן דאָס טרויעריקע און פאַרלוירענע אַרומ־דרייען זיך אין דער קאַלטער און פרעמדער וועלט. די ביטול־באַציאונג צו דער רײַפער ווירקלעכקייט איז צומשטאַרקסטן אין דער דערציילונג, וואָס טראָגט דעם

נאָמען „עיר שאין בה מסתור". דאָס איז אַ נייע ישׂראלדיקע שטאָט, אויף דער גרענעץ פון מדבר, נישט ווייט פון ים המלח, ווו דער הויפּט־העלד, דער נאַראַטאָר, באַגעגנט אַ קליין מיידל, מיט אַ שמאָל דורכזיכטיק פּנים און נזירישן אויסדרוק, מיטן נאָמען ענת. ער רופט זיך גומר און זאָגט, אַז דאָס איז נישט זיין אמתער נאָמען. אין דער מדבר־שטאָט איז ער געקומען, ווייל ער איז אַנטלאָפן פון ווייב. עס איז אים נישט געגאַנגען, איין דורכפאַל נאָכן אַנדערן. דאָ, אין דער נייער מדבר־שטאָט, מיינט ער אָוועקצושטעלן זיך אַרבעטן איבער זיין לעבנסווערק. ער לעבט מיט דער קליינינקער פּרוי ענת, וואָס עסט אַן אַ שיעור און וואַקסט, וואַקסט. אַזוי וואַקסט אויך די מוראַשקע אין זיין דערציילונג „נמלים". אין פינאַל פון דער דערציילונג ווערט דער נאַראַטאָר איינגעשלונגען אין די געדערים פון דער פרוי, וועלכע איז זיך שוין אַזוי צעוואַקסן, אַז זי פאַרפילט דאָס גאַנצע צימער און ווערט אויפגעפרעסן דורך דער מאָסע קליינינקע באַשעפענישן אין איר בויך. דאָס אַלץ ווערט באַשריבן מיט שרייבערישער צודרינגלעכקייט און פסיכאָאַנאַליטישער דורכדרינגלעכקייט. זי נעמט אים אַרום מיט אירע גרויסע וואַרעמע אָרעמס. איר קערפּער — אין קאָנוולסיווע קראַמפּן פון הונגער און סעקסועלער ליידנשאַפט גלייכצייטיק. ביידע קומען כדי אויפצופרעסן דעם מאַן און שפּייזן די „יונגע וועלט", וואָס וועבט זיך אין איר קערפּער. די פרוי איז קאַריקאַטורעל און געשפּענסטיק גלייכצייטיק. זי, די שוואַכע, דער קרבן, צעברעכט לסוף דעם שטאַרקן מאַן. אַזוי ווערן זיי צעקרישלט און פאַרקריפּלט, לסוף אויך איינגעשלונגען אין זייערע קרבנות. אַ סאַרקאַסטישער קידער־ווידער, אַ שטעכיקער מאַניער צו פירן דעם נאַראַטיוו מיט אַנטי־רעאַליסטישן צו־להכעיס, ווי ער זאָל דאָ זיין דורכאויס אַ זייטיקער, בלויז אַ צושויער פון דער מענטש־לעכער קאָמעדיע.

די איינצלהייטן, די אויספירלעכקייט, די דעטאַלן, מיט וועלכע יצחק אורפּז בויט זיינע אומרעאַלע העלדן, זענען אַמאָל ווייניקער, אַמאָל מער באַגלויבלעך, אָבער נאָכן פאַרענדיקן לייענען די דערציילונג קאָן מען זיך נישט באַפרייען פונעם איינדרוק, אַז מען האָט דאָ צו טון נישט אַזוי מיט לעבעדיקע מענטשן, ווי מיט סינטעטישע געשטאַלטן, וועמענס פונקציע איז צו אילוסטרירן אורפּזס אַ פאַראַלגעמיינערטע קאָנצעפּציע וועגן מענטש און וועלט.

פּסיכאָלאָגיע ווי פּסיכאָאַנאַליז און קריטיק, האָבן נאָך ביז איצט נישט פעסטגעשטעלט אַזאַ פּערפעקטע פאָרמול, מיט וועלכער מען זאָל קאָנען אַרויס־נעמען אָדער אפיקסירן די גרענעצן פון באַוווסטזיין, אונטערבאַוווסטזיין און איבערבאַוווסטזיין אין קינסטלערישן שאַפן. פון אורפּזס נאָוועלן קען מען זיך משער זיין, אַז איינס מאַדיפיצירט דאָס אַנדערע, אָבער דער דירעקטער שאַפער איז דער אונטערבאַוווסטזיין. אין צושטאַנד פון כמר־חלום, וואָס איז אַזוי ענלעך צו דער קינסטלערישער וועלט פון אינספּיראַציע, אַנטדעקט דער מענטש זיין אינטימסטן און מערסטנס אונטערדריקטן „איך", וואָס אורפּז ברענגט אַרויס אויף אַ גאָר ראַפינירטן אופן, אַזוי אַז עס שאַפט זיך דער איינדרוק פון אַ סאַטירע, אָבער אינדעראמתן איז עס די דראַמע פון דער מאָדערנער צייט און

פון אַלע צייטן. דער מענטש איז נישט אימשטאַנד צו באַהערשן די דעמאָנען, וואָס רייסן זיך פון אים און פאַרקערפּערן זיך אין די קליינע באַשעפענישן.

די געשטאַלט פון בתיה, די גרויסע פרוי און אירע באַציאונגען מיט יוחי דייטן אָן אויף די שפּורן פון קאָלעקטיוון אומבאַוווּסטזיין. יוחי האָט מורא פאַר בתיהס ווייבלעך־בהמהשע לעבנס־כּחות און דאָך ציט עס אים צו איר, צו איר ווייבלעכקייט און מוטערלעכקייט. בתיה איז רעאַלער פון ענת, איז מער בשר ודם, רירנדיקער. מיט געפּיל פאַר גערעכטיקייט, מיט אינטערעסן, און דאָך איז זי פול מיט איבערערדישקייט, מאַגיק, שפּיל פון באַפליגלטער פאַנטאַזיע און אַוואַנטוריסטישער איבערלעבעניש. און פונקט ווי די אַנדערע רופט זי אויך אַרויס געוואַלטיקן אומרו.

דער צימצום אין אורפּזס שילדערן, באַזונדערס אין די נאָוועלן פון דער מאָדערניסטישער תקופה, ווי „ציד הצביה", „שבחי האדון", רופט אַמאָל אַרויס דעם אויבערפלעכלעכן איינדרוק פון סכעמאַטישקייט, אינדעראמתן אָבער בויט אורפּז אפילו דאָס פאַנטאַסטישע אויף שאַרפע אָבסערוואַציעס און די אימאַזשן זענען אינטואיטיוו געמאָסטן און געוווגן. די פּרעציזקייט פון דער שפּראַך, דער רעזומיר־כּוח פון די זאַצן און בילדער, די געשליפנקייט און די דורכזיכטיקייט פון וואָרט און פראַזע זענען באַווייזן פונעם שרייבערס אחריות אין זיין שאַפן. עס ווייעט אויף אונדז דער אָטעם פון קאָנצענטרירטן אכזריותדיקן אמת און גראָבט זיך איין אין אונדז מיט דער צודרינגלעכקייט פון טראַגעדיע־אָנזאָג, פון וועלכן מיר קענען זיך נישט באַפרייען אפילו ווען די אַטמאָספער זעט אויס צו זיין דערהויבן און אידיליש.

„שלוש נובלות"

די דריי נאָוועלן פון יצחק אורפּז שטעלן מיט זיך פאַר אַ מין אייגנאַרטיקע טרילאָגיע, אין וועלכער דער הויפּט־העלד איז אַן אויספאַנטאַזירטער דריטער פאַקטאָר, וואָס צעשטערט דאָס רואיקע און אידילישע אין דער וועלט פון שפע, צופרידנקייט און איבערפולטקייט, אינעם האַרמאָנישן צוזאַמענלעבן פון אַ פּאָרל. אין יעדער נאָוועלע חזרט זיך איבער דער מאָטיוו פונעם פרעמדן פאַקטאָר, וואָס רייסט זיך אַריין אין דער אילוזאָרישער האַרמאָניע, רופט אַרויס אַלדאָס צעשטע־רערישע, וואָס ליגט באַהאַלטן און לויערט אויפן מאָמענט פון באַפרייאונג... ווי דערציילונגען אין פולן זין פון וואָרט פאַרמאָגן זיי ווייניק וואָג, אָבער ביי אורפּזן איז נישט דער עיקר די וואָג, נאָר דאָס קאָשמאַרהאַפטיקע, נישט דאָס רעאַליסטישע אויף דער אויבערפלאַך, נישט דאָס פרידלעכע און איינגעשטעלטע, נאָר דווקא דאָס עפּיזאָדישע, וואָס קומט ווי אַן אַנלויפנדיקער וואָלקן און פאַר־כמורעט דעם הימל, פאַרשאָטנט דאָס רעאַלע, לאָזט עס ווערן פאַרשלונגען פונעם פאַנטאַסטישן, וואָס ליגט אויף יענער זייט פון ראַציאָנעלער דערקענטעניש.

יצחק אורפּז האָט פאַר די אויגן געזען דעם גורל פון די מענטשן און זאַכן וועגן וועלכע ער דערציילט, און אינעם גורל איז תמיד פאַראַן עפּעס וואָס איז

איראַציאָנעל און מיסטיש. אין דער ערשטער נאָוועלע „מדרגה צרה" איז דאָס גורלדיקע אינעם אַריינקומען פונעם דריטן פאַקטאָר דעפּאַרמאַטיוו און דעמאָניש. די אַטמאָספער ווערט אָנגעלאָדן מיט פאַרדאַכטן, אַנגסטן און קאַשמאַרן. די קלעפּ פונעם האַמער וועקן אויף אומרו, זאָגן אָן דעם אָנקום פונעם מאָנסטרום, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אַראָפּצוואַרפן די פרוי שטורץ פון די טרעפּ; אַ געדאַנק, וואָס עקבערט שוין לאַנג די מוחות פונעם פאַרפאַלק, רייסט זיך פון אונטערבאַוווסטזיין אויפצולייזן אין דער העסלעכער צעשטערערישקייט, וואָס דער מאָנסטרום מיטן נאָמען סבי באַפרייט אין זיי; אַנטפּלעקט זיי דעם תענוג פון ברוטאַליטעט, פון יסורים, קעגן וועלכע דאָס פריערדיקע אידילישע צוזאַמענלעבן איז אַן טעם, לאַנגווייליק. דער דריטער איז דער היפך פון נאָרמאַליטעט, פון אַלע אָנגענומענע באַגריפן וועגן מאָראַל און עסטעטיק. ער איז די פאַרקערפּערונג פון מיאוסקייט און דווקא דערפאַר האָט ער דעם כוח אַריינצורייסן זיך אין זייער אָפּגעשלאָסנקייט, אין בשותפותדיקן בעט. זיין דעגענערירטקייט דערפירט זיי ביז רעליגיעזן עקסטאַז. ירוחמען נעמט עקבערן אַ בושה פאַר זיין נאָרמאַלקייט. ער זעט מיריס עראָטישע הנאה ביים פאַרנעמען זיך מיטן קריפּל, מיט זיינע אייטערדיקע פיס. ביידע פאַלן אַריין אין געצנדינערישן עקסטאַז אין אָנבליק פונעם נישט־פאַרמולירטן אָביעקט, וואָס האָט זיך אָפּגעקרישלט פון דער פרוי שטורצס פאַנטאָפל, ווען זי האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פונעם „שמאָלן טרעפּל". דאָס איז אויך דער סימבאָלישער נאָמען פון דער נאָוועלע. דאָס אָפּגעקרישלטע שטיק ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פעטיש, אַרום וועלכן עס קומט פאַר אַ צערעמאָניאַל מיט אָנגעצונדענע ליכט.

פאַראַן עפּעס טראַגיש, נישט־אויפגעלייזטס אין אורפּזס נאָוועלן, דורכגענומען מיט דעם, וואָס עקזיסטענציאַליסטן רופן לעבנס־אַנגסט. אָנמאַכט און פאַרלוירנקייט וויינען און שרייען, נישט נאָר מעטאַפאָריש, סיי הינטערן שאַרפזיניק סאַטירישן אין „מדרגה צרה" און סיי הינטער די פּאַטעטישע חלומות אין די אַנדערע נאָוועלן, אין וועלכע דער צוזאַמענשטויס צווישן אידילישן און גורלדיקן נעמט אָן נאָך שאַרפערע פאָרמען. תמיד קומט אַרויס דאָס דעמאָנישע קרעפּטיקער פונעם מלאכישן, ווי ער וואָלט, פיגוראַטיוו גערעדט, געזוכט דעם משחית אויך אינעם מלאך און ווען ער דערווישט אים פאַלט ער אַריין אין פאַרשיכורנדיקן עקסטאַז, ווי ער וואָלט דערגרייכט צו עפּעס אַ מקור־פלאָם.

ירוחם פאַרנעמט זיך מיט רעדאַגירן יזכור־ביכער צום אָנדענק פון די חרוב געוואָרענע יידישע קהילות, אָבער אַזוי לאַנג ווי אַלץ גייט נאָרמאַל איז ער גלייכגילטיק צום מאַטעריאַל. ער ווערט אויפגערודערט ביים בילד פון אַ גרופּע יידן, איבער וועלכע דער קאָמאַנדיר פון טויטן־לאַגער האָט זיך איזדעקעוועט, געצוווּנגען צו קניען פאַר אַ מויז און אָנערקענען זיין געטלעכקייט. ירוחם זעט אין זייערע אויגן אַ שטראַל פון רעליגיעזער התלהבות, וואָס האָט זיך גענומען פון די יסורים. דעם דאָזיקן בילד שטעלט ער אָקעגן אַן אַנדערס, וואָס ווייזט מענטשן פון לאַגער אין מאָמענט פון זייער באַפרייאונג, אָבער פון זייערע אויגן קוקט אַרויס אַ פּוסטקייט. עס נעמט זיך אויסווייזן, אַז דאָס איז די אַקס פון דער גאַנצער דערציילונג: דאָס רעטעניש פון אומקום, דער מהות פון יסורים, די

זעלבסטפאַרניכטונג און דאָס געמיינזאַמע פון רוצח און זיין קרבן. ביידנס באַהאַלטענע קאָנוולסיעס, זייער באַין־ברירהדיק אונטערוואַרפן זיך דעם פּאַרייס־באַשטימטן גזר־דין פון פאַרברעכן און ליידן. אין זיי איז דאָ זין און תּכלית, אפילו קדושה, אין קעגנזאַץ צו דער פּוסטער אידיליע, רו און שפע, וואָס לאַנג־ווייליקט און טעמפּט אָפּ די פילבאַרקייט, ציט אַראָפּ צו ערדישקייט און אין לעצטן סך־הכל צו אויסזיכטלאָזן יאוש.

סבי איז אַן אַ־רעאַל באַשעפעניש אין זיין פיזישער און גייסטיקער העס־לעכקייט, אָבער ווערט דורכן שרייבער געהילט אין אַן אַרעאַל. דאָס ליכט, וואָס שיינט פון זיין פּנים צעהעלט נישט בלויז די גרינקייט פון זיינע אויגן, נאָר אויך דאָס געמיט פון ירוחם און מרי ביים וואַשן זיינע פיס, גיט זיי דאָס געפיל פון דערהויבנקייט, ווי ביי סיגופים פון נזירים. די יסורים לייטערן און ווערן אַ סטימול פאַר אינעווייניקסטער פרייד, באַשיצן אים קעגן רעזיגנאַציע און פּאַסיוויטעט, קעגן לעבן אַן אייגענעם ווילן אין דערוואַרטונג אויף עפּעס אַ סטרא־אחראדיקן כּוח, וואָס זאָל קומען אויסלייזן פון דער אַפּאַטיע און ווילנ־לאָזיקייט.

יסורים ווערן אנשויאונג, אמונה, אַנהאַלט אינעם לעבן, וואָס איז פול מיט אינערלעכע קאָנפליקטן און געפאַלנקייט. אורפּז איילט זיך די געפאַלנקייט צו סובלימירן אין טראַגיש־קלאונישער וויטאַליטעט. עס קומען אויף בילדער נישט פון וואָר, נאָר פון פאַרוואַנדלונג. איבערלעבענישן, אינצידענטן ווערן סטיליזירט, פאַרשלייערט, פּונקט ווי די פאַרשוינען און די סטיליזירטקייט איז נישט קיין פאָרמאַליסטישע, קיין קאַלט־ווירטואָזישע, ווייל זי ווערט דורכגעדרונגען מיטן עקסטאַטישן געמיט און די בילדער ווערן עמאָציאָנעל, עכט, אינספּירירט פון קינסטלערישער פאַנטאַזיע.

אמת, אורפּז לאָזט זיך נישט בינדן פון קאָנווענצן,לאָזט פריי דעם כּוח הדמיון, אָבער קינסטלערישע פאַנטאַזיע מיינט אין לעצטן סך הכל אַנטוויקלטן חוש פאַר ערד, פאַר קאָנקרעטן געשען און אינעם אופן פון שילדערן איז ער אַ רעאַליסט, מיט אַ שאַרף אויג פאַר רעאַליטעטן, אינערלעכע און דרויסנדיקע, וואָס דערגייען טאַקע ביז סימבאָלן, אָבער דערביי איז יעדער דעטאַל און וועגד בילדלעך און כאַראַקטעריסטיש פאַרן דרויסנדיקן און אינעווייניקסטן געשען. די געשטאַלטן, ווי שאַרזשירט, קאַריקאַטוריסטיש און גראָטעסק זיי זאָלן נישט זיין, צייכענען זיי זיך אויס נישט אַזוי ווייט מיט זייער לעבעדיקייט ווי מיט אַ מין טעאַטראַלער וויטאַליטעט און אַדאַנק דעם אַנטדעקט ער אין זיי נייע פאַרבאָר־גענע אייגנשאַפטן, פאַרשאַרפטע עמפּינדלעכקייטן, עקזאַלטירטע חלומות און סודות אין דער אַנדערער זייט פון דערווירקלעכקייט, אין וועלכער זעלטן ווער עס וויל אַריינקוקן, אָבער זיי הערן נישט אויף צו פייניקן און רופן.

„מסע דניאל"

אַ דערציילונג, וווּ עס ווערט צו־שטאַרק בולט דער מאָמענט פון באַוווּסט־זיניקער מייסטערשאַפט, פון סטיליסטישער אויסגערעכנטקייט, פון קינסטלערישער קאָנטראָל און דיסציפּלין, רופט זי אַרויס דעם געדאַנק, אַז דער שרייבער האָט

שטאַרק מורא געהאַט פאַר דער טעמע, פאַר איר הויכער שפּאַנונג, וואָס דער שרייבער דאַרף איבערשטייגן און נישט פאַרלאָזן זיך דערויף, אַז די טעמע אַליין זאָל אים אויסטראָגן אויף אירע פּלייצעס, מיט איר הויכן געשריי, מיט איר ליידנשאַפטלעכער אַקטועלקייט, מיט איר צערטלעכקייט. דורך דער מייסטערשאַפט באַמיט ער זיך אָפּצורוקן פון זיך די רויע געשעענישן, וואָס זענען אַקטועל, אַזוי פיינלעך נאָענט, אַז אָט־אָט און ער בלייבט שטיין ביים ראַנד פון ווירוואַר, פון היסטעריע.

דאָס דאָזיקע באַהערשן זיך, דאָס גיין קעגן שטראָם פון הייסע געפילן, זעט מען אויך אין ניי־דערשינענעם בוך „מסע דניאל" פון יצחק אורפּז. ווען מען לייענט די דערציילונג פילט מען, אַז איידער אורפּז האָט זי גענומען שרייבן, האָט ער פריער אַ סך נאָכגעטראַכט איבער זיין יונגן העלד, דניאל, וואָס איז ערשט צוריקגעקומען פון דער זעקס־טאָגיקער מלחמה און קען זיך נישט געפינען, קען נישט אַרויס פון דער גרויל־מאַגיק, וואָס איז געבליבן אין אים און אַרום אים. דאָס פּנים פונעם מצרי, וואָס ער האָט דערהרגעט אין גאַנג פון די שלאַכטן, פאַרפאָלגט אים טאָג און נאַכט ווי אַ קאָשמאַר. דאָס איז אָבער נישט נאָר אַ דערמאָנונג וועגן עפּעס, וואָס איז געווען, נאָר איז אַ דירעקטע איבערלע־בונג, אין וועלכער דער מחבר זעט אַן אַבסאָלוטע, ממש מיסטישע און מעטאַפי־זישע ווערט, איז אַ פאַקטאָר, וואָס קערעוועט מיט די טראַכטענישן און טואונגען, אַנטוישונגען און פאַנטאַסטישן אופן פון זען זאַכן.

דער קערפּער פונעם מצרישן זעלנער, וועלכן ער אַליין האָט דערהרגעט, זיין פּנים האָט זיך איינגעשניטן אין דניאלס איינגעווייד, ווי אַן אָנגעגליטע שפּיז. דאָס פּנים פונעם דערהרגעטן מצרי פּרוּווט זיך מיטן פּנים פון דניאלס פאַרשווּנדענעם פאָטער, אַ הויכער אָפיציר אין צה"ל, וואָס האָט דערצויגן זיין זון, ער זאָל גלויבן, אַז דאָס גאַנצע לאַנד איז זיינס, אַז די זון איז אַלעמענס. שפּעטער האָט ער אַליין אויך געגלויבט; אויפן דאַך געוואַרט אויף זיין שטערן, בעטן ביי אים, עס זאָל מקויים־ווערן זיין פאַרלאַנג, וואָס ער וויל זיין, ווען ער וועט אויסוואַקסן, ווערן גרויס; געוואַרט, אַז דער שטערן זאָל אים מאַכן סימנים, זאָל רעדן צו אים. „ווען ער וואָלט צו מיר גערעדט, וואָלט איך זיכער געפונען די ווערטער". דאָס פּנים פונעם געהרגעטן מצרי ווי פונעם פאָטער, ביי וועלכן עס זענען צעעשטערט געוואָרן די מאָראַלישע ווערטן און ער איז אַוועק פון שטוב, „אין די זאַמדן" — סטימולירט זיין פאַנטאַזיע, לאָזט פאַר זיינע אויגן אויפגיין די בילדער פון מענטשלעכן וויי און עלנט, אַריינקוקן אין פּנים דער סאַמע גרויליקסטער וואָר און מיט אומברחמנותדיקער אָפנקייט, אפילו גרויזאַמקייט, באַציִען זיך צו דער מוטער אין קעגנוואַרט פון איר געליבטן. דער אָנהויב איז דאָ דאָס גרויסע געפיל פון מענטשלעכן מיטלייד. די פּסיכאָלאָגיע, אָדער פּאַטאָ־לאָגיע, ווייסט פון דעם ווי אַזוי מיטלייד, רחמנות קען איבערגיין אין סאַדיזם, קען טרייבן צו די ווילדסטע פאַרמען פון משוגעת. דניאל פּרוּווט זיך ראַטעווען מיט שפּילן שגעון אין שטוב פון דער פאַרצווייפלטער מוטער. לסוף גייט דניאל אַוועק פון שטוב, בויט זיך אויף אַ געצעלט אויפן ברעג ים, נעבן דער רידינג־דאַמבע. פאַראַן אין דעם אַ מיסטיש זוכן דעם גייסט פון פאַרשווּנדענעם פאָטער.

אין דראַנג צום ברוטאַלן, נאָקעטן אמת אַנטלויפֿט ער צו דער אילוזיע, וואָס דאַרף אים העלפֿן זיך אויסלייזן פֿון זיך אַליין.

אורפֿז האָט די טעמע געוואָלט באַנעמען נישט נאָר אין איר ישׂראלדיקער, נאָר אין איר אַלמענטשלעכער טראַגישקייט. ער האָט געזוכט אַן אַקציע, אַ פֿאַבול, וואָס זאָל דניאלן פֿאַראַלגעמיינערן, אַרויסשיילן פֿון דער צייטלעכקייט, נישט געקוקט אויף דער הייסער אַקטועלקייט פֿונעם פּראָבלעם, פֿון די געשעענישן. אַ יונגער טאַלאַנטירטער סטודענט, אַן אָפֿיציר, וואָס האָט מיט זיינע העלדישקייטן אויפֿן פֿראָנט זיך פֿאַרדינט אַ צל״ש, איינער פֿון אַ סך, אַ פּראָבלעם פֿון הונדערטער טויזנטער, וואָס קערן זיך אום פֿון פֿראָנט און שלעפּן מיט זיך נאָך די טויטע, די, וואָס זיי האָבן דערהרגעט. דערנאָך, געטריי דער קינסטלערישער דיסציפּלין, האָט דער שרייבער געזוכט צו אינדיווידואַליזירן און קאָנקרעטיזירן דאָס אַלגעמיינע, די אוניווערסאַלע עטיש־פּסיכאָלאָגישע זייט פֿון דער טעמע.

דניאל, דער העלד פֿון דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, קערט זיך אום אַהיים אַן אויסגעליידיקטער. ווי שווידערלעך עס איז צו הערן אַרום זיך דאָס געזאַנג פֿון נצחון און נישט קאָנען מיטזינגען, נישט קאָנען מיטפֿילן דאָס געזאַנג. ווי אַזוי קומט עס, אַז אַ ישׂראלדיקער יוגנטלעכער זאָל אַזעלכעס איבערלעבן? באַפֿרייט פֿון אַ גרויסן שווערן, אָבער אויך באַגייסטערנדיקן דרוק, פֿאַלט ער אַראָפּ פֿון אַ הויך, אויף וועלכער ער וועט אפֿשר מער קיינמאָל נישט קאָנען אַרויפֿקריכן. דער קעמפֿער פֿילט זיך דעגראַדירט און פֿאַלט אַריין אין אַ צושטאַנד, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן היינטצייטיקן מענטש, דעם אומצופֿרידענעם, אומזעטיקן און אומרואיקן, וואָס זעט אין שוואַרצע פֿאַרבן זיין אייגענע צוקונפֿט, די אייגענע קאַריערע, נאָך וועלכער ער יאָגט זיך. אין דער זעלבער צייט פֿילט ער די באַדערפֿעניש אָפּצורייסן זיך פֿון דער בלויז צוועקמעסיקער ווירקלעכקייט און לאָזן זיך פֿאַרטראָגן אין אַ ווירקלעכקייט, אַ טיפֿערע, אַן אומפּראַקטישע, לויט אונדזער נידעריקער פּראַקטישקייט. דאָ אַנטלויפֿט דניאל צום ים. עס איז אַ מין עולה־רגל־זיין פֿון אור־פּרימיטיוון מענטש, ביי וועמען עס האָט זיך דערוועקט דער פֿאַרלאַנג צו צעררייסן די קייטן פֿון געפֿעגטעטן „איך" און דערנענטערט זיך צום קוואַל פֿון קראַפֿט, צו דער איינהייט פֿון פֿאַרגענגלעכן און אייביקן.

אין דער זעלבער צייט רופֿט עס זיך איבער מיטן סאַמע מאָדערנסטן, וואָס געפֿינט זיך אונטער דער השפּעה פֿון דער פּסיכאָאַנאַליטישער לערע און פֿון דער צווייטער זייט איז ער אויך אָנגעשטעקט מיט דער עקזיסטענציאַליסטישער פֿילאָזאָפֿיע, וואָס די אינדיווידועלע פֿרייהייט איז פֿאַר איר אַ סינע קווא נאָן פֿאַר יעדן סאָציאַלן צוזאַמענלעבן.

ווען אורפֿז האָט פֿון פֿריער אַ צוגעגרייטן סך־הכּל, אַ צענטראַלן פּונקט, אַן אידעע, וואָס אַרום איר בויט ער און קאָנצענטרירט זיין דערציילונג, פֿילט זיך דעמאָלט דער מייסטער, וואָס פֿורעמט די אַקציע, דעם דיאַלאָג. דער אינטעלעקטועל־מאָראַלישער תּמצית אינעם ערשטן טייל גיט דער שילדערונג כּמעט אַ געאָמעטרישע פּערספּעקטיוו. ווי נאָר עס פֿעלט אָבער דער דאָזיקער צענטראַלער פּונקט, פֿאַלט ער אַריין אין מיסטישע איבערלעבענישן, טונקעלע און פֿאַרפּלאָנטערטע פֿילאָזאָפֿיעס, סימבאָלישע פֿאָרשטעלונגען, לפֿי־ערכדיקע רעאַליעס.

אַנשטאָט זיך צו קאָנצענטרירן, צעוואַרפט ער אַ סך שיינע קינסטלערישע שטעלן איבער דער דערציילונג, אינטערעסאַנטע פּסיכאָלאָגישע אַנאַליזן און עכט־קינסטלערישע לאַנדשאַפט־געמעלן, אָבער עס פעלט דער שווערפּונקט, דאָס וואָס גיט אַ דערציילונג איר וואָגיקייט און פאַרענדיקטקייט אין גאַנצן, די געבונדנקייט און געשלאָסנקייט פון דער אַקציע.

אין דער דערציילונג איז אָבער געבליבן די אָריגינעלע פּערזענלעכקייט פון דניאלן, וואָס קען זיך אויפהויבן איבער דער וואָר און אַרויסלאָזן זיך אויפן וועג צו אַן אידעאַל. ביים ים ווערט ער אי אויפגעלייזט, אי אויסגעלייזט. די באַגעגעניש מיטן אַלטן פישער דנינו העלפט אים איבערווינדן און איבערוועלטיקן די גרויע מאַנאָטאָניע. די עראָטישע סצענעס מיטן אַנגעטראָפענעם ווילדן מיידל זענען די באַקכאַנאַלישע פּרעלודיע צום ריינערן עקסטאַז, צום געלייטערטן לעבן. ביידע העלפן אים דערהויבן זיך איבער דער פלאַך פון טונקעלער נעגאַציע און וועלן אים לסוף באַפרייען פון מרה־שחורהדיקן קלעם.

„חומו מלך ירושלים" פון יורם קניוק

דער קעניג פון ירושלים איז אין דעם דאָזיקן אָריגינעלן ראָמאַן אַ סאָלדאַט, וואָס איז אין דער באַפרייאונגס־מלחמה געוואָרן שווער פאַרווונדעט, געבליבן אָן הענט און אָן פיס, בלינד און שטום, אַ לעבעדיקער מת, וועמענס אָטעמען איז עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעכער נס. בלויז דאָס מויל, וואָס קוקט אַרויס פון זיין באַנדאַזשירטן פּנים, דערציילט וועגן זיין אַמאָליקער שיינקייט, אַן אויסער־געוויינלעכע שיינקייט, וואָס האָט פאַרכישופט די מיידלעך און מען האָט אים צוליב דעם גערופן „דער קעניג פון ירושלים".

דאָס מויל פונעם דאָזיקן בחור האָט אויך איצט, ליגנדיק ווי אַ לעבעדיקער פּגר אויפן שפּיטאָל־בעטל, נישט אויפגעהערט צו האָבן זיין אומגעוויינלעכן כוח. די קראַנקנשוועסטער חמיטל, וועלכע ווייזט אַרויס רירנדיקע זאָרגעוודיקייט צו אַלע קראַנקע, פיבערט אָבער מיט אַ באַזונדער גרויס און שטאַרק געפיל צו חומון און נישט געקוקט דערויף וואָס זי ריזיקירט מיט איר פּאָזיציע צווישן די קראַנקע, מאַכט זי אַלע אַנשטרענגונגען צו דערנענטערן זיך צו אים, געהערן צו אים אינגאַנצן, כאָטש פאַר איר איז קלאָר, אַז ער איז נישט אימשטאַנד צו ענטפערן איר מיט דעם זעלבן געפיל, אַז ער איז פשוט פיזיש אומפעיק צו ליבע. ער איז אַ מת, וואָס ווייזט קוים אַרויס שוואַכע סימנים פון לעבן.

צום ערשטן מאָל באַגעגנט מען זיך אין דער ליטעראַטור מיט אַזאַ אויס־טערלישער ליבע און אפשר עקזיסטירט זי לגמרי נישט אין דער ווירקלעכקייט, אַזוי ווי זי ווערט דאָ געוויזן. אויב מיר וועלן צוגיין צו דעם דאָזיקן בוך פון יורם קניוק מיט די קריטעריעס, וואָס מיר מעסטן און שאַצן אָפּ אַ רעאַליסטישע דערציילונג, וועלן מיר די גאַנצע אַקציע זען ווי עפּעס פאַנטאַסטישעס, ווי פאַרנעפּלטע אימאַזשן, נישט־געפאַרעמטע געשטאַלטן, ווייל נאָכן דורכלייענען

דאָך בוך ווייסן מיר זייער ווייניק וועגן דעם „קעניג" חומו, וועגן אסא, פּאַראַנדזשי, וועגן דער מאַנאַשקע קלאַראַ און ד"ר אבאיאָוו. קיין סך ווייסן מיר אויך נישט וועגן דער הויפּט־געשטאַלט חמוטל, וואָס שטייט אין צענטער פון דער דערציילונג.

דער אמת איז, אַז יורם קניוק האָט דאָ נישט געמיינט צו געבן אונדז אַ רעאַליסטישן ספּור־המעשה. אים איז געגאַנגען אין אַרויסהייבן תמציתדיקע בילדער דורך אינטואיציע, מאַגיק, שפּיל פון באַפליגלטער פאַנטאַזיע און קניוק שאַפט זיי מיט דער נאַטירלעכקייט און גראַציעזקייט פון אַ קינסטלער. ער באַמיט זיך דערפאַר נישט אויפצוקלערן די קוואַליטעט פון חמוטלס ליבע; אויף וואָס פאַר אַ באָדן זי וואַקסט, פונוואַנען זי קומט, פון וועלכע פאַרבאָרגענע נשמה־קעמערלעך, זי פליסט, ווי עס וואָלט אים נישט געגאַנגען אין דער פעולה פון דער ליבע, נאָר אין איר ברכה אָדער קללה, אין איר עצם זיין אפילו דאָרט ווי זי ווייזט זיך אויס אוממעגלעך.

די אור־מעכטיקייט פון דער ליבע איז דאָ געוויזן אין אַ גאָר ברייער פאָרם, אַ טיף־אינעווייניקסטע פאַרבינדונג, וואָס ווידערשפּעגלט אין אַלע פיזישע געבאָטן און באַדערפענישן, קריגט אַרויס די באַזונדערע און אייגנאַרטיקע שיינקייט דווקא פון דעם וואָס זעט אויס אָפּצושטויסן מיט זיין העסלעכקייט.

ווי אַ דערציילונג אין פולן קערנדיקן זין פון וואָרט פאַרמאָגט „חימו דער קעניג פון ירושלים" זייער ווייניק וואָג. אָבער ביים מחבר איז וואָג נישט דער עיקר, נאָר די שטימונג, די סימבאָליק, די אַריינגעמאָלענע פאַרביקייטן און זי בלייבט אויך אין זכרון נישט מיט דער דערציילערישקייט, נאָר ווי אַ מאָלעריי, ווי אַ שפּיל פון פאַרב און ליניעס, ווי אַ ווייט פאַרדמיונט געשען, ווי אַ שפּיל פון ליכטיקן און שאָטנדיקן געמיט, וואָס לאָזט איבער פאַרן לייענער אַ ברייט פעלד פאַר מחשבה און מסקנות, פאַר אַנאַליז און דערגענצן.

באַנעמט מען די דערציילונג אין דער דאָזיקער אייגנטימלעכקייט, אַרט אונדז שוין נישט די אומזיכערע אַנטוויקלונג פון דער טעמע. עס אַרט אונדז נישט וואָס דער הויפּט־העלד איז נישט אינדיווידואַלירט, איז אָן בלוט; וואָס ער איז ווי אַלע אַנדערע פיגורן, נישט מער ווי אַן אויפגעשוועבטער שאָטן, וואָס איז אין סילועטן־שפּיל פאַרווייט און איינגעשלונגען געוואָרן פון נאָך טונקעלערע שאָטנס און אין שווערע סימבאָלישע יסודות.

די גאַנצע אויסטערלישע ליבע, די „איבערנאַטירלעכע", זעט אויס מאָמענטנווייז צו זיין נישט מער ווי אַ פאַקטאָר פון איבעראַשונג אין גאַנג פון דער אַקציע, וואָס באַדינט די סימבאָלישע יסודות. עס איז אָבער פאַראַן אינעם שילדערן די דאָזיקע ליבע אַ פאַרבאָרגענער עקסטאַז פאַרן דאָזיקן וווּנדערלעכן געפיל, וואָס איז אָפּגעריסן פון אַלע אָנגענומענע פיזישע רייצונגען, האָט איר אייגענע מאַגיק, זעט דאָס וואָס איז שיין אפילו אין דעם וואָס איז אויסערלעך עקלהאַפט־העסלעך און איז דאָך ווייניקער רעאַל און אמתדיק פון דער אינערלעכער שיינקייט.

די דאָזיקע אויסטערלישע ליבע, אין וועלכער עס פילט זיך דעם שרייבערס שטרעבונג צונויפצוגיסן זיך מיט איר, איז אַן אויסדרוק פון זיין בונטאַרישקייט, אַ דערגיין ביז צו די גרעסטע עקסטרעמען, ביז צו דער פאַרלייקענונג פון פיזישע געבאָטן און, פונקט ווי די הויפּט־העלדן, מקריב זיין זיך פאַר דער אַבסטראַקטער

שיינקייט, גאַרן צו איר מיט אַ הייסער, גליענדיקער, ממש פאַרצערנדיקער בענקשאַפט.

נאַקעטע נאַטוראַליסטישע בילדער זענען דורכגעדרונגען מיט פּאַטעטישער פאַרשטעלונגס־קראַפט און זענען אַזוי בילדלעך־קאָנצענטרירט און שטימונגספול, אַז עס ווייעט פון זיי מיט עפּעס, וואָס איז מיסטיש און סימבאָליש. אין דער שווערער דערדריקנדיקייט, אין וועלכער עס לעבן די פאַרווונדעטע איגעם קלויסטער, דרינגען אַריין ליכט־שטראַלן. מעגלעך, אַז זיי קומען פון די פּראַ־זשעקטאָרן פון אַ דורכפאָרנדיקן אויטאָ אָדער גאָר פון אַ זוכנדיקן רעפלעקטאָר, וואָס קומט פון יענער זייט מויער אין אַלט־ירושלים. עס איז נישט וויכטיק פונוואַנען דאָס ליכט קומט. זאָל זיך אויסווייזן, אַז עס האָט פאַרבלאָנדזשעט און נאָר אויף אַ רגע אָנגעצונדן די אָפּגעשיילטע קלויסטער־ווענט, אַוועק אין אַ טאַנץ, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן איבערערדישע דערשיינונג און מיט אַן אויסערגעוויינלעכער שנעלקייט, אָבער די פאַרגאַפטע בליקן פון די קראַנקע האָבן ווי אויסגעצויגן די צייט, זי אָפּגעשטעלט און אין דעם אָנפליץ פון שוואַרצע קאָשמאַרן דערפילט חמוטל דעם פלאַטער און ציטער פון יוגנטלעכער סענסי־טיווקייט און צוזאַמען מיט איר האַלטן מיר איין דעם אָטעם און הערן זיך צו צו דער אינעווייניקסטער גרענעצלאָזער שטילקייט, אין וועלכער די העכסטע רו רעדט מיט אַ לעבעדיקער שטים.

דווקא צווישן די קאַלטע קלויסטער־ווענט האָט דער יונגער ישראלדיקער שרייבער יורם קניוק געוואָלט באַווייזן, אַז עס קען קומען צום אויסדרוק די פאַרהערלעכונג פון דער שיינקייט, וואָס פילט אָן די וועלט; דווקא צווישן די האַלב און גאַנץ פאַראַליזירטע קען מען אין יעדן ריר דערפילן אַ גוטע כאַטש ווייטע פרייד. ברעקלעך טאָג־טעגלעכקייט און געוויינלעכקייט ווערן כמעט מיט אַ רעליגיעזן געפיל אויפגעקליבן און דורכגעגליט מיט דער אינעווייניקסטער גלייכגילטיקייט וואָס גייט איבער אין עקסטאַז פאַר דער געלייטערטער שיינקייט און דערהויבט די אַקציע צו וויזיאָנערישן געזאַנג פאַר דער שיינקייט, וואָס באַוועגט וועלטן און הערצער.

דאָס, וואָס עס געשעט צווישן חומר און חמוטל צעוואַקסט זיך אויפן פאָן פון די קאָשמאַרן, וואָס קומען פון די בילדער און ריחות פון ירושלימער קלויס־טער, פון די אוראַלטע סודות און לעגענדעס, וואָס ווערן געוועבט און גייען אום צווישן די מרה־שחורהדיקע מויערן; פון די לידן פון די פאַרווונדעטע און רעש פון די שראַפּנעלן, וואָס דרינגט אַריין פונגדרויסן, דערמאָנט אין דער פאַר־ביסענער מלחמה און דראָט מיט טויט־סכנות און אַלץ איז דורכגעפלאָכטן מיט עפּעס טראַגיש נישט־אויסגעלייזטס, מיט דעם, וואָס די עקזיסטענציאַנאַליסטן רופן „לעבנס־אַנגסט״ און דערפירט אַ סך צו ניהיליזם, צו אַ פאַרצווייפלטן אָפּוואַרפן אַלץ מיט וואָס דער מענטש פרווט באַזינגען אָדער באַרעכטיקן דאָס לעבן אויף דער ערד. אָבער דאָס, וואָס איז פאַר אַנדערע סם־המוות, אַ קוואַל פון ענערגיע, איז פאַר קניוקן אַ קוואַל פון התרוממות, די קווינטעסענץ פון זיין שרייבערישער מיסיע. די ליבע מוז נישט דווקא זיין אַ בת־השמיים און נישט צוליב פיזישע מעלות, וואָס באַפרידיקן די חושים. דער באַגער צו שיינקייט איז

נישט ווייניקער מעכטיק פון אַנדערע בלינדע כוחות און דערמאָנען, וואָס יעדער טראָגט זיי פאַרשלאָסן אין זיך, און זי קען בלייען אויך צווישן פאַרפּוילטע נבלות, וואָס וואַרטן צו ווערן שפּייז פאַר פליגן און ווערעם. דער דעמאָן פון שיינקייט רעוואָלטירט קעגן אויסגעדראָשענע באַגריפן און טראַפאַרעטן, פאַרוואַנדלט זיך אין אַ רעגנבויגן איבער זיך אַליין, העלפט דעם מענטש זיך אויסלייזן פון זיך אַליין.

ש. אבני —

יידן אין דער פרעמד

דער טאַלאַנט פון ש. אבני דריקט זיך אויס קודם כל אין זיין אייגענעם דערציילערישן נוסח און באַאָבאַכטונגס־כוח. אין זיינע דערציילונגען זענען פאַראַן אַ סך פערזענלעכע איבערלעבענישן און לעבנס־דערפאַרונגען, וואָס דערפירן טיילמאָל די שילדערונגען אויף דער גרענעץ צווישן דערציילונג און רעפּאָרטאַזש. ענג פאַרבונדן מיט די פּאָליטישע סיטואַציעס, אָבער דער פונדאַמענט איז תמיד דער מענטש. אבני פאַרמאָגט די פעיקייט אַרויסצוברענגען דאָס אינעווייניקסטע און אינטימע, אַזוי אַז זיינע העלדן זאָלן נישט זיין קיין סכעמע־מענטשן, נאָר אַזעלכע ווי ער האָט זיי געקענט און געזען זיי מיט זייערע רמ״ח־אבֿרים, מיט זייערע יצרים, מיט זייער ווילן צו לעבן און מיט זייער גורל, אין וועמענס העלכט עס געפינען זיך אַלע מענטשן צוזאַמען און יעדער מענטש באַזונדער.

אָט־אָ דער גורל־עלעמענט, אין אבניס דערציילונגען, גיט אונדז דאָס געפיל ווי מיר וואָלטן ביים לייענען אַריבערגעבויגן זיך איבער אים בשעת ער זיצט און שרייבט און מיר זעען ווי פון זיינע פאַסירונגען, שטימונגען און געדאַנקען ווערט געוועבט די נאָוועלע, די דערציילונג פון דעם שרייבערס נשמה. אָן דעם גורל־פּראָבלעם וואָלטן די באַזונדערע געשעענישן געקענט זיין נישט מער ווי צופאַלן, געשעענישן וואָס האָבן פאַסירט מיט דעם אָדער אַנדערן מענטש.

דער יידישער גורל איז דער יסוד פון אבניס אַלע נאָוועלן, דאָס איז זיין שרייבערישע וועלט, וואָס איז גלייכצייטיק דורך און ווירקלעכקייט, געוועזענע און איצטיקע, די אייביקע יידישע ווירקלעכקייט, וואָס אבני שילדערט מיט פיינער פּסיכאָלאָגישער קענטעניש און מיט פּאָעטישער בילדערישקייט אין דער געשטאַל־טיקונג פון זיינע העלדן.

חוץ דעם יידישן גורל פאַרנעמט אבני אויך דעם מענטשלעכן גורל, דעם גורל פון אַ מענטש, ווען ער ווערט דורכן לעבן אַריינגעטריבן אין אַ סיטואַציע פון פאַרפאַלגטקייט און ווערט פאַרמשפּט צו טרינקען פון פאַרגיפטעטן לעבנס־בעכער. אַזעלכע זענען מאַריאַ און יוליאַן, די פאַרחלומטע מאַריע, וואָס דער גורל האָט זי צוזאַמענגעפירט מיטן יידישן סטודענט מאַרסעל, דערפירט צו מגייר זיין זיך און שפּעטער פאַנאַנדערגיין זיך און צונויפקומען מיט מנחמען; אַזעלכער איז דער אַלטער גענעראַל אין תפיסה, אין דער פאַרכאַפּנדיק־אינטערעסאַנטער דערציילונג „אין קאַלך־אויוון פון שנאה״. אין אים ווי אין די אַנדערע אַרעסטאַנטן,

וועלכע ווארטן אויף זייער טויט־אורטייל, זיצן צוזאַמען חיה און מענטש און דער שרייבער עפנט פאַר אונדז אַלע טירן צו תפיסה־קאַמערן, צו מענטשן און אונטער־מענטשן, וועלכע זיצן מיט זיי; צו וועלטן, פון וועלכע מיר האָבן אַזאַ קנאַפּע אַנונג און ער ווייזט אונדז די מענטשן סינכראָניזירט מיט די כסדר זיך ענדערנדיקע בילדער. אמת, קיינער פון זיי שטייגט נישט אויף קיין העכערער מדרגה פון מענטשלעכקייט, אָבער די מענטשלעכע מאָמענטן רירן זיך האַרט אָן אין זיי, פאַרטשעפּען זייערע געדאַנקען און געפילן, נאָר זיי זענען נישט דיספּאָנירט זיי אויפצוהאַלטן. זיי זענען פילבאַר אויף דרויסנדיקע ענדערונגען, אָבער אַליין ענדערן זיי זיך נישט.

די פּאַסירונגען, ווי די מענטשן, זענען ביי אבנין נישט קיין אויסגעטראַכטע, אפשר אַפילו צו שטאַרק אויטענטיש, אויך די אויסטערלישע סיטואַציעס, אין לאַגער און אויף דער פריי, ירוחמס אומקערן זיך אין דאָרף, די באַציאונגען מיט אירענען, מיט די יונגע שקצים, די פּאַסירונגען אינעם יתומים־הויז — אַלע אָטעמען זיי מיט לעבנס־אמת און מען פילט דעם שרייבערס ווונטש אַריינצושטעלן די צעשוווּמענע און צעגאָסענע לויזע געשעענישן אין אַ בויטוועגדיקייט, אין דער ריי פון סיבות, אָבער נישט אַלעמאָל באַווייזט ער עס. עס טרעפט און ער פאַלט אַריין אין צופיל דערציילן, אין אַריינמישן זיך אין סיפּור־המעשה און דערקלערן דעם גאַנג פון די געשעענישן. ער איז געבענטשט מיט גרינגקייט און פלינקייט אויפצוכאַפּן די ווערטער, וואָס ער דאַרף האָבן פאַר זיין שילדערן און באַלויכטן דעם פּסיכישן מעכאַניזם פון זיינע העלדן. אַליין פאַר זיך איז דאָס אַוודאי אַ ברכה, אָבער נישט איינמאָל ווערט עס פאַרוואַנדלט אין אַ חסרון, ווייל ער ווערט אַזוי מיטגעריסן מיט זיין גרינגן און פלינקן געפאַנג, אַז אַנשטאָט צו נוצן זיי ווי מעדיומס פאַר דעם תוכיקן אין דער געשטאַלט, לאָזט ער זיך מיט זיי אין גאַלאָפּ איבער ברייטע שטחים פון דורכגעמאַכטן לעבן און זיי נעמען אים אַוועק פון דער אינטימער וועלט, וואָס ער האָט אונדז געוואָלט איבערגעבן; פון דעם טיפערן, וואָס ער האָט געוואָלט אַרויסברענגען. דערפון נעמען זיך אויך געוויסע חסרונות אין דער קאָמפּאָזיציע, אין דער געשטאַלטיקונג פון געוויסע העלדן. פאַראַן שטעלן, וואָס דאַכטן זיך אויס צו זיין נישט אומבאַדינגט און זיי בלייבן אויף דער אויבער־פלאַך. אמת, פון אַזאַ שווים־טון מיט אַן איבערפלוס פון ווערטער און מסביר־זיין, קומען אָפט אַרויס שיינע באַשרייבונגען, אָבער דעמאָלט איז עס נישט מער ווי אָרנאַמענטיק און נישט קיין אינטעגראַלער טייל פון דער אַקציע.

דאָס מערקווירדיקסטע אָבער אין ש. אבנינס דערציילונגען איז, וואָס די אַלע חסרונות פאַלן אָפּ אַליין פון זיך, ווי פאַרטריקנטע בלעטער, און דער איינדרוק בלייבט פון אַ שפּאַנענדיקער און קרעפטיקער דערציילונג. עס דערגרייט צו אונדז די שטים פון נשמה־טיפענישן, וואָס פרעגט: ווו איז דער אמת? וואָס איז דער זין פון די אוממענטשלעכע גרויזאַמקייטן? דער ענטפער איז: גורל, וואָס נעמט אָן אין אבנינס דערציילונגען אַ טראַנסצענדענטאַלע דימענסיע.

עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אבנין דאָס שפּינען די פעדעם און ציען זיי אַזוי לאַנג ביז זיי ווערן דין ווי שפּינוועב און עס טרעפט, אַז ער פירט זיינע מענטשן אַזוי ווייט, ווייל זיי האָבן נישט ווו אָפּצושטעלן זיך, ווו זיך צו פאַר־

אַנקערן. זיי זענען אומעטום אין דער פרעמד. די פרעמדקייט איז ביי זיי אין בלוט. אַזוי איז אויך זשעראָם גאָלדבערג סיי ווען ער ענדערט זיין נאָמען אויף יונעסקא און סיי ווען ער קומט קיין ישראל און איז צוריק גאָלדבערג, טרעפט זיך מיט זיין געגט ווייב, די אַמאָליקע קאָמוניסטישע אַקטיוויסטין און איצטיקע געזעלשאַפט־לעכע טוערין אין אשדוד. ער פילט מער ווי ער פאַרשטייט, וויל אַריבער די גרענעץ פון פרעמדקייט, אָבער בלייבט ביי איר שטיין.

אבני אַנטפּלעקט פאַר אונדז געשטאַלטן און טיפן, וואָס געהערן צו אַן אומ־באַקאַנטער געאָגראַפישער לאַנדשאַפט פון רומעניש יידנטום. בכלל זענען דאָ פאַראַן נייע קאַפּיטלעך אין דער חורבן־ליטעראַטור — אַ פאַרשווונדענע יידישע וועלט, אַ קערנדיקער טייל פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום; אַ וועלט וואָס איז אַמאָל געווען פול מיט יידישן שטייגער, מיט יידישער מאָראַל, מיט יידישן קאַמף פאַר קיום, וואָס האָט אין יענער געגנט געהאַט זיין אייגענע פאַרב, זיין אייגענעם נוסח און אייגענע האַרבקייט. היינט וואַנדלען אַרום אין יענער וועלט געשפּענסטער און אין אבניס שילדערונגען איז פאַראַן סיי דאָס באַווייגן פאַרשניטן יידישן לעבן און סיי דאָס קינסטלערישע מחיה־מתים־זיין יידישע שיינקייט, וואָס איז אַזוי ברוטאַל און אכזריותדיק פאַרלענדט געוואָרן.

דן צלקה —

„ד״ר בערקל און זיין זון מיכאל״

ד״ר בערקל איז געווען אַ פרעלעגענט פאַר קלאַסיק אין דער וואַרשעווער אוניווערסיטעט, געלעבט טאָג און נאַכט מיט דער געשיכטע פון גריכנלאַנד, אַן אַריסטאָקראַט, אַפגעריסן פון דער ווירקלעכקייט אין נאָכמלחמהדיקן פוילן, דעקלאַמירט אויסנווייניק וועגן די גליקלעכע געטער, איז אַ דורכאויסיקער טיפ פון אַ פוילישן אינטעליגענט, אַן אַמאָליקן ליבעראַל, עלעגאַנט, ראָמאַנטיש, זוכט פאַרטיפטע שטילקייט, שטיל־לעבן. ווען ער טרעפט זיך צונויף מיט מאגדאן, מיינט ער אויך צו געפינען פאַרפרוירענע סטאַטישקייט, דאָס זעלבע פאַרטיפטע שווייגן, וואָס האָט אים באַצויבערט בעת זיין באַזוך אין דער אַלטער אַפטייק, ווייט פון דער רעשיקער גאַס.

זיין זון מיכאל איז אַ מער אַקטיווער און דינאַמישער טיפ, איז פאַרליבט אין טיציאַנס רעפּראָדוקציעס, לערנט זיך באָקס, פאָרט אויף אַ מאָטאָציקל, גיט זיך אַן עצה מיט די טאָג־טעגלעכע פּראַקטישע פּראָבלעמען. מיכאל וווינט צוזאַמען מיטן פאָטער אין אַן אָפּגעריסענעם און שמוציקן הויף ערגעץ אין אַ חרובער געגנט. דעם פאָטער האָט מען אָפּגעזאָגט פון זיין פּאָסטן אויפן אוניווערסיטעט און מיכאל גיט פּריוואַטע לעקציעס אָפּגעשטאַנענע קינדער, האָט אַן אינטערעס פאַר אמעריקאנער סאָציאָלאָגיע און היידעגערס פילאָזאָפיע, פאַר פּלאַסטישער שיינקייט.

מיט אמתע קינסטלערישע דעטאַלן איז געמאָלן די אינערלעכע וועלט פון די העלדן, אייגנשלעך די פּוסטקייט, אין וועלכער זיי ווערן אַריינגעוואָרפן דורכן

אַרום. ד״ר בערקל לעבט עפּעס אין אַזאַ מאָדנעם דערהויבענעם צושטאַנד, ווי ער וואָלט געהאַט איינגאַנצן נאָך עטלעכע מינוט צום לעבן און ער דאַרף דעריבער זען צו טראַכטן איצט נאָר וועגן זאַכן וויכטיקע, וועגן די סאַמע וויכטיקסטע זאַכן פון מענטשנס לעבן. „מער ווי שטענדיק — זאָגט מעלאַנכאָליש דער דאָקטאָר בערקל צו זיין זון — פיל איך, אַז מיין לעבן איז ווי אַ קליינער טאָל, ווי דו וואָלסט אים אַבסערווירט פון דער פאַרקערטער זייט פון אַ פעלד־לאָרנעטע, אַ קליינער טאָל, באַלויכטן, און באַדעקט זיך ביסלעכווייז מיט חושך. עס וואָלט גוט געווען ווען איך געפין עפּעס אַ בעסערן טריק ווי גלעטן די קעפּלעך פון פרעמדע קינדער און רעכענען זיך מיט געמיינזאַמע אומגליקן״.

מיכאל וויל וויסן וואָס פאַר אַ טריק, אָבער דער פאָטער, אָנשטאָט אַן ענטפער, מורמלט: „ביזט גערעכט, פאַקטיש איז עס גאָרנישט קיין טריק״.

מיכאל פאַרלירט דאָס געדולד. איז ביין פאַרוואָס ער פאַרשטייט נישט דעם פאָטערס כוונות, גייט אַרום מיט אַ צעוווּנדיקט האַרץ. זיין קינדהייט איז דורך אין דעם מלחמה־גרויל, אין צעשטערטן הויז פון זיינע עלטערן, האָט אַנטוויקלט אין זיך אַן אויסערגעוויינלעכע פילבאַרקייט. די גייסטיקע און פאָעטישע דער־וואַכונג פאַרשווינדט און קומט צוריק, אָבער יעדעס מאָל ווערט זי געשילדערט מיט שרייבערישער צודרינגלעכקייט. אין די פאַרשידנסטע סיטואַציעס נעמט אַרויסלויכטן דאָס מענטשלעך־איידעלע און גייסטיקע וואָס ער האָט פונעם פאָטער, אָבער דערביי האָט ער נישט קיין שום געפיל פאַר זיין נאַציאָנאַלן אָפּשטאַם. פון פוילן אַנטלויפט ער בלויז דערפאַר, ווייל אים דראָט צו ווערן אַרעסטירט, פאַר־טראָגט נישט קיין פאָליטיק און אַלע פראַזן פון סאָציאַליזם. יושר און ברידער־לעכקייט רופן ביי אים אַרויס אַ ווידערווילן, זענען פוסט, אויסגעליידיקט פון יעדן אינהאַלט.

סיי אין זיינע באַציאונגען מיטן פאָטער און סיי מיט קעטין דרייט ער זיך אַרום אין אַן עסטעטיש־אימאַזשיסטישן קרייז. דער מחבר מיידט אויס די אויסער־לעכע שילדערונגען, כדי נישט צו באַגרענעצן די אויספירן צו באַשטימטע טיפן; ווי אים וואָלט געגאַנגען אין מער און ברייטער אַרומכאַפּן די ערד, אויף וועלכער מען וויל מכלומרשט אויפהאָדעווען אַ נייעם מענטש און אַלץ ווערט דאָרט פאַרגרעבט און פאַרטעמפּט, נישטאָ קיין אָרט פאַר אמתן קולטור־אינטערעס, פאַר אַ גייסטיקן אידעאַל. אפילו זיין אויפוואַכנדיקער געדאַנק וועגן זיין יידישן אָפּשטאַם קען ביי מיכאלן נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין קיין טיפער איבערלע־בונג, אין עפּעס גורלדיקס. עס איז בלויז אַ וואָרענונג אין אַ נישט־דערזאָגטער פאָרם.

אין דער יוגנט האָט מיכאל געהערט פון דעם רייזנדן אָפּלינסקי דערציילן וועגן אַפריקע און די בענקשאַפט אַהין לאָזט אים נישט רוען. דער דורשט צו שיינקייט, צו לאַנדשאַפטן, צו אַוואַנטורעס האָבן פון זיך די פאַרשטאָכענע דער־נערנדיקע איינדרוקן און איבערלעבענישן פון די מלחמה־יאָרן, די טעמפּקייט און דעם קאָשמאַר פונעם לעבן אין נאָכמלחמהדיקן פוילן.

עס וועגן טאַקע דאָ איבער די בילדער פון קאָשמאַר, און נישט געקוקט אויף די שאַרפע אימאַזשן — פול מיט געדיכטן ווערטער־פלאָנטער, הינטער וועלכן

מען זעט אָבער אַ גרויסן טאַלאַנט, גייט מען אַוועק פונעם בוך מיט אַ געפיל פון פוסטקייט.

פונעם פרט שיילט זיך דאָ אויס דער כלל פון צעטרעטענע לעבנס, פון געשענדעטער קולטור. אַזעלכער איז אויך מאַרק שטראַנץ, בערקלס פריינט, אַ פּיאַניסט, וואָס איז געווען אין אוישוויץ און איז געבליבן לעבן, געוואָרן אַ שמוגלער, איינגעשאַפט זיך אַ פּיסטאָלעט, וואָס שיסט שטיל. ער וויל בעסער לעבן אויפן ראַנד פון דער נייער געזעלשאַפט, צווישן דער אונטערוועלט, דאָרט איז קלענער דער שקר, ווייניקער שרייאיק ווי צווישן די, וואָס האָבן אַ פול מויל מיט קולטור. געוויינלעכע פאַקטן ווערן אַלעגאָריש. אין דעם פלאַנטער פון בילדער און סצענעס פילט מען אַ שרייבער, וואָס וויל זאָגן עפּעס תוכיקס, וואָס וויל אַלאַרמירן, אויפוועקן און אויפרודערן, אָבער אָן קלאָרן בילד, אָן רייד, אָן דייטלעכן אָנווייזן דעם מקור פונעם שלעכטס.

ד״ר בערקל וואָלט אייגנטלעך נאָך דער מלחמה געדאַרפט ווערן אַ הייסער נאַציאָנאַלער ייד. זיין שוועסטער מאַרטאַ פּרוּווט אים דערמאָנען דעם פאָטערס יידישע שטוב, אָבער ער הייסט איר פאַרגעסן. מאַרטאַ האָט עס נישט געקענט פאַרגעסן. זי האָט אין אים דערפילט די פוסטקייט, וואָס איז פאַר איר געבליבן אומפאַרשטענדלעך. מאָדנע, פון דאָקטאָרס פּנים האָט מען עס נישט געקענט אַראָפּלייענען. זיין פוסטקייט איז געווען אין האַרמאָניע מיטן אַרום. ער האָט זייער געזאָרגט איבער זיין אויסערלעכקייט, האָט זיך יעדן טאָג ראַזירט און געווען זייער פּעדאַנטיש ביים אָנטאָן זיך פאַרן אַרויסגיין אין גאַס. אַז איר ווילט, איז עס אפילו געפיל פאַר רעאַליטעט, פאַר דער רעאַליטעט פונעם „נייעם״ מענטש אויף דער פּוילישער ערד. פאַראַן אַזעלכע, וואָס רייסן זיך, ווילן פאַרנעמען דעם אויבנאָן און ער באַשטימט צו זיצן אין אַ שיפל און שווימען פון איין בלאָטע צו דער אַנדערער. די אידעע פילט אויס דאָס גאַנצע לעבן. דאָס לעבן פאַסט איין די גאַנצע אידעע, און עס בלייבט גאָרנישט איבער פאַרן אמתן אינהאַלט, דעם יידישן.

נישט אין ד״ר בערקל און נישט אין זיין זון מיכאל קען עפּעס אַן אידעע צי גרויס געשעעניש אַרויסרופן אַן אינערלעכן אויפברויז. זיי זענען פּאָליאַקן, אייראָפּעער, וואָס בענקען נאָך... אַפריקע, מיט אַ באַרג אַראָפּ אין אייגענעם האַרצן, אַ משופּעדיקייט, וואָס נעמט אָפּ דעם ווילן צו שטייגן, שלעפערט איין די חושים פאַר דערהויבנקייט, די תשוקה צו לייטערונג, כדי צו האָבן אַ ווערט אין די אויגן פון אייגענעם פאָלק.

פאַראַן אין דער דאָזיקער דערציילונג די העכערע און טיפערע פאַרשטענדעניש פאַר די העלדן ווי קרבנות פון אַ רעזשים. מען פילט אַנטוישונג, שווערע מעלאַנכאָליע, פאַרביטערונג און פּעסימיזם. אפילו די פּאָעטישע פילבאַרקייט פון מיכאלן צו פּלאַסטישע שיינקייטן, צו דער נאַטור, איז געגעבן מער כדי אונטערצושטרייכן מיט דער שיינקייט און צעצונדענער יום־טובדיקייט — די פוסטקייט פונעם אַרום, פון וועלכער זיי קענען נישט אַנטלויפן.

אליעזר רובינשטיין —
קינסטלער־איבערזעצער

אליעזר רובינשטיין, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז אַליין אַ שרייבער פון אָריגינעלע ליטעראַרישע און פובליציסטישע אַרבעטן אין עברית און אין יידיש און צייכנט זיך אויס אין ביידע לשונות מיט מייסטערשאַפט פון וואָרט, טראָגט ער אָבער דאָך זיין קינסטלערישע קרוין אַלס איבערזעצער פון עברית אויף יידיש, בעיקר פון ש״י עגנונס ווערק. זיין גרויסער באַנד „שריפטן״ איז איינס פון די סאַמע שענסטע ביכער, וואָס זענען ווען עס איז אַרויס אויף יידיש און ער האָט מיט דער הויכער איבערזעצונג־קונסט אַרויסגערופן די התפעלות סיי פון לייענער, סיי פון שרייבער און קריטיקער.

ש״י עגנון אַליין האָט זיין הויכע מיינונג וועגן רובינשטיינס איבערזעצונג אויסגעדריקט אין זיין הקדמה צום יידישן באַנד: „...איך בין דאַנקבאַר מיין פריינט אליעזר רובינשטיין, וואָס האָט אויף זיך גענומען די טירחה אַרויסצוגעבן מיינע זאַכן אויף יידיש. ער איז אַ בריה, אַ מזיק, איבערצוגעבן מיין לשון און מיינע רעיונות, אַ סך מאָל — אפילו מיין סטיל, אַז מען קען מיינען, אַז מתחילת־ברייתו איז דער סיפור געשריבן געוואָרן אויף יידיש. דערפאַר גיב איך אים אָפּ אַ גרויסן יישר כוח און איך מיין, אַז אויך איר, מיינע טייערע לייענערינס און לייענער, וועלן מיט מיר מסכים זיין און איר וועט אים אָפּגעבן דרייפערטל פונעם יישר כוח, וואָס קומט דעם מחבר פון די סיפורים״.

דאָס איז אַ זעלטענער פאַל אין דער געשיכטע פון ליטעראַרישע איבער־זעצונגען, אַז דער מחבר זאָל אַזוי באַגייסטערט ווערן פון זיין איבערזעצער. זיכער האָט עגנון געוווּסט ווי שווער עס איז איבערצוזעצן אים אויף אַן אַנדער לשון. ער האָט געלייענט די איבערזעצונגען פון זיינע דערציילונגען אין דייטש און אין ענגליש. ער האָט אויך געוווּסט וואָס פאַראַ אָנשטרענגונג עס האָט געמאַכט דער איבערזעצער פון זיינע ווערק אויף פראַנצויזיש, אָבער קיינער פון זיי האָט נישט זוכה געווען צו באַקומען פון עגנונען אַזאַ באַגייסטערטע אָפּשאַצונג און דאַנקבאַרקייט. אין עגנונס באַגייסטערונג דערקענט מען אַ געפיל פון איבעראַשונג, פון אַנטפּלעקונג און פון פרייד מיט דער געטרייקייט צום אָריגינאַל, וואָס האָט געגעבן אַזעלכע פּרעכטיקע פּרוכטן.

איז רובינשטיין טאַקע אַזוי געטריי ביי וואָרט עגנונס ווערק? עס איז שוין לאַנג אַוועק די צייט, ווען מען האָט פאַרלאַנגט פונעם איבערזעצער וואָרט ביי וואָרט, כדי צו דערפילן דעם פרעמדן טעם פונעם אָריגינאַל, פון יענעם פרעמדן לשון און יענעם פרעמדן לאַנד, ווו מענטשן האָבן זיך געשאַפן זייערע אייגנאַרטיקע טערמינען, זייערע אייגענע אופנים פון רעדן, כאָטש זיי קומען אַרויס אין דער איבערזעצונג משונהדיק און אויסטערליש. דאָס האָט מען אַמאָל אָנגערופן איבערזעצערישע געטרייקייט. די קונסט פון איבערזעצן גרויסע ווערק

איז שוין היינט ווייט אַוועק. דער מאָדערנער איבערזעצער ווייסט, אַז דער זין איז פריער פונעם וואָרט, וואָרום ווערטער זענען אויף אויסצודריקן געדאַנק, אַרויסרופן בילד, שאַפן אַטמאָספער, שטימונג.

אייגנטלעך האָט עס נאָך געזאָגט דער רמב״ם, אַז ווער עס וויל איבערזעצן און גייט איבערגעבן יעדעס וואָרט ווערטלעך, מאַכט זיך אַן צרות... דער רמב״ם לערנט ווי צו ענדערן דעם סדר פון די ווערטער ביים איבערזעצן, ווען צו געברויכן עטלעכע ווערטער אַנשטאָט איין וואָרט, אָדער פאַרקערט, כּדי צו באַגרייפן דעם זין פון דער זאַך און עס זאָל קלאָר פאַרשטאַנען ווערן אין דער איבערגעזעצטער שפּראַך. יעדעס עקשנותדיקע האַלטן זיך ביים סדר פון די ווערטער און זאַצן לויטן אָריגינאַל שעדיקט דעם זין און אינהאַלט פונעם ווערק.

גישט געקוקט אויפן האַלטן זיך ביי אַלע כּללים, איז דאָך אָנגענומען, אַז אַן איבערזעצונג, אפילו די ריכטיקסטע, קאָן נישט פאַרבייטן דעם אָריגינאַל, אַזוי אין פּראָזע ווי אין פּאָעזיע. יעדער קלאַנג אין אַ שפּראַך האָט אַ ווידער־קלאַנג. אין יעדן לשון האָט אַ וואָרט, בפרט נאָך אַ ווערטל, זיינע באַזונדערע אַסאָציאַציעס, זיין אייגענעם נאָכטעם, שוין אָפּגערעדט פון די פאַרשידענע ניואַנסן, וואָס עס קען האָבן דער עצם טייטש פון איין־און־דעם־זעלבן וואָרט אָדער פאַרבינדונג פון ווערטער אין פאַרשידענע שפּראַכן, בפרט נאָך ווען עס רעדט זיך וועגן אַזאַ שרייבער ווי ש״י עגנון מיט זיין אייגנאַרטיקן עברית־סטיל, וואָס ביי זיין גאַנצער יידיש־אַטמאָספער, איז ער אַ שפּראַך־מייסטער מיט אַ געוואַלדיקן כּוח אין וואָרט און גרויסער קראַפט צו סוגערירן מיט זיי אויפן שטאַרקסטן און עקספּרעסיווסטן אופן. באַשטייט טאַקע רובינשטיינס מייסטער־שאַפט אין דעם וואָס מען פילט אין זיינע איבערזעצונגען די זאַפטיקייט און דעם אַראָמאַט פון ביידע לשונות, וואָס זייגן איינע ביי דער אַנדערער. אַזוי אַז עגנונס ווערק ווערן אַן אינטעגראַלער טייל פון דער יידישער ליטעראַטור און מען פילט אין דער איבערזעצונג עגנונס אייגענעם נאַטירלעכן און וואַרעמען אָטעם, זיין ניגון און אינעווייניקסטן ריטם.

דער גרויסער קינסטלער מאַכט גרויס די טעמע, איבער וועלכער ער שרייבט, מאָלט און זינגט. אַזוי טרעפט אויך, אַז אַן איבערזעצער גיט צו גרויסקייט דעם שרייבער און דעם ווערק, וואָס ער איבערזעצט. שוין אָפּגערעדט דערפון וואָס ער באַרייכערט די ליטעראַטור אין דער שפּראַך פון דער איבערזעצונג. עס איז אַן אַלטער כּלל, אַז דער נוצן פון איבערזעצונגען איז נישט בלויז דאָס אַריינברענגען די קולטור־ווערטן, וואָס זענען געשאַפן אין אַנדערע ליטעראַטורן. זיי גיבן אויך ניי לעבן, נייע באַגריפן, פרישע בלוט. די ענגלישע תנ״ך־איבער־זעצונגען האָבן פאָרמירט די ענגלישע שפּראַך. ווען רוים איז איבערגעגאַנגען צום קריסטנטום, איז מיט דער צייט געוואָרן אַן איבערקערעניש אין דער רוימישער שפּראַך און גאָר גרויס איז דער פאַרדינסט פון לוטערס ביבל־איבערזעצונג פאַר דער דייטשער שפּראַך.

שווער פעסטצושטעלן וויפל אמת ס׳איז פאַראַן אין דעם וואָס מען זאָגט, אַז ווען נישט די איבערזעצונגען, וואָס פלאָריא און אַנדערע האָבן געמאַכט פון באָקאַטשיאָ, פּעטראַרקא און פּלוטאַרך, וואָלט נישט אויסגעוואַקסן קיין

שעקספיר, אָבער מען קען אָנווייזן אויף אַ סך שרייבער און דיכטער אין פראַנצויזיש, וואָס זענען באַאיינפלוסט און דורכגעזאַפּט מיט דער ענגלישער פּאָעזיע. געווען ענגלישע קריטיקער, וואָס האָבן זיך נישט געשעמט אָנצווייזן אויף אייגפלוסן פון פּוילישן וויספּיאַנסקי, פון רומעניישן אלעקסאַנדרו און עמינעסקו אויף גרויסע ענגלישע דיכטער. אויך ביי אונדז איז שוין נישט אייגמאָל געזאָגט געוואָרן, אַז ווער ווייסט ווי עס וואָלט אויסגעזען די יידישע ליטעראַטור, ווען ר׳ יצחק בר ר׳ יעקב וואָלט נישט מחבר געווען דאָס טייטש־חומש, דעם צאינה־וראינה. אין משך פון דורות האָבן אונדזערע זיידעס געלערנט פון דאָזיקן ווערק, וואָס איז מכלומרשט געשאַפן געוואָרן פאַר וויבער. דערנאָך איז געקומען דאָס „מעשה־בוך״, די יודאַאיזירונג פון דער אַלגעמיינער ליטע־ראַטור ווי דאָס „בבא־בוך״. זיי האָבן מיט זיך געבערענגט די אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלקלאָר, די מאַראַליזירנדיקע מעשיות פון ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער און ר׳ נחמן בראַצלאַווער.

רובינשטיינס איבערזעצונג פון עגנונס ווערק שטעלן מיט זיך פאָר אין זייער גאַנצקייט אַן אומגעהויערע אַרבעט פון יאָרן און דאָס איז מעגלעך נאָר ביי אַזאַ ענטוזיאַסטישער פאַרליבטקייט אין גרויסע ווערק; נאָר ווען די אַרבעט פון איבערזעצן איז נישט קיין טראַנזאַקציע־אָביעקט, נאָר אַ שליחות אַרויפגעצוווּנגען דורכן שטאַרקסטן — דורכן אינערלעכן צוואַנג; ווען דאָס ווערט אַן אויפגאַבע, וואָס ברענט, מאָנט דערלייזונג, ווי דאָס האָט אַזוי וווּנדערלעך אויסגעדריקט דער נביא ירמיהו: „... און ווען איך זאָג, איך וועל אים מער נישט געדענקען און איך וועל מער נישט רעדן אין זיין נאָמען, פאַרוואַנדלט עס זיך אין מיין האַרץ אין אַ ברענענדיק פייער, איינגעשלאָסן אין מיינע ביינער, און איך באַמי זיך איינצוהאַלטן עס און איך קען נישט״.

דאָס איז דער אינערלעכער קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו, וואָס האָט רובינשטיינען דערנענטערט צום הייליקן שורש פון וואָרט, ווען איבערזעצונג ווערט, נישט סתם איבערגיסן פון איין כלי אין דער אַנדערער, נאָר אייגענע גרויסע קינסטלערישע שאַפונג.

נישט אַריינלאָזנדיק זיך אין קיין חקירות און אָפּשאַצונגען פון עגנונס שאַפן דאַרף מען פונדעסטוועגן ביי דער געלעגנהייט באַטאָנען, אַז אין ש״י עגנונס ווערק האָט די העברעאישע דערציילונג דערגרייכט אַ זייער הויכע מדרגה. עגנון האָט אַנטדעקט דעם סוד פון דער געבענטשטער איינהייט — פון אינהאַלט און פאָרם, פון ריטם און סטיל, פון אינערלעכער שיינקייט און אויס־טערלעכן חן. ער האָט אָנגעטאַפּט דאָס „פּינטעלע ייד״ אין דער קונסט פון דערציילן און געפונען דעם קוואַל פון דער יידישער נשמה. אויב אין עברית זענען נאָך געווען אַזעלכע וואָס האָבן אין זיין חסידיש־פאָלקסטימלעכן סטיל געוואָלט זען סטיליסטישן שפּיל, וועלן זיי דווקא אין דער יידישער איבערזעצונג דערפילן, אַז עגנונס אמתער כוח ליגט אַ סך טיפער ווי אין סטיל. זיין כוח איז אין עצם לעבן וואָס פליסט אַרויס פון די טיפענישן פון די שילדערונגען, פונעם יידישן געפיל, פונעם שטייגער און וועלט־אַנשויאונג פון זיינע העלדן, פון דער ספּעציפישער עגנונישער סביבה מיט איר אַטמאָספער, אַן אָנגעזאַפּטע

מיט גאַטספאַרכטיקייט און האַרץ־גוטסקייט. אַט די דאָזיקע אַטמאָספער שאַפט עס דעם סטיל, וואָס מער ווי ליטעראַרישער סטיל איז עס לעבנס־סטיל.

אין עגנונס סביבה איז אַלץ יידיש. נישט נאָר מענטש, נאָר אויך חיה, עוף און אפילו דער דומם. פערד זענען ביי אים גאַנצע תלמידי חכמים, רעדן אייגער צום אַנדערן מיט אימרות חז״ל. דעם האָן ווערט אלול־צייט אומעטיק און ער רעדט מיט פסוקים פון ירמיהו, פון איוב און פון תהילים. זיי ווערן אין יידיש דורכ־געזאַפּט מיט אַלע זייערע לעבנס־זאַפטן און אין דערציילן הערט זיך די עכט־יידישע מעלאָדישקייט, וואָס איז ביי רובינשטיינען, ווי ביי עגנונען, נישט ווייניקער עיקר פון די ווערטער.

אליעזר רובינשטיין פאַרשטייט אַריינצופירן דעם אָריגינאַל, ער זאָל זיך דערפילן היימיש אין דער איבערזעצונג און זאָל גלייכצייטיק גאָרנישט פאַרלירן פונעם אָריגינעלן לשון. ווי אַן אמתער איבערזעצער־קינסטלער האָט ער דעם כּוח „איבערצורעדן״ עגנונס שאַפונג, אַז זי זאָל אַריינקומען אין דער נייער מיט דער גאַנצער פּראַכט פון אַן אייגנאַרטיקן און גרויסן פּראָזע־מייסטער.

ש. י. עגנון האָט פאַרברייטערט און פאַרטיפט דעם יידישן אינהאַלט אין דער העברעאישער פּראָזע. זעלטן ביי אַ שרייבער צו געפינען אַזאַ אינערלעכע און אויסערלעכע יידישע גאַנצקייט פון סטיל, אינהאַלט און פּערזענלעכקייט ווי עס איז ביי עגנונען, וועלכער איז דורך־און־דורך יידיש. רובינשטיינס קונסט באַ־שטייט אין דעם דערפירן, אַז עגנונס דערציילונגען, זיינע צענטראַלע און זייטיקע געשטאַלטן, זאָלן רעדן יידיש מיטן אייגענעם נוסח און אייגענער מעלאָדיע און נישט פאַרלירן די גראַציע אפילו ווען די זאַצן ווערן געענדערט, זאָלן נישט טראָגן די קאָליר פון פרעמדקייט, נאָר זאָלן אָטעמען מיט דער זעלבער וואַרעמ־קייט, מיטן זעלבן אָטעם און זאָלן קלינגען מיטן זעלבן טאָן. ש. י. עגנון שילדערט אַלערליי יידישע טיפּן, ערלעכע און ליידנדיקע און אַזעלכע וואָס זענען ווייט פון יושר און גערעכטיקייט, סוחרים, שמוגלער, שווינדלער און לצים, בעטלער און לשון־הרעניקעס, קאַרגע גבירים און טעלער־לעקער און ער קוקט אויף זיי אַלע מיט אַזאַ צאַרטן הומאָר, וואָס שטאַמט פון קינסטלערישער נאַיוויטעט און איז דער הומאָר פון גרויסער קונסט. איבערזעצן דעם הומאָר פון עברית אויף יידיש טראָגט אין זיך די געפאַר אַריינצופאַלן אין באַנאַלן און וויצלדיקן הומאָר. רובינשטיין האָט אויסגעמיטן די דאָזיקע געפאַר אַדאַנק זיין טיפער אהבה צום אָריגינאַל און אַדאַנק דעם רעדן אַלע געשטאַלטן מיט עגנונס געמיט.

מלך ראַוויטשעס לידער
אין העברעאישער איבערזעצונג

מיטן דאָזיקן בוך איז די העברעאישע ליטעראַטור באַרייכערט געוואָרן מיט די פּאָעטישע שאַפונגען פון איינעם פון די וויכטיקסטע פאָרשטייער פון דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע. געוויס פאַרלירט זיך דאָ, ווי אין יעדער איבערזעצונג, ראַוויטשעס באַזונדערער טעם און קלאַנג פון דער שורה, די עלעגאַנץ פון זיין

שפּראַך און מוזיק פון די ווערטער. אָבער, צום לויב פון איבערזעצער א״ד שפּיר, איז אין די פּופּציק אויסגעוויילטע לידער פאַראַן די אינעווייניקסטע אַטמאָספער פון ראַוויטשעס פּאָעזיע, טעמפּעראַטור און פרייד פון זיין געזאַנג, ווייל ראַוויטש, כאָטש ער געהערט נישט צו די זינגער פון פרייד, איז ער דאָך אַ באַשאַפער פון פרייד דורך געזאַנג. אפילו ווען ער זינגט וועגן די קאַשמאַרן, עלנט און יסורים פונעם מענטש, לאָזט ער זיך פאַרפירן פון די רייצן פון וואָרט- און קלאַנג-קאָמפּאָזיציעס, וואָס הייבן זיין פּאָעטישע זעאונג אַרויף ווי אַ זינגענדיקן טורעם.

וועגן דיכטער מלך ראַוויטש איז שוין אַ סך געשריבן געוואָרן, דער קאַטאַלאָג פון זיינע לידער איז אַ רייכער, פון פאַרשידענע תקופות און אַלערליי טעמעס. דער אויסוואַל איבערזעצונגען נעמט אַרום אַ תקופה פון 45 יאָר, פון 1909 ביז 1954, אויסגעקליבן פון דרייצן לידער־ביכער, אַ זאַמלונג, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1954 א. ג. „מיין שיר־השירים״. מען קען פון זיי לערנען די פאַרשידענע פאַזעס אין ראַוויטשעס פּאָעטישער אַנטוויקלונג, אָנהויבנדיק פון זיין ערשטער לידער־זאַמלונג „אויף דער שוועל״, לידער, וואָס זענען געשריבן אין די יאָרן 1909—1911 און דערשינען אין לעמבערג אין יאָר 1912. דעמאָלט האָט ער אויך געשריבן זיין ליד פון פאַרערונג און ליבע צו... א. מ. פוקס, זעט אים אַ טראַגנדיקן זיך איבער ימען, מיינט, אַז אין צווילדעוועטן שטורעם הערט ער אויך דאָס ליבע־ליד פון פּאָעטישן יינגל און בעט זיך ביי אים, ער זאָל נישט פאַרגעסן זיין איינזאַמען פריינט.

מער קראַפט, מער פאַרב און וואָג באַקומען די לידער פון די שפּעטערדיקע זאַמלונגען „אין דעם מאָרגנשטערנס ליכט״, „רואינענגראַז״, „שפּינאָזע״, „נאַקעטע לידער״, „די פיר זייטן פון דער וועלט״, „קאָנטינענטן און אָקעאַנען״ א. א. ביז צו די „נייע לידער און פּאָעמעס״, וואָס זענען דערשינען אין יאָר 1954, „צען יאָר נאָכן דריטן יידישן חורבן״, ווען מיר זעען שוין ראַוויטשן אַן עלטערן, פאַרטיפטן און אחריותדיקן, אָבער מיטן זעלבן ברויזנדיקן און זודיקן געמיט פון די יונגע יאָרן.

„אויך לידער זענען דאָקומענטן״ — זאָגט ערגעץ ראַוויטש, פּאָעטיש־מאַגנע־טיזירטע דאָקומענטן פון לעבן, אויף דער מאָס פון אונדזער צייט און דערפאַרונג, וואָס זיי ברענגט מיט זיך פאַרן יידישן מענטש, אָבער נאָך מער אַ כראָניק פונעם גאַנג פון דער דיכטערישער פערזענלעכקייט, וואָס איז פונקט אַזוי אַנגעלאָדן, אַזוי סודותדיק און וווּנדערלעך ווי דער יידישער קיום, פונקט אַזאַ שטייגנדיקע דראַמע, זינט יענעם אומרו אין זיין ליד „בלוט״, געשריבן אַ יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, דורכן פּעריאָד פון „כאַליאַסטרע״, ביז צו די „מחשבות איבער קבר־ישראל״, אַ יאָר נאָכן סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה; ביז צום „קלאָג־און טרייסט־ליד״ נאָך דער פטירה פון די דיכטער מאַני לייב, דוד איגנאַטאָוו און י. י. סיגאַל — אַ דור פון וויזיאָנערן, פון פּאָעזיע, וואָס נאָר מלאכים קענען זיי פאָרטרעטן — אַ פאַרביקער מאָזאַיק פון אַ פּאָעטישער ביאָגראַפיע, אין וועלכער עס אַנטפּלעקט זיך נישט בלויז דעם דיכטערס אייגענע וועלט, נאָר איז אויך כולל יעדן פון אונדז, זיינע חזיונות און געראַנגל, פּשוטע איבערלעבענישן און

דערהויבענע געמיט־צושטאַנדן, שאַרפע ווידעראַנאַנדן און כישוף־קרייזן, פון וועלכע קיינער קען נישט אַרויס.

„פּופּציק לידער״ — זענען נישט גענוג, אַז דער העברעאישער לייענער זאָל דורך זיי דערקענען די גאַנצע רייכקייט פון ראַוויטשעס שאַפן, פון זיין פּאָעטישער פּערזענלעכקייט. מלך ראַוויטש איז אַ פּערזענלעכקייט, וואָס איז כסדר אין פלי צו אַ ווייטן הויך־פּונקט, וועלכן ער אַליין זעט און שטרעבט צו אים אַן אַנגעקוואָלענער מיט וויזיעס, מיט פילאָזאָפישע פראַגן און ענטפערס איבער די רעטענישן פון באַשאַף און הויפּט־פּראָבלעמען פון ייד און מענטש, פון היינטיקן דור און פון די קומענדיקע דורות. די אַלע געדאַנקען און עמאָציעס, וואָס שפּיגלען זיך אָפּ אין די העכערע ספערן פון פילאָזאָפישן טראַכטן, זענען דורכגעזאַפּט מיט לעבן, מיט אייגענע פאַרלוסטן און געווינסן, מיט שטורעמס און געוויטערס פון יידישן לעבן און אַלע לעזן זיי זיך אויף אין... לידער, וואָס בלענדן, באַצויבערן און טוען וויי.

אין דאָזיקן באַנד פּופּציק איבערגעזעצטע לידער איז פאַראַן די אַנונג וועגן דעם אַלעם, אָבער בלויז ווי אַ מיניאַטור פון אַ גרויסן פאַרבן־רייכן גאָרטן.

דאָך וועלן די פּופּציק לידער אין דער גלענצנדיקער איבערזעצונג פון א״ד שפּיר העלפן דעם העברעאישן לייענער צוצוקומען נענטער צום לאַנד פון דיכטער, צו דער סביבה און צו די קוואַלן פון זיין ליד, צו זיין טיפן באַנעמען דעם צער און פרייד פון דער וועלט, צו זיינע לעבנס־זעאונגען, וואָס ווערן דערגרייכט דורך נסיונות פון געמיט, דורך אומוועגן פון חלומות און באַרג־קלעטערנישן פון געדאַנק. דער גוטער לייענער וועט נאָך מסתמא דערגענצן דעם דיכטערס ווערק און פאַרנעמען זיין פּנימיותדיקע שטים. געהער דאָך ראַוויטש צו די דיכטער, וואָס נעמען אַריין דעם געניסער אין זייער קאָנפידענץ, באַוועגן אים אַריינצוועבן זיינע אייגענע פעדעם אין דעם געוועב פון סודותדיקער דורכזעעוודיקייט. און די הויפּט־מעלה פון שפּירס איבערזעצונגען איז, וואָס עס איז געבליבן אין זיי ראַוויטשעס כוח אונדז אַלעמען אָנצוצינדן און צו מאַכן פאַר שותפים, פאַר מיט־טענהער און מיטקלאָגער פון זיינע פילאָזאָפישע און סאַטירישע איבערטראַכטענישן און טענות, פון זיינע לירישע און נאַציאָנאַלע זעאונגען און תפילות.

יהודה הלויס געזאַנגען

יהודה הלוי געהערט צו די געשטאַלטן פון גרויסע שעפער אין דער וועלט־ליטעראַטור, וואָס זייער לעבן איז איינגעהילט אין לעגענדעס און מיר ווייסן זייער ווייניק פּרטים פון זייער לעבן און טויט. די לעגענדע זאָגט, אַז יהודה הלוי איז צעטראָטן געוואָרן דורך אַ טערקישן רייטער ביים קניען נעבן כותל המערבי און קושן די ערד, די הייליקע ערד פון ירושלים. עס הייסט, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין טאָלעדאָ, דרום־קאַסטיליע, אין דער צווייטער העלפט פון 11־טן יאָרהונדערט, אין יאָר 1075. ווען אין טאָלעדאָ האָט נאָך געהערשט די

אַנדאַלוזישע קולטור נישט געקוקט דערויף, וואָס אין יענער צייט האָט שוין דאָרט געקיניגט דער קריסטלעכער קעניג אַלפאָנס דער 6־טער.

לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, ווי היינריך היינע האָט עס אויסגעדיכטעט, איז יהודה הלוי שוין אין די יונגע יאָרן געווען באַרימט און אַרויסגערופן די באַוווּנדערונג פאַר זיין ווּנדערבאַרן פּאָעטישן טאַלאַנט. פאַראַן געוויסע אָנדייטונגען, אַז ער האָט געלערנט אין דער ישיבה פון יצחק אלפסי אין לוצענא. אין זיין פּאָעזיע איז אויפגעשטאַנען תחית המתים דאָס לשון פון די נביאים, דער כישוף פון תהילים, דאָס פייער פון ישעיהו און דאָס קלאָגן פון ירמיהו. צוזאַמען מיט אַן איבעראַשנדיקער עשירות פון בילד און וואָרט. ער האָט געזונגען וועגן ווײַן און ליבע, וועגן ליידנשאַפט און יסורים, וועגן פריינטשאַפט און איבער אַלעם, וועגן דער בענקשאַפט צו ציון.

ער איז געווען איינער פון די פילזייטיקע שעפערישע פּערזענלעכקייטן. פון פאַך אַ מעדיקער, האָט שטודירט די גרויסע גריכישע מעדיצינער און די מייסטער פון דער אַראַבישער מעדיצין. אין זיינע לידער באַקלאָגט ער זיך אויף דער דאָזיקער דערנידעריקנדיקער באַשעפטיקונג, פון וועלכער ער האָט, ווייזט אויס, נישט שטאַרק געהאַלטן. דער הויפּט־מאָטיוו אין זיינע פּאָעטישע שאַפונגען איז רעליגיעזע התרוממות. ווי היינע האָט געזונגען וועגן אים: „אַ ווונדערבאַרער גרויסער פייערזייל פון געזאַנג"... זיין דיכטונג איז פאַרשידנפאַרביק, נעמט אַרום דאָס מענטשלעכע לעבן און ווייזט, אַז ער אַליין האָט געלעבט זייער אינטענסיוו. זיין פּאָעזיע איז אַן אָפּקלאַנג פון זיין ברויזנדיקער נשמה און פון זיין פילאָזאָפישן דענקען.

זיין „כוזרי", אַ וויכטיק פילאָזאָפיש ווערק באַווייזט, אַז ער איז געווען זייער באַהאַוונט אין דער קלאַסישער און פילאָזאָפישער ליטעראַטור פון זיין צייט. ער דערציילט דאָרט די מעשה וועגן חלום פונעם מלך הכוזרים און פירט אַדורך דעם געדאַנק, אַז דער יסוד פונעם יהדות איז דער היסטאָרישער עבר פונעם יידישן פאָלק. די ראיות פאַר און קעגן חידוש העולם דאַרפן באַשטעטיקן, אַז אין אונדזער וועלט איז דאָ אַ ווונדערלעך וויסן און דאָס איבערצייגט דעם קעניג פון די כוזרים צו נעמען זיך לערנען מיט אַלע פּרטים די יידישע רעליגיע און זיך מגייר צו זיין.

דער אינהאַלט פונעם „ספר הכוזרים" איז אַ פילפאַרביקער. עס ווערן דאָרט באַרירט אַ סך טיפע פילאָזאָפישע פּראָבלעמען, אָבער עס זעט זיך אַרויס דער דיכטערישער וועלט־באַנעם, אַז יהדות איז עפּעס באַזונדערס, צו וועלכן עס פּאַסט זיך נישט צונויפצופּאָרן עס מיט פרעמדע פילאָזאָפישע באַהויפּטונגען. אין יענער צייט איז יהודה הלוי געווען דער איינציקער צווישן די יידישע געלערנטע, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט פאָרשן די וועלט־אַנשויאונג פון אונדזערע נביאים. אינטערעסאַנט איז דער רעיון, וועלכן ער פירט דורך אין ספר הכוזרי וועגן דער ווירקונג פונעם קלימאַט אויף דער פונאַנדערטיילונג פון דער מענטשהייט. ער איז דערמיט געגאַנגען פאָרויס מיט אַ זיבן הונדערט יאָר פאַר אונדזער מאָדערנער וויסנשאַפט און ער ווערט נישט מיד צו באַטאָנען די חשיבות פונעם לאַנד פאַר דער אַנטוויקלונג פון פאָלקס־גייסט. ער זאָגט, אַז

יעדע תורה, וואָס האָט אַ טענדענץ אויסצושפּרייטן זיך איבער אַלע לענדער און ראַסן, וואָס לעבן אין פאַרשידענע קלימאַטן, איז אויך איר מהות אַ קינסטלעכער און שטראָמט נישט פון קיין העכערן אמת. דערמיט זאָגט ער זיך אַרויס קעגן די מוסולמענישע און קריסטלעכע רעליגיעס, וואָס האָבן געזוכט צו דעראָבערן די וועלט. ווי פאַרשאַפן דערמיט בלויז אומזיסטע ליידן און יסורים. דעם אייביקייטס־יסוד פון דער יידישער אומה זעט ער אין דער וויטאַליטעט פונעם האַרץ. ישראל צווישן די אומות העולם איז ווי דאָס האַרץ פאַר די אברים. דאָס האַרץ איז דאָס שוואַכסטע און דאָס געזונטסטע פון אַלע אברים. אין אַ געוויסן זין איז ער געווען אַ פאָרויסגייער פונעם בעש״ט: „אויב די שמחה וועט אַריבער צום ניגון און צום ריקוד, איז עס עבודה און ווערט באַהאַפטן מיט געטלעכקייט״. ער האָט האַרמאָניש צונויפגעגאָסן דאָס עמפּירישע דענקען מיט השתפכות הנפש, מיט דער בענקשאַפט פון אַ פאַרליבטן און עס ווערט דערפאַר אַן אַפּאָטעאָז פון יהדות, דאָס יידישע פאָלק איז דאָס האַרץ פון דער וועלט, דעריבער האָט עס געליטן מער פון אַלע אין דער וועלט.

אין זיין היים־שטאָט טאָלעדא האָבן געלעבט געלערנטע, אָפּשטאַמיקע פון יענעם כוזרים־פאָלק, אויפן שטח צווישן דער וואָלגע און דאָן, וואָס איז בראש מיט זיין קעניג בולאַן, אין יאָר 740, אַריבער צום יידנטום. דאָס האָט וואַרשיינלעך באַשעפטיקט די פילאָזאָפן פון יענער צייט און גערייצט די פאַנטאַזיע און דעם פילאָזאָפישן געדאַנק פון ר׳ יהודה הלוי. זיין „כוזרי״ איז איינס פון די מערק־ווירדיקסטע ביכער אין דער מיטלאַלטערלעכער ליטעראַטור בכלל, טיף דורכ־געטראַכט און קינסטלעריש צונויפגעשטעלט, שטרענג צונויפגעבונדן צווישן זיך און פּאָעטיש אויפגעבויט. עס זענען פאַראַן אַ סך בעסערע ספרים פון יידישע געלערנטע, מיט מער ערודיציע, אָבער די גרויסע מעלה פון דאָזיקן ספר איז דער וויסנשאַפטלעכער טאַקט, די ברייטע קענטעניש אין אַנאַטאָמיע, ביאָלאָגיע און אַנדערע נאַטור־וויסנשאַפטלעכע געביטן, און דאָס נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט געהאַט אַ ביטול־באַציאונג צו דער גריכישער פילאָזאָפיע, וועלכע איז געקומען צום אויסדרוק אויך אין זיינע לידער. מען קען עס זען פון די ווערטער אין כוזרי: „הפילוסופים אין להאשים אותם, מפני שהם לא נחלו חכמה ולא תורה״ — באַשולדיקט נישט די פילאָזאָפן, זיי האָבן נישט געירשנט נישט קיין חכמה און נישט קיין תורה. זיין קעגנערשאַפט צו אַריסטאָטעלעס פילאָזאָפיע מאָטיווירט ער דערמיט, וואָס זיין באַהויפּטונג פון קדמות העולם שטיצט זיך נישט אויף טראַדיציע.

עס איז קלאָר, אַז ער איז געווען באַהאַוונט אין דער קלאַסישער און פילאָ־זאָפישער ליטעראַטור פון זיין צייט. אָבער איבער אַלעם האָט אים געצויגן צו דיכטונג. זיין נאַציאָנאַלע דיכטונג איז זייער פאַרצווייגט, די יידישע ליידן באַקלאָגט ער מיט די מעכטיקסטע טענער. גאַליקער פּעסימיזם און יאוש ראַנגלט זיך און ווערט באַזיגט דורך די מאָטיוון פון טרייסט און האָפענונג, פון אמונה אין נצח ישראל: „כנידה היתה תבל לפני״ — די וועלט איז אין מיינע אויגן ווי אַ נידה, וואָס מיינט פול מיט טומאה. אין זיין פאַרביטערונג קעגן גאָט שרייט ער אויס: „המאוס מאסתנו ואם ידך תקצר״ — צי זענען מיר דיר

גמאס געוואָרן און צי איז דיין האַנט קורץ? וואָס מיינט צי האָסטו פּשוט קיין כּוח אונדז צו העלפן. אַזעלכע און ענלעכע מאָטיוון ווייזן אָן אויף זיינע ספיקות און פאַרצווייפלונג און אפשר אויך כּפירה־שטימונגען, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעריסן פון זיין צעבראָכן האַרץ.

אין הלויס שירים זענען אויך דאָ רמזים אויף זיין גלויבן אין יידישן צוריקקער קיין ארץ־ישראל און אַז דאָס וועט צואיילן דעם פּראָצעס פון פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט. דאָס האָט מסתּמא דערפירט צו זיין באַשלוס עולה צו זיין קיין ארץ ישראל און אָנטיילנעמען אין אויפבויען דאָס לאַנד פון די אָבות. דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט סכּנות נפשות. זיינע פריינט האָבן אים אָפּגערעדט דערפון. מען זעט עס אין זיינע רייזע־שירים, בעיקר זיינע שירי הים, אין וועלכע ער האָט דערגרייכט די קולמינאַציע פון זיין פּאָעטישן שאַפן. עס באַצויבערן פּשוט די עפּיק, דער ליריזם און די מוזיקאַלישקייט.

די טעמעס פון הלויס לידער זענען: פילאָזאָפיע, מאָראַל, אמונה און משיח. אין יענער צייט זענען געווען שטאַרק פאַרשפרייט די משיח־שטימונגען. אין קאָרדאָווע האָט זיך דערקלערט פאַר אַ משיח, משה דראַי, וואָס איז געקומען באַפרייען די יידן. לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן איז אויך יהודה הלוי פאַרכאַפּט געוואָרן פון די גאולה־שטימונגען און אַן אַנטוישטער האָט עס אים געטריבן צום פאַרטיפן זיך איבערן מהות פון יידישן זיין אויף דער וועלט, איבער דער שפּלות און צעפּאַלונג. ביז ער איז געקומען צום אויספיר, אַז עס איז נישטאָ קיין אַנדערער וועג ווי עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. אין הייליקן לאַנד האָט ער געהאָפט צו געפינען דעם באַשייד צו אַלע פּראָבלעמען, וואָס האָבן אים געדריקט.

קיין פּרטים וועגן זיין נסיעה דערציילט נישט די געשיכטע. מיר לערנען עס בלויז פון זיינע לידער און בריוו, פון וועלכע מיר ווייסן, אַז ער האָט זיך אַ לענגערע צייט אויפגעהאַלטן אין אלעקסאַנדריע און אין קאַיר, אַז ער האָט געוואַנדערט אין מצרישן מדבר. אינטערעסאַנט וואָס די בריוו, געשריבן אין די עלטערע יאָרן, דערציילן וועגן זיין אומקערן זיך צו די טעמעס פון זיין יוגנט און באַזינגען די שיינע מיידלעך, אָבער דעם שטאַרקסטן אויסדרוק גיט ער זיין תּשוקה צו ארץ־ישראל, וואָס הערט זיך אַזוי מעכטיק אין זיין „ציון הלא תשאלי".

דער רמב"ם אין באַנייטן וויסנשאַפטלעכן קאָמענטאַר

אַ וואָגיק און וויכטיק ווערק פון ד"ר אליעזר שביד „עיונים בשמונה פרקים לרמב"ם". דאָס איז אַ ציקל אָפּהאַנדלונגען וועגן רמב"מס גרויסן ווערק, וואָס רופט זיך „שמונה פרקים", מען לערנט עס אין די ישיבות און אין די גימנאַזיעס ווי אַ ספר פאַר מאָראַלישער אויפפירונג, פאַר מעשים טובים אין

טאָג־טעגלעכן לעבן. אָבער דערביי איז מען נישט תופס דעם רמב״מס פילאָזאָפישע לערע בכלל, די תורת אלהות, וואָס שפּרייט זיך אויס אויף פאַרשידענע געביטן, און מיר קענען דאָ נישט באַהאַנדלען אַפילו קיין קלייניקן טייל פון זיי.

ד״ר אליעזר שביד, לעקטאָר פאַר יידישער פילאָזאָפיע אויפן ירושלימער אוניווערסיטעט, האָט גענומען אויף זיך דאָס באַנייטע קאָמענטירן די „שמונה פּרקים" און אויפקלערן דעם סינטעז צווישן דער יידישער טראַדיציע און אוני־ווערסאַלן געדאַנק, ווייל דער רמב״ם האָט די עצם דערקענטעניש באַטראַכט ווי אַ טייל פון דער געטלעכער עמאַנאַציע. דעריבער דאַרף דער מענטש אַזוי טייער האַלטן אָט די דערקענטעניש־פעאיקייט, ווי דעם גרעסטן אוצר, וואָס איז אים געגעבן געוואָרן.

עס איז אוממעגלעך קלאָרער און טיפער צו פאַרשטיין דעם רמב״מס הלכה־ווערק אָן דער פאַרבינדונג מיט זיין פילאָזאָפישן סיסטעם, וואָס קומט זיך טיילווייז צונויף מיט אַריסטאָטעלעסן, מיט אייניקע יידישע פילאָזאָפן, מיט רבי יהודה הלוי, מיט רבי בחיי אבן פקודה א.א., גייט זיך אָבער פונאַנדער אין אַ ריי פילאָזאָפישע באַגריפן, האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַריסטאָטעלעס מיינונג, אַז מאַטעריע האָט אייביק עקזיסטירט און די וועלט איז אַ קדמון און כאָטש דער רמב״ם איז געווען אַן אויסגעהאַלטענער ראַציאָנאַליסט, אַן אַריסטאָטעליאַנער, איז זיין אויסגאַנג־פּונקט געווען אַ שטרענג־רעליגיעזער, האָט געגלויבט, אַז „עס איז באַוויזן געוואָרן, אַז מאָראַלע האַנדלונגען העלפן צום אינטעלעקטועלן פּראָ־גרעס; אַז נאָר אַזעלכע, וואָס האָבן אַ ריינעם כאַראַקטער, זענען געזעצט און קאַלטבלוטיק, קענען זיך דערטראַכטן צו ריכטיקע באַגריפן. אַ סך מענטשן זענען אַזוי געפאָרעמט, אַז זיי קענען נישט זיין שלימותדיק" (מורה נבוכים).

דער פילאָזאָף, וואָס האָט תמיד הויך געהאַלטן דעם ווערט פון שטאָט און געזעלשאַפט און פאַרגעזעצט די מיינונג, אַז דער מענטש איז בטבע אַ פּאָליטיקער, אין אַריסטאָטעלעס גייסט, באַזירט אַפילו אַ ריי מצוות אויף אַ סאָציאַלן יסוד, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ נביא פון התבודדות ווען עס קומט צו דער לערע פון געטלעכקייט. בעת דער אינטעלעקטועלער קאָנטעמפּלאַטאָר קען נאָך בלייבן אַ סאָציאַלער מענטש, מוז דער וואָס דערגרייכט די מדרגה פון גאָט־התלהבות שטרעבן צו פאַראייניקן זיך, צום העכסטן גראַד באַהעפטונג מיט גאָט. אין דער ספערע איז נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג ווי נאָר די התבודדות.

דער התבודדות־אידעאַל פאַרנעמט אַ גרויס אָרט אין רמבמ״ם פילאָזאָפישער לערע וועגן העכסטער גאָט־דערקענטעניש און אין אייניקע אַספּעקטן קען מען געפינען אַן ענלעכקייט צו די יידישע מיסטיקער. דאָס האָט אַריינגעפירט אין אַ טעות אייניקע קאָמענטאַטאָרן פון רמב״מס לערע. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען אויס־צוטיילן דאָס ספּעציפישע און זעלבשטענדיקע פון רמב״מס רעליגיעזער פילאָ־זאָפיע, וועמענס הויפּט־פּרינציפּ איז פאַראַן אינעם ערשטן חלק מורה נבוכים: „עס איז נישטאָ מער ווי גאָט און די רעאַלע וועלט, און עס איז נישטאָ קיין אַנדער באַווייז אויף אים ווי נאָר די רעאַלע וועלט — צוליב דעם דאַרפסטו קענען די פאָרם און די רעאַלע נאַטור".

יעדע זאַך — לערנט אונדז דער רמב״ם — איז צונויפגעשטעלט פון מאַטעריע

און פאָרם. מאַטעריע איז די מעגלעכקייט אַנטדעקט צו ווערן. פאָרם איז דאָס אַנטדעקטע. פאָרם מיינט תכלית, די שטרעבונג, וואָס באַשטימט די אַנטוויקלונגס־טענדענץ. צום באַגריף תכלית האָט דער רמב״ם צוגעגעבן אויך דעם באַגריף כוונה, און דאָס תופס זיין די יסודות פון דער עקזיסטענץ מיט אירע געזעצן אין התגלות, וואָס געהערט נישט בלויז דער מעטאַפיזיק, נאָר אויך דער נאַטור־וויסנשאַפט, דער פיזיק. דערפאַר האָט דער רמב״ם דערקלערט די נבואה־דער־שיינונג ווי אַ נאַטירלעכע פאַסירונג פון דער דערקענטעניש. דער נביא קען די רעאַליטעט, פאַרמאָגט אַן אַנטוויקלטע פאַנטאַזיע, אינטואיטיווע זע־קראַפט און איז נישט תמיד מסוגל אָפּצוגעבן אַ לאָגישן דין־וחשבון איבער דעם אמת, וואָס ער האָט משיג געווען, כאָטש די געטלעכע עמאַנאַציע, וואָס שטראַלט אויס אויף דעם נביאס פאַנטאַזיע, גייט פריער דורך דעם שכל, איז ער אָבער נישט אימשטאַנד אָנצווייזן די פאָר־הנחה, פון וועלכער דער אמת פליסט אַרויס. דאָס שליסט אָבער אויס די נבואה פון משהן, וועלכער „האָט משיג געווען דאָס, וואָס קיינער, נישט פאַר אים, נישט נאָך אים, האָט נישט משיג געווען״. משהס גרויסקייט איז אין דער תורה, נישט אין געבן די תורה, נאָר אין קבלת התורה, אין דעם משיג זיין זי.

תורה איז סאָציאַלע געזעצגעבונג און איר געטלעכער כאַראַקטער דריקט זיך אויס אין דעם וואָס די געזעצן באַגנוגענען זיך נישט מיטן בלויזן אָפּהיטן נישט איבערצוטרעטן די גרענעצן, נאָר שטעלט צו דעם מענטש די הצטרכותן הן פאַרן גוף, הן פאַר דער נשמה, אַלע מענטשלעכע באַדערפענישן. נאָר משה איז געווען בכוח צו אַנטפּלעקן דעם גורל פון די העכסטע ווערטן און איבערגעזעצט די אַלערליי טעטיקייט־מאָדוסן אויף דער שפּראַך פון מענטשלעכער מאָראַל און סאָציאַלן געזעץ און איז אַ נאַטירלעכע דערגענצונג צו דער וויסנשאַפטלעכער השגה. די רעליגיעזע עמפּינדונג איז נישט דער מקור פון דער דערקענטעניש. נאָר אַ קאָנסעקווענץ פון דעם וויסן און די אמונה איז דערפאַר נישט קיין מקום מקלט פאַר עם־הארצות. זי איז אַ רעזולטאַט פון וויסן. דער רמב״ם, וועלכער האָט געשאַפן די יידישע הלכה, האָט געהאַט אַ וועלט־אַנשויאונג פון אַ פרייעם ייד, דורכן אַרויסשטעלן דעם אינטעלעקט ווי אַ יסוד־ווערק האָט דער רמב״ם משיג געווען די אחדות האלוהים און די אחדות פונעם מענטשלעכן לעבן. ווי דאָגמאַטיש ער איז געווען ווי אַ בעל־הלכה, האָט ער זיך דאָך נישט אָפּגעזאָגט פון דער פרייער שכלדיקער דערקענטעניש. ער האָט מיט גרויס אייפער געקעמפט קעגן אָבערגלויבנס, וואָס זענען געווען פאַרשפּרייט אין יענע צייטן. פונקט ווי אין זיינע תלמודישע און אַסטראָנאָמישע ווערק איז ער אויך אין דער מעדיצין געווען אומאָפּהענגיק, מיט אַ קריטישן צוגאַנג און מיט דער זעלבער גאונות, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן אין דער פילאָזאָפיע.

ד פון דער אייראָפעאישער ליטעראַטור

ביאָגראַפיעס פון גאונים

די וועלט פונעם קינסטלער איז פול מיט סודות און מיט רמזים, רייך אין אינטענסיווע איבערלעבונגען, און איז אַ ווונדערבאַרע טעמע פאַר ביאָגראַפישע ראָמאַנען, וואָס האָבן מסתמא דערפאַר די לעצטע יאָרן אין אַמעריקע געשלאָגן אַלע רעקאָרדן. הונדערטער ביאָגראַפישע ראָמאַנען, וואָס שילדערן דאָס לעבן פון שרייבער און מאָלער, פון גרויסע אַקטיאָרן און אַנדערע באַרימטע פּערזענלעכקייטן אויף די געביטן פון וויסנשאַפט און פּאָליטיק האָבן זיך אין משך פון די לעצטע יאָרן באַוויזן אויפן ביכער־מאַרק און גאָר אַ סך פון זיי זענען אַ רעזולטאַט פון לאַנגיאָריקע פסיכאָלאָגישע פאָרשונגען אויפן סמך פון אויטענטישע פאַקטן. דאָס זענען ס׳רוב וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן, געשריבן מיט אַ סך ליטעראַרישן טאַלאַנט. עס איז דער איינדרוק פון אַ מעכטיקן שאַפונגס־אימפּעט. וועלכער קען בייקומען אַלע שוועריקייטן און שטערונגען, די דרויסנדיקע אַזוי גוט ווי די אינעווייניקסטע און עס ווערט באַנוצט אין זיי דער מעמאַד פון קאָנטראַסטן, שטילע אידעאַלן אויפן עקראַן פון העכסטער שטורעמדיקער אַקטיוויטעט ; הערגאָיש־פאַנטאַסטישע אָדער דעמאָנישע פיגורן — אין קאָרי־קאַטור פון גרויען לעבנס־שטייגער, און דאָס אַלץ דורכאויסיקע אויטענטיק. דערפאַר טאַקע ווערט אונדזער תקופה כאַראַקטעריזירט דורך די ליטעראַטור־קריטיקער ווי די תקופה פון אַנטי־פיקציע.

וועגן מאַרק טוועין זענען שוין געשריבן געוואָרן הונדערטער ביכער, ביאָגראַפישע און קריטישע אָפּהאַנדלונגען. טוועין איז געווען זייער אַ פאַרביקע געשטאַלט, אַ דערציילער, סאַטיריקער און הומאָריסט, אַ פאַרלעגער און דרוקער, אַ רעפּאָרטער און דערפינדער, אַ שלעכטער סוחר און אַ געפּערלעכער שיכּור, אַ פשוטער אַוואַנטוריסט און אַן אָטעם־פאַרכאַפּנדיקער גאון. די טעמע איז דערפאַר אַ דאַנקבאַרע און י. קאַפּלאַן, דער מחבר פון „מיסטער קלעמענס און מאַרק טוועין״ האָט צו זיין דיספּאָזיציע געהאַט רייכע קוואַלן פונוואַנען צו שעפן די מאַטעריאַלן פאַר זיין אינטערעסאַנטן בוך.

קאַפּלאַן האָט צונויפגעזאַמלט אַ ריזיקן אוצר פון מאַטעריאַלן. טוועין האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך טויזנטער בריוו, דאָקומענטן, אויסשניטן, האָט פאַרצייכנט אָן אַ שיעור נאָטיצן וועגן זיך אַליין, וועגן באַגעגענישן, געזעלשאַפטלעכע פּאָסירונגען און אויסערגעוויינלעכע געשעענישן. אין יאָר 1910 האָט נאָך טוועין אַליין געמאַכט אַ קאָנטראַקט מיט זיין אָפיציעלן ביאָגראַף אַלבערט ב. פּעין, אָבער איבערגעגעבן אים נאָר אַ קליינעם טייל פון זיינע מאַטעריאַלן. זיינט דעמאָלט איז שוין אַנטשטאַנען וועגן אים אַ ריזיקע ליטעראַטור, איבער אַכט הונדערט פּאָזיציעס. קאַפּלאַנס אויפגאַבע וואָלט זיך דערפאַר געקענט אויסווייזן פאַר גאָר אַ גרינגע. דער אמת איז אָבער, אַז אין אַזאַ ים פון מאַטעריאַלן איז

גריינג דערטרונקען צו ווערן און נישט באַווייזן אַרויפשווימען מיטן אייגענעם פּאַנג.

אַזוי האָט מען טאַקע פאַרויסגעזאָגט קאַפּלאַנען ווען ער האָט אַוועקגעוואָרפן זיין דירעקטאָרישן פּאָסטן אין דער באַקאַנטער אַמעריקאַנער פירמע „סימאָן און שוסטער" און האָט זיך צוריקגענומען צו זיינע אַמאָליקע שטודיען איבער מאַרק טווען. מען האָט געהאַלטן, אַז עס איז שוין נישטאָ וואָס מחדש צו זיין אין דער ביאָגראַפיע פונעם גרויסן שרייבער.

סעם קלעמענס קאַנטר מאַרק טווען

קאַפּלאַן האָט אָבער באַוויזן איבערצוראַשן קאָנצענטרירנדיק זיך אויף מאַרק טווען דעם מענטש. די רייכע ליטעראַרישע ירושה האָט אים געדינט נישט מער ווי אַן אויסגאַנגס־פּונקט פאַר זיין פאַרביקער פערזענלעכקייט און דאָס אויך נישט תמיד. דערפאַר לייענט זיך דאָס בוך מיט אַ פיל גרעסערן אינטערעס פון אַלע ביז־איצטיקע ביאָגראַפיעס.

מיר זעען דאָ טווענען ערשט ווען ער ווערט אַלט 31 יאָר, ווען ער גרייט זיך, אַלס סעם קלעמענס, צו דער רייזע קיין אייראָפּע און לענדער פון נאָענטן מזרח. קאַפּלאַן שטעלט פעסט אין זיין אַריינפיר, אַז מאַרק טווען אַליין איז געווען דער בעסטער ביאָגראַף פון זיין אייגענער קינדהייט. פאַר זיין אַוויפגאַבע האָט קאַפּלאַן דעריבער געהאַלטן צו ווייזן טווענען אַלס רייפן מענטש, וואָס אַנטדעקט אין זיך די מעגלעכקייטן פון אַ סאַטיריקער אויף אַ וועלט־פאַרנעם, אָבער באַמערקט נישט אין זיך די סימפּטאָמען פונעם פאַרניכטנדיקן דואַליזם, וואָס איז שפּעטער געוואָרן די קללה פון זיין לעבן.

זייענדיק אַן אויסגעצייכנטער שרייבער איז ער אָבער געווען אַ שלעכטער סוחר און געהאַלטן האָט ער זיך פאַר אַ גוטן פינאַנסיסט, אונטערגענומען גרויסע געשעפטן און די שווערע דורכפאַלן, וואָס ער האָט געליטן, האָבן צעטרייסלט זיינע נערוון, שיעור נישט דערפירט אים צו מאַנאָמאַניע.

מאַרק טווען איז געווען דער גרעסטער שרייבער אין דעם נייעם אַמעריקע, אָבער אַלס סעם קלעמענס האָט ער ווי פאַרגעסן אין זיין טאַלאַנט, אפילו אָפּגעשטופּט אים, מיט סוחרישער ברוטאַלקייט, אַן אַ זייט און זיך אַוועקגעלאָזט שווימען אין ווירוואַר פון פינאַנסיעלע טראַנזאַקציעס, ביי וועלכע ער האָט שטענדיק פאַרלוירן די הויזן. דאָס וואָס ער האָט פאַרדינט פון זיינע ליטעראַרישע ווערק, האָט ער פאַרלוירן אין די סוחרישע געשעפטן. דער שפּעפער פון דער פּרעכטיקער דערציילונג „יענקעס אויפן קעניג אַרטורס הויף", פון הונדערטער רירנדיקע נאָוועלן, אַרטיקלען און הומאָרעסקעס, וואָס האָבן מיט אַזוי פיל גרויסקייט אויסגעמאָלן דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן, איז געווען אַזוי קליינ־ווזקסיק און נעבעכדיק, אַזוי ליידיק און פּרעטענציעז אין זיינע געשעפטן.

די וועלט פון זיין פאַרשטעלונג איז געווען אַזוי גרויס אין פאַרגלייך מיט דער וועלט פון זיין ממשות, אַז אָפּטמאָל נעמט עס אויסקוקן ווי אַ וויץ, אָבער

דער באַנקראָט פון זיין פאַרלאַג און פון די אַנדערע אונטערנעמונגען איז געווען ממשותדיקעווירקלעכקייט און געברענגט אויף אים נויט און יסורים. זיין היס־טעריש ווייב און נעוראַסטענישע טאָכטער האָבן אים די רעשט צעבראָכן און צעטרייסלט זיין פסיכישן צושטאַנד.

הומאָר איז ווי די פרוי

נעמענדיק פאַר אַן אויסגאַנגס־פונקט דעם דואַליזם קלעמענס־טווען, מאָלט קאַפּלאַן די אויסערגעוויינלעכע, אין אַזעלכע באַדינגונגען, אַנטוויקלונג פון סאַטירישן טאַלאַנט, נישט־דורכשניטלעכן וויץ פון אַ מענטש, וואָס בייגט זיך אונטער דער משא פון מאַטעריעלע זאָרגן און דערשיטערונגען.

עס איז אַ מערקווירדיקע זאַך מיט הומאָר. ער איז ווי די פרוי, לויט דעם קלוגן אַראַבישן ווערטל; ער איז ווי אַ שאָטן: אַנטלויפסט ווען מען יאָגט אים נאָך, גייט נאָך געטריי, ווען מען קוקט זיך גאָרנישט אום אויף אים. די גרעסטע הומאָריסטן זענען דאָך גאָרנישט געווען די, וואָס האָבן געוואָלט מאַכן לאַכנדיק, פריילעך. מאַרק טווען האָט געוואָלט זיין ערנסט, טיף, ביטער, סאַרקאַסטיש, אויפקשטעלן אַ קרומען שפּיגל און יעדער, וואָס גייט פאַרביי, זאָל זיך און אַנדערע זען אין אַזאַ מערקווירדיק פאַרדרייטער, פאַרקרימטער געשטאַלט, אַז ער זאָל מוזן לאַכן. ליגט אין דעם געלעכטער אויך אַ פחד?

ברוקס, אין זיין שטודיום איבער טווענען, שטרייכט אונטער, אַז אונטער דער מאַסקע פון הומאָר האָט טווען באַהאַלטן זיינע רעפאָרמאַטאָרישע אַמבי־ציעס. דע וואָטאָ איז נישט מסכים מיט ברוקסן און האַלט, אַז טווענס הומאָר איז געווען דאָס שאַרפסטע געווער פון אַ רעפאָרמאַטאָר. קאַפּלאַן גייט צו צו טווענס הומאָר פיל פשוטער: דאָס איז געווען אַ מתנה פון גאָט, אַ לאַכן, וואָס הילכט ביז אין די שפּעטע דורות און ווייטע לענדער. ער האָט געשאַפן אַ וועלט פאַר זיך, אַ קוריאָזע, אַ פאַנטאַסטישע און דערפאַר אַן אוממענטשלעכע און איינגן־געזעצלעכע, אין דער צייט וואָס ער אַליין איז געווען צעבראָכן און צעטיילט אין צווייען. דער מחבר פון „טאָם סאָיער" איז נישט דער פון „יאַאַנאַ ד'אָרס", די רירנדיקע שאַפונג „הוקלבערי פין" האָט נישט קיין שום שייכות מיט דעם באַרימט־געוואָרענעם פאָרנאָגראַפישן טראַקטאַט, וואָס איז געוואָרן אַ מוסטער פאַר העברי מילערן.

חוץ דעם האָט מאַרק טווען געשאַפן אויף פאַרשידענע פלאַטפאָרמעס, האָט געשריבן אַ סך שלעכטע זאַכן, בלויז כדי צו פאַרדינען וואָס מער געלט און אַריינלייגן עס אין די אידיאָטישע באַנקראָט־געשעפטן, האָט געפירט ראָמאַנטישע ליבעס און אָפגעגעבן זיך מיט די נידעריקסטע זונות. אין סאַן־פראַנציסקאָ איז ער געזעסן אין תפיסה פאַר אַוואַנטוריסטישע געשלעגן מיט פראָסטיטוטקעס. נאָך דער חתונה מיט דער פילבאַרער אָליוויאַ לאַנגדאָן איז ער געוואָרן אַ מוסטערהאַפטער מאַן און באַלד ווידער זיך אַריינגעלאָזט אין אַפערעס און שיכורע אַוואַנטורעס, וואָס האָבן צעבראָכן אין אים דעם קינסטלער. אָט האָט

ער אויסגעזען צו זיין דער ציטערדיקסטער, נערוועזסטער נערוון־אינסטרומענט פון גאַנץ אַמעריקע און אַט האָט ער גאָר גענומען פאַרעפנטלעכן נאַרישע פּלאַפּלעריי, וואָס האָט נישט קיין שום שייכות מיט קונסט.

פאַלן — וועג צו באַפרייאונג

קאַפּלאַן זעט טווענען אין זיין גאַנצער גרויס, צו־טיף אויף אַריינצוגיסן זיך אין אַ פאָרעם, צו־אומגעלומפּערט אויף צו האָבן פאַר די אויגן אַ קלאָרן וועג. אין אַלע אַוואַנטורעס און אַפּערעס, וואָס ער מאַכט אַלס סעם קלעמענס, איז פאַראַן דער ווילן צו באַפרייען זיך פון דעם קינסטלער, אָבער דווקא אין די געשעפטן איז פאַראַן מער נאַיוויטעט ווי אין די קינסטלערישע ווערק. מיט דער צעריסנקייט, צעצווייגטקייט און נישט־קענען לעבן, מיטן טראַגישן סוף פון זיין יעדער אונטערנעמונג, איז ער דאָך דער שריפטשטעלער פון זיין צייט. דער דואַליזם איז אפשר דער זעלבער ווילדער פאַרלאַנג צו אַנטלויפן פון דער גרויער טאָג־טעגלעכקייט, אַראָפּלאָזן זיך אין תהומות, כדי צו דערהויבן זיך ערגעץ הויך, נאָר ער ווייסט אַליין נישט ווו, ווייסט נישט ווו מען קען פאַלן און ווו מען קען זיך דערהויבן.

פאַלן — איז אויך אַרויספאַלן פון דער קייט, פון דער ליניע, איז אַ מין באַפרייאונג, אָדער, ריכטיקער, אַ וועג צו באַפרייאונג. אָבער ער פאַלט און קען זיך נישט דערהויבן און בלייבט נאָך עלנטער, נעבעכדיקער ווי פריער. „איך שטיי אין אַ קרייז פון כישוף — זאָגט מאַרק טווען אין זיין אויטאָביאָגראַפישער נאָוועלע, טרייסלענדיקע אילוזיעס״ — „ערשט נעכטן בין איך געווען אַ קבצן און היינט בין איך ווערט מיליאָנען״. ער ווייסט אָבער, אַז דאָס אַלץ איז נאַריש־קייט, אַז עס איז נישטאָ קיין קרייז און נישטאָ קיין כישוף, אַז עס איז פאַראַן בלויז אַ וועלט פון טרייסלענדיקע אילוזיעס.

דעם גאונס פּריוואַט לעבן

מיט גרויס שפּאַנונג איז דערוואַרט געוואָרן דאָס בוך פון זשאַן רענואַר וועגן זיין פאָטער, איינער פון די גרעסטע פראַנצויזישע מאָלער ביים סוף פון פאַריקן יאָרהונדערט. ערשט עטלעכע חדשים ווי דאָס בוך איז דערשינען אין פראַנקרייך און עס איז גלייך איבערגעזעצט געוואָרן אין פאַרשידענע שפּראַכן. מען האָט דערוואַרט צו דערוויסן זיך פונעם דאָזיקן בוך סודות פונעם פּריוואַטן לעבן פון דאָזיקן גרויסן מייסטער, וועלכער האָט נישט אויפגעהערט צו מאָלן זיינע באַרימטע קונסט־ווערק אפילו ווען ער איז שוין געווען האַלב־פּאַראַליזירט, מיט אויסגעקרימטע הענט און פיס דורך דעם שווערן רעוומאַטיזם, וואָס האָט אים ביז זיינע לעצטע טעג צוגעשמידט צו דער שטול אויף רעדלעך.

דער שריפטשטעלער דזשאָן פּריסטלעי האָט לעצטנס אין אַן אינטערוויו מיט אַן אַמעריקאַנער זשורנאַליסט געזאָגט, אַז אין אַנבליק פון די זכרונות, וואָס קינדער שרייבן וועגן זייערע גרויסע טאַטעס, איז אַ געפאַר צו געבוירן קינדער. נאָכן טויט באַשולדיקן זיי זייערע טאַטעס אין אַלע שוואַכקייטן און מיאוסע זייטן פון זייער לעבן. דאָס רייצט דעם לייענער און דערפאַר פאָדערן עס די פאַרלעגער פון די מחברים. זשאַן רענואַר איז נישט געגאַנגען אויפן דאָזיקן וועג. ער שטרייכט אונטער, אַז ער האָט אין משך פון פופציק יאָר בכוונה זיך אָפּגעהאַלטן פון שרייבן די זכרונות, כדי זיי זאָלן אין דער דיסטאַנץ פון דער צייט אַרויסקומען אָביעקטיוו און ערלעך, אָן אומזיסטע טענות און אָן איבערגעטריבענער פאַרערונג.

איצט איז זשאַן רענואַר שוין אַלט 70 יאָר און שרייבט וועגן פאָטער, וועלכן ער האָט נענטער דערקענט ערשט ווען ער איז געווען אין זעלבן עלטער. ער איז מודה, אַז ער האָט דעם פאָטער נענטער דערקענט ערשט אין די יאָרן 1916־1915. דעמאָלט איז דער גרויסער מייסטער אַלט געווען 75 יאָר און דער זון, זשאַן, 21. ווען ביידע זענען געווען קראַנק, האָט אים דער פאָטער דערציילט וועגן זיין לעבן, ליבע און פריינטשאַפט, וועגן זיין קונסט און לעבנס־אָנשויאונגען

פאַקטן, פאַסירונגען — בילדן נאָך נישט קיין לעבן פון אַ גאון. דער מחבר פון די זכרונות, אַ באַקאַנטער פראַנצויזישער פילם־רעזשיסער, גיט זיך אָפּ אַ חשבון, אַז די שאַפונגען פון זיין גרויסן פאָטער דערציילן מער און בעסער פון דעם וואָס ער ווייסט וועגן זיין פּריוואַט־לעבן. ער האָט סוף־כל־סוף דעם פאָטער ווייניק געקענט און האָט דערפאַר באַשלאָסן צו עפענען די משפחה־אַרכיוון און דורכפירן אַ גרינטלעכע פאָרשונגס־אַרבעט. ער האָט געזוכט די הילף פון דעם פאָטערס משרתים און מאָדעלקעס, פון זיינע פריינט און זשורנאַליסטן פון יענער צייט. אים איז אָבער שווער געווען צו געפינען צווישן זיי עלטערע פון זיך. מערסטנס האָט זיי אויך געפעלט די וועזנטלעכע פאַרשטענדעניש פאַר דער אויסערגעוויינלעכער קינסטלערישער דערשיינונג, וואָס טראָגט דעם נאָמען אויגוסט רענואַר.

די טיפערע איבערלעבענישן פונעם גאון, זיינע ליידנשאַפטלעכע ראַנגלעניש אויף די פלאַקערן פון זיין קונסט — קען מען זיך פונעם דאָזיקן בוך נישט דערוויסן. עס איז בלויז דאָ די פאָן פון זיין משפחה־לעבן. מיר דערוויסן זיך דאָ ווי פאַלש עס איז געווען די פאָרשטעלונג, וואָס מען האָט געהאַט וועגן אים דורך זיינע בילדער. קיינער פון די באַרימטע מאָלער האָט נישט געמאָלן אַזוי פיל נאַקעטע פרויען ווי אויגוסט רענואַר. עס האָט זיך דערפאַר ביי אַ סך געשאַפן דער איינדרוק, אַז ער איז געווען אַ געפערלעכער דאָן־זשואַן, וואָס האָט זיך דאָס גאַנצע לעבן געיאָגט נאָך פרויען. עס ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז ער האָט קיין איינמאָל נישט פאַראַטן זיין פרוי און איז שטענדיק געווען איבערגענומען מיט איבערגעטריבענער זאָרג פאַר זיינע קינדער; האָט זיך געקלאַמערט אין אַלע קאָנסערוואַטיוו־מאָראַלישע פרינציפן און געהאַט טענות צו פאַסטערן פאַר זיין דערפינדונג, וואָס דערפירט צו אַ נישט געוווּנטשענער איבערבאַפעלקערונג פון מענטשן אין דער וועלט. ער האָט געהאַלטן, אַז אַ פרוי,

וואָס זאָגט זיך אָפּ פֿון דער קינד־אַרבעט, פֿון וואַשן וועש, פּאַדלאָגעס, וועגעטירט, פֿאַרלירט איר ווידערשטאַנד־קראַפֿט קעגן קראַנקהייטן און... שטאַרבט.

רענואַר האָט געהאַלטן, אַז יעדע עכטע דאַמע מוז פֿאַרמאָגן די פֿעאיקייט צו זיין אַ דינסט. אַנדערש פֿאַרלירט זי איר פֿרויען־ראָל. דערפֿאַר איז ער געווען קעגן געבן פֿרויען גלייכע רעכט מיט די מענער, ווייל דאָס מאַכט פֿון זיי אומגליקלעכע באַשעפֿענישן. ער האָט זיינע באַגריפֿן וועגן דער שיינ־קייט פֿון דער פֿרוי אויסגעדריקט אין זיינע בילדער. אָבער די קריטיקער האָבן וועגן אים געשריבן: „...ער מיינט, אַז אַ פֿרוי איז אַ פֿוילנדיקער קערפּער”. דאָס האָט אים אָבער נישט אָפּגעשראָקן און אפֿילו פֿאַר אַ ווייב האָט ער זיך אויס־געקליבן אַ פֿרוי, וואָס איז געווען ענלעך צו די מאָדעלן פֿון זיינע בילדער. ער האָט געלערנט זיין זון, ער זאָל אויסמיידן דאַרע פֿרויען מיט הויכע שטערנס, וואָס זענען פֿאַרדעכטיקט אין אינטעליגענץ. „מיך אינטערעסירט נישט, וואָס עס טוט זיך ביי זיי אין קאָפּ. איך דאַרף האָבן וואָס צו זען און אָנצוטאַפּן”.

רענואַר האָט זיך באַמיט איבערצייגן זיינע פֿריינט, אַז די שענסטע זאַך אין דער וועלט, איז דער פֿולער קערפּער פֿון אַ פֿרוי. ער האָט געפּלעגט אָנוואַרפֿן די פֿאַרבן מיט פֿאַרקײלעכטיקטע באַוועגונגען, ווי ער וואָלט געמאָלן ברוסטן פֿון אַ פֿרוי.

ער איז שוין אַלט געווען פֿערציק יאָר ווען ער האָט זיך פֿאַרליבט אין דער ניינצן־יאָריקער עלען, אַ פּשוטע נייטאָרין, וואָס האָט איר באַשלוס חתונה צו האָבן געמאַכט אָפּהענגיק פֿון קינדער־האָבן. רענואַרן האָט געשווינדערט פֿונעם געדאַנק, אַז ביי אים אין שטוב וועט וויינען אַ קינד און מען וועט טריקענען ווינדעלעך. ער איז אַוועק קיין צפֿון־אַפֿריקע, ווו ער האָט געוואָלט פֿאַרגעסן אין זיין ליבע. אָבער זי איז געווען שטאַרקער און ער האָט זיך גלייך אומגעקערט קיין פּאַריז, חתונה געהאַט און זיין ווייב האָט אים געבוירן דריי זין.

זי האָט זיך ווירקלעך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַן אידעאַלע פֿרוי. ווען זי איז קראַנק געוואָרן אויף דער צוקער־קראַנקהייט, איז נאָך קיין אינסולין נישט געווען. זי האָט געוווּסט, אַז זי גייט שטאַרבן, האָט עס אָבער נישט דערציילט איר מאַן, כדי אים נישט צו שטערן אין דער אַרבעט. ביזן לעצטן טאָג פֿון איר לעבן האָט זי שווער געהאָרעוועט אין שטוב און אין גאָרטן. רענואַר איז איר זיין גאַנץ לעבן געבליבן טריי. „אַלע פֿרויען — האָט ער געזאָגט — זענען ענלעך איינע צו דער אַנדערער, האָבן נאָר אַנדערע משוגעתן, צו וועלכע עס איז שווער זיך צוצוגעוווינען און דערפֿאַר האָט נישט קיין זין צו טוישן די פֿרוי. סיי ווי סיי זוכט דער מאַן איין באַשטימטן טיפּ פֿון דער פֿרוי”. ער האָט אָבער ליב געהאַט פֿרויען־געזעלשאַפֿט, בתנאי, זיי זאָלן נישט זיין קיין אינטע־לעקטואַליסטינס, נישט וועלן פֿירן קיין טיפֿע שמועסן.

ווען זשאַן איז צוריקגעקומען אַ פֿאַרוווּנדעטער פֿון פֿראָנט האָט די מוטער שוין נישט געלעבט. דער פֿאָטער האָט אין די אָוונטן נישט געאַרבעט, ווייל ער האָט נישט פֿאַרטראָגן קיין קינסטלעך ליכט און פֿלעגט שעהן שמועסן מיטן זון, וואָס האָט אים דערציילט וועגן די גרוילן פֿון דער מלחמה און דער פֿאָטער — וועגן ליבע און האַס, וועגן מאָלעריי און אַלעם, וואָס איז אים געקומען אויפֿן

געדאַנק. ער איז געווען אוממיטלבאַר, געזוכט מאָראַל אין דער קונסט, געשטרעבט צו פאַרוואַנדלען זיין ענערגיע אין מייסטערווערק. ווען דער דאָקטאָר, וואָס איז ספּעציעל אַרויסגערופן געוואָרן פון ווין, אַנערקענט, אַז ער מעג שוין, נאָך צוויי יאָר, פּרוּוון גיין, פאַלט ער נאָך עטלעכע טריט צוריק אויף זיין רעדער־שטול און באַשליסט, אַז אַנשטאָט אָנצושטרענגען זיינע כּוחות אויף גיין, וועט ער זיי בעסער אָנווענדן צום מאָלן, איז מער ביזן טויט נישט אויפגעשטאַנען און ביז צו דער לעצטער מינוט געמאָלן.

וועגן צוועק, סיסטעם, אידעאַל, זין, אָרדענונג האָט ער גערעדט אָן שום פּאַרטיפּטקייט. דער אידעאַלער מענטש דאַרף אין זיין לעבן נישט לייענען מער ווי איין בוך. זיין איינציק בוך איז געווען ראַבלע, וועלכן ער האָט געלייענט יעדן טאָג. ער האָט נישט פאַרטראָגן וואַגנערס מוזיק, ווייל זי איז לאַנגווייליק און עס איז אַ פאַרברעכן צו פאַרמאַכן מענטשן אויף דריי שעה אין אַ טונקעלן זאַל. די מענטשהייט וועט סוף כּל סוף דערגיין צום אמת, הגם דורך פּיראַמידן טויטע קערפּערס און דורך רואינען פון שטעט און לענדער.

רענואַר האָט געהאַט אַ סך יידישע פריינט, פּונקט ווי זיין פאָטער דער שניידער. ווען ער איז אַלט געווען דרייצן יאָר האָט אַ מוזיקער געפּרוּווט אים באַאיינפלוסן, ער זאָל ווערן אַן אָפּערע־זינגער. אָבער דער ייד לעווי האָט אים צוגערעדט, ער זאָל זיך נעמען צו מאָלעריי, איז געוואָרן ביי אים אַ געזעלן אין זיין פאָרצעליי־וואַרשטאַט און געמאָלן. אין דער פרוי לעווי האָט ער געזען דעם אידעאַל פון אַ צוציענדיקער פרוי. ער האָט שפּעטער דעם זון דערציילט די מעלות פון איר פולער פיגור און איר ליבע, וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען צו געניסן.

אין ליבע זעט רענואַר אַן אָביעקטיוו קאָסמישן עלעמענט. ליבע איז אַ פיל גרעסערער כּוח פונעם ציל צו פלאַנצן נייע גענעראַציעס. בלויז אַ קלייגער טייל פון דעם אומענדלעך־גרויסן געפיל ווערט אויסגענוצט פאַר סעקס־צוועקן. די גאַנצע איבעריקע ליבע־ענערגיע גייט איבער אין קרעאַטיווער שאַפונג. אַלץ אין אונדזער וועלט האָט צו פאַרדאַנקען יענע ריזיקע סכומים ענערגיע פון ליבע. אַלץ אין דער נאַטור איז אַ פּראָדוקט פון אָט דעם ליבע־געפיל.

סימאָן דע באָוואַר און סאַרטער

די פראַנצויזישע שרייבערין סימאָן דע באָוואַר, וועלכע איז געוואָרן אַזוי באַרימט מיט איר ראָמאַן „די מאַנדאַרינען”, האָט דערנאָך ווידער אויפגערודערט די ליטעראַרישע וועלט מיט דעם צווייטן באַנד פון איר אויטאָביאָגראַפיע, וואָס טראָגט דעם נאָמען „דער קולמינאַציע־פּונקט פונעם לעבן”. דאָס איז דער המשך פונעם ערשטן באַנד „זכרונות פון אַ דיסציפּלינירטער טאָכטער” און די שרייבערין שילדערט דאָ איר פילאָזאָפישע אַנטוויקלונג און די שווערע קריזיסן, וואָס זי האָט דורכגעמאַכט זינט דעם יאָר 1929 ביזן סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אַלט זייענדיק 21 יאָר איז סימאָן דע באָוואָר געקומען קיין פּאַריז שטודירן פילאָזאָפיע און האָט זיך דעמאָלט באַקענט מיט דעם יונגן פילאָזאָף זשאַן פּאָל סאַרטער, וואָס איז שפּעטער אויסגעוואַקסן און געוואָרן דער כהן גדול פונעם עקזיסטענציאַליזם. אויסערלעך האָט סימאָן נישט געפונען אין אים קיין שום צוציִענדיקס, דאָך איז זי מיטגעריסן געוואָרן מיט זיינע געניאַלע געדאַנקען און גרויסן טאַלאַנט צום שרייבן. זי האָט אים ליב באַקומען צוליב אַלץ וואָס האָט אים אונטערשיידט פון דעם אַרום.

זי האָט זיך שטיל איינגעוויקלט אין איר ליבע און די באַציאונגען צווישן ביידן האָבן זיך אַנטוויקלט אויף אַן אויסטערלישן און אינטערעסאַנטן אופן. עס האָט נישט געטאָרט דערמאָנט ווערן קיין וואָרט וועגן געטרייקייט. יעדער באַגריף פון פאַמיליע־לעבן איז געווען טריפה. ביידע זענען געווען איינשטימיק, אַז זיי טאָרן נישט חתונה־האָבן, ווייל דאָס וועט זיי שטערן צו דער פולער אַנטוויקלונג פון זייערע מעגלעכקייטן און האָבן דערפאַר אָנגענומען דעם באַשלוס איבער־צוגיין פון צייט צו צייט צו אַ סעפּאַראַט לעבן. אַזוי אַרום, האָבן זיי גערעכנט, וועט די אינטימע פאַרבינדונג צווישן זיי אייביק אָנהאַלטן איר רייץ און פרישקייט און וועט זיך קיינמאָל נישט אַראָפּקוילערן אינעם קאַנאַל פון פליכט אָדער גע־וווינהייט.

דאָס איז געווען אַ מין אַנטלויפן פון זיך, כדי צו זען אין אַ ריכטיק ליכט די אייגענע ליבע. דעמאָלט איז סאַרטער נאָך נישט דערגאַנגען צו די אַבסורדן פון זיין העלד אין „עלטער פון פאַרשטאַנד״, ווען אים ווייזט זיך אויס צו דערפילן אין זיך די דערוואַכונג פון ליבע און עס זעט אים לגמרי נישט אויס ווי קיין געפיל, אפילו נישט ווי קיין שאָטן פון געפיל, נאָר אַ מין קללה, וואָס הויערט אין האָריזאָנט און זאָגט אָן אַן אומגליק. וואָס שטאַרקער עס איז געוואָרן דאָס אַבסורדאַלע געפיל, אַלץ פאַרנעפּלטער זענען געוואָרן די געפילס־פאַרבינדונגען מיט דעם מענטשלעכן אַרום און אַלץ עקסטרעמער זענען געוואָרן די אויספירן.

שוין אין אָנהויב פון יענער שאַפונג פאַרטשעפּען מיר זיך אין אַ פּראָבלעם: זיין געליבטע האָט פאַרשוואַנגערט. דאָס „אומגליק״ האָט פּאַסירט נאָך זיבן יאָר צוזאַמענלעבן. אַן איבעריקע וואַקלענישן באַשליסט דער העלד, אַז „מען דאַרף דערפון פּטור ווערן״. עמעץ געפינט פאַר אים דעם פּאַסיקן אַדרעס, אָבער ער נויטיקט זיך אין געלט. מייסטערהאַפט ווערט דאָ געשילדערט ווי עס שליסט זיך דער קרייז פון מעגלעכקייטן און ער ווערט אַרומגערינגלט מיט אַ דיקער מויער פון איינזאַמקייט.

דאָ, אייגנטלעך, אַנטפּלעקט זיך דאָס צענטראַלע פּראָבלעם: אויבן־אויף זעט אויס דער העלד צו זיין אַרומגערינגלט מיט נאָענטע מענטשן, וואָס פרייען זיך ביי יעדער באַגעגעניש מיט אים. אָבער צווישן אים און זיי ליגט אַ תהום און זיין איינזאַמקייט איז נאָך גרעסער, ווייל מען זעט זי נישט אַרויס. פּאַראַלעל מיט דער אַרומרינגלענדיקער איינזאַמקייט שליסט זיך אויך דער קרייז פון געלעגנהייטן, וועלכע ער פאַרלירט איינע נאָך דער אַנדערער. אין אָנהויב לאָזט ער דורך די געלעגנהייט צו קעמפן אין שפּאַניע. אין דער זעלבער צייט נעמט ער זיך איבער מיטן סקריפּען פון די טרעפּ בעת ער גייט צו זיין געליבטער. באַלד קומט די

בשורה וועגן דעם „אומגליק". אַזוי לאָזט ער דורך אַ געלעגנהייט אַריינצוטרעטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. זיין רייכער ברודער האַלט אים פאַר אַ שונא און קאָן נישט פאַרשטיין ווי אַזוי ער, אַ פּאַציפיסט, וויל דערלאָזן צו אַ קינסטלעכן אָבאָרט. דער ברודער וויל אים געבן דריי מאָל אַזויפיל געלט, אַז ער זאָל חתונה האָבן מיט זיין געליבטער. אָבער ער האָט מורא צו פאַרלירן זיין פרייהייט און פאַלט אַלץ טיפער אינעם תהום פון איינזאַמקייט. ער קומט לסוף צום אויספיר אַז זיין פריינט, וואָס איז אַריינגעטראָטן אין דער פּאַרטיי, איז אַ סך פרייער פון אים, לעבט האַרמאָנישער מיט זיך, מיט דער פּאַרטיי... דאַקעגן ער האָט פאַרלוירן דעם חוש פאַר ווירקלעכקייט און קיין שום זאַך זעט ביי אים נישט אויס ממשותדיק. דאָך האָט ער נישט דעם גויטיקן כוח זיך צו דערהויבן און באַפרייען. ער טראַכט, אַז ווו ער וועט זיך געפינען, אפילו אויפן ווייטסטן אָרט, וועט ער זיך אַלץ געפינען אין דער זעלבער אַטמאָספער, וואָס אין זיין צימער. מען קאָן נישט ענדערן די אַטמאָספער, במילא גייט גאָרנישט צו ענדערן.

לויט די שילדערונגען פון סימאָן דע באָוואַר האָט שוין דעמאָלט דער יונגער סאַרטער דורכגעמאַכט יענעם תהום פון איינזאַמקייט און געקומען צום אויספיר, אַז עס עקזיסטירט נישט קיין שום מעגלעכקייט פון מענטשלעכן צוגויפרעדן זיך; אַז יעדע קעגנזייטיקע פאַרשטענדעניש איז נישט מער ווי אַן אילוזיע. דאָך איז ער געווען דער ערשטער, וואָס האָט „געבראָכן" דעם אָפּמאַך, האָט זיך איינגעבראָכן און איר פאַרגעשלאָגן חתונה צו האָבן. דאָס איז געשען דעמאָלט, ווען מען האָט אים פאַרגעשלאָגן אַ פּאָסטן פון אַ לערער אין אַ ווייטער שטאָט. אָבער סימאָן איז געבליבן קאָנסעקווענט און האָט אָפּגעזאָגט.

סימאָן האָט אין פאַריז זיך באַפריינדעט מיט איר שילערין, אַ יונג מיידל, וועלכע זי האָט אַריינגענומען צו זיך, זי זאָל וווינען מיט זיי צוזאַמען. עס איז געשען דאָס, וואָס סימאָן האָט זיך ביז דעמאָלט נישט געקאָנט פאַרשטעלן. דאָס מיידל איז געפעלן סאַרטערן. אין אָנהויב איז זי געווען צו שטאַרק פאַרנומען מיט זיך, כדי זיך אַרומצוקוקן, וואָס אַרום איר קומט פאָר. אין די פאַרבאַרגענע ווינקעלעך פון האַרצן איז פאַראַן אַ סך שאָטן און ליכט, וואָס דאָס געזונטע געפיל וויל זיי בכוונה נישט זען. סימאָן איז געווען אַזוי דערשראָקן און צעחושט, אַז זי האָט אַפילו נישט געפרווט אַרומרעדן דעם ענין רויִק און זי האָט זיך דעמאָלט גענומען צום שרייבן איר ערשט בוך „די איינגעלאַדענע".

דאָס איז אַ ראָמאַן, אין וועלכן עס ווערט געשילדערט ווי אַזוי אַ יונג מיידל רייסט זיך אַריין אינעם רויִקן לעבן פון אַ פּאַרפּאָלק און זי דערפירט דערצו, אַז זי זאָל ווערן דערמאָרדעט דורך דער פאַראַטענער און אייפערזיכטיקער פרוי.

איצט דערציילט סימאָן דע באָוואַר, אַז דורכדעם וואָס זי האָט דערמאָרדעט אַלגען אויפן פּאַפּיר, האָט זי זיך באַפרייט פונעם האַס צו איר און האָט ווידער געקאָנט זיין צו איר פולשטענדיק אָביעקטיוו.

אין אירע ווייטערדיקע דערינערונגען זעען מיר די זעלביקע קאָמפּלעקסן פון אַ סך פון סאַרטערס העלדן. כדי צו פילן זיך פולשטענדיק פריי האָט סימאָן דע באָוואַר זיך אָפּגעזאָגט פון אַ סך זאַכן, וועלכע זי האָט געהאַלטן פאַר שלעכטע:

פון היים, קינדער, פון אַנגענומענע געזעלשאַפטלעכע, קאַפּיטאַליסטישע און קאָמו־ניסטישע מיינונגען, ווייל אַלע פאָדערן זיי צופיל פון איר. זי קריגט פּיינט אַפילו איר אייגענעם קערפּער, ווייל זי האָט מורא, אַז זי וועט זיך קעגן איר ווילן צובינדן צו סאַרטערן. אַלץ, וואָס איז געווען אינעווייניקסטע שפּירונג, האָט זיך אַרויסגעריסן אינדרויסן און איז געוואָרן אמתדיקע ווירקלעכקייט, די ווירקלעכקייט פון אבסורד.

ערשט די צווייטע וועלט־מלחמה האָט באַפרייט סימאָן דע באָוואַר פון איר אינטעלעקטועלן נאַרקיזם און צוזאַמען מיט סאַרטערן זענען זיי צום ערשטן מאָל געוואָרן מענטשן פון טאַט. „איך האָב שוין מער נישט געטראַכט, אַז איך קאָן אַנטלויפן פון מיין מענטשלעכן צושטאַנד — שרייבט זי — און איך האָב באַשלאָסן שלום צו מאַכן מיט אים".

סימאָן דע באָוואַר קריטיקירט מיט אויסערגעוויינלעכער שאַרפקייט איר אייגענעם צו־לאַנגן רייפקייט־פּעריאָד. אָן רחמנות און מיט דער געוואַגטקייט פון אַ גרויסער קינסטלערין אַנאַליזירט זי סאַרטערן און זייער בשותפותדיק צוזאַמענלעבן.

דורך אַלע אויטענטישע פּרטים פּרעסט זיך אַ פילאָזאָפיש־לירישע מרה־שחורה. די איינזאַמקייט אין יענעם פּעריאָד זעט אויס ווירקלעך צו זיין אַזוי גרויס, אַז זי האָט נישט געלאָזט אָפּשפּיגלען אין דאָזיקן בוך יענע צייט מיט אירע קאָנפליקטן און צוזאַמענשטויסן. עס איז אויך נישטאָ די גרינטלעכע פאָרשונג איבער דער אינטעלעקטואַליסטישער גרופּע פון יענער תקופה אין פראַנקרייך. עס איז בלויז די אייגענע איינזאַמקייט, אויסגעמאָסטן אין דער טיף, אין דער ברייט און אין דויער.

די פּערזענלעכקייט

אונטערן דרוק פון לעבן

אין זיין אַריינפיר צום בוך „אַנטי־מעמואַרן" קלערט אויף אַנדרע מאַלראָ די באַדייטונג פון דאָזיקן טיטל. זיין כוונה איז, ווייזט אויס, צו באַפרייען די דערציי־לערישע זכרונות פון דער איינזייטיקייט, וואָס עס צווינגט אַרויף דער כראָנאָלאָגישער סדר. זיינע „אַנטי־מעמואַרן", האַלט ער, האָבן די דריי דימענסיעס פון יעדן אָביעקטיוון קונסט־ווערק.

דער צענטראַלער אַקס פון די זכרונות איז אַ געאָגראַפישער און פירט פונעם איסלאַם, דורך אינדיע און אינדאָנעזיע, קיין כינע. פונעם דאָזיקן אַקס גייט מאַלראָ אַראָפּ אָן אַ זייט אויף צוריק, וווּ ער זעט עס איין פּאָר בויטיק און שאַפט אַזוי אַרום די קעגנזאַצן צווישן די פריערדיקע און שפּעטעריקע איינדרוקן, געשעענישן און איבערלעבונגען אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה אין פראַנקרייך. טיילמאָל וואַרפט ער אַוועק איינגאַנצן דעם אַקס פון דער צייט און לאָזט זיך אַוועק אין טראַכטענישן וועגן אוניווערז.

פֿאַראַן דאָ אַ פֿראַגמענט, וועלכן ער רופֿט לויטן נאָמען פֿון בוך „אַנטי־מעמואַרן“. אין יענעם פֿראַגמענט פֿאַרנעמט ער זיך מיט אַ ריי איבערלעבונגען נאָך פֿראַנקרייכס באַפֿרייאונג און עס גייען דאָ אויך אַריין זיינע באַציאונגען מיט דע גאָלן.

מאַלראָ איז געבוירן אין יאָר 1901, האָט געלערנט אָריענטאַליסטיק און אין די 20־ער יאָרן האָט ער זיך פֿאַרנומען מיט רייזעס איבערן אָריענט, וואָס האָבן געהאַט אָפֿט מאָל אַן אַוואַנטוריסטישן כאַראַקטער. ער האָט אויך אַקטיוו אָנטייל־גענומען אין דער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט אין כינע. די דאָזיקע איבערלעבונגען האָבן עס אַרויסגעבראַכט זיינע ווערק און צווישן זיי אויך „דער מענטשלעכער מצב“, אַ ראָמאַן וועמענס סטיל, פּאָעזיע און געשעענישן האָבן אין אַ געוויסער מאָס געשטאַלטיקט דאָס פּנים פֿון אונדזער דור.

ווען עס איז אויסגעבראָכן דער בירגער־קריג אין שפּאַניע איז מאַלראָ געפֿאָרן אַהין אָנטיילנעמען אין די שלאַכטן און האָט דאָרט באַקענט די געגנסטערישע זייט פֿונעם סטאַליניזם.

אין דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער געקעמפֿט אין דער פֿראַנצויזישער אַרמיי און דערנאָך געווען אין אונטערערד אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דע גאָל. אין די יאָרן 1945־46 איז ער געווען פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטער אין פֿראַנקרייך. אין די קומענדיקע יאָרן האָט ער זיך געווידמעט דעם אַנאַליז פֿון קונסט.

מאַלראָ האָט פֿון דער נאָענט דערקענט דעם כאַראַקטער פֿון קאָמוניזם אין מיזרח־אַזיע און האָט געהאַלטן, אַז ער איז פֿון אומגעהויערער וויכטיקייט פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון יענע אָפּגעשטאַנענע לענדער. ער האָט פֿאָרויסגעזען דעם אונטערגאַנג פֿונעם אימפּעריאַליזם און האָט געזוכט מיטצואַרבעטן מיט די נייע כוחות נאָך איידער די מערב־גרויסמאַכטן האָבן זיך פֿאַרטראַכט איבער די פּראָבלעמען, וואָס קומען אויף אין יענע לענדער. געווען צייטן, ווען ער האָט מיטגעאַרבעט מיט די קאָמוניסטן, איז אָבער קיינמאָל נישט געווען קיין ענטוזיאַסט פֿון דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע. דאָך איז עס געווען דאָס זוכן אַ וועג צו לינדערן די נויט, וועלכע ער האָט זיך אָנגעזען אין די אָפּגעשטאַנענע לענדער.

דאָס דאָזיקע בוך האָט אַ דורכאויס פּערזענלעכן כאַראַקטער. מען פֿילט דאָ ווי שטאַרק מאַלראָ האָט איבערגעלעבט דאָס שרייבן זיינע מעמואַרן. און ער האָט דערפֿאַר נישט געזען די פֿעלערן און בלויזן, וועלכע זענען פֿאַראַן אין דאָזיקן בוך. דווקא די סאַמע וויכטיקסטע זאַכן פֿעלט די נויטיקע קלאָרקייט. עס פֿעלט אויך די פֿאַרבינדונג צווישן די באַזונדערע טיילן פֿון בוך אין איין קאָנסטרוקציאָנעלער גאַנצקייט.

קלאָר איז, אַז מאַלראָ האָט מיט זיין בוך געוואָלט לערנען, אַרויסציען אַ מוסר השכל, אָבער דורכלייענענדיק דאָס גאַנצע בוך מוז מען זיך פֿאַרטראַכטן איבער דער פֿראַגע: וואָס לערנט עס? וועלכער איז דער מוסר השכל, וועלכן דער לייענער דאַרף אַרויסציען פֿון דעם אַלעם? קלאָר, אַז דאָס איז אַ פֿאָרשונג איבער דער לאַגע פֿון דער מענטשהייט, אָבער וועלכע זענען די אַלגעמיינע אויספֿירן?

פֿאַראַן דאָ אַ מאָטיוו, וואָס חזרט זיך איבער עטלעכע מאָל, איז אָבער נישט

דייטלעך אַרויסגעבראַכט. שוין אין אָנהויב פון בוך זאָגט דער גלח: „הייסט עס, אַז סוף כּל סוף זענען נישטאָ קיין גרויסע מענטשן". אין דער זעלבער צייט וויקלט אויף פּאַר אונדז מאַלראָ אַ וועלט מיט אָנגעזעענע און וויכטיקע מענטשן, רייפע און קלוגע פּערזענלעכקייטן, צו וועלכע מאַלראָ ווייזט אַרויס דעם גרעסטן רעספּעקט און צוטרוי. דערפאַר קלעפּט זיך נישט דער דאָזיקער זאַץ צום בוך, איז נישט באַרעכטיקט דורכן סיפּור המעשה. מאַלראָ איז דאָך נישט בלויז דער מענטש פון קלאָרער מחשבה און שאַרפן אַנאַליטישן פאַרשטאַנד. ער איז אפשר מער נאָך דער מענטש פון טאַט, פון פאַנטאַזיע און דינסטער פילבאַרקייט. אָבער ווען ער מאַכט פאַראַלגעמיינערונגען, קומט ער אַרויס צעפלאָסן און פאַרנעפּלט. זכרונות האָבן זייערע אייגענע געזעצן, אָבער אַנטי־זכרונות זענען אַ סך ווייניקער געצוימט דורך די דאָזיקע געזעצן. עס מאַכט דעם איינדרוק ווי מאַלראָ וואָלט דערמיט געוואָלט פאַרטיידיקן בלויז די שלעכטע קאָנסטרוקציע פון זיין בוך.

איינע פון די צענטראַלע טעמעס אין דאָזיקן בוך, וואָס חזרט זיך אייגנטלעך איבער אין מאַלראָס אַנדערע ביכער, איז דער מצב פון מענטש, וואָס געפינט זיך אונטער אַ דרוק פונעם לעבן, פון אויסערלעכע און אינערלעכע פאַקטאָרן. דערפאַר זענען די אינטערעסאַנטע טיילן אין דעם בוך די, וואָס דערציילן וועגן דער אונטערערד, וועגן די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און וועגן די אַלערליי שווערקייטן, וואָס דער מענטש מאַכט דורך ביים צופּאַסן זיך צום נאָרמאַלן לעבן נאָך דער מלחמה.

★

די פראַנצויזן האָבן אויף אים געקוקט ווי אויפן געווויסן פון פראַנקרייך. יאָרן־לאַנג האָט איבערן גאַנצן לאַנד אָפּגעהילכט דע גאָלס דערקלערונג אין יאָר 1959 ביים נאָמינירן מאַלראָן אַלס קולטור־מיניסטער: „פון דיר איז אָפּהענגיק פראַנקרייכס צוריקבאַקומען איר אַמאָליקע גלאָריע". מאַלראָ איז געווען דער סאַמע קעמפערישסטער שריפטשטעלער אין דער וועלט. זיין גאַנץ לעבן האָט ער אָנטיילגענומען אין מלחמות: אין אינדאָכינע, אין דער כינעזישער אַרמיי אין קאַנטאָן, אין שפּאַנישן בירגער־קריג אַלס קאָמאַנדיר פון אַ פליי־עסקאַדרע, ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אַלס קאָמאַנדיר פון אַ טאַנקן־גרופּע און בעת דער אָקופּאַציע צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער רעזיסטאַנס־באַוועגונג. אין עלטער פון זיבעציק יאָר האָט ער אַלס פריי־וויליקער אָנטיילגענומען אין דער באַפרייאונגס־מלחמה אין באַנגלאַ דעש.

אין דער זעלבער צייט האָט ער נישט אויפגעהערט צו קעמפן מיט זיין פּעדער, האָט געשריבן צענדליקער ביכער אויף ליטעראַרישע און פילאָזאָפישע טעמעס. פאַר זיין בוך „אַ מענטשלעך לעבן" איז ער אויסגעצייכנט געוואָרן מיטן גאָנקור־פּרייז, ווען ער איז אַלט געווען 31 יאָר. ער איז געווען דער סאַמע געלייענטסטער שרייבער צווישן די סטודענטן אין גאַנץ מערב־אייראָפּע. ער איז תמיד געשטאַנען אויף דער זייט פון די שוואַכע און אונטערדריקטע, האָט געהאָלפן יידן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

נישט געקוקט דערויף, וואָס זיין עדשטע פרוי איז געווען אַ יידישע, קלאַראַ גאָלדשמידט און נאָך איר טויט האָט ער חתונה געהאַט מיט איר שוועסטער, האָט ער קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן קיין אינטערעס פאַר ישראל, כאָטש ער איז נאָך דער מלחמה געווען צווישן די ענטוזיאַסטן פאַר אַ יידישער מדינה. אָבער גלייך מיטן אַנטשטיין פון מדינת ישראל האָט ער געענדערט זיין שטעלונג און אין די זעכציקער יאָרן איז שוין געווען בולט זיין נעגאַטיווע באַציאונג.

צוליב זיין אָנטייל אין שפּאַנישן בירגער־קריג, האָט מען אים געהאַלטן פאַר אַ פּראָ־קאָמוניסטישן שרייבער, אָבער אין דער אמתן איז ער ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן אַרויסגעטרעטן קעגן סטאַליניסטישן רעזשים. ווען ער איז געווען אויפן שרייבער־קאָנגרעס אין מאָסקווע אין יאָר 1936, איז ער אַרויסגעטרעטן מיט דער פאָדערונג צו געבן פרייהייט די סאָוויעטישע אינטעלעקטואַלן און שרייבער, זיי זאָלן זיך פריי קענען אויסדריקן. ווען די רוסן האָבן אונטער־געשריבן דעם אָפּמאַך מיט היטלער־דייטשלאַנד, האָט ער פולשטענדיק איבער־געריסן יעדן קאָנטאַקט מיטן קאָמוניזם און גערופן אַלע זיינע פריינט און אָנהענגער איבערצורייסן די באַציאונגען מיט מאָסקווע.

אין דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער אַריינגעפאַלן אין דייטשער געפאַנגענשאַפט, אָבער אים איז געלונגען צו אַנטלויפן און ער איז באַלד אַריינ־געטרעטן אַלס קאָמאַנדיר אין דער אונטערערדישער פראַנצויזישער אַרמיי, איז באַרימט געוואָרן מיט זיין קאַמף אויך הינטער די דייטשע פראָנט־ליניעס, האָט אויפן באַפעל פון דע גאָלן אַליין דורכגעפירט דאָס אויפרייסן אַ וויכטיקע דייטשע פּאָזיציע. נאָך דער מלחמה איז ער געווען פון דע גאָלס נאָענטסטע פריינט און אין משך פון 20 יאָר געווען זיין וואָרטזאָגער, איז נישט אָפּגעטרעטן פון אים אויך נאָך דע גאָלס צוריקציען זיך פון פּאָליטישן לעבן. אין יאָר 1958 האָט ער אַלס קולטור־מיניסטער אין דע גאָלס רעגירונג אויפגעטאָן אַ סך אויפן געביט פון מאָלעריי און ליטעראַטור.

זיינע לעצטע יאָרן האָט ער דורכגעמאַכט אין שווערן טרויער נאָך זיינע צוויי זין, וועלכע זענען אומגעקומען אין אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפע. זיין צווייטע פרוי איז אין עטלעכע יאָר שפּעטער אויך אומגעקומען דורך אַן אויטאָ. אַן ענלעכער גורל האָט געטראָפן זיין פריינדין, דער שרייבערין לואיז דע ווילמאָרען, דערנאָך איז געשטאָרבן זיין נאָענטער פריינט, דער גענעראַל דע גאָל. מאַלראָס נאָענטע פריינט דערציילן איצט, אַז די אומגליקן האָבן אים שטאַרק צעבראָכן און ער איז אין דער לעצטער צייט שוין כמעט נישט אַרויס פון שטוב ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

עטוואָס פונעם אמת

די שרייבערין אמאַליאַ פלעמינג איז די אלמנה פונעם אַנטדעקער פון פעניצילין, וואָס איז שפּעטער אַרויסגעבראַנגט געוואָרן אויף דער וועלט מיט דער הילף פון ערנסט בוכין און ביידע האָבן דערפאַר געקראָגן דעם נאָבעל־פּרייז אין יאָר 1945. זי אַליין איז געבוירן אין גריכנלאַנד, האָט געלערנט מעדיצין אין ענגלאַנד און דאָרט פּראַקטיצירט, חתונה געהאַט מיט אלעקסאַנדער פלעמינג און נאָך זיין טויט האָט זי זיך צוריקגעקערט קיין גריכנלאַנד. איר בוך נעמט אַרום די געשעענישן פון יאָר 1967 ביז 1971 און שטעלט מיט זיך פאָר אַן אויפטרייסלענדיקן דאָקומענט, באַווייזט, אַז מען דאַרף זיך צו איר באַציען נישט בלויז ווי צו דער פּרווי פונעם באַרימטן וויסנשאַפטלער נאָר ווי צו אַ פּערזענלעכקייט אין זכות פון אירע אייגענע מעלות.

נאָך אין 1941 איז זי אַרעסטירט געוואָרן פאַר אונטערערדישער טעטיקייט דורך די פאַשיסטן, וועלכע האָבן דאַן געהערשט אין גריכנלאַנד. מיט 30 יאָר שפּעטער, אין יאָר 1971, איז זי ווידער אַרעסטירט געוואָרן און ווידער באַשולדיקט געוואָרן אין אונטערערדישער טעטיקייט. זי האָט זיך ווירקלעך מודה געווען, אַז זי האָט געהאָלפן דעם פּאַרטיזאַן אַלעקסאַנדער פּאַנאַגוליס אַנטלויפן פון תפיסה.

צווישן אַרעסטן — און דאָך איז דער אונטערשייד צווישן זיי אַזוי גרויס. אין יענע פריציקער יאָרן איז דער קאַמף קעגן פאַשיזם געפירט געוואָרן אין אַ וועלט־פאַרנעם און דאָס באַפרייען אַזעלכע העלדישע קעמפער איז געווען אַן אומבאַדינגטער תנאי פאַרן נצחון פון דער דעמאָקראַטישער וועלט. היינט אינטערעסירט עס ווייניק וועמען וואָס פאַראַ רעזשימס עס הערשט אין גריכנלאַנד און וואָס פאַראַ מענטשן עס ווערן געהאַלטן אין די תפיסות. וויכטיק איז נאָר די פּאָליטישע אָריענטאַציע פון דער מאַכט. דערפאַר איז געשען, אַז אין אַפּריל 1967, ווען אַ גרופּע פּולקאָווניקעס האָבן איבערגענומען די מאַכט אין גריכנלאַנד האָבן זיי געהאַט אַ סך אָנהענגער צווישן די לינקע קרייזן, וועלכע האָבן געזען אין דער נייער מאַכט דעם זיג איבערן מאָנאַרכיזם.

אַמאַליאַ פלעמינגס בוך רופט זיך איבער מיט אַ ריי אַנדערע ביכער, וואָס שילדערן אויף אַן אויטענטישן אופן די טאָרטורן אין די תפיסות פון טאָטאַליטאַרע רעזשימען. אין פאַשיסטישן גריכנלאַנד, פּונקט ווי אין קאָמוניסטישן ראַטנפאַרבאַנד, זעט מען אין יעדן אינטעלעקטואַל אַ געפאַר און דער פּחד פאַרן פרייען געדאַנק דערפירט די מאַכטהאָבער צו די גרויזאַמסטע אכזריותן, וועלכע עס איז אוממעגלעך אַרויסצוברענגען אין זייער גאַנצן פאַרנעם. דערפאַר איז דאָ אַזוי ריכטיק דער טיטל „עטוואָס פונעם אמת". דער „עטוואָס" איז גענוג צו דערשיטערן און אויפטרייסלען יעדן ערלעכן מענטש.

דאָס בוך פון אמאַליאַ פלעמינג איז געווידמעט בעיקר די יסורים פון צוויי צענטראַלע געשטאַלטן: דער מאַרטירער פּאַנאַגוליס, וואָס איז באַשולדיקט געוואָרן אין אַ פּרווו צו דערמאָרדן דעם גריכישן פּרעמיער, איז אינצווישן געוואָרן אַן אינוואַליד אויפן גאַנצן לעבן, אָבער דאָך נישט איינגעבראָכן זיך. די צווייטע

געשטאַלט איז דער פּייניקער, דער מאַיאָר יאַנאַקוס, וועלכער ווערט דאָ געוויזן ווי דער הויפּט־אינקוויזיטאָר פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע אין גריכנלאַנד. פלעמינג הויבט אָן דאָס בוך מיט שילדערן דאָס באַהערשן גריכנלאַנד.

צום ערשטן מאָל פאַרזוכט זי דעם טעם פון פאַרבאָטענעם ווידערשטאַנד אין מאָמענט, ווען זי דאַרף אַרויסטרעטן אַלס עדות און שילדערן דעם כאַראַקטער פון די אַרעסטירטע. ווען זי דערוויסט זיך וועגן די שרעקלעכע פּיין, וואָס פּאַנאַגוליס מאַכט דורך אין תפיסה, אַרבעט זי מיט אינעם פּלאַן צו באַפרייען אים. דער פּלאַן איז נישט געלונגען און זי פאַלט אַריין אין די הענט פון דעם הויפּט־אינקוויזיטאָר יאַנאַקוס. אין אָקטאָבער 1972 איז זי געוואָרן אַרויסגעטריבן פון גריכנלאַנד.

די שרייבערין ברענגט אַרויס די קאָמישע שטריכן און די לעכערלעכקייט אינעם טיראַנישן רעזשים. גלייכצייטיק זעט זי אויך די מענטשלעכע זייטן ביי די שונאים. אין אַ געוויסן מאָמענט אַנטדעקט זי אין זיך, אַז אפילו דעם אכזר־יותדיקן יאַנאַקוס קען זי נישט פּיינט האָבן, ווייל זי האָט באַמערקט אין אים עפּעס מענטשלעכעס. די פּולקאָווניקעס, וואָס שטייען ביי דער מאַכט, זענען נישט לגמרי נעגאַטיוו געוויזן. טיילמאָל ווייזט זיך איר אפילו אויס, אַז זיי זענען קרבנות פון דער זעלבער זאַך, וואָס זיי פאַרטיידיקן מיט אַזאַ פאַרביסנקייט — דעם פאַשיסטישן רעזשים.

זי ווייזט אַרויס אַ סך געוואַגטקייט און עקשנות ביים פּרוון באַפרייען זיך פון דער תפיסה. מען האָט זי נישט געפּייניקט, ווייל זי איז געווען צו פיל באַקאַנט אין דער וועלט און די קאָלאָנעלן האָבן זיך דערמיט גערעכנט. אין תפיסה איז זי געזעסן נישט מער ווי 32 טעג, מען האָט איר נישט געגעבן צו טרינקען און נישט קיין מעדיקאַמענטן, אין וועלכע זי האָט זיך גענויטיקט צוליב איר צוקער־קראַנקהייט און דאָך איז איר האַלטונג געווען אַזאַ, וואָס האָט אַרויסגעברענגט פון גלייכגעוויכט אירע פּייניקער. ביי איינעם האָט זיך אפילו אַרויסגעריסן: „דו ביזט שטאַרקער פון אייזן. דו האָסט מיך איינגעבראָכן".

עס איז נישט קלאָר ווי אַזוי זי איז אימשטאַנד צו געדענקען די אַלע פּרטים. צי האָט איר עמעץ געהאָלפן פון דרויסן? די שרייבערין דערמאָנט נישט וועגן דעם. יעדנפאַלס איז אונדז קלאָר, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַן אויטענטישן דאָקומענט סיי וועגן די אוממענטשלעכע פּייניקונגען, וואָס ווערן פּראַקטיצירט אין די גריכישע טורמעס, סיי וועגן דער איבערגעוויינלעכער געוואַגטקייט און כוח פון מענטשלעכן גייסט. זי, פּונקט ווי די מענטשן, וועלכע זי שילדערט, האָבן ליב גריכנלאַנד, נישט געקוקט אויפן רעזשים וועלכן זיי באַקעמפן. די שרייבערין זאָגט וועגן זיך: די ליבשאַפט צום לאַנד איז אַ קראַנקהייט, וואָס לאָזט זיך נישט אויסהיילן און קיין שום כוח אין דער וועלט איז נישט אימשטאַנד דאָס צו ענדערן.

אויטאָביאָגראַפישע ראָמאַנען

פּאַטרישיאַ וואָלס איז אַ יונגע יידישע שרייבערין, וועמענס בוך „בייבי היפּ", וואָס באַדייט „הינטערן קינד", איז געוואָרן אַ בעסטסעלער נאָך איידער עס איז דערשינען. עס איז אָפּגעקויפט געוואָרן דורך אַ גאַנצער ריי פאַרלעגער אין ענגלאַנד, אין פראַנקרייך, דענעמאַרק, האָלאַנד, דייטשלאַנד און דרום־אַמעריקע. האָליוווד אַליין האָט באַצאָלט אַ סך מיליאָנען פאַרן רעכט צו פילמירן אַ סצענאַר לויטן דאָזיקן בוך.

די הויפּט־העלדין פון דאָזיקן בוך, אין וועלכן מען דערקענט אויטאָביאָגראַפישע שפּורן פון דער שריפטשטעלערין, איז אַ 16־יאָריק מיידל, וואָס איז פריצייטיק רייף געוואָרן, איז אַ שיינהייט, מיטן נאָמען שרה גרין. זי לערנט זיך אויסגעצייכנט אין גימנאַזיע, איז איינע פון די בעסטע שילערינס, האָט אָבער אויך גרויס דערפאָלג ביי מענער און איז נישט שטאַרק איבערקלייבעריש ביים גיין מיט זיי אין בעט אַריין. באַנוצט זיך מיט דער וואָלגאַרסטער שפּראַך און איז דערצו אויך אַ מאָרפיניסטין.

אירע יידישע עלטערן ליידן שטאַרק פון זייער טאָכטערס אויפפירונג, אָבער די שרייבערין ווייזט נישט אַרויס קיין איבעריקע סימפּאַטיע צו די עלטערן, שטעלט זיי אין אַ קאָמישן ליכט, נודניקעס, וואָס הערן נישט אויף צו זאָגן מוסר דער טאָכטער און יענע קריגט זיי פיינט, ווייל זיי דערשטיקן אין איר דעם ווילן צום לעבן, דראָט זיי, אַז זי וועט אַראָפּ פון זינען.

אַלט זייענדיק זיבעצן יאָר פאַרלאָזט שרה גרין דעטראָיט, פאָרט אַוועק מיט אַ קאַטוילישן סטודענט, וועלכע לערנט יורי אין האַרוואַרד און לעבט מיט אים. נאָך אַ געוויסער צייט ווערט איר לאַנגווייליק, עפנט זי אויף אַ קאַפע־הויז, וווּ מען רויכערט כאַשיש און אַנדערע סמען, וואָס זענען פּאָפּולער ביי דער יוגנט.

די וועלכע קענען די שרייבערין פּערזענלעך, ווייסן, אַז זי האָט דורכגעמאַכט די זעלבע פּאַסירונגען. זי האָט געוווינט מיט אירע עלטערן אין דעטראָיט און איז אַוועק מיט אַ סטודענט, וואָס האָט שטודירט אין האַרוואַרד, האָט מיט אים חתונה געהאַט אין עלטער פון זיבעצן יאָר און האָט זיך געעפנט אַ קאַפע־הויז, כדי עס זאָל איר נישט זיין לאַנגווייליק. אירע עלטערן זענען אגב אויך יידן, איר פאָטער איז אַ בוי־אונטערנעמער. דערפאַר טאַקע האָט זי אין אַנהויב כסדר אונטערגעשטראָכן, אַז דאָס בוך איז נישט אויטאָביאָגראַפיש. אָבער ווען זי איז צוגעדריקט געוואָרן צו דער וואַנט דורך די זשורנאַליסטן, האָט זי מודה געווען, אַז ס׳זענען דאָ אין דער דערציילונג אויטאָביאָגראַפישע מאָמענטן.

די שרייבערין לאָזט איבער איר הויפּט־העלדין אין קעמברידזש, וווּ עס זענען איר שוין נמאס די וואַנזיניקע און צעטומלטע באַזוכער פון איר קאַפע־הויז. זי וואַרפט אַוועק דאָס קאַפע־הויז און פאַרלאָזט קעמברידזש, פאָרט אַוועק קיין סאַן־פראַנציסקאָ, וווּ זי לאָזט זיך אַרויס זוכן אַ נייע רעליגיע, באַקענט זיך מיט אַן אויסטערלישער סעקטע פון יאַפּאַן און זי ווערט אַריינגעצויגן אין די פאַרשידענע צערעמאָניאַלן. אָבער די תפילות, וואָס ווערן געזאָגט אין יאַפּאַניש, זענען איר פרעמד. זי בעט דעם יאַפּאַנישן גלח, אַז ער זאָל איר איבערזעצן די

תפילות. עפּעס בליצט אויף אין איר און זי זוכט צו פאַרטיפן זיך אין זיי. אָבער נאָך אַ קורצער צייט ווערט איר דאָס אויך נמאס און זי פאָרט אַוועק קיין ניו־יאָרק, ווו זי אַרבעט פאַר טעלעוויזיע. איין אַוואַנטורע יאָגט די אַנדערע. אָט איז זי אין מעקסיקאָ און באַלד ווידער אין ניו־יאָרק, ווו זי לערנט זיך זיין אַ שוישפּילערין, אָבער לסוף גייט זי גאָר אין אַן אָרעמער געגנט און טוט די שמוציקסטע אַרבעטן. אָט מיינט זי, אַז זי וועט שוין מער קיינמאָל נישט וואַנדערן. אַ צופאַל שפּילט איר צו און זי דינגט זיך אַ לוקסוס־וווינונג אין שענסטן קוואַרטאַל אין לאָנדאָן.

דאָס בוך איז געשריבן רעאַליסטיש און איבערצייגנדיק. זי באַרירט די סאַמע דראַסטישע פּראָבלעמען. צווישן די פאַרשידענע אַפּיקורסישע אָנשויאונגען איז אויך איר שאַרף קריטיקירן די חתונה־אינסטיטוציע. זי זאָגט, אַז זי וואָלט נאָך געקענט פאַרשטיין דאָס חתונה־האָבן, ווען מען דערלויבט און ווען מען דערמעגלעכט דאָס מאַכן אַ לעבן אין דער יוגנט, האָבן געשלעכטלעכע באַציאונגען מיט אַ סך מענער, דערנאָך קען דאָס חתונה האָבן פאָרשטעלן מיט זיך אַ געוויסן אָפּרו. אַנדערש אָבער ווען מען דערשטיקט אין דער יוגנט דעם ווילן צו לעבן, צו אַ רייכער געשלעכטלעכער טעטיקייט, דעמאָלט ווערט דאָס חתונה האָבן אַ פּיין, האַמעוועט דעם שווונג און רעדוצירט די פּערזענלעכקייט פון מענטש, פון דער פרוי ווי פון דעם מאַן, ביז אַ מינימום.

די שרייבערין, פּאַטרישאַ וועלס, איז איצט אַלט דרייסיק יאָר און האָט פאַר דער צייט שוין דריי מאָל חתונה געהאַט. אָבער די גאַנצע צייט האָט זי געהאַט באַציאונגען מיט גאָר אַ סך געליבטע. זי שטרייכט אונטער, אַז זי האָט חתונה געהאַט נאָר מיט אירע יידישע חברים. מיט קיין קריסטן האָט זי קיינמאָל נישט חתונה געהאַט. צי מיינט זי דערמיט צו זאָגן, אַז זי איז געבליבן אַ כשרע יידענע ?...

ווען מען האָט זי געפרעגט, צי איר אָריגינעלער נאָמען איז ווירקלעך וועלס, האָט זי אָפנהאַרציק געענטפערט, אַז פון דער היים הייסט זי פּאַטרישאַ קאַנטערמאַן און קיינער פון אירע מענער האָט נישט געטראָגן דעם נאָמען וועלס. זי האָט פּשוט אויסגעקליבן דעם דאָזיקן נאָמען, ווייל אין ענגליש באַדייט ער „געזונט" און זי האָט אַ שטאַרקן סענטימענט פאַר געזונטע מענטשן.

דאָס בוך איז איינע פון די גרעסטע סענסאַציעס. מען לאָזט זי נישט רואיק איינזיצן אויף אַן אָרט. פון אַלע זייטן נעמט מען זיך צו איר מיט אינטערוויוען און פאָרשלאָגן פון איבערזעצונגען און פילמירן. אַן אימפּרעסאַריאָ פון בראָדוויי האָט זיך צו איר געוואָנדן, אַז זי זאָל מאַכן פונעם בוך אַ מיוזיקל.

איינע פון די סיבות פונעם דערפאָלג איז די קאָמישע שילדערונג פון שרהס עלטערן, וועלכע הערן נישט אויף צו באַקלאָגן זיך, וויינען און שרייען און שטעלן מיט זיך פאָר אַ טיפּ פון קאָמישע עלטערן אין דער ליטעראַטור פון דער היינטיקער צייט. אַזוי זעט זי בכלל די יידישע עלטערן אין אַמעריקע, וועלכע האָבן די בעסטע כוונות, ליידן פון דער אויפרעגונג פון זייערע קינדער און זענען איבעראַשט פון זייער געוואַגטקייט און חוצפּה.

ווייסנדיק, אַז זיי ברענגען אויף זיך אומגליקן און אַז זיי וועלן עס באַדויערן, ווען עס וועט שוין זיין צו שפעט...

פּאַטרישאַ וועלס האָט נישט קיין מיטלייד צו די דאָזיקע עלטערן. זי האַלט, אַז שרה גרין און אירע חברים זענען צוגעפּאַסט צו דער היינטיקער צייט. זייער ווידערשטאַנד איז אַ געוואַגטער און געזונטער. לויט איר מיינונג וואַלטן די דאָזיקע לייכטזיניקע יוגנטלעכע אַ סך בעסער געפירט די וועלט ווי דער פריערדיקער דור סאָלידע און געטרייע עלטערן, וואָס ציטערן פאַר דער צוקונפט פון זייערע קינדער.

סאָמערסעט מאָהאַם

דער פאַרשטאָרבענער שרייבער סאָמערסעט מאָהאַם האָט שוין יאָרן נישט געהערט צו דער לעבעדיקער וועלט און זיך אַרומגעדרייט אַן אייַנזאַמער, אַ פאַרלייקענער פון אַלע מענטשלעכע ווערטן. די דאָזיקע פאַרלייקענונג האָט ער געברענגט צום אויסדרוק אין דעם „אני מאמין", וואָס ער האָט אָנגעשריבן ערשט צוויי יאָר פאַרן טויט, אַ דאָקומענט פון פולשטענדיקער נעגאַציע, וואָס צעשטערט אַלע מענטשלעכע אידעאַלן, אַלע פאַרהייליקטע אמתן און אילוזיעס פון קלאָרער דערקענטעניש.

אַלע פילאָזאָפישע באַגריפן זענען דורך מאָהאַמען אין זיינע לעצטע יאָרן אָפּגעפרעגט געוואָרן ווייל זיי זענען פרעמד דער רעאַליטעט, וועלכע זיי האָבן געוואָלט איבערגעבן. אַלע גלויבנס זענען אויסגעטראַכט דורכן לעבן אין דער וויטאַלער אַנטוויקלונג פון זיין גאַנג, כדי עס צו פאַרשענערן. אין יעדן לעבעדיקן אָרגאַניזם איז פאַראַן אַזאַ פיזיש־כעמישער פּראָצעס, וואָס גייט פּאַראַלעל מיט זיין פיזיאָלאָגישן וווּקס. מיטן מאָמענט ווען דער פּראָצעס נעמט זיך לעשן, דערזעט מען דעם ליגן.

דער אויספיר איז געווען: עס האָט נישט קיין שום זין פאַרצוזעצן דאָס שרייבן. אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן, האָט ער שוין געזאָגט. עס לוינט אפילו נישט צו קאָנטראָלירן פונסניי די באַגריפן פון אַמאָל. אַלץ, וואָס האָט זיין שאַפן געגעבן דעם קאָליר, באַדייט אָדער זינען, זענען געווען נישט די ווערטער, נאָר דער קאָנטעקסט, דער געוועב פון שייכותן, וואָס ליגט צווישן געדאַנק, טאַט און לעבן. מיטן מאָמענט ווען דאָס האָט אויפגעהערט, איז אַלץ זינלאָז און מען דאַרף נאָר רואיק וואַרטן אויפן סוף.

בשותפותדיקע טעריטאָריע פאַר זיינע העלדן

אָפּגעזונדערט פון דער וועלט, אָן אַ בריק אפילו צו זיינע נאָענטסטע, צו זיין איינציקער טאָכטער, וואָס ער האָט מעביר נחלה געווען און זי האָט זיך מיט אים לאַנג פּראָצעסירט, האָט ער זיך נישט געוואָנדן, ווי אַנדערע גרויסע גייסטער, צו זיך אינעווייניק, נישט פאַרזונקען אין די אייגענע אויפגערודערטע טיפענישן,

גאָר געשטעלט זיך אין אַ זייט און געשוויגן. אָן יעדער ליידנשאַפט, אָן חשק אפילו צו אָבסערווירן, שוין אָפּגערעדט פון פאַרצייכענען די אייגענע געדאַנקען. ער האָט געהאַלטן, אַז דער שרייבער און לייענער מוזן רעדן אויף אַ געמיינזאַמער שפּראַך, זיין אויף דער זעלבער בריק איבער ביידע זייטן אָפּגרונט. ווען דאָס האָט אויפֿגעהערט האָט נישט קיין זין דאָס שרייבן.

מיטן מאָמענט וואָס מאַהאַם האָט פאַרלוירן זיין גלויבן, האָט ער אויך פאַרלוירן אַלע זיינע שעפערישע זאַפטן, וואָס האָבן אים מיט זיבעציק יאָר צוריק באַוויגן אַוועקצוּוואַרפן זיין מעדיצינישע פּראַפעסיע און נעמען זיך צו ליטעראַטור, ווי צו אַ מין כירורגיע, מיטן ציל אַריינצושניידן זיך אין די נשמה־טיפענישן פון די מענטשן, פון זיין נאָענסטן אַרום און אין די ווייטסטע ערטער.

ער איז אַרומגעפאָרן איבער גאָר דער וועלט, ווי ער וואָלט געזוכט די בשותפותדיקע טעריטאָריע פאַר זיינע אויסטערלישע העלדן. ווען מען לייענט זיינע, אפילו קירצסטע, דערציילונגען, דאַכט זיך אָפט, אַז מען לייענט קאַפּיטלען פון אַ גרויסן און וווּנדערלעכן ראָמאַן, עפּיזאָדן פון איין גרויסער געשיכטע פון מענטשלעכע באַגערן און ראַנגלענישן, אינטערעסאַנטע סיבות, וואָס נאָר ער אַליין האָט אַנטפּלעקט און איז איבערצייגט אין זייער אמת.

אָבער פּונקט ווי ביים סוף פון זיין לעבן האָט ער אויך אין די יונגע יאָרן נישט עקזאַלטירט זיך מיט די אַלע אויסטערלישקייטן, וואָס ער האָט אַנטדעקט. אָפטמאָל האָבן זיין ליידנשאַפטלעכע רו און איראָניע געקענט מאַכן דעם איינדרוק פון ציניזם, אָבער אין דער סך־הכלדיקער צמצום־פאָרמולע פון זיינע דערציילונגען אין פאַראַן דאָס גרויס־מאָראַלישע פייער וואָס זיין נאָמען איז מענטש און דערגייט ביז לעגענדאַרער שיינקייט, נישט געקוקט אויף די ברוטאַלע אמתן, וואָס ער זאָגט וועגן אים.

ביי דער גאַנצער אויסטערלישקייט פון פאַבולע איז מאָהאַמען געגאַנגען קודם כל אויסצושעפּן דאָס סאַמע עסענציעלסטע נשמה־פּינטעלע אינעם מענטש. אַ מייסטער פון סטיל און אַקציע גלייכצייטיק, איז אָבער צום כאַראַקטעריסטישן פאַר אים געווען די פשטות, דאָס אויסמיידן יעדע געקינצלטקייט אין זיינע דערציילונגען, די אומגעוויינלעכסטע פּאַסירונגען זעען אויס צו זיין פשוט און נאַטירלעך און דערפאַר איז נאָך שטאַרקער די אויפטרייסלונג, וואָס קומט ביים פינאַל.

דער ייד וואָס ווייסט אַלץ

די דאָזיקע דערציילערישע אייגנשאַפט איז אויך בולט ביי זיין שילדערן יידישע טיפּן, וועלכע זענען צעוואָרפן איבער זיינע פאַרשידענע דערציילונגען. וועגן קאַלדאַן אין זיין דערציילונג „דער הער ווייסט אַלץ" זאָגט נישט מאַהאַם בפירוש, אַז ער איז אַ ייד, גיט בלויז אָנצוהערן דורך די באַזונדערע אייגנשאַפטן, ער ווייסט אַלץ, מישט זיך אומעטום אַריין, קוקט און הערט אונטער, דיסקוטירט מיט אַלע, אַ כיטרע אַנטשפּעניש, פון וועלכע די רייזנדער אויף דער שיף וועלן זיך גערן אָפּטרייסלען. עס נעמט זיך אונדז אפילו אויסווייזן, אַז מאַהאַם איז געכאַפּט

אין אַנטיסעמיטיזם, אָבער באַלד קומט סאַמערסעט מאָהאַמס כאַראַקטעריסטישער ווענד. דער „הער, וואָס ווייסט אַלץ״ פאַרשטייט זיך אויך אויף פּערל, ווייסט אונטערצושיידן צווישן נאַטירלעכע און קינסטלעכע. ווען ער דערזעט דעם שנור פּערל אויפן האַלדז פון דער אַמעריקאַנער ליידי, שפּרינגט ער גלייך אַרויס מיט זיין מבינות און שאַצט זיין ווערט אויף דרייסיק טויזנט דאָלאַר. דער מאַן פון דער ליידי איז איבערצייגט, אַז זיין ווייב האָט דעם שנור פּערל געקויפט אין אַ ביליקן מאַגאַזין פאַר אַכט דאָלאַר. עס דערגייט צו אַ געוועט אויף אַן ערנסטער סומע. אָט האַלט שוין דער ייד אין דער האַנט אַ פאַרגרעסער־גלאָז און אויף זיין פּנים באַווייזט זיך דער שמייכל פון נצחון. דער געווינס איז אַ זיכערער, אָבער אין דעם מאָמענט דערזעט ער די שרעקלעכע בלאַסקייט אויפן פּנים פון דער פרוי, די שרעק אין אירע אויגן. ער רעזיגנירט גלייך פונעם גרויסן געווינס און פונעם נצחון און „פאַרלירט״ דעם געוועט.

וויפל פרווּלעכע שיינקייט איז פאַראַן אין דער דערציילונג „מאַדאַם טאַמסאַן״, וועגן דער פּשוטער גאַסנפרוי, וועלכע דער פּראָטעסטאַנטישער גלח נעמט זיך אונטער אַרויסצופירן אויפן גלייכן וועג און לסוף פאַרלירט ער זיך אַליין אין איר. וויפל עמאָציאָנעלע שפע ווערט פאַרהיטן פון איבערגוס אין דער דערציילונג וועגן דער פעגאַמעגאַלער פרוי פונעם סקולפּטאָר. זי גיט אים און זיך די אילוזיע פון טיפסטע ליבע, ביז דער ווינט האָט פאַרטראָגן איר קאַפּעלוש צו דעם איינזאַמען ביידל פון אַ נאַכט־וועכטער, אַ יונגער טאַטער מיט אַ נשמה פון אַ גרויסן מוזיקער, וואָס שפּילט אויף זיין גיטאַרע אַן אָדע צום צופאַל. רויע אינסטינקטן מישן זיך אויס מיט דערהויבענע געפילן. איר ווייזט זיך אויס די אייגענע רויע ליידנשאַפט וויכטיקער פון זיין טרוימערישער ליבע. זיין פּרימיטיווע מענטאַליטעט רייצט איר עראָטישע תאווה. ענטפערט אים נישט אויף זיין הייסער ליבע, וואָס אין אַ געוויסן זין זעט זי איר אויס פאַטאַלאָגיש. ערשט זיין מקריב זיין זיך ביים אויסזויגן פון איר פוס דעם ביס פון אַ גיפטיקער שלאַנג; זיין שעפּטשען און גליקלעכער שמייכל אין די לעצטע מינוטן פאַרן טויט האָבן איר קלאָר געמאַכט מיט וויפל זי, די אַריסטאָקראַטין, שטייט הינטערשטעליק דעם פּרימיטיוון טאַטער. דער געדאַנק וועגן איר הינטערשטעליקייט אין אמתער ליבע האָט זי דערפירט ביז וואַנזין.

דורך שפּיאָנאַזש צו גורל־דראַמעס

דער רואיקער בנעימותדיקער טאָן אין זיינע דערציילונגען האָט זיך אַרויס־געוויזן פאַר אַ פעלער אין זיינע קריטישע אַרבעטן איבער שרייבער און טעאַטער, אין וועלכע פאַרפוצטע פייערלעכקייט האָט פאַרטרעטן אינעווייניקסטן פייער. ער האָט גיך רעזיגנירט און צוריקגענומען זיך צו דערציילונגען. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער פרייוויליק אַריינגעטרעטן אין ענגלישן שפּיאָנאַזש און יענע יאָרן פון זיין שפּיאָנאַזש־אַרבעט האָבן אים געגעבן אַ געוואַלטיקן מאַטעריאַל פון אויפטרייסלענדיקע גורל־דראַמעס און טיפער מענטשן־קענטעניש. פון זיי איז אַרויסגעקומען דאָס באַרימטע בוך „אשאנדאן״. די בעסטע שפּיאָנאַזש־דערציילונגען אין דער וועלט, אין וועלכע ער האָט געטריי און קינסטלעריש־ערלעך געשיל־

דערט די אינעווייניקסטע וועלט פון די מענטשן, וואָס לאָזן זיך אויף דעם געפּאַר־פּולן אַוואַנטוריסטישן וועג.

ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן האָט ער יעדן טאָג באַקומען אַ סך צענדליקער בריוו פון זיינע לייענער אין אַלע עקן וועלט. אין משך פון די העכער צוואַנציק יאָר וואָס ער האָט האָט ער גאָרנישט געשריבן, האָט ער געפירט אַ רייך לעבן פון דעם געלט, וואָס איז צו אים געפלאָסן פון זיינע ביכער און דערביי האָט ער געזאָגט, אַז ער קען זיך נישט דערמאָנען אין קיין איין גליקלעכע מינוט אין זיין לעבן. ער האָט די לעצטע יאָרן אָפּן געבעטן, דער טויט זאָל שוין קומען וואָס גיכער און אויסלייזן אים פון דער מידקייט, כאָטש ערשט מיט איבער צען יאָר צוריק האָט ער ווידער אַרומגערייזט די אַלע ערטער, אין וועלכע ער איז אַמאָל געווען. „מיין מוח איז אויסגעליידיקט פון יעדן געדאַנק" — האָט ער געזאָגט צו זיין געטרייען זעכציק־יאָריקן סעקרעטאַר באַלאַן סירעל, ווען ער האָט אָפּגעשריבן זיין גאַנץ פאַרמעגן — „אַלץ, וואָס האָט געטליעט אין האַרצן איז שוין פאַרלאָשן. מיין לעבן האָט שוין מער נישט קיין שום זין. פאַרוואָס קומט ער נישט, דער טויט? זאָג מיר, פאַרוואָס?"

זיינע לעצט־געשריבענע ווערטער זענען געווען: „און דערפאַר, ווען עס וועט סוף סוף דערשיינען אין „טיימס" דער נעקראָלאָג איבער מיר און מענטשן וועלן זאָגן: וואָס? כ'האָב דאָך געמיינט, אַז ער איז שוין לאַנג געשטאָרבן — וועט מיין גייסט שטיל זיך צעלאַכן".

סאָמערסעט מאָהאָם האָט אין זיינע זעקס צענדליק שרייבערישע יאָרן געהאַלטן אין שפּאַנונג מיליאָנען לייענער. זיינע ווערק אין ענגלישן אָריגינאַל און אין די איבערזעצונגען אויף צענדליקער שפּראַכן שאַפן אַ היפּשע ביבליאָטעק. אויך זיין לעבן גופא, זיינע אָפטע אַוואַנטוריסטישע רייזעס, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט וויכטיקע און געפערלעכע אויפגאַבן אין פאַרשידענע לענדער פון דער וועלט, האָבן אים רייך געמאַכט אין מענטשן־קענטעניש מער ווי וועלכן עס איז אַנדער'ן שרייבער אויף דער וועלט.

די ליטעראַרישע קריטיק האָט אָפט פאַרגעוואָרפן סאָמערסעט מאָהאָם, אַז אין זיין שרייבן גייט ער אַנטקעגן דעם געשמאַק פון לייענער און דעריבער האָט ער אַזאַ הצלחה. דאָס איז נישט ריכטיק. דאָס וואָס דער שרייבער איז אינטערעסאַנט און ער האָט תמיד געהאַט וואָס צו דערציילן, האָט זיך גענומען פון דעם רייכן שטאָף, וואָס דאָס לעבן אַליין האָט אים צוגעשטעלט. סאָמערסעט מאָהאָם האָט געהאַלטן, אַז קודם כל דאַרף אַ שרייבער דערציילן און זיין אינטערעסאַנט, דער לייענער זאָל אים וועלן לייענען. אַ נישט־אינטערעסאַנט בוך וויל מען נישט לייענען און מען קען קיינעם נישט צווינגען דערצו. און ווען אַ שרייבער ווייסט אַ סך און ער האָט וואָס צו דערציילן — איז דאָס נישט קיין חטא, נאָר פאַרקערט: ס'איז זיין אויפגאַבע צו זיין אינטערעסאַנט.

סאָמערסעט מאָהאָם אונטערשיידט זיך וועזנטלעך פון די אַזוי גערופענע קרימינעלע שרייבער, וואָס שרייבן סענסאַציעס, כדי צו האַלטן אין שפּאַנונג די לייענער. די מערסטע פון זיינע קורצע דערציילונגען און דראַמעס זענען געבויט

אויף לעבנס־דערפאַרונגען און די קרימינעלע מאָמענטן דרינגען אַרויס פון די קאָמפּליקאַציעס אינעם רעאַלן לעבן.

פון די ווינציקע איבערזעצונגען פון סאָמערסעט מאָהאַם אויף יידיש איז די דראַמע „דער הייליקער פלאַם".

אָט די דראַמע איז געוואַלדיק טיפּיש פאַר דעם אופן ווי אַזוי סאָמערסעט מאָהאַם דערלאַנגט דעם צושויער אַ שטיק לעבן, וואָס חזרט זיך איבער אין דער גאַנצער וועלט און ביי אַלע פעלקער און אין אַלע צייטן. ס'איז אַ לעבנס־דראַמע פון אַ הויכער מענטשלעכער קוואַליטעט און גרענעצט זיך דאָך מיט קרימינאַליסטיק פון נישט דורכשניטלעכן כאַראַקטער. איר האָט דאָ צו טאָן מיט אַ פאַרברעך, וואָס איז לויט דעם שטראָף־קאָדעקס אומעטום שטראָפבאַר און די שטראָף קען זיין זייער אַ האַרבע, אָבער גלייכצייטיק וועט איר געפינען אין דער וועלט מיליאָנען מענטשן, וואָס זענען איבערצייגט, אַז דאָס איז נישט קיין פאַרברעך.

בעת איר זיצט אין זאַל און איר זעט ווי אַזוי דער עולם רעאַגירט, זעט איר זיכער, אַז זייער אַ גרויסער טייל פונעם עולם ראַנגלט זיך מיט זיך אַליין צווישן „יאָ פאַרברעך" — „נישט־פאַרברעך" און ער טראָגט אַרויס זיין באַפרייאונגס־אורטייל דורך די טרערן וואָס באַווייזן זיך אין די אויגן, בעת אַן אַנדער טייל — ווען ער דערוויסט זיך ווער ס'איז באַגאַנגען דעם אַקט און צוליב וועלכע מאָטיוון — איז פון פאַרויס מוחל. סאָמערסעט מאָהאַם, דער פּסיכאָלאָג און דער מענטש פון אַ סך נסיונות, באַווייזט אייך ווי רעלאַטיוו עס קען זיין דער אַקט פון פאַרברעך. פאַראַן פאַרברעכנס לגבי וועלכע עס קענען גאָרנישט זיין קיין ספקות וועגן שטראָפבאַרקייט. עס זענען אָבער אויך פאַראַן אַקטן וואָס עס ווענדט זיך ווער עס איז זיי באַגאַנגען און צוליב וועלכע מאָטיוון. און פון דעם איז ערשט אָפּהענגיק צו באַשטימען. מען זעט ווי אַזוי מענטשן פון הויכער עטיק און מאָראַל שליסן זיך אָן אין דעם אַקט פון פאַרברעך, הגם דער שטראָף־קאָדעקס איז קעגן דעם זייער האַרב.

דער נייער העלד

אין אַ שמועס מיט דער נאָרוועגישער שרייבערין שאַרלאָטע לענקוויסט, זאָגט זי צוו. אַנד. „...מען דאַרף קודם כל ווערן באַרייכערט מיט דערפאַ־רונגען... אונדזערע דערפאַרונגען דרייען זיך אַרום עלעגאַנטע אויפנאַמעס און אַנדערע אויטאָריטאַטיווע פאָרמען פון פאַרווייַלונג... די גאַנצע קונסט ליידט פון דער דאַזיקער קראַנקהייט... די ליטעראַטור, מאָלעריי, מוזיק און פילם. מען מאָלט בילדער שטיצנדיק זיך אויף אַנדערע בילדער. מיר קענען נישט דער־ציילן וועגן לעבן פון די פּשוטע מענטשן, פאַרענטפערנדיק זיך, אַז דאָס וואָלט געווען נישט ערלעך, ווייל מיר קענען זיי נישט. מיר זענען פאַרקראָכן דערפאַר אין הינטערגעסלעך, נישט פון דער אונטערוועלט, נאָר דווקא פון דער אויבער־וועלט, מיט אירע ווילעס און פאַלאַצן. דאָרט זוכן מיר אונדזערע דערפאַרונגען

און מיר האָבן נאָך ביז היינט נישט געפֿונען דעם נייעם הויפּט־העלד פֿאַר אונדזער דערציילונג".

אינעם גאַנג פֿונעם שמועס פּילט מען, אַז נישט געקוקט דערויף, וואָס די שרייבערין האָט אירע טענות פֿאַראַלגעמיינערט, האָט זי דאָך פֿריער פֿון אַלץ אין זין געהאַט די נייע דייטשע ליטעראַטור, וועלכע ווייזט אַרויס אַ גאָר ערנסטע לעבהאַפֿטיקייט און שאַפֿט אפֿילו דעם איינדרוק פֿון מאָטיוון־רייכקייט, פֿאַרמאָגט אָבער נישט דעם נייעם העלד, וואָס זאָל מאַניפֿעסטירן די געענדערטע מאָראַלישע און עסטעטישע באַגריפֿן. נישטאָ אין דער נאָכמלחמהדיקער דייטשער ליטעראַטור קיין אָנדייט אויף טיפֿערע קאָנפֿליקטן צווישן די שעפֿער און זייער אַרום, אויף דער שטעלונג פֿונעם קינסטלער צו די זינד פֿון דער גאָענטער פֿאַרגאַנגענהייט און פֿון דער קעגנוואַרט, צו די מוראדיקע פּראָצעסן און דעם לויף פֿון די פֿאַרהאַנדלונגען, וואָס לעסטערן יעדן עלעמענטאַרן באַגריף פֿון מאָראַל און גערעכטיקייט.

די היטלעריסטישע פֿאַרברעכער, וואָס זיצן אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק, פֿאַרטיידיקן זיך, אַז זיי האָבן נאָר אויסגעפֿירט באַפֿעלן. נישט די ריכטער און נישט די פּראָקוראָרן פֿאָדערן פֿון זיי צו ברענגען אַ פֿאַל ווען מען האָט אַמעצן פֿאַרמשפּט צום טויט פֿאַר נישט אויספֿירן די באַפֿעלן צו שיסן אויף אומשולדיקע מענטשן. די ריכטער נעמען אָן דעם פֿאַרטיידיקונגס־אַרגומענט, באַפֿרייען די באַשולדיקטע אָדער טראָגן אַרויס מילדע אורטיילן, כמעט נאָר סימבאָלישע שטראָפֿן.

אמת, פֿון צייט צו צייט לאָזט זיך הערן די שטים פֿון אַ דייטשן שרייבער, וואָס ווייטאָגט איבערן דאָזיקן צושטאַנד. דאָס קומט צום אויסדרוק אין אַ פּובליציסטיש אַרטיקל, אין אַ בריוו, אַמאָל אויך אין אַ ליד, אָבער נישט אין קיין בעלעטריסטיש ווערק, וואָס זאָל מיט דער לעצטער קלאָרקייט אַרויסברענגען דעם גורל פֿון דער תקופֿה, דעם העלד, וואָס זאָל רעפּרעזענטירן דעם ווייטאָג און האָפֿענונג פֿונעם דייטשן שעפֿערישן מענטש, זיין צאָרן און קאַמף. וואָס זיין נאָמען זאָל ווערן אַ פֿאָן־לאָזונג פֿאַר יעדן ערלעכן דייטש?

דערפֿאַר האָב איך מיט גרויס אינטערעס גענומען לייענען די ערשט דערשינענע דערציילונג פֿונעם יונגן דייטשן שרייבער הערבערט קאָלב א. ג. „ווילזענבאַך — ווען ער וואָלט נאָך דאָ געווען". ווילזענבאַך, דער טיטל־העלד פֿון דער דערציילונג, האָט אָנגעפֿירט מיט אַ פּלוטאָן זעלנער אויפֿן מזרח־פֿראָנט, אָבער מיר זעען אים אינעם בוך נישט פֿיזיש, מיר קענען אים בלויז פֿון די דערינערונגען פֿונעם יעפֿרייטער געש. ווילזענבאַך האָט אים געלערנט פֿאַרטראַכטן זיך איבער באַפֿעלן, געלערנט אים דענקען זעלבשטענדיק, דערציילט אים, אַז עס איז פֿאַראַן אַזאַ זאַך ווי „זעלנערישע פֿרייהייט", ווייל קיינער קען אים נישט פֿאַרווערן פֿריי צו טראַכטן. פֿאַרשטייט זיך, אַז צו דעם איז נויטיק געווען נישט בלויז געוואַגטקייט, נאָר אויך די ביטערקייט פֿונעם בראַוון סאָלדאַט שווייק. ווילזענבאַך האָט פֿאָרמולירט גאַנץ פּשוט: אויב דו באַקומסט אַ באַפֿעל, וואָס איז נישט אין איינקלאַנג מיט דיין לאָגיק און געוויסן, דאַרפֿסטו אים אויסבעסערן לויט די פֿאָדערונגען פֿון דער אָביעקטיווער ווירקלעכקייט.

דערביי פֿאַרבלייבט, פֿונדעסטוועגן, דאָסווירקלעכע אין די באַזונדערע ווירק־לעכקייט־אַטריבוטן פֿונעם פּראַנט־לעבן, ווו עס רעגירט די בלינדע געהאָרכ־זאַמקייט, שאָוויניזם און רציחה. דער פּאָזיטיווער העלד פֿון דער דאָזיקער דערציילונג איז אַ געוויינלעכער, לגמרי נישט קיין העלדישער זעלנער. עס וואָלט דערפֿאַר געווען אַ גוזמא צו מאָטיווירן זיינע מענטשלעכע האַנדלונגען מיט אַבסטראַקטן אידעאַליזם. דער מחבר זוכט דערפֿאַר די סינטעטישע פֿאַר־איינהייטלעכונג און דערפֿאַר איז דאָ דער אידעאַליזם דער פּרימיטיווער עלע־מענט און דער לעבנס־כּוח פֿון דער פּשוטער עקזיסטענץ. געש, ווילזענבאַכס תּלמיד, האָט אייגנטלעך נישט געטאָן קיין שום זאַך, פֿאַר וועלכער מען וואָלט אים היינט געדאַרפֿט באַוווּנדערן און באַזינגען און דאָך פֿילט זיך אין זיינע האַנדלונגען אַ טיף־הומאַניסטישער לעבנס־אינסטינקט.

אין אַ געוויסן טאָג האָבן די זעלנער געכאַפּט אַן אוקראַאיניש מיידל אַן דאָקומענטן. געש האָט זי געדאַרפֿט אַפּשיקן אין דער קאָמענדאַטור פֿונעם נאָענטסטן שטעטל. אַזוי האָט געקלונגען דער באַפֿעל. אָבער אויפֿן וועג האָט געש זיך פֿאַרטראַכט און געקומען צום אויספֿיר, אַז דער באַפֿעל איז נישט קיין לאָגישער, ווייל דאָס דאָזיקע מיידל קען מען אפֿילו נישט פֿאַרדעכטיקן אין מיטאַרבעט מיט די פּאַרטיזאַנער. אָט ווי ער פֿאַרסך־הכּלט עס:

„אויפֿן וועג האָב איך גוט דורכגעטראַכט און אָבסערווירט דאָס מיידל. אין רעזולטאַט דערפֿון בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער באַפֿעל איז נישט געווען קיין ריכטיקער. די, וואָס האָבן געגעבן דעם באַפֿעל, זענען אַרויס פֿון דער הנחה, אַז דאָס אַרעסטירטע מיידל איז אַ פּאַרטיזאַנערין, אָדער קען לפּחות ווערן פֿאַרדעכטיקט אין אַנגעהעריקייט צו די פּאַרטיזאַנער. אַזוי ווי די סיבה האָט זיך מיר אויסגעוויזן נישט קיין ריכטיקע, האָב איך זיך דערלויבט צו קאָנפֿראָנטירן דעם באַפֿעל מיט דער ווירקלעכקייט און האַנדלען לויט די רעכט פֿון זעלנערישער פֿרייהייט צו טראַכטן. אַזוי האָט מען מיך געלערנט. דערפֿאַר האָב איך דאָס אַרעסטירטע מיידל נישט איבערגעפֿירט צום קאָמענדאַנט אין אָפּאָשנע, נאָר געשיקט זי קיין כאַרקאָוו, ווו עס וווינט איר משפּחה. כּדי עס זאָל נישט אויסזען ווי עפּעס אַ פּראָטעקציע, האָב איך זי איבערגעגעבן דעם אָנפֿירער פֿון אַ מיליטערישער לאַסט־אויטאָ־באַדינונג מיט דער פֿאָדערונג, ער זאָל זי צושטעלן קיין כאַרקאָוו. איך מיין, אַז אויב איך האָב אפֿילו ווערטלעך נישט אויסגעפֿירט דעם באַפֿעל, איז עס אָבער אין איינקלאַנג מיטן אינהאַלט, ווייל לויט דעם וואָס איך האָב געלערנט ביים שטודירן רייבערטס האַנטבוך פֿאַר די זעלנערישע פֿאַרשריפֿטן, טאָר דער זעלנער נישט טאָן קיין שום זאַך, וואָס קען אַרויסרופֿן אומאָרדענונג, נאָר דאַרף אַכטונג געבן און טאָן אַלץ, כּדי איינצושטעלן אָרדענונג. איך האָב אַלזאָ געהאַט די בעסטע כּוונות און אַזוי האָב איך טאַקע געטאָן...“

נישט געקוקט אויף די טענער פֿון אַ בראַוון סאָלדאַט שוויק, איז זיין שטעלונג פֿאַרן דייטשן לייענער אַ פּאָזיטיווע און דערציערישע. אין זיינע אַלע ניואַנסן און קאָמפּלעקסן איז ער די עקסטרעמסטע אַנטיטעזע פֿונעם באַגריף וועגן פּרייסישן סאָלדאַט. לויט די טענדענצן פֿון דער פּסיכישער קאָנסטרוקציע,

וואָס ער וויל געבן, גיואַנסירט הערבערט קאַלב שטאַרקער די דינאַמיק פון דער אינערלעכער פסיכישער באַוועגונג אין דער ריכטונג פון אַ מאָראַלישן אינהאַלט. דער יעפּרייטער געש ווייסט, אַז צומגרינגסטן וואָלט געווען צוצוטראַכטן אַ מעשה, אַז דאָס מיידל איז אַנטלאָפן. ער וואָלט זיך דערפאַר בלויז אָפּגערוט זיבן טעג אין תפיסה. אָבער אים אימפּאָנירט דאָס קאָנפראָנטירן דעם באַפעל מיט דער ווירקלעכקייט, וואָס ווייזט זיך אים אויס ווי די העכסטע זעלנערישע טוגנט. אַליין ווערט ער דערמיט ענלעך צו יענע אָרעמע אומפאַרבעסערלעכע טרוימער וואָס דרייען זיך אַרום אין אייביקן שאָטן־טאַנץ אויף די ראַנדן פון נישט־דערפילטע ווירקלעכקייטן, מיט דעם אונטערשיד, וואָס דעם שרייבער געלינגט דאָ אַריינפירן רעאַלע פסיכאָלאָגישע מאָטיוון און אַקטיווע פיגורן, וואָס קאָמפּראָמיטירן די אַלע, וועלכע פאַרטיידיקן זיך מיט דעם געבאָט פון אַבסאָלוטער געהאָרכזאַמקייט. דער יעפּרייטער געש איז אַ מוסטער, אַ ביישפּיל, וואָס יעדער דייטשער זעלנער און אָפיציר וואָלטן אים געקענט נאָכטון. די זעלנערישע ווירקלעכקייט האָט זיך אים נישט אַנטקעגנגעשטעלט, אדרבא, זי האָט זיך אים אונטערגעגעבן, האָט אים אויסגעטראָגן.

אין דער ספּעציפישער רעאַליסטישער קאָנסטרוקציע מיט דער סורעאַליסטישער טאָנאַציע, אין וועלכער די דערציילונג איז געשריבן, איז געש דער רעפלעקטירנדיקער מיטלפונקט אינמיטן זיין גאַנצער אַרומיקייט. די וועלט אַרום געשן ליגט אין אַ בין־השמשות פון מעגלעכקייט און ווירקלעכקייט און זיינע האַנדלונגען וואַרפן ליכט אויף אַלעם, וואָס לעבט און באַוועגט זיך אין יענעם בין־השמשות, איבערצייגט, אַז ווען עס וואָלטן געווען אַזעלכע ווילזעג־באַכס מיט אַזעלכע גוטע תלמידים ווי געש, וואָלט די משא פון פאַרברעכנס, וואָס שווערט אויפן דייטשן פאָלק נישט געווען אַזוי גרויס און אפשר וואָלטן די מאַסן־מאָרדן טאַקע נישט געקומען צו אַזאַ אומגעהויערן פאַרנעם.

דערווייל איז קאָלב דער ערשטער דייטשער שרייבער, וועלכער האָט געוואַגט אַרויסצוקומען מיט אַזאַ הויפּט־העלד, וואָס וואַרפט אָפּ דעם אויסרייד פון אויספירן באַפעלן און באַווייזט דעם ליגן, הינטער וועלכן די מערדער באַהאַלטן זיך און מיידן דורך דעם אויס די שטרענגע שטראָף. די דאָזיקע פאַרענטפערונג ווערט אויך אָנגענומען דורך דער דייטשער אינטעליגענץ, וועלכע מיינט מיט דעם אַרגומענט צו פאַרקלענערן אויך דאָס אייגענע שולד־געפיל און דערפאַר האָבן זיך גיך באַוויזן אַראָפרייסערישע רעצענזיעס, וואָס וואַרפן פאָר קאָלבן פאַרפלאַכונג, אָריענטאַציע אויף נידעריקן קונסט־סטאַנדאַרט און... בלוט־אָרעמקייט.

דאָך דאַרף מען קוקן אויף דער דאָזיקער דערציילונג ווי אויף אַן ערשטן פּרוּוו דורכצוּלופטערן די טוכלע אַטמאָספער אין דער דייטשער ליטעראַטור, אין וועלכער די דייטשן זעען נישט זייער אמת פנים.

★

אויף אַן אַנדערן אופן קומט דאָס שולד־געפיל צום אויסדרוק אין און אַרום דער דערציילונג פון האַלענדישן פראָזאַיקער איוואָ מישעלס.

די דערציילונג, וואָס טראָגט דעם מאָדנעם נאָמען „דאָס בוך אַלפא״ איז אייגנטלעך אַ גרויסער מאָנאָלאָג אין דער דריטער פּערזאָן. דער העלד איז אַ זעלנער, וואָס וואַקלט זיך אויף זיין פּאָסטן און זיין בענקשאַפט אַהיים, אומצוקערן זיך צו זיין ווייב. די דאָזיקע צוויי קעגנזעצלעכע געפילן פאַרמעסטן זיך אין אים מיט די כוחות. זיי באַגנוגענען זיך נישט מיט טיילן זיין נשמה, נאָר פון אַ קאַמף פאַר איר גאַנצער באַהערשונג. יעדעס קעגנזעצלעכע געפיל האָט אייגענע, אין פלוג איבערצייגנדיקע, מאָטיוון, פּרעכטיקע אין דער פּלאַסטישער קראַפט, אין דער טיפקייט פון געדאַנק און אין דער לירישער ריינקייט, קריצן זיך אָפּט און גייען זיך יעדער אין זיין ריכטונג, און ער גיט אָפּ זיין נשמה דאָ איינעם, דאָ דעם צווייטן. אין דער ווירקלעכקייט איז אַלץ נישט מער ווי אילוזיע, סיי די שייכות און סיי דער קאָנפליקט מיט דעם אַרום, סיי די שטרענגע און ברוטאַלע פליכט, סיי די צאַרטע בענקשאַפט צו געפינען זיך אין די אָרעמס פון דער פרוי.

דער מאָנאָלאָג באַלייכט צאַרט און קלאָר די אינעווייניקסטע סיטואַציעס פון דער געשטאַלט. די איבערגאַנג צו דער קינדהייט און יוגנט זענען מייסטערהאַפט געשריבן, די זכרונות זענען גראַציעז בילדעריש, מיט אַ געוויסער דאָזע קאָנווענ־ציאָנעלער סימבאָלישקייט, איבער אַלעם דעם סימבאָל פון קרייציקונג.

פון די יינגסטע יאָרן אָן טרעפט ער זיך אָן אויף ברוטאַלן געוואַלט און טויט. ער איז דערצויגן אין רוימיש־קאַטוילישן גייסט, אין אַן אַטמאָספער און דיסציפּלין, וואָס דערמאָנט אין מיטלאַלטער מיט דער גאַנצער מאַשינעריע אָפּצווייניקן די וועלט פון זינדיקע. איבערן קאָפּ האָבן אָן אויפהער געשוועבט די געשפּענסטיקע שטראָפן פון דער קירך, כדי אָפּצוראַטעווען די נשמה פון אייביקער פאַרלוירנקייט.

ערגעץ טיף אין דער נשמה האָט אין אים געלעבט די שטרעבונג אַרויסצו־רייסן זיך פון דער אָנגעוואָרפענער דיסציפּלין. איצט, אַלס זעלנער, וויל ער עס ווידער פּרווון, אָבער מיטן שליסל פון שטוב אין דער האַנט קערט ער זיך צוריק אום, ווען ער געפינט זיך שוין מיט איין פוס אויף דער שוועל פון זיין הויז...

דאָס, וואָס האָט אַמאָל אויסגעזען צו זיין אַ קאַמף צווישן גאָט און טייוול, איז איצט אַ געראַנגל צווישן צוויי געטער אויף אַ קליינעם פּלאַנעט, אין האַרצן פונעם בחיר היצירה... ביידע האָבן צו זייער דיספּאָזיציע הויכע געפילן און אייזערנע לאָגיק. זעלטן אַזאַ פיינע זעלבסט־איראָניע צו די סאַמע קלוגסטע רייד און צווישן די ווערטער איז אַזוי בולט די זיכערקייט, אַז דער מענטש איז אַ דואַליסטיש וועזן. דאָס פּראָבלעם פון זיין נשמה באַשטייט אין דער סתירה צווישן דעם חושימדיקן און דעם מעטאַפיזישן און די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט איז אַן אייביקער מלחמה־פּלאַץ צווישן צוויי פיינטלעכע פּרינציפּן.

דער שרייבער האָט אין אַ נייער עקספּערימענטאַלער דערציילונג־פאָרם געוואָלט באַהאַנדלען אַלט־נייע פּראָבלעמען, בעיקר דאָס רייסן זיך צו פרייהייט, צו דער באַפרייאונג און קולטיווירונג פון „איך״ אין קאַמף קעגן די ברוטאַלע לעבנס־פאָרמען, קעגן אַלערליי דערציעריש קערפּערשאַפטן, וואָס האָבן פון שטענדיק אָן געשטרעבט צו אַבסאָלוטן באַפעל, צו דער אייזערנער בינדונג, צו דיסציפּלין, קרבנות, פאַרלייקענונג פון „איך״, פאַרגוואַלטיקונג פון דער פּערזענ־לעכקייט. די יוגנט מיינט, אַז זי וועט געפינען איר פרייד אין דער פרייהייט, אָבער

וויפל טיפע פרייד פֿאַרמאָגט אויך די געהאָרכזאַמקייט, די הכנעה, דאָס אונטערגעבן זיך טעראָר, דער ממשלה פֿון שטן אין לעבן...

אין שייכות מיטן דאַזיקן אינערלעכן זען די געשטאַלט פֿון מענטש האָבן זיך געעפֿנט פֿאַרשידענע פֿראַגן און פּראָבלעמען. דער האָלענדישער שרייבער איזואָ מישיעלס איז נישט געווען מחויב זיך אָפּצוגעבן מיט זיי, אָבער ווי אַן אחריות־פֿולער שריפֿטשטעלער האָט ער אָנגעזאָגט זיין קומענדיקע דערציילונג, וואָס וועט אָנבינדן צו דער איצטיקער, אָבער אין איר וועט דער הויפּט־העלד באַזיגן זיינע פֿריערדיקע וואַקלענישן און וועט אָננעמען אַ באַשטימטע שטעלונג צו די באַרירטע פּראָבלעמען.

עס איז פֿאַרשטענדלעך דער אינטערעס, וואָס די דאָזיקע דערציילונג האָט אַרויסגערופֿן באַזונדערס אין דייטשלאַנד. אינטערעסאַנט איז אוטענבערגס מיינונג, אַז אין דער דאָזיקער דערציילונג איז פֿאַראַן אַ צוזאַמענשטויס פֿון רעגונגען, פֿון לעצטן ביסל אינסטינקט פֿון זעלבסטדערהאַלטונג, וואָס איז נאָך געבליבן דעם פֿאַרמשפּטן וועלט־סיסטעם. דער צוזאַמענברוך קומט אָן דורך אַלע וועגן און אויף אַלערליי אופֿנים. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז נאָכן חורבן וועט אַנטשטיין די אַלגעמיינע גליקלעכע וועלט־רעפּובליק, אָבער די מענטשהייט איז ביז אין די טיפֿענישן פֿון אונטערבאַוווסטזיין דורכגעדרונגען מיטן שוידער פֿון פֿולשטענדיקן חורבן. אַ סך ווירקט דערביי דאָס שולד־געפֿיל, מיט וועלכן די וועלט טראָגט זיך אַרום זינט דער צווייטער וועלט־מלחמה. פּונקט ווי ביי יחידים דערפֿירט דאָס דאָזיקע שולד־געפֿיל צו דער מרה־שחורה פֿון דער מענטשהייט. די צעהוליעטקייט, דער דורשט נאָך פֿאַרווײַלונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט גאָר די וועלט, זענען עס די סימנים, וואָס זאָגן אָן די אָנקומענדיקע מרה־שחורה, אָבער עס איז נישט קיין אַבסורד, אַז אויך די שוידערלעכסטע מלחמה זאָל פֿירן צו פּראָגרעס...

דער דאָזיקער דייטש וויל דאָס שולד־געפֿיל פֿון זיין פֿאָלק טיילן מיט גאָר דער מענטשהייט, מיט די פֿעלקער וועלכע זענען דורך אים געוואָרן אונטערדריקט און געמאָרדעט און קען זיך דערביי נישט באַפֿרייען פֿון די מלחמה־דורשטיקע אינסטינקטן פֿון זיין נאַציע, וואָס זעט נאָך אַלץ אומענדלעכע מעגלעכקייט אין אַ מלחמה. „דאָס אינסטינקטיווע איז דורכאויס אויף דער זייט פֿון נאַציאָנאַלן — זאָגט אוטענבערג — דאָס איז אַ נאַטירלעכער אינסטינקט, וואָס איז גורם, אַז די מענטשן זאָלן זיך פֿונאַנדערשיידן”. ער זעט דערפֿאַר פֿאָרויס, אַז אין דער קומענדיקער דערציילונג וועט דער הויפּט־העלד געוויס אָננעמען אַ שטעלונג אין דער דאָזיקער ריכטונג, ווייל די לופֿט איז דאָך אָנגעלאָדן מיט דער דאָזיקער אידעע...

דריי דורות

דער נייער ראָמאַן „אין ליידיקן טעמפּל פֿאַר טויטע געטער” פֿונעם איר־לענדישן שרייבער דזשאָ טאַרבערען איז געווידמעט דעם קאָנפֿליקט פֿון אונדזער עפּאָכע אין אַ ברייטערן פּלאַן וואָס נעמט אַרום דריי דורות: אַ זיידע מיט אַ זון און אייניקל. די אַקטיוועסטע אינעם קאָנפֿליקט זענען דער זיידע, אין די זיבע־ציקער יאָרן, און דאָס אייניקל, וואָס איז אַלט אינגאַנצן זיבעצן יאָר און איז שוין אָנגעשטעקט מיט די איבערקערערישע אידעען אין אַן אומבאַשטימט לאַנד. ווייניקער אַקטיוו איז דער מיטעלער דור, די עלטערן, וואָס דערנענטערן זיך שוין צו די פּופּציק, האָבן אין דער יוגנט געהערט צו אַ ליבעראַלער באַוועגונג, אָבער כאָטש זיי האָבן מיט איר נישט איבערגעריסן, זענען זיי אינדעראמתן שוין גלייכגילטיק צו איר, צו די אידעען, פֿאַר וועלכע זיי האָבן אַמאָל פֿאַרמאָגט אַזויפֿיל ענטוזיאַזם. זיי האָבן אָבער באַציאונג צום אַלטן, וואָס פֿאַרנעמט אין דער דאָזיקער באַוועגונג אַן אָנפֿירנדיקע פּאָזיציע. זיי איז אָבער שווער צו זיין אין כעס אויף זייער זון, וועלכער איז נישט דורכשניטלעך אַנטוויקלט, צייכנט זיך אויס מיט אַ דורכדרינגלעכער אינטעליגענץ און אומגעוויינלעכן טעמפּע־ראַמענט.

דער דאָזיקער טעמפּעראַמענט דערפֿירט עס צו די אָפּטע צונויפֿמענשטויסן מיטן זיידן, וועלכער איז ערלעך דורכגעדרונגען מיטן גייסט פֿון ליבעראַליזם און עטישע טראַדיציעס. ער קען נישט פֿאַרטראָגן די ווילדע אויפֿפֿירונג פֿונעם באַגאַבטן אייניקל, פּרווווט אין אָנהויב מיט גוטנס אים איבערצייגן און אַרויפֿפֿירן אויפֿן גלייכן וועג. דאָס יינגל דרייט זיך אָבער אַרויס און דער אַלטער מיינט, אַז ער איז בכלל נישט פֿעאיק צו טראַכטן. אָבער איינמאָל, ווען ער טרעט אַרויס אויף אַ מיטינג, רייסט זיך אַריין אַ באַיוווקע און די אָנפֿירער פֿאָדערן, מען זאָל דערלויבן אַן אַרויסטריט פֿון זייער רעדנער. אויף דער טריבונע באַווייזט זיך דאָס זיבעצניאָריקע יינגל, ווען דער זיידע טרעט אָפּ זיין אָרט און ער האַלט אַ פֿייערדיקע רעדע, וואָס איז נישט געקוקט אויף דער פּראָזעאָלאָגיע דורכגעדרונגען מיט איבערקערערישקייט און רעוואָלט קעגן דעם בלוט־אָרעמען ליבעראַליזם און פֿאָדערט דינאַמישע מעשים, אָפּרייניקן די לופֿט פֿון שימל און פֿוילעניש.

זינט דעם דאָזיקן אַרויסטריט האָט דער אַלטער ליבעראַל מיטאַמאָל דערזען די געפֿאַר, וואָס זיין אייניקל טראָגט מיט זיך נישט בלויז פֿאַר זיין יחוסדיקן שטאַם, נאָר אויך פֿאַר דער געזעלשאַפֿט, פֿאַרן לאַנד, און ער איז אַרויס קעגן אים אין אָפֿענעם קאַמף.

אין אָנהויב ווייזט אַלץ דערויף, אַז דער אַלטער זאָל געווינען דעם קאַמף. ער האָט אַלע שאַנסן, מאָראַלישע און פֿיזישע. אויף זיין זייט איז די מאַכט, די פֿעסט־איינגעוואָרצלטע טראַדיציעס, די רעליגיע.

און דאָך פֿאַרשפּילט ער, נישט בלויז פֿיזיש, נאָר אויך מאָראַליש. ער דערזעט אַליין ווי ליידיק עס איז דער טעמפּל פֿון אידעען, וואָס איז פֿאַר אים אַזוי

הייליק. אויף טריט און שריט דערזעט ער די היפּאָקריזיע און גייסטיקע פוילקייט. אַלע גרויסע וועלט־פּראָבלעמען זענען נישט מער ווי אַן ענין פאַר קאַריערע און פינאַנסיעלע רווחים. דער זיידע, וועלכער פאַרטרעט טיילווייז זיין באַוועגונג אַליין, וויל נישט מודה זיין, אַז ער איז פאַרשפּילט, אָבער אין האַרצן האַלט ער, אַז זיין קאַמף, כאָטש ער איז אַ גערעכטער, האָט נישט קיין שאַנסן. ער איז אַליין, אפילו דעמאָלט ווען אַ גאַנצע באַוועגונג איז אויף זיין זייט. עס איז אַ באַוועגונג פון פוילאַקעס און קאַרומפּירטע קאַריעריסטן, וועלכע עס אינטערעסירט נישט ווי אַזוי דאָס לאַנד וועט אויסזען נאָך זיי. זיי ווילן ביים לעבן אַרויסציען דעם מאַקסימום נוצן און כבוד.

אין קאַמף קעגן זיין אייניקל איז דער אַלטער ליבעראַל נישט איבערקלייבעריש אין מיטלען. חוץ דעם פאַרטייאישן אַפּאַראַט נעמט ער צוהילף פאָליצייאַגענטן, וואָס שפּיאָנירן נאָך יעדן טראָט פון זיין אייניקל, און די ידיעות, וואָס זיי ברענגען, דערשיטערן אים. דאָס זענען דאָקומענטן און פאָטאָגראַפיעס פון אויסגעלאַסענע הוליאַנקעס, אָרגיעס און ווילדע פערד־פאַרמעסטן. אגב זענען די דאָזיקע סצענעס קינסטלעריש־שטאַרק געשילדערט. בלאַסע, מטושטשע העלדן, אָבער ווי עס קומט צו אָט די סצענעס, ווערן זיי ווונדערלעך. די לופּט אַרום זיי כישופט און פאַרכאַפּט, ווי דער שרייבער אַליין איז פאַרכאַפּט פון זיי.

מיטן טעמפּעראַמענט פון דער יוגנט איז אָנגעגליט די לופט אפילו ווען ער הייסט זיינע העלדן דיסקוטירן. וואָס האָבן דען די יונגע צו זאָגן אויף צו באַרעכטיקן זייערע ווילדע מעשים? יעדע פראַזע איז אַן אָפּשלאָג פון דער פיזישער ליידנשאַפט. צווישן זיי זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן נישט קיין נשמות, זענען אָבער איבערגעלאָדן מיט טעמפּעראַמענט און אַלע ווילדסטע אימפּולסן דערציילן וועגן אומבאַשטימטע גייסטיקע באַדערפעניש.

דאָס אייניקל, וואָס פאַרנעמט אַן אָנפירנדיק אָרט אין דער נייער פאַרמאַציע, נעמט אויף דעם קאַמף פונעם זיידן קעגן אים און פירט אים מיט אידעישע אַרגומענטן. ער נוצט אויך אויס דעם גייסטיקן באַגאַזש, וואָס ער האָט באַקומען פונעם זיידן, וואָס ער האָט אונטערגעהערט פון אַנדערע, לאָזט זיי דורך דורך זיין שמעלץ־אַטמאָספער, דעקאָרירט זיי מיט דער באַפליגלטקייט פון די נייע באַגריפן און קומט מיט זיי אַרויס אין דער עפנטלעכקייט ווי מיט אייגענע.

ער איז ווירקלעך ליידיק, דער פאַרהייליקטער טעמפּל. נישטאָ איז דאָזיקן בוך קיין איין געשטאַלט, וואָס זאָל אָנזאָגן אַ בשורה פון אַ נייעם אמת. איז דען דאָס באַגאַבטע און אומגעווייגלעך אַנטוויקלטע אייניקל אַ בשורה־אָנזאָגער?

אַלץ וואָס ער ווייסט, איז דער באַוווּסטזיין פון זיין יוגנט, פון זיין רעוואָלט קעגן אַלטן. אָבער אַליין איז ער נישט בכוח אונדז אַריבערצונעמען איבערן שוועל פון דער צייט, אין וועלכער ער לעבט, איז אַקטיוו און קעמפעריש בלויז דערפאַר ווייל ער איז יונג. דער מחבר איז אין דער הינזיכט אַ סקעפּטיקער. אין אָנהויב וויל ער זיך באַווייזן ווי יענער הערעטישער סקעפּטיקער, וואָס וואַקסט אויס פונעם קאָנטאַקט מיט לעבן, פון עמפּיריזם, ווי יענער, וואָס איז אויפגעקומען אין אָנהויב פון 3־טן יאָרהונדערט פאַר אונדזער צייטרעכענונג און האָט זיך קעגנגעשטעלט דעם הערשנדיקן דאָגמאַטיזם. דער אַלטער ליבעראַל

רעדט אין זיינע שמועסן מיטן אייניקל וועגן דער דאָקטוירים־שול אין אַלעק־סאַנדריע. זיי האָבן געהאַלטן אַז פריער דאַרף מען היילן די קראַנקע מענטשלעכע נשמה, און דעם קען נישט זיין קיין רייד פון אויסהיילן דעם קערפּער. דער אַלטער איז אַ סקעפּטיקער קעגן יעדער אינדיווידואַליסטישער מעגאַלאָמאַניע. דער אידעאַל פונעם יחיד קען נישט ווערן אַרויפגעצוווּנגען אויפן כּלל, אפילו ווען ער איז געניאַל. אָבער באַלד זעען מיר אויך ביים זון דעם סקעפּטיציזם קעגן דער קאָלעקטיוויסטישער מעגאַלאָמאַניע. בעת זיין אינטימען שמועס מיט דער פרוי וויקלט ער אויף די טעאָריע, אַז דערפון וואָס די מערהייט האַלט זיך ביי אַ געוויסער מיינונג איז נישט געדרונגען, אַז זי איז ריכטיק. אַלע אידעאַלן, אין וועלכע זיי האָבן אין דער יוגנט אַזוי ענטוזיאַסטיש געגלויבט, האָבן זיך אַרויס־געוויזן צו האָבן אַ גאָר קליינעם פּראָצענט אמת.

ווען ער איז אַליין מיט זיין פרוי דערלויבט ער זיך אַרונטערצורייסן דעם אויטאָריטעט פון אייגענעם פאָטער. ער ציטירט איר די ווערטער, וואָס סעקסטוס עמפּיריצוס האָט געשריבן מיט 1800 יאָר צוריק: „...ווער עס האַלט, אַז עפּעס איז אמתדיק שיין אָדער שלעכט, פאַרמשפּט זיך אויף אומרו. ער נעמט זיך יאָגן נאָך דער שיינער זאַך און ווען ער דערגרייכט זי לעבט ער אין שרעק אַז ער קען זי פאַרלירן און איז גרייט צו טאָן דאָס ערגסטע, אפילו מאָרד, ווען ער פאַרדעכטיקט עמעצן אין לויערן אויף דער שיינער זאַך. דאַקעגן דער, וואָס אורטיילט נישט איבער שיינקייט און שלעכטס, דער אַנטלויפט נישט פון שלעכטס און יאָגט זיך נישט נאָך דער שיינקייט און געניסט פון אמתער רו".

אויף וועמענס זייט איז דער מחבר? אייגנטלעך נעמט ער נישט קיין קלאָרע שטעלונג. ביי זיין גאַנצער סימפּאַטיע צום אַלטן ליבעראַל, זעט ער זיין וועלט אַן אונטערגייענדיקע, ווייל עס פעלן די פונדאַמענטן, אויף וועלכע זי האַלט זיך. ער גלויבט אויך נישט, אַז דאָס אייניקל וועט זיין בעסער, ווען ער וועט ווערן עלטער. פון זיינע קורצע דיגרעסיעס, פון דער אַטמאָספער, וואָס ער שאַפט אַרום דעם יונגן דור זעט אויס, אַז ער איז דורך און דורך הערעטישער סקעפּטיקער. דאָס איז אַ סקעפּטיציזם פון געדולד און טאָלעראַנץ צו מענטשלעכע שוואַכקייטן. די אַנטיטעזע פון סקעפּטיקער איז דער באַרבאַר — דאָס איז דער קאָלעקטיווער דאָגמאַטיקער, וואָס גייט נאָך דעם בלינדן גלויבן, און ווערט שטענדיק דערפירט צום בלינדן האַס. ד. טאַרבערען איז אַן אַפּיקורוס און גלויבט, אַז זיין אַפּיקורסות איז די סאַמע אָפּטימיסטישע וועלט־אַנשויאונג.

דער מדבר אַרום מענטש

דער ראָמאַן פון דער יונגער ענגלישער שרייבערין אַנעט רעמינג „דער מדבר אַרום דעם מענטש" איז די סאַמע אָריגינעלסטע דערציילונג פון דער לעצטער צייט. צוזאַמען מיט דער פולשטענדיק נייער סביבה, די וועלט פון אַנטראָפּאָלאָגן, זייער אייגנאַרטיקע פּסיכאָלאָגיע און מאַניערן, עלעמענטאַרע נאַטור־געפילן און האַרץ־בענקשאַפטן, איז דאָ אויך פאַראַן אַ טיפער אַריינבליק

אין דער מאָדערנער אַנטראָפּאָלאָגיע, וואָס זוכט אויפצודעקן די מענטשלעכע באַגריפן אין דער פּרעהיסטאָרישער עפּאָכע. אפשר גיט עס אַ רמז צו אַן אויפקלערונג איבער דער אויפפירונג פונעם הייַנטיקן מענטש ביים אַנטוויקלען זיך פון די ערשטע פּאַזעס אינעם לעבן פונעם איבעראַשטן קינד אין אָנבליק פון געבורט און טויט.

די אַקציע פונעם ראָמאַן הויבט זיך אָן אין אַ הייל, ווו אַ גרופּע יונגע אַנטראָפּאָלאָגן האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף סקעלעטן פון פּרע־היסטאָרישע חיות, וואָס זענען ענלעך צו בילדער און סקולפּטורן, וועלכע זענען מיט אַ צייט צוריק געפונען געוואָרן אין אַפריקע. די מיינונגען פון די אַנטראָפּאָלאָגן זענען צעטיילט. עס זענען צווישן זיי פאַראַן אויך יונגע פּרויען, וועלכע זעען אין די ליבע־באַציאונגען, וואָס גייען אָן אין משך פון דער גאַנצער צייט פון זייער וואַנדערן איבער די בערג־היילן, די באַפרידיקונג פון עלעמענטאַרע מענטשלעכע באַדערפענישן. אָבער אינעם ווערן און אָפּוויקלען זיך פון די פּאַסירונגען ציטערן אויף אין זיי נייע געפילן. זיי ווערן איבעראַשט פון זייער מעכטיקן פּאַרנעם. אין דער זעלבער צייט ווערן אויך זייערע אַנטראָפּאָלאָגישע פאָרשונגען און אַנטדעקונגען אַריינגעוועבט אין די ליידנשאַפטלעכע פּערזענלעכע געשעענישן און לאָזן זיך בינדן אין דער שפּאַנונג. די דערציילערין באַווייזט צו אינטריגירן מיט די אויפקלערונגען, וואָס זענען געגעבן געוואָרן אין דער געשיכטע פון מענטשלעכן גייסט צום פּראָבלעם פון מענטשנס באַשטימונג. דער יונגער פּראָפעסאָר גרענדען האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל פעסטצושטעלן ווי אַזוי עס איז אָפּגעשאַצט געוואָרן די באַשטימונג פונעם פּרעהיסטאָרישן מענטש. עס שווימט אויף די פראַגע, צי מיר האָבן זיך גערוקט פאָרויס, ד. ה. צי ווייסן מיר ווי אַזוי עס ווערט אָפּגעשאַצט די באַשטימונג פונעם מענטש אין אונדזער הייַנטיקער צייט? די ענטפערס, וואָס זענען געגעבן געוואָרן אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, רעדן נישט צום הייַנטיקן מענטש, וועלכער ווייסט, אַז דער אַבסאָלוטער באַשייד וועט קיינמאָל נישט געפונען ווערן.

דער יונגער עלען, אַ פעאיקע געלערנטע און טעמפּעראַמענטפולע געליבטע, איז געלונגען אויפצווייזן, אַז דער מענטש אין דער פּאַליאָטישער עפּאָכע איז געווען איבערצייגט אין גלגול נשמות. די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט האָט יענער מענטש געשענקט דער עקזיסטענץ פון חיות. ער האָט אין זיי געזען באַשעפענישן, וואָס ווערן געבוירן און שטאַרבן פּונקט ווי ער, אָבער זיי ווייסן נישט דערפון, ווייל זיי פאַרמאָגן נישט דעם חוש פון צייט. אין די בילדער, וואָס ער האָט געמאָלן, האָט ער געפּרווט אויפקלערן זיך אַליין. ער האָט אָנגענומען די מיינונג, אַז דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן אויפן זעלבן אופן ווי ער שאַפט דאָס בילד פון ליים.

עס איז אַ קאַלטע נאַכט. די יונגע געלערנטע האָבן אָנגעצונדן פייערן און ביים שיין פון די פלאַקערן זעצן זיי פאָר די דיסקוסיע איבער דעם שטייגער־לעבן, וואָס עס האָבן געפירט די איינוווינער פון דער דאָזיקער הייל מיט צענטויזנט יאָר צוריק. עלען טוליעט זיך צו מילערן. זי וויל אים איבערבעטן פאַר דער נאַכט, וואָס גרענדען האָט זי ביי אים אָוועקגענומען. מילער האָט זיך

געוואָלט איינרעדן, אַז דאָס אָרט איז ניטאָ. עס איז דאָך נישט מער ווי ער וואָלט אָפּגעטראָטן זיין חבר אַ פרישטיק, צו וועלכן יענער האָט אַרויסגעוויזן אַזאַ שטאַרקן אַפּעטיט. גרענדען איז שוין לאַנג געווען אַן אַ פרוי. ער האָט געהערט ביינאַכט זיינע תאוותדיקע קרעכצן און האָט זיך געגוי פאַרגעשטעלט עלענס באַוועגונגען, וואָס זענען געווען אויסגערעכנט נישט צו דערלאָזן צו קיין שוואַנגערשאַפט. ער דערמאָנט עס זיך איצט. אָבער גלייכצייטיק פילט ער ווי ער ווערט פאַרצערט פון אייפערזוכט. ער ווערט זיך. עס רייסט זיך פון אים אַרויס: „איך בין, מיינע טייערע, דער וויסנשאַפטלער, וואָס פאַרלייקן די ליבע. דאָס איז נישט מער ווי אַ שטאַרקער נאַרקאָז, וואָס מאַכט אונדז פאַרגעסן אונדזער שרעקלעכע לאַגע אין דער עקזיסטענץ". עלען ווייסט וואָס איך אים קומט פאַר. זי זאָגט: „אַרעמער, ער מיינט, אַז ווען מען פאַרלייקנט די ליבע, הערט זי אויף צו עקזיסטירן. ערשט אויב די ליבע איז אַ ליגן, קאָן די וועלט, דער מענטש ווערן אַ ליגן".

די קאָנפליקטן, וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין די היילן, ווערן נאָך מער קאָמפּליצירט, ווען זיי קומען צוריק אין שטאָט, אויף דער אוניווערסיטעט. די אַנטאַגאָניזמען צווישן גרענדען און מילערן ווערן פאַרטיפטער. גרענדען ווערט אַלץ מער באַרימט. זיין טעאָריע, וואָס איז באַזירט אויף דער דערציילונג פון „בראשית" געפינט אַ ברייטן אָפּקלאַנג צווישן די געלערנטע. ער ווייזט אויף, אַז די יידישע מסורה האָט צום בעסטן פאַרשטאַנען די נשמה־וועלט פונעם אור־מענטש. די שפּראַכלעכע נאָענטקייט צווישן „אדם" און „אדמה" איז אַ רעזולטאַט פונעם געדאַנקען־גאַנג און פאַרשטעלונג פונעם אור־מענטש, אַז ער איז באַשאַפן געוואָרן אויפן זעלבן אופן ווי ער שאַפט זיינע קונסט־ווערק פון ליים.

מילער ווייזט אויף, אַז דער תנ"ך איז אין משך פון טויזנטער יאָרן געווען אַ קוואַל פאַר שפּעקולאַציעס און ראַנגלענישן מיט דעם פּראָבלעם, וואָס דריקט אויף אַלעמען, אַן דער אויסזיכט צו געפינען אַן ענדגילטיקע לייזונג. ער וויל זיך נישט שפּילן מיט מיסטיק, ווייל די טיר, וואָס פירט אַריין צום מעכאַניזם פון וועלט־סיסטעם האָט זיך געעפנט און מיר זעען אַלע רעדלעך און שרייפלעך, מיר קענען אַלע פיזיקאַלישע געזעצן, וואָס באַוועגן אָט די גאַנצע קאָסמישע מאַשין און די אַלע עלעמענטן, פון וועלכע זי בויט זיך אויף.

ער האָט וועגן דעם אָנגעשריבן אַ גרויסע אַרבעט, איבער וועלכער ער האָט געהאָרעוועט לאַנגע חדשים און האָט זי אַוועקגעגעבן דעם פּראָפעסאָר גאַלוויטץ צום פאַרעפנטלעכן. דעמאָלט דערשיינט עלען. זי פרווט נישט פאַר־ענטפערן איר אָפּוועזנהייט. אירע אויגן זענען העל און אָפן, קוקן אַריין אין זיין געמיט. זי האָט געלייענט זיין אַרבעט און איז איבערצייגט, אַז ער וועט אַמאָל חרטה האָבן און צוריקציען אַלץ, וואָס ער האָט דאָרט געשריבן. אַלע זיינע אויספירן זענען אַ רעזולטאַט פון איינזאַמקייט. „דו ביזט דער איינזאַמסטער אַנטראָפּאָלאָג, וואָס האָט ווען עס איז עקזיסטירט. די מדבר, וואָס ציט זיך אַרום דיר, האָט אָפּגעטיילט איין ווירקלעכקייט פון דער אַנדערער און דערפאַר קלינגט דיין שטים ווי דו וואָלסט גערופן אין אַ הוילקייט. דו דריקסט נישט

אויס דעם אמת, וואָס לעבט פאַרבאָרגן אין דיר. אויב גרענדעענס אויספּירן זענען, לויט דיין מיינונג, ספּעקולאַציעס אויפן סמך פון יידישן אויפפאַסן מעשי בראשית, איז דיין גאַנצע אַרבעט אַ באַווייז פונעם געדאַנקען־קריזיס, וואָס דו לעבסט איבער און ווילסט זיך דערצו נישט מודה זיין".

מילער איז צוזאַמענגעבראָכן און עלנט דערזעט פאַר זיך דעם אומגליקלעכן מענטש אין אַלע פאַזעס פון זיין לעבן. זי בלייבט מיט אים און אונטערן איינפלוס פונעם הייליקן און הייליגנדיקן ווייזן פון ליבע און טריאומף פילט ער ווי זוניקע פליגל וואָלטן אים געטראָגן איבער שטורעמדיקע אָקעאַנען צו ערגעץ אַ בלויען נירוואַנאַ־קעניגרייך. אויפצומאָרגנס האָט ער אָפּגענומען פונעם פּראָפעסאָר גאַלוויטץ זיין מאַטעריאַליסטישע אַרבעט. ער זאָגט: „איך האָב עס געשריבן אין אַ פאַרכמורעטן צושטאַנד, ווען די פענצטער, דורך וועלכע מען קוקט אַריין אין די טיפענישן, זענען פאַרהויכט פון נעפּל. מען מוז פריער אָפּווישן דעם דאָזיקן הויך און דערנאָך..." ער גיט איבער עלענען דעם מאַנוסקריפּט און שמייכלט ווען זי וואַרפט אים אין פייער.

די וואָס ווילן שאַפן אַ העכערן טיפּ מענטש אָדער... אונטערגיין

„...עס עקזיסטירט גאָר איין ציל — האָט דער מחבר פונעם בוך „דער ריטואַל אין די פינצטערנישן", קאָלין ווילסאָן, דערקלערט אין אַ שמועס מיטן רעצענזענט ווייטעסאָן — געבן דעם לעבן אַ גיכערן טעמפּ, שאַפן מער וויטאַ־ליטעט, פאַרוואַנדלען מענטשן אין איבערמענטשן, שאַפן אַ העכערן טיפּ מענטש, אָדער אונטערגיין". עס וואָלט אפשר נישט כדאי געווען וועגן דעם צו רעדן ווען דער דאָזיקער פילאָזאָפישער פּרינציפּ וואָלט נישט געווען אין ענגלאַנד דער לעצטער מאָדע־געשריי, וואָס טראָגט זיך איבער אויך אין אַנדערע לענדער. באַזונדערס דאָרט, ווו עס שטייגט דער טעכנישער פאָרשריט און די מאַטעריעלע שפע.

אין דעם ראָמאַן „דער ריטואַל אין די פינצטערנישן" ווערט אין אַ מאָדערנער ווערסיע אויפגעלעבט דער לעגענדאַרער „דזשעק בויכשניידער", וואָס האָט מיט קנאַפּע אַכציק יאָר צוריק אויפגעטרייסלט די עפנטלעכע מיינונג אין ענגלאַנד. אַלע זיינע קרבנות זענען געווען פרויען. די ערשטע זענען געווען פיר פּראָסטי־טוטקעס, וועלכע מען האָט אויף אַן אידענטישן אופן אויפגעשניטן די בייכער. אַ פינפטע האָט מען געפונען מיט אַ דורכגעשניטענעם האַלדז און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער מערדער איז דורך עמעצן געוואָרן איבערגעשראָקן און נישט באַוויזן אויפצושניידן דעם בויך ביי זיין קרבן. דער דירעקטאָר פון דער צענטראַלער נייעס־אַגענטור האָט באַקומען אַ פּאָסט־קאַרטל מיט פאָלגנדיקן אינהאַלט: „איך האָב זיך פאַרנומען אויסצומאָרדן אַלע זונות און וועל נישט רוען ביז איך וועל מיין ציל דערגרייכן. וואָס זאָגט איר צו מיין לעצטער

אַרבעט ? הומאַניטאַר, הא ? דאָס פּריילין האָט נישט באַוויזן אפילו אַ פּיפּס צו טאָן... מיט אַכטונג, דזשעק בויכשניידער". דאָס צווייטע קאַרטל, געשריבן מיט רויטער טינט, האָט געמאָלדן וועגן אַן אָקאַרשט־דורכגעפירטן מאָרד און דער זעלבער מערדער האָט זיך אַנטשולדיקט, פאַר וואָס דאָס אָפּפאַרטיקן זיך מיט זיין קרבן האָט געדויערט מער ווי דריי מינוט און די פּראָסטיטוטקע האָט באַוויזן אַרויסצולאָזן אַ געשריי. ווער איז עס געווען דער געהיימנישפולער דזשעק, וואָס האָט אַזוי קונציק באַוויזן זיך אַרויסצודרייען פון דער פּאָליציי און דערביי נישט איבערייסן זיינע בלוטיקע שחיטות ? וואָס איז מיט אים שפּעטער געשען ? פאַרוואָס האָט ער ענדלעך מיטאַמאָל אויפגעהערט צו מאָרדן פּראָסטיטוטקעס ? דאָס איז געבליבן אַ סוד, ווייל מען האָט אים קיינמאָל נישט געכאַפּט. אין דער זעלבער געהיימנישפולקייט, וואָס ער איז אויפגעקומען, איז ער אויך פאַרשוווּנדן. געבליבן זענען נאָר די לעגענדעס, וואָס האָבן נישט אויפגעהערט צו וועבן זיך אַרום דעם דאָזיקן געשפּענסט. אויף דער דאָזיקער טעמע האָט רישאַרד מאַנספילד געשריבן זיין „ד"ר דזשעקל און מיסטער האיד" א דראַמע, וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן אין ליצעאום־טעאַטער מיט אַן אומ־סערגעווייינלעכן דערפאָלג. עס זענען וועגן דעם געשריבן געוואָרן אייניקע קרימינעלע ראָמאַנען, אין וועלכע עס איז געשענקט געוואָרן די הויפּט־אויפ־מערקזאַמקייט דער אויסטערלישער מאָרד־טעכניק און דעם באַזונדערן ציל: געפאַלענע פרויען.

געהאַט אירע אייגענע טעאָריעס האָט אויך די גאַס. די פּאָפּולערסטע איז געווען, אַז אונטער דער מאַסקע פון דזשעק בויכשניידער האָט זיך באַהאַלטן אַ משוגע־געוואָרענער כירורג, וואָס האָט געשוווירן צו נעמען נקמה אין די פּראָסטיטוטקעס, ווייל ער, צי זיינס אַ זון, איז געוואָרן אָנגעשטעקט מיט אַ ווענערישע קראַנקהייט. עס זענען אויך געווען לעגענדעס וועגן אַ מאַטראָז, אַ פּאָליציאַנט, אַן אַקושערין, וואָס איז געמסרט געוואָרן דורך אַ פּראָסטיטוטקע, אַז זי מאַכט אומלעגאַלע אַבאָרטן. אַלע האָט כאַראַקטעריזירט דאָס זוכן אַ געוויסע לאָגיק אין יענעמס מוראדיקן וואַנזין. אינגאַנצן אַנדערש איז עס אין ווילסאָנס נייעם בוך, די מאָדערנע טראַנספּאָזיציע פון יענעם לעגענדאַרן גע־שפּענסט.

די מאָרדן אין ווילסאָנס ראָמאַן קומען פאָר אין דער זעלבער געגנט פון ווייטשעפּל, איבער פּראָסטיטוטקעס, דער מערדער שרייבט אויך פּאָסט־קאַרטל'עך, בלויז זיינע מאָרד־אינסטרומענטן זענען מער ענלעך צום דיסלדאָרפער מערדער, און די מאָטיוון — האָמאָסעקסואַליסטישע. דער הויפּט־העלד, אוסטען, אַ יונגער עסטעט, וואָס האָט באַקומען אַ רייכע ירושה, האָט אַמאָל, אין האַמבורג, דער־הרגעט אַ יינגל. אין לאָנדאָן טרייבט אים דער האָמאָסעקסואַליסטישער סאַדיזם צו מאָרדן פּראָסטיטוטקעס. זיין געשיכטע ווערט דערציילט דורך אַ שרייבער־אָנפאַנגער, וואָס האָט פינף יאָר פאַרבראַכט אין אַ פּוסט צימער איבער אַ פּוסט שטיקל פּאַפּיר. באַקענענדיק אויסטינען, האָט ער אויפגעלעבט און דערפילט אין זיך אַ צופלוס פון שעפערישע כוחות.

אין דער ערשטער שיכט פונעם ראָמאַן קומט פאָר די אַקציע אויף דער

גרענעץ צווישן געזונטע אינסטינקטן און קרענקלעכער דעגענעראַציע, אינטעלעקטועלער נייגעריקער און קראַנקער אומנאַטירלעכער ליבע. מיר טרעטן דאָ אַריין אין אַ געגנט פינצטערן ווינקל פון קליניש שטודיום. עס איז דאָ פּאַהאַן אַן אָנדייט, אַז אויסטין האָט שטאַרק ליב געהאַט זיין מוטער און זיין ערשטע באַציאונג מיט אַ פּראָסטיטוטקע האָט אין אים אַרויסגערופן אַ פייגלעכע פאַרביטערונג. דער שרייבער דערציילט אויך וועגן זיין קינדהייט, ווען ער פלעגט אויפשניידן די בייכער פון זיינע לאַלקעס. דאָס איז יענער פּרוידישער זאַק אָן אַ דנאָ, אין וועלכן מען פּאַקט אַריין אַלע סעקסועלע אַנאָרמאַלקייטן. וואָלט ווילסאָן זיך באַגנוגנט מיט דעם, וואָלט געווען אַ האַלבע צרה, וואָלט עס געווען נאָך איין בעלעטריזירטער טראַקטאַט אונטערן איינפלוס פון פרוידיזם און וואָלט גלייכצייטיק געווען אַ באַווייז ווי קינסטלעריש פּאַרעוועע עס איז פּסיכאָאַנאַליז, ווען מען נוצט אים אויף אַן איבערגעטריבענעם אופן אין דער ליטעראַטור, וואָרום די מענטשן־קינסטלער, וואָס דער שרייבער דעראָבערט דורך אָבסערוואַציע, דערפאַרונג און אינטואיציע, געהערן נישט צו דער קאַטעגאָריע, וואָס עס זאַמלט אָן דער פּסיכיאַטאָר. עס זענען פאַראַן זאַכן, וואָס דער מענטש דערציילט קיינמאָל נישט דעם פּסיכיאַטאָר און פאַרשווייגט זיי אפילו אין דער אינטימסטער ווידוי. אין דער סטרעפע פונעם דאָזיקן פאַרשווייגן אַנטשטייט געוויינלעך עכטע ליטעראַטור מיט פּסיכאָלאָגישע אַמביציעס.

ווילסאָנס עיקר־ציל איז אָבער געווען צו באַווייזן, אַז מיר לעבן אין אַן עפּאָכע פון סעקסועלן מאָרד און אַז דער הויפּטציל אין לעבן דאַרף זיין צו פאַרוואַנדלען מענטשן אין איבערמענטשן. געראַרד סאָם, דער נאַראַטאָר פונעם דאָזיקן פילאָזאָפיש־קרימינעלן ראָמאַן דערציילט: „כ׳בין געלעגן דאָ, איינמיטן לאָנדאָן, אַרומגערינגלט פון דריי מיליאָן שלאָפנדיקע מענטשן און מיט אַ פאַרגאַנגענהייט, וואָס דערגרייכט די צייטן ווען די רוימער האָבן געבויט די שטאָט אויף די מאַלאַרישע זומפּן. כ׳קען נישט אויסטייטשן וואָס איך האָב געפילט. כ׳האָב געפילט, אַז כ׳נעם אָנטייל אין אַלעם, אַז איך וויל לעבן אַ מיליאָן מאָל מער ווי ווער עס איז האָט ביז איצט געלעבט. כ׳שלעפּ אַרויס מיין באַוווסטזיין, וואָס איז קראַנק און מיד. אין מיר איז געבליבן בלויז געוואַלט, אין די מוסקולן, אין האַלדז. ווען עס רייסט זיך אַרויס, פיל איך מיין אייגענעם איך. אַלץ אַרום איז פרעמד. די עקזיסטענץ איז נישט מער ווי אַ נעץ אַריינצונאַרן מענטשן, באַגרענעצן. איך בין גאָט, דער באַשעפער פון אַלעם, וואָס עקזיסטירט. כ׳בין דער נעכטן און דער היינט. אַנדערש האָט נישט קיין זין צו לעבן... ווייסט, אַלע עגיפּטער האָבן געגלויבט, אַז זיי שטאַמען פון געטער. אָט דאָס איז זעלבסטגעפיל! היינט איז דער מענטש נישט מער ווי אַ מיטגליד פון דער געזעלשאַפט מיט התחייבותן כלפי אַלע. דאָס איז אַ דעוואַלוואַציע פון דעם מענטשלעכן ווערט. מיר, שרייבער און פּאָעטן, דאַרפן קעמפן קעגן דער דאָזיקער אינפלאַציע, פאַר דער ווירדע פונעם מענטש און צוריקציען אים צו דער עגיפּטישער גרויסקייט. דער היינטיקער מענטש האָט נישט קיין אָנונג ווי גרויס ער איז. מיט דער הילף פון סעקס קען מען דערגרייכן די ווזיע פון דער געטלעכער גרויסקייט, וואָס איז פריי פון אַלע פאַראורטיילן".

אין אוסטינען דערפילט ער נישט בלויז אַ ברידערלעכע נשמה, נאָר דעם, וואָס קען זיינע אַנונגען פאַרוואַנדלען אין טאַט, אויפהויבן אים צו דער מדרגה פון גאָט, מיט דער גאַנצער פאַראַכטונג צו מענטשלעכער עטיק און לאָגיק. דער טויט איבער די פרויען קומט ווייל זיי האָבן נישט די העכערע לעבנסרעכט. ניטשע האָט געזאָגט: „דאָס גאַנצע פאָלק שטעלט מיט זיך פאָר אַן אומוועג צו שאַפן צען איבערמענטשן". ער אַליין פרווט אויך מאָרדן און טוט עס מיט דער קאָנטעמפּלאַציע פון אַ הייליקן. ער וויל דערמיט אַנטלויפן פון די מענטשלעכע ערדישע שוואַכקייטן און זעט אין דעם דאָס אויסדרוקפולסטע דינען דעם געטלעכן אידעאַל.

ערשט נאָך פיר הונדערט זייטן דערגייען מיר צו דער אַנטוישונג. דער שרייבער זאָגט: „...כ'האָב געמיינט, אַז ער וויל אויסדריקן דעם בונט קעגן דער היינטיקער אָרדענונג. איצט זע איך, אַז ער איז פּשוט אַ משוגענער... די וועלט ווערט אַלץ מער אָרגאַניזירט, אָבער וואָס מער מען וויל ביי די מענטשן צונעמען די פרייהייט, אַלץ מער דריקט זי זיך אויס אין פאַרברעכנס. דער מענטש איז נישט קיין לאָגיש באַשעפעניש און קען זיך נישט באַגיין אָן איראַציאָנעלן. דער מענטש וויל נישט זיין ריין אָן עבירות, ווי אדם הראשון אין גן עדן. ער וויל זיין גאָט. אויך אויסטינען האָב איך געהאַלטן פאַר אַזעלכן. דאָס איז געווען מיין טעות. ער האָט געמאָרדעט, ווייל ער האָט זיך נישט געקענט באַהערשן, ווי אַן אַלקאָהאָליקער, אָן שום העכערן צוועק".

דער יונגער גאָט פאַלט אַראָפּ פון זיין פּיעדעסטאַל ערשט דעמאָלט ווען עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ער איז נישט קיין מאַרטירער, קיין איבערמענטש, נאָר אַ שווער־קראַנקער משוגענער, ווען נישט דאָס, וואָלט דער שרייבער אין אים געזען דעם מוסטער פאַרן צוקונפטיקן מענטש. מיר האָבן דערביי פאַר זיך דעם ווידערגעבורט פון אַ נייער פאַשיסטישער פאָרמולירונג מיט אַלע ניטשעאַנישע אַטריבוטן פון דער דריטער האַנט, די פאַראַכטונג צום פּשוטן מענטש און אויפהויבן זיך צו די העכסטע שטאַפּלען דורך אַנטלויפן פון זיך צום קרענקלעך־מיסטישן איך: דורך סעקסועלן מאָרד.

דער שטומער

„דער שטומער" איז אַן ערשט בוך פון אַ שווייצאַרישן שרייבער, אַטאַן וואַלטער און אין אַן אינטערעסאַנטע ליטעראַרישע פּאָזיציע.

די פעדעם פון דער פאַבול שפּינען זיך אויס פון צוויי ציימונגס־נאָטיצן. איינע, ביים אנהויב פון דעם ערשטן קאַפּיטל אינפאָרמירט, אַז אין אַ געוויסן טאָג איז אין די שווייצאַרישע וועלדער, ביים בויען אַ שאָסיי אין די בערג, פאַרשוווּנדן געוואָרן אַ מענטש. די צווייטע נאָטיץ, ביים סוף פון בוך, מעלדעט, אַז נאָך צוויי חדשים האָט זיך אויף דער פּאָליצײ געמאָלדן אַ יונגערמאַן, אַן אָפּגעריסענער און פולשטענדיק צעבראָכענער, וואָס האָט דערקלערט, אַז ער

האָט אין יענעם אומגליקלעכן טאָג דערמאָרדעט זיין פּאָטער. דער אינהאַלט פונעם בוך באַשטייט פון די געשעענישן, וואָס זענען פאָרגעקומען אין משך פון די צוויי חדשים צווישן די צוויי קורצע כראָניק־נאָטיצן.

עס וועט זיין אַ טעות צו מיינען, אַז מען האָט דאָ צו טון מיט אַ סענסאַציאָנעלער דערציילונג. דאָס בוך איז דאָס פאַרקערטע פון דעם. די דערציילונג איז נישט געבויט אויף שפּאַנונג און אויף צו דערוועקן נייגעריקייט, נאָר אויפן דורשט נאָך עפּעס גאַנצס און איינהייטלעכס, נאָך עפּעס, וואָס איז טיף דורכגעטראַכט, געמאָסטן און געמייסטערט מיט גרויס טאַלאַנט. די פּראָבלעמאַטיק פון דעם בוך נעמט אַרום אונדזער עפּאָכע אין אַלע אירע אַקטועל־מענטשלעכע פראַגן. פון אַ קליינעם עפּיזאָד ווערן דאָ געמאַכט אַלגעמיינע אויספירן וועגן דעם מעמד פונעם מענטש אין אונדזער צייט.

פאַראַן אין דער דערציילונג עפּעס, וואָס דערמאָנט אין קאַפקאַס „דער אורטייל״, אָבער דער אונטערשיד באַשטייט נישט בלויז אין געענדערטן מאָטיוו, ווייל ביי קאַפקאַן ווערט דער זון פאַראורטיילט צום טויט דורכן פאָטער. דאָ איז דער זון די סיבה פון פאָטערס טויט. אַנדערש איז דאָ אויך דער צוגאַנג צום פּראָבלעם, די טעכניק, דער מעטאָד און דער סטיל.

די דערציילונג הייבט זיך אָן פונעם מאָמענט ווען אין די באַרגיקע וועלדער, ווו אַרבעטער שניידן דורך אַ וועג אין די בערג, באַווייזט זיך דער זיבעצןיאָריקער בחור, לאָטאַר פּעראַ, אַ שטומער, וועלכער פאַרשטענדיקט זיך מיט די אַרומיקע נאָר מיט דער הילף פון האַנט־באַוועגונגען. 12 מענטשן, אָפּגעשניטן פון דער וועלט, אַרבעטן דאָ פיבערהאַפטיק, האַלטן שוין ביים לעצטן אָפּשניט, ווילן פאַרענדיקן זייער אַרבעט איידער עס קומט אָן דער ווינטער. איינער פון זיי איז דעם בחורס פּאָטער, וועלכער האָט מיט צען יאָר צוריק פאַרלאָזט די שטוב. דער שטומער גיט זיך נישט אויס, אַז ער האָט דערקענט דעם פּאָטער, וועלכער האָט נישט קיין אַנונג, מיט וועמען ער אַרבעט און וווינט אין איין באַראַק.

די צוועלף פרעמדע מענטשן, וואָס פאַרברענגען זייער צייט צווישן די פעלזן אין די בערג און אין באַראַק, פילן זיך פאַרבונדן נאָר דורך זייער אַרבעט. דער מחבר שילדערט מיט פּרטימדיקער גענויקייט די טעכנישע פּראָצעסן פון בויען דעם שאָסיי, די פונקציעס פון די מאַשינען און די אָנשטרענגונג פון די מוסקולן. אין קאָנטראַסט צום דאָזיקן מאָנאָטאָנעם ריטם גייט אויף די דראַענדיקע סטיכיע פון דער נאַטור. דאָרט בלאָזן טאָג און נאַכט שטאַרקע ווינטן און עס פלייצן אָן אויפהערער רעגנס. אין דער דאָזיקער אַטמאָספער וואַקסט אָן די דראַמע צווישן פּאָטער און זיין שטומען זון. זיי געפינען זיך די גאַנצע צייט אין צענטער פון דער דערציילונג. אַלע אַנדערע קענען מיר בלויז פון די נעמען און פונקציעס, וואָס זיי פירן אויס ביי דער אַרבעט. אַלע זענען געצייכנט נאָר סקיצנאַרטיק. מיט אַלע זייערע טאַוונגען זענען זיי נישט מער ווי בלאַסע הינטערגרונט־פונקטן אויפן רייך־געפּאַרבטן בילד פון דער דראַמע פונעם שטומען.

אין דער פאָרם פון אינערלעכע מאָנאָלאָגן דערציילן זיי, פּאָטער און זון,

וועגן זיך. דער געבוי פון דער דערציילונג איז אַן אָריגינעלער. דער נאַראַטיוו שפּילט זיך אויף צוועלף „נעכט“, אויסגעפּילטע מיט דערינערונגען פונעם שטומען וועגן זיין קינדהייט און וועגן זיין פאָטער. די נעכט זענען פאַנאַנדער־געטיילט דורך קאַפּיטלעך, אין וועלכע מיר זעען, אויפן פאָן פון די נאַטור־סטיכיעס, די מענטשן ביי דער אַרבעט.

אין די דערינערונגען פונעם שטומען דערוויסן מיר זיך וועגן פאַרדאַר־בענעם פאָטער, דער שולדיקער אין זיין שטומקייט — אַן עגאָאיסט, אַ שיכור, וואָס פאַרנאַכלעסיקט די שטוב, שלאָגט דאָס ווייב. בעת אַזאַ מוראדיקער סצענע פון ברוטאַלן פייניקן די מוטער האָט דער קליינער זון באַקומען אַ נערוון־דערשיטערונג און פאַרלוירן דאָס לשון. די מוטער איז געשטאָרבן, דער פאָטער איז עטלעכע יאָר געזעסן אין תפיסה און נאָכן באַפרייען אים איז ער פאַר־שוווּנדן. דער שטומער האָט געוואַנדערט איבער דער וועלט, געזוכט דעם שולדיקן אין זיין אומגליק און לסוף געפונען אים צווישן די צוועלף אַרבעטנדיקע מענטשן אין דעם וויסטן וואַלד.

דער שרייבער דערמאָנט דאָ נישט די קאָשמאַרן פון אונדזער צייט. די קרעמאַטאָריעס, קאָנצענטראַציע־לאַגערן און אַטאָם־גרעפּאַרן. מען פילט אָבער דאָ די צעטומלטע עפּאָכע, דעם מאָראַלישן כאַאָס, אין וועלכן די וועלט איז אַריינגעפאַלן. איבער דער דאָזיקער וועלט בלאָנדזשעט אַרום אַ מענטש, וואָס האָט נישט די מעגלעכקייט צו פאַרשטענדיקן זיך מיטן אַרום. די וועלט איז צעטיילט אין צוויי גרופּן: די שולדיקע און זייערע קרבנות.

אָפּגעפינענדיק זיין פאָטער דערפילט לאָטאר קודם כל זיין שרעק, דעם פּחד פון זיין קינדהייט. אַ צעריסענער און אומבאַהאָלפענער זוכט ער אַ דער־לייכטערונג אין הכנעה, אין מקריב זיין זיך פאַרן פאָטער. ווען מען כאַפּט דעם פאָטער ביים גנבענען בענזין, נעמט דער שטומער זון די שולד אויף זיך. אין דאָזיקן מאָמענט דערקענט דער פאָטער זיין זון.

אַלס שטראָף פאַר דער גניבה נעמט אויף זיך דער שטומער די געפערלעכע אויפגאַבע אויפצורייסן אַליין אַ ריזיקן פעלז, וואָס פאַרשטעלט דעם וועג. דער פאָטער גייט אַרום אַ פאַרטשאַדעטער פון אַלקאָהאָל, קריגט זיך אַריין אין דער כּפּערע פון אויפרייס און קומט אום.

דעמאָלט רייסט זיך אַרויס פונעם שטומען דער אויסגעשריי: „טאַטע!“ און ער הייבט אָן רעדן. אין אָנבליק פון פאָטערס טויט דערפילט ער זיין אייגענע שולד און באַקומט צוריק ס׳לשון. עס איז אַ גרויס גליק, אָבער נאָך גרעסער איז דער פּרייז, וואָס ער וויל דערפאַר צאָלן. ער מעלדעט זיך אויף דער פּאָליציי אַלס דער מערדער פון זיין פאָטער. פאַראַן אין דעם אַזוי פיל טיף־מענטשלעכע גבורה און דאָך איז דער סוף פונעם בוך פול מיט פראַגע־צייכנס: וואָס וועט דאָס געבן דעם יונגן לאָטאר? צי פירט דער וועג צו דער־לייזונג דורך פאַרניכטונג? צי עקזיסטירט בכלל דערלייזונג פון דער נשמה?

די באַציאונג פונעם זון צום פאָטער ווערט דורכן מחבר נישט געוויזן אויף דער פּסיכאָלאָגישער פלאַך. זי איז מער אַ מעטאַפאָרישע. אטאן וואָלטער דערגרייכט דאָ די גרויסע מדרגה פון איינהייטלעכקייט. אַלע דורכאויס אינטימע

איבערלעבענישן זענען דורכגעפלאָכטן און צונויפגעגאָסן מיט דער סביבה, מיט דער עפּאָכע. לאָטאר איז נישט סתם אַזוי אַ העלד, נאָר אַ העלד פון אונדזער צייט. זיין צעריסנקייט נעמט זיך נישט בלויז פון אים אַליין, נאָר אויך פון דעם אַרום, אין וועלכן ער לעבט. די ליידן לאָזן אים נישט שטיין פון דער־וויטנס, נאָר ציען אים אַריין אין געוועב פונעם לעבן.

אַלץ קומט דאָ פאָר ווי אַ חלום. דאָס טראַכטן פונעם שטומען ווערט נישט רעגירט דורך עמאָציעס און ווערט נישט פאַרקערפּערט אין קאַטעגאָריעס, מיט וועלכע עס פאַרנעמט זיך די פּסיכאָלאָגישע באַשרייבונג. זיין טראַכטן נעמט אָן די פאָרמען פון בילדער, דערמאָנט אַ לעגנטע, וואָס וויקלט זיך לאַנגזאַם, רייסט און פלאָנטערט זיך. אַלץ קומט דאָ פאָר הינטער די קוליסן פון דער אויסערלעכער אַקציע, וועלכע איז אייגנטלעך נישט מער ווי אַ דין ווענטל, וואָס טיילט אָפּ דעם אינדיווידועלן צופאַל פונעם אוניווערסאַלן אינהאַלט. דערפאַר לייענט זיך דאָס מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. מען ווערט אַריינגעצויגן אינעם שטראָם פון די טראַכטענישן, אין די ווונדערלעך־געשילדערטע, ליריש־געפאַרבטע און מיט דינעם הומאָר־באַלויכטענע סיטואַציעס. עס אָטעמט אויף אונדז די נשמה פון די געשעענישן און עס רינגלט אונדז אַרום זייער לופט מיט אַ ציטערן און פלאַטערן פון נישט געזעענע פליגל.

מאַקיאַוועליזם — אַמאָל און היינט

ווען מען רעדט היינט וועגן מאַקיאַוועליזם האָט מען פאַר די אויגן אַלע שווידערלעכקייטן פוןביידע וועלט־מלחמות, וואָס האָבן קאָמפּראָמיטירט דעם פּאָליטישן געדאַנק אין אייראָפּע. אויבן אויף קען זיך אויסווייזן, אַז אפילו די ראַפינירטסטע פּאָליטישע אינטריגאַנטן שעמען זיך מיט מאַקיאַוועליס טעאָריעס, כאָטש ווען זיי זענען אַליין מיט זיך, לערנען זיי אים און פירן זיך לויט זיינע פּראַקטישע עצות.

ניקאָלאָ מאַקיאַוועלי איז געווען דער ערשטער דענקער, וואָס האָט אַוועקגעשטעלט די פּאָליטיק אויפן ריכטיקן אָרט. אַלע פריערדיקע דענקער ביז שפינאָזע און פּלאַטאָן האָבן גערעדט וועגן פּאָליטיק ווי וועגן אַ פונקציע און פּועל יוצא פון דער אָנגענומענער מאָראַל און זענען דערפאַר געווען אָפּגעריסן פון דער ווירקלעכקייט. דער פּאָליטיקער, וואָס האָט געטראַכט צו פירן זיך לויט זייערע פּרינציפּן, איז ווייט נישט דערגאַנגען.

ביים היינטיקן טאָג זענען די פּאָליטיקער פון גרויסמאַכטן אַוועק נאָך ווייטער פון מאַקיאַוועלין. זיי האָבן זיך צוגעאייגנט מאַקיאַוועליס לערע, אָבער פּראַקטיצירן זי מיט מער שווונג. זיי באַנוצן זיך מיט אַלע מעטאָדן פון וועלף און היענעס, אָבער דערביי הערן זיי נישט אויף צו לאַרעמען מיט חוצפּה די אידעאַלסטע לאָזונגען פון יושר און צדק, ווילן פאַרוואַנדלען די גאַנצע וועלט אין נאַיווע שעפּעלעך און אַליין בלייבן די וועלף. מאַקיאַוועלי איז אין זיינע דרייסטע ווייזעס

נישט דערגאַנגען צו די היינטיקע מאַרקסיסטישע מאַסקעס פון דעמאָקראַטיע און ליבעראַליזם. בלוטיקע דעראַבערער פון לענדער, וועלכע הערן נישט אויף צו דריקן זייערע פעלקער מיט די ברוטאַלסטע מעטאָדן, שרייען בקולי קולות אויף קליינע פעלקער, זיי זאָלן זיך לאָזן באַפאַלן אין נאָמען פון מאָראַל און פעלקער־ברידערלעכקייט.

הומאַניזם — סינאָנים פון בטלנות

אַזוי פירן זיך מעכטיקע פעלקער, איבערגעפּרעסענע מיט מאַכט און עס נעמען גיך איבער די תורה די סאַמע פּרימיטיווסטע, וואָס האָבן ערשט נעכטן געדעדט מיט אַזאַ נאַטירלעכקייט וועגן פּאַרטיליקן יידן, אָבער נאָכן דורכפאַל אַנגעטאָן איבער נאַכט די מאַסקע פון פרייהייט־קעמפער מיט די לאָזונגען פון פריינטשאַפט און ברידערלעכקייט, מיטן אַנשטעל פון קלאָמערן זיך אין די העכסטע מאָראַלישע ווערטן פון... מאָאָ טסע טונג.

דאָס 20־טע יאָרהונדערט געפינט זיך אונטערן צייכן פון עקסטרעמסטן מאַקיעוואַליזם. דערגייענדיק צו געוואַלטיקע קולטור־הויכן זענען גלייכצייטיק צעשטערט געוואָרן דורותדיקע מאָראַלישע און עסטעטישע ווערטן. אין נאָמען פון די העכסטע מענטשלעכע אידעאַלן זענען פאַרגעקומען די בלוטיקסטע רעוואָלוציעס און דאָס ברוטאַלסטע טרעטן די עלעמענטאַרסטע מענטשלעכע רעכט. אין נאָמען פון גערעכטיקייט האָט מען דעם מענטש פאַרוואַנדלט אין אַ הפקרדיק באַשעפעניש. קולטור, הומאַניזם זענען דער סינאָנים פון בטלנות אויב זיי ווערן נישט אויסגענוצט אין פּאָליטישן קאַמף פאַר עקספּאַנסיע, פאַר אונטערדריקן לענדער און פעלקער.

אמת איז, אַז טעאָרעטיש האָט דאָס 20־טע יאָרהונדערט גאָר נישט מחדש געווען, האָט נאָר דערגענצט און פאַרפולקאָמט די לערעס, וועלכע ער האָט איבער־גענומען בירושה פון די פריערדיקע יאָרהונדערטן, פון מאַקיאַוועלי ביז ניטשע און מאַרקסן און אַנדערע דעמאַגישע טעאָרעטיקער, וואָס האָבן אָנגעזאָגט דעם אָנקום פון נייעם מענטש, וועלכער וועט האַנדלען פריי און ברוטאַל, וועט פאַר־שטיין ווי אַזוי אויסצונוצן די אָנגענומענע מאָראַל, די אַלטע אידעאַלן פאַר ברוטאַלן הערשן, וועט פאַרשטעלן מיט זיך דעם סינטעז פון פוקס און וואָלף — דער אידעאַל פון באַשאַף.

אינסטינקט קעגן שכל

נישט ניי איז דערפאַר דער „נייער לינקס”. עס האָבן פאַר זיי אויסגעטראָטן דעם וועג דענקער און שרייבער פון די פריערדיקע יאָרהונדערטן, ווער באַוווסט־זיניק און ווער אומבאַוווסטזיניק. די לערעס פון מאַקיאַוועלי און ניטשע האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין די ראָמאַנען און לידער פון גאָטיע און באָדלער. עקדעספּרי האָט גערופן צו באַהערשן די מענטשלעכע נשמה דורך מיליטערישע מאַרש־לידער. דעאַנונציאַס שרייבערישער פּרינציפּ איז געווען, אַז דאָס לעבן איז אַזאַ מין מאַגישע דערשיינונג, וואָס אַנטלויפט פון לאָגיק. אפילו דער רעליגיעזער פּאָל קלאָדעל האָט געהאַלטן, אַז גוטסקייט, די מידה חסד און רחמים איז קעגן

שכל און לאָגיק און אַז אין זינד איז פאַרבאָרגן טיפע געטלעכקייט... דער דייטשער פּאָעט פון 28־טן יאָרהונדערט, עלווין אנמאַגער האָט געזונגען: „...דאָס האַרץ פון לעבן פאַרטראָגט נישט קיין רחמים. גרויס און אייביק איז דאָס באַזיגן שוואַכע".

דעם הימן פאַר ברוטאַלן כוח האָבן געזונגען נישט בלויז וואַנזיניקע פילאָזאָפן און דעגענערירטע דיכטער, נאָר אויך אַזעלכע דענקער, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר ליבעראַלן. „כוח, כוח, כוח! — האָט געשריגן רודאָלף נאָרדהאָף — ווער עס וועט געבן דעם דייטשן פאָלק דעם ברוטאַלסטן כוח, וועט פון אים באַקומען די העכסטע ערע!"

אַ מעכטיקע השפעה האָט געהאַט רישאַרד וואַגנער, וועלכער האָט געזאָגט: „...די אידעען זענען די געפערלעכסטע מיקראָבן, וואָס האָבן פאַרסמט דעם מענטשלעכן מין". ער האָט קעגנגעשטעלט אינסטינקט קעגן שכל. אויב „דער שכל זאָגט, אַז פעלקער דאַרפן זיך באַציען צום ייד ווי צו אַ גלייכן, קומט דער אינסטינקט און וואַרפט אָפּ דעם דאָזיקן ראַציאָנעלן געדאַנק און דאָס עמפּירישע געפיל באַשטעטיקט די אַבסאָלוטע פרעמדקייט פונעם ייד אין אייראָפּע. זיין אָרט איז אין מזרח, צווישן די ווילדע אַראַבער און בערבערן".

קולטור — נקמה פון יידישע כוהנים

אינעם ראַציאָנאַליזם האָט וואַגנער געזען דעם שורש פון שקר, וואָס האָט אַריינגעשמוגלט צווישן די אייראָפּעאישע פעלקער די אידעאַלן פון גלייכהייט און יושר. דאָס קריסטנטום איז געקומען פון די יידישע כוהנים ווי אַ נקמה פאַרן חרוב־מאַכן זייער בית־המקדש. „די יידן איז געלונגען נקמה צו נעמען אין זייערע שונאים און אונטערדריקער דורך עקסטרעמען ענדערן אַלע זייערע ווערטן. מיט אַ מוראדיקער קאָנסעקווענטקייט האָבן די יידן געוואָגט צו צעשטערן דעם קולט פאַר פיזישער קראַפט. זייער אָננעמען זיך פאַר אָרעמע און שוואַכע, פאַר ליידנ־דיקע און קראַנקע און שאַפן אַ קולט פאַר חסד און רחמים — איז געווען די שווידערלעכסטע נקמה פון די יידן אין די רוימישע געצנדינער, וואָס האָבן פאַר־שטאַנען די גרויסקייט פון קראַפט, שיינקייט פון מוסקולן און ברוטאַלן הערשן".

„זינט דעמאָלט — האַלט וואַגנער — זענען יידן די שולדיקע אין אַלע אויפ־שטאַנדן פון שקלאַפן זינט צוויי טויזנט יאָר. די אַנגענומענע מאָראַל און עטיק זענען יידישע נקמה־אַקטן... דערפאַר פאָדערט זיך אַן איבערקערעניש קעגן אַלע אידעען פון מענטשלעכער גלייכהייט. די איבערקערעניש דאַרף באַפרייען די אויטענטישע און ערשטיקע אייגנשאַפטן פון דער דייטשער ראַסע, אָפּווישן די השפעות פון יידיש־קריסטלעכן אוניווערסאַליזם, פון אידעאַלן, וואָס האָבן פאַר־קריפּלט די מענטשן און אָפּגעטעמפּט אין זיי דעם חוש פאַר דער אַבסאָלוטער שיינקייט פון ברוטאַלער קראַפט".

אַזוי זענען געמאַכט געוואָרן די ערשטע איינברוכן אין דער מויער פון מענטשלעכער קולטור און עס איז צוגעגרייט געוואָרן דער באָדן פאַר דער מאַקיאַוועלישער פּראַקטיק פון די הייַנטיקע הערשער.

דער יאַפּאַנישער ראָמאַן
מיט טויזנט יאָר צוריק

דער ראָמאַן „מעשה גאַנאַזשי״, וועלכער איז דערשינען אין עברית אין דער איבערזעצונג פון דן זאַקס, איז געשריבן אין 11־טן יאָרהונדערט און ווערט פאַררעכנט צו דער קלאַסישער ליטעראַטור אין יאַפּאַן, גיט אַ בילד פון די עסטעטישע ווערטן און לעבנסשטייגער אינעם אַלטן יאַפּאַן. פאַראַן אַזעלכע, וואָס האַלטן, אַז דאָס איז דער ערשטער ראָמאַן, וואָס איז באַקאַנט אין דער וועלט מיט זיינע אויסגעצייכנטע ליטעראַרישע ווערטן, איבער וועלכע די צייט האָט נישט קיין שליטה. פאַראַן אין דעם ראָמאַן דערציילערישע פרישקייט און שילדערונגען פון געשטאַלטן און מעשים, וואָס דריקן אויס די איידלסטע געפילן און ביים לייענען באַקומט זיך דער איינדרוק פון אַ שפּאַציר אין אַן אוראַלטן שיין־געפלעגטן מזרחדיקן בלומען־גאָרטן. די שרייבערין האָט פאַרשטאַנען די שפּראַך פון בלומען און געשריבן מיטן איידעלן באַגער אַרויסצורופן צערטלעכע און אָנגענעמע געפילן.

די שרייבערין פונעם ראָמאַן טיקיבאַ מוראַסאַקי איז געבוירן אין יאָר 978, האָט געלייענט און געשריבן כינעזיש און איז אַדאַנק איר בילדונג אָנגעקומען אינעם קייזערלעכן הויף, איז פרי געוואָרן אַן אלמנה און איר גאַנץ לעבן געווידמעט דער דערציאונג פון אירע צוויי טעכטער. נאָך איידער זי האָט געמאַכט איר קאַריערע האָט זי אָנגעהויבן שרייבן די „מעשה גאַנאַזשי״ וואָס איז אַ דערציילונג וועגן אַ יאַפּאַנישן פּרינץ, באַשריבן אין זיבן בענדער. אין עברית איז איצט דערשינען בלויז דער ערשטער באַנד. דער כוח פונעם ראָמאַן איז קודם־כל אין דער קונסט פון ניואַנסירטן שילדערן די אָריענטאַלישע לאַנד־שאַפטן, בילדער און מנהגים. די שרייבערין איז באַשאָנקען מיט אַ טיפער און שאַרפער אָבסערוואַציע־קראַפט, דינער פילבאַרקייט און איר סטיל איז דורכ־געזאַפּט מיט געלייטערטער ליבשאַפט צום מענטש.

אין יענער צייט זענען געווען זייער ווייניק מענטשן, וואָס האָבן געקענט לייענען און שרייבן, אָבער יעדער מענטש, וואָס האָט געהערט צו דער שיכט געבילדעטע, איז אים געווען נאָענט די שפּראַך פון דער נאַטור. יענע מענטשן האָט געצויגן די מיסטעריע אין דעם לעבן פון מענטש און פלאַנץ, די שיינקייט, וואָס איז אַרויסגעבראַנגט געוואָרן מיט דער הילף פון סימבאָלן און רמזים.

דן זאַקס, דער איבערזעצער פון דאָזיקן בוך, זאָגט אין זיין אַריינפיר, אַז די יאַפּאַנישע קונסט איז געגליכן צו קרישטאַל. דער מענטש קען זען די בלישטשענדיקע ווענטלעך פון פולקאָמע פאָרמען, וואָס היטן אָפּ די געזעצן פון געבוי; אָבער שטענדיק זעט מען נאָר די ווענטלעך, די גרענעץ פונעם נישט־קרישטאַל. דער קרישטאַל אַליין איז באַמערקבאַר נאָר פאַר דעם, וואָס האָט פאַרמאָגט דעם טאַלאַנט אַריינצוקוקן אין האַרץ פון די זאַכן, אין דעם וואָס לעבט אונטער דער שאָל. דאָס האַרץ פון די זאַכן, מיינט ער, איז די וועלט פון

ווערטן, מנהגים, באַגריפן און בילדער, וואָס פאַרנעמען אַ גרויס אָרט אין דער אַלטער יאַפּאַנישער ליטעראַטור.

דער קייסערלעכער הויף

עס איז נישט גרינג אַריינצודרינגען אין איר, די פרעמדקייט איז אין אַ געוויסן זין אַ מחיצה, אָבער עס איז כדאי די אָנשטרענגונג צו דעראָבערן יענע וווּנדער־לעכע וועלט. אין יעדן זאַץ איז אָפּגעהיטן דער געדאַנקענגאַנג פונעם מענטש מיט טויזנט יאָר צוריק, זיינע איבערלעבונגען, וואָס ווערן דאָ אַרויסגעברענגט מיט גרויס סובטעלקייט. די פּראָבלעמען פונעם מענטש אין יענער צייט זענען אייגנטלעך ענלעך צו די פּראָבלעמען פון היינטיקן מענטש: שנאה און קנאה, ליבע און ריוואַליזאַציע. די טראַגעדיעס פון דער עקזיסטענץ ביי דער גאַנצער נישטיקייט, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר די ווירקלעכקייט סיי פונעם גרויען מענטש און סיי פון די העכסטע שיכטן, די מענטשן אין קייסער־לעכן הויף, וועלכן זי באַשרייבט. די גאַנצע אַקציע קומט פאָר אין די גרענעצן פון הויף. זייער ווייניק איז דאָ געשילדערט דאָס לעבן אויסערן העלפאַנטביין־פּאַלאַץ.

דער הויף איז באַשטאַנען פון עלעגאַנטע „הערן" און „דאַמען". די הערן זענען געווען פּאָעטיש, סובטעל און ווייבלעך, פּערפומירט און געשמינקעוועט, האָבן זיך גאָר לייכט פאַרליבט אין יעדן צאַרטן פּנימל, גראַציעזע פיגור פון אַ פרוי, וואָס האָט אָבער געדאַרפט האָבן אַ שיינעם גאַנג, אָנשרייבן אַ שיין ליד אויף גוט פּאַפּיר מיט אַ קאָליר, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו דער שטימונג. די פרויען האָבן געהאַט זייער שיינקייט־שולחן־ערוך, לויט וועלכן זיי האָבן זיך געפירט. זיי האָבן געדאַרפט האָבן אַן אַלבאַסטער־ווייסע הויט, אויסגעפּליקטע ברעמען און פונסניי געפאַרבט, שוואַרץ־געפאַרבטע ציין און האָר אַזוי לאַנג ווי זייער קערפּער. די הויף־דאַמעס האָבן נישט געטאָרט פאַרנעמען זיך מיט די קינדער און זענען פיזיש געווען אָפּגעריסן פון די מענער אַ לאַנגע צייט. האָבן גאַנצע טעג פאַרברענגט אין באַרעדן, אָפּשאַצן פערזענלעכקייטן און דערציילן זיך רכילות; שעהן־לאַנג האָט געדויערט דאָס אָנטון זיך צו אַן אויפנאַמע, צו אַ באַנקעט. צו דער מאָדע האָט אויך געהערט לייענען און אפילו שרייבן לידער, ראָמאַנען און אַליין אילוסטרירן זיי מיט צייכענונגען. כאַראַקטעריסטיש פאַר די דאַמעס איז אויך געווען די פאַרחלומטקייט, צוהערן זיך צום וואָרקען פון טויבן און צוויטשערן פון פייגל אָדער סתם זיין פאַרקוקט אין האַלב־ליכט מיט פאַרליבטע בליקן. מידע, צערטלעכע און פאַרבענקטע נאָך אַ בריוו, אין דער־וואַרטונג אויף אַ געהיימער ליבע־באַגעגעניש.

אייביקע נישט־מזעטיקטקייט

דער הויפּט־העלד, דער פּרינץ גאַנאַזשי, קעמפט פאַר זיין דערפאָלג אין ליבע, אָבער דאָס איז אַ קאַמף מיט בלומען, טראָפּנס טוי און טראָפּנס רעגן, געפליסטער פון זומער־פייגעלעך, פּרימאַרגנדיקע וואָלקנס, — אַלע פירן זיי צום ציל, צו דער ליבע. די גרויסע שפע פון בלומען און געפליסטער שטערט

דעם גאַנג פון דער הויפּט־אַקציע, וואָס האָט אין זיך עפּעס פון דער עדיפּוס טראַגעדיע, אָבער די צאַרטקייט, לייכטקייט און חן, מיט וועלכע די העלדן זענען באַשאַנקען, טעמפּן אָפּ די שאַרפקייט פון דער דראַמע. אַ וויכטיק אָרט אין דער אַקציע פאַרנעמט די פיזישע און פּסיכישע שיינקייט פון פּרינץ. די פיזישע שיינקייט איז געבונדן מיט אינערלעכן חן, מיט דער אויסערלעכער עלעגאַנץ, מיט אַן אַ שיעור דערפאַלגן און דורכפאַלן. דער פּרינץ גאַנאַזשי, איז די פאַר־קערפּערונג פונעם מענטשלעכן און עסטעטישן אידעאַל און אומענדלעכן גאַרן און לעכצן צו שיינקייט און פילבאַרקייט, וואָס ער קען געפינען נאָר ביי דער שלימותדיקער פרוי. ער געדענקט יעדע איינע פון די אַן אַ שיעור פרויען, מיט וועלכע ער האָט געהאַט ליבע־באַציאונגען. ער איז אַ מין דאָן־זשואַן, אָבער מיט אַן אַ שיעור סובטעלקייט און אין זיין יאָגן זיך נאָך פרויען איז די תאווה אויפן צווייטן אָרט. דאָס ערשטע אָרט פאַרנעמט דאָס אומענדלעכע זוכן שיינקייט און ליבע, דאָס פאַרזוכן דעם טעם פון בענקעניש און גלעטן אויסגעצערטלטע געדאַנקען, חלומות. ביז ער וועט אַמאָל געפינען די, וואָס וועט אים אויף אַן אמת געבן דאָס געפיל פון גליק.

אַזוי האָבן געטראַכט און געהאַנדלט די אַריסטאָקראַטן פון יענער צייט אין יאַפּאַן. עס האָט געטראָפן, אַז עס איז זיי נמאס געוואָרן די פּאָליטיק און די אינטריגעס, זענען זיי אַוועק אין אַ בודאיסטישן קלויסטער, אַמאָל איז עס געווען נאָר אַן אויסרייד צו באַהאַלטן די עלטער־שוואַכקייט, די אימפּאָטענץ וואָס איז געקומען פון צעהוליעטן לעבן. גאַנאַזשי געהער נישט צו דער קאַטעגאָריע. אַ טייל פון זיין פּערזענלעכקייט איז די אייביקע נישט־געזעטיקטקייט און דורערנ־דיקער נייגיר, וואָס טרייבט אים אַן אויפהער פאָרויס צו נייעם דעראָבערן פרויען־הערצער, ווי די כוואַליעס פראַווען אייביקן אַנהייב, יעדע רגע בייע קולות, אויף אַ נייער קלאַוויאַטור. אַזוי לאַנג ווי ער וועט לעבן, וועלן זיינע געפילן נישט אויפהערן צו וואַנדערן אין יעדער ריכטונג, וווהין עס וועט אים פירן זיין אומאויסשעפּלעכע נייגעריקייט. וווהין ער וועט נאָר שטרעבן און דער־גיין, וועט זיין צוקונפט זיין די זעלבע ווי זיין פאַרגאַנגענהייט.

אַזוי גלייבט די פרוי, וואָס איז ביז אויסגיין פאַרליבט אינעם פּרינץ און דער גלויבן גיט איר קראַפט אויסצוהאַלטן ווען דער פּרינץ פאַרשווינדט אויף גאַנצע נעכט. פאַראַן אָבער אויך גענוג אומעטיקע פּאַסירונגען, קנאה־שנאה און אויסברוכן פון ליידנשאַפט אויפן הינטערגרונט פון חלום־מיראַזשן, אַ פּיל־פאַרביק לעבן און דאָך אַזוי לאַנגווייליק און טרויעריק; אַ טרויער, אין וועלכן עס הילכט אָפּ דער בודאיסטישער קוק אויפן לעבן, אַז עס באַשטייט פון בלויז יסורים און ווערט דערטרעגלעך נאָר ווען מען נעמט עס אויף ווי אַן אילוזיע, ווי אַ בריק, וואָס פירט פון איין חלום־עקזיסטענץ אין דער אַנדערער און די בריק אַליין איז אויך אַן אילוזיע, אָבער דער זעלבער בודאיזם קאָנקרעטיזירט און פאַרשטאַרקט דאָס געפיל, אַז יעדע הנאה דאַרף ווערן אויסגעשעפּט ביזן דנאָ און בלייבן איינגעקריצט אין זכרון.

מאַסקעס, וואָס דעקן אָפּ
מער ווי זיי באַהאַלטן

עס איז שווער פעסטצושטעלן אויף וויפל דער דאָזיקער ווערטן־דואַליזם איז געווען אמתדיק און אויף וויפל — בלויז אַנגענומענער אַריסטאָקראַטישער וועג פון זעלבסטאויסדרוק. קלאָר איז, אַז דער הויף, אַ מיניאַטור־קאָפּיע פון כינעזישן הויף, איז געווען אָפּיציעל ביז עקסטרעמקייט און אַזוי זענען אויך געווען די צערעמאָניאַלן, סטיליזירט, טעאַטער, און אַזוי איז אויך געווען דאָס גאַנצע לעבן אינעם הויף ווי אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג, בלענדנדיקע אויסער־לעכקייט, הינטער וועלכער עס האָבן געשטראַמט פרימיטיווע און דערפאַר אמתדיקע געפילן און האַנדלונגען. די העלדן שפילן אין זייער לעבן ווי אין טעאַטער און די מאַסקעס, וואָס זיי טראָגן, דעקן אויף מער ווי זיי באַהאַלטן. די צענטראַלע שוישפילערין איז די שרייבערין אַליין, וואָס אָט רייסט זי אַראָפּ אַ מאַסקע און באַלד טוט זי זי אָן צוריק און דורך פאַרשידענע קאַנאַלן און רערן הערט גישט אויף צו שטראָמען די צאַרטע ליבע, וואָס דרינגט דורך די גאַנצע אינסצעניזאַציע.

פאַראַן דאָ אַ דינער הומאָר, וואָס נעמט דורך יעדע שילדערונג און אַ דאַנק דעם קומען אַרויס אַזוי לייכט און שפּילעוודיק די פסיכישע דראַמעס, אפילו ווען זי שילדערט דעם צער פון אַוועקגיין און טרויער פון טויט. די אכזריות פון גורל און דאָס זוכן פונעם מענטש עפּעס בשותפותדיקס מיט נאָענטע און ווייטע און יעדער וועג צו זיי גייט דורך אַנטוישונג און עלנט.

די וועלט וויל אַ מעשה הערן

ווידער האָט זיך אין דער ליטעראַרישער וועלט באַנייט די דיסקוסיע איבער דער פראַגע, צי די דערציילונג האָט זיך איבערגעלעבט און אויב יאָ — איז וועלכע גייע ליטעראַרישע פאָרם שוין צוגעגרייט צו פאַרנעמען איר אָרט? אין גאַנג פון דער דיסקוסיע הערן זיך טענער פון אומצופרידנקייט מצד די שרייבער צום לייענער. זיי ווייזט זיך אויס, אַז דעם לייענער האָט אויפגעהערט צו אינטערעסירן די מעשה וועגן מענטשן, וועגן פעלקער און דורות, דערציילט אין אַ קינסטלערישער פאָרם מיט אַ טיפערן אינעווייניקסטן באַנעם. דער היינטיקער מענטש, האַלטן זיי, איז הונגעריק נאָך נאַרוואָס געשעענע פאַקטן, איבערגעגעבן אין זייער אויטענטישן פאַרלויף. פונדאַנען דער גרויסער דערפאָלג פונעם רעפּאָרטאַזש אָדער עקסטרעמען היפּך — דעם אַנטי־ראָמאַן.

נאָך מיט יאָרן צוריק האָט עס זיך אָנגעהויבן אין אַמעריקע מיט דער פאָלעמיק אַרום טרומאַן קאַפּאָטעס בוך „מיט קאַלט בלוט״. אַן אויסגעצייכנטער רעפּאָרטאַזש פון אַן אויטענטישער געשעעניש מיט יוגנטלעכע, וואָס האָבן אויסגעפירט מאָרדן

קאַלטבלוטיק, אָן פּערזענלעכן אינטערעס, אָן שנאה צום דערמאָרדעטן. דער ריזיקער דערפֿאָלג פֿון דעם דאָזיקן בוך האָט ביי שרייבער און קריטיקער אַרויס־גערופֿן די מורא, אַז קאַפּאָטע האָט געגעבן דעם לעצטן קלאַפּ דער טראַדיציאָ־נעלער דערציילונג. מען האָט פֿאַרגעסן, אַז קאַפּאָטע האָט זיין דערפֿאָלג צו פֿאַרדאַנקען אין אַ גרויסער מאָס דעם רום, וואָס עס האָבן אים פֿאַרשאַפֿט דווקא זיינע פֿריערדיקע דערציילונגען און גאָר באַזונדערט זיין גרויסע נאָוועלע „אַ פֿרישטיק ביי טיפֿאַניען".

אמת, די דערציילונג האָט ביים היינטיקן טאָג נישט קיין גרינג לעבן. שוין אָפּגערעדט פֿון אירע געפֿערלעכע קאָנקורענטן: דער פֿילם, די טעלעוויזיע, האָט זי דערצו פֿאַרלוירן איר אַטראַקציאָנעלקייט. דער היינטיקער מענטש האָט אין אַ גרויסער מאָס פֿאַרלוירן דעם נייגיר צו די פֿאַרהוילענע און אויפֿגעדעקטע וועגן פֿון מענטשלעכן גוראַל. צי באַרעכטיקט דאָס אָבער צו זאָגן, אַז די דערציילונג האָט זיך פֿולשטענדיק איבערגעלעבט און אַז עס דראָט איר אינגאַנצן צו פֿאַר־שווינדן? אַ נאָענטערע אָבסערוואַציע ווייזט, אַז אַזאַ מיינונג איז ווייט און גראָב איבערגעטריבן. די עכטע דערציילונג איז נאָך אַלץ בכוח אָנצוצינדן דעם מענטש, וועקן און דערהויבן אים צו גרויסע מעשים, אָדער, פֿאַרקערט, פֿאַרוויגן אין לעטאַרגישן שלאָף און לאָזן אים האַלטן פֿאַרמאַכט די אויגן, אָפּטעמפּן די חושים און די פֿילבאַרקייט אויף עוולות און רשעות.

אין אַמעריקע און אין אייראָפּע דערשיינען ווייטער אַכט הונדערט זייטיקע ביכער מיט אַלע אויסזיכטן צו ווערן געלייענט צווישן פֿאַרשידענע שיכטן. נישט איין שרייבער פֿאַרפֿעסטיקט זיין פּאָזיציע דורך אַזעלכע גרויסע דערציילונגען, ווערט באַרימט און קען זיך שוין דערלויבן צו מאַכן עקספּערימענטן מיט אַנדערע ליטעראַרישע פֿאָרמען. די עקספּערימענטן שטערן אָבער נישט אַנדערע שריפֿט־שטעלער צו שרייבן ווייטער זייערע דערציילונגען אין טראַדיציאָנעלן סטיל.

טראַדיציע — דאָס מיינט נישט עפּעס אַנדערש ווי די ירושה, וואָס דער קעגנוואַרטיקער דור האָט איבערגענומען פֿון די פֿריערדיקע און ווי תמיד אַזוי אויך היינט האָט די טראַדיציע צוויי געפֿערלעכע שונאים: רעוואָלוציע און הפֿקרות. עס טרעפֿט אָבער, אַז הפֿקרות דעקט זיך מיט רעוואָלוציאָנערע פֿראַזן, און רעוואָלט נוצט הפֿקרותדיקע מאָטיוון, דאָס געשעט אויך אין דער דיסקוסיע איבער דער טראַדיציאָנעלער דערציילונג. עס איז אינטערעסאַנט, אַז דווקא אין די סקאַנדינאַווישע לענדער און אין דייטשלאַנד, ווו אויפֿקומענדיקע יונגע שרייבער זענען מבטל און חוזקן אָפּ פֿון די טראַדיציאָנעלע פֿאָרמען, אין וועלכע זיי זעען מעשהלעך פֿאַרן נישט רייפֿן לייענער. זיי האַלטן, אַז אין דער עפּאָכע פֿון פֿילם, וואָס ווערט נאָך דערצו געשטאַרקט דורך דער טעלעוויזיע, וועלכע ברענגט דעם פֿילם אין שטוב אַריין, האָט די טראַדיציאָנעלע דערציילונג נישט מיט וואָס צו קאָנקורירן, זי האָט נישט וואָס צו אַנטפּלעקן און נישט דעם כוח צו רייצן די פֿאַנטאַזיע פֿונעם לייענער.

עס וועט אָבער זיין נישט ריכטיק צו מיינען, אַז די דאָזיקע מיינונג ווערט אָנגענומען דורך אַלע שרייבער. אפֿילו צווישן די רעוואָלטירנדיקע האָט זיך לעצטנס געהערט די שטימע פֿון דעם יונגן שרייבער אין מערבֿ־דייטשלאַנד ערנסט

הילדינג, וואָס האָט אין זיין פּאָעטישן עסיי אין „די וועלט" דערקלערט: „...מיר זיצן אַלע אויפן ברעג פון אומענדלעכקייט און דערציילן פאַר דער אייביקייט די מעשה פון דער וועלט, וואָס האָט זיך נאָך אינגאַנצן נישט דערציילט... די מעשה שפּאַנט אונדזער ווילן, טראָגט און דערהויבט אונדז צום אמתן ליכט פון דער וועלט. די קונסט, ווי די רעליגיע זענען דער מעשה־דראַנג אין אונדז. אָט דער דראַנג ליגט אינעם גאַנצן געוועב פון אונדזער עקזיסטענץ און וועט קיינמאָל נישט אויפהערן".

נישט געקוקט אויפן בונטעווען זיך פון אַנדערע שרייבער קעניגט נאָך אַלץ אויפן ביכער־מאַרק די גרויסע דערציילונג, געשריבן אין טראַדיציאָנעלן נוסח, וואָס האַלט אָן זיין מאַגנעטישן כּוח אויפן לייענער. אין פּראָגראַם פון די פאַרלאַגן אין אַלע שפּראַכן פאַרנעמען דעם אויבנאָן גרויסע ראָמאַנען, אַפילו טרילאָגיעס.

מיר דאַרפן זיך קלאָר מאַכן, אַז מיר לעבן אין אַ תקופה פון עקספּערימענטירן אויף אַלע געביטן פון קונסט. אַזוי איז עס אויך געווען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען אַמעריקע איז געווען די ערשטע צו עקספּערימענטירן נייע דערציילערישע פאָרמען. געגוג צו דערמאָנען אַזעלכע נעמען ווי העמינגוויי און דאָס פּאסאס. נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט די טענדענץ צו עקספּערימענטירן זיך איבערגעטראָגן קיין אייראָפּע. עס איז אויפגעקומען דער „אַנטי־ראָמאַן", וואָס האָט אָבער דווקא אין פראַנקרייך זיך נישט אָנגענומען. איינער פון די קאָריפעען אין דער דאָזיקער באַוועגונג, ראָב גרילע האָט אָנגעשריבן אַ דערציילונג לויט אַלע טראַדיציאָנעלע כּללים און זי צוגעפּעפּערט מיט עקזאָטיק. דער דערפאָלג איז געווען אַן אומגעהויערער.

נישט געקוקט דערויף וואָס די קריטיק באַציט זיך פּאָזיטיוו צו די דערציילערישע עקספּערימענטן, האָט זיך אָבער דער לייענער שוואַך אָפּגערופן אויף די נייע פאָרמען, וועלכע האָבן בלויז אַרויסגערופן צעמישונג און טיילווייז אָפּגעטעמפּט דעם חשק צו לייענען. דער פּשוטער לייענער איז היינט, ווי אין אַלע צייטן, געבליבן אַ מעשה־שפּינענדיקער מענטש און וויל, מען זאָל אים דערציילן די מעשה פון אונדזער לעבן, פון אונדזערע האַנדלונגען און געפילן.

סאָמערסעט מאָהאם, גראַהאם גרין א.א. האָבן אָפּן באַשטעטיקט די טענע, אַז די דערציילונג איז קודם כּל אַ מעשהלע פאַר דערוואַקסענע און ווי עס קען אַ פויגל נישט פליען אָן פליגל, אַזוי קען אַ מענטש נישט לעבן אָן מעשה. דערפאַר איז ער אויך געבליבן גלייכגילטיק צום „אַנטי־ראָמאַן", וואָס קאָן אפשר צופרידנשטעלן דעם ליבהאָבער פון רעבוסן, פון עקספּערימענטן, אָבער נישט שטילן דעם דורשט נאָך מעשה, וואָס בינדט אים צונויף מיט דער וועלט, מיטן גאַנצן באַשאַף.

דער נייער זשאַנר, וואָס רופט זיך פּאַראַ־ראָמאַן אָדער פּסעוודאָ־ראָמאַן, איז אין זיין פאָרם ענלעך צום לאַנג־אָנגענומענעם ראָמאַן, אָבער פּאַקטיש איז ער אַ ווילדער בונט קעגן אים. דאָס איז דער בונט פון שרייבער, וועלכער דריקט אויס בלויז אַ קליינעם טייל פון די קולטור־קאָנסומענטן. דער גרעסטער טייל לייענער לאָזט זיך נישט ווערן מיטגעריסן פון בונט. עס פעלט אין נייעם ראָמאַן דאָס הייסע געפיל. דער פּערסאָנאַזש איז אין דאָזיקן מין ראָמאַן מיט אַ כּוונה געשטאַלטעט אויף אַן אופן, אַז די העלדן זאָלן נישט אויסזען ווי גענומען פון

דער ווירקלעכקייט. עס איז שווער צו קריטיקירן די איבערגעטריבנקייט, דעם לאַנגוויל און די טפשות פון די געשטאַלטן, ווייל דאָס איז דאָך די כוונה פונעם שרייבער: אויסשעפן דעם לאַנגוויל און די טפשות פון דעם היינטצייטיקן מענטש.

אויפן פעסטיוואַל אין עדינבורג איז פאָרגעקומען אַן אינטער־נאַציאָנאַלע שרייבער־קאָנפערענץ, אויף וועלכער דער אַמעריקאַנער שרייבער הענרי מילער האָט דערקלערט, אַז ער וואָלט געהערנער גערעדט וועגן מאָלעריי, איידער וועגן ליטעראַטור. לויט זיין מיינונג איז די דערציילונג שוין אָפּגעשטאָרבן. אמת, די דאָזיקע עקסטרעמע מיינונג האָט זיך אָנגעטראָפן אויף אַ ווידערשטאַנד מצד די אַנדערע שרייבער, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אויף דער קאָנפערענץ. אָבער שוין דער פאַקט, וואָס אַזאַ דערקלערונג האָט געקענט געגעבן ווערן אויף אַ שרייבער־קאָנפערענץ, שיינט צו זיין סימפּטאָמאַטיש.

אין פראַנקרייך און אַמעריקע טרעטן אַרויס פון צייט צו צייט שרייבער און לאַרמען וועגן דעם קריזיס פון דער דערציילונג. מיר האָבן שוין געשריבן וועגן דער גרופּע „אַנטי־דערציילערישע" שריפטשטעלער. אין רעזולטאַט פון דער דאָזיקער שיטה, וואָס באַגרענעצט אליין זייערע האָריזאָנטן און אָבסערוואַציע־שטחים, איז דורכאויסיקער לאַנגוויל. זייערע דערציילונגען זענען פּראָגראַמאַטישע שאַפונגען, וואָס דערקלערן אויף יעדן זייטל, אַז נאָר זאכן לאָזן זיך באַשרייבן. דאָקעגן קען נישט ווערן געשילדערט קיין שום פּסיכישער, נערוועזער אָדער פּסיכאָ־סאָמאַטישער צושטאַנד פונעם מענטש.

עס איז אָבער כדאי אָפּצושטעלן זיך אויפן פאַקט, וואָס דווקא די דאָזיקע שריפטשטעלער, ווען זיי שרייבן פאַרן פילם גיבן זיי אָפּ אַ סך אָרט פאַר דער שטימונג און באַמיען זיך מיט אַלע אופנים אַרויסצוברענגען דאָס געמיט און די פּאָעזיע פון דער איבערלעבונג. דאָס באַשטעטיקט, אַז זייער אַנטי־דערציילע־רישקייט איז נישט מער ווי אַן אויבערפלעכלעכע דאָקטרין און האָט זיך דערפאַר נישט אָנגענומען.

אויך די עקספּערימענטאַלע דערציילונג — קאַפקאַ, צי מוסיל און אַ סך אַנדערע עקספּערימענטאַטאָרן — האָט זיך נישט אָנגענומען אַזוי ווי מען האָט זיך געריכט. עס דויערט ווייטער דער קאָנסערוואַטיזם, וואָס דריקט זיך אויס אין אַזעלכע דויערנדיקע צוויי נצחונות אין גאָר דער וועלט. פּאַסטערנאַקס „דאָקטאָר זשיוואַגאָ" און לאַמפּעדוסעס „לעמפּארט".ביידע זאַכן דאַרף מען אָפּשאַצן ווי אַ צוריקקער צו אַלטע פאָרמען פון דערציילן און אויסדריקן די בענקשאַפט נאָך רואיקערע צייטן, ווען דער מענטש האָט זיך געקענט פאַרטראַכטן איבער זיך אַליין.

נישט געקוקט דערויף זעען מיר ווי די דערציילונג פאַרלירט אַלץ גרעסערע ווירקונגס־שטחים. פאַר וואָס געשעט עס אַזוי? די ווירקלעכקייט, וואָס רינגלט אונדז אַרום, יאָגט איבער די פאַנטאַזיע פונעם שרייבער. קאָסמישע רייזעס אין אַלערליי פאָרמען, אַנהויבנדיק פון די, וואָס האָבן געררייצט די פאַנטאַזיע פון דורכשניטלעכן לייענער ביזן גראַנדיעזן געפּיל פון פאוסט, ווען ער קומט צו יענעם געוואַלטיקן זון־אונטערגאַנג, ווו בליצן ווערן סטאַטיש, פאַרוואַנדלען זיך אין בלומען און ער זעט דאָס גרויסע לעבן פון קומענדיקע דורות — איז ביים

היינטיקן טאָג מאַטעריאַל פאַר דער טעגלעכער פרעסע. איצט לאָמיר געדענקען אין די היטלעריסטישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן. קיין שום שרייבער אין דער וועלט קען מיט זיין פאַרשטעלונג נישט דעריאָגן די גרויזאַמקייטן פון די רוצחים און נישט די יסורים פון די קרבנות.

עס איז פאַראַן נאָך אַ סיבה: די טראַדיציאָנעלע דערציילונג איז תמיד געווען אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל פון אויסערגעוויינלעך־אינטערעסאַנטער אינפאָר־מאַציע וועגן לעבן פון אַלערליי אומבאַקאַנטע שיכטן: פון אַריסטאָקראַטישע סאַלאָנען, רייכע פּאַלאַצן און קעניגלעכע הייף; פון אָרעמע הינטער־געסלעך און אונטערוועלט. די דערציילונג האָט אויך אויפגעדעקט די הינטערקוליסן פון פּאָליטישע אינטריגעס, די גרויזאַמקייטן פון מלחמות און רעוואָלוציעס. די גרויסע מאַסן לייענער פון די ווערק פון טאָלסטאָי און טורגעניעוו, פון פלאָבער און דיקענס האָבן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם געשלונגען די שילדערונגען פון די רייכע בעלער און הוליאַנקעס, די שמועסן און דאָס אינטימע לעבן פון דער אַריסטאָ־קראַטיע, וווּ ער האָט נישט געהאַט קיין צוטריט. ביים היינטיקן טאָג איז פון יענעם לעבן געבליבן זייער ווייניק און עס שיידט זיך נישט אונטער מיט קיין סך פון דער בירגערלעכער וועלט. אַלע סענסאַציעס וועגן ליבע פון די אויס־דערוויילטע גיבן אויס דעם סוד, אַז עס זענען נישטאָ קיין גרויסע אונטערשיידן צווישן זייערע אַמביציעס און שטרעבונגען און די פון די ברייטע מאַסן. די דערציילונג, וואָס דרינגט היינט אַריין אין יענע געביטן, איז שוין מער נישט אימשטאַנד צו אינפאָרמירן עפּעס נייעס, קאָן זי בלויז קאָמענטירן.

אַ צוציענדיקער עלעמענט אין דער דערציילונג איז אַמאָל געווען די עראָטיק. היינט ווערט דאָס עראָטישע לעבן צווישן אַלע שיכטן אַזוי פּאָפּולאַריזירט און וווּלגאַריזירט אין דער מאַסן־פּרעסע, אַז עס האָט אויפגעהערט צו זיין אַ צוציאונגס־עלעמענט פון דער דערציילונג. דאָס זעלבע איז מיט מלחמות, וואָס זענען אַמאָל געווען די דערפאַרונג נאָר פון אַ קליינער טייל פון דער געזעלשאַפט, קודם כל פון מיליטער. אין נאַפּאָלעאָנס צייטן זענען די אַרמייען געגאַנגען מיט די הויפּט וועגן און דאָס לעבן אין איטאַליע, דייטשלאַנד, צי פּוילן, איז זיך רואיק געפלאָסן. אין די לעצטע מלחמות גיסן זיך צונויף די שטעט מיטן פראָנט, מיטן אָנטייל פון אַלע שיכטן. די דערציילונג קאָן דאָ בלויז קאָמענטירן די געשעענישן, די איינ־דרוקן, וואָס זענען צוטריטלעך פאַר מיליאָנען.

אין די צייטן פון דיקענסן איז דאָס לעבן פון די אונטערשטע שיכטן געווען לגמרי אומבאַקאַנט. דער דורכשניטלעכער בירגער האָט זיך געשעמט דורכצוגיין די אָרעמקייט־קוואַרטאַלן און האָט נישט געהאַט קיין אַנונג וואָס עס טוט זיך אין יענע שטובן. דיקענס האָט זיי געלערנט און דערציילט ווי אַזוי עס לעבט דאָס „צווייטע פאָלק”, וועגן וועלכן עס האָט גערעדט דיזראַעלי. היינט זענען פון יענע שיכטן געבליבן בלויז קליינע גרופּירונגען און סיי דער פילם, סיי די פּאָפּולערע פּרעסע באַלייכטן מיט די בלענדנדיקסטע רעפלעקטאָרן יענע ווינקעלעך פון נויט און אָרעמקייט. די ראָל פון דער דערציילונג ביים פאָרשן דאָס דאָזיקע לעבן איז געוואָרן רעדוצירט.

עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז די זוכענישן און עקספּערימענטן פון די מאָדערנע

שרייבער צו באַזיגן די אַלע דערשיינונגען האָבן זייער ווייניק געבערנגט מיט זיך. אַלע היינט־צייטיקע פּרוּוון צו באַנייען די דערציילונג, שאַפן פאַר איר נייע פאָרמען, נייע אויסדרוק־מיטלען, האָבן נישט אויפגעלעבט און נישט צוגעצויגן קיין לייענער־מאַסן. דער לייענער האָט נישט אָנגענומען נישט די רעוואָלוציאָנען, נישט דעם מעטאָד פון האַלב־פילאָזאָפישן עסיי, אָדער פילאָזאָפישן שטודיום אין דער דערציילונג און נישט די אַנטי־דערציילערישקייט. דאָס אַלץ האָט אפשר נאָך מער פאַרשטאַרקט די גלייכגילטיקייט פונעם לייענער און זיין באַגנוגענען זיך מיט דער פרעסע און פילם.

אויף וואָס שטיצט זיך און וועט זיך אויף אין דער צוקונפט שטיצן, די דערציילונג? מיר שיינט, אַז קודם כל אויף דעם מעשה־אינסטינקט, וואָס איז טיף איינגעוואָרצלט אין יעדן מענטש. פון דער פּריסטער קינדהייט ביזן שפּעטן עלטער ווילן מיר הערן מעשיות און דערציילונגען, ווילן מיר זיך דערוויסן עפּעס, וואָס קען גיין פאָרויס פון אונדזער אייגענער דערפאַרונג, אָדער גאָר זי אונדז איינ־שפּאָרן. מיר ווילן זיך טרייסטן, אַז דאָס לעבן קען זיין אַ לאָגישע גאַנצקייט. אין אונדזער אַטאָם־תקופה, ווען דער מענטש קען נישט אָפּגעפינען די אָרדענונג אין דעם צעפּאַלענעם וועלט־בילד, קען די דערציילונג אים צוריקגעבן דעם זין און די האַרמאָניע פונעם בילד. אונדזער מעשה־אינסטינקט וועט זיך קיינמאָל נישט אויסלעשן און דערפאַר דאַרף מען זיך שטענדיק רעכענען מיטן דאָזיקן אופן פון דערציילן.

נישט געקוקט אויף אַלע פאַרשריטן, וואָס האָבן צוטריטלעך־געמאַכט אַלערליי לעבנס־שטחים פאַר די ברייטסטע מאַסן, זענען נאָך אַלץ פאַראַן אומבאַקאַנטע געביטן. עס עקזיסטירן ווייטער דערפאַרונגען און איבערלעבונגען, וועלכע עס קען נישט אַרומנעמען אפילו דער „אַלזייטיק־אינפאָרמירטער" דורך דער פרעסע און פילם. אפילו דאָרט, וווּ דער לייענער האָט אַ צוטריט צו די ברייטסטע דער־פאַרונגען, וועט ער אויך אין דער דערציילונג זוכן אַ באַשטעטיקונג פאַר זיינע איינדרוקן און געפילן.

עס איז אַ פאַקט, אַז אַפילו אין אַמעריקע, ווו עס איז שוין שווער צו געפינען אַ שטוב אָן טעלעוויזיע, מערקט זיך אַ בענקשאַפט נאָך דער דערציילונג. דער גאַנצער טעכנישער פאַרשריט האָט נישט געשטאַרקט, נאָר אָפּגעשוואַכט די זיכערקייט פונעם מענטש און עס איז פאַר אים אַ דערלייכטערונג דאָס דערוויסן זיך, אַז זיינע געפילן און דערפאַרונגען זענען נישט פאַראייניזאַמט צי גאָר אַנאָרמאַלע.

מען דאַרף דעריבער אָננעמען, אַז די דערציילונג וועט זיך ווייטער שטיצן אויף דעם מעשה־אינסטינקט, אויף דער נייגעריקייט צו דערוויסן זיך און דערקענען די פאַרשאָטנטע זייטן פונעם לעבן; אויף דעם ווילן פונעם מאָדערנעם מענטש צונויפצוגיסן זיך מיטן באַשאַף; אויף זיין מיסטישן געפיל, אַז ער איז נאָר צופעליק אָפּגעריסן געוואָרן פונעם אַרום און ער דאַרף זיך ווידער פאַראייניקן מיטן קאָסמאָס; אויף זיין שטרעבונג צו באַקומען דאָס פולע בילד פונעם אמת.

נייע לידער, נייע ראָמאַנען — אין שיין פון די אַסטראָנאַוטישע דעראָבערונגען

די אַסטראָנאַוטישע דערגרייכונגען פון דער לעצטער צייט, הגם זיי האָבן נאָך נישט באַקומען זייער אויסדרוק אין דער ליטעראַטור, ווירקן זיי אָבער שוין אויף דער אָריענטאַציע פון מענטשלעכן דענקען און במילא אויך אויף דער אַנטוויקלונג פון געוויסע ליטעראַרישע זשאַנרן, ווי אויף דעם ווערקן פון אַנדערע זשאַנרן און שטרעמונגען אין דער ליטעראַטור. אין דער זעלבער צייט, וואָס די סאָוויעטישע דיכטער און שרייבער האָבן מיט באַגייסטערונג זיך אָפּגעֿרופן אויפן „באַריכט” פון די רוסישע אַסטראָנאַוטן, אַז זיי האָבן אין משך פון זייער רייזע ארום דעם ערד־קײַלעך נישט אָנגעטראָפן זיך אויף גאָט, האָבן אַנדערע, ענגלישע, דײַטשע און סקאַנדינאַווישע שרייבער דערזען אין די דעראָבערונגען איבער דעם ענדלעכן די גרויסקייט פונעם אומענדלעכן. קיין שום דור האָט נאָך אַזוי שטאַרק ווי אונדזערער נישט דערפילט די באַשטימונג פונעם מענטש צו זײַן אַ שותף צו מעשׂי־בראשית.

פּאַסקאַל האָט אַמאָל געשריבן: „דאָס אייביקע שווייגן פונעם אָנסופיקן חלל וואַרפט אויף מיר אָן אַן אימה”. דער היינטיקער דיכטער, אין אָנבליק פון די וויסנשאַפטלעכע דעראָבערונגען, רופט אויס: „גיי, מענטש, דעראָבער די וועלטן, טייל נאָך טייל. יעדער שטערן, וואָס דו באַהערשסט, ווערט דײַן ברודער... האָסט געשפּאָלטן אַטאָמען, שפּאַלט אויך די געשפּענסטער אין דײַן האַרץ. נייע סימבאָלן, נייע לעגענדעס שפּראָצן אויף דײַן נייעם געוואַגטן וועג און גיסן זיך צונויף מיט די אַלטע פאַרהייליקטע סימבאָלן, וואָס דו האָסט ליב. קיין שום זאַך גייט נישט פאַרלוירן”.

די מאָדערנע ליטעראַרישע שטרעמונג אין פראַנקרייך, וואָס רופט זיך „דער נייער ראָמאַן”, פאָדערט פונעם לייענער אַן אַנדערן צוגאַנג, אַן אַנדערע ווי ביז איצט דערציאונג פון הערץ, זען און פאַרשטיין די אַקציע. דער טעות פונעם מענטש אין די אַמאָליקע צייטן איז באַשטאַנען אין דעם וואָס ער האָט געמיינט, אַז די געוווינהייטן און טראַדיציעס פון זײַנע עלטערן וועלן עקזיסטירן אייביק, אָן ענדערונגען, אָן איבערקערעניש. דאָס איז געווען דער טעות פונעם מענטש, וואָס איז לגבי־דעם הייַנטיקן געווען געגליכן צו אַ קינד, וועלכעס האַלט זיך קראַמפּהאַפטיק אין פאָטערס האַנט. דער היינטיקער מענטש איז אין פאַרגלייך צום אַמאָליקן אַ רייפער מאַן. ווען מיר לייענען די קלאַסישע ראָמאַנען ווייסן מיר בדרך כלל מער פון די העלדן, מיר קענען זיי בעסער ווי זיי אַליין קענען זיך. די אַלטע ראָמאַנען זענען דערפאַר שוין היינט פאַלש און געקינצלט. אין די נייע ראָמאַנען ווייסן די העלדן מער פון אונדז. מיר לערנען בײַ זיי פאַרשטיין דאָס וואָס מיר פאַרשטייען נישט אין לעבן. די נייע דערציילונגען לאָזן איבער אַן אָרט פאַר אַ סך פּירושים, איינער איז נישט סותר דעם צווייטן. אין דער אַקציע איז פאַראַן אַן איבערממשותדיקער געוועב, וואָס איז דער פולשטענדיקער היפּוך

פונעם קלאַסישן ראָמאַן, ליקווידירט יעדע פּסיכאָלאָגישע מאָטיווירונג און ברענגט אַרויס טעמעס, צושטאַנדן און האַנדלונגען, וואָס פאַרקערפּערן די געשטאַלטן אָן קלאָרער פאַראינערלעכונג; און נישט קיין סכעמעס זענען זיי, נאָר פאַרקיילעכיקטע פאַרלייבלעכטע, מיט בולטער צייכענונג, פול קאָליר, אָנגעלאָדענע מיט לעבעדיקער באַוועגונג. זיי שרייען אַזש אין די אויגן און אין די אויערן.

די אָנהענגער פון „נייעם ראָמאַן" זענען זיכער, אַז דער געוואַלטיקער וויסנשאַפטלעכער פאַרשריט האָט פאַרגרעסערט די פרייהייט פונעם מענטש און אויך זיינע אויפנעם־מעגלעכקייטן. דער היינטיקער מענטש האָט אַראָפּגעטרייסלט פון זיך זיין פאַרגאַנגענהייט, זיין קינדהייט און איז רייף פאַר געוואַגטע דער־קענטענישן אין די מענטשלעכע האַנדלונגען, פאַר אַ רייכערן באַגרייפן און אַנען אַ גרעסערע צאָל לעבנס־דערשיינונגען.

צי איז עס ווירקלעך אַזוי אין לעבן? געוויס איז פאַראַן ביים היינטיקן טאָג אַ שיכט לייענער, וואָס פילט דעם הונגער נאָך אָריגינעלקייט און פאַרמאָגט די פעיקייט צו געניסן פון די נייע ליטעראַרישע פאָרמען. אָבער די מערהייט לייענער איז נאָך אַלץ אומבאַהאָלפן ביים אויפנעמען די נייע פאָרמען, ביים אויפדעקן די פאַרבאָרגענע כוונות פונעם שרייבער און געבן זיינע אייגענע פירושים צו די אָפט סתירותדיקע האַנדלונגען פון די געשטאַלטן. די אָנשוויונגען פון לייענער זענען אָפט אין סתירה מיט זיינע ווונטשן און געוווינהייטן. אַ צעטומלטע זוכט דערפאַר די לייענער־מאַסע צו שטילן איר דורשט מיט פאַנטאַסטישע ראָמאַנען און קרימינעלער ליטעראַטור. עס איז אַ פאַקט, אַז אפילו שרייבער, דיכטער, דראַמאַטורגן און פּראָפעסאָרן לייענען און האָבן הנאה פון קרימינעלע דער־ציילונגען.

דער באַקאַנטער ליטעראַטור־קריטיקער דזשאָרזש סימאָן האָט לעצטנס פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע אַרבעט, וואָס באַהאַנדלט די דאָזיקע טעמע: „פאַר דער מלחמה — שרייבט ער — האָט מען געגלויבט, אַז אין די צווישנמענטשלעכע באַציאונגען הערשט די לאָזונג און דאָס געזעץ, וואָס קומען אַרויס די זיגער אין אַלע קאָנפליקטן. די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און די אַטאָם־באָמבעס האָבן דעם דאָזיקן גלויבן פאַרטריבן אין דער וועלט פון אילוזיעס. די נייע וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען האָבן איבערגעשטיגן אַלע פאַנטאַזיעס און דער לייענער האָט פאַרלוירן דעם אינטערעס פאַרן פאַרבאָרגענעם און רעטזלהאַפטן. ער זוכט דערפאַר אין דער קרימינעלער ליטעראַטור די געוואַגטקייט פון כאַראַקטער סיי מצד דעם פאַרברעכער, סיי מצד דעם וואָס באַקעמפט אים".

דערפון קען מען זען, אַז די דאָזיקע ליטעראַטור, וואָס איז ביז איצט געווען אַנאָנים, ווי אַ פילגש, וועגן וועלכער אַלע וויסן, אָבער קיינער איז זיך צו איר נישט מודה אין דער עפנטלעכקייט, איז שוין אַרויס פון איר אַנאָנימקייט און מען באַהאַנדלט זי גלייך מיט אַלע אַנדערע ליטעראַרישע זשאַנרן.

עס איז אויך געוואַלטיק געשטיגן דער דורשט צו דער פאַנטאַסטיש־וויסנשאַפטלעכער דערציילונג. אָבער אויפן דאָזיקן געביט מערקט זיך לעצטנס אַ כאַראַקטעריסטישע דערשיינונג: נישט געקוקט אויפן געוואַלטיקן דורשט

פונעם לייענער איז דאָך אָפּגעשוואַכט געוואָרן די פּאַסיע פונעם שרייבער פון די דאָזיקע ראָמאַנען. זיי דערשיינען וואָס אַמאָל ווייניקער און אַלץ זעלטענער געפינט מען אין זיי נייע המצאות, נייע פאַנטאַסטישע איינפאַלן. צי האָט זיך אויסגעשעפּט די פאַנטאַזיע פון די שרייבער? דאָס לייגט זיך נישט אויפן שכל. נישטאָ נאָך אַ געביט, וואָס זאָל געבן אַזאַ גינסטיקע געלעגנהייט פאַר רייכע פאַנטאַזיעס ווי די קאָסמישע רייזע, און דאָס צונויפטרעפן זיך מיט די באַוווינער פון אַנדערע פּלאַנעטן. און דאָך, וואָס איז די סיבה פון דער ירידה אויפן דאָזיקן געביט?

פאַנטאַסטיק געבויט
אויף רעאַליסטישן גרונט

אויפן ביכער־מאַרק אין דער וועלט הערשט איצט די מאָדע פון פאַנטאַסטישע דערציילונגען און מעשׂטנס שפּילן זיך אָפּ די אַקציעס אויף דער לבנה, ווו די מענטשן פון אונדזער ערד האָבן געפונען אַ קאָנטאַקט מיט די בּרואים פון אַנדערע פּלאַנעטן און דערגרייכט פאַנטאַסטישע שלימות פון טעכנישער פאַר־שטענדיקונג. ווי פאַנטאַסטיש די אַקציע זאָל נישט זיין, איז זי דאָך געבויט אויף געוויסע רעאַלע יסודות, רעכענענדיק זיך מיט די הויכן, וואָס די טעכניק האָט שוין דערגרייכט און איז אימשטאַנד צו דערגרייכן אין די קומענדיקע יאָרן.

אין אַ סך פון די דאָזיקע פאַנטאַסטישע דערציילונגען ווייזן די שרייבער אַרויס גרויס באַהאַוונטקייט אין דער תורה פון אַסטראָנאַוטיק און ציבערנעטיק, אין די כּללים און געזעצן פון באַוועגן זיך אין רוים, אין בוי פון צווישן־פּלאַנעטאַרע שיפן, ראַקעטעס און אַנדערע וויסנשאַפטן.

אויך דער דייטשער שרייבער ווערנער שטיין איז באַהאַוונט אין די אַלע געביטן, אָבער אין זיין פאַנטאַסטישער דערציילונג „די רעוואָלוציע קעגן דער גאָקעטער מענטשהייט" האָט ער מער ווי מיט די פאַנטאַסטישע דערגרייכונגען פון דער טעכניק זיך פאַרנומען מיטן אויסטערלישן רעוואָלט פון גייסט און זיין גאַנצע פאַנטאַזיע אויסגעלאָזן ביי דער התלהבות פון דער דענקנדיקער מענטש־לעכער געזעלשאַפט אויף אונדזער ערד פאַר אַ גרויסער אידעע, וואָס דאַרף אַרומנעמען אויך אַנדערע פּלאַנעטן. עס איז אַ ניי־אַנטפּלעקטער ענטוזיאַזם פאַר אַ באַוועגונג, וואָס וועט אויפשטיין אין איבער הונדערט יאָר אַרום, ווען זי וועט זיך ראַנגלען מיטן גרויזאַמסטן רעזשים פון רשעות און געוואַלט.

די אַקציע נעמט אַרום אַלע טיילן פון אונדזער פּלאַנעט, וועלכע זענען שוין דעמאָלט זייער ענלעך צו זיך. די אונטערשיידן צווישן ראַסן און נאַציעס שפּילן שוין נישט קיין וועזנטלעכע ראָל אין די מענטשלעכע באַציאונגען. עס איז שוין נאָך דער מוראַדיקסטער מלחמה, פאַר וועלכער אַלע שרעקן זיך אַזוי. די מלחמה איז געווען אַ צווישן־פּלאַנעטאַרע. אונדזער ערד איז געווען פאַר־בונדן מיטן ווענוס, וועמענס הויפּט־שונאים עס זענען געווען די איינוווינער

פון דער לבנה. אָבער נישט געקוקט דערויף, וואָס צו זיי האָבן געהערט די לעצטע דערגרייכונגען פון דער טעכניק און האָבן מיט זייער באַוואָפּענונג ווייט איבערגעשטיגן די מענטשן פון דער ערד, האָבן זיי דאָך פאַרלוירן די מלחמה און זענען באַזיגט געוואָרן דורך דער... כיטרעקייט פון די ערדישע גענעראַלן, וועלכע האָבן אויך פאַראַטן זייער פאַרבינדעטע אויפן ווענוס און געלאָזט זיי פולשטענדיק פאַרניכטעט ווערן.

די מלחמה מיט די איינוווינער פון דער לבנה האָט פאַראייניקט די לענדער און קאָנטינענטן אויף אונדזער פּלאַנעט. די מלחמה איז פאַרענדיקט. עס זענען איבערגעריסן געוואָרן די קאָנטאַקטן מיט די אַנדערע פּלאַנעטן. די רייזעס אַהין ענדיקן זיך מיט אַ זיכערן טויט. אָבער צי האָט זיך די מענטשהייט געענדערט, צי האָבן די מענטשן געלערנט פון זייער דערפאַרונג און זיך דערנענטערט צו אַ מער שלימותדיקן טיפּ מענטש? דאָס בילד, וואָס עס מאָלט אונדז ווערנער שטיין, וועלכער איז אויך אַ וויסנשאַפטלער און אַ פילאָזאָף, איז ווייט פון געבן אונדז די אילוזיע פון אַזאַ פאַרויסגעזאָגנגענעם טיפּ. מיר זעען ווייטער די זעלבע היימישע פערסאָנאַזשן, נאָר מיט אַן אויסערגעוויינלעך אַנטוויקלטער כיטרעקייט. די אינטריגעס און קאָנפליקטן שטייגן איבער די פאַנטאַזיע פונעם הייַנטיקן מענטש. דער אַמעריקאַנער געלערנטער, וועמענס מוטער האָט געהאַט ליבע־באַציאונגען מיט אַ מיניסטער אויף דער לבנה און אין די אָדערן פון דעם אַמעריקאַנער געלערנטן פליסט געמישט בלוט און איז גורם צו אַ באַזונדערן אופן פון דענקען. ער חלומט פון אַ פאַרברידערונג מיט די מענטשן פון דער לבנה, אָבער האָט מורא וועמען אַנצוטרויען זיינע געדאַנקען, ווייל אויף דער ערד הערשט אַ פּאָליציייִשער רעזשים, די אַגענטן זענען באַוואָפנט מיט מכשירים, וואָס אַנטדעקן און פאָטאָגראַפירן די מחשבות און רעיונות אין מענטשלעכן מוח אין אַלע סטאַדיעס, אפילו איידער זיי זענען נאָך דערגאַנגען צום באַוווסטזיין. דער אַמעריקאַנער געלערנטער האָט דערפאַר אויסגעאַרבעט אַ ספּעציעלן כעמישן סערום, וואָס איז אימשטאַנד קעגנצווווירקן יענעם פאַרע־טערישן אַפּאַראַט. אויף דער דאָזיקער קאַנווע וויקלען זיך קאָנפליקטן, טראַגעדיעס און טריומפן. דער געלערנטער געפינט ביסלעכוויז אַנהענגער פאַר זיין פאַר־ברידערונג־אידעע און זיי פירן אין דער גרעסטער קאָנספּיראַציע דעם קאַמף פאַר אויסלייזן די מענטשהייט פון די אומפאַראַנטוואָרטלעכע עלעמענטן, סעקטאַנטן און קאַריעריסטן, וואָס רעגירן מיטן גאַנצן ערדישן פּלאַנעט.

די קאָנספּיראַציע איז די אייגנאַרטיקסטע אין דער וועלט, די פאַנטאַס־טישסטע. די פאַרזאַמלונגען קומען פאָר אונטערן פרייען הימל, אויף עפנטלעכע ערטער, אין טאַנץ־זאַלן, צווישן הונדערטער און טויזנטער מענטשן, צווישן וועלכע עס ווימלט מיט פּאָליציי־אַגענטן, וועלכע הערן זיך צו און לייענען מיט זייערע אַפּאַראַטן די געדאַנקען פון די מענטשן. אָבער דער געהיימער סערום פונעם געלערנטן איז שוין אַזוי אַנטוויקלט, אַז ער באַאַרבעט אַ קעמערל אין מוח, אַז עס זאָל אַרויסשטראַלן די סאַמע פּאַטריאָטישסטע געדאַנקען און לאָזט פריי דעם גאַנצן מוח פאַר גאַנץ אַנדערע אויסשטראַלונגען, וועלכע ווערן אויפ־געכאַפּט דורך די שטיינדלעך אין די מאַנקעטן־ספּינקעס. אַזוי ווערן אָפּגעהאַלטן

פאַרזאַמלונגען און עס ווערן דורכגעפירט דיסקוסיעס אַן אויסצורעדן איין איינציקן וואָרט, אַזוי ווערט געפירט אַ פאַרצווייגטע פּאָליטישע און קינסטלערישע טעטיקייט, אַזוי ווערן דורכגעפירט בילאַנסן נישט בלויז פון אייגענעם לעבן, נאָך אויך פון גאַנצע עפּאָכעס.

שטיינס דערציילונג איז געבויט לויט אַלע כללים פון די מאָדערנע פאַנטאַסטישע ראָמאַנען. ער באַנוצט זיך מיט רעטראָספּעקציעס, מיט אינערלעכן מאָנאָלאָג און אַ מאָנטאַזש־קאָמפּאָזיציע, וואָס דערמאָנט אָפט די קינעמאַטאָגראַפישע טעכניק, וואָס דערמעגלעכט אים דורכצופירן אין קורצע בילדער אַ קאַליידאָסקאָפּ פון טיפן, וואָס לעבן איבער זייערע טראַדיציעס, נישט נאָר פּאָליטישע, נאָר אויך פערזענלעכע. אַזעלכע איז אויך קאַלווינאַ אין ווייטן אויסטראַליע, וואָס קיין שום מאַן וויל אויף איר נישט קוקן צוליב איר העסלעכן אויסזען. זי איז פאַרמשפט אויף איינזאַמקייט, אַלע פּרוּוון צו דעראָבערן זיך אַ מאַן האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט און זי באַשליסט צו באַגיין זעלבסטמאָרד. נאָכן נישט־געלונגענעם פּרוּוו קומען צו איר אין שפּיטאָל פּאָליציי־אַגענטן, לייענען מיט זייערע אַפּאַראַטן אירע געדאַנקען, וועלכע ווייזן זיך אַרויס צו זיין באַהערשט בלויז פון דער איינציקער ליידנשאַפט צו געהערן צו אַ מאַן און די אַגענטן העלפן איר דערפאַר דערגרייכן אַ קאַריערע. זי ווערט אַ ראַפינירטע שפּיאָנין, קומט צווישן די אָנהענגער פון דער פאַרברידערונג־אידעע. זיי גלויבן אין איר אויפריכטיקער פאַרביטערונג קעגן רעזשים און איינער באַקומט זי אפילו ליב...

אפילו די צוממערסטן גראָטעסק־סצענעס פאַרמאָגן דראַמאַטישע שפּאַנונג. די שריפה פון גייסט, וואָס כאַפּט אַרום די אָנהענגער פון פאַרברידערונג, ווערט ענלעך צו רעליגיע, אָבער אָן אַ שפּור פון טעאָלאָגיע, מיט נייע עשרת הדברות, וואָס זייער „אנוכי" — דער ערשטער איבער אַלע געבאָטן — איז דער מענטש פון גייסט, פון צדק און יושר. די לופט איז עלעקטריזירט, אָט־אָט וועט קומען די עקספּלאָזיע פון גייסט, וואָס שפּרייט זיך ווי פייער און שמעלצט איבער מענטש און אָרדענונג צוזאַמען. איין קאָנטינענט ווערט אָנגעשטעקט פון צווייטן מיט אַנטציקונג און עקסטאַז, ביז דער גאַנצער פּלאַנעט וועט אויפשטיין אין קאַמף קעגן זיינע רעגירער.

אָבער ווען עס האַלט שוין דערביי, אַז די רשעות־אָרדענונג זאָל פּלאַצן, נעמט דראָען מיט אַ וועלטן־קאַטאַסטראָפע, וואָס די רעגירער נוצן אויס צו דערשטיקן די גייסט־באַוועגונג, עס ווערן צוגעטראַכט די גרויזאַמסטע מיטלען פון פיין און פאַרטיליקונג. די מאַכט פון רשעות און טעמפּקייט טריאומפירט.

קיין שום דייטשער שרייבער ביז איצט האָט נאָך נישט אַזוי סוגעסטיוו געשילדערט די גרויזאַמקייט פון היטלעריזם, ווען ער וועט זיך צוריק אומקערן צו דער מאַכט, ווי דאָס האָט געטאָן ווערנער שטיין אין זיין פאַנטאַסטישן ראָמאַן, וועלכער איז נישט פריי פון סתירות. ווען אַ סטודענט האָט ביי אים געפאָדערט אַן אויפקלערונג, האָט ער געענטפערט: „איך האָב נישט וואָס אויפצוקלערן. איך בין נישט בודא און נישט משה רבנו און שרייב נישט קיין הייליקע שריפטן. דערפאַר דאַרף קיינעם נישט אַרן אויב איך בין זיך אַמאָל סותר. מיך גייט עס לגמרי נישט אָן".

אויף דער פראגע פארוואס ער האט זיך גענומען צום פאנטאסטישן ראמאן, האט דער שרייבער געענטפערט: „איך וואלט גערן געשריבן רעאליסטישע ראמאנען ווען איך וואלט זיך געפילט בכוח עפעס צו באנייען נאך די גרויסע רעאליסטישע ווערק פון אונדזער צייט. איבערחזרן — האט נישט קיין זין. מיין פאנטאסטיק האט אויך א רעאליסטישן גרונט. מיט סימבאל און פאנטאזיעס ברענג איך ארויס רעאליסטישע אמתן. פאראן אזעלכע, וואס מיינען, אז איך ציי די יניקה פון אבסטראקט. מיין שרייבן דרינגט ארויס פון מענטשלעכע סיטואציעס, פון ממשותדיקע מעגלעכקייטן. אנדערש וואלט איר מיך געמוזט האלטן פאר אלץ אין דער וועלט, א דענקער, א מאראליסט, אבער נישט פאר קיין שרייבער. מיין גאנץ וויסן באטראכט איך ווי א מיטל צום ציל — צום שרייבן".

דער גרויסער ראמאן

איז נאך נישט געשריבן געווארן

די אמעריקאנער שרייבערין שירלעי ע. גראו האט באקומען דעם פוליצער־פרייז פאר איר דערציילונג „די באלעבאטים פון הויז". די זשורי האט דערביי אונטערגעשטראכן די הויכע ליטעראַרישע קולטור פון דער שריפטשטעלערין, אן וועלכער זי וואלט נישט געהאט קיין שאנסן צו באקומען דעם פרייז, אבער דערביי צוגעגעבן וועגן די אומשטערבלעכע ווערטן פונעם טיף־מענטשלעכן אינהאלט אין די העלדנס איבערלעבונגען.

די פארם פון שירלעי גראוס ראמאן איז א טראדיציאנעלע, אבער איר געלינגט דא דורך נאקעטע בילדער צו אנטבלויזן אנגעווייטיקטע ערטער אין דער דרום־אמעריקאנער געזעלשאפט. דער קאנפליקט קומט פאר צווישן דער טאכטער פון א מיליאנער, וואס קומט ארויס פון זיין לעגאל חתונה־געהאט ווייב. ער האט אומלעגאלע קינדער פון דער נעגערין, וועגן וועלכער אלע האבן געוווּסט, אז ער לעבט מיט איר און עס איז נישט געווען קיין סוד, אז די קינדער זענען זיינע, אבער זי האט נישט דערוואַרט קיין שום ירושה לויטן געזעץ. זיי האבן געלעבט אין פיל שווערערע באדינגונגען, זענען אבער געווען פיל פעאיקער פון איר און דאס האט ארויסגערופן איר קנאה, וועלכע זי האט אפן ארויסגעוויזן.

שוין אין די קליינע אינטריגעס מאכט די שרייבערין אן אויסשעפנדיקע פארש־רייזע אין די נשמה־באהעלטענישן פון די העלדן, אבער די הויפּט־אינטריגע הייבט זיך אן ווען דעם מיליאנערס טאכטער האט חתונה מיט א כיטרען פאליטישן אוואנטוריסט, וועלכע פרווט אויסנוצן דעם ווייבס קרובהשאפט מיט די שווארצע פאר זיינע טונקעלע צילן און ער געפינט אין די צווישן־באציאונגען מיט די נעגער ארגומענטן אויף צו באווייזן ווי נויטיק עס איז די ראסן־סעלעקציע.

די נייקייט פונעם דאזיקן ראמאן באשטייט אין אריינקוקן ביז אין תוך אריין אין די נשמות פון די ווייסע און שווארצע, אפילו די וואס האלטן זיך פאר פאר־געשריטענע און פריי פון ראסן־פאראורטיילן. אין די פריערדיקע הערק אויף דער

דאָזיקער טעמע זענען שטענדיק געבליבן רעשטלעך, וואָס זענען געשטאַנען פונדרויסן פון דער געמאָלענער געשטאַלט. די דרויסנדיקע רעשטלעך האָבן געשטערט צו זען יענעמס נשמה אַזוי ווי זי איז. שירלעי גראו איז אינטים מיט אַלע אירע העלדן און דערפאַר איז אין יעדן עפּיזאָד פאַראַן דער תמצית פון טיפע איבערלעבונגען. אינטים מיינט נישט נאָר שילדערן פאַרבאָרגענע נשמה־קעמערלעך. מען קען האָבן אַן אינטימען צוגאַנג אויך צו אָפענע קריגערייען, צו מאַסן־פאַרזאַמלונגען און פאַראַדן. אינטים זיין מיט די העלדן הייסט שפּירן אַ קינדס שמייכל ווי אַ וועלט־געשעעניש, הערן דעם וויגעשריי, וואָס ברויזט אין דער שטילסטער שטיל. דערפאַר איז אַזוי איבערצייגנדיק דער גלח, וואָס לעבט אַזוי שווער איבער דאָס מתוודה זיין זיך פאַר אים איבער די באַגאַנגענע זינד און באַפרייט זיך דערפאַר פון זיין פאַראפיע, כדי צו ווערן אַ לערער. ער קען גוט אַלע וועגן וואָס פירן צו זינד און פאַרבערענגט דערפאַר מיט די קינדער אַלע שעהן פון טאָג און נאַכט, לערנט זיי אויסצומיידן אומקלאָרקייטן און פלאָנטערנישן. ער ווייסט, אַז די קראַפט גובר צו זיין מכשולים איז לויט דעם וויפל נשמה ער פאַרמאָגט אין זיך און דערפאַר גייט זיין דערציאונג אין דער ריכטונג פון אַנטוויקלען די נשמה־אַטריבוטן. אַלץ וואָס אַ מענטש טוט, דאַרף אַרויסשלאָגן פון זיך אַ טיף־וואַרעמע האַרציקע און נשמהדיקע באַציאונג.

אַן אינטימען און גאָר היימישן אַריינבליק גיט אונדז די שרייבערין אין די קאָרידאָרן און קאַבינעטן פון ניכטערע און אַוואַנטוריסטישע פּאָליטיקער. פאַקטן, האַנדלונגען קומען אַרויס ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגעשפּילט אין די נשמות פון די געשטאַלטן, אין די אין בלוט און אין שמרן געקנאָטענע לייבער. געשלעגן, גערוּאַנגל מיט נאַטורס בייזע אָנשיקענישן קומען אַרויס ווי אַ צוגאָב צו די שילדערונגען פון דעם נעגערישן מיידל, וואָס איז צעשלאָגן און אויסגעפּאַטשט פון איר אַליינקייט און גייט אַרום אַ ברוגזע מיט זיך גופא. אינעווייניקסטע פּאַסירונגען קלינגען אָפּ מיט דער קראַפט פון אַ וועלט־געשעעניש.

אין דעם שמועס מיטן באַקאַנטן קריטיקער, דזשים ברעטאָן, האָט שירלעי גראו געזאָגט, אַז עס איז אַ גרויסער אומזין צו זאָגן, אַז די טראַדיציאָנעלע דערציילונג איז אויסגעשעפּט און שטאַרבט אָפּ. גראָד פאַרקערט. אונדזער ליבּ און דאַנק די לעבנס־שילדערער און דערציילער פון אַלע צייטן און תקופות. דאָס געשאַפענע ביז היינט צו טאָג איז נאָר אַן אָנזאָג, אַ פאָרשפּיל, אַ גרייטן זיך צום גרויסן ראָמאַן, וואָס איז נאָך נישט געשריבן געוואָרן און דאַרף דערשיינען ווי דער מאָדערנער תנ"ך פאַר די היינטיקע און קומענדיקע דורות.

ביז איצט שרייבן מיר נאָך אַלץ וועגן דעם קליין־פּערזענלעכן און פאַרגייענדיקן. מיר דאַרפן זיך שטעלן — זאָגט די שרייבערין — מיטן פּנים צום אַלוועלט, צום רעטעניש פון אַלע רעטענישן און נישט פאַרגעסן דעם עיקר אינעם מענטש, נישט אַנטלויפן פון דער טראַדיציאָנעלער דערציילונג, נאָר אַנטוויקלען זי, וואָרום ביי אַלע דערגרייכונגען איז זי נאָך אַלץ אַ וויג־קינד, וועלכן ס׳פעלט לופט פאַר נויטיקן וואַקסן.

שירלעי ע. גראו ענטפערט אויף דער פראַגע וועגן דעם מהות פונעם לאַנגוויל, וואָס שרעקט דעם היינטיקן מענטש ווי אַ געשפּענסט. ער גלויבט, אַז בייקייט,

אינטערעסאַנטקייט „פֿאַרטרייבן", פֿאַרקירצן די צייט. דאָס שטימט נישט אינגאַנצן. פּוסטקייט און מאָנאָטאָניע קאָנען טאַקע אויסציען אַ רגע און אַ שעה און זיי מאַכן לאַנגווייליק. פֿון דער צווייטער זייט איז אַ רייכע און אינטערעסאַנטע איבערלעבונג בכּוח צו פֿאַרקירצן און צו באַפֿליגלען אַ שעה און אַפֿילו אַ טאָג, אָבער מען דאַרף קענען רעכענען ברייטער, זען די רחבֿות, וואָג און סאָלידקייט, וואָס זיי גיבן צו דעם גאַנג פֿון דער צייט, אַזוי אַז יאָרן פֿול מיט רייכע געשעענישן גייען אַוועק אַ סך פּאַמעלעכער פֿון אָרעמע, פּוסטע, לייכטע יאָרן, וואָס לאָזן זיך אַוועקבלאָזן מיטן ווינט. דאָס, וואָס מען רופֿט אָן לאַנגווייל איז פּאַקטיש אַ קרענקלעכע קורצווייליקייט פֿון דער צייט, אַן איינשרומפּן, וואָס דערשרעקט דאָס האַרץ צום טויט. ווי אַזוי אויסהיילן די דאָזיקע קראַנקהייט? אויסשיילן דעם לאַנג־לעבנדיקן תּוך פֿון די צייט־שאָלעכצער, געפֿינען און קולטיווירן דאָס געמיט פֿאַרן אור־קוואַל פֿון גרויסע מעשׂים, פֿאַר דעם אור־ליכט, וואָס באַגלייט דעם מענטש און באַשיינט זיין וועג פֿאָרויס.

דזשים ברעטאַן האָט פֿון איר געפֿאָדערט קאָנקרעטע מוסטערן, העלדן, אויף וועלכע זי האָט זיך אָנגעטראָפֿן אין לעבן און זי האָט צווישן אַנדערע אָנגעוויזן אויף דעם גלח, וואָס איז געוואָרן אַ לערער, אַ מענטש וועלכער ברענגט אַלץ פֿאַר אַ קרבן און איז נישט אויסן דערביי קיין מעשׂה גבֿורה; לויטער מענטש און קיין טראָפּן העלד, איז ווייט פֿון יעדן באַגריף וועגן צייט־פֿאַרטרייב. דער חוש פֿאַר צייט איז ביי אים קיינמאָל נישט פֿאַרמאַטערט, נישט פֿאַרשלאָפֿן, נאָר אַנטוויקלט זיך ביי אים כּסדר. ער איז ממש פֿאַרליבט אין דער צייט, וואָס גיט אים די מעגלעכקייט צו טאָן גוטס פֿאַר מענטשן. זעט מען דען נישט, אַז דאָס איז אַ טיפֿ אַווירקלעכער, גענומען פֿון לעבן? יעדער מענטש ווערט געבוירן מיטליידנשאַפֿטן און גיט זיך נישט אָפּ קיין חשבון ווי ער אַליין אַנטוויקלט זיי מיט דער צייט אַלץ מער. פּונקט ווי עס זענען פֿאַראַן תּאוות אויף פֿאַרגעניגנס זענען אויך פֿאַראַן לעכצענישן נאָך גוטס. די קונסט פֿון פֿאַרלענגערן דאָס לעבן באַשטייט פֿון אַנטוויקלען אין זיך די תּאווה צו גוטע מעשׂים, וואָס גיבן דעם לעבן דעם שענסטן און פֿולסטן אינהאַלט.

גאַנדיס תּלמידים

ביים לעבן האָבן אַ סך הינדוסן געהאַלטן גאַנדין פאַר אַ גילגול פונעם גאָט קרישנאַ. צען טעג איידער עס איז אויסגעפירט געוואָרן דער אַטענטאַט אויף אים אין דעלהי, אין איינעם פון די טעמפּלען, וווּ גאַנדי האָט אָפּגעריכט די תּפילות, האָט איינער פון די אַנוועזנדיקע זיך אויפגעשטעלט און געבעטן אין נאָמען פון אַלע, אַז ער זאָל זיך אַנטפּלעקן פאַר זיי אין זיין אמתער געשטאַלט. גאַנדי האָט אויף אים אָנגעשריגן, אַז ער זאָל זיך אַוועקזעצן און שווייגן. אַזעלכע דערשיינונגען האָבן זיך אָפט איבערגעחזרט אין פאַרשידענע ערטער אין אינדיע, וווּ ער איז געוואָרן פאַרערט און פאַרגעטערט.

דער ענגלישער שרייבער דזשאָפרי אַש, האָט איבער 10 יאָר געאַרבעט איבער זיין בוך וועגן דאָזיקן אינדישן מנהיג. עס איז כמעט נישטאָ קיין פאַקט, וואָס האָט אַ שייכות מיט זיין לעבן, ער זאָל נישט האָבן אַריינגעפירט אין דאָזיקן בוך. גאַנץ אָפט זענען די פאַקטן אַזעלכע, וואָס אַנשטאָט צו באַלויכטן די געשטאַלט פון גאַנדי, העלפן זיי נאָך מער פאַרקאָמפּליצירן און פאַרנעפּלען זיין אמתדיק געשטאַלט, וואָס איז פאַרבונדן מיטן קאַמף פאַר דער פרייהייט פון אינדיע.

ביים היינטיקן טאָג פאַרגרעסערט זיך אַלץ מער די צאָל פון די יונגע הינדוסן, וואָס זאָגן זיך אַרויס נעגאַטיוו וועגן דער השפּעה, וואָס גאַנדי האָט געהאַט אויף דער אינדישער געזעלשאַפט. זיי טאַדלען די אידייען פון גלייכהייט, וואָס גאַנדי האָט זיך באַמיט איינצופלאַנצן אין די הערצער פון די „טמאים". זיי רעדן מיט כעס וועגן גאַנדיס רופן צו פריינטשאַפט צווישן די הינדוסן און מוסולמענער. דאָס איז אייגנטלעך געווען די סיבה, צוליב וועלכער גאַנדי איז דערמאָרדעט געוואָרן.

דער איינדרוק איז, אַז אין די ענינים פון אינדיע, איז גאַנדי קודם־כּל געווען אַ רעליגיעזע געשטאַלט. אין סאַמע אָנהויב, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער גאַנצער ענין, איז ער קודם־כּל געווען אַ פּאָליטישער מנהיג. ערשט ווען ער האָט זיך פאַרטיפט אין די טעאָלאָגישע לערעס פון אינדיע, איז ער באַהערשט געוואָרן פונעם רעליגיעזן גייסט און נאָר אַדאַנק דעם איז ער געוואָרן אַזאַ אויטאָריטעט ביי די מאַסן אין אינדיע. זיי האָבן אין אים געזען די אַנטפּלעקונג פון געטלעכקייט. ער האָט זיי אַרויסגעריסן פון זייער גליוועס און פון דער פּחדנות, אין וועלכער זיי זענען געזונקען אין משך פון הונדערטער יאָרן פאַרשקלאַפטקייט און אונטער־דריקטקייט. דערביי דאַרף אָבער אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז עס זענען נאָך ביים היינטיקן טאָג פאַראַן אַ סך אָנהענגער פון גאַנדי, וואָס טרעטן נאָך אַלץ אַרויס קעגן מלחמה. זיי זענען אָבער געבליבן איינצלנע, פאַראיינזאַמטע.

די סימפּאַטיע פונעם מחבר איז אַ דייטלעכע אויפן צד פון גאַנדיס תּלמידים, פון די איינזאַמע, וואָס קלאַמערן זיך ביזן היינטיקן טאָג אין זיין לערע און ער האַלט, אַז זיי גייט דורכאויס אין דערגיין צום אמת. נישט געקוקט דערויף, וואָס

אַ סך פון זיי ווייסן, אַז דער מעטאָד פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד, האָט נישט קיין שום אויסזיכט אויף הצלחה, גלויבן זיי אָבער, אַז די זוימען, וואָס גאַנדי האָט פאַרפלאַנצט, וועלן אויפגיין אין דורות אַרום.

אַ באַזונדער רייך קאַפּיטל אין דאָזיקן בוך שטעלט מיט זיך פאָר דאָס משונה־דיקע סעקסועלע לעבן, וואָס גאַנדי האָט געפירט און איז ממש איבעראַשנדיק מיט זיינע סתירות אין באַצוג צו די אידייען, וואָס ער האָט געפּרעדיקט. דזשאַפּריאש האָט אין זיין פאָרשונג זיך אָנגעטראָפן אויף פּרויען, וועלכע דערציילן אָפן וועגן זייערע ליבעס־באַציאונגען מיט מאַהאַטמאַ גאַנדי. זיי הילן עס איין אין מיסטישע שלייערן, אָבער באַהאַלטן נישט דעם עקסטאַז, אין וועלכן דער פאַסטנדיקער גאַנדי האָט זיי אַריינגעבריינגט. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אין דער זעלבער צייט, וואָס גאַנדי האָט געפּרעדיקט צניעות און ריינקייט, האָט ער אויך נישט פאַרבאָטן דאָס נאָכגעבן זיך תענוגים, וואָס לייטערן דעם מענטש. אין סעקסועלן אַקט, ווען ער קומט צו ליידנשאַפטלעכער גלוסטעניש, צו באַהעפטונג, האָט ער געזען איינע פון די שענסטע מתנות, מיט וואָס גאָט האָט באַשאָנקען דעם מענטש.

דער שרייבער האַלט, אַז די דאָזיקע מאָמענטן אין גאַנדיס פערזענלעכן לעבן דאַרפן נישט פאַרטונקלען די גרויסקייט פון גאַנדיס געשטאַלט, וואָס איז ביי זיין גאַנצער אוטאָפּישקייט געבליבן איינער פון די גרעסטע וויזיאָנערן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

אין יענער צייט ווען הינדוסן און מוסולמענער האָבן געזוכט אויסצוגלייכן זייערע סכסוכים דורך פייער און שווערד, מענטשלעך בלוט האָט פאַרלוירן זיין ווערט, האָט גאַנדי רעוואָלטירט דורך סיגופים. תפילה און תעניתים זענען געווען זיין דיקטאַטאָריש געווער, מיט וועלכן ער האָט געצוווּנגען די צדדים אָפּצושטעלן דעם ברידער־קאַמף. זיין רעליגיע האָט אים געלערנט, אַז ווען מען שטייט פאַר אַן אומגליק, וואָס קאָן נישט באַזייטיקט ווערן דורך שכלדיקע מענטשלעכע אָנשטרענגונגען, מוז מען פאַסטן און דאַווענען. האָט ער עס געפּרוּווט געבן צו פאַרשטיין אויך נישט־גלויביקע און אַנדערש־גלויביקע, מענטשן פון אַן אַנדערער קולטור און נשמה־סטרוקטור? האָט ער עס געקענט איינפלאַנצן און ראַציאָנאַ־ליזירן פאַר זיינע מיט־מענטשן אין אינדיע?

רעוואָלט און קאָנסערוואַטיזם

תמיד, ווען אים איז אויסגעקומען אָנצורירן טעאָלאָגישע ענינים, זענען זיינע רייד געוואָרן שטאַמלדיקע, פול מיט ווידערשפּרוכן. עפּעס ענלעכס לייענען מיר אין דער פאַרגאַנגענהייט פון ישו הנוצרי. ביי זיין גאַנצער רעוואָלוציאָנערישקייט אין דענקען, איז ער געווען קאָנסערוואַטיוו אין דער אויפפּאַסונג פון מצוות און עבירות, צוגעבונדן צו די אַלטע ראַמען און מנהגים. גאַנדי האָט מיטן כוח פון פאַסטן דורכגעבראָכן אַן אייזערנע היסטאָרישע וואַנט, אַרויסגערופן אַ התחלה פאַר איינער פון די גרעסטע רעוואָלוציעס און עס האָט אויסגעזען צו זיין אַן אָנהייב פון אַ נייער עפּאָכע, אַ נשמה־אויפבלין פונעם צוקונפט־מענטש און ער

אַליין האָט אויסגעזען צו זיין די מעכטיקסטע פיגור פון יענער צייט, אַ גרויסער טייל פון פאָלק איז גרייט געווען צו האַנדלען לויט זיין באַפעל, נישט אויס מורא, נאָר פון ליבע און פאַרערונג. אין צענדליקער און הונדערטער טויזנטער הייזער איז זיין בילד געהאַנגען ווי אַן איקאָנע.

עס זענען פאַרגעסן געוואָרן די פריערדיקע נאַציאָנאַלע העלדן, וואָס האָבן געהאַט אַ השפּעה אויף דער אינטעליגענץ און יוגנט, ווי טילאַק, אַ מין אינדישער גאַריבאַלדי, וואָס האָט גערופן צו מאָרדן גענעראַלן, וואַרפן באָמבעס און באַוואָפנטן אויפשטאַנד. דער פאַרגעטערטער פירער איז געוואָרן גאַנדי, דער רעליגיעזער אוניווערסאַליסט, רעוואָלוציאָנערער לעבנס־באַנייער, וואָס האָט די פּאָליטיק אָנגע־טרונקען מיט רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס און דעם סאָציאַלן קאַמף מיט העכערע מאָראַלישע ווערטן. ער האָט דערקלערט: די צילן זענען הייליק, אָבער דערגרייכט ווערן קאָנען זיי, מעגן זיי, בלויז דורך געהייליקטע מיטלען. אויב זאָל מען מוזן אָנווענדן מיטלען און מעטאָדן, וואָס זענען לויט זייער נאַטור אַנטי־רעליגיעז אָדער אַנטי־מאָראַליש, זענען יענע צילן נישט ווערט מען זאָל פאַר זיי קעמפן.

מאַהאַווירא און בודאַ

זיין גאַנצע פילאָזאָפיע האָט גאַנדי סימבאָליזירט מיט איין סאַנסקריט־וואָרט: „סאַטיאַגראַהאַ", וואָס דריקט אויס מיט זיך אי אמת, אי גערעכטיקייט, אי קראַפט, וואָס טראָגט די מעגלעכקייט צו רעאַליזירן דעם אידעאַל, אויב מען פאַרשווערכט אים נישט מיט אומגערעכטע מיטלען.

מיטן עצם געדאַנק איז גאַנדי נישט געווען קיין מחדש. נאָך פאַר בודאַ, מיט איבער דריי טויזנט יאָר צוריק, האָט אינדיע געהערט מאַהאַוויראַן פּרעדיקן דעם פּרינציפּ פון „אַהימסאַ", וואָס מיינט: נישט באַנוצן זיך מיט פיזישן כוח, נישט באַצאָלן מיט בייז פאַר בייזן. גאַנדיס אויפטו איז באַשטאַנען אינעם נעמען אַן אוראַלטן רעליגיעזן פּרינציפּ און מאַכן אים פאַר דער טרייבקראַפט פון אַ גרויסער פּאָליטישער פאָלקס־באַוועגונג אויף אַ שטח פון אַ ריזיק לאַנד, מיט הונדערטער מיליאָנען נפשות.

נאָך לאַנגע יאָרן קאַמף איז גאַנדי געצוווּנגען געווען מודה צו זיין, אַז אין אונדזער וועלט איז נישטאָ און וועט קיינמאָל נישט זיין קיין מעגלעכקייט צו פאַרווירקלעכן דעם פּרינציפּ פון גוואַלטלאָזיקייט אין זיין אַבסאָלוטער און ריינער פאָרם. מיט אַ געפיל פון רעזיגנאַציע האָט ער אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן דערקלערט, אַז מיר זענען פאַרמשפּט צו באַגיין געוויסע פאַרברעכנס און אַז עס מוז אייביק עקזיסטירן אַ געוויסער עלעמענט פון זינדיקייט. הייליקייט, אַבסאָלוטע קדושה איז אַ באַגריף פון אַן אַנדערער וועלט. מיט דער צייט האָט ער אין געוויסע פאַלן מתיר־געווען מאָרד.

אָנגעהויבן האָט עס זיך צוליב אַ מעשה מיט הינט: אין אַ שטעטל האָבן געווילדעוועט עטלעכע צענדליק משוגענע הינט, צעביסן מענטשן און דערפירט צו אומגליקן. גאַנדי האָט דעמאָלט באַפוילן אויסצושיסן די הינט און דערנאָך תשובה־טון, זינגען רעליגיעזע ניגונים א. אַ. וו. אויף די טענות פון זיינע איבער־ראַשטע תלמידים האָט ער געענטפערט, אַז ער האָט געהייסן מאָרדן די הינט נישט נאָר צוליב די מענטשן, וואָס האָבן אַזויפיל געליטן, נאָר אויך צוליב די הינט גופא, צוליב רחמנות אויף זייערע ליידן.

איז עס אַ מצווה — פאַרוואָס־זשע האָט מען דערנאָך געדאַרפט תשובה־טון? דאָס איז אַן אויסדרוק פון צער פאַרן פאַרגאָסענעם בלוט. דער דאָזיקער פאַל איז געווען די התחלה פאַרן מתיר־זיין רחמנות־מאָרד און דערנאָך אויך פאַרברעכער, ווען עס האָבן זיך אויסגעשעפּט אַלע מאָראַלישע מיטלען צו ווירקן אויף אים. ער האָט זיך אָבער ווייטער פאַרעקשנט געהאַלטן ביים פּרינציפּ קעגן לייזן פּאָליטישע צילן דורך ברוטאַליטעט און שפיכת־דמים.

גאַנדי האָט געוווּסט, אַז צווישן די מיליאָנען, וואָס האָבן מיט אים מיטגע־זונגען זיינע תפילות און האָבן מיט די ליפּן נאָכגעזאָגט זיין נדר נישט צו נוצן אין קאַמף קיין ביקס און קיין שווערד, קיין שטעקן און קיין שטיין, איז פאַראַן בלויז אַ קליינע צאָל, וואָס האָט געגלויבט אין דעם מיט אַלע ציטערן פון דער נשמה. טראַגנדיק זיין פאָן און זינגענדיק זיינע ניגונים האָבן זיינע אָנהענגער געמאָרדעט ענגלישע סאָלדאַטן, פאַגראָמירט הינדוסן, פאַרברענט באַאַמטע, פאַר־שוועכט הייליקטימער. פאַגראָמען און רציחה זענען אייביקע באַגלייט־דערשיינונגען פון רעוואָלט און קאָמפּסלוסטיקייט.

נישט געקוקט דערויף האָט ער ווייטער עקשנותדיק געהאַלטן זיך ביי זיין אידעאַל צו דערציען מענטשן פאַר געוואַלטלאָזע, בלוטלאָזע מלחמות, דורך דרויסנדיקער פּאַסיוויטעט, וואָס פאָדערט אָנגעשטרענגטע אינערלעכע אַקטיוויקייט.

גאַנדיס עקספּערימענט איז נישט געווען דער ערשטער, וואָס איז געבליבן אין דער ספערע פון פאַנטאַזיע און חלום. ער האָט געשאַפן אַן אידעאַל, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט מיליאָנען, אָבער נאָר יחידי סגולה האָבן אים אויף אַן אמת באַנומען, און געשען איז, אַז דווקא די יחידי־סגולה, זיינע נאָענטסטע און בעסטע תלמידים, האָבן פאַראַטן זיין אידעאַל באַלד ווי זיי זענען נאָך זיין טויט געקומען צו דער מאַכט. זיין נאָענטסטער תלמיד נערו איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט מודה־געווען, אַז דאָס אַבסאָלוטע און דאָס רעלאַטיווע וועלן קיינמאָל נישט קענען זיך צונויפגיסן און ווערן איינס. זיין טאָכטער אינדירא פּרוווט אַפילו נישט אָנהויבן די פּאָליטיק מיט עלעמענטן פון גאַנדיס אַבסאָלוטן אמת. גאַנדיס קדושה איז געוואָרן אַ מין ווייטע און איזאָלירטע רעזערוואַציע, וואָס האָט נישט קיין קאָנטאַקט מיט די ברייטע שליאַכן פון לעבן. אַנטוישטע און צעבראָכענע שטייען איצט זיינע פאַראיינזאַמטע תלמידים פאַר זיין געשטאַלט, אין וועלכער זיי האָבן געזען אַן אָנזאָג אויף מאָרגן, אויף עפּעס, וואָס וויל געבוירן ווערן אין שווערע חבלי־לידה און קומט אַרויס אויף דער ליכטיקער וועלט אַ טויט באַשעפעניש.

אינדישער „אראהאט" קניט
פאַר דער שווערד פון איסלאַם

שוין יאָרן ווי עס האָט אונדז אויפגעהערט איבערצוראַשן די אַנטי־ישראלדיקע שטעלונג פון די אינדישע פירער, וואָס איז געוואָרן באַזונדערס בולט און פאַרשאַרפט אין די טעג פון דער גרויסער אינטערנאַציאָנאַלער שפּאַנונג. די געפאַלנקייט פון דאָזיקן גרויסן פאָלק אין לאַנד פון בודאַ, וואָס נערו האָט מיט זיין בערזעגלעכקייט געפּרוווט פאַרדעקן, האָט זיין טאָכטער אויפגעדעקט אויף אַ ציניש און כּחדנותדיקן אופן. דאָס לאַנד פון אַ האַלבן מיליאַרד מענטשן שטייט פאַר דער וועלט אָפּגעדעקט פון אַלע אָרעאָלן, הונגעריק און הילפלאָז, צביעותדיק און פאַרדאָרבן, פול מיט שרעק פאַרן געשריי און געפּילדער פון די אַראַבישע קאַרליקעס, גרייט צו לאָזן זיך פון זיי דיקטירן און פאָלגן, הכנעהדיק זיך לייגן אונטער דעם קנאַפּל פון רשעות און געמיינקייט. מער ווי כּעס רופט עס אַרויס רחמנות. עס איז די טראַגעדיע פון אַ גרויס פאָלק.

ביים היינטיקן טאָג איז שוין שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט אינדיע אויסגעזען צו פאַרנעמען אַ צענטראַלע פּאָזיציע צווישןביידע בלאָקן. קיין שפּור איז נישט געבליבן פון יענער אילוזאָרישער גרויסקייט. היינט איז דער אינדישער פאָרשטייער אין אוג״אָ דאָס שיק־ייִנגל פון אַזעלכע „גרויסמאַכטן" ווי ירדן און סיריע און די אינדישע רעגירונג רעדט וועגן איר „טראַדיציאָנעלער פריינטשאַפט מיט די אַראַבישע לענדער" אין דער זעלבער צייט ווען זי קריגט פון מצרים און סיריע פּאָליטישע און מאָראַלישע קלעפּ.

וואָלט כאָטשווירקלעך געווען אַזאַ טראַדיציע אָדער וואָלט דאָרט די שנאה צו ישראל געווען אַזאַ פאַרוואָרצלטע ווי אין די אַראַבישע לענדער, וואָלט די דאָזיקע שטעלונג געווען אַ פאַרשטענדלעכע. אָבער די שטימען אין פאַרלאַמענט, אין דער פּרעסע און לעצטנס אויך אין ערנסטע פּובליציסטישע אויסגאַבן ווייזן אויף דער גרויסער סימפּאַטיע, וואָס איז פאַראַן פאַר ישראל צווישן גרויסע טיילן פון דער אינדישער אינטעליגענץ.

דער בבל־טורעם קרישלט זיך

לעצטנס האָט דער דייטשער פּראָפעסאָר הערבערט הערטל פאַרעפנטלעכט אַ פּאַלערנדיקן עסיי, אין וועלכן ער פּרוווט אַנאַליזירן דעם צוזאַמענשטויס צווישן דער אַלטער אינדישער קולטור מיט דעם פּאָליטישן געדאַנק, וואָס הערשט אין אייראָפּע. נישטאָ נאָך אַ לאַנד אויף דער וועלט, וווּ דער דאָזיקער פּלאָנטער זאָל זיין אַזוי בולט ווי אין אינדיע. דאָס דאָזיקע גרויסע פאָלק, אין צאָל אויפן צווייטן אָרט נאָך כינע, איז אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין דעם מאָדערניזאַציע־שטראָם, לויט די באַגריפן פון אייראָפּע, אין רעזולטאַט פון דער ענגלישער הערשאַפט. עס איז אָבער אַ פראַגע אויף וויפל דער דאָזיקער פּראָצעס איז געגאַנגען אין דער טיף. די אַרויסזאָגונגען פון אינדישע אינטעלעקטואַלן ווייזן אָן, אַז אָנגעכאַפּט

זיך און מיטגעריסן מיט דער אייראָפּעאישער מאָדערניזאַציע זענען געוואָרן קודם כל די שיכטן פון מיטלמעסיקע וואָס האָבן נישט געלערנט און נישט פאַרשטאַנען די גרויסקייט פון דער אַלטער נאַציאָנאַלער קולטור. צו זיי געהערן די אַלע, וואָס האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן פּאָליטישן רייטוואָגן מיט אינדיראַ גאַנדי אַריינגערעכנט. זיי האָבן דאָס האַלב־מיליאַרדיקע פאָלק דערפירט צום מצב פון אַ בבל־טורעם, וואָס קרישלט זיך און דראָט מיט פונאַנדערפאַל.

דאָס, וואָס געשעט היינט אין אינדיע, איז באַלערנדיק פאַר דער גאַנצער מענטשהייט און איז וויכטיקער פון דער אַקטועלער פּאָליטיק. ביים אָנהויב פון פערטן יאָרצענדליק זינט דאָס לאַנד האָט באַקומען מלוכהשע זעלבשטענדיקייט, מאַכן איצט די אינדישע דענקער דעם חשבון הנפש איבער דער געשטאַלט פון זייער ריזיק לאַנד. אַלע האַלטן, אַז עס הערשט אַ מאָראַלישער קריזיס, אַ נידערגעשלאָגנקייט און פאַראַן אַזעלכע, וואָס זאָגן אָפן, אַז מען האָט געהאַט אַ טעות בנוגע דער מלוכהשער זעלבשטענדיקייט. באַשולדיקנדיק דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם אין אַלעם שלעכטן האָט מען געמיינט, אַז די זעלבשטענדיקייט וועט זיין אַ תרופה צו אַלע מחלות. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דווקא די מלוכהשע זעלבשטענדיקייט האָט מיט זיך געבערענגט אָן אַ שיעור נישט־געזונטע דערשיינונגען. מנהיגים האָבן זיך אַרויסגעוויזן אין זייער גאַנצער קליינלעכקייט און געמיינקייט. זיי דערציִען עס דעם נייעם דור, דאָס גאַנצע לאַנד אין גייסט פון קאַריעריזם און אכזריותדיקער וועלט־אָנשויאונג וואָס קומט צום אויסדרוק אויך אין דעם חנפענען זיך צו די אַראַבער.

ראַמילאַ טהאַפּאַר איז געווען אַ פּרעלעגענטין אין לאָנדאָנער אוניווערסיטעט. היינט האַלט זי פּאָרלעזונגען אין ניו־דעלהי. איר ספּעציאַליטעט איז די געשיכטע פון אינדיע פון די אור־אַלטע צייטן ביזן היינטיקן טאָג. איר אַנאַליטישער מעטאָד און וויסנשאַפטלעכער גערדאַנקען־גאַנג איז, אמת, אַ רעזולטאַט פון דער ענגלישער דערציִאונג און זי האַלט, אַז אייראָפּעאישע בילדונג איז אַ ברכה פאַר יעדן לאַנד. זי איז צופרידן, וואָס אינדיעס דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס זענען געבויט לויטן ענגלישן מאָדעל. זי האַלט אָבער, אַז דאָס פּראָבלעם איז אין דער ערשטער ריי אַ גייסטיק־אינטעלעקטועלער און נישט קיין טעכנאָלאָגישער. די אינדישע פירער מיט נערון אַריינגערעכנט, האָבן נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי זיך צו באַנוצן מיט די מאָדערנע טעכנאָלאָגישע מעטאָדן און נישט פאַרלירן דערביי די ירושה פון דער אינדישער קולטור און טראַדיציע, וואָס שטעלט העכער דעם גייסט און די מאָראַל איבערן מאַטעריעלן פאַרשריט.

די אינדישע פירער האָבן זיך פאַרפלאָנטערט אין דער נעץ פון צווייפלהאַפטיקע פּאָליטישע אַמביציעס ווי פליגן אין געוועב פון אַ שפּין און געבערענגט אויפן לאַנד צרות און פּלאָגן. „וואָס איז דער הויפּט־קוואַל פון אַלע צרות? — פרעגט בודאַ און ענטפערט: ווען מען קוקט זיך גוט צו, זעט מען, אַז עס איז אַלץ צוליבן שטעלן גשמיות העכער פון רוחניות". די אינדישע קולטור באַזירט זיך אויף די „אַכט פאָרמען פון טאָן און נישט־טאָן". די דאָזיקע אַכט פאָרמען זענען אַ גאַנצע ריי פון עטישע יסודות פאַר גוטער אויפפירונג און דערגרייכן צו דער מדרגה פון „אַראַהאַט", דאָס מיינט שלמות. די היינטיקע אינדישע מנהיגים האָבן נישט

פאַרשטאַנען צו שאַפן די האַרמאָניע צווישן דער קולטור מיט דער מאָדערנער ציוויליזאַציע, וואָס האָט נישט באַקעמפט דעם פאַנאַטיזם און אָבערגלויבנס, נאָר נאָך מער זיי אַנטוויקלט.

די שטאַט, וואָס האָט געדאַרפט ברענגען ליכט, בילדונג און קולטור, האָט מיט זיך געברענגט צביעות, רשעות און פוילעניש, האָט צעשטערט די ראָמאַנטיק פון נירוואַנאַ, איז נישט בכוח און האָט אויך נישט דעם שטאַרקן ווילן צו לייזן דאָס הויפּט־פּראָבלעם — דעם הונגער. דער פּאָליטישער אַפּאַראַט האָט פאַרדאָרבן דעם גוטן געשמאַק, די אַריסטאָקראַטישע מידות און דעם נאַציאָנאַלן שטאָלץ.

אין היינטיקן אינדיע איז פאַראַן אַן אָרט פאַר אַלערליי קאַריעריסטן, ביי דער מאַכט שטייען געלט־ און כבוד־גיריקע, עגאָצענטרישע טיפּן, וואָס באַהאַלטן זיך הינטער אַן עודף פון ראַציאָנעלקייט און פילן זיך נישט געבונדן מיט וואָרצלען. זיי האָבן פאַרראָסן אַלע גרויסע אידעאַלן און נאַציאָנאַלע אידעען.

דער דענקנדיקער מענטש אין אינדיע איז פאַראייגזאַמט. עס הערשט דער בולוואַר און אַבסאָלוטע גלייכגילטיקייט צו עטישע פּרינציפּן און מענטשלעכער שיינקייט און עס זענען צעשטערט די סיסטעמען אָדער סובסטאַנצן, אין וועלכע דאָס פאָלק זאָל האָבן אַן אָנשפּאַר, זאָל קענען אָנהענגען זיין גלויבן. די פּאָליטישע מנהיגים זענען שטענדיק וואַקלענדיקע, ציטערנדיקע, ווי דער פּלאַסטער פון די בלעטער, זענען פאַרפוילט און פאַרדאָרבן און פון דאַנען נעמט זיך זייער פּחדנות, זייער אַרונטערפאַלן דעם אָנשטעל פון כוח, דעם געשריי. זיי זענען פּשוט אוממאָראַלע מענטשן און פירן אַן אוממאָראַלישע פּאָליטיק.

די וויזיע פון ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע

מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק האָט דער גרויסער אינדישער שריפט־שטעלער ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע, אין אַ שמועס מיט מאַרטין בובער, אַרויס־געבראַכט זיין זאָרג, צי מלוכהשע זעלבשטענדיקייט וועט נישט האָבן קיין שלעכטע השפּעה אויפן כאַראַקטער פון יידישן פאָלק. טאַגאָרע איז געווען באַגייסטערט פון די שיינע אייגנשאַפטן פון יידישן פאָלק, וואָס זענען טייער פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. ער האָט געהאַלטן, אַז יידן האָבן די גאַנצע צייט אין אַלע גלותן אָפּגעהיטן דעם אוניווערסאַליזם און פאַרערונג פאַר גייסטיקע ווערטן און האָט מורא געהאַט, אַז באַקומענדיק מלוכהשע זעלבשטענדיקייט וועלן זיי ווערן אַזוי באַגרענעצט ווי די מוזולמענישע פעלקער, צווישן וועלכע זיי וועלן זיך געפינען. זיי וועלן ווערן נאַציאָנאַליסטיש.

בובער האָט אים געענטפערט, אַז כאָטש עס איז ווירקלעך פאַראַן אַזאַ געפאַר, פירט אָבער נישט דער וועג אין דער ריכטונג פון אָפּזאָגן זיך פון נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט. פּונקט ווי אינעם לעבן פון יחיד זענען אויך ביי פעלקער פאַראַן קאַפּיטלעך, וואָס ברענגען מיט זיך געפאַרן, וועלכע מען דאַרף גובר זיין. דאַקעגן דאָס אַנטלויפן הרגעט אָפּ די דינאַמישקייט פונעם פאָלק, עס ווערט פאַרגליווערט און שטאַרבט אָפּ.

טאַגאָרע האָט לסוף מסכים געווען מיט בובערן, נאָר האָט געטענהט, אַז עס

איז אומפאַרמײַדלעך אַ באַגעגעניש מיטן איסלאַם און האָט צוליב פאַרשידענע פאַקטאָרן מורא געהאַט פאַר דער פּאָזיציע פון ייִדעא. דאַקעגן איז ער זיכער געוועזן, אַז ביים צונויפטרעף צווישן איסלאַם מיטן הינדאַאיזם וועט פּונקט ווי לגבי דער מערב־קולטור זיגן דער הינדאַאיזם, וואָס האָט די פעאיקייט צו באַוועגן דעם מענטש צו פאַרטראַכטן זיך איבער דער סובסטאַנץ פון דער וועלט און פאַר־מאָגט די האַרמאָניע פון אמונה און דערקענטעניש.

אַבסערווירט מען היינט די ווירקלעכקייט אין אינדיע זעט מען ווי די וויזיע פונעם דאָזיקן גרויסן דיכטער און דענקער האָט פאַרלוירן דעם באָדן. דער הינדאַאיזם האָט זיך נישט קיין עצה געגעבן מיט די פּראָבלעמען פון דער צייט און די שלעכטע רעפּוטאַציע פון די, וואָס שטייען אויף די קני פאַרן איסלאַם ווירקט צומאָל אַנטשיידן אויף די שאָלן פון דער היסטאָרישער וואָגשאָל.

עראָטיק

אין דער אינדישער ליטעראַטור זענען פאַראַן זייער ווייניק אויטאָביאָגראַפיעס. דאַקעגן זענען אַ סך דערציילונגען און ראָמאַנען פּשוטע פּאַסירונגען, וואָס האָבן זיך געטראָפן מיט די שרייבער, און עס טרעפט, אַז דער שריפטשטעלער איז איבערגעלאָדן מיט פּערזענלעכע איבערלעבונגען און דערפאַרונגען, און פילט זייער צוזאַמענהאַנג און טיפע געמיינשאַפט מיטן אַרומיקן לעבן, שרייבט ער עס אין אַ ראָמאַן, לויט אַלע געזעצן, וואָס דער זשאַנער איז מחייב, מיט דראַמאַטישער שפּאַנונג און דראַמאַטישן אימפּעט, מיט פּאָזיטיווע העלדן און נעגאַטיווע עלע־מענטן. וויכטיקער פון אַלץ איז ביי די אינדישע שרייבער, ביי די עלטערע און יונגע, דאָס באַטראַכטן מיט אַ קלאָרן קאָפּ און מיט אַ קאַלטן מוח אַלץ וואָס ער האָט אַבסערווירט און דורכגעמאַכט אין לעבן: מאָראַלישע קלעפּ, אַנטוישונגען און וויזיאָנערישע ווונטשן און זייער קאָנפליקט מיט דער ווירקלעכקייט.

אַזוי האָט אויך געטון דער אינדישער שרייבער מאַנאַליל עהענדו אין זיין נייעם בוך „מענטשן אין קרישטאַלענעם שפּיגל״. דאָס איז אַ דערציילונג אין אַ דערציילונג און שילדערט דאָס לעבן פון אַ שריפטשטעלער, ווי אַזוי ער נעמט זיך צום שרייבן אַ ראָמאַן, דעם גאַנג פון זיין אַרבעט איבער אים ביזן סוף. דער מחבר האָט אַ סך אַרומגערייזט, האָט שטודירט אין לאָנדאָן, געלעבט עטלעכע יאָר אין פּאַריז, אַרומגעפאָרן איבער אַמעריקע און אַפריקע, געווען אין פּערסיע, דזשאַקאַרטאַ, באַנגקאָק און ווייזט נישט אַרויס קיין ענטוזיאַזם פאַר לענדער מיט אַ הויכער ציוויליזאַציע. ער ווערט דאָרט גיך פאַרמאַטערט. דאַקעגן איז אים נאָענט די אור־אַלטע קולטור אין נישט־אַנטוויקלטע לענדער, האָט ליב דעם טראָפּיקאַלישן קלימאַט.

אין דעם הויפּט־העלד איז פאַרקערפּערט דער מחבר אינגאַנצן. אַלע זיינע אייגענע מחשבות און האַנדלונגען, די מענטשן, וועלכע ער האָט אָנגעטראָפן אויף זיינע רייזעס און האָבן אָפּגעשפּילט אַ געוויסע ראָל אין זיין לעבן. גראָד ביי אַ שעפערישן מענטש זעען מיר בולטער דעם צוזאַמענהאַנג צווישן זיין כאַראַקטער

און זיין גורל, אַזוי אַז זיין לעבן קען אויסגעלייגט ווערן ווי אַ מעשהלע פון אויסגעוויינקסטע פּאַסירונגען, וואָס דאָס אויג זעט, אָבער פליסט אַרויס פון געהיימע קוואַלן, וועלכע באַשטימען זיין גורל.

כדי אַריינצופירן דעם לייענער אין ראָמאַן און גלייכצייטיק אים געבן צו שפּירן די אייגנאַרטיקייט מיט וועלכער מאַנאַליל עהענדו באַהאַנדלט זיך אַליין, קלויב איך אויס אַן עפּיזאָד אין פּאַריז, ווו דער הויפּט־העלד ווערט פאַרליבט אין דער פרוי פון זיינס אַ גאָענטן פריינט, אַ מאָלער, און אַט דערזעט ער זיך מיט איר אַליין אין אַ ליכטיק־באַלויכטענעם צימער, אַ האַלב־אָפענע טיר פירט אין אַ צווייטן, אַ טונקעלן... זי איז אין איר געבלימטן שלאָפראָק, וואָס מאַכט זי אַזוי כישופדיק און שלאַנגיש־גראַציעז. זיי וויסן ביידע, אַז געקומען זענען זיי אַהער פאַרברענגען אַ ווילדע נאַכט. דאָס ווייס אפילו די הויט אויף זייערע לייבער. נאָר איידער זיי שפּאַנען אַריבער אינעם טונקעלן צימער כאַפּט ער אָן מיט ביידע הענט איר שיינעם קאָפּ און נעמט צו איר רעדן וועגן דעם גרויסן געפיל פון פריינטשאַפט, וואָס זיי גייען איצט פאַרשווערכן. זי שווייגט און ער פילט מיט וויפל ליבע עס דרינגט אַריין אין זיינע אָדערן דאָס וואַרעמע ציען זיך פון איר גליאיק לייב, ווי זי וואָלט אינגאַנצן געווען פון שלאַנגען־רינגען. ער איז אַוועק אַ געלייטערטער. די ברייטע האָריזאָנטן, וואָס די רייזעס האָבן אים געגעבן, וואָלטן אייגנטלעך געדאַרפט פאַרווישן די דערינערונג פון יענער נאַכט. דאָס לעבן צערייבט אַזעלכע פּאַסירונגען אויף שטויב, אָבער ער הערט גישט אויף אַ לאַנגע צייט צו וואַלגערן זיך אין דאָזיקן שטויב און זי ווערט אין דעם שטויב פונסניי באַשאַפן, ערגעץ אין סאָיטי. גראָד דעמאָלט ווען ער האָט געמיינט צו ווערן באַפרייט פון איר, איז זי ווי דורך אַ כישוף צו אים געקומען און ווי דורך אַ כישוף מיטאַמאָל און פאַר אַלע מאָל געוואָרן זיינע...

הגם עס איז פאַראַן אין דעם אַ געוויסע ליטעראַרישע אומבאַהאָלפנקייט, דעקט עס אָבער זייער אויפריכטיק אויף זיין קינסטלעריש וועזן, דאָס אורשפּרינגלעכע געפיל פון אוממיטלבאַרער נאַיוויטעט, מיט וועלכער ער באַציט זיך צו אַלע דערשיינונגען פון לעבן. נאַיוויטעט און עגאָטישקייט אין אַ געפילפולער עפּישער פאָרם, און עס דאַכט זיך אים, אַז ווען מען צייכנט נאָר אַלע לעבנס־דערשיינונגען אין דער דאָזיקער טיפקייט פון איבערלעבונג, האָט מען אויסגעשעפּט אַלדאָס וועזנטלעכע אין די פּאַסירונגען.

עראָטישע פּראָבלעמען פאַרנעמען אינעם דאָזיקן ראָמאַן אַ סך אָרט, מער און דראַסטישער ווי עס איז דער שטייגער פון די אינדישע שריפטשטעלער. עהענדו זעט אין דער עראָטיק דעם שליסל צו דער ווירקלעכקייט און דערפאַר איז עס ביי אים גישט קיין פּיקאַנטעריע, נאָר האָט צו איר אַן ערנסטע, כמעט רעליגיעזע באַציאונג, מיט דרך ארץ אפילו פאַר זינד. דער מענטש וועט קיינמאָל נישט זיין באַפרייט פון סעקסועלע פאָראורטיילן, אפשר נאָר ווען עס וועט זיך ענדיקן מענטשלעכע אונטערדריקונג בכלל. אָבער ווער איז אימשטאַנד היינט פאָרויסצוזאָגן יענע צייט?

צוזאַמען מיט גרויסע טראַגישע קאָנפליקטן קומט אויך אַרויס די שריפטשטעלערישע טעכניק פון שרייבן אַ ראָמאַן. ביז גאָר אויפריכטיק דעקט ער אויף דעם

מעכאַניזם, וואָס איז אייגנאַרטיק דעם אינדישן שרייבער, ווי פּאָוואָליע ער אָרגאַ־ניזירט זיך די טעמע, ווי זי וואַקסט אָן ווי אַ פּערל אין דער מושלע. עס איז געווג אָנצוהויבן און אַלץ נעמט זיך קאָמפּליצירן, פּלאָנטערן. דאָס דערנענטערט אים צו זיין פּריינט דעם פּאַריזער מאָלער, ביי וועמען די וויזיע פונעם בילד וואַקסט אין דער אַרבעט. איידער ער נעמט דעם פּענזל אין דער האַנט ווייסט ער נאָך נישט ווי אַלץ וועט אויסזען. כאָטש ער לייגט גרויס אַכט אויף דעם ריטם און מעלאָדישקייט פון דערציילן און האַלט, אַז אַ שרייבער, וואָס אינטערעסירט זיך נישט מיט מוזיק, איז אַ שלעכטער שרייבער, אָבער מער פון אַלע אַנדערע חושים איז ביי אים אַנטוויקלט דער חוש הראיה. דאָס לעבן מיט די אויגן איז כאַראַקטע־ריסטיש פאַרן אינדישן שרייבער. מיטן אויג אָבסערווירט ער, גראָבט זיך אין דער טיף, שאַצט אָפּ און באַנעמט דעם אויסבליק צום וועלט־שיקזאַל. ווען דער הויפּט־העלד דריקט אויס זיין ליבע אין אַ ליד, גיט ער זיך אָפּ אַ חשבון, אַז די וואָרט־קאָמפּאָזיציע באַשטייט פון ווערטער, וואָס רעגיסטרירן, סוגערירן דעם געהער, בילדער און די חושימדיקע אָנרעגונגען פונעם אויג.

אין קעגנזאַץ צום רוב אינדישע שרייבער האַלט עהענדו, אין דער פּאַרקער־פּערונג פון זיין הויפּט־העלד, אַז די ליטעראַטור דאַרף נישט זיין פּעדאַגאָגיש. אויב דער שרייבער וויל פּרעדיקן מאָראַל, זאָל ער ווערן אַ בודיסטישער גלח. קונסט האָט אירע אייגענע געזעצן, אומאָפּהענגיק פון דער פּאָליטיק, פון עקאָנאָמיע און געזעלשאַפטלעכע לערעס. ליטעראַטור, אויב זי וויל זיין אנגאַזשירט, האָט זי צו דיספּאָזיציע דעם עסיי און פּאַמפלעט. דער דערציילער נאָר זיך נישט אנגאַזשירן אין פּראַקטישע צילן. די קונסט פון דערציילן איז אַ טיפע און דערציט אין שיינ־קייט. די קראַפט און טיף פון קינסטלערס איבערלעבונג איז אַזוי גרויס און דורכדרינגלעך, אַז זי באַקומט די דערהייבנקייט פון אַן אַנטפּלעקונג, ווי דאָס דערקענען פונסניי די וועזנטלעכסטע שטריכן, דעם זין פון זאַכן און געשעענישן, וועלכע פאָדערן צו ווערן פאַראייביקט און איבערגעגעבן צו אַנדערע.

איבערערדישע שיינקייט און

מיאוסע נאַקעטקייט

וועגן לעבן אין אינדיע איז שוין פאַראַן אין אַלע שפּראַכן אַ רייכע ליטעראַטור, דערציילונגען, רעפּאָרטאַזשן און רייזע־באַשרייבונגען, אָבער ביז איצט האָבן נאָך אַלץ סיי אייגענע, סיי פרעמדע שרייבער נישט באַוויזן צו געבן קיין פול בילד וועגן דעם לעבן פון דער 300 מיליאָניקער באַפעלקערונג אין דאָזיקן ריזיקן לאַנד. ביזן היינטיקן טאָג זענען אין אינדיע פאַראַן געגנטן, באַווינטע מיט שבטים, וועגן וועלכע עס ווייסט נישט אפילו די אינדישע אינטעליגענץ, און דאָס נישט בלויז פאַרוואָרפענע ווינקעלעך, נאָר אויך אַזעלכע, וואָס געפינען זיך נאָענט צום צענטער פון לאַנד, דאָך זענען זיי נאָך אַלץ אומבאַקאַנט מיט זייער לעבנסשטייגער, מנהגים און קאָנפליקטן. דערפאַר רופט אַרויס אַזאַ גרויסן אינטערעס יעדעס ניי־דערשינענע בוך וועגן אינדיע.

אַזאַ איז דער צווייטער בענדיקער ראָמאַן פֿון אינדישן שרייבער יאַשפּאַלאַ א. נ. „דער ליגנערישער אמת“. אין גאַנצן עטלעכע חדשים נאָך דעם ווי דאָס בוך איז דערשינען אין אָריגינאַל, איז עס גלייך איבערזעצט געוואָרן אויף רוסיש. צוויי באַקאַנטע סאָוועטישע שרייבער: ל. קוזניעצאָוו און נ. טאָלסטאָי, האָבן די דערציילונג איבערגעזעצט פֿון אינדיש און דערביי איבערגעגעבן די ביאָגראַפֿיע פֿונעם שריפֿטשטעלער, וועלכער איז פֿון זיין יוגנט אָן אַן אַקטיווער אָנטייל־נעמער אין דער אינדישער פֿרייהייט־באַוועגונג. אין יאָר 1931, אַלט זייענדיק 28 יאָר איז ער געוואָרן דער פֿירער פֿון דער „סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרמיי“ אין אינדיע, איז געזעסן אין ענגלישע תּפֿיסות און אַפֿילו געווען פֿאַראורטיילט צום טויט. זיין לעבנבלייבן איז געווען אַ נס.

דער ראָמאַן, וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר אַן עפּאָפּייע פֿון די לעצטע 30 יאָר לעבן אין אינדיע, האָט אין זיך אַ סך אויטאָביאָגראַפֿישעס. דער העלד איז אַ יונגער שריפֿטשטעלער; די אַקציע הויבט זיך אָן אין דער פֿאָרשטאָט לאַהאָרע, וווּ עס וווינען דער העלד און זיין שוועסטער, אַ סטודענטין, וואָס לערנט זיך קעגן דעם ווילן פֿון די עלטערן, וועלכע זענען פֿרום און טריי די אַלטע מנהגים, און זיי ווייטיקן איבער זייער טאָכטערס אַרויסגיין לתּרבות רעה און פֿאַרנעמען זיך מיט וועלטלעכער בילדונג. ברודער און שוועסטער באַמיען זיך צו באַזיגן די זומפּיקייט פֿון זייער בירגערלעכער סביבֿה. דער באַגריף בירגערלעך איז, פֿאַרשטייט זיך, אינגאַנצן אַן אַנדערער ווי ביי אונדז. אין אינדיע זעען מיר די געזעלשאַפֿט אַ צעטיילטע אין קאַסטעס. דער שרייבער דערציילט דאָ וועגן די הינדוסן, סיקן און מוסולמענער, וועגן דער דורותדיקער פֿאַרביסענער שׂנאה, וואָס הערשט צווישן זיי און ווערט אויסגענוצט דורך די ענגלענדער לויטן פּרינציפּ פֿון „טייל און הערש“.

די גאַנצע צייט טליעט די שׂנאה, ווי פֿאַרשיט מיט גרויען אַש פֿון טאָג־טעגלעכן קאַמף פֿאַר עקזיסטענץ. ווען עס קומט דאָס יאָר 1947, די ענגלענדער פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד און די ריזיקע טעריטאָריע ווערט צעטיילט אויף צוויי מלוכות, אינדיע און פּאַקיסטאַן, ברעכן אויס גרויזאַמע שלאַכטן, בלוט גיסט זיך אין די גאַסן. די קאַמפֿן קומען פֿאָר אין שטאָט און אין דאָרף: אין יענער שווערער צייט פֿאַלט אויס דאָס רייף ווערן פֿון די העלדן, און דער אויסוואַל, וואָס זיי דאַרפֿן מאַכן, ווערט ענדגילטיקער ווי מען קען וועגן דעם טראַכטן אין נאָרמאַלע צייטן. דער יונגער שריפֿטשטעלער גיט זיך אונטער דער נייער צייט, די געשאַפֿענע אומשטענדן, ווערט אַן אָפּאָרטוניסט און זיין לעבנס־וועג נעמען צייכענען קרבנות. עס ציט אים צו לייכט־דערראָבערטער קאַריערע, אין דינסט פֿון דעמאַגאָגן און האָכשטאַפּלער. די ליטעראַטור, וואָס איז אַמאָל געווען זיין אידעאַל, ווערט לגמרי פֿאַרגעסן.

אויף אַן אַנדערן וועג גייט זיין שוועסטער. זי וואַרפֿט זיך אַריין אין קאַמף פֿאַר אַ בעסער לעבן. נאָענטע מענטשן קערן זיך אָפּ פֿון איר, אויך דער מאַן וויל נישט ליידן איר מקריבֿ זיין זיך פֿאַר אַנדערע. ערשט דער צווייטער מאַן ווייזט איר אַרויס פֿאַרשטענדעניש און נעמט אויך אָנטייל אין איר גערּאַנגל.

ביידנס גורל ווערט געוויזן אויפֿן פֿאָן פֿון דעם לעבן אין יענע הייסע טעג פֿון נאַציאָנאַלן ווידערגעבורט, ווען אין דעם כאַאָס פֿון די געשעענישן ווערט געבוירן

די מלוכהשע זעלבשטשטענדיקייט. עס גייט פֿאַרביי אַ רייכע גאַלעריע געשטאַלטן פֿון איבערערדישער שיינקייט און הוילער מיאוסער נאַקעטקייט פֿון פֿוילנדיקן רויען פֿלייש, פֿון איבערמענטשלעכער קראַפֿט און אוממענטשלעכע פּיין, פֿון חיהשער אכזריות און טיף־מענטשלעכער גוטסקייט. דאָס בוך איז קאָנטראַסטן־רייך, ווי דאָס לעבן אין אינדיע, ווי די וועלט־געשיכטלעכע געשעענישן, וועלכע ער שילדערט. עס איז דערהויבנדיק און טראַגיש, עקסטאַז און פֿינצטערער יאוש.

דער דאָזיקער ליכט־און־שאָטן־שפּיל איז פֿאַרשפּרייט איבערן גאַנצן בוך. אָבער דער עיקר, וואָס מיר נעמען אַרויס, איז די דראַמע, וועלכע שפּילט זיך אָפּ אין דער נשמה פֿון דעם הויפּט־העלד, דעם שריפֿטשטעלער. די דראַמע איז אַ פֿילפֿלאַניקע און פֿילדימענסיקע, אָבער אויפֿן ערשטן פּלאַן איז עס די דראַמע פֿון אַ מענטש וואָס האָט אַלץ פֿאַרלוירן און לאָזט זיך באַהערשן פֿון אימפּולסן, וועלכע ווירקן אין אים אויטאָנאָם. ער, פּונקט ווי אַ ריי אַנדערע פֿיגורן, פֿילט די מאַכטלאָזיקייט, וואָס שטעקט אין אים גופֿא לגבי דער אייגענער פֿאַרדאַרבנקייט, לגבי דער קעמפֿנדיקער געזעלשאַפֿט, לגבי דעם גורל.

כאָטש דער ראָמאַן בינדט אָן מיט זיין סטיל אין די נאַראַטאָרישע טראַדיציעס פֿון דער עלטערער אייראָפּעאישער פּראָזע, זענען אָבער דאָרט פֿאַראַן אויפֿן אינדישן שטייגער רעליגיעז־פֿילאָזאָפֿישע פֿאַרטראַכטונגען, וועלכע האָבן אפֿשר פּאָעטישע צילן. דער געזונקענער גאַראַדאַ גלויבט נישט אין קיין מעג־לעכקייט פֿון רעטונג פֿאַר אים, חזרט איבער עטלעכע מאָל, אַז ער געפֿינט זיך אין גיהנום. נישט די שיכרות האָט אים אַהין געבראַכט און נישט דער פֿאַראַט פֿון זיין געליבטער. אין זיין זכרון האָבן זיך פֿאַרהאַלטן די בלוטיקע אכזריותן, וואָס ער האָט אַליין דורכגעפֿירט. זיינע מענטשן האָבן לעבעדיקערהייט פֿאַר־ברענט צענדליקער מאַכמעדאַנער און ער האָט זיך צוגעקוקט, האָט נישט געקענט, צי נישט געוואָלט עפּעס טאָן כדי זיי אָפּצוראַטעווען. מעגלעך, אַז ער האָט אַליין אַרויסגעגעבן דעם באַפֿעל. ענלעכע סיטואַציעס האָבן זיך איבער־געחזרט. ער האָט געזען ליגן אַ גוססדיקן הינדוס און איז געבליבן גלייכגילטיק, האָט אַפֿילו געפֿילט אין זיך אַ ווידערווילן אָפּצוגעבן זיך מיט אים און אים העלפֿן. דאָס איז געווען מאָראַלישע צעפֿאַלונג. ווען ער אַליין געפֿינט זיך שפּעטער אין אַן ענלעכער סיטואַציע, וויל ער נישט אָננעמען די הילף פֿון צוויי צופֿעליקע מענטשן. אים דאַכט זיך, אַז ער האָט זיך דערויף נישט פֿאַרדינט. און ער וואַרט דעריבער אויפֿן אורטייל פֿון גורל.

פֿון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט איז פֿאַראַן אַ סך פֿאַרצוואַרפֿן דעם ראָמאַן. ער איז מער פּובליציסטיש־קינסטלעריש, ווי קינסטלעריש־פּובליציסטיש. דער שרייבער איז נישט בכוח אַרויסצוברענגען די אינערלעכע וועלט פֿון זיינע העלדן. די מעטאַפֿאָרן, סימבאָלן און אַלעגאָריעס פֿעלט די טיפֿערע שטודיע פֿון די גורלדיקע צופֿאַלן, דער אויסגעבריימערטער זין, די רייכע סטרוקטור פֿון קאָנקרעטע באַדייטונגען. מיר האָבן אָבער דאָ אַ געטרייע באַשרייבונג פֿונעם לעבן אין אינדיע אויפֿן אָרגאַנישן פּאָן פֿון שטורמישע געשעענישן, וויאַזוי די פֿאַרשידענע שבטים האָבן איבערגעלעבט דעם באַפֿרייאונגס־קאַמף און דעם אָנהויב פֿון מלוכהשקייט, וויאַזוי עס האָט זיך געשטאַלטיקט דער געדאַנק פֿון

פֿאַרשריט און עס האָבן זיך אַנטפּלעקט די קראַפֿט־רעזערוואַרן פֿון יחידים און מאַסע. די עקספּרעסיע פֿון די דיאַלאָגן און מאָנאָלאָגן, קאָמפּליצירט דאָס באַנוצן זיך מיט בודאיסטישע טערמינען. די העלדן באַוועגן זיך לייכט פֿון איין סיטואַציע צו דער אַנדערער, אָן רייכן סוביעקטיוון באַגאַזש. נעמענדיק אין אַכט דעם אויטאָביאָגראַפֿישן עלעמענט וואַרפֿט עס אַ חשד, אַז דער שרייבער אַליין איז נישט איבערגעלאָדן מיט קיין שווערער סוביעקטיווער וועלט, ווייל אפֿילו די שווערסטער פֿון דעם הויפּט־העלד, אין וועלכער דער שרייבער פֿאַרקערפּערט אַ סך פֿון זיינע אייגענע איבערלעבונגען, נעמט אַלץ אַזוי גראַדליניק, ווונדערט זיך נישט איבער אירע אייגענע איבערגענג און איז אייגנטלעך אין תוך דער טיפּ פֿון אַ מאָראַליסטין. אינעם לעצטן טייל פֿון ראָמאַן דערנענטערן זיך די שוועסטער פֿונעם הויפּט־העלד און זיין אָפּגעגט ווייב. ביידע זענען קאָמוניסטינס און קעמפֿן קעגן דעם ברודער, וועלכער געפֿינט זיך אין אַנטי־קאָמוניסטישן לאַגער. אָפּט דערמאָנען זיי אין יענע מוטיקע בונטאַרן און וווּנדערלעכע מענטשן פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע, דער זעלבער שטורעם פֿון הייסן גלויבן. דעם מחבר איז געלונגען צונויפֿצוזאַמלען אַ סך מענטשלעכע שיינקייט און דערהויבנקייט, וואָס איז אָפּט איבערגעלאָדן און צעשטערעריש פֿאַר דער קאָמפּאָזיציע פֿונעם מאַטעריאַל. אָבער ביי דעם אַלעם שלאָגט די נאַיוויטעט און עס פּייניקט דער געדאַנק: וואָס וואָלט געשען מיט די מענטשן, ווען זייער אידעאַל ווערט פֿאַרווירקלעכט? ווען זיי וואָלטן דערלעבט די פֿאַרווירקלעכונג פֿון זייער גרויסן טרוים?

מאָראַלישע ווערטן

מיר לעבן אין אַ צייט פֿון טאָלעראַנץ און געדאַנקען־פֿרייהייט, פֿון זעלבסטבאַשטימונג פֿאַר פֿעלקער און סאָציאַלע רעפֿאָרמען, און דאָך קומען די הומאַניסטן פֿון דער וועלט און אַלאַרמירן, אַז עס דראָט אונטערגאַנג דער הומאַניסטיק, אַז אויך געלערנטע און וויסנשאַפֿטלער הערן זיך אויף צו אינטערעסירן מיט הומאַניסטישער וויסנשאַפֿט. נישטאָ קיין יראת הכבוד נישט פֿאַר די געזעצן פֿון עטיק און נישט פֿאַר דער אויטאָריטעט פֿון הומאַניסטישע פּערזענלעכקייטן. אַלץ דעראָבערט און פֿאַרנעמט די טעכניק. געשיכטע און סאָציאָלאָגיע לערנט מען שוין היינט מיט טערמינען און פֿאָרמולירונגען פֿון דער עקזאַקטער וויסנשאַפֿט. מאָראַלישע ווערטן ווערן אויפֿגעוויזן און פֿאָרמולירט לויט אַקסיאָמאַטישע פּרינציפּן ווי אין דער מאַטעמאַטיק.

היסטאָריקער, שרייבער און פּאָעטן קלאָגן אויף דער גרענעצלאָזער הפֿקרות, וואָס ווערט געכשרט מיט אַ פּרינציפּ, מיט אַ וועלט־אַנשויאונג. אויף אַלעם זענען פֿאַראַן פּאַרטיקע פֿאַכמענישע טערמינען. די שטרעבונגען צו סאָציאַלע דערגרייכונגען פֿעלט די גרויסע עקסטאַטישע וויזיע, עס ווערט אַלץ מער און מער אָפּגעטעמפּט די פֿעאיקייט צו געניסן פֿון שיינקייט און האַרמאָניע.

דער דאָזיקער געשריי הערט זיך פֿון די הומאַניסטן אין פֿאַרשידענע

אייראָפּעאישע לענדער, אָבער מער ווי אומעטום — אין אַמעריקע, ווו זיי ווייזן אָן, אַז דער בלענדנדיקער פּאַרשריט פון דער טעכניק און פּראַקטישע וויסנשאַפטן, די עלעקטראָנישע ראָבאָטן, וואָס פאַרטרעטן אַלץ מער דער מענטש, העלפן אים אָבער נישט דערגיין צו אַ העכערער מדרגה, הויבן נישט זיין מאָראַלישן ניווא, אַנטוויקלען נישט אין אים קיין גייסטיקע פעאיקייטן און נעמען לסוף צו פון אים די מאָראַלישע באַזע. עטיק און רוחניות ליגן אים אין דער לינקער פּאה.

די וויסנשאַפטלער און טעכנאָלאָגן זענען אָבער נישט גרייט אָנצונעמען די דאָזיקע מיינונג. אַזוי איז דער פיזיקער ג. רעמינס אַרויס אין קעגן־אָנגריף, אַרויסרופנדיק די טענה, אַז די הומאַניסטן ליידן פון אַ מינדערווערט־קייט־קאָמפּלעקס לגבי דעם וויסנשאַפטלער און טעכניקער־ספּעציאַליסט. עס דריקט אויף זיי די פאַרגאַנגענהייט און זיי לעבן אין אַ וועלט פון גייסטיקע ווערטן, וואָס זענען שוין היינט נישט אַטראַקציאָנעל. עס האָט זיך געשאַפן אַ ליידיקייט צווישן זייערע גרונט־באַגריפן און די גרונט־געזעצן פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט, וואָס גייט כסדר פאָרויס. אין בעסטן פאַל האַלטן זיי זיך ביים פאַרטעך פון שכל און ווילן נישט איינזען, אַז נאָר דורך אומאויפהערלעכע עקספּערימענטן קען מען בויען די מענטשלעכע געזעלשאַפט.

אין זייער דערשלאָגנקייט — האַלט ע. דאילין — זעען נישט די הומאַניסטן די גרויסע הילף, וואָס עס קען זיי געבן די וויסנשאַפט, ווען זיי זאָלן זי מאָביליזירן פאַר פאָרשן און לערנען געזעצן פון הומאַניסטיק. אָן די נייע וויסנשאַפטלעכע דערפאַרונגען ווערט די הומאַניסטיק אַ פּסעוודאָ־וויסנשאַפט, וואָס דערווייטערט זיי פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט. זיי פאַרוואַנדלען זיך אַליין אין אַמאַטאָרן מיט אינעווייניקסטע ווידערשפּרוכן, וואָס רופן אַרויס די וויזיעס פון פאַרצווייפלונג און שוידער.

זיי, די פאַרצווייפלטע הומאַניסטן, פאַרשליסן זיך אין די ד׳ אמות פון אינזיכיקן אינדיווידואַליזם, ווערן בלוט־אָרעם און קענען דערגיין צו ווערן אַ דעגראַדירנ־דיקער פאַקטאָר אין דער געזעלשאַפט. דאָס זעלבע קומט פאָר, לויט זיין מיינונג, אין אָפּגעשלאָסענעם קעניגרייך פון ליטעראַטור. שרייבער און פּאָעטן שפּילן זיך אין אכזריות, אין טיראַניע, ווערן וואַמפּיריש, רעאַגירן נעגאַטיוו אויפן אַרומיקן לעבן, נעגירן ווערטן, וואָס דערגרייכן זייער העכסטן אויסדרוק דווקא דערפאַר, ווייל זיי ווערן געטון דורכן מענטש, וואָס איז אַ שותף צו דער יצירה און זיין וויזיע שוועבט נישט אין דער ספערע פון מיסטישע טרוימען, נאָר איז אַ וויסנ־שאַפטלעך־באַשטעטיקטער וואָר.

דאילין קומט צום אויספיר, אַז די הומאַניסטן, שרייבער און דיכטער דאַרפן נענטער דערקענען די אמתן פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט, ווייל נאָר דער וויסנשאַפטלעכער צוגאַנג און וויסן, וואָס איז באַזירט אויף אָבסערוואַציע און דערפאַרונג, ווייזן אָן די ריכטיקע וועגן צום רעאַליזירן די אַבסאָלוטע מאָראַלישע געבאָטן ; נאָר די וויסנשאַפט דאַרף זיין דער קאָמפּאַס פאַר אונדזער אויפפירונג און מידות טובות, פאַר אונדזער באַגרייפן און געניסן אמתע שיינקייט. דער קענ־צייכן פון דער וויסנשאַפט איז דער דראַנג צו דערקענען דעם אמת און דאָס איז דאָך דער מקור פון יעדער קולטור. דערפאַר, האַלט ער, דאַרפן די שרייבער און

דיכטער, אַנשטאָט קלאָגן אויף דער שטייגנדיקער מאַכט פון דער וויסנשאַפט, אַנשליסן זיך אין איר, פירן דיאַלאָגן און לערנען די נייע וויסנשאַפטלעכע דער־פאַרונגען, ריכטן זיך אין זייער שאַפן מיט די וויסנשאַפטלעכע קריטעריעס פון אמת.

צי קען ווירקלעך זיין אַ רייד וועגן אַ נוצלעכן דיאַלאָג צווישן וויסנשאַפטלער, טעכנאָלאָג און שרייבער, אפילו צווישן סאָציאָלאָג צי גאָר פסיכיאַטאָר און דיכטער? אָדער דאַרף מען טאַקע שטעלן אונטער אַ פראַגע־צייכן דעם כוח פון דער ליטעראַטור אין אַנבליק פונעם מעכטיקן שטייגן פון דער וויסנשאַפט?

קלאָר, אַז יעדער פרווו צו שטעלן די וויסנשאַפט אַלס איינציקן קאָמפּאַס פאַר די מאָראַלישע ווערטן איז אַן אַבסורד. דער דראַנג צו דערקענען דעם אמת, וואָס כאַראַקטעריזירט די וויסנשאַפט, דאַרף נאָך נישט דערפירן צום אויספיר, אַז די מאָראַלישע ווערטן קומען פון דער וויסנשאַפטלעכער דערקענטעניש. דער ווילן צו אידענטיפיצירן דעם אמת איז נישט קיין עטישער אימפּעראַטיוו. דער ווילן קען אויך פירן צום פינצטערסטן באַרבאַריזם. אויך די היטלעריסטישע וויסנשאַפט האָט געהאַט איר אמת, אַז דער ציקלאָן־גאַז פאַרשנעלערט און פאַרגרינגערט דעם טויט פון מיליאָנען יידן. אויך די אַטאָם־ענערגיע האָט איר אמת פון טאָטאַלער פאַרניכטונג. עס איז נישט גענוג צו וויסן וואָס עס איז אמת און וואָס פאַלש. מיר מוזן האָבן די זיכערקייט אין דעם. ווו אָבער קענען מיר געפינען אַזאַ וויסן, וואָס זאָל אונדז קענען איבערצייגן אין דער ריכטיקייט פון אונדזער וויסן?

אינטערעסאַנט, אַז דווקא דער יונגער דייטשער נאָוועליסט, ראָבערט גערנער שטעלט זיך אַקעגן דער קאָמפּעטענץ פון דער וויסנשאַפט אין לערנען מאָראַלישע ווערטן. די אמתן פון דער וויסנשאַפט ווערן אָפּגעפרעגט דורך דער צייט. יונגע וויסנשאַפטלער צעשטערן די אמתן פון זייערע גרויסע לערער. דאַקעגן זענען פאַראַן אייביקע הומאַניסטישע אמתן, איבער וועלכע דער אורטייל פון דער וויסנשאַפט האָט נישט קיין שליטה. דער אונטערשיד צווישן דער ליטעראַטור און דער וויסנשאַפט איז אין דעם, וואָס די וויסנשאַפט אַליין נויטיקט זיך אין פּאַקטישער באַשטעטיקונג. נייע פאַקטן פרעגן אָפּ און נעגירן אַלטע פּאַראַלגע־מיינערונגען. דאַקעגן ווערט סאָפאָקלעס נישט אָפּגעפרעגט דורך שעקספּירן. נייע קלאַסיקער זענען נישט מבטל די פריערדיקע. עכטע ליטעראַטור איז שטענדיק אמתדיק. אויף גרויסע ליטעראַטורן קען מען קיינמאָל נישט זאָגן, אַז זיי זענען געוואָרן טעותדיק. דאַקעגן קען מען עס יאָ זאָגן וועגן גאָר אַ סך וויסנשאַפטלעכע אמתן, אַפילו אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט אַ השפעה אויף דער ליטעראַטור. די דערציילונגען, לידער און דראַמעס, וואָס זענען צוגעשניטן געוואָרן לויטן מאַרק־סיסטישן מעטאָד, האָבן שטאַרק געליטן אין זייער קינסטלערישן ווערט, זענען געוואָרן פאַלש.

דאָס הייסט אָבער נישט, אַז די היינטצייטיקע ליטעראַטור דאַרף נישט רעאַגירן אויף דער אַנטוויקלונג פון דער וויסנשאַפט. מען דאַרף אָבער אָפּזונדערן די וויסנשאַפט פון דער טעכנאָלאָגיע. די טעכנאָלאָגיע האָט געענדערט דעם טעמפּאָ און סטיל פון אונדזער לעבן און האָט דווקא געפונען איר אָפּשפּיגלונג, נעגאַטיווע

און פאָזיטיווע אין דער ליטעראַטור. דאָקעגן ווייזט די ליטעראַטור נישט אַרויס קיין פּילבאַרקייט לגבי דער וויסנשאַפט, לגבי נייע וויסנשאַפטלעכע אידעען און באַגריפן. די ליטעראַטור דערנענטערט זיך צו זיי ערשט ווען זיי ווערן פּאָפּולער, אַ טייל פון לעבנס־שטייגער. די באַלדיקע און אוממיטלבאַרע פאַרבינדונג צווישן דער ליטעראַטור און דער וויסנשאַפט איז אַ גײַסטיקע, און פונדאַנען נעמט זיך די קעגנזײַטיקע שנאה און פאַראַכטונג. די וויסנשאַפט העלפט דערקענען די פאַר־בינדונג צווישן מענטש און נאַטור, צווישן מענטש און מענטש, ברייטערט אויס דאָס וויסן און האָט אַ השפּעה אויף אונדזער לעבן, אויף דער הערארכיע אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, אויף דעם פּערזענלעכן צוגאַנג און באַנעמען די וועלט. דער שרייבער רעאַגירט אויף דעם אַלעם און די רעאַקציע איז אָפּהענגיק פון זײַן באַנעם, וואָס איז באַאײַנפלוסט פון די שטימונגען אין זײַן סביבה. די טעטיקייט פון דער וויסנשאַפט איז דורכאויס אַ גײַסטיקע און ביי אַן ענגער צוזאַמענאַרבעט קאָנען זיי אַ סך אויפטון פאַרן רעדוצירן די נעגאַטיווע זײַטן פון טעכנאָלאָגישן פאַרשריט.

אויב אַפילו מיר גייען אַרויס פון דער הנחה, אַז די וויסנשאַפט איז נישט דער מקור פון מאָראַלישע ווערטן, קען זי אָבער דינען דער מאָראַל דערמיט, וואָס זי העלפט קלאָר מאַכן דעם מקור אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. די שרייבערישע וויזיע גיט אונדז, אמת, אַן אָביעקטיווע וויזיע פון דער רעאַליטעט, אָבער איר גילטיקייט וועט דאָך נישט זײַן קיין אוניווערסאַלע אויב זי וועט נעגירן דעם כוח פון דער וויסנשאַפט.

געשיכטע פון חדרים און ישיבות

עס זענען פאַראַן אינסטיטוציעס, וואָס באַגלייטן דאָס יידישע פאָלק אין משך פון טויזנטער יאָרן אויף אַלע זײַנע וואַנדער־וועגן. אין די צייטן פון משה רבינו איז עס געווען דער משכן, וואָס האָט באַגלייט די יידן אויף אַלע זייערע וואַנדערונגען אין מדבר און אין די כסדרדיקע מלחמות ביים דעראָבערן דאָס לאַנד. דער משכן איז געווען צוטריטלעך פאַרן גאַנצן פאָלק. בלויז אַ ווינקל אין אים איז געווען פאַרשלייערט אין סודות, געווען באַהאַנגען מיט נײַן־אייליקע פּרוכתן פון תכלת־וואָל געפאַרבט מיטן בלוט פון חלזון־פיש, וואָס קומט אַרויס פון די וואַסער־טיפעניש איינמאָל אויף זיבעציק יאָר און שטייגט אַרויף אין די בערג אין די טעג פון פלייץ־רעגנס און זײַן בלוט האָט די קאָליר פון פּורפּור, גרין, געמישט מיט ווייס, רויט און שוואַרץ.

אויך דאָס „חדר" איז אַזאַ אור־אַלטע אינסטיטוציע, וועלכע איז געוואָרן צוגעפּאַסט צו די לעבנס־באַדינגונגען פון אַ גלות־פאָלק, וואָס וויל זיך נישט אָפּזאָגן פון זײַן קולטור, אין וועלכער דאָס לערנען איז דער פונדאַמענט פון זײַן קיום. דער אָנהויב פון „חדר" ציט זיך פון די צייטן פון די סופרים און תנאים ביז די לעצטע דורות אין די תפוצות, האָט געהאַט זײַנע אייגענע לערן־מעטאָדן,

זייער אייגענע פעדאַגאָגישע סיסטעמען. שוין דער עצם געבאָט „ולמדתם את בניכם" איז נישטאָ ביי קיין שום פאָלק. די איינפאַכע לערן־סטרוקטור האָט דערמעגלעכט יעדע יידישע עדה צו דערהאַלטן די דאָזיקע דערציאונגס־אינסטי־טוציע. ווו זיי האָבן נישט אַוועקגעוואַנדערט האָט זיי באַגלייט דאָס חדר. די פּשטות פון דער לערן־סטרוקטור האָט דערמעגלעכט אויך די אריכת־ימים פונעם חדר, אָבער דאָך זענען געווען תקופות, ווען דאָס חדר איז אַרומגעוועבט געוואָרן מיט סימבאָלן און לעגענדעס, מיט מיסטעריעזע דינים, ווי אַ שטייגער דאָס אָנהויבן לערנען נאָר אום שבועות, אינעם טאָג פון מתן־תורה און דאָס יינגל האָט אין יענעם טאָג געדאַרפט אַרומגיין מיט פאַרדעקטע אויגן. אין דעם טאָג, ווען מען האָט אים מחנך געווען צו די הייליקע אותיות, האָט דאָס קינד נישט געטאָרט זען קיין קאַץ און נישט קיין הונט, קיין שאָף און רינדער, קיין שום חיה און אויך נישט קיין פרעמדן מענטש אויף דער גאַס. ביים מלמד אין שטוב האָט מען אים אַראָפּגענומען דעם שלייער פון די אויגן און זיין בליק האָט די גאַנצע צייט געדאַרפט זיין קאָנצענטרירט נאָר אויפן אלף־בית טאָוול.

אין מיטלאַלטער זענען געווען קריסטלעכע פעלקער, וואָס האָבן איינגעפירט ביי זיך דעם לערן־סיסטעם פונעם חדר, אָבער עס איז גיך אונטערגעגאַנגען. די דעגענערירטע גלחים האָבן נישט אויסגעהאַלטן דעם שווערן עול פון דערציען קינדער פונעם פריסטן עלטער.

די געשיכטע פון די יידישע מלמדים איז זייער אַ לאַנגע. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן מיט די סופרים אין דער תקופה פון בית שני. זייער טראַדיציע האָבן איבערגענומען די תנאים, וועלכע זענען געווען נישט בלויז ראשי־ישיבות, נאָר אויך מלמדי־תינוקות, דרדקי־מלמדים. אַזעלכע זענען אויך געווען די אמוראים און די גאונים. כדי צו פאַרגרינגערן די קינדער דאָס לערנען האָבן זיי געשאַפן דעם ניקוד. נאָך די גאונים זענען אַנטשטאַנען די „קראים", „נקדנים" און „בעלי־פּתרונות", וועלכע האָבן געשאַפן דעם אָנהויב פון דקדוק. דער מלמד האָט אין יענע צייטן פאַרנומען דעם אויבן־אָן צווישן די „כלי־קודש". אַ מלמד אין דער משפחה איז געווען דער גרעסטער יחוס. צו אים איז מען געקומען פרעגן שאלות און עצות, גענומען אַלס בורר אין דיני ממונות און ביי אַלערליי סכסוכים.

לאַנגע דורות איז דער מלמד געווען די גרויסע פערזענלעכקייט, וואָס האָט געהאַט אויך אַ סך לעבנס־דערפאַרונג, איז געווען באַהאַוונט אין אַלע אָפּשניטן פון געזעלשאַפטלעכן אוןווירטשאַפטלעכן לעבן. די עלטערן, וואָס האָבן אים אָנגעטרויט זייערע קינדער, האָבן אָפט אָפּגערעדט זיך פאַר אים זייערע הערצער, דערציילט די אינטימסטע סודות פון זייער משפחה־לעבן. אין יעדער גרעסערער פּייערונג האָט דער מלמד אָנטיילגענומען מיט אַ דרשה, געזאָגט אַ פּלפּול, אָדער דערציילט אַ משל, אָן אגדתא.

דאָס רייכע וויסן פונעם מלמד האָט אַמאָל אַרומגענומען אויך די חכמת הרפואה. ער האָט געדאַרפט זאָרגן אויך פאַרן געזונט פון זיין תלמיד און זייענדיק אַ גרויסע אויטאָריטעט האָט מען זיך צו אים געוואָנדן נאָך סגולות און קמיעות, נאָך אָפּשפּרעכן אָן „עין־הרע".

עס איז נישט געווען קיין יידישער ישוב אָן אַ מלמד. אפילו דאָרפס־יידן

האָבן געדונגען פּריוואַטע מלמדים פֿאַר זייערע קינדער. די „חדרים" האָבן עקזיסטירט אויך אין די פֿינצטערסטע צייטן, אין די געטאָס. אין די טעג פֿון שווידערלעכן פּחד האָבן די קינדער זיך געטוליעט צו זייער מלמד און ער האָט זיי געטרייסט מיט די ווערטער: „ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט". די קינדער האָבן נאָכגעזאָגט די דאָזיקע ווערטער מיט אַ ניגון, מיט התלהבות און דער פּחד איז פֿאַרשוווּנדן.

עס איז נישט דאָ דער פּלאַץ זיך אַרייַנצולאָזן אין דער געשיכטע פֿון חדר. עס טוט דאָס אויך נישט דאָס ניי־דערשינענע ספֿר, וואָס טראָגט דעם פּרע־טענזיאָנעלן נאָמען „תּולדות החינוך התּורתי", אָבער אומזיסט וועט איר דאָרט זוכן דעם אָנהויב, די אַנטשטייאונג פֿונעם חדר. אַן אָנדייטונג איז בלויז דער רמב"ם, אין זיין „יד החזקה", וואָס לייגט אַרויף אויף יעדן פֿאָטער צו לערנען זיין זון „שמע ישראל" און „תּורה צוה לנו משה" גלייך ווי דאָס קינד הויבט אָן רעדן און באַלד דערויף פֿירן אים צו אַ מלמד תּינוקות.

דאַקעגן געפֿינען מיר אַן אוצר פֿון ידיעות וועגן חדר אין דער תּקופֿה פֿון פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה ביז דער היינטיקער צייט; אין פּוילן און אין רוסלאַנד, אין אונגאַרן, רומעניע, פֿראַנקרייך, עסטרייך, בעלגיע, האָלאַנד, ענגלאַנד, איטאַליע און די סקאַנדינאַווישע לענדער. באַזונדערע קאַפּיטלען זענען געווידמעט דעם חדר, ווי בכלל דעם יידישן דערציאונגס־סיסטעם אין די לענדער פֿון מיטללענדישן ים, אין סיריע, איראַק, מצרים, תּימן, פּערסיע, אַפֿגאַניסטאַן, טערקיי, גריכנלאַנד, בולגאַריע און סערביע.

מיר דערוויסן זיך דאָ וועגן די לערן־סיסטעמען אין די חדרים, מדרשים און ישיבֿות אין טוניס, זשערבאַ, אַלזשיר און מאַראָקאָ. אין דער פּאָרט־שטאָט טאַנזשיר זענען פֿאַראַן ביים היינטיקן טאָג פֿיר ישיבֿות פֿון פֿאַרשידענעם טיפּ. אַ יידישער אינזשיניער פֿון בני־ברק, שמואל טאָלידאַנאָ, וואָס איז געווען ווייט פֿון יידישקייט, איז אונטער דער השפּעה פֿון יידישן פּראָפֿעסאָר פֿאַר מאַטעמאַטיק, באַנטאַלילאַ פֿון ליסאַבאָן געוואָרן אַ בעל־תּשובֿה, איז אַוועק קיין טאַנזשיר און דאָרט געשאַפֿן אַ גאַנצע באַוועגונג פֿון בעלי־תּשובֿה. ער האָט פֿאַרקויפֿט זיין גאַנץ פֿאַרמעגן און אויפֿגעשטעלט אַ גרויסן בנין פֿאַר דער ישיבֿה „עץ חיים", האָט אַראָפּגעבראַכט פֿון סאָנדערלאַנד דעם ראש ישיבֿה פֿון „נצח ישראל", הרב יהושע וואַלדנער און ער איז געוואָרן דער ראש־ישיבֿה פֿון „עץ חיים" אין טאַנזשיר. גלייכצייטיק האָט ער אויך אויפֿגעשטעלט אַן אָרטאָדאָקסישע גרונט־שול און אַ גימנאַזיע, וווּ מען לערנט אויך תּנ"ך און תּלמוד, אַ בית־יעקבֿ־סעמינאַר פֿאַר מיידלעך און ער אַנגאַזשירט די בעסטע פּעדאַגאָגישע כּוחות צווישן די אַבסאָלווענטן פֿון די ישיבֿות אין ענגלאַנד, פֿון לערערינס־סעמינאַר אין געטסהאַד. לויט זיין איניציאַטיוו זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן קאַנדידאַטן אויף מלמדים, אויף לערער און לערערינס קיין ענגלאַנד און אַמעריקע שטודירן אין בעסטע ישיבֿות און סעמינאַרן מיטן ציל, זיי זאָלן שפּעטער לערנען מיט די יידישע קינדער אין טאַנזשיר.

חוץ דעם לערנען הונדערטער און טויזנטער אין די חדרים און ישיבֿות פֿון „אוצר התּורה" און פֿון די חב"דניקעס. נישט געקוקט דערויף, וואָס זיבעציק

פראַצענט פון די מאַראָקאַנער יידן האָבן שוין עולה־געווען קיין ישראל, זענען נאָך דאָרט פאַראַן ביים היינטיקן טאָג פופצן ליובאַוויטשער שולן, וואָס זענען גלייכצייטיק חדרים, אין וועלכע עס לערנען דריי טויזנט תלמידים. אין די 25 שולן פון „אוצר התורה" לערנען פינף טויזנט תלמידים. די גימנאַזיעס און סעמינאַרן זענען גלייכצייטיק ישיבות, אין וועלכע ש"ס און פוסקים פאַרנעמען אַ חשוב אָרט.

פאַרביסענע קאַמפן פאַר די חדרים און ישיבות האָבן געפירט די רעליגיעזע יידן אין טערקיי. דער קאַמף איז אַמאָל געווען געוואָנדן אויך קעגן חכם־באשי, הר"ב אביגדור, ווייל זיי האָבן געהאַלטן, אַז ער שטייט נישט אויף דער הייך פון זיין אויפגאַבע. אָבער די רבנים־סעמינאַרן און שטודיעס פאַר חכמת ישראל, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין פאַרשידענע שטעט אין טערקיי און אין גריכנלאַנד, זענען געווען ווייט פונעם טיפּ חדר, ישיבה און מתיבתא אין די מזרח־אייראָפּע־אישע לענדער און האָבן דערפאַר נישט געקענט קעגנווירקן דעם אַסימילאַציע־שטראָם, וואָס האָט אָפּגעריסן שטיקער פון דער יידישער באַפעלקערונג. עס האָבן געפעלט די גייסטיקע מנהיגים, וואָס זאָלן דערפילן די געפאַר און אויסטראָגן די אחריות פאַר זייערע קהילות.

אַ באַזונדער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון חדרים און ישיבות איז דאָס יידישע לעבן אין ביידע אַמעריקעס, אויסטראַליע און דרום־אַפריקע. וואָס נענטער מיר באַקענען זיך מיט איר, אַלץ געדיכטער ווערט זי, אַלץ פאַרבאָרגענער דער אינהאַלט און אַלץ גרעסער דער ליידיקער חלל. אומעטום לעבט דער באַגריף „חדר" און „ישיבה", אָבער עס פעלט דאָרט די ספּעציפישע אַטמאָספער, די התלהבות, דער אַלט־יידישער געדאַנק. נישט אין סיסטעמען, נישט אין שיטות איז דער יידישער געדאַנק. ער איז קיינמאָל נישט קיין קריסטאַליזירטער, קיין פאַרטיקער. ער איז צעזייט און צעשפרייט, פראַגמענטאַריש, רמז, תמיד אַן אָנהויב אָדער אַ המשך, קיינמאָל נישט קיין סוף, און ווילן מיר קענען דעם יידישן געדאַנק, מוזן מיר גיין צום מקור, צום שורש, געווינען די ריכטיקע פּערספּעקטיוו פאַרן אַלטן גייסטיקן לעבן פון יידישן פאָלק.

די שיינקייט און די קראַפט פון דער יידישער מחשבה איז תמיד געווען דאָס נישט־דערזאָגן, דאָס נישט ביז־צום־סוף דענקען. עס איז אַ דענקען פון אייביקער שפּאַנונג, פון אינטענסיוויטעט, פון רמזים.

ביי אַלע בלויזן איז דאָס ספר „תולדות החינוך התורתי" פון אהרן סורסקי אַ ריזן־אַרבעט. דער מחבר האָט אויף זיך גענומען אַ שווערע אַרבעט. דער מעטאָד איז נישט קיין מאָדערן־וויסנשאַפטלעכער. ער קלייבט בלויז צונויף די מאַטעריאַלן פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט און פון דער קעגנוואַרט, שטעלט זיי צונויף, דערקלערט אָבער נישט זייער היסטאָרישן הינטערגרונט.

מען וואָלט געקענט אָנפילן גאַנצע זייטן מיט ציטאַטן, מיט וווּנדערלעכע עפּיזאָדן, וואָס ווערן דאָ געבראַכט, אָבער עס האָט נישט קיין זין, ווייל עס איז פּשוט אוממעגלעך אַזויפיל צו ציטירן. דערצו איז די שיינקייט פון די דאָזיקע אַלע פאַקטן אין דעם, וואָס זיי זענען קאָנצענטרירט אין אַ בוך און נאָר ביים לייענען דאָס בוך אינגאַנצן קאָן מען זיך דערגראָבן צו זייער טיפקייט.

מענטש, ייִד און יהדות

לויט מאַרטין בובער איז דער מענטש נישט נאָר דער צענטער פֿון דער וועלט נאָר אין מענטשן גופא איז פֿאַראַן אַזאַ צענטער און דער צענטער איז דאָס אינטים־הייליקע ווינקעלע אינעם מענטש, וואָס ווערט ווי פֿאַרשאָטנט פֿון מענטשס אייגענע אינטערעסן, ווי פֿון דער געזעלשאַפֿט. דער מענטש איז ס׳רוב איזאָלירט און פֿרעמד זיך אַליין און נאָכמער איזאָלירט און פֿרעמד איז ער צום צווייטן. דער היינטיקער מענטש געפֿינט זיך פֿאַר דער דילעמע: אָדער ער זאָל זיך פֿאַרשליסן אין אַן ענגהאַרציקן איזאָלירטן אינדיווידואַליזם, וואָס דערנערט זיך בלויז פֿון זיינע אייגענע פּריוואַטע אינטערעסן אָדער לאָזן זיך פֿאַרשלינגען פֿונעם קאָלעקטיוויזם, וואָס זעט נישט דעם מענטש נאָר די געזעלשאַפֿט.

ביידע לעבנס־אויפֿפֿאַסונגען, סיי דער מאָדערנער אינדיווידואַליזם, סיי דער מאָדערנער קאָלעקטיוויזם, זענען אין תוך אַ פּועל־יוצא דערפֿון, וואָס דער היינטיקער מענטש פֿילט זיך גלייך ווי ער וואָלט נישט געהאַט קיין היים, ווי אַן איבעריקער, וואָס קיינער דאַרף אים נישט. דערפֿון נעמט זיך זיין קאָסמישע און וויטאַלע בענקשאַפֿט נאָך דערלייזונג. דערפֿון זיין טאָפּלט אַנטלויפֿן פֿון זיך, אינעם אינדיווידואַליזם גלאָריפֿיצירט דער מענטש זיין איזאָלאַציע און מאַכט שלום מיט דער רעאַליטעט, אין וועלכער ער וויל געפֿונען רו און זיכערקייט. אינעם קאָלעקטיוויזם אַנטלויפֿט ער פֿון זיין איזאָלירונג און פֿאַלט אַריין אין די געשלאָסענע ראַמען פֿון אַ גרופּע אָדער קרייז. דאָרט פֿילט ער זיך פֿריי פֿון זיין סאָציאַלער און קאָסמישער בענקשאַפֿט, פֿון זיין אחריות צו זיך. ער גיט זיך איבער דער אחריות און חשיבות פֿון דער גרופּע.

דעם מענטשנס באַרוף איז אָבער זיך צו פֿאַראייניקן, באַהעפֿטן און דערקענען דעם אַנדערן. דער קאָלעקטיוויזם, וואָס שאַפֿט אַזאַ אילוזיע, אונטערדריקט פּאַקטיש די פֿאַראייניקונג און דערקענונג פֿון מענטש צו מענטש, ווייל דער מענטש געפֿינט זיך נישט אין דער גרופּע ווי אַ יחיד קעגן אַ יחיד, נאָר ווי אַ יחיד קעגן אַ ציבור, אין וועלכן זיין הייליקע אינטימיטעט מוז זיך אויפֿלייזן און דאָס ברענגט אים ווידער צו אַ נייער איזאָלירונג.

דער מענטש קען אַרויס פֿון אָט די צוויי נעצן בלויז דעמאָלט ווען ער וועט זיך באַשליסן איינצושטעלן אַ מין נישט־גערעדטן דיאַלאָג מיט זיין מיט־מענטש, איינהערן זיך אין דער שטילקייט פֿונעם אַנדערן מענטש. דאָס עכטע און טיף־מענטשלעכע געפֿינט זיך אינעם שטח, וואָס ליגט צווישן מענטש און מענטש.

דעריבער לערנט בובער, איז פֿון אָנהויב נישט געווען דאָס וואָרט און נישט די טאַט, נאָר די קעגנזייטיקע צווישן־באַציאונג פֿון איך צו דו. אַזוי איז עס ביים פּרימיטיוון מענטש ווי ביים קינד, ביי וועלכן מיר האָבן נאָך אַ בעסערן ביישפּיל פֿון דעם וואָס מען קען אָנרופֿן דער אינסטינקט צו מאַכן פֿון יעדער זאַך אַ דו. „די קליינע געשרייען פֿונעם קינד — שרייבט בובער — הילכן־אָפּ אין

דער ליידיקייט אַן שום באַדייט, אָבער אַט די געשרייען וועלן אַמאָל ווערן אַ דיאַלאָג. מיט וועמען? אפשר מיטן טשייניק, וואָס קאָכט ביי אַ קליין פייערל. דאָס וועט אָבער שוין זיין אַ דיאַלאָג..."

מאַרטין בובערס טעאָריע וועגן מענטש קען אָפּגעוואָרפן ווערן מיט איין וואָרט. דאָס וואָרט איז מיסטיק און מיט מיסטיק, ווי באַקאַנט, דיסקוטירט מען נישט. מען איז אָבער נישט גערעכט צו בובערן און נישט צום אמת ווען מ'וויל בובערס דיאַלאָג צווישן איך און דו פאַרשרייען פאַר אַ מיסטישן. יעדער איינער קען ביי זיך געפינען אַזעלכע מאָמענטן, ווען ער האָט געפירט אַזאַ שטומען דיאַלאָג מיט אַ דו און נישט איינמאָל באַטראַכט ער עס פאַר די גליקלעכסטע מאָמענטן אין זיין לעבן. פאַרוואָס נישט באַטראַכטן, אַז דאָס איז עכטע אין מענטש? איז דען אַ באַגעגעניש פון בליקן נישט אַזאַ דיאַלאָג? איז דען ביי אונדז נישטאָ אַזאַ איינגעבוירענע בענקשאַפט צום דו?

אַוודאי קען מען זאָגן, אַז דאָס געהערט נישט צו דער פילאָזאָפיע נאָר צו דער דיכטונג. פאַרוואָס אָבער טאָר נישט די פילאָזאָפיע דעפינירן דאָס דיכטע־רישע אינעם לעבן? אַוודאי קען מען דערפון קיין עקזאַקטע וויסנשאַפט נישט מאַכן, ווייל דאָס לעצטע אינטימע געפיל קען מען נישט שאַצן נישט אין קיין צאָל און נישט אין קיין מאָס.

די היינטיקע פילאָזאָפישע אַנטראָפּאָלאָגיע איז באַהערשט פון מאַקס שעלערס אידעע, אַז דער אויפקום פון מענטש אינעם קאָסמאָס הייבט זיך אָן אַדאַנק דעם מענטשס פעאיקייט צו אָביעקטיוויזירן. דאָס גיט דעם מענטש די מעגלעכ־קייט ער זאָל, דורכן גייסט, קענען זאָגן „ניין" אויף די וויטאַלע אימפּולסן און זאָל זיי אונטערדריקן. ווי מיר זעען, איז עס פונקט להיפּך פון דעם וואָס בובער לערנט: „דאָס אויטענטיש־מענטשישע קען זיך נישט אָנהייבן פון אונטערדריקן און סובלימירן די אימפּולסן. אַזאַ אונטערדריקונג און סובלימאַציע איז טיפּיש בלויז פאַר דעם היינטיקן מענטש, וואָס איז אין פרוידס זינען פּאַטאַלאָגיש קראַנק". דאָס מענטשלעכע הייבט זיך אָן מיטן שטומען דיאַלאָג, פון וואָס עס איז אויפגעקומען די מענטשלעכע שפּראַך, ווי אַ דראַנג צו פאַרבינדן זיך מיטן אַנדערן.

מאַרטין בובערן האָט מען אָנגערופן דער מאָדערנער נביא פון הייליקייט. אַרטור קאהן פאַרגלייכט אים מיט ישעיהו הנביא און נעמט פאַר אַ מאָטאָ צו זיין בוך איבער בובערן דעם פּסוק פון ישעיהו: „ שרפים עומדים... וקרא זה אל זה ואמר קדוש, קדוש, קדוש..." עס גייט אין דעם, וואָס אין זיין וועלט־פאַרנעם געפינט זיך דער באַגריף פון קדושה.

לויט מאַרטין בובער איז יהדות קודם כל די פאַרקערפּערונג פון רעליגיעזע ווערטן. ער האָט זיך אָבער קעגנגעשטעלט די פאָרמען און געזעצן. ער האָט געהאַלטן, אַז זיי דערשטיקן די אוממיטלבאַרע פאַרבינדונג מיטן אַבסאָלוטן. אין דער גאַנצער געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק האָט בובער געזען דעם קאַמף צווישן אָפיציעלן יהדות, באַזירט אויף געזעצן וואָס גייען איבער פון דור צו דור און צווישן גייסטיקער יידישקייט, וואָס האָט געווירקט כמעט אין אונטער־ערד. דערפאַר האָט ער געהאַלטן, אַז דער מענטש, אין זיין באַציאונג צום

צווייטן און אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, דאַרף רעאַליזירן דעם געטלעכן אמת.

ווי אַזוי קען מען זיך עס פאָרשטעלן, אַז אַ גאַנץ פאָלק זאָל רעאַליזירן אין דאָזיקן גייסט די מאָראַלישע פאָדערונגען? אין איינקלאַנג מיטן גייסט פון דער תקופה, וואָס האָט אויפגעהויבן די איראַציאָנאַלע כוחות, האָט בובער אונטער־געשטראָכן די אָפּגעריסנקייט פון שכל, וואָס איזאָלירט דעם מענטש פון דער שלימות אין נאַטירלעכן לעבן און דערפאַר דאַרף דער מענטש נישט אָננעמען דרויסנדיקע מצוות, נאָר דאַרף זיך צוהערן צו דער אינערלעכער שטים, וואָס עס איז פאַראַן אין יעדן מענטש.

ווי אַזוי אָבער וויסן מיר, אַז די דאָזיקע אינערלעכע שטים קומט פון גאָט און נישט פון טייוול? ווער וועט אונדז גאַראַנטירן, אַז דער מענטש וועט זיך נישט לאָזן באַהערשן פון די אומריינע כוחות, וואָס ווירקן אין אים? בובערס ענטפער אויף די דאָזיקע פראַגן איז זייער אַ שוואַכער. ער האָט זיך גענומען צו הילף די נביאים און דאָס חסידות. דער תנ״ך איז פאַר אים אַן אויסדרוק פון צונויפרעדן זיך צווישן פאָלק און זיין גאָט, אָבער גלייכצייטיק דריקט עס אויך אויס דעם שטענדיקן קאַמף צווישן פאָלק מיט זיין באַשטימונג. דער תנ״ך איז פאַר בובערן געווען דער „אור־יסוד״ פאַרן רענעסאַנס פונעם פאָלק און פאַרן געשטאַלטיקן דעם יידישן הומאַניזם. דאָ איז ער געבליבן שטיין און האָט לגמרי איגנאָרירט די הלכה און הגדה. ערשט אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער זיך גענומען באַציען פּאָזיטיווער צו די פרושים. ער האָט געהאַלטן, אַז זיי האָבן געשטרעבט צו דערפירן דאָס פאָלק זאָל ממשיך זיין דעם דיאַלאָג מיט גאָט.

ס׳איז פאַראַן אַ מיינונג, אַז ווען מען שאַצט בובערס בייטראַג דאַרף מען באַטאָנען דעם סאָציאַלן מאָמענט און נישט דעם טעאָלאָגישן. די מיינונג ווערט באַרירט דורך פּראָפעסאָר בערגמאַן ווען ער דערמאָנט דאָס נייע פונעם בעל שם. די „רעאַליסטישע און אַקטיוויסטישע מיסטיק״, וואָס בובער האָט פאַר־שפרייט פאַר דער אַלגעמיינער וועלט. דער סאָציאַלער מאָמענט אין זיין רע־ליגיעזער פילאָזאָפיע איז זיכער אַ געזונטער; עס איז דער יידישער רעליגיעזער באַגריף און פאַרדינט אָנערקענונג. זיין אויסגאַנגס־פונקט אָבער אין דער „איך און דו״־טעאָלאָגיע איז אַ מיסטישער און נישט קיין סאָציאַל־הומאַניסטישער. דער אונטערשייד איז אַ פונדאַמענטאַלער.

פון דאָזיקן שטאַנדפונקט האָט ער פאַרויסגעזען די געפאַר פון פאַרוואַנדלען די מדינה אין געצנדינערײַ, ווייל דער מאָדערנער מענטש האָט נישט קיין אמתע באַציאונג צו די ווערטן, וואָס שטייען העכער פון פאָלק. ער האָט נישט אויפ־געהערט צו אַלאַרמירן אויף דער געפאַר, וואָס עס דערוואַרט פון איבערגע־טריבענעם קולט פאַר פאָלק און מדינה, וועלכע ווערן פאַרוואַנדלט אין די העכסטע ווערטן.

בובער איז געווען אַן אייגנאַרטיקער גייסטרייכער רעליגיעזער דענקער. עס פרעגט זיך אָבער פאַרוואָס איז ער מער אָנערקענט אין דער קריסטלעכער וועלט ווי אין דער יידישער? אַ טיילווייזן ענטפער האָט געגעבן פּראָפעסאָר ערנסט סימאָן מיט אַ פראַגע: ווי קומט עס וואָס קריסטלעכע טעאָלאָגן האָבן אים מער פאַרשטאַנען ווי די יידישע? איז עס דערפאַר וואָס זיין יידישקייט איז

אין תוך צופיל מערב־אייראָפּעאיש? אויבנאויף זעט עס אויס צו זיין אומגע־רעכט וואָס ער האָט נישט געקראָגן אַזאַ אָנערקענונג ווי אין דער קריסטלעכער. ער איז טאַקע געווען דער יידישער אַמבאַסאַדאָר אין דער קריסטלעכער וועלט, אָבער אין אים האָט תמיד געלעבט דער דייטש. אפשר דערפאַר האָט ער געהאַט דעם כוח צו איגנאָרירן די „עטלעכע טויזנט אוממענטשן", וועלכע האָבן אומ־געבראַכט יידן. זיין פּרווו איז געווען אַ דייטשע און קאַטוילישע דערציִ. אין די אַלע יאָרן וואָס ער האָט געוווינט אין ישראל איז ער געבליבן גרזעלשאַפּטלעך אַ פרעמדער. זיין שייכות צום יידנטום איז געווען אַן אַבסטראַקט ספּיריטועלע, וואָס האָט אויסגעשלאָסן יידישן לעבנסשטייגער. מיטן קאָפּ איז ער געבליבן אַ ייד, דאָס האַרץ אָבער איז געבליבן אין דער פרעמד. דאָך האָט ער אַלע יאָרן געקעמפט ווי אַ שטאָלצער ייד פאַרן יידישן כבוד און ער וועט פאַרבלייבן צווישן די קלאַסיקער פון דער יידישער רעליגיעזער פילאָזאָפיע.

מאַרטין בובער אַליין דערציילט וועגן דעם איבערברוך, וואָס איז פאַרגע־קומען אין זיין לעבן נאָך דעם ווי אַ יונגערמאַן איז געקומען צו אים, ווי צו אַן אינספּיראַטאָר, וועלכער איז גרייט זיך צוצוהערן צו לאָגישן דענקען. „איך האָב אויסגעפונען, אַז ער איז צו מיר געקומען נישט סתם אַזוי, נאָר איז געשיקט געוואָרן פונעם גורל נאָך אַ באַשלוס. ער איז געקומען צו מיר אין דער פּאַסיקער שעה. וואָס דערוואַרטן מיר ווען מיר זענען פאַרצווייפלט און דאָך גייען מיר צו אַ באַשטימטן מענטש? מיר זוכן דאָן דעם גייסט, וואָס זאָל אונדז זאָגן, אַז עס איז פונדעסטוועגן פאַראַן אַ מיין און אַ זין".

אין זעלבן „דיאַלאָג" דערציילט ער, אַז ער האָט זיך דעמאָלט געפונען אין אַ צושטאַנד פון רעליגיעזן ענטוזיאַזם און מען פילט ווי ער האָט זיך באַטראַכט פאַר אַ מין הייליקן, אַ נביא, צי אַ רבי, וואָס דאַרף לייזן נשמהדיקע פּראָבלעמען, אַזוי איז רעליגיע פאַר אים געווען אַן אינעווייניקסטע איבערלעבונג, וואָס האָט אים פאַראייניקט מיטן אין סוף און מיט מענטש אין זיין העכערער גראַדאַציע.

אין בוך „איך און דו", וואָס ווערט באַטראַכט פאַר איינעם פון די וויכ־טיקסטע ווערק פונעם יאָרהונדערט, זאָגט בובער, אַז די רעאַליטעט ווערט דורכן מענטש באַגריפן אין גראַדאַציעס לויט זיין אינטערעס. ער פאַרגלייכט די רע־אַליטעט מיט סטאַדיעס אינעם לעבן פון אַן אינסעקט, אָנהויבנדיק פון דער וואָרעם־סטאַדיע ביז צום צושטאַנד פון אַ שמעטערלינג. דער „דו", ווי אַ מענטשלעכע פּערזענלעכקייט, באַשטייט פון אַ העכערן גראַד, ווי דער זעלבער מענטש אין דער „איך"־סטאַדיע. גאָט איז דער לויטערער „דו", ריינער גייסט, וואָס רעאַליזירט זיך אינעם מענטש.

דער טערמין „דיאַלאָג" איז ביי בובערן נישט קיין שמועס צווישן צוויי מענטשן, נאָר דאָס איבערטראָגן גייסטיקע פונקען פון איין מענטש צום צווייטן, ווען זיי געפינען זיך אין צושטאַנד פון „איך און דו", אָבער נישט אין טאָג־טעגלעכע געוויינלעכע צווישנמענטשלעכע באַציאונגען. די שייכות דאַרף זיין אַן אויסערגעוויינלעך אינטימע, אַ דירעקטע און פאַרמיטלערס, אַן אייגנאַרטיק ליבע־געפיל, וואָס אין תוך איז זי אַ קעגנזייטיקע מיט דער קראַפט פון קעגנ־זייטיקער אידעאַליזירונג.

מיר קומען דאָ צו צו אַ מאָמענט, וואָס וועט אונדז העלפן תופס זיין בובערס האַנדלונגען, וועלכע האָבן אַרויסגערופן ערנסטע קריטיק פון יידישע פּערזענלעכקייטן. שוין דאָס דערטראַכטן זיך צו די העכערע גראַדן, וואָס שליסן אויס וועלכן עס איז נאָרמאַלן צושטאַנד, באַווייזט בובערס נטיה אַריבערצוטרעטן די גרענעץ פון פּשוטערווירקלעכקייט. פּונקט ווי מיט יענעם יונגנמאַן האָט ער געפירט נאָך „שוויגנדיקע דיאַלאָגן" אויך מיט אַנדערע. אָט דערציילט ער ווי גייסטלעכע פון פאַרשידענע לענדער זענען זיך צונויפגעקומען, כדי צו גרינדן אַן אָרגאַניזאַציע אַנצוהאַלטן פרידלעכע באַציאונגען צווישן פעלקער. איין גייסטלעכער איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ טענה, אַז אין קאָמיטעט זענען אויסגעוויילט געוואָרן צופיל יידן און בובער דערציילט ווי אַזוי ער האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם: „מיר האָבן אַריינגעקוקט איינער אין צווייטנס האַרץ דורך די אויגן און מיר האָבן איינער דעם צווייטן געגעבן אַ ברידערלעכן קוש. די דיסקוסיע צווישן יידן און קריסטן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בונד צווישן קריסט און ייד. אין דער דאָזיקער טראַנספאָרמאַציע האָט דער דיאַלאָג דערגרייכט זיין ציל. מיינונגען זענען פאַרשוווּנדן פון אַ קערפּערלעכן צושטאַנד, ווען דאָס פאַקטישע האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ".

דער דאָזיקער עפּיזאָד ווי אַ סך אַנדערע דאַרפן באַשטעטיקן בובערס צענטראַלע אידייע, אַז אַלע שטערונגען אין די צווישנמענטשלעכע באַציאונגען קומען דורך די פאָרמעל־דרויסנדיקע שייכותן. דאָס פאַקטישע מיינט ספּיריטועלע אַנען. די שכינה, וואָס עמאַנירט פונעם גייסטיקן צוזאַמענשטויס און פירט צום איבערטראָגן דעם געטלעכן פונק פון איינעם אויפן אַנדערן. דאָס איז דער „דיאַלאָג"־געדאַנק, וואָס בובער האָט אַוועקגעשטעלט אין צענטער פון זיין רעליגיעזער פילאָזאָפיע. ער לייקנט אַלע דרויסנדיקע דערפאַרונגען ווי רייך זיי זאָלן נישט זיין. אמתע דערפאַרונג דערגרייכט מען נאָר אין אַ באַהעפטונג פון נשמות, אין אינטימע צוזאַמענשטויסן, אָן ווערטער, אין דער ספערע פון „צווישן", אין דעם אומאָנטאַפּבאַרן, וואָס קומט פאַר צווישן איין מענטשלעכן וועזן און דעם אַנדערן אין פאַרבאָרגנסטער טיפקייט.

נישט געקוקט דערויף, וואָס זיינע אויסדרוקן דערמאָנען אַ סך אינעם קריסטלעכן דואַליזם פון אַ קערפּער און אַ נשמה און זיין פילאָזאָפיע איז דערפאַר אַזוי אויפגעכאַפּט געוואָרן דורך קריסטלעכע טעאָלאָגן, איז אָבער בובער צוגעגרייט געוואָרן דערצו דורך זיין פאָרשונג פון חסידיזם, וואָס ער האָט אָנגעהויבן נאָך אין עלטער פון 26 יאָר, איבערזעצנדיק אויף דייטש ר' נחמן בראַצלאַווערס מעשיות, און אויך אַ זאַמלונג פון בעל־שם־מעשיות.

דעם באַדייט פון דער „צווישן־ספערע" קען מען געפינען נאָך ביי רבי חלפתא בן־לוסא, ווען ער פאָרמולירט דעם געדאַנק פון „אלהים נצב בעדת אל", ווי אַזוי האַנדלונגען באַקומען אַ קאָסמישן באַדייט און העלפן דער שכינה זיך צו רעאַליזירן. פון דאַנען נעמט זיך זיין נאָענטקייט צום טעאָלאָגישן גאָט־באַגריף, מער ווי צום פילאָזאָפישן — ער איז דוראויס אַנטי־אינטעלעקטואַליסט און האַלט אַז דער שכל קען נישט גרייכן ווייטער פון זאַכן. גאָט קען דערגרייכט ווערן בלויז דורך דער „אינטימסטער באַגעגעניש". דערפאַר האָט אויף

אים געווירקט ווי אַן אויסגעשריי פון דער סאַמע נשמה פּאַסקאַלס פּסוק: „גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב, נישט פון די פילאָזאָפן און למדנים". די גאַנצע יידישע רעליגיע איז, לויט אים, באַשטאַנען אין דער ליבע צו גאָט, וועלכער איז נישט עלול אַריינגעקוועטשט צו ווערן אין קיין שום דענק־סיסטעם, טאַקע דערפאַר ווייל ער איז גאָט, דאָס וואָס די פילאָזאָפן דעפינירן מיטן נאָמען גאָט, איז נישט מער ווי אַן אידייע, אַן אימאַזש פון אימאַזשן.

אַ פילאָזאָף, וואָס איז איבערגעלאָדן מיט אמונה, מוז רעדן פון ליבע וואָס איבערשטייגט יעדעס וויסן. דער מענטש וואָס זאָגט: „איך האָב ליב גאָט דעם פאָטער פון מענטשן", האָט זיך אין תוך אָפּגעזאָגט פונעם גאָט פון די פילאָזאָפן. ער זאָגט בפירוש, אַז גאָט איז נעענטער צו אים ווי זיין אייגענער איך, ער לעבט אים איבער אין דער טיפסטער טיף און איז דערפאַר זיין היילִיקסטער אמת. דאָס איז די רעאַליטעט, וואָס הויבט זיך איבער אַלע רעזולטאַטן, איבער דער אידייע. ער קוקט אויף זיך ווי אויף אַ נביא, וואָס הערט גאָטס באַפעל און איז במילא פּטור פון יעדן ראַציאָנעלן עלעמענט, פון יעדער לאָגישער דעפיניציע, ווייל די סוביעקטיווע געפילן און איבערלעבונגען, מיט וועלכע ער אָפּערירט, קענען נישט אָביעקטיוויזירט ווערן און געגעבן ווערן ווי באַגריפן.

געוויס איז דאָס ריין מיסטישע ספּעקולאַציע, אפילו ווען בובער שטעלט זיך אַנטקעגן און זאָגט, אַז ער איז נישט קיין מיסטיקער און נעמט פאַר אַ באַוויז זיין נישט אָפּלייקענען די עקזיסטענץ פון דער וועלט, ווייל דער שכל איז פאַרמירט וועגן איר. מער נישט, ער האַלט, אַז דער שכל פאַרשטייט זיך אַליין נישט און קען דערפאַר נישט העלפן באַנעמען די אַבסאָלוטע רעאַליטעט. דאָס קען בלויז די אינטואיציע. אָבער לאָמיר זען, ווי אַזוי מאַרטין בובער האָט שוין אין זיין פריסטער יוגנט אָנגערופן דעם בעש"ט „גרינדער פון רעאַליסטישער און אַקטיוויסטישער מיסטיק". די דאָזיקע רעאַליסטישע מיסטיק איז אים געווען אייגן אין אַלע זיינע טראַכטונגען און האַנדלונגען. דאָס איז דער חסידישער סאָציאַל־עטישער מיסטיציזם, וואָס נעמט אָן, אַז דער מענטש איז דער צענטער פון דער וועלט. מאַרטין בובער איז געגאַנגען נאָך ווייטער און געהאַלטן, אַז אינעם מענטש גופא איז פאַראַן אַ צענטער, אַזאַ אינטים הייליק ווינקעלע, וואָס איז בכוח צו עמאַנירן דעם געטלעכן פונק און דאָס איז טאַקע די הייליקסטע און אינטימסטע אויפגאַבע, וואָס דער מענטש האָט פאַר זיך, די אייביקסטע ווערט, וואָס איז איבער אלע לאָגישע אַרגומענטן, איבערן שכל.

יידישע געשטאַלטן און יידישע מאָטיוון אין גאָרקיס ווערק

די טיטאַנישע פערזענלעכקייט, מאַקסים גאָרקי, וועמענס אמתער נאָמען איז געווען אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש פּעשקאָוו, האָט זיין פּסעוודאָנים געמאַכט פאַרן סימבאָל פון קאַמף פון די פאַרביטערטע, האָט אין די יאָרן פון שוואַרצער רעאַקציע געקעמפט קעגן איר מיט ליטעראַרישע זשאַנרן, וועלכע ער האָט אַזוי גלענצנדיק

באַהערשט. מיט זיין פּעדער האָט ער געמאָנט, געשטראָפט און געלערנט ווי אַזוי צו קעמפן פאַרן אמת, פאַר דער גערעכטיקייט און איז געווען צווישן די געציילטע רוסישע שרייבער, וואָס האָבן מיט זייער גאַנצער נשמה זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די גערודפטע יידן און האָט מיט אַלע כוחות געקעמפט קעגן די אַנטיסעמיטישע פאַרפאָלגער.

געקעמפט האָט ער מיט רעדעס און אַרטיקלען. זיינע פּלאַמיקע ווערטער זענען אַקטועל אויך ביים היינטיקן טאָג און שטאַרק פילט מען זיין טיפע ליבשאַפט צו יידן, צו יידישע געשטאַלטן, צום יידישן פאָלק, אין זיינע מעכטיקע ליטעראַרישע ווערק. אין זיינע דערציילונגען און דראַמעס קומען אויף יידישע געשטאַלטן דורכגעגליטע פון פּיין און לייד, און אין הויכן פיבער זענען אָפּגעפּילט די יידישע מאָטיוון און די באַגייסטערונג פאַר זיי שטראָמט ווי אַ טייך פון געדאַנק און געשטאַלט.

אָנהייבנדיק פון דער „לעגענדע וועגן ייד", איינע פון זיינע ערשטע דערציילונגען האָט גאָרקי געשילדערט די געשטאַלט פון אַ יידישן חכם, וואָס וועקט אין מענטשן דאָס געוויסן, לאָזט זיך אַרויס זוכן דאָס שלימותדיקע און וווּנדערלעכע אין לעבן, וואָס זאָל זיך לייגן ווי אַ כישוף אויף דער מענטשלעכער נשמה, באַוועגן אים צו טון גוטס און ליב האָבן שיינקייט. דער דאָזיקער לעגענדאַרער יידישער חכם איז רייך, האָט כבוד און מאַכט, אָבער זיין נשמה איז דורכגעדרונגען מיט דער בענקשאַפט נאָך מאָראַלישער און גייסטיקער שלימות. אַזוי האָט גאָרקי געזען דעם יידישן גייסט־מענטש, אַ שטרעבנדיקן צו גערעכטיקייט. די צוקונפט געהערט צו יידן, ווייל זיי פילן זיך אין איר בעסער ווי אין דער קעגנוואַרט. וואָס איז די קעגנוואַרט? אַ פּרוזדור. די צוקונפט איז דער טרקלין, דער פּאַלאַץ, די הערלעכקייט.

דער דאָזיקער יידישער חכם איז געווען די אידעאַלע געשטאַלט, צו וועלכער גאָרקי האָט געשטרעבט זיין גאַנץ לעבן. אין אַ בריוו צום שרייבער פּיאַטניצקי דערציילט ער וועגן זיין נייער דראַמע, וואָס ער הויבט אָן שרייבן און דער הויפּטהעלד וועט זיין אַ סעמיטישער טיפּ מיט אַ גליאיקן טעמפּעראַמענט, אַ תנ"כישע געשטאַלט, די לעצטע קאָנסעקווענץ פון יידישן אידעאַליזם. אַ פּערזענלעכקייט, וואָס דערמאָנט אין אליהו הנביא, וואָס וואַקסט אויס ווי דאָס געוויסן פון דער וועלט.

גאָרקי האָט די דאָזיקע פּיעסע נישט אָנגעשריבן. וואַרשיינלעך איז מיט איר געשען דאָס, וואָס עס געשעט אָפט מיטן שאַפונגס־אידעאַל פון גרויסע קינסטלער. דווקא דאָס ווערק, מיט וועלכן ער טראָגט זיך אַרום זיין גאַנץ לעבן, פילט ער נישט בכוח צו שאַפן. אז ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט דער אידעע פון דער דאָזיקער דראַמע זעט מען אויך פונעם צווייטן בריוו, וואָס ער שרייבט צו פּאָסע, אין וועלכן ער שרייבט קלאָרער איבערן הויפּט־העלד, אַז דאָס איז אַ ייד, אַ ציוניסט, וואָס גייט אויפן וועג צו גאולה. עס שיילט זיך אויס אַ מין יידישער זאַראַטוסטראַ, וועמענס נשמה איז נישט איבערגעפּלאָסן ערגעץ אויף וויסטע בערג, נישט אין חברותא פון אַן אָדלער מיט אַ שלאַנג, נאָר לעבט אין אַ וועלט פון אַן אייגנטימלעכער אידעאַליסטישער קולטור און דערפירט דעם אידעאַליזם צו זיינע

לעצטע צילן. די העלדין פון דער דראַמע איז אַ טאָכטער פון אַ וועשין, וואָס האָט מיט די אייגענע כוחות זיך דערשלאָגן צו דער הויכשול, האָט חתונה מיט אַן אַדוואָקאַט. פאַראַן אין איר אַלע שטריכן, וואָס גאָרקי דערציילט וועגן זיך אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, דער גרענעצלאָזער דורשט נאָך וויסן, די באַגייסטערונג פאַר שיינקייט און דאָס שטרעבן צו גערעכטיקייט, דיליידן פאַרן שטרעבן צו די דאָזיקע אידעאַלן און דאָס וואַרטן מיט אַלע אָרעמע אויף דער דערלייזונג.

גאָרקי האָט אויך נישט רעאַליזירט זיין חלום אַרויסצוגעבן אַ זאַמלונג יידישע דערציילונגען, וועגן וועלכע ער רעדט אין זיינע בריוו, באַרוישט זיך ממש מיט די וווּנדערלעכע יידישע טאַלאַנטן, מיט דער יידישער שעפערישקייט, מיט דער פאַרטיפטער מחשבה פון יידישן פאָלק, מיט דער חכמה פון יידישן תנא הלל הזקן. אויף אַן אַנדער אָרט דערציילט גאָרקי, אַז די חכמה פון די יידישע תנאים, באַזונדערס פון הללן, האָט אים געהאָלפן באַזיגן אַ סך שטרויכלונגען אין לעבן.

דאַקעגן איז גאָרקין געלונגען אַרויסצוגעבן אַ זאַמלונג שאַפונגען פון רוסישע שרייבער וועגן יידן און ער אַליין איז דאָרט באַטייליקט מיט אַ דערציילונג וועגן יידנטום און מיט אַ דערציילונג וועגן אַ יידיש יינגל א. נ. „אַ קינד”. עס דערציילט זיך דאָרט וועגן אַ יידיש יינגל, וואָס ווערט באַפאַלן דורך שקצים און זיי וואַרפן זיך אים שלאָגן. אָבער אַנשטאָט צו אַנטלויפן, נעמט גאָר דאָס יידישע יינגל ווייזן קונצן, שטעלט זיך אויפן קאָפּ, שפרינגט און מאַכט האָקוס־פּאָקוסן, וואָס ברענגען אַריין די שקצים אין באַוווּנדערונג. די באַזונדערע שטריכן, וואָס גאָרקי שרייבט צו דעם יינגל, פאַרוואַנדלען אים אין אַ סימבאָל פון ליידנדיקן יידישן פאָלק. די גרויסע טראַגעדיע פון אונדזער אומבאַהאָלפנקייט און די באַהאַלטענע פעדעם וואָס מאַכן אונדז פאַר מאַריאָנעטן, צירק־קלאָונען, וואָס איז אפשר דער הויפּט־מאָמענט פון דער יידישער טראַגעדיע. אין דעם קיום פון יידישן פאָלק שטייען מיר שטענדיק אַ טראָט פאַר אומבאַשרייבלעכער גרויסקייט און אַ טראָט פאַר פּאַיאַצנטום. ווערן מיר דען אַליין גאַנץ אָפט נישט צעריסן פון דאָזיקן מאָדערנעם צווישנשפּיל אויף דער שמאָלער בריק צווישן אַבסטראַקטער גרויסקייט און טראַגישן קאָמיזם. „מיר זענען יידן און אַלע לאַכן פון אונדז” — לייגט גאָרקי אַריין די ווערטער אין מויל פון יידישן יינגל, וואָס הערט דערביי נישט אויף צו זיין לוסטיק און פריילעך. אין זיין געוואַלטיקער גוטסקייט גיט גאָרקי צו, אַז אין דער דאָזיקער לוסטיקייט איז פאַראַן דער אינערלעכער גלויבן אין אַ בעסערער וועלט. אָבער דער קינסטלערישער אויסקלאַנג איז דווקא דער אינעווייניקסטער ווידער־שפּרוך און אויך דער וווּנדערלעכער קאָנטראַסט צווישן דעם ייד און זיין סביבה.

דער זעלבער ווידערשפּרוך און דער זעלבער קאָנטראַסט זענען אויך פאַראַן אין גאָרקיס שפּעטערדיקער דערציילונג „קין און אַרטעם”. דער יידישער קרעמער, קין, דרייט זיך אַרום אַ דערנידעריקטער און געפּלאָגטער צווישן די שכּורע באָסיאַקעס, וואָס גיסן אויס אויף אים זייער גאַנצע פאַרביטערונג, דעם שמוץ, אין וועלכן זיי אַליין לעבן. בלויז אַרטעם, דער ריז, וועמען קין ראַטעוועט אָפּ פון טויט, ווערט זיין באַשיצער און פאַרטיידיקער, שרייט, אַז דער ייד איז דער בעסטער מענטש, אָבער נישט אויף לאַנג. אויך ער ווערט מיד פון רחמנות האָבן

אויפֿן ייד און זאָגט אָפֿן, אַז זיין רחמנות איז נישט מער ווי אָפּנאַרעריי. ער איז בכלל נישט פֿעאיק צו דערבאַרעמען זיך.

דאָס איז דער גרויסער טראַגי־קאָמישער שפּיל. אַ פֿאָלק, פֿאַראַכטעט און באַשפּיגן, אין דער אַלטעגלעכקייט — נע־ונדניקעס, דרייען זיך ביי די טישן פֿון די פֿעלקער, ווי פּרעמדע, אָן צוגעבונדנקייט. פּלוצלינג און זיי דערשיינען ווי הייליקע, נביאים, אָנזאָגער פֿון אַ שענערער וועלט. גאָרקי רופֿט דעמאָלט אויס: „מיר דאַרפֿן זיין דאַנקבאַר די יידן פֿאַר זייערע דערהויבענע מעשים, פֿאַר די וועגן, וואָס זיי האָבן אָנגעוויזן און עס גייען אויף זיי די בעסטע זין פֿון רוסישן פֿאָלק". יידן זענען אַ גרויסער היסטאָרישער כוח, פֿונדעסטוועגן האָט מען צו אונדז דאָס געפֿיל ווי צו מינדערווערטיקייטן און די וועלט, ווי דער ריז ארטעם, ווערט מיד פֿון דערבאַרעמען זיך. דער ייד קין איז ווידער הילפֿלאָז און גאָרקי זעט אים „ווי אַ קליין מייזל, וואָס גנבעט זיך אַריין אין באַהעלטעניש, זוכט אַ שוץ קעגן די געפֿאַרן, וואָס לויערן אויף זיין לעבן". פֿון אַ הייליקן און שטאָלצן נשיא צוריק אַן אָרעמע מויז, אַ קלאָון פֿון אַ בלוטיקן שפּיל, דער סימבאָל פֿון יידישן גורל.

לייענט מען וואָס גאָרקי האָט געשריבן וועגן די פּאָגראָמען פֿון 1885 און 1905־6, קאָן מען זיך פֿאָרשטעלן זיין ווייטיק, וואָס ער וואָלט איבערגעלעבט אין אָנבליק פֿון די היינטיקע גרוילן און איצטיקן פֿינצטערן אַנטיסעמיטיזם אין קאָמוניסטישן רוסלאַנד.

קלאָר, אַז גאָרקי האָט דערזען די פֿאַרדאָרבנקייט. די גרויזאַמע רציחות פֿון די באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן אים אַנטוישט אין זיינע שענסטע האָפֿענונגען. פֿאַרן מערדער פֿון פֿעלקער איז קלאָר געוועז, אַז גאָרקי, דער גרעסטער פֿאַרשטייער פֿון דער פּראָלעטאַרישער קונסט, טאָר מער נישט לעבן. אַז זיין חכמה און גוטסקייט, זיין ליבע צו קולטור, זיין פֿאַרשטיין און ליב האָבן דאָס לעבן, די אונטערדריקטע און גערודפֿטע, איז געוועזן אַ שטערונג פֿאַר דער ווילדער חיה, וואָס רופֿט זיך קאָמוניזם.

יידישע שרייבער אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור

מיר זענען עדות פֿון אַ מערקווירדיקער דערשיינונג, ווי עס איז דער גרויסער אינטערעס פֿון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפֿט צו דער יידישער טעמאַטיק סיי אין דער בעלעטריסטיק, סיי אין דער טעאַרעטישער ליטעראַטור. יידישע טעמעס פֿאַרנעמען די ערשטע ערטער אין דער רשימה פֿון די בעסט־סעלערס, יידישע שרייבער האָבן זיך אַרויסגערוקט אויפֿן אויבנאָן אין דער נייער אַמעריקאַנער ליטעראַטור און הויבן אַרויס יידישע פּראָבלעמען און זייער אייגענעם געראַנגל מיט דער ירושה פֿון זייער יידישן אָפּשטאַם, מיט די כוחות, וואָס באַוועגן און שאַפֿן די יידישע געשיכטע, מיט דער שרעק און אומבאַהאָלפֿנקייט,

וואָס איז אייגנטימלעך דעם היינטיקן אַמעריקאַנער ייִד, ווי דעם אַמעריקאַנער אין אַלגעמיין.

ווערנדיק ביים היינטיקן טאָג אָפּשאַצן די בייע אַמעריקאַנער ליטעראַטור איז אוממעגלעך אויסצומיידן די יידישע שרייבער, וועלכע האָבן זיך שוין דעראָבערט חשובע פּאָזיציעס, אייגנאַרטיקע און וויכטיקע, אין אָפּשפּיגלען דאָס היינטצייטיקע לעבן אין אַמעריקע. צו די דאָזיקע שרייבער געהערן: ווידמאַן, לעווין, רייזמאַן, בעלאָו, שפּירא, טשאַיעווסקי, גרין, שוואַרץ, מאַלאמוד און אַ ריי אַנדערע, וועמענס ווערק ווערן אויפגענומען מיט גרויס אַנערקענונג סיי דורך דער קריטיק, סיי דורך די לייענער.

אַמעריקאַנער אומרו און שרעק פאַרן מאָרגן

די אַמעריקאַנער קולטור גייט אַן אַלס די קולטור פון שפע און לוקסוס, פון גרויסע עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע דערגרייכונגען. מיר געפינען זיך אויף דער שוועל פון דער תקופה פון אַבסאָלוטן ווילטאָג. זי האָט געדאַרפט אָנהויבן, ווי עס האָבן פאָרויסגעזאָגט פילאָזאָפן און וויזיאָנערן, די טויזנטיאָריקע עפּאָכע פון מענטשלעכן אויפבלי, ווען דער מענטש וועט לעבן אַ באַפרייטער פון די זאָרגן ווי אַזוי צו באַפרידיקן די לויפנדיקע מאַטעריעלע באַדערפעניש, פון טאָג־טעגלעכן קאַמף פאַר עקזיסטענץ.

דאָס אַלץ באַקומט אַ פילפאַרביקע אָפּשפּיגלונג אין דער ליטעראַטור. קוקט מען זיך אָבער צו נענטער, זעט מען ווי זי ווערט מיט יעדן טאָג אַלץ מער דורכגעדרונגען מיטן אומהיימלעכן געפיל פון שרעק, דורך וועלכער עס איז באַהערשט דער אַמעריקאַנער מענטש. מיט וואָס מער פאַרנעם עס אַנטפּלעקט זיך די קראַפט פונעם מענטש צו באַפרייען די מעכטיקע כוחות, וואָס דרימלען אין אַטאָם, אַלץ אָפּגעשוואַכטער ווערט די זעלבסטזיכערקייט, דער צוטרוי פונעם אַמעריקאַנער בירגער צו אַלערליי ווערטן.

דראַנג צו געמיינזאַמקייט

די דאָזיקע אומבאַהאָלפנקייט און טראַגישע מינדערווערטיקייט לאָזן נישט איבער קיין אויסגאַנג, קיין אויפאַטעמונג און דערנענטערן די פּסיכיק פון אַמע־ריקאַנער מענטש צום יידישן, צו זיין ירושה פון טיפע אויפטרייסלונגען, די זעלבע באַדנלאָזע, וועגלאָזע און צעבראָכענע, וואָס האָבן פאַרלוירן אַלע איינער־לעכע אָנהאַלטן.

אויף אַזאַ האָפענונגסלאָזער באָדנלאָזיקייט מוז יעדער, ווי אויף אַן אונ־טערגייענדיקער שיף, קודם כל זען צו ראַטעווען דאָס אייגענע נפש. קיין שום זאַך איז נישט בכוח עפּעס צו ענדערן אין דעם טראַגישן מיספאַרשטענדעניש צווישן געוואַלטיקן אויפבלי און קלאָרער שפּירונג פון אונטערגאַנג — איז דאָס קליגסטע איבערצולאָזן אַלץ אויף גאָטס באַראָט. אין אַזעלכע מאָמענטן געשעט, אַז די נויט ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ טוגנט און די ביטערע אויסזיכטסלאָזיקייט

אין וועדטפולע לעבנס־אַטריבוטן פון נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם. מיר דערזעען ווי אין געראַנגל מיט דער אומבאַהאָלפענער איינזאַמקייט גייט אויף אַ דראַנג צו דערפילן זיך ווי אַ מיטגליד פון אַ גרויסן כלל. מען טוליעט זיך צו פאַרבאַנדן און מאַסן־אָרגאַניזאַציעס. דאָס טיפּיש־אַמעריקאַנישע זוכן נייע עמאָציעס, גייט איבער אין אַ גאַרן צו די טראַדיציעס פון די עלטערן.

די יידישע פּראָבלעמאַטיק

די דאָזיקע אַלע אייגנשאַפטן זענען כאַראַקטעריסטיש אויך פאַר די אַמע־ריקאַנער יידישע שרייבער. אין קיין שום ליטעראַטור פון אַנדערע לענדער רעדן נישט די יידישע שרייבער אַזוי געוואַגט וועגן זייער אייגענעם געראַנגל מיט דער יידישער פּראָבלעמאַטיק ווי זיי טוען עס אין אַמעריקע. מיט אַ צייט צוריק איז אין ניו־יאָרק פאָרגעקומען אַ סימפּאָזיום וועגן דער השפעה פון יידישן אָפּשטאַם פון די אַמעריקאַנער שרייבער אויף זייערע שאַפונגען. די שרייבער גרינבערג, שוואַרץ, קאַזין און ראַפּענפּעלד האָבן זיך אַרויסגעזאָגט, אַז יעדע טעמע ווערט דורך זיי איבערגעלעבט ווי יידן, הגם זיי ווייסן זייער ווייניק וועגן יידישקייט. נישטאָ ביי זיי קיין שום אָרגאַנישע צוזאַמענגעוואַק־סנקייט מיטן יידישן קיבוץ, דאָך, דורך זייער אינערלעכן אויפוואַכן, הויבן זיי מיטאַמאָל אָן זען די דימענסיעס און באַוועגונגען פונעם יידישן קאָלעקטיוו.

אויפן דאָזיקן סימפּאָזיום זענען געפאַלן ביטערע ווערטער אויפן אַדרעס פונעם יידישן סנאָב אין אַמעריקע, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ נישט באַפרייט פונעם געיעג נאָך רייכקייט. שילדערנדיק די אומבאַהאָלפנקייט פונעם אַמעריקאַנער ייד האָט גרינבערג אויסגעשריגן: „עס איז דאָך אַלץ קלאָון־שפּיל! אומבאַ־האָלפענע מענטשישע מאַריאָנעטן שפּילן כאַראַקטער, שפּילן טאַט און ווילן. זיי פאַרמאָגן נישט דעם מינדעסטן איבערבליק איבער זיך אַליין און דרייען זיך אַרום אין אַ ראָד, וואָס דרייט זיך איבער אַ קרומען שפּיגל. וואָס שנעלער זיי באַוועגן זיך, אַלץ קאָמישער ווערן זיי".

צוריק צו טראַדיציע

אַזוי פירן זיי אויך צו אין זייערע דערציילונגען יעדע דערשיינונג אין יידישן לעבן אין אַמעריקע ביז צום ראַנד פון איר אייגענעם אָפּגרונט, ביז צו איר לעצטער דערקענטעניש־גרענעץ. בלויז איינצלנע ווי סאַל בעלאָו, הערמאַן וווק א. אַ. ווייזן די דערשיינונגען אין יידישן לעבן אין אומענדלעכער באַוועגונג. וואָס פירט צוריק צו טראַדיציע, צום אור־מקור.

אויף פאַרשידענע אופנים האָבן די יידישע שרייבער אונטערגעשטראָכן, אַז דאָס עצם זיין אַ ייד איז אַ באַרייכערונג. דער ייד איז אַ פרעמדער אין דער אַרומיקער וועלט, און אין אַזאַ נעבעכדיקער פאַרדאַרבענער וועלט איז גוט צו זיין אַ פרעמדער. די פרעמדקייט איז פּשוט אַ גויטיקער עלעמענט פאַר יעדן

ערלעכן קינסטלער. וואָס פּרעמדער, אַלץ פעאיקער איז ער צו אָבסערווירן און זען דאָס, וואָס אַ היימיש אויג דערזעט נישט.

דער שרייבער עבינג האָו שרייבט אין איינעם פון זיינע עסייען: „אַלס ייד סימבאָליזיר איך די פאַרלוירנקייט פונעם מענטשלעכן מין. דווקא דערפאַר, וואָס איך בין אין ערגעץ נישט פאַרוואָרצלט, פיל איך נאָך שטאַרקער דעם גורל, וואָס דערוואַרט דער מענטשהייט״.

אויסגעוואָרצלטע זין פון

אַן אויסגעוואָרצלט פאָלק

אין דעם זעלבן עסיי קערט האָו זיך אום צו דער באַזונדערער פאַרלוירנקייט פונעם היינטיקן ייד. אַמאָל האָט דער ייד געפונען זיין גאַנצקייט אין זיין שטוב, מעג עס האָבן געווען נאָר אַ מין עלנטער טויבן־שלאַק, וווהין עס אַנטלויפן די געשלאָגענע פון לעבן. דאָרט האָט ער זיך אויסגעלעבט אין דער פולקייט פון יידישער טראַדיציע, געהאָפט דאָרט אַלע זיינע, אָפט האָפענונגסלאָזע, האָפענונגען. איצט איז דאָס הויז צעשטערט, צעפאַלן. נישטאָ מער וווהין צו אַנטרינען. די יידן דרייען זיך אַרום ווי מענטשן־שערבלעך, וואָס עמעץ האָט איבערגעלאָזט, ווי איבעריקע רעקוויזיטן הינטער די קוליסן פון לעבן.

אָט דער זעלביקער האָו שרייבט אויף אַן אַנדער אָרט: „די וועלט צווינגט מיך צו זיין אַ ייד. אָבער איך קען עס פון זיך נישט מאַכן. אויב אַזוי, דאַרף איך ווייטער זיין אַן אויסגעוואָרצלטער זון פון אַן אויסגעוואָרצלט פאָלק״.

די דאָזיקע אָפּגעפרעמדקייט, מאַנגל אין זעלבסטזיכערקייט, פילן דעם גלות, דאָס צעשטערטע הויז, די אויסגעוואָרצלטקייט און בלאָנדזשעניש, האָבן אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור צום שטאַרקסטן אויסגעדריקט די יידישע שרייבער. סאָל בעלאָו, איינער פון די פאָרויסגייענדיקסטע יידיש־אַמעריקאַנישע שריפטשטעלער, צייכנט זיך אויס מיט זיין דעמאַסקאַטאָרישקייט און געוואַגטן פאַרמעסטן זיך מיטן אמת, אַז ער איז נאָר אויסערלעך אַן אַמעריקאַנער און אין דער נשמה — אַ ייד: „איך בין אַן אַמעריקאַנער, געבוירן אין שיקאַגאָ, אין דער מרה־שחורהדיקער שטאָט פון געוואַלט און אומפאַרשעמטקייט. אָבער איך האָב זיך מיין וועג אין אָנגרייפן, כ׳שלאָג רעקאָרדן לויט מיין אייגענעם סיסטעם. כ׳קלאַפּ אָן און גיי אַריין דער ערשטער. דורך אַקוסטישער איזאָלאַציע, אָדער דורך אָנטאָן אַ הענטשקע אויף דער פויסט, מאַסקירט מען נישט די קלעפּ אין דער טיר. סוף כל סוף דעצידירט אויפן גורל נישט די נאַציאָנאַליטעט נאָר דער כאַראַקטער פון דעם מענטש״.

אין יעדן בוך פונעם דאָזיקן טאַלאַנטירטן שרייבער איז פאַראַן דער געראַנגל מיט די פּראָבלעמען פון זיין יידישקייט. אין זיין ערשט בוך „דער פאַראָמטער מענטש״ איז איינע פון די צענטראַלע פּראָגן, צי דער ייד איז ווירקלעך אַ טייל פון דער אַרומיקער קולטור און קען אַבסאָרבירט ווערן אינעם בייעם לעבנס־שטייגער, צי ער איז בלויז אַ קלאָון, וואָס זשאָנגלירט מיט יעדער ווירקלעכקייט, ווייל זי האָט פאַר אים נישט קיין וואָג און זי צעפליסט אין

באַרירונג מיט זיין גורל. אין זיין באַרימט־געוואָרענעם בוך „עדזשי מאַרצס אַוואַנטורעס" האָבן מיר אַלע טראַגישע אַטריבוטן פֿונעם יידישן קליינעם מענטשעלע, בעת ער געפינט זיך אויף דער ליניע צו יחידישער מאַכט. מיר האָבן אויך, צום סוף, יענעם גרויסן אויסוועג — דעם וועג צו דער געמיינזאַמקייט — צו וועלכן בעלאָו פירט זיין הויפּט־העלד און דייט אָן, אַז די דאָזיקע יידישע אייגנשאַפטן שאַפן עס זיין אַמעריקאַנער פיזיאָנאָמיע.

אַזוי פֿאַרבינדן זיך אויך די אַנדערע יידישע שרייבער אין אַמעריקע צוריק מיט זייער שטאַם. די פּרעמדקייט, שרעק פֿאַרן מאָרגן, ברענגט מיט זיך די קעגנזעצלעכע דערשיינונג פון זוכן זעלבסט־דערקענטעניש, חשבון־הנפש און פולשטענדיקן אומקערן זיך צו דער טראַדיציע פון די עלטערן. ביי פולשטענדיק־פרייע אַנטוויקלונגס־וועגן פון יעדן באַזונדערן שריפטשטעלער און ביים פול־שטענדיק־זעלבשטענדיקן פונאַנדערשפּיל פון דער קינסטלערישער אינדיווידואַ־ליטעט — האָבן די ווערק פון די אַמעריקאַנער יידישע שרייבער אין זייער גאַנצער געשטאַלט דעם ריטם פון אַ קאָלעקטיווער פּסיכיק און מען קאָן אינעם ריטם פון יעדן ווערק אַנאַליטיש נאָכוויזן דעם ריטם און טעמפּ פונעם צייט־מעסיקן לויף פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. דאָס ליגט ממש אויבנאויף פאַר דעם אָביעקטיוון באַטראַכטער און דאָס אינטערעסירט אַזוי שטאַרק די אַמעריקאַנער געזעלשאַפטלעכקייט. דערמיט דערקלערט זיך אויך די געוואַלטיקע פּאָפּולאַריטעט פון די ווערק מיט יידישער טעמאַטיק, אפילו אַזעלכע רעליגיעזע ביכער, ווי הערמאַן וווקס „דאָס איז מיין גאָט" און די טעאָרעטישע ביכער, ווי „דאָס פּאַרשטיין דעם מהות פון יידנטום", „דאָס אַמעריקאַנער יידנטום", „דאָס יידנטום און דער מאָדערנער מענטש" א. א. אפשר קען דאָס טאָקע דינען ווי אַ באַשטע־טיקונג, אַז דער קאַפּיטאַליזם, הגם עטיש אַ שרייענדיקער ווידערשפּרוך צום אידעאַליזם, איז דאָך אין זיין וועזן אַן אידעאַליסטישע דערשיינונג, קען זיך בשום אופן נישט צובינדן צום קיין שום באַגרענעצטקייט און נויגט מער צו אַלוועלטלעכקייט, איז אומרואיק, זוכעריש און עס דאָמינירט אין אים דער סוביעקטיווער ווונטש, די טרוימהאַפטיקייט.

יידישע מאָמעס פון אייראָפּעאישע שרייבער

ראָבערט אייזינגער געהער צו דעם אויבנאָן פון דער „גרופּע 47" דייטשע שריפטשטעלער און קיינעם איז נישט איינגעפאַלן צו פאַרדעכטיקן אים אין יידישקייט. אין היינטיקן דייטשלאַנד גריבלט מען זיך נישט אין קיין ביאָ־גראַפיעס פון לעבעדיקע. דאָס איז אַזאַ שטומער אָפּמאַך. ווער צוליב מורא, מען זאָל נישט צוריק נעמען זוכן זיינע חטאים און ווער סתם צוליב טאַקט, ווייל זעלטן ווער עס איז כשר. דערפאַר איז פאַר גאָר אַ סך געווען אַן איבעראַשונג דאָס נייע בוך פון ראָבערט אייזינגער, וועלכן מען האָט ביז איצט געהאַלטן פאַר אַן אַריער, אַ ריינעם עוואַנגעליקער, און דאָ נעמט ער פּלוצים אַליין דערציילן אַז

זיין מוטער איז געווען אַ יידישע, נאָר אַז זי האָט נאָך גאָר יונג דערפילט דעם תהום צווישן דעם יידנטום אַלס רעליגיע און דעם יידנטום אַלס פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע אינסטיטוציע.

וואָס האָט אָבער ראָבערט געוווּסט פון יידישקייט? ביי זיין זיידן איז הויז האָט ער געהערט פון אַ חלום וועגן אַ „יידנשטאַט”, אַ מלוכה, וואָס דאַרף אויפגעבויט ווערן פון אַן אַלטן און ברעקלענדיקן מאַטעריאַל. זיין זיידע איז געווען אַן אינטואיטיווער ייד, אַ פּאָליטישער ייד, אָבער נישט קיין יידישקייט־ייד. פאַר אים איז דאָס יידנטום אַליין געווען אַ ירושה, וואָס האָט נישט מער קיין נשמה־ווערט. אין בעסטן פאַל — אַ צוגאָב צום פּאָליטישן אידעאַל, אָבער נישט קיין ווערט פאַר זיך.

דערפאַר האָט עס אים נישט געשטערט צו זיין אַן עכטער דייטש. ער האָט באַטראַכט דאָס יידנטום, ווי ניטשע האָט באַטראַכט דעם מענטש — אַלס אַ שטאַפּל, אַ מדרגה, וואָס מען מוז איבערווינדן. זיין שייכות איז געווען בלויז צו דעם וואָס זאָל זיין, אָבער נישט צו דעם וואָס איז.

אין דאָזיקן גייסט איז אויך דערצויגן געוואָרן ראָבערטס מוטער, וועלכע איז געווען אַ באַקטעריאָלאָגין, האָט געהאַט אַן אָנגעזעענע פּאָזיציע צווישן די וויסנשאַפטלער אויפן דאָזיקן געביט, האָט אַרויסגעגעבן צוויי וויכטיקע אַרבעטן. לויט ווי ראָבערט האָט זיך שפּעטער דערוווּסט האָט זי נישט געהאַט קיין שום סיבה צו שמדן זיך. נישט זי איז געווען אַ רעליגיעזע נאַטור און נישט זי האָט עס געדאַרפט צוליב קאַריערע, נאָר געטון האָט זי עס צוליב איר זון, וואָס איז פרי געבליבן אַ יתום, אָן אַ פאָטער. זי האָט אים דערצויגן אין שטרענג־רעליגיעזן גייסט, כאָטש זי האָט אַליין נישט געגלויבט אין דעם און לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן האָט זי אפילו געליטן פון דעם, פּונקט ווי פונעם אַנטיסע־מיטיזם פון דער סביבה.

אייביקע עקידה־פלאַמען

אַזוי איז דאָס לעבן: איינער מוז גיין צו דער עקידה. איז עס נישט דער זון, איז עס דער פאָטער, אויב איז עס די מוטער, ברענגט זי זיך אַליין אויף דער עקידה פאַר איר זון, אין וועלכן זי פּילט אַ גרויסן מענטש, וואָס וועט פאַרנעמען אַן אָנגעזעען אָרט צווישן דער הויכער אַריסטאָקראַטיע און כדי די יידישקייט זאָל אים נישט שטערן, פאַרווישט זי יעדן שפּור נאָך זיין פריער־דיקן אָפּשטאַם. ווען דער היטלעריזם נעמט ווילדעווען און מען נעמט זיך גריבלען אין די דאָקומענטן, געבורטשיינען פון יעדן וואָס פאַרנעמט עפּעס אַ פּאָזיציע, וואַרפט זי אַוועק איר פּאָסטן אין דער באַקטעריאָלאָגישער לאַבאָ־ראַטאָריע און גייט אַוועק אַרבעטן אַלס סאַניטאַרין אויף אַ שיף, באַקומט פריער אַרויס אַ צייגעניש, אַז איר קינד האָט דורכגעמאַכט אַן אָפּעראַציע, וואָס איז ענלעך צו ברית מילה, האָט אָבער נישט קיין שום שייכות צו יידישקייט. זי פעלשט פּרטים אין אירע דאָקומענטן און טוט די שמוציקסטע אַרבעטן אויף דער שיף, לאָזט נישט דערקענען קיין שפּור פון איר אינטעליגענץ און פּראָפע־סיאָנעלע קענטעניש.

פילנדיק, אַז עס ענדיקן זיך ביי איר די לעצטע כוחות, גיט זי ראָבערטן אַוועק צו אַ קינדערלאָז פּאָרפאָלק, וואָס אַדאָפּטירט אים, דערציט אים אין שטרענג־רעליגיעזן גייסט. דאָס קומט זיי נישט אָן שווער, ווייל אַזוי האָט אים אויך דערצויגן זיין מוטער. די נייע עלטערן האָבן זיך גאָר ווייניק געמאַכט פון זיינע שרייבערישע פעאיקייטן און אים געפירט אויף אַ מער פּראַקטישן וועג, געלאָזט אים שטודירן אויף אינזשיניער פון מאַשינען־בוי, געמיינט אפילו אויסצוואָרצלען פון אים זיין דראַנג צו שרייבן.

ראָבערט וואָלט מסתמא קיינמאָל זיך נישט דערוווּסט וועגן זיין יידישן אָפּשטאַם, ווען נישט דער מוטערס אַ שוועסטער, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַן ענלעכן וועג, מיטן אונטערשיד, וואָס זי האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַריער און איר איז געלונגען זיך צו ראַטעווען. זי האָט פונדערווייטנס זיך אינטערע־סירט מיטן גורל פון איר שוועסטער און איר טראַגישן סוף. בלייבנדיק אַליין אָן דעם קינד, האָט זי נישט פאַרלוירן דעם אינטערעס צום לעבן. פאַרקערט, זי האָט מיט נאָך מער עקשנות געוואָלט איבערהאַלטן און פונדערווייטנס זיך קענען פרייען מיט דער גרויסקייט פון איר זון. אָבער אויף דער שיף איז זי דערקענט געוואָרן דורך אַ פּראָפעסאָר, מיט וועלכן זי האָט צוזאַמען געאַרבעט. ער איז געווען אַ ליבעראַל און האָט איר פאַרזיכערט צו האַלטן דעם סוד און טון אַלץ, זי זאָל זיך קענען אומקערן צו איר אַרבעט אונטער אַן אַנדערן נאָמען. זי האָט זיך אָבער געשראָקן, אַז אויב מען וועט זי אַנטדעקן, וועט צעשטערט ווערן די קאַריערע פון איר זון, און דערפאַר איז זי באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אַריינ־שפּרינגענדיק אין צעשטורעמטן ים.

די שוועסטער האָט דעם סוד אָפּגעהיטן ביזן סוף און ערשט צוואַנציק יאָר נאָך דער מלחמה, ווען זי האָט שוין געהאַלטן ביים שטאַרבן, האָט זי גערופן דעם שרייבער, איר שוועסטערס זון, צו זיך און אים דערציילט דעם סוד פון זיין אָפּשטאַם.

צי האָט ראָבערט אייזינגער אויפסניי גענומען איבערטראַכטן די יידישע פראַגע? ער זאָגט, אַז ער האָט נאָך פריער באַנומען דעם טראַגיזם פון יידישן לעבן, די טראַגעדיע פון דער יידישער נשמה און האָט געטראַכט וועגן דער סודותדיקייט פון יידישן וועג פון בבל אָן, פון רות, פון איוב אָן. קיין שום פאָלק האָט נישט אַזוי פיל הייסקייט. אפילו זייער האַנדל, געשעפטן זענען דאָך נישט מער ווי אַרבעטסלוסט, האָרעוואַניע, זענען פעיק צו אידעען, תפילות, מוזיק, אָבער נישט צו... הערשאַפט. הערשן הייסט אונטעראָרדענען און דאָס מיינט ווילן, סיסטעם, קלאָרקייט איבער זיך אַליין. די דייטשן האָבן אין זיך דעם דאָזיקן אינסטינקט. זייער גאַנצע געשיכטע איז איין לאַנגער קאַמף פאַר הערשאַפט. יידנטום איז דער קעגנזאַץ. יידן האָבן אפילו די אייראָפּעאישע וועלט געפּרוווט אָנשטעקן מיט זייערע אַנטי־הערשאַפט־אידעען און פונדאַנען די אייביקע שנאה צו זיי.

מאוריצי לעווינסאָן געהער צו די אַ סך גאַליציאַנער ענגלישע שרייבער. דעם טאַטן געדענקט ער כמעט נישט, אָבער די מאַמע האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין זיין לעבן און שאַפן. „דאָס געוויין פון אַ יידישער מאַמע — זאָגט לעווינסאָן — איז נישט צו דערגרונטיקן. עס האָט אין זיך דעם ווייטיק פון אומגליקלעכסטע פרויען אין דער וועלט, דעם צער פון יידישן פאָלק". זי איז צוזאַמען מיט איר מאַן אַנטלאָפן פון אַ פּאָגראָם אין קישעניעוו, בחוסר כל, אָן געלט, האָבן זיי דורכגעוואַנדערט גאַנץ אייראָפּע, ביז זיי זענען אָנגעקומען קיין לאָנדאָן, ווו זי איז געבליבן אַן אלמנה, אַליין מיט פיר קינדער. עס האָט געהערשט אַ מוראדיקע אַרבעטסלאָזיקייט, אָבער זי האָט באַקומען אַרבעט, ווייל זי האָט דאָך געדאַרפט געבן עסן איר קינד. צוועלף שעה אין טאָג האָט זי געריסן קנעפּ פון זעלנערישע מונדירן און צוגענייט זיי צו ציווילע מלבושים. פאַר דער אַרבעט האָט זי באַקומען אינגאַנצן עטלעכע שילינג. איז זי אויפדערנאַכט, נאָך דער אַרבעט, געגאַנגען וואַשן פּאָדלאָגעס אין רייכע הייזער. פון די צוויי פונט, וואָס זי האָט פאַרדינט אַ וואָך, האָט זי פופצן שילינג געמוזט אַוועקגעבן פאַר דער דירה, און וועלכער די מייז האָבן אויפגעגעסן דאָס ברויט און אָפּגעביסן ביי די קינדער די אויערן.

אין פאַרצווייפלטע מינוטן האָט די מאַמע זיך געקריגט מיט גאָט, געהויבן צו אים די הענט און געשריגן, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין רעכט צוצונעמען ביי איר דעם מאַן, ווען זי איז אַלט געווען אינגאַנצן פיר און צוואַנציק יאָר. זי האָט געשוווירן, אַז זי וועט מער נישט חתונה האָבן ביז זי וועט אירע קינדער נישט אויסשטעלן פאַר מענטשן און חתונה מאַכן. אַליין האָט זי נישט געקענט לייענען, נישט שרייבן, אָבער די קינדער האָט זי געלערנט, אַוועקגעבן דעם לעצטן גראָשן פאַר שכר־לימוד. אַליין נישט דערעסן האָט זי פאַר די קינדער געקאָכט די געשמאַקסטע יידישע מאכלים. ווען לעווינסאָנס בוך „טעקסי" איז געוואָרן אַ בעסטסעלער, האָט אין אים אַלץ געוויינט פון צער, פאַרוואָס זיין מאַמע האָט נישט דערלעבט צו זען זיין גרויסן דערפאָלג.

„די הבטחה פון באַגינען"

די מוטער פונעם פראַנצויזישן שרייבער ראָמען גארי איז געווען אַ טאָכטער פון אַ יידישן זייגערמאַכער אין קורסק. זיין לעגאַלער פאָטער האָט געהייסן קצב. אָבער די מוטער האָט נישט געהאַלטן פאַר קיין סוד איר ליבע צום באַרימטן רוסישן אַקטיאָר מאָזשוכין, וועלכער פלעגט לאַנגע יאָרן באַגעגענען זיך מיט איר, געברענגט דעם יינגל מתנות און אַלע האָבן געזען זייער ענלעכקייט צו זיך. די מוטער אַליין איז געווען אַ דריטראַנגיקע אַקטריסע, פלעגט זיך אַרויסרייסן פון צייט צו צייט קיין פראַנקרייך. נאָך דער רעוואָלוציע האָט זי גענומען דעם זון און איז, אַ געגטע, מיט אים אַנטלאָפן קיין ווילנע, האָט געלעבט פון איבעראַרבעטן אַלטע קאַפעלושן אין פרעמדע שטובן. שפּעטער

האָט זי זיך דערשלאָגן צו אַן אייגענעם וואַרשטאַט און האָט זיך רעקלאַמירט ווי אַן אָפּטיילונג פון אַ באַרימטער פּאַריזער פירמע, נישט גערעכנט זיך מיט קיין עטיק. דער ציל האָט געהייליקט די מיטלען, און איר הייליקסטער ציל איז געווען: איר זון, דערציִען אים, בילדן און פּלאַסטערן דעם וועג צו אַ גלענצנדיקער קאַריערע.

פאַר איר זון איז זי געגאַנגען אין דער קירך, געצלמט זיך און געבעטן, נישט געקוקט דערויף, וואָס זי האָט געוווּסט, אַז זי איז אַ יידישע, אויך דעם קריסטלעכן גאָט, ער זאָל היטן איר זון. דער דאָזיקער קריסטלעכער מאָמענט, ווי אויך איר גאַנצער לעבנסשטייגער אין די פאַרשידענע לענדער, שטערן אויף קיין איין מינוט נישט דאָס געפיל, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ דורכאויס יידישע מאַמע, מיט דער גאַנצער יידישער וויטאַליטעט און ווונדערלעכן אויסדויער, פאַנטאַזיע און ענערגיע. זענען אירע חלומות און שטרעבונגען מקוים געוואָרן? ראָמען גאַריס גלענצנדיקע קאַריערע איז אַ פּאָזיטיווער ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע. ראָמען גאַרי איז דעקאָרירט געוואָרן מיט דער העכסטער מיליטערישער אויסצייכענונג דורכן גענעראַל דע גאָל, פאַר זיינע העלדישקייטן אויפן פראַנט און גרויסע פאַרדינסטן פאַרן פאָטערלאַנד אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. ער האָט דערפאַר באַקומען אויך דעם הויכן דיפּלאָמאַטישן פּאָסטן פון אַ גענעראַל־קאָנסול אין לאָס אַנדזשעלעס.

אין זיינע מעמואַרן דערציילט ער ווי ער האָט אין יאָר 1943 דעפּילירט פאַר דער ענגלישער קעניגין ווי אַ פראַנצויזישער לופט־אָפיציר מיט זיין לופט־אָפּטיילונג. די קעניגין האָט אים באַשאָנקען מיט באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט, איז צוגעגאַנגען צו אים, דערלאַנגט אים די האַנט און געפרעגט פון וועלכן טייל פראַנקרייך ער שטאַמט. ער האָט געענטפערט, אַז פון ניצע און גלייך צוגעגעבן, אַז ער האָט מיט זיין מוטער, אַלס קינד, געוווינט אין ווילנע אויף גרויס־פּאָהולאַנקע 16, וווּ עס וווינט אַ ייד מיטן נאָמען פּיעקעלני. דאָס האָט ער געטון צוליב אַ צוזאָג, וואָס ער האָט געגעבן זייער יידישן שכן, וואָס איז געווען איבערגענומען מיט זיין מאַמעס חלומות, אַז איר ראָמען וועט אויסוואַקסן אַ גרויסער מענטש. דער ייד האָט ביי אים געבעטן, אַז ווען ער וועט ווערן אַ וויכטיקער מענטש און שרייבן אין די צייטונגען, זאָל ער אויך דערמאָנען זיין נאָמען. ראָמען גאַרי גיט צו: „די קעניגין איז אַוועק אַ דערשטוינטע, אָבער איך האָב געהאַט אַ ריין געוויסן... שפּעטער האָב איך געהאַט נאָך געלעגנהייטן, אין עליזיי־פּאַלאַץ, אין אַמעריקאַנער ראַדיאָ און אויף דיפּלאָמאַטישע באַנקעטן, צו דערמאָנען יענעם שעמעוודיקן ייד, וואָס איז שפּעטער דורך די היטלעריסטן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין זייף".

רייך אין דערפאַרונגען, מיט אַ שטורמישער יוגנט, ווייסט ער אַ סך צו דערציילן סיי וועגן דעם וואַנזיניקן אַנטיסעמיטיזם אין אייראָפּע און סיי וועגן זיינע אייגענע אַוואַנטורעס אין די אַפריקאַנער פרייע סטעפּעס. ער האָט געפירט אַן אַוואַנטוריסטישע ליבע מיט אַ יונגער, שלאַנקער נעגערין, וואָס איז אַרומגעגאַנגען אין איר נאַטירלעכן חוה־קאָסטיום און נישט געהאַט די מינדעסטע אַנונג פון בושה. אין אַ געוויסן טאָג האָט זיך אויף איר קערפּער באַוויזן אַ פאַרדעכטיקטער פלעק און מען האָט זי אַוועקגעפירט אין אַ שפּיטאָל פאַר מצורעים.

אמת, אין „די הבטחה פון באַגינען" איז נאָך נישטאָ דעם שרייבערס פּער־זענלעכע שטעלונג צו וועלט־ענינים. ער איז אָבער דורכאויס יידיש לויטן געמיט, לויטן געפיל און אַפילו לויטן מענטשלעכן שטאָלץ. שפּעטער איז געקומען זיין דערציילונג „דאָס עלטסטע מעשהלע אין דער וועלט", אין וועלכער ר. גאַרי דערציילט וועגן אַ יידישן שניידער פון לאָדזש, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַלע שבעה מדורי גיהנום אין היטלעריסטישן טויטן־לאַגער און איז נאָך דער מלחמה אָנגע־קומען קיין באַליוויע, ווו ער האָט זיך באַגעגנט מיט אַ געוועזענעם ס.ס.־אָפיציר. אין אים איז געבליבן דער אייביקער פחד פאַר די דייטשן. ער איז זיכער, אַז די היטלעריסטן וועלן ווידער קומען צו דער מאַכט און ווייטער אָרגאַניזירן זייער יידן־געיעג ביזן לעצטן ייד. אין זיין וואַנזיניקייט דינט ער ווייטער דעם געוועזענעם ס.ס.־אָפיציר.

אַזוי זעט ראָמען גאַרי דעם ליידנדיקן ייד ביזן היינטיקן טאָג. ער אַליין האַלט זיך נאָך אַלץ פאַר מער פראַנצויז ווי ייד, אָבער גלייכצייטיק איז ער ביז לעצטנס געווען אויך אַ ליידנשאַפטלעכער קאָסמאָפּאָליט. אויך זיין קאָסמאָפּאָלי־טישקייט איז אַ יידישלעכע, איז אָפטמאָל דורכגעדרונגען מיט חוזק איבער די פאַרשידענע אידעאָלאָגישע אָפּגעטער, איז אָבער ווייט פון ניהיליזם. אומעטום קומט אַרויס זיין יידישע פילבאַרקייט און אייפערדיקע שטרעבונג צום אַבסאָלוטן אמת. עס קריצט זיך איין אין זכרון דער עפּיזאָד, וואָס האָט אויסגעזען צו האָבן אַ השפעה אויף זיין גאַנצן לעבן. ער איז געווען פון די ערשטע פאַראַשוטיסטן אויף דער פראַנצויזישער ערד, ווען זי איז נאָך געווען פאַרנומען דורך די היטלעריסטן און ער האָט דורך פאַרשידענע שליחים פון דער אונטערערד, געפּרוּווט זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט זיין מוטער. ווען ער קומט ענדלעך אָן קיין ניצע, דערוויסט ער זיך, אַז זיין מוטער לעבט שוין נישט מער ווי צוויי יאָר. דער דאָזיקער מאָמענט איז איינער פון די שטאַרקסטע איבערלעבענישן. ער האָט די גאַנצע צייט באַקומען רעגולער בריוו פון זיין מוטער. ערשט אָנקומענדיק קיין ניצע האָט זיך אַרויסגע־וויזן, אַז זיין מוטער האָט פאַרויסגעזען איר באַאָנטן טויט, אָנגעשריבן עטלעכע הונדערט בריוו, וועלכע זי האָט איבערגעשיקט צו איר פריינדין קיין שווייץ, בעטנדיק ביי איר, אַז נאָך איר טויט זאָל זי רעגולער אַרויסשיקן די בריוו צו איר זון, כדי ער זאָל דאָרט האָבן די אילוזיע, אַז זי לעבט.

זיין לעצט בוך טראָגט דעם נאָמען „דער טאַנץ פון דזשינגיס קאַהען". דזשינגיס קאַהען איז אַ ייד, וואָס איז דערמאָרדעט געוואָרן אין אַ היטלעריסטישן לאַגער דורך אַן ס. ס.־מאַן מיטן נאָמען שאַץ. עס איז אַוועק אַ צייט און דער זעלבער שאַץ איז אין דער נייער דייטשער רעפּובליק רעהאַביליטירט געוואָרן, איז געוואָרן אַ געטרייער באַאַמטער, אָבער די גאַנצע צייט פּייניקט אים עפּעס אַ מאָראַל, וואָס זעט אויס צו זיין אַ דיבוק פון יענעם דערמאָרדעטן ייד, וועלכער האָט אים דעמאָלט אויסגעזען צו זיין אַ קאָמישער טיפּ, אָבער איצט איז ער אין אים אַריין און גיט אים נישט קיין רו.

אין דאָזיקן בוך הערשט אַ מאָדנער כאַאָס. עס מישן זיך אויס יעזוס און מיקל אַנדזשעלאָ, וועלכע טרעפן זיך אין טאַהיטי, דאָרט דערשיינט אויך דע גאָל. די הויפּט העלדין, לילי, אַ קיצור פון לילית, אשמדאַיס ווייב, סימבאָליזירט אין

דאָזיקן בוך די מענטשהייט. זי איז אַלץ, וואָס מיר קענען אין אונדזער וועלט. פאַראַן אין איר אַריסטאָקראַטיע און שיינקייט, איידעלע ריטערלעכקייט און הפקרדיקע תאווה. זי איז דאָס רעטעניש פון אונדזער לעבן. אין די אויגן פון טויזנטער פאַרערער, פון מענטשן, וואָס קומען פון פאַרשידענע אידעאָלאָגיעס, זעט לילי אויס צו זיין אַ קאַלטע און גלייכגילטיקע צו אַלץ און אַלעמען. אין דער אמתן איז נישטאָ קיין איין זאַך, קיין איין דערשיינונג און קיין איין תאווה, וואָס לילי זאָל נישט האָבן אויסגעפּרוווט אין איר לעבן. מיר זעען דאָ די קראַפט פון רעליגיע און ליידנשאַפט. דעם פאַרנעם פון וויסנשאַפט און פסיכאָ־אַנאַליז, וואָס וויל זיך דערגראָבן צו די יסודות פון לעבן. לילי האָט אַלץ אויסגעפּרוווט, אָבער אַלץ, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין דערהויבן, הייליק און מיטרייסנדיק, איז פאַר־ניכטעט געוואָרן, געבערענגט צו רציחות און חורבן. אַזוי איז געשען מיט לילי׳ס יידישקייט. עס איז די וועלט פון באַרויבטן צלם אלוקים, פון שטיקנדיקן קלימאַט, אין וועלכן דער פאַרדאָרבענער אוניווערס גייט אויס אין גסיסה.

אונטער דער לאַסט פון געוויסן־פּיין

דער דערשינענער ראָמאַן מיטן פיל־זאָגנדיקן סימבאָלישן נאָמען „אַנט־שוויגענע פייגל״ פונעם אונגאַרישן שרייבער באַריס פּאַלאָטאַי איז אין דער אונגאַרישער נאָכמלחמהדיקער ליטעראַטור שוין נישט די ערשטע דערציילונג אויף דער טעמאַטיק פון יידישן אומקום. אין פילם, אין אינסצעניזירטע ראַדיאָ־אודיציעס, אין נאָוועלן, לידער, האָבן די אונגאַרישע שרייבער געפּרוווט אַרויס־ברענגען די אַטמאָספער פון מענטשלעכן עלנט און פאַרשעמונג, פון דער מענטשלעכער געפאַלנקייט און פאַרווילדונג פון יענער צייט, פון יענער מאַקאַברישער ווירקלעכקייט פון יידישן לעבן און אומקום אין אָקופּירטן אונגאַרן. אָבער אין איינקלאַנג מיט די טענדענצן פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם, וואָס הייסט געבן אַן „אָביעקטיווע״ אָפּשפּיגלונג פון דער ווירקלעכקייט אין איר וווקס און אַנטוויקלונג, זענען אַלע אונגאַרן געווען אין אָרדענונג, האָבן אַלץ געטון אויף צו ראַטעווען די פאַרפאָלגטע יידן. באַריס פּאַלאָטאַיס בייער ראָמאַן איז דער ערשטער פּרווו פון אַ חשבון הנפש מיטן אייגענעם געוויסן. צוואַנציק יאָר נאָך יענע אויסטערלישע געשעענישן לעבט פּאַלאָטאַי ווידער אויף די אַלע אומענדלעכע גרוילן און פּיינען פון יענע טעג און רופט דאָס אונגאַ־רישע פאָלק אַ קוק צו טון אין אייגענעם שפּיגל, זיך דערקענען און אַ ציטער טון, דערזעענדיק דאָס אייגענע פּרצוף.

די אַקציע קומט פאָר אין יאָר 1944, אין אַן אונגאַריש דאָטשע־שטעטל, וואָס ליגט אויף דער פּרעכטיקער אָזיערע באַלאַטאָן. דער העלד פון דעם ראָמאַן איז אַן אונגאַרישער שרייבער, וואָס זעט, אַז די בלוטיקע מלחמה דערנענטערט זיך שוין צום סוף און זוכט זיך אויס דאָס שיינע נאַטור־ווינקעלע, ווו ער מיינט צו פירן אַן אָפּגעזונדערט לעבן, ווייט פון פּאָליטישע פּראָבלעמען, פון יעדן מין קאַמף. אָבער דאָ באַגעגנט ער אַ יונג יידיש מיידל און עס ווערט געבוירן אַ

גרויסע און אײדעלע ליבע און איר דערהויבן געזאַנג גיסט זיך צוזאַמען מיטן אומגעשטילטן דורשט נאָך לעבן פון צוויי יונגע הייסע הערצער.

דאָס מיידל געפינט זיך אונטער דער דויערנדיקער שרעק פאַרן טויט, וואָס דראָט איר מצד די היטלעריסטן און די אונגאַרישע מיטהעלפער. די געפאַר דראָט אויך איר אַרישן געליבטן, דעם יונגן שרייבער. טויזנט אויגן האָט דער שונא, טויזנטער מחבלים טרייבן זיך אַרום פון פאַרטאָגס ביז שפעט אין דער נאַכט אַריין, לויערן אויפן יידישן קרבן אים אומצוברענגען. דער מחבר פירט אונדז אַריין אין די שוואַרצע אָפּגרונטן פון רויען אינסטינקט און ווי אַ פיינער פסיכאָלאָג באַקענט ער אונדז מיט אָן אַ שיעור כאַראַקטערן סיי פון די אונגאַרישע סאַדיסטן, סיי פון סתם קליינע מענטשעלעך, ביי וועלכע דער פערזענלעכער אינטערעס פאַרטונקלט אַלע מענטשלעכע ווערטן. דער הויפּט־העלד, דער יונגער שרייבער מיטן נאָמען נאַדאַי, ווערט אַליין אויך געשטעלט פאַרן נסיון: צי וועט ער האָבן גענוג גייסטיקן און מאָראַלישן כוח אויסצוהאַלטן די געפאַר, אין וועלכער ער אנגאזשירט זיך ווענלדיק אָפּראַטעווען דאָס מיידל פון טויט!

נאַדאַי איז דעם נסיון בייגעשטאַנען. ער לאָזט זיך זוכן פאַר איר אַרישע דאָקומענטן, אָרדנט איין אַ באַהעלטעניש. די אומשטענדן האָבן פון אים נישט געפאָדערט קיין אידעאישע העלדישקייט. אין גרונט גענומען האַנדלט ער די גאַנצע צייט אין אייגענעם נאָמען, איז אַ שותף צו די געפאַרן. אָבער אין די מינוטן, וואָס ער בלייבט אַליין מיט זיך, גיט ער זיך אָפּ אַ חשבון, אַז ער איז נישט מסוגל צו דערהויבן זיך צום העלדישן טאַט, וואָס שטייגט איבער די קאָנווענציאָנעלע פּרוון צו באַרואיקן דאָס געוויסן.

די קאַטאַסטראָפע איז אומפאַרמיידלעך, דאָס געיעג פון די מחבלים נאָך זייער קרבן ווערט מיט יעדן טאָג פאַרביסענער. נאַדאַי, אַנשטאָט צו מאַכן די העלדישע אָנשטרענגונג, באַרואיקט זיין געוויסן: „איך האָב אַלץ געטון, אויסגענוצט אַלע מעגלעכקייטן“. מאָמענטנווייז וועקן זיך אין אים די טראַכטעגישן: „ווי לייכט מיר לאָזן זיך איינרעדן, אַז מיר קענען מער גאָרנישט טון, אַז מיר זענען אומבאַהאָלפן אנטקעגן דער שרעקלעכער מאַשין, וואָס שלינגט אונדז איין אינגאַנצן, אַז עס איז אוממעגלעך צו קעמפן“.

נאַדאַי געפינט דערצו מאָטיוון פון אַ פאַרפלאָנטערטער פילאָזאָפיע, זשאָנגלירט מיט אינטעלעקטועלער אַקראָבאַטיק. ער האָט נישט מיטגעאַרבעט מיט די אונגאַרישע פאַשיסטן, האָט זיך באַמיט צו ראַטעווען דאָס יידישע מיידל. וואָס קען טון איין מענטש קעגן אַזאַ מעכטיקער און גרויזאַמער מאַשין?

ער לאָזט נישט צו צו זיך דעם רעאַלן אמת, אַז עס איז נאָך געבליבן אַ שאַנס אָפּצוראַטעווען דאָס יידישע מיידל, די שאַנס פון העראָאישן אנגאזשירן זיך. פונקט אַזוי לאָזט ער נישט צו אַז דער געדאַנק זאָל אויפעפענען אין דער פולער טיף זיין עגאָאיסטישן כאַראַקטער. דאָס איז נישט באַקוועם. געוויסנס־ביסן האָבן אַ טבע אויסצונאָגן דעם מאַרך און שטערן צום לעבן, וואָס איז נישט געקוקט אויפן גאַנצן שוידער, נישט נמאס געוואָרן, פאַרקערט, נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם דראַנג, דעם ווילן און כוח אויסצוהאַלטן.

ערשט נאָך צוואַנציק יאָר, ווען נאַדאַי געפֿינט זיך ווידער אין דעם פּרעכטיקן אָפּרו־אָרט אויף דער באַלאַטאָן־אָזיערע, לעבט ווידער אויף אין אים דער גאַנצער קאָשמאַר פֿון יענע טעג, די גרויליקע געשעענישן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין דאָזיקן שיינעם ווינקעלע. ער הערט דאָס נישט־דערשריגענע קול פֿון דעם פֿאַרפּייניקטן מיידל, וואָס האָט זיך אים איבערגעגעבן מיט אַזוי פֿיל צוטרוי און גלויבן אין זיין מענטשלעכן געוויסן. איצט נעמט עס אים פּייניקן. פֿון יענעם תהום, וואָס רופֿט זיך מענטשלעכע נשמה, נעמען אויפֿטויכן זיינע עמפּינדונגען צעגלידערטערהייט און ער זעט קלאָר דעם גרויסן ליגן, וואָס ער האָט זיך געוואָלט איינרעדן, אַז ער האָט אַלץ געטון פֿאַרן אָפּראַטעווען דאָס יידישע מיידל. עס איז געווען צביעות און פּחדנות, די ספּעציפֿישע שטריכן פֿון יענעם גאַנצן דור אונגאַרישע אינטעליגענטן, וואָס טראָגן דעם שאַנד־פֿלעק אויפֿן אייגענעם געוויסן.

פֿאַרקערפּערנדיק דאָס אַלץ אין דער קאָנקרעטער געשטאַלט פֿון יונגן אונגאַרישן שרייבער נאַדאַי, האָט דאָס פֿאַרברעכן און פּחדנות אויפֿגעהערט צו זיין אַנאָנים און דער רוף צו חשבון הנפש האָט געפֿונען זיין אַדרעס. נישט בלויז די בלוטיקע שונאים און סאַדיסטן זענען שולדיק, עס קענען זיך אויך נישט אָפּוואַשן די הענט די אַלע, וואָס זענען געשטאַנען מיט פֿאַרלייגטע הענט און מיט פּאַסיווער סבלנות צוגעקוקט זיך צו די שוידערלעכסטע פּיין און אומקום פֿון יידישן פֿאָלק.

נסתּר און נגלה אין יידישן גורל

סטאַניסלאַוו וויגאָדסקי, דער יידיש־פּוילישער שרייבער, וועלכער איז צוזאַמען מיט זיין משפּחה געקומען זיך באַזעצן אין ישׂראל, האָט קיינמאָל נישט געהערט צו יענע, וואָס האָבן פֿאַרלייקנט זייער יידישן אָפּשטאַם און זענען געוואָרן פּאָליאַקן דורכן אָנווער פֿון יידישקייט און פֿאַראַט צו זייער אייגענער מענטשלעכער גאַנצקייט און עכטקייט. ער איז תּמיד געווען מער ייד ווי פּאָליאַק, איז געווען באַקאַנט אַלס איבערזעצער פֿון יידישע פּראָזאַיקער. חוץ שלום עליכמען און שלום אַשן האָט ער אויך איבערזעצט קאַגאַנאָווסקין, בערגעלסאָנען א. א. ווען עס איז אַמאָל געשטאַנען די פֿראַגע פֿון אַ קינסטלערישן לייטער פֿאַרן יידישן מלוכה־טעאַטער, האָט וויגאָדסקיס קאַנדידאַטור געהאַט אַ סך אָנהענגער צווישן די יידישע קולטור־טוער. אָבער מער פֿון אַלעם איז זיין יידישקייט געקומען צום אויסדרוק אין דער טעמאַטיק פֿון זיינע שאַפֿונגען, וואָס זענען איבערגעזעצט און פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין אַ סך שפּראַכן.

עס איז מאָדנע, וואָס דווקא אויף יידיש איז וויגאָדסקי צום ווייניקסטן איבערגעזעצט געוואָרן, אַפֿילו ווייניקער ווי אויף יאַפּאַניש, און דאָס נישט געקוקט דערויף, וואָס די מיסטעריע פֿון יידישן גורל, די צרות און רדיפֿות, פֿאַרנעמען אַזאַ גרויס אָרט אין זיין פּראָזע ווי אין זיין פּאָעזיע און ער אַליין האָט קיינמאָל נישט געפֿירט, ווי אַנדערע יידיש־פּוילישע שרייבער, קיין געראַנגל מיט זיין

יידישקייט און נישט געגאַרט זיך אָפּצורייסן פון איר, כאָטש ער איז ווי אַ קאָמוניסט און פוילישער שרייבער געווען פאַרקאָכט אין פוילישקייט, געזוכט אַרויסצוברענגען די שיינע מענטשן צווישן דער פוילישער באַפעלקערונג; אַזעלכע, וואָס האָבן אין דער פאַרסמטער אַטמאָספער פון שנאה און רציחה אָפּגעהיטן זייער מענטשלעכע געשטאַלט, ווי די העלדן פון זיין „קאָנצערט לויט אייער פאַרלאַנג", פּראַנציעשעק, וואָס האָט פאַר דעם געיאָגטן הערש־פּנחס געפונען אַ וווינונג און אויסבאַהאַלטן אים פון דער דייטשער געסטאַפּאָ, איינשטעלנדיק דאָס אייגענע לעבן; אָדער די פרוי פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, אַ פרומע קריסטין, וואָס מיינט, אַז מיט איר אויסבאַהאַלטן דעם ייד באַגייט זי אַ זינד קעגן יעזוסן און דאָך לאָזט זי זיך מיטרייסן מיטן טיף־מענטשלעכן אימפּולס פון אַ פּשוטער פרוי. זי איז זיך מתוודה פאַרן קשיאָנדז טושינסקי און ער זאָגט איר: „דאָס איז נישט קיין שום זינד, פון וועלכער מען דאַרף זיך מתוודה זיין. דערפאַר וועט דער האַר יעזוס דיך באַלוינען, און זיי זיך מער נישט מתוודה דערפון, ווייל דאָ, אויף מיין אָרט, וואָלט געקענט זיצן אַ דייטש און דער וואָלט אייך ביידע אויסגעגעבן".

ווען דער פערצן־יאָריקער בחור פּייוויש, איינער פון די ייִנגלעך פון „בריאות", וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין מיסט־קאַסטנס, אין הינטישע בודעס, ווערט אויסגעגעבן דורך אַ פוילישן שמאַלצאָווניק און די דייטשן האָבן אים דערשאָסן, האָט דער קשיאָנדז טושינסקי זונטיק געזאָגט פון דער אַמבאָנע: „געדענק, דו לאָבוז, דאָס וועט דיר נישט זיין געשענקט. דו ביזט דאָ צווישן אונדז, דו קומסט צו אונדזער האַר, צו יעזוס קריסטוס, וועלכער האָט אויסגעקויפט די פּיין פון דער וועלט, און דערנאָך גייסטו אַרויס פונדאַנען און גיסט איבער מענטשן אין די הענט פון שונא?"

דורכגענומען מיט ליבשאַפט צו די דאָזיקע פוילישע געשטאַלטן גיט ער אין מויל פון זיין הויפּט־העלד, הערש פּנחס, די ווערטער: „איר מיינט, אַז דאָס איז דרייסטקייט? דערויף זענען נישטאָ קיין ווערטער. ווייל איר מוזט וויסן, אַז אין קאָשטשיאָל זענען געווען נישט בלויז פּאַליאַקן. דאָרט זענען געווען אויך פאָלקס־דייטשן, פאַרשידענע שפּיצלעס, שמאַלצאָווניקעס, און דער קשיאָנדז טושינסקי האָט ריזיקירט מיט זיין קאָפּ, און דאָס איז וויכטיקער דערפון, וואָס ער האָט מיר צוגעשיקט געלט און פּעקלעך. ער האָט נישט געקענט הערש־פּנחסן, ער האָט אַפילו נישט געפרעגט אויף מיין נאָמען".

דער גלויבן אין פוילישן מענטש שלאָגט אין וויגאָדסקיס אַלע דערציילונגען. סיי ווען דער העלד איז אַ קאָמוניסט, אַ געערודפטער דורך דער פּאָליציי און סיי ווען ער איז אַ פּשוטער ייד, געיאָגט פון טויט־געפאַרן. שטענדיק טרעפן זיי זיך אָן אויף פוילישע מענטשן מיט גרויסע הערצער, וואָס זענען גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר אָפּראַטעווען אַ מענטשלעך לעבן.

וויגאָדסקיס נאָוועלן און דערציילונגען זענען איבערזעצט געוואָרן אויף רוסיש און ענגליש, אויף יאַפּאַניש, כינעזיש און קאָרעאַניש, אויף רומעניש, טשעכיש, אונגאַריש, דעניש און נאָך אַנדערע שפּראַכן. קען זיין, אַז דאָס יידישע פּראָבלעם, די טעמע פון אייביק־געערודפטן האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט. אָבער דאָס איז נאָר אַן אויף־פאַקטאָר. פריער פון אַלעם האָט מען אין וויגאָדסקין

געזען איינעם פון די אָנגעזעענסטע פוילישע שרייבער, פאָרשטייער פון דער ליטעראַטור אין נייעם פוילן און אַלס אַזעלכער האָט ער אַליין אויך געוואָלט זיך פילן און דאָך האָט די פוילישע קריטיק געזען אין זיינע שאַפונגען דעם אויסדרוק פון האַרטער און שטומער איינזאַמקייט, יאוש און האָפענונגסלאָזיקייט, וואָס זענען נישט אייגן דער נייער צייט און נישט דעם מהות פון פוילישן ווידערגעבורט אין די סאָציאַליסטישע באַדינגונגען. עס האָט געטראָפן, אַז דער פריינדלעכער לויב און דער קניפּ אין באַק האָבן פונקט אַזוי געמינערט פון דעם יידישן שרייבערס פוילישקייט ווי אַ גראָבער אַנטיסעמיטישער אָנפאַל און מעגלעך, אַז עס האָט אים נישט איין מאָל מער צערודערט און באַליידיקט ווי דאָס וואָרט פון שנאה און פאַראַכטונג. נישט איין מאָל זענען מיר געווען עדות ווי די פריינדלעכקייט פון דער קריטיק צו די שאַפונגען פון יידיש־פוילישע שרייבער, דיכטער, טעאַטער־ און פילם־רעזשיסערן האָבן געטראָפן ווי גיפטיקע פיילן אין דעם פינטעלע פון זייער מענטשלעכער ווירדע, האָט געמינערט זייער מענטשלעכע חשיבות. ערגעץ־ווו האָבן זיי דערפילט, אַז הינטער די לויב־ווערטער שטייט אַ פריקרע טאָלעראַנץ צו זייער פוילישקייט און אַ פיינפולע דערמאָנונג אין זייער יידישקייט.

אין וויגאָדסקיס ליטעראַרישן באַגאַזש זענען פאַראַן צוואַנציק בענדער נאָוועלן און דערציילונגען, סצענאַרן פאַר ראַדיאָ און טעלעוויזיע, וועלכע זענען געוויזן געוואָרן אויך אין אַנדערע לענדער. דער טעלעוויזיע־פילם „אַ שוואַרץ קלייד", וואָס איז אינסצעניזירט געוואָרן פון זיין דערציילונג, איז אין דער רעאַליזאַציע פון אידאַ קאַמינסקאַ און אַלעקסאַנדראַ סלאָנסקאַ אויסגעצייכנט געוואָרן מיט אַ הויכן פרייז אויפן אינטערנאַציאָנאַלן פעסטיוואַל אין טשעכאָסלאָוואַקיע. ער איז אויך אייניקע מאָל אויסגעצייכנט געוואָרן אין פוילן. אין מאָסקווע האָט דער באַקאַנטער קאָמפּאָזיטאָר ווייַנבערג געשאַפן אַ קאַנטאַטע פון זיין „געדענק־בוך פון ליבע", וואָס שלמה מיכאָעלס טאָכטער האָט איבערגעזעצט אויף רוסיש. זיין דערפאָלג איז געפלאָסן פון אַלע זייטן. ער האָט אויך פאַרנומען אַ וויכטיקע פּאָזיציע אין פוילישן ראַדיאָ און דאָך האָט ער געמוזט פילן, אַז ער איז אַ פוילישער שרייבער נישט בחסד עליון, נאָר בחסד אביון. ער האָט עס געפילט נישט בלויז מצד זיינע קריטיקער, נאָר אויך מצד זיינע חברים, מיט וועלכע ער איז צוזאַמען געזעסן אין תפיסה פאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט און האָט זיך געוואָלט איינרעדן, אַז אין קאַמף פאַר גערעכטיקייט און קעגן אונטערדריקונג און אויסנוצעריי פאַרשווינדן אַלע מחיצות און ראַסן־פאָראורטיילן.

מאַריאַ דאָמבראָווסקאַ

איינע פון די מערקווירדיקסטע פערזענלעכקייטן פון אונדזער צייט. זי איז געווען נישט בלויז די גרעסטע היינטצייטיקע פוילישע שרייבערין, נאָר האָט אויך אויף אַ ווונדערבאַרן אופן פאַראייניקט אין זיך אַלע די מעלות פון אַ גרויסן מענטש און גייסטרייכער קינסטלערין. אירע ווערק, וואָס ווערן געצײלט אין די צענדליקער בענדער, געמען אַרום פאַרשידענע צווייגן פון דער

קולטור. זי איז געווען גלייכצייטיק ראָמאַניסטין און דראַמאַטורגין, דענקערין און פּובליציסטין, קונסט־קריטיקערין און רעפּאָרטאַזשיסטין, און שטענדיק פּאַרט זיך אין אירע ווערק דאָס אוניווערסאַלע, דאָס אַלמענטשלעכע מיט די איבערלעבענישן פֿונעם פּרט, פֿונעם יחיד אין טאָג־טעגלעכן לעבן. שטייענדיק מיט אַ קאָפּ העכער פֿון די שרייבער פֿון איר דור אין דער פּוילישער ליטעראַטור, האָט זי זיך אויפֿגעהויבן צו דער הויך פֿון די גרויסע שרייבער אין דער וועלט־ליטעראַטור.

מאַריאַ דאָמבראָווסקאַ האָט אָנגעשריבן איבער הונדערט קלענערע און גרעסערע נאָוועלן, חוץ דראַמעס, עסייען און פּובליציסטישע אַרבעטן, דאָך איז זי אַריין אין דער ליטעראַטור אַלס עסטעטיקערין. איר קרוין־ווערק, וואָס האָט איר פֿאַרשאַפֿט וועלט־רום און איז איבערגעזעצט געוואָרן אין אַ סך שפּראַכן, איז „נעכט און טעג". דער דאָזיקער ראָמאַן איז געשטעלט געוואָרן אין איין ריי מיט די באַרימטע דערציילונגען וועגן די דייטשע בודענבראָקס און ענגלישע פֿאָרסיטן. פּונקט ווי טאָמאַס מאַן און גאַלסוואָרטי האָט אויך דאָמבראָווסקאַ אויפֿן יסוד פֿון צוויי דורות לעבן פֿון איין משפּחה באַמיט זיך צו געבן דאָס בילד פֿון אַ געוויסן עטאַפּ אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער געזעלשאַפֿט. אונטער־שטרייכנדיק דעם מאָמענט פֿון אונטערגאַנג, פֿון צעפֿאַלן זיך פֿון דער משפּחה ביים סוף פֿון אַ געשיכטלעכער ערע.

שוין די דאָזיקע בענדער פֿון דער דאָזיקער עפּאָפּייע, וואָס זענען דערשינען אין 1932, זענען געווען אַ גרויס קולטור־געשעעניש און האָבן אָנגעזאָגט דעם אויפֿקום פֿון גרויסער עפּיק, וואָס די פּוילישע ליטעראַטור האָט נישט געהאַט זינט די צייטן פֿון באָלעסלאַוו פּרוס. נעכט און טעג האָבן איבעראַשט מיט דער נייקייט נישט געקוקט דערויף, וואָס די שאַפֿונג האָט אָנגעבונדן צו די קינסטלע־רישע טראַדיציעס פֿון פֿריערדיקע גרויסע ווערק און די שרייבערין האָט זיך באַנוצט מיט דער קאָנווענץ פֿון דער גרויסער קלאַסישער פּראָזע. דאָס דאָזיקע ווערק געהער צו יענעם מין אויסגעצייכנטער פּראָזע, וואָס איר סוגעסטיווע קראַפֿט איז אַזוי שטאַרק, אַז מיר קומען אין אינמיטן קאָנטאַקט נישט נאָר מיט דער רייכער גאַלעריע העלדן, נישט נאָר מיט די קאָנקרעטע געדאַנקען און שטימונגען, נאָר מיט זייער גאַנצן פֿאָלק און לאַנד, מיט די אינטימסטע געדאַנקען און געפֿילן פֿונעם פֿאָלק. אפֿילו דער וואָס איז קיינמאָל נישט געווען אין פּוילן, וועט ביים לייענען מאַריאַ דאָמבראָווסקאָס דערציילונגען זיין איבערצייגט, אַז ער האָט דערקענט פּוילן און דאָס פּוילישע פֿאָלק ביז די פֿאַרוואָרפֿנסטע ווינקע־לעך, ביז די אינטימסטע שפּירונגען. נישט בלויז דערפֿאַר, ווייל זי דערציילט אַזויפֿיל גענויע פּרטים פֿון פּוילישן לעבן, נאָר בעיקר דערפֿאַר וואָס זי געפֿינט דעם געהיימען פּונקט, וואָס אַז מען רירט אים אָן, עפֿנט זיך פֿאַר אייך די ברייטסטע פּאַנאָראַמע.

אין נעכט און טעג שאַפֿן מענטשן געשיכטע, אָבער די שרייבערין איז מער פֿאַראינטערעסירט אין דער גרויער אַלטעגלעכקייט פֿון די דאָזיקע העלדן. די רעוואָלוציאָנערע קריטיק האָט דעמאָלט אַרויסגערוקט צו איר טענות, פֿאַרוואָס זי דערציילט נישט דעם אַנדערן טייל אמת וועגן מענטש, דעם אמת וועגן זיין

הערױזם, די סודות פונעם מענטשנס פֿאַרבאָרגענע מעגלעכקייטן, װאָס װערן איינגעשלאָפֿן אינעם לויף פֿון זײַן נאָרמאַלער עקזיסטענץ; מען האָט איר פֿאַר־געװאָרפֿן אידילישע באַפֿאַרבונג פֿון די באַציאונגען צװישן פּריץ און פּויער. דער טעות פֿון די דאָזיקע קריטיקער איז באַשטאַנען אין דעם, װאָס זיי האָבן נישט געזען, אַז די געשטאַלטן זײַנען געבליבן הערױש אין דעם זין, װאָס זיי זײַנען דורך דער שרײַבערין געשאַפֿן געװאָרן דורך די אַלגעמיין־מענטשלעכע פּרינציפּן, װעלכע מען קען געפֿינען אומעטום װוּ מענטשן באַזינגען זייערע באַליבטע געשטאַלטן.

אָבער אַ פֿאַקט איז, אַז נישט געקוקט דערויף, װאָס אידעאיש איז מאַריאַ דאָמבראָװסקאַ אין אַ געװיסן זין פֿאַרויסגעגאַנגען די װעלט־אָנשױאונג פֿון אירע העלדן, איז זי אָבער מיטן האַרץ געװען פֿאַרבונדן מיט דער שלאַכטע, מיט דער קאַליניצקער לאַנדשאַפֿט, װעמענס פּראַכט זי האָט אַזױ ליריש געמאָלן. מען זעט דײַטלעך, אַז מיט די געשילדערטע געשטאַלטן בינדט זי אַן אינערלעכע קרובהשאַפֿט און בעתן שילדערן זיי האָט זי נישט געװאָלט קינסטלעך זיי פֿאַר־שענערן, נאָר געהאַט די קינסטלערישע אַמביציע אױפֿצודעקן די טיפֿסטע שיכטן פֿון זייערע כאַראַקטערס. זי האָט געקענט קוקן אויף אירע העלדן אַזױ פֿילזײַטיק, דורך אַזױפֿיל טיף־באַנומענע אַספּעקטן, אַז צוליב דעם אַליין פֿאַר־נעמט זי שױן אַ ספּעציעל און באַזונדער אָרט אין דער מאָדערנער פּױלישער פּראָזע. די דאָזיקע אױסגעצייכנטע עפּישע דערציילונג איז געבוירן געװאָרן נישט אין דער פּאַסיע פֿון סוביעקטיװן אַרױסטרעטן קעגן דער אייגענער סביבה, נאָר פֿון דער גליאיקער בענקשאַפֿט נאָך דער אינערלעכער רײַכקייט און שטימונגס־פֿולקייט פֿון דער פֿאַרגאַנגענער װעלט און דאָס האָט געלייגט דעם חותם אויפֿן גאַנצן װערק.

די דאָזיקע דערציילונג נעמט אַרום מער װייניקער אַזאַ צײַט־אָפּשניט װי גאַלסװאָרטיס „סאַגע פֿון דער פֿאָרסײַטן־משפּחה". אָבער אין דער צײַט, װאָס גאַלסװאָרטיס װיקטאָריאַנישע באַנקירן טרעפֿן מיר אין זייער גאַנצער גרױסקייט און זייער רעזיגנאַציע פֿון רום קומט ערשט שפּעטער, זעען מיר דאָמבראָװסקאָס באַגומיל שױן ביים פּרוּװן איינהאַלטן די ירידה פֿון דער שלאַכטע דורך גענױג שלימזלדיקן צופּאַסן זיך צו די נײַע באַדינגונגען. שױן אין אָנהױב פֿון דער דערציילונג איז גאָרנישט געבליבן פֿון זײַן פֿאַרמעגן און נישט פֿון דער דראַ־בערישער ענערגיע פֿון װאָקולסקי אָדער פּאָלאַניעצקי. די ירידה באַשטייט אָבער נישט אין מאַטעריעלן פֿאַלן, נאָר גיכער אין דעם בהדרגהדיקן אָפּלעבן פֿון געװיסע געזעלשאַפֿטלעכע כאַראַקטער־שטריכן, װאָס האָבן דער משפּחה געגעבן איר טיפּישע באַדײַטונג. דער סוחר פֿאַרלירט נישט זײַן פֿאַרמעגן, נאָר די אונטערנעמערישע דעראַבערישקייט, קען אפֿילו זײַן סימפּאַטיש און פּאָזיטיװ, איז שױן אָבער נישט דער טיפּ, װאָס פֿאַרקערפּערט אַן עפּאָכע.

נעכט און טעג געהער צו דעם טיפּ עפּישע ראָמאַנען, װאָס פֿירן דורך אַ חשבון מיט דער גאָרװאָס־פֿאַרשװוּנדענער עפּאָכע, מיט װעלכער די שרײַבערין האָט זיך געפֿילט אינערלעך פֿאַרבונדן, איז געװען אין איר פּערזענלעך אָנגאַ־זשירט. די װאָרצלען פֿון דאָמבראָװסקאָס דערציילונג גרייכן דעם פּױלישן

יאַנואַר־אויפֿשטאַנד פֿון יאָר 1863. דער הויפּט־העלד באָגומיל ניעכטשיץ נעמט אָנטייל אינעם אויפֿשטאַנד און דאָס איז משפּיע אויף זיין ווייטערדיקן לעבן. מיר זעען דאָ די פֿאַרוואַנדלונג פֿון דער פּוילישער שלאַכטע אין בירגערטום, וואָס זוכט צו געפֿינען זיך אַן אָרט אין די ראַמען פֿון דער צאַרישער אימפּעריע. אַ מיטל, וואָס האָט געפֿירט צום דאָזיקן ציל איז געווען פֿון איין זייט דאָס אָנהאַלטן די גיטער און איינפֿירן מאָדערנעווירטשאַפֿטס־מעטאָדן און פֿון דער צווייטער זייט — דאָס אויפֿשטעלן פֿאַבריקן און פֿירן אַ האַנדלס־טעטיקייט. די אָנפֿירנדיקע קרייזן פֿון דער פּוילישער געזעלשאַפֿט האָט שלום געמאַכט מיט דער רוסישער אָקופּאַציע, נישט געבונטעוועט זיך, אָבער דאָך זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן טיף אין דער נשמה אָפּגעהיטן די אידעע פֿון אַן אומאָפּהענגיקער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ. באָגומיל געהערט צו די ווערטפֿולע יחידים, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן פֿאַראַכטונג יענע, וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט מיט די רוסישע אָקופּאַנטן.

פֿון דער דערציילונג, פּונקט ווי פֿון די אַנדערע בעלעטריסטישע און קריטישע אַרבעטן עמאַנירט די טיפֿע פֿאַרבינדונג פֿונעם מענטש מיטן לעבן, מיט גרויסע אידעאַלן ווי מיט קליינע טאָג־טעגלעכע ענינים. חוץ די אידעאַלן, נאָך וועלכע עס בענקט באַרבאַראַ, זענען פֿאַראַן אַ סך קליינע און קליינלעכע זאַכן, אין וועלכע מענטשן געפֿינען זייער לעבנס־זין און דערפֿאַר אָטעמט דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן מיט דער ריינער לופֿט פֿון העראָישע האַנדלונגען.

אַן מאָראַלישן קאָמפּאַס

ווייט פֿון דויערנדיקייט זענען די ווערק, וואָס דעראָבערן אין די לעצטע יאָרן דעם ביכער־מאַרק. גאָר אָפֿט איז אין זיי פֿאַראַן דאָס פֿאַרקערטע, וואָס מיר פֿאָדערן פֿון ליטעראַטור. אַנשטאָט אמת און שיינקייט זענען די ביכער פֿול מיט פֿאַנטאַסטישע שקרים, פֿאַרגעשטעלט ווי טאָג־טעגלעכעווירקלעכקייט.

קאַלין ווילסאָנס דערפֿאָלג מיט זיינע ניטשעאַנישע העלדן, וואָס מאָרדן און זייען אַרום זיך חורבן און דעגענערירטקייט, האָט אָנגעגליט די געמיטער פֿון אַ ריי אַנדערע יונגע ענגלישע שרייבער און זיי האָבן, הגם אַן דעם טויט־און מאָרד־מיסטיציזם, גענומען שילדערן טיפּן פֿון רשעותדיקע מענער, וואָס שלאָגן זייערע ווייבער עטלעכע מאָל אין טאָג, ברענגען זיך אַהיים פּראָסטיטוטקעס, מיט וועלכע זיי פּראַווען אָרגיעס אין קעגנוואַרט פֿון זייערע פֿרויען. נישט געקוקט דערויף, וואָס זיי האָבן אין זייערע ראָמאַנען זיך פֿאַרפּלאָנטערט אין אַ מישמאַש פֿון סטילן, איז זיי דאָך געלונגען צו באַהערשן דעם מאַרק און פֿאַרנעמען פּאָזיציעס אין די אָנגעזעענע פֿאַרלאַגן.

איצט האָט זיי דער ביזנעס־אינסטינקט אונטערגעזאָגט, אַז מען דאַרף מאַכן קליינע איבעררייסן און נעמען זיך צו אַנדערע טיפּן, אויך אַזעלכע, וואָס האָבן פֿאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיטן אַרום, אָבער לאָזן זיך אַפּאַטיש פֿירן פֿונעם

גורל. עס איז דער זעלבער שאָטן־שפּיל, די זעלבע שוואַרצע פלעקן, נאָר אָנשטאָט צעפּיבערטע ליידנשאַפטן — געשלעכטלעכע בלאַנדזשענישן אין תּהו ובֹהו פון שיכּרות; אָנשטאָט קאַמף — בלאַסער געראנגל פאַר נעבעכדיקער עקזיסטענץ, וואָרום קאַמף איז גלויבן, און זייערע העלדן גלויבן נישט, נישט דערפאַר ווייל זיי זענען אַזעלכע קלוגע סקעפּטיקער, נאָר פּשוט דורך דער טעמפּער און שווערער אַטמאָספער, מיט וועלכער די יונגע מחברים רינגלען זיי אַרום און שליסן אויס פאַר זיי יעדע מעגלעכקייט פון גלויבן אין אַ שענער לעבן.

צו די דאָזיקע ביכער געהערן „דער מזלדיקער דזשים" פון קינגסלעי עמיס און „לאָז זיך שנעל אַראָפּ" פון דזשאָן ווין, וועלכע זענען גיך דערשינען אין העברעאישער איבערזעצונג און אַרויסגעגעבן דורך „ספרית הפּועלים" און „עם עובד". ביידע ראָמאַנען זענען אָנגעשריבן כּמעט אין איין צייט, די פאָן, דער קאָלאָריט און אפילו די אַקציעס זענען ענלעך צו זיך. די זעלבע טיפּן, וואָס מען באַגעגנט אין די פילמען פון דער נייער כוואַליע אין ענגלאַנד, דער זעלבער יאָמער־טאָל פון געפּענטעטע מענטשן, אָן יכולת, וואָס לעבן ווי שוישפּילער הינטער די קוליסן. הינטער די קוליסן איז אַלצדינג צופעליק, פונאַנדערגעוואָרפן, ווולגאַר אָרעם, מינדערווערטיק.

דער לעבנס־עלעמענט פון די דאָזיקע טיפּן איז בכלל אַ מינדערווערטיקער סיי אין די מאָטיוון פון זייערע רעאַלע האַנדלונגען, סיי אין זייערע פּסיכישע באַציאונגען. דער הויפּט־העלד ביי קינגסלעי עמיס, דזשים דיקסאָן, וואָס איז געוואָרן אַ פאָרשער פון דער מיטלאַלטערלעכער תּקופה, בלויז דערפאַר ווייל ער האָט אויסגעפונען, אַז מען קען עס דערגרייכן אָן שום אָנשטרענגונג, איז נישט בכוח צו ווירקן, איז אַ קנעכטישע נאַטור, וואָס לאָזט זיך דערנידעריקן און חנפעט דעם שטאַרקן. ער איז געוואָרן אַ צייטווייליקער לעקטאָר אין אַ פּאַרוואָרפענער אוניווערסיטעט, ווו דער פּראָפעסאָר, פון וועמען ער איז אָפּהענגיק, איז נאָך אַ גרעסערער עובר־בטל. די גאַנצע צייט איז דזשים נישט פעאיק אָנצונעמען קיין שום באַשלוס, יעדע פּסיכישע אָנשטרענגונג רופט אין אים אַרויס צעמישונג. ער האָט קיינמאָל נישט געלערנט די טעמע, איבער וועלכער ער האַלט זיינע לעקציעס, עס שיינט אים צו באַנעמען, אַז די שטעלונג פון דער מענטשהייט צו די פאַקטן איז אַן איראַציאָנעלע און עס איז אַן עבירה אַ קוק צו טאָן דערויף מיטן קלאָרן שכל. אַלץ איז נישט מער ווי פאַשע פאַר די חושים, וועלכע זענען ביי אים אַזוי אָפּגעטעמפּט, אַז יעדער געדאַנק שלאָגט זיך אָפּ ווי אַ שטיין. ער אַליין באַנוצט זיך צענדליקער מאָל אין טאָג מיטן וואָרט „סכאָלאַסטיק" און פאַרשטייט נישט די באַדייטונג פונעם דאָזיקן באַגריף, אָבער מאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער ווייסט. אינערלעך פילט ער זיין שאַפערישע געליימטקייט. וויפל ער זאָל נישט אויסשטרעקן די האַנט נאָך די דערגרייכונגען פון דער וויסנשאַפט, וועט ער קיין ווירקלעך באַדייטנדיקס קיינמאָל נישט דער־גרייכן.

ער איז אָבער צו ווייניק אינטעלעקט ער זאָל קענען מיט זיך אַליין מאַכן אַ שטיקל חשבון הנפש, האָט נישט קיין שום אינעווייניקסטן אינטערעס צו

זיינע לעקציעס וועגן קולטור און אַנדערע וועלט־פּראָבלעמען. ער מוז אָבער באַמערקן, אַז דער שטאַרקער זיגט אויך דעמאָלט ווען ער איז אומגערעכט. צוהערנדיק זיך צום פּראָפעסאָרס אומענדלעכע פלאָפּלערייען וועגן מוזיק, איז ער באַהערשט פון געדאַנק אַריינצושטופּן אים אין דער שיסל פון בית־שימוש, פאַרשטאָפּן דאָס מויל מיט טואַלעט־פּאַפּיר און אַראָפּלאָזן דאָס וואַסער איינמאָל און נאָכאַמאָל... ער ווייסט, אַז ער וועט עס קיינמאָל נישט טאָן, ווייל ער קען נאָך צוליב דעם פאַרלירן דעם פּאָסטן און באַגנוגנט זיך דערפאַר מיטן אויפשרייבן אויפן שפּיגל ביי זיך אין צימער, אַז דער פּראָפעסאָר איז אַ טיפּש מיט אַ פּנים ווי אַן אונטערשטער פון אַ חזיר. אָבער דערווייל מאַכט ער דעם אָנשטעל, אַז ער הערט אים אויס און לויטן ריטם פון יענעמס רעדן ווייסט ער ווען זיין פּנים דאַרף אויסדריקן פאַרוווּנדערונג אָדער התפּעלות. כדי אים צו געפעלן, שרייבט ער אָן אַן אַרטיקל איבער די עקאָנאָמישע איינפלוסן אויף דער אַנט־וויקלונג פון שיפן־בוי אין 15־טן יאָרהונדערט. קיינעם אינטערעסירט עס נישט דאָך געפינט זיך אַ רעדאַקטאָר אַ פּלאַגיאַטאָר, וואָס דרוקט עס אָפּ און שרייבט זיך אונטער. ווי ווייניק מען דאַרף מורא האָבן, אַז די וועלט זאָל נישט ווערן צופיל שכלדיק.

דער סטודענט מיטשי, אַ געוועזענער קאָמאַנדיר פון אַ טאַנקען־אָפּטיילונג ווי דיקסאָן איז בשעתו געווען אַ קאַפּראַל, ווייסט איצט פיל מער פון אים וועגן דעם לעבן און קולטור אין די צייטן פון מיטלאַלטער. אָבער דזשים, כאָטש ער האָט איין דורכפאַל נאָכן אַנדערן, ווערט דאָך נישט געפאַלן ביי זיך. ער זעט אין אַלעם דעם שיקזאַל, וואָס מאַכט אים פאַר אַ מאַריאָנעטקע און ער איז קעגן אים אָנמכטיק. ער וועט שוין קיינמאָל נישט האָבן מער ווי איין פּאַר הויזן, וועט שוין קיינמאָל נישט קענען אין זיינע לעקציעס אַרויסברענגען אַן אייגענעם געדאַנק.

אַזעלכע זענען אייגנטלעך אויך די אַנדערע העלדן און באַזונדערס זיין פאַרזויערטע געליבטע מאַרגאַרעט, וואָס זאָגט נאָכן נישט געלונגענעם זעלבסט־מאָרד, אַז „ווען עמעץ וואָלט געקומען, געטרייסלט מיט מיר און געזאָגט: שטיי אויף, דו טראַגסט זיך נישט אָפּ, קערסט זיך ווידער אום צום לעבן, שיינט מיר, כ׳וואָלט זיך באַמיט אָנצושטרענגען און גובר זיין, אָבער קיינער איז נישט געקומען און איך האָב זיך געטראַכט, אַז עס איז בכלל נישט וויכטיק". און בלויז דערפאַר האָט זי אַראָפּגעשלונגען אַ פול פלעשל מיט שלאָף־טאַבלעטן. אַזעלכע זענען אויך די אַנדערע העלדן, קראַנקע אין זייער מהות. אפשר האָבן זיי פון אייגענעם ווילן געגומען אויף זיך קרענקלעכקייט און שגעון, כדי צו געבן אונדז דערקענטענישן, וועלכע ווייזן זיך אויס צו זיין גורלדיק.

דער זעלבער גורל שפּילט זיך אַמאָל ווי אַ קאָמעדיאַנט און אָנשטאָט פאַרענדיקן מיט דזשימען ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ שלימזל, קומט דאָ פאַר צום סוף אַן אינערלעכע פאַרוואַנדלונג, וואָס איז אין סתירה צו דער געשטאַלט. קיינער דערוואַרט נישט אַזאַ אויסגאַנג־פּונקט פון דעם אינערלעכן און אויסערלעכן מצב, אין וועלכן דער פּאַטום האָט אים געשטעלט. פון אַ העסלעך פויגל־פאַרזעעניש ווערט דזשים איבערנאַכט שיין און דעמאָניש, פאַרהאַלט זיך

חוצפּהדיק צום פּראָפעסאָר, צו וועלכן ער איז די גאַנצע צייט אַזוי קנעכטיש־הכנעהדיק; צו זיין זון, בערטראַנד, אַ טיפּ פון אַ פּאַראַזיט מיט קינסטלערישע פּרעטענזיעס, וואַרפט אים אין פּנים, אַז ער איז אַן אַפּעריסט, אַ סנאָב און אַ טיפּש.

הגם דזשים ווערט אַ ווענזנטלעכער כוח, האָבן מיר אויך ביים סוף צו אים אַ געפיל ווי צו אַ מינדערווערטיקייט, מיט וועלכן מיר פילן זיך נישט זיכער, אָבער דאָך רופט ער נישט אַרויס קיין אומרו. עס איז פאַראַן אין אים עפּעס קלאָונישעס, וואָס אַקצענטערט און גיט דער גאַנצער עקזיסטענץ אַ קאָמעד־יאַנטישן קאָלאָריט. דזשים לאָזט זיך טרעטן ווי אַ וואָרעם, אַ היגטישע נאַטור און בייזוויליק, קנעכטיש און בייסיק, אָבער דאָס אַלץ אַן זעלבשטענדיקן געדאַנק, אַן מאָראַלישן קאָמפּאַס, אַן מענטשלעכקייט.

דאָס סוגערירן די דאַזיקע ווירקלעכקייט ווי זי וואָלט געווען אַ קאָנקרעטע, פּסיכאָלאָגיש מאָטיווירט, לייגט זיך ווי אַ טשאָד אויף דער מענטשלעכער נשמה, ווייל שאַפן די אילוזיע פון דערקענטעניש. איינער נאָכן אַנדערן קומען זיי, דזשים, דער פּראָפעסאָר, דער קינסטלער, דער געוויינ־לעכער באַאַמטער דזאָהאַנעס, דער ברוטאַלער עטקינסאָן, די פּאַרהערלעכטע פרוי, און זיי זאָגן: דאָס איז די וועלט, אייער און אונדזער אַלעמענס וועלט. די פאַנטאַסטישע שקרים זענען געוואָרן ווירקלעכקייט, געוויסן איז נישט מער ווי אַבסטראַקציע, עטיק, גערעכטיקייט איז פּונקט ווי ליבע, אַ פּאַטאַ־מאָרגאַנאַ פאַר טרוימער אין דעם מדבר פון לעבן. זי פאַרשווינדט ביי דער מינדעסטער באַרירונג מיט דער ווירקלעכקייט, וואָס איז אויך נישט מער ווי אַפּנאַרעריי, ווי עס געגאַרט דער קאָמעדיאַנט זיינע צושויער מיט טעאַטראַלע ווירקלעכקייטן.

אָפטמאָל האָט מען דעם איינדרוק, אַז די הייגטצייטיקע שריפטשטעלער האָבן צופיל געזען און צופיל געוווסט. אַלע וועגן פאַר דער מענטשלעכער אַנט־וויקלונג זענען זיי באַקאַנט. זיי קענען אַלע אילוזיעס און אַנטוישונגען, זעען די וועלט אַ נאַקעטע און אומפאַרשעמטע, פּרווון זי אַמאָל באַדעקן מיט לעבעדיקע בלעטער. וואָס פאַרדעקן דעם ריינעם און קלאָרן אמת, באַגנוגענען זיך מיטן אַרויסברענגען די טעכניק, די מאַשינעריע פונעם באַרבאַרישן ראָד פון דער וועלט, די גרויזאַמע, בלוט־דורשטיקע, תאווהדיקע, אַן מיטלייד, אַן באַציאונג.

יעדע תקופה און איר גערעגל מיט דער חיה. היינט איז עס אַטאָם.

די אַטאָמישע באָמבע, וואָס עס האָט פאַרלוירן אַן אַמעריקאַנער עראָפּלאַן אין די שפּאַנישע וואַסערן האָט אַרויסגערופן אין דער וועלט אַ באַנייטן אינ־טערעס צו דעם, וואָס עס טוט זיך אָפּ אין שפּאַניע. מען אינטערעסירט זיך נישט בלויז מיט דער ווירקונג פון ראַדיאָ־אַקטיווע אויסשטראַלונגען, נאָר אויך מיט די מענטשן, מיט זייערע מחשבות און שטרעבונגען, מיט דער שפּאַנישער ליטע־ראַטור.

צו די וואָגיקסטע פּאָזיציעס געהער די דערציילונג „דאָס צווייטע פּנים" פון דעם שפּאַנישן שרייבער י. צ. עגעא, וואָס נעמט אַרום די צייט נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווייזט מענטשן פון דריי דורות, פאַרשידענע שיכטן און נאַציעס.

אין שפּאַניע, ווייזט זיך אַרויס, איז פֿאַראַן אַן אומצערייסבאַרע פֿאַרבינדונג צווישן יחיד און רעזשים, און קיין דילעמע פֿון אויסוויילן צווישן אינדיווידועלער זעלבסט־רעאַליזאַציע און אַנגאַזשירן זיך אין רעזשים־ענינים עקזיסטירט כמעט נישט. יעדער איינציקער איז תמיד אַנגאַזשירט אין אַזאַ מאָס, אַז עס בלייבט אין אים גאָרנישט נייטראַל, אָדער ער איז „פּראָ" אָדער „אַנטי". די, וואָס זענען געשטימט אַנטי, לעבן אין דחקות, ווערן טעראָריזירט און פֿילן זיך שולדיק פֿאַר גאָרנישט טון. יערעמינאָ פּרוּווט אַרויסגיין אין גאַס, שרייען צו די מענטשן, אַז יעדער טאָג דערנענטערט אַלץ מער די קאַטאַסטראָפֿע. איינציקע אינטעלעקטואַליסטן טרעטן אַריין אין פֿאַשיסטישן אַפּאַראַט און ווירקן דאָרט קעגן רעזשים. איינער פֿון זיי פֿאָרמולירט עס אַזוי: „אַזוי ווי עס עקזיסטירט אַ צענזור און עס זעט נישט אויס, אַז עס זאָל זיך עפּעס ענדערן, האָב איך זיך געטראַכט, אַז עס איז בעסער, עס זאָלן אַהין אַריינטרעטן מער אַזעלכע ווי מיר"... אַזוי רעדט דער גימנאַזיע־פּראָפֿעסאָר קריסטאָבאַל, וואָס העלפֿט דעם פֿאָרגעשריטענעם פּאָעט ווידאַל אַרויסגעבן זיין ביכל לידער און ווערט שפּעטער אַרעסטירט. מאַכנדיק פֿון זיך אַ טראָיאַנער פֿערד, קען מען אַמאָל פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ דאַרדאַנעלישן אייזל. דאָס לאָקט ווייניקער, שרעקט אָפּ און דערפֿאַר איז טאָקע דער רוב אינטעלעקטואַליסטן אַפּאַטיש, לעבט זיך אויס אָפּגעשלאָסן אין אייגענעם פֿאַמיליע־קרייז.

פֿון דער אַנדערער זייט באַריקאַדע געפֿינען זיך די יאָ־זאָגער. מאַלינאַ איז אַן אידעאַישער פֿאַשיסט, אַ שרייבער און אַן אַגיטאַטאָר פֿון די יינגסטע יאָרן ביזן היינטיקן טאָג, כאָטש ער איז אַנטוישט, ווייל נישט וועגן אַזאַ ווירקלעכקייט האָט ער געחלומט; דאָן צעזאַר, אַ פּראָווינצער גלח, וואָס האָט אַ געוואַלטיקע מאַכט, אָן שום אחריות; אינדוסטריעלער, גוטבאַזיצער, הויכע באַאַמטע פֿון דער געהיים־פּאָליציי.

צווישן די ביידע — די שפּאַנישע יוגנט, אַ פֿאַרלוירענע, אַ ניהיליסטישע, מיטן עקבערדיקן באַוווּסטזיין פֿון דער אייגענער פּוסטקייט. קיינעמס לעבן איז נישט אויטענטיש. דער רעזשים דעצידירט וועגן יעדנס גורל. דער דאָזיקער מאָמענט איז געווען סוגעסטיוו אַרויסגעברענגט. אפֿילו מאַלינאַ זאָגט: „נישטאָ קיין ברירה. צי כ'וויל יאָ, צי נישט, עס עקזיסטירן מאָדנע כוחות, שטאַרקערע פֿון מיר און זיי ציען מיך, מאַלינען, אַנצושליסן זיך אין איינער פֿון די אָפּגעשטאַנענסטע און עלטסטע פֿאַמיליעס אין וואַלדאָליד. צי דערפֿאַר כאַפּט מיך אָן אַ שוידער, ווייל אין מיין טיפֿסטן וועזן האַלט איך, אַז איך בין איינער פֿון זיי"?

זשאַן גאָיטיסאָלאָ איז אַ שרייבער פֿונעם יינגערן דור און זיין בוך „דער נאָכמיטאָג פֿון די מצורעים" טיילט פֿון זיך אויס פֿלואידן פֿון אַלטע און באַקאַנטע אמתן. דאָ איז די יוגנט אַן אַנדערע ווי ביי עגעא, זי איז רייך לעבט אין עקסקלוזיווע קרייזן אַרום אַן אויסגעצייכנטער אינדיווידואַליטעט, וואָס לאָזט נישט צו צו זיך דעם המון. סעקס גייט צוזאַמען מיט שלעכטס, מיט רשעות. די רייכע גלאָריאַ ווייזט אויף, אַז דאָס גרעסטע פֿאַרגעניגן פֿון אַ פֿרוי איז צו הערן פֿונעם מאַן אַזעלכע ווערטער ווי: „דו האָסט צעבראָכן מיין לעבן". אַ טייל פֿון דער סעקסועלער באַפֿרידיקונג איז ביי דער פֿרוי דער באַוווּסטזיין, אַז דער מאַן

קאָרטשעט זיך אין יסורים פון באַגער, פון אייפערזוכט, פון אַנטוישונג. גלאָריאַ דערגרייכט איר נצחון, ווען זי איז גורם דאוואדס טויט. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז צום גרינגסטן איז פיינט האָבן עמעצן פאַר גאָרנישט, אָנטאָן צרות אָן שום סיבה, אָפּגעבן זיך אָן טיפער באַדערפעניש, בלויז צוליב שפּיל, און שפּעטער פיינט האָבן דעם, וואָס האָט אָן באַזונדערן פאַרדינסט גענאָסן דעם תענוג פון איר שויס...

עקזיסטענץ אָן הייליקייטן זוכט מעשים, וואָס זאָלן זיין באַגלייט מיט באַזונדערער שפּאַנונג, מיט אַריבערשפּאַנען די נאָרמעס, ציען אויף זיך אויפמערקזאַמקייט, אָן אונטערשיד מיט וואָס פאַראַ מעלות צי גאָר חסרונות. גאָיטיסאָלאָ האָט דאָ עלימינירט אַן אינערלעכן מאָנאָלאָג, וואָס שטעלט די העלדן אויג אויף אויג מיט דער ווירקלעכקייט, דערשרעקט זיך פאַר איר נישטיקייט און אַנטלויפט צו די קראַנקע האָפענונגען פון דער פאַנטאַזיע. גלאָריאַ געהער צו די נישט־דורכשניטלעכע, ווייל די דורכשניטלעכע העלדן ווייסן וועגן זיך פונקט אַזוי פיל וויפל אַ ראָבאָט. בלויז דער פירער פון דער גרופּע, דער מאָלער מענדאָזא האָט דעם באַוווסטזיין וועגן זיין אייגענער פוסטקייט און זעט זיך פאַרבונדן מיט דער וועלט פון די דערוואַקסענע. ער וויל אָפּרייסן זיך פון דער וועלט, טון אַזעלכעס, וואָס זאָל אָפּשניידן דעם וועג אויף צוריק. אין שטאָט לעבט אַן אַלטער פּאָליטיקער. מענדאָזא וואַרפט אויף אים אַן אויג און באַשליסט אים צו דערמאָרדן, זעענדיק אין אים דאָס קאָנצענטרירטע שלעכטס פון דער אַלטער וועלט. דער פּלאַן פאַלט דורך. איינער פון די יוגנטלעכע, דאוואַד, וואָס האָט געדאַרפט דערשיסן דעם פּאָליטיקער, אַנטלויפט אַ ווייַנענדיקער פון זיין שטוב מיטן רעוואָלווער אין האַנט, ווערט אָבער דערהרגעט דורך מענדאָזאָן. פאַרן אַרעסטירן אים איז ער פאַר זיך אַליין מודה, אַז דער אַלטער פּאָליטיקער איז נאָר געווען אַן אויסרייד, עס איז בלויז געגאַנגען אין דערמאָרדן... אין מכלומרשטן בונט אַנטפּלעקט זיך די באַדערפעניש צו פאַרברעכנס, וואָס איז אייגן יעדן ניהיליזם. דער אמת איז שוין באַקאַנט פון די צייטן פון דאָסטאָיעווסקי און מאַקס שטירנער.

מיגועל דע אונאַמונאָ ווערט באַטראַכט פאַר איינעם פון די גרעסטע שפּאַנישע אינטעלעקטואַליסטן, איז קודם כל אַ פילאָזאָף אַן עקזיסטענציאַליסט, אים אינטערעסירט שטאַרק דער מענטש, אין וועלכן ער זעט פיר פּאָזיציעס. צוויי פּאָזיטיווע: וועלן זיין, וועלן נישט־זיין; צוויי נעגאַטיווע: נישט וועלן זיין, נישט וועלן נישט־זיין. די דאָזיקע פּאָזיציעס ווערן באַהאַנדלט אין אונאַמונאס דערציילונגען. דאָס לעבן פון זיין העלד אלעקסאַנדער גאָמעז איז אייביקער צאָרן איבער דער שוואַכקייט, וואָס ווערט באַצירט מיט ווערטער, און דאָס איינציקע פלאַפּלען וועגן גליקלעכער ליבע באַווייזט אַ מענטש, וואָס וויל זיין, עקזיסטירן. דאַקעגן איז דאָן זשואַן פון זיין דערציילונג „צוויי מאַמעס", אַ מענטש אָן אייגענעם געדאַנק, אָן ווילן, נישט מער ווי אַן אינסטרומענט אין די הענט פון אַנדערע. יענע וואָס ווילן זיין אָדער נישט זיין, אָן מעטאַפיזישע ספּעקולאַציעס, רעפּרעזענטירן דעם קאַמף צווישן מענטש און וועלט, קוקן אויף זיך און אויף דער וועלט אָן דעם מינדסטן פאָראורטייל, אין זייערע הערצער

ברענען די גליקלעכקייטן צום לעבן, וואָס פּרעסן זיי אויף, אָבער דאָך העלפן זיי נישט אויף אויסצושטרעקן זייערע הענט צום זיין. דעם פילאָזאָף אונאַמונאָ גייט מער אין דעם ביאָלאָגישן אָפּטימיזם, וואָס ער גראָבט אויס אַפילו אין דער גרויזאַמער וויסטעניש.

דער אופן פון אונאַמונאָס שרייבן איז אַן אַנדערער פון אַלע אַנדערע שפּאַנישע שרייבער. די פּרעציזקייט פון זאַץ, די איבעררעאַשנדיקע שפּאָרזאַמקייט פון וואָרט — אַ ירושה פון דער פילאָזאָפיע, כאָטש ער איז נישט קיין אַנטידעקערישער פילאָזאָף, איז ער אָבער אויך נישט קיין עפּיגאָנישער שרייבער.

כוח און פרייהייט

עס איז אינטערעסאַנט, וואָס דווקא איצט איז דערשינען דאָס בוך וועגן דעם, וואָס האָט מכלומרשט „אַנטדעקט" אַמעריקע פאַר די פּאָליטישע קרייזן אין אייראָפּע. דאָס איז אַלעקסיס דע טאָקוויל, אַ פראַנצויזישער אַריסטאָקראַט, וואָס האָט געלעבט מיט איבער הונדערט יאָר צוריק און געשריבן זיין „קלאַסיש" ווערק „דעמאָקראַטיע אין אַמעריקע", דערשינען אין צוויי טיילן אין יאָר 1840. אין יענער צייט האָט מען אים אָנגענומען פאַרן גרעסטן דענקער און אַנאַליטיקער פון דער פּאָליטישער וועלט, זינט אַריסטאָטעלעס און מאַקיאַוועלי.

מיט 140 יאָר צוריק האָט טאָקוויל אַנטדעקט, אַז פאַר אַ לגמרי נייער וועלט, ווי עס איז אַמעריקע, פאָדערט זיך אַ פולשטענדיקע נייע פּאָליטישע וויסנשאַפט. ער האָט געזוכט אין אַמעריקע דיווירקלעכע דעמאָקראַטיע, כדי צו וויסן אויף וואָס מיר קענען האָפן און פאַרוואָס מיר דאַרפן מורא האָבן.

ער האָט אָנערקענט, אַז אין דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע זענען פאַראַן גוטע זייטן, אָבער אויך געפאַרן. דאָס נייע איז פאַר אים געווען די פולשטענדיקע גלייכהייט פון באַדינגונגען פאַר יעדן איינעם. דאָס פילט זיך אויף אַלע לעבנס־געביטן און דערפאַר שטעלט עס אויך פאַר מיט זיך אַן ערנסטע סכנה פאַרן כוח פונעם פאָלק. ער זאָגט צווו. אַנד.:

„אַ פאָלק קען נישט בלייבן שטאַרק, ווען יעדער מענטש איז דאָרט שוואַך אין אינדיווידועלער הינזיכט".

דערפאַר פאָדערט ער אַריינצופלעכטן אין דער דעמאָקראַטיע אַ גרויסן אָנשטרענג צו אַנטוויקלען די זעלבשטענדיקע אינדיווידועלע פּערזענלעכקייט. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז אַ קאָמפּליצירט פּראָבלעם אויך ביים היינטיקן טאָג.

טאָקוויל האָט געגלויבט אין אַ גרונטיקער פאַראייניקונג פון דער אַלטער און נייער וועלט און איז געווען קעגן יעדער אַמעריקאַנער איזאָלאַציע. ער זאָגט:

„פאַראַן ביים היינטיקן טאָג צוויי פעלקער, וועלכע האָבן אָנגעהויבן פון פאַרשידענע אויסגאַנגס־פּונקטן, אָבער שטרעבן צו איין און דעם זעלבן ציל: די רוסן און די אַמעריקאַנער. אַלע אַנדערע פעלקער זענען געבליבן שטיין אָדער גייען קוים־קוים פאָרויס. דאַקעגן די צוויי פעלקער גייען פאָרויס מיט אַזאַ לייכטקייט. אַז מען קען נישט זען דעם סוף...

„אין אַמעריקע איז פאַראַן פולשטענדיקע פרייהייט פאַרן אומגעצווונגענעם כוח פונעם פאָלק. אין רוסלאַנד ווערט קאָנצענטרירט די אויטאָריטעט אין איין פונקט. אַמעריקע באַנוצט זיך מיט פרייהייט, רוסלאַנד — מיט פאַרשקלאַפונג. דער אויסגאַנג איז אַ פאַרשידענער, אָבער יעדער פון זיי שטרעבט צו באַשטימען דעם גורל פון אַ האַלבן ערד־קיילעך".

דאָס האָט דער גרויסער דענקער געשריבן אין יאָר 1835. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָט דער יידיש־דייטשער דיכטער היינריך היינע געשריבן ענלעכע מיינונגען וועגן דער צוקונפט פון אַמעריקע און רוסלאַנד. מעגלעך, אַז ער איז געווען אונטער טאָקווילס איינפלוס.

אין יאָר 1868 האָט דער ענגלישער שרייבער טראָלאָפּ באַזוכט אַמעריקע און געשילדערט דעם אַמעריקאַנער טיפּ מיט גרויס פאַרערונג, אָבער קאַטעגאָריש געטאַדלט דאָס פּאָליטישע לעבן מיט די שטענדיקע סקאַנדאַלן, די אומגערעכטיקייט און געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען. ער האָט שוין דאַן געזאָגט, אַז אין דער אָנפירונג געפינען זיך מענטשן, וואָס זענען נישט צוגעפּאַסט צו זייערע הויכע פּאָסטנס און זיי שטעלן אין געפאַר די גרויסע דערגרייכונגען. איצט נאָך איבער הונדערט יאָר קלינגען די דאָזיקע אַרויסזאָגונגען ווי נביאות. די זעלבע דעמאָקראַטיע, נאָר די געפאַרן זענען איצט שאַרפער און דראָענדיקער. אַלע אייראָפּעאישע לענדער גיבן זיך אָפּ אַ חשבון פון די דאָזיקע געפאַרן און נישט געקוקט דערויף לאָזן זיי זיך איינשלעפן פון רוסלאַנדס מילדע רייד און טאַקטיק פון געמיינזאַמע אינטערעסן קעגן דעם מעכטיקן אַמעריקע.

עס שאַפט זיך דער איינדרוק, אַז די וועלט גיט זיך נישט אָפּ קיין חשבון פון דעם, וואָס עס קומט איצט פאָר אין אַמעריקע, די דערנידעריקונג, וואָס אַמעריקע האָט געליטן אין וויעטנאַם, דאָס קאַפּיטל וואָטערגייט, וואָס ווייזט אָן אויפן פעלן פון אַ גרויסער מנהיגישער פּערזענלעכקייט, וועלכע זאָל אַרויפפירן אַמעריקע צו דער פּאָזיציע, וואָס דאָס ריזיקע לאַנד האָט זיך פאַרדינט — דאָס אַלץ ווירקט אָפּ און פאַרבאַרגן אויף די פעלקער און לענדער אין מערב־אייראָפּע.

אַ לאַנגע צייט האָט זיך ביי אונדז געשאַפן אַן אידעאַליזאַציע לגבי אַמעריקע, ווי אַ קעגן־וואָג צום טייוולאַנישן געשפּענסט פון קאָמוניסטישן טאָטאַליטאַריזם. עס איז געקומען דער מאָמענט פון זען דאָס אַלץ אין אַ מער ניכטערער און רעאַליסטישער פּערספּעקטיוו. אַמעריקע איז געווען און געבליבן אַ מין אייגנאַרטיק באַשעפעניש, וואָס לאָזט זיך נישט מעסטן מיט דער מאָס, וואָס איז אָנגענומען אין די אייראָפּעאישע לענדער.

דאָס פעלן פון אַן אַלטער נאַציאָנאַלער מיסטיק, אַזאַ, וואָס ווירקט אין די נשמות פון די אייראָפּעאישע פעלקער, ברענגט מיט זיך סיי נוצן און סיי שאָדן. מען דאַרף זיך באַציען מיט פאַרשטענדעניש צו דער באַזונדערקייט פון די נעגאַטיווע דערשיינונגען אין אַמעריקע. די אָפּטע סקאַנדאַלן, וואָס שווימען אַרויס אין דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט, ווי אַ רעזולטאַט פון דער דעמאָקראַטיע, טאָרן אונדז נישט דערפירן צו גלאָריפיצירן די רוסישע דיקטאַטור, וואָס איז באַזירט אויף פאַרשקלאַפונג. סוף־סוף דעצידירט אינעם גלאָבאַלן שפּיל דער

ריזיקער כוח, אויף וועלכן עס שטיצן זיך דיביידע לענדער איבעם איצטיקן געראַנגל; אַ כוח, מיט וועלכן ביידע פעלקער רעכענען זיך, באַגלייט מיטן פּחד פאַר אַ וועלט־פאַרניכטונג.

געפעלשטע אמתן

דאָס געמיינשאַפטלעכע פאַר אַלע צייטן איז די באַרבאַרישקייט. זי לויערט היגטערן פּלויט פון דער געשיכטע, הינטער אַלע קולטור־צוימען, אָבער אויב פריערדיקע צייטן האָבן פאַרמאָגט זייער אַנטי־באַרבאַר, וואָס היט אָפּ די אוצרות, לייגט איין וועלטן און שטורעמט קעגן האַס און צעשטערונג, שיינט עס צו פעלן דער הייגטיקער צייט. מיר געפינען עס נישט אפילו ביי די שרייבער, פון וועלכע מיר האָבן עס דערוואַרט. צו זיי געהער אויך דער דייטשער שרייבער ע. מ. רעמאַרק.

די טעמאַטיק אין ע.מ. רעמאַרקס לעצטן ראָמאַן „אַ צייט פאַר ליבע און אַ צייט פאַר שטאַרבן" איז פונקט ווי אין זיינע פריערדיקע ראָמאַנען „אויפן מערב־פראָנט נישטאָ קיין נייעס", „דער וועג אויף צוריק" — די מלחמה.

די צייט און די ערטער זענען פאַרשידן; דער תוך איז דער זעלביקער: די לעבנס־פילאָזאָפיע, וואָס באַזירט זיך בעיקר אויפן יסוד פון אינערלעכן אינסטינקט, ווייל אַלע אַנגענומענע מאָראַלישע ווערטן זענען נישט מער ווי אַן אילוזיע און די מענטשן האָבן פאַרלוירן די פעאיקייט אונטערצושיידן צווישן גוטס און שלעכטס, צווישן אמת און פאַלשקייט, צווישן טאָן גערעכטיקייט און צווישן טאָן אומגערעכטיקייט.

דאָס דאָזיקע בוך איז געשריבן מיט דעם זעלבן סטיל און דערציילערישער טעכניק ווי זיינע פריערדיקע ראָמאַנען, און עס איז בלויז די קריטיק איבערן היטלעריסטישן רעזשים, וואָס מאַכט, אַז דער ראָמאַן זאָל נישט זיין קיין איבער־חזרונג, נאָר אַ המשך, אַ פונאַנדערוויקלונג, וואָס האָט אַ שייכות מיטן עקזיס־טענציאַליסטישן צוגאַנג. דער דאָזיקער צוגאַנג איז נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה דערגאַנגען צו דייטלעכע פאַרמולירונגען, איז אָבער שוין אָנגעוווּנקען ביי רעמאַרקן, ווי ביי אַ ריי אַנדערע שרייבער באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז ע.מ. רעמאַרק, וואָס איז אַזוי שטאַרק גערודפט און געטראָפן געוואָרן פונעם היטלעריזם, וועט אין דעם דאָזיקן ראָמאַן, אויף וועלכן ער האָט געגוגע לאַנג געלאָזט וואַרטן, אַרויסברענגען עפּעס אוי־סערגעווייגלעכס. מען האָט דערוואַרט, אַז זיין ניי ווערק וועט זיין אָנגעלאָדן מיט דעם קאָלעקטיוון שולד־געפיל פונעם דייטשן פאָלק, מיט דעם צאָרן און שרעק פאַר דער אייגענער רשעות און גרויזאַמקייט. אַרויסגעקומען איז אָבער אַ דורכשניטלעכע שילדערונג פון דייטשן לעבנס־שטייגער, דערציילט מיט אַ טאָן פון אַ מידן פילאָזאָף, וואָס איז דערגאַנגען, אַז דער חילוק צווישן מענטש

און אַנדערע באַשעפעניש אין גראַד, אָבער נישט אינעם קלאַס אָדער מין.

אין קיין שום פריערדיקער תקופה איז דער קריזיס פון ווערטן נישט געווען אַזוי בולט ווי היינט. די פילאָזאָפן און ליטעראַטור־קריטיקער און פאַרשידענע לענדער אָבסערווירן די דאָזיקע דערשיינונג, וואָס אָנטפּלעקט זיך אויך אין דער ליטעראַטור. דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אין דער פּאָעזיע און אין דער פּראָזע פון אַלע אייראָפּעאישע פעלקער. צענדליקער מיליאָנען זענען געפאַלן אויף די שלאַכט־פעלדער און די אַנדערע הונדערטער מיליאָנען לעבן אין אַן אַטמאָספער פון שרעק פאַר טאָטאַלן טויט. קיין שום דור האָט נישט איבערגעלעבט אַזוי שאַרף ווי אונדזער דור די סתירה צווישן מאַראַלישער אילוזיע און אכזריותדיקערווירקלעכקייט, די אַנטוישונג אין אידעאַלן און אומצוטרוי צו יעדער אידעאָלאָגיע.

רעמאַרק איז נישט געגאַנגען ווייטער פון אַ סך אַנדערע שרייבער און האָט אויף זיין אייגענעם שטייגער געפּרוּווט זיך באַפרייען פונעם קאָשמאַר אַנטקעגנשטעלנדיק דער שפּירונג פון אונטערגאַנג און צעשטערטע ווערטן דאָס מאָמענטאַלע חושימדיקע געניסן, די ווולגאַרע פרייד פון שיכרות און ליבע־אָרגיעס.

דער סאָלדאַט גערבער, קערט זיך אום פון רוסישן פראָנט אויף אַ צוויי חדשימדיקן אורלויב אין דייטשלאַנד, פירט מיט זיך מיט דעם גאַנצן קאָשמאַר פון די גרוילן, אין וועלכע ער האָט אָנטיילגענומען. ער האָט פאַרלוירן יעדעס געפיל און באַגריף פון הייליקייט. אָבער אין זיין באַוווּסטזיין איז נישטאָ קיין אָרט פאַר קיין ווייטיק, פאַר דער שרעק צוליב דער אייגענער צעפאַלנקייט. אַלע זיינע חושים און געפילן זענען פאַרנומען מיטן פרעס, מיט די ווורשטלעך און זויערן קרויט, מיט אויסגעצייכנטן ווייַן און בעט פון זיין געליבטער.

אינעם זעלבן קרייז פון עמאָציעס געפינט זיך אויך זיין געליבטע עליזאַבעט, אַ דייטשע שיינהייט, וואָס פילט זיך פריי נישט בלויז אין איר אייגן בעט, נאָר אויך אויפן הויף פון דער קאַטוילישער קירך, ווו זי גיט זיך אָפּ איר געליבטן, נאָך דעם ווי איר שטוב איז צעשטערט געוואָרן פון אַן אַמעריקאַנער באָמבאַר־דירונג.

עס ווימלט דאָ מיט דעם באַקאַנטן רעמאַרקישן סאַרקאַזם, ווולגאַריטעטן און ברוטאַלקייטן פון די פריערדיקע ביכער. עס איז דאָ אַזוי פריילעך און טרויעריק אינאיינעם. עס איז אויך פאַראַן די פילאָזאָפישע פאַרגעביקייט, דאָס מוחל זיין אינדיווידועלע און נאַציאָנאַלע פאַרברעכנס. דאָס דאַרף זיין אַ מין פאַרשטענדעניש, וואָס קומט נאָכן דעמאַסקירן אין אַלגעמיין דעם מין מענטש, ווייזן אים אין זיין צעפאַלונג און מיאוסקייט און אויף דעם וועג דערקענען דעם מהות פון מענטש.

רעמאַרק מיינט נישט צו ווייזן ווי דער מענטש ענדערט זיך אין די באַדינגונגען פון דער צייט, זוכט נישט אָפּצוראַטעווען מענטשלעכע פונקען, פילטרירט נישט די איבערלעבונגען, צעגליט נישט דעם רוישטאָף פון דער ווירקלעכקייט אין דעם שמעלץ־אויוון פון ווייטזערישער דערקענטעניש. ער

איז געבליבן שטיין ביים עקזיסטענציאַליסטישן געדאַנק, אַז דער יחיד איז, ווי די מאַסע, נישט מער ווי אַ חושימדיקער אור־עלעמענט. דער אָפּגרונט איז ווי דער יסוד פאַר אַ פעסטן באָדן אונטער די פיס. דער, וואָס פילט נישט אונטער די פיס דעם באָדן פון אָפּגרונט, בלייבט הענגען אין דער לופטן.

כדי צו דערגרייכן די פילאָזאָפישע מילדקייט צו די היטלעריסטישע פאַרברעכער, האָט רעמאַרק געמוזט באַשולדיקן דעם גאַנצן מענטשלעכן מין, וואָס איז אַריינגעפלאָנטערט אין דער גרויזאַמערווירקלעכקייט נישט בלויז מיט עקל, נאָר אויך מיט תאווה. אין סך הכל דעמאַסקירט רעמאַרק אויך זיך. ווי ער וואָלט מיטאַמאָל פאַרשטאַנען, אַז זיין גאַנצע פעאיקייט צו דערקענען, צו אַריענטירן זיך, איז אַ פאַרפירערישע, אַז ער דאַרף זיך אָנטרויען דעם אינסטינקט און לויפן ווי אַ בלינד פערד אין דער פינצטערער נאַכט.

פון מאָראַלישן דורכפאַל ביז מאָראַלישן ציניזם איז נישט מער ווי איין טראָט. רעמאַרקס טאָן פון פילאָזאָפישער מידקייט, פון פאַרגעבונג און מחילה אין באַצוג צו היטלעריסטישע פאַרברעכנס, איז אַ שווערע באַשולדיקונג קעגן דעם דייטשן שריפטשטעלער, וועלכער שרייבט זיין בוך פונעם קוק־ווינקל, וואָס איז ווייניקער ווי דער עקזיסטענציאַליסטישער באַוווסטזיין פון אַבסורד. דאָס איז קאָנקרעטע דערפאַרונג פון זינלאָזיקייט, פון אַבסאָלוטן גאָרנישט.

דערפאַר פאַרמאָגט נישט דער ראָמאַן די גרויסקייט פון עכטער קונסט, גיט נישט קיין אַריינבליק אין דעם וואָס מען וויל וויסן און איז נישט קיין דערגענצונג צו דעם וואָס מען ווייסט שוין פון לאַנג. דאָס געפיל פון זינלאָזיקייט טרייבט אויך צו דער וועלט פון רוחות און מכשפות.

די טעמע פון שדים און רוחות לאָזט זיך קיינמאָל נישט אויס און ווען מען גלויבט, אַז מען האָט זיך שוין פון איר באַפרייט, רייסט זי זיך פלוצלונג אַריין צו מענטשן און פעלקער און ברענגט מיט זיך חורבן און צעשטערונג.

מיט אַ צייט צוריק האָט דער פויפּסט פּאַולוס דער זעקסטער דער־קלערט מיט דער גאַנצער קאַטעגאָרישקייט, אַז דער שטן עקזיסטירט און טוט זיין טייוולאָנישע אַרבעט צווישן די מענטשן אין גאָר דער וועלט. עס איז שווער צו וויסן געגוי וואָס ער האָט געמיינט דערמיט. צי האָט ער געוואָלט באַשטעטיקן, אַז עס איז ווירקלעך פאַראַן אַן אייביקער אשמדאי, וואָס לויערט אויפן מענטשן און וויל אים צורעדן צו זינד, אָדער האָט ער עס געמיינט אין אַלעגאָרישן זין. יעדנפאַלס, האָבן מיר פאַר זיך אַן אַרויסרוף, וואָס קלינגט ענלעך צו די אַרויס־רופן פון די גייסטלעכע אין מיטלאַלטער. גלייכצייטיק ווייסן מיר, אַז די דעמאָנאָלאָגיע האָט געשלאָגן רעקאָרדן דווקא אין דער רעפאָרמאַציע־עפּאָכע און אויף דער שוועל פון דער ראַציאָנאַליסטישער תקופה זענען געווען געוואַלטיק פאַרשפּרייט די אָבערגלויבנס אין פאַרבינדונגען מיטן טייוול און טענץ, וועלכע שדים און מתים ריכטן אָפּ נאָך האַלבער נאַכט. ביים סוף פון 17־טן יאָרהונדערט זענען אין ניו־איינגלענד, אין סאַלעם, פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט 20 מענטשן, וועלכע זענען באַשולדיקט געוואָרן אין כישוף. אין יענער צייט איז דרום־פראַנקרייך אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט אַ פּסיכאָז, וועלכער האָט באַקומען דעם נאָמען „די מנישקעס פון לאדון“, און דאָס איז די היסטאָרישע באַזע פאַר

הייוויִּט יאַנסאַנס נײַ בוך „חלומות וועגן רויזן און וועגן פײַער", וואָס איז איבערגעזעצט געוואָרן אין עברית דורך איתמר אבן־זוהר.

ביי יעדן מכשפות־געיעג האָבן געשפּילט אַ צענטראַלע ראָל די רעליגיעזע אינסטיטוציעס, געלערנטע, דאָקטוירים און אינקוויזיטאָרן, וועלכע האָבן זיך ספּעציאַליזירט אויפֿן געביט פֿון שדים. עס איז געבליבן אַ לאַטײַנישער דאָקו־מענט, וואָס 2 דײַטשע ספּעציאַליסטן האָבן אָנגעשריבן ווי אַן אינסטרוקטאַזש פֿאַר ליקווידירן מכשפות. זיי שילדערן די מנהגים פֿון די שדים און ווײַזן אָן די וועגן ווי אַזוי צו אַנטדעקן מכשפות. איינע פֿון די וועגן איז דאָס צוטראַכטן פֿאַרשידנערליי פּייניקונגס־מעטאָדן, פֿאַרפֿירן פּראָצעסן. דאָס דאַרפֿן טאָן די גייסטלעכע און דאַן איבערגעבן די פֿאַרמשפּטע צו דער פּאָליציי, וואָס דאַרף אויספֿירן דעם אורטייל, תמיד דורך פֿאַרברענען די מכשפות.

דער פּסיכאָז פֿון שדים און מכשפות איז תמיד אויפֿגעקומען אין געוויסע געזעלשאַפֿטלעכע באַדינגונגען, ווען עס האָט געהערשט אַן אַטמאָספֿער פֿון רעליגיעזן פֿאַנאַטיזם און פֿאַרפֿאָלגונגען. דער פּסיכאָז ווערט פֿאַרשטאַרקט אין צײַטן פֿון מאַסן־עפּידעמיעס, ווען די מאַסע פֿאָדערט אַ שעיר לעזאזל און געפֿינט אים צווישן פֿרעמדע רעליגיעס אָדער אָפּטריניקעס. אין די פּראָצעסן, וועלכע זענען פֿאַרפֿירט געוואָרן קעגן זיי, זענען געגאַנגען צוזאַמען רעליגיעזע אינטע־רעסן מיט מענטשלעכער רשעות. הינטער זיי זענען געשטאַנען מוחות, וועלכע האָבן אויסגענוצט דעם פּחד פֿון די מאַסן, ווי אַבערגלויבנס און סאַדיסטישע נייגונגען, כּדי צו ליקווידירן פּערזענלעכע קעגנער און פֿאַרפֿעסטיקן זייער פּאָליטישע הערשאַפֿט.

די געשיכטע מיט די מנישקעס אין לאָדון האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַלע די דאָזיקע סימפּטאָמען. די שטאָט איז געווען אַ פֿעסטונג פֿון די הוגענאָטן און איז געווען ווי אַ בײַן אין האַלדז דעם דעמאָלטיקן קאַרדינאַל, וועלכער האָט אויסגענוצט די היסטעריע פֿון די מנישקעס, כּדי צו צעשטערן די מויערן פֿון דער שטאָט און פֿאַרפֿעסטיקן דאָרט די הערשאַפֿט פֿון די קאַטאָליקן. עס איז דאָרט אַרײַנגעשיקט געוואָרן אַ יונגער גלח, אַ יעזואיט, וועלכער האָט אויפֿגע־רודערט די נזירות, זייערע סעקסועלע האַלוצינאַציעס. די מוטער פֿונעם קלויסטער איז די הויפּט־פֿיגור. זי האָט פֿון די קינדער־יאָרן אָן פֿאַרבראַכט מיט קרעציקע און סיפֿיליטיקער און איז ממש אויסגעגאַנגען פֿאַר מענטשלעכע ווייטיקן. איר ליבשאַפֿט צו ישו ווערט פֿאַרקערפּערט אין אירע סעקסועלע באַציאונגען מיט דעם יונגן גלח. אַ רײַ מנישקעס זענען זיך מודה, אַז זיי האָבן אויך געהאַט מיט אים באַציאונגען און זענען געקומען צו דער איבערצײַגונג, אַז ער האָט זיך פֿאַרבונדן מיטן שטן און איז זײַן פֿאַרמיטלער בײַם אָנרעדן די אינקוויזיטאָרן צו זינד, פֿאַרשטעלנדיק זיך אַלס מוסטער פֿון דערפֿילן די סעקסועלע ליידנשאַפֿטן פֿון די מנישקעס.

ער איז פֿאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט און דאָס האָט אויסגענוצט דער קאַרדינאַל רישליע ווי אַ סיבה פֿאַר נייטראַליזירן די הוגענאָטישע פֿעסטונג־שטעט. יעדנפֿאַלס איז דאָס פֿאַרברענען אים אַ סימבאָל פֿון זיג, וואָס רשעות און פֿאַרקריפּלטקייט האָבן איבערן געזונטן געניסן פֿון לעבן.

מיט דער דאָזיקער געשיכטע האָבן זיך פאַרנומען אַ סך שרייבער. מיט אייניקע יאָר צוריק האָבן מיר געזען ראַסעלס פּילם „די שדים", וועלכער האָט אויף אַ שווידערלעכן אופן געשילדערט דאָס באַשווערן די שדים און די סאַדיסטישע אָרגיעס מיט די מנישקעס. אין ישראל איז נישט געוויזן געוואָרן דער גאַנצער פּילם. עס איז געפּסלט געוואָרן דער טייל, וואָס שילדערט דעם חורבן פון דער שטאָט לאָדון מיט קלאָרע רמזים אויפן אומקום אין אייראָפּע בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. יאַנסאָן אַליין, וועלכע האָט באַקומען דעם נאָבעל־פּרייז, זאָגט, אַז די יידישע געשיכטע אין אַן אויסדרוק פון געוואַגטקייט קעגן די בייזע כוחות און אַז די געשעענישן פון 17־טן יאָרהונדערט זענען אין זייער אויגן פאַרגליכן צו די געשעענישן אין 20־טן יאָרהונדערט. אַ פאַקט, אַז 3 יאָר נאָכן דערשיינען פון יאַנסאָנס בוך איז דערשינען אַלדאָ העקסלעיס בוך „די שדים פון לאָדון" און דאָרט זענען פאַראַן גענויע שילדערונגען פון שדים־פּסיכאָז, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע געגנט אין יענער צייט. די שדים־אַרויסטרייבער האָבן צעפלאַקערט די אַטמאָספער פון דיבוק און אויסגעפּרעסט פון די מענטשן צוגעטראַכטע ווידויס און דערביי זענען פאַרשפּרייט געוואָרן געשיכטעס וועגן מופתים און אומגליקן, וועלכע האָבן זיך באַוויזן: הינט און פערד האָבן גענומען רעדן מיט אַ מענטשלעכער שפּראַך, פרויען זענען פאַרגוואַלטיקט געוואָרן אין זייערע חלומות און גייסטלעכע האָבן אָרגאַניזירט טענץ פון חיות און עופות...

דער ראָמאַן פון דעם שוועדישן שריפטשטעלער איז אויך באַזירט אויף היסטאָרישע דאָקומענטן, גענומען פונעם אַרכיוו אין דער פראַנצויזישער שטאָט. אין אָנהויב גיט ער איבער די געשעענישן, דערציילט פון אַן אַלץ־וויסנדיקן אָראַטאָר. דערנאָך גייט איבער די דערציילונג צו די פּראָטאָקאָלן אין די יאָרן 1617 — 1637, ווי אויך די פאַרצייכענונגען פון דעם יונגן גלח, וואָס איז פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט. פאַראַן אויך אַ זייטיקע געשטאַלט, דאַניעל דרואַן, אַ געוויינלעכער באַאַמטער, וועלכער וואַקסט אויס צו אַ צענטראַלער געשטאַלט, מיט אַ פול און רייך לעבן. זיין פאָטער האָט געהאַנדלט מיט טעפּיכער און האָט דערפירט זיין זון, אַז ער זאָל פאַרקערן אין דעם קעניגלעכן הויף אין פּאַריז, אָבער יענער וויל בעסער לערנען, ווערט לסוף אַ שטאָטישער באַאַמטער און פאַרצייכנט די געשעענישן אין שטאָט זינט עס איז געקומען דער יונגער יעזואיט.

זייענדיק אַ געלערנטער, ווערט ער נישט מיטגעריסן מיטן שדים־פּסיכאָז. עס העלפט נישט, וואָס מען ווייזט אים ווי אַ דיבוק איז אַריין אין אַן אייזל און געבליבן שטיין נעבן קלויסטער. ער, דער יונגער דרואַן, איז פריי פון אָבערגלויבנס און זאָגט אָן דעם אויפקום פון ראַציאָנאַליזם. פון זיין פענצטער זעט ער, ווי מען פירט דעם יונגן יעזואיט צום פאַרברענען און שילדערט מיט אַלע פּרטים די ראַפינירטקייט פון די גייסטלעכע און די היסטעריע פון די טעמפּע מאַסן. אין פאָדערגרונט ווערן אַרויסגעשטעלט עקלהאַפטע סאַדיסטן. דרואַן ווערט געשילדערט ווי דער פאָרשטייער פון די שטילע און באַשיידענע בירגער, האָט נישט קיין שום סימנים פון העראָאישער אַקטיוויטעט, איז בלויז אַ מענטש, וואָס קוקט מיט אָפענע אויגן, פריי פון פאָראורטיילן און זעט דעם נאַקעטן אמת.

צו אַלע מאָטיוון פון דער הײנטיקער ליטעראַטור קומט נאָך צו דער מאָטיוו פון ראַסע און עס איז אַזוי זעלטן אַ שרײבער, װאָס זאָל זײן באַפרײט פון פאָר־אורטײלן װען עס קומט צו יידן, בפרט נאָך צו דער געשטאַלט פון אײביקן ייד.

דער ראָמאַן פונעם שװעדישן שריפטשטעלער, דעם נאָבעל־פרײז־טרעגער פ. לעגארקװיסט, װאָס האָט אַרױסגערופן אַ הילכיקן אָפקלאַנג אין די ליטעראַרישע קרײזן אין דער װעלט, שילדערט די געשטאַלט פונעם אײביקן ייד, אַהאַסװער, װאָס איז אין דער קריסטלעכער װערסיע דער אײביקער װאַנדערער, די פאַרקערפּערונג פון אַלמעכטיקן שיקזאַל אין כאַאָס פון דערשײנונגען, פון טראַגישע און בלוטיקע לעבנס־קאַפּיטלעך.

די קריסטלעכע לעגענדע האָט זיך אַנגעכאַפּט אין דעם ירושלימער שוסטער, אַהאַסװער, װאָס האָט נישט אַרײנגעלאָזט צו זיך ישו הנוצרי, װען ער האָט זיך געשלעפּט מיטן צלם און געזוכט אַן אָרט, אויף אָפּצורוען זיך. אײן װערסיע האָט דעם זעלבן אַהאַסװער דערפירט צו שמד. אַן אַנדערע האָט אים געזען אַ פאַראורטײלטן צו װאַנדערן, אָן אַ ציל, איבער דער װעלט, ביז אחרית הימים.

די אַהאַסװער־געשטאַלט האָט גערײצט די פאַנטאַזיע פון אַ סך אײראָפּעאישע שריפטשטעלער. די גרעסטע דיכטער האָבן זיך פאַרטיפט אין דער טראַגעדיע פונעם אײביקן װאַנדערער. געטע האָט אים באַהאַנדלט פון דער היסטאָריש־רעליגיעזער זײט. לענאו האָט אים אין זײן באַרימטער באַלאַדע געפירט צו אַ יעגער פון חיות, װאָס שיסט אין אים, טרעפט און קען אים נישט טויטן. דער גרויסער ענגלישער ראָמאַנטיקער, װאָדסװאָרט, זעט אין אײביקן ייד אַ פאַראורטײלטן צו זײן אַן עד־ראיה פון מענטשנס יסורים אין אַלע צײטן. ער מוז, קעגן זײן װילן, לעבן און צוקוקן צו די אומגעהײַערע פּײַן פון דער מענטשהײט, צו איר שטײַגן און פאַלן. אין דעם באַשטײט די טראַגעדיע פון דער אַהאַסװערישער פּערזענלעכקײט, װאָס לעבט אײביק.

די געשטאַלט פונעם אײביקן יידישן װאַנדערער איז געשילדערט און באַזונגען געװאָרן דורכן דענישן שרײבער אַנדערסען, דורך דעם פראַנצויזישן עדגאַר קאינא, דורכן דײטשן אויגוסט װינדבערג, דורך ערנסט טאָלער. יעדער פון זײ האָט אויף אַן אַנדערן אופן אויפגעװיקלט זײן יסורים־פולן גאַנג דורך יאָר־טויזנטער, אַן אַנטלויפנדיקן אין נײַע װעלטן, אַן אַנטוישטן און פאַרװאַנדלטן אין טרעגער פון טיפישער װעלט־חכמה; אַ טראַגנדיקן דעם בעכער, װאָס איז פול מיטן געטראַנק פון דער דערקענטעניש; אַ זשאָנגלירנדיקן מיט יעדער װירקלעכקײט, װײל זי האָט פאַר אים נישט קײן װאָג.

דער ערשטער, װאָס האָט זיך אַרױסגעריסן פון דער ביז־איצטיקער ראַם און אופן פון מאָלן די געשטאַלט פונעם אײביקן ייד, איז דער שװעדישער שרײבער פ. לעגארקװיסט, װעלכער זעט אין ישון אַ רעװאָלוציאָנער, װאָס איז געמשפּט געװאָרן דורך די רוימער און עס איז אומזיניק צו באַשולדיקן די יידן דערפאַר, װאָס זײ האָבן נישט אָנגענומען די רעװאָלוציאָנערע אידעען פון אַן אײנצלנעם מענטש. ער האָט דערפאַר בעסער פון אַנדערע שרײבער געפילט און אויסגעדריקט דעם גראַנגל פון דער אַהאַסװער־געשטאַלט, געשאַפן די קינסטלערישע װאָר אַרום דער לעגענדע, די אַטמאָספער פון טאָג־טעגלעכער

רעאַליטעט און קלאָרער געזען די אומענדלעכע באַוועגונג פֿונעם געשיכטלעך־יידישן אין דער דאָזיקער געשטאַלט.

נישטאָ אין זיין אַהאַסווער די ראָמאַנטישע פֿאַרבן־רייכקייט און לירישער פּאַטאָס ווי ביי יאַנקאָווסקין און ווינסבערג. לעגארקוויסטס קראַפט ווייזט זיך דאָ אַרויס אין זיין טיפֿן אַריינדרינגען אין דער מענטשלעכער נשמה, אין יענע ווינקלען וואָס זענען נישט געווען קלאָר פֿאַר אונדזערע חושים, האָבן אָבער געווען סוגעסטיווע קראַפֿט פֿאַר דער טיפֿער דערקענטעניש. נישט די, וואָס איז זיך סומך אויף סימבאָלן, נאָר קומט דורך דער אוממיטלבאַרער איבערלעבונג.

מיט צען יאָר צוריק איז דערשינען דער ערשטער פֿון לעגארקוויסטס ראָמאַנען, וואָס שילדערן די געשעענישן אינעם יאָר פֿון ישוס קרייציקונג. אין צענטער שטייט דאָרט אַ פֿאַרברעכער, וואָס איז איינגאַנצן פֿאַרשלונגען פֿון דער פֿיבערהאַפטיקער האָפֿענונג אויף דער גאולה. שפּעטער איז געקומען דער צווייטער היסטאָרישער ראָמאַן „סעווילאַ“, אין וועלכן מיר זעען אַהאַסווערן ווי ער קומט צו אַן אַלטער פּריסטערין און זי קלערט אים אויף די אייביקע פֿאַרבינדונג פֿון זיין גורל מיט גאָט. אַהאַסווער דערפֿילט אין זיך די מיסטישע שליחות דורכצומאַכן די יסורים פֿון אייביק לעבן. ער ווערט אויפֿגעגעסן פֿון ספֿיקות וועגן מהות פֿון געטלעכקייט אינעם מענטש, אָבער דאָס האָט נישט קיין שייכות צו גאָט אַליין, וועמענס עקזיסטענץ איז איבער יעדן ספֿק, אָבער קיינער קען זי נישט באַגרייפֿן, ווייל גאָט איז נישט קיין אידעע, נאָר אין אים זענען נכלל אַלע אידעען.

אין איצטיקן אַהאַסווער־ראָמאַן דערשיינט דער אייביקער ייד אין אַ ביי־געשאַפֿענער קינסטלערישער געשטאַלט, וואָס אין „סעווילאַ“ איז זי נאָר אָנגעוווּנקען געוואָרן. עס איז דער ייד, וואָס גאָטס ערד איז אים אַ היים און אַן עשאַפֿאָט און פֿון זיין פּנים לייכט אַראָפּ דער צער פֿון דער וועלט. אין אַ ברויזנדיקן וויכער, וואָס קערט וועלטן, באַהאַלט ער זיך אויס אין אַ קרעטשמע, וווּ ער באַגעגנט זיך מיטן גזלן טאָביאַס און מיט דער שיכורער פּראָסטיטוטקע דיאַנאַ. פֿון זיי דערוויסט ער זיך זייערע אויסטערלישע לעבנס־געשיכטעס וועגן שווידערלעכער מענטשלעכער נויט און אויסגעלאַסענער צעהוליעטקייט. אין חרובע שטובן און רייכע פּאַלאַצן, אין הייליקע טעמפּלען און נאַכטיקע וויס־טעגנישן; וועגן שטרענגע שטראָפֿן און געזעצלאָזער הפֿקרות.

דער וויכער האָט זיך איינגעשטילט און זיי באַשליסן צו גיין צופֿוס אין הייליקן לאַנד. זיי שלעפּן זיך איבער די געדרייטע וועגן אין די בערג, ווו פֿון אַלע זייטן לויערן געפֿאַרן. טאָביאַס ווערט געטרודפּט סיי דורך דער מאַכט, סיי דורך קאָנקורירנדיקע רוביבער־באַנדעס. קלעטערנדיק איבער אַ משופּעדיקן באַרג טרעפֿן זיי זיך אָן אויף אַ פֿאַרפֿאַסטן פֿון אַ גזלנים־באַנדע, וואָס צילט מיטן פֿיילנבויגן אין טאָביאַסן. דיאַנאַ לויפֿט צו, פֿאַרשטעלט אים מיט איר קערפּער און פֿאַלט אַ טויטע פֿון דער פֿייל, וואָס איז געווען באַשטימט פֿאַר טאָביאַסן. ער בלייבט שטיין איבער איר ווי פֿאַר אַ הייליק בילד, העל באַלויכטן פֿון אינעווייניקסטן עקסטאַז.

עס איז אַ הייסער טאָג. די צעגליטע העלע פּוסטקייט בלענדט און פֿאַר־

שיכורט. אַלדאָס ערדישע ווערט דורכגעלויכטן מיטן ליכט, וואָס פליסט פון די הימלען. דער גזלן האָט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן באַגריפן דעם פאַרנעם פון גרויסער ליבע און ער לאָזט זיך פאַנגען פון די גזלנים. אַהאַסוועך נעמט אויספּלאָנטערן דעם קנויל פון ספיקות און ער דערזעט דאָס געטלעכע אויפן דנאָ פון מענטשלעכער געפאַלנקייט. ער דערנענטערט זיך צו דער רעאַליטעט פון אמונה.

אין ביידע אַזוי־טיף־געפאַלענע איז געווען אַנגעזאַמלט אַזויפיל שטאָלץ, הויכע געפילן און מאָראַלישער כוח, וואָס דערפירט צו הייליקסטער מסירות נפש. דעמאָלט פאַרמאַכט אַהאַסוער זיינע אויגן אויף אייביק. ער האָט ענדלעך זוכה געווען צו שטאַרבן. ער האָט זיך אויפגעלייזט אין דעם באַוווסטזיין, אַז ער איז אַ טייל פונעם אייביקן.

ביי דער גאַנצער פשטות פון זיין סטיל איז לעגארקוויסטס צוגאַנג צו זיינע העלדן אַ מיסטישער. עס איז דער שוועדישער פאַרנעפּלטער מיסטיציזם, וואָס מיר זעען אין די פילמען פון אינגמאַר בערגמאַן, וועלכע ציען זייער טיילווייזע יניקה פון אור־אַלטע שוועדישע פאָלקס־לידער. דער דאָזיקער מיסטעריעזער גייסט פילט זיך אויך אין די ווערק פון אַ ריי שוועדישע ראָמאַניסטן.

לעגארקוויסטס אַהאַסוער געהערט צו די נאַטורן, וואָס קענען נישט עקזיסטירן אָן דער נאָענטקייט פון גאָט און אַזוי קוקט ער אפילו אויף יענע, וואָס בלאָנדזשען אין זייער טראַכטן און זענען נישט געערעכט אין זייערע מעשים. זיי מוזן אָבער פילן, אַז עס איז פאַראַן עמעץ, וועמען מען איז שולדיק אַ דין וחשבון; אַז עס איז דאָ עפּעס אייביקס, וואָס עקזיסטירט אויסער אונדזער באַגריף און מיט וועלכן מיר זענען פאַרבונדן מיט אומזעבאַרע פעדעם. דאָס גאַנצע טאָן און טראַכטן וועגט און מעסט זיך לויט די אייביקע ווערטן, וואָס גאָט האָט פעסטגעשטעלט פאַר אַלע צייטן און איבער אַלעם איז די הייליקע גבורה פון מסירות נפש, דער הימן פון אַהאַסוערס טויט.

די לאַסט פון געוויסן־פּיין ליגט אויפן בוך פון דעאד לעוו און פאָל טיער און טראָגט דעם נאָמען „די גרויסע באַלאַגערונג פון ווינטערדיקן וואָלאָדראָם". אין בוך דערציילט זיך וועגן דער מוראדיקער טראַ־געדיע פון די פאַריזער יידן, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט מיט 25 יאָר צוריק, אין יולי 1942. ווען מען האָט זיי אין די טויזנטער געכאַפּט אין די גאַסן און הייזער פון פאַריז און אַוועקגעשיקט אין די פאַרניכטונגס־לאַגערן.

אין דאָזיקן בוך ווערן אויך געשילדערט די באַציאונגען פון די יידן מיט זייערע קריסטלעכע שכנים, און עס קומט דאָרט אַרויס אין זייער גאַנצער שאַרפ־קייט די כאַראַקטעריסטישע שטעלונג פון דורכשניטלעכן פראַנצויז לגבי זיין יידישן פריינט.

דעם 16־טן יולי 1942, אין באַגין האָבן 9000 פאַריזער פּאָליציאַנטן, אונטער דער אויפזיכט פון אָקופּאַנט, אָנגעהויבן איינע פון די גרעסטע פּאָליצייאישע אַקציעס אין דער געשיכטע פון פאַריז. אין יענעם פרימאָרגן זענען אַרעסטירט געוואָרן 12,884 יידן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין פראַנצויזישע פּאַספּאָרטן,

זענען נישט געווען קיין פראַנצויזישע בירגער. זיי זענען אַרויסגעפירט געוואָרן דירעקט קיין דייטשלאַנד אָדער קיין פוילן.

די, וואָס האָבן געהאַט משפחות, עלטערן מיט קינדער, זענען קאָנצענטרירט געוואָרן אין דעם ווינטערדיקן וואלאדראם, אַ מין סטאַדיאָן, אויף וועלכן עס קומען פאָר פאַרשידענע ספּאָרט־אימפּרעזעס.

אַן ערך 7000 פערזאָן זענען געהאַלטן געוואָרן אין דאָזיקן גרויסן באַגלאָזטן בנין, אין אויסערגעוויינלעכער היץ, אָן אַ טראָפּן וואַסער. דאָרט זענען געווען אויך 4,051 קליינע קינדער.

די אַקציע האָבן די דייטשן גערופן „פרילינגס ווינטל". אין יענעם שווידערלעכן טאָג איז געקומען די „שעה פון אמת" נישט לגבי די אומגליקלעכע קרבנות, וואָס האָבן אָנגעהויבן זייער וועג צום טויט, נאָר לגבי די פאַריזער, די שכנים פון די קרבנות, די בעקערס און הויז־וועכטערס, די מילכיקערס און הויז־אַדמיניס־טראַטאָרן, יענע אַלע „אָרנטלעכע" מענטשן, וואָס די יידן האָבן זיי געקענט אָדער געגלויבט, אַז זיי קענען זיי און האָבן אין משך פון יאָרן פאַרגעשטעלט מיט זיך די מענטשלעכע לאַנדשאַפט, וועלכע זיי האָבן געזען כמעט יעדן טאָג און געגלויבט, אַז זיי האָבן צו טאָן מיט מענטשן.

די דאָזיקע פאַריזער איינוווינער פון אַ גאַנץ יאָר זענען געווען שטומע צושויער צו דער מוראדיקער דראַמע, אָבער נאָר געציילטע פון זיי האָבן זיך דערמיט איבערגענומען, אַרויסגעבערענגט זייער מיטגעפיל, רחמנות. אין אַלגעמיין האָט די דראַמע נישט אויפגעוועקט די געזונטע מאָראַלישע רעאַקציע פון פּראָטעסט, פון סאָלידאַריטעט, אַפילו נישט קיין שטומע, אַפילו נישט קיין סימבאָלישע. כמעט אַלע זענען געבליבן פּאַסיוו, ווי זיי וואָלטן לגמרי נישט באַמערקט די אויפּטרייס־לענדיקע עוולות, וואָס געשעען פאַר זייערע אויגן, נישט געפילט דעם שווידערלעכן פאַרברעכן.

אין מערסטנס פאַלן האָבן זיי געזען אין דעם אַן אומגליק, וואָס האָט געטראָפן אַנדערע, די פרעמדע יידן. אמת, עס איז נישט אָנגענעם, רופט אַפילו אַרויס צער, אָבער קיינער האָט זיך נישט אידענטיפיצירט, האָט עס נישט אָפּגעפילט, ווי עס וואָלט אים אַליין געטראָפן.

יענע פאַריזער יידן, מענער און פרויען, קינדער און אַלטע לייט, זענען געכאַפּט געוואָרן ברוטאַל אין די גאַסן ווי ווילדע חיות, זענען אינמיטן נאַכט אַרויסגענומען געוואָרן פון די בעטן, אַרויפגעלאָדעוועט געוואָרן אויף אויטאָס און דאָס האָט געטאָן די פראַנצויזישע פּאָליציי. די דאָזיקע פּאָליציאַנטן זענען געווען געהאָרכזאַמע משרתים פון דעם רעזשים, האָבן אויסגעפירט אַלץ, וואָס די דייטשן האָבן פאַרלאַנגט און נישט געפילט דערביי קיין שום געוויסנסביסן. דאָס האָט דאָך געהאַט אַ שייכות נאָר צו יידן, דערצו נאָך צו פרעמדע יידן.

נישט נאָר די פּאָליציאַנטן און די פאַריזער מאַסע האָבן אַזוי שוואַך אָנטוישט די אַלע, וואָס האָבן געהאָפט צו זען פון זייער זייט מענטשלעכע באַציאונג, מענטשלעך מיטגעפיל. אויך די גייסט־מענטשן, די אינטעלעקטואַלן האָבן זיך נישט קיין סך אונטערשיידט פון דעם המון. אויך זיי האָבן נישט געלאָזט הערן זייער געשריי, נישט אויפגעציטערט און אַפילו נישט קיין לייכטן זיפץ געטאָן. צי איז

דאָס געשען דערפֿאַר ווייל די דאָזיקע עליטע, די גרויסע מוחות און אַלערליי גייסט־מענטשן זענען געווען אין געפֿאַנגענשאַפֿט, אָדער עס איז אויף זיי נגזר געוואָרן צו שווייגן און זענען אַליין פֿאַרפֿאָלגט געוואָרן דורך דעם באַבאַרישן רעזשים?

אַזוי איז עס נישט געווען! אין יענעם זומער פֿון 1942, ביי דער מאַכט פֿון פּעטען און לאַוואַל, איז קיין איין גרויסער שרייבער נישט געווען אַרעסטירט. זיי זענען דאָך נישט געווען קיין יידן און האָבן נישט געטאָן קיין שום זאַך, וואָס זאָל קעגן זיי אַרויסרופֿן דעם פֿאַרדאַכט פֿון דער מאַכט. אַנדרעי זשיד איז דעמאָלט געווען אין פֿולן שוווּנג פֿון זיין שאַפֿן. ער האָט דעמאָלט געשריבן זיין טאָג־בוך און האָט זיך נישט געמישט אין קיין שום ענינים, וואָס האָבן געהאַט עפּעס אַ שייכות מיט יידן. אומזיסט האָט מען ביי אים געזוכט דעם מינדעסטן רמז פֿון רעאַגירן אויף דעם פֿאַרברעכן קעגן דער מענטשהייט, וואָס איז פֿאָרגעקומען פֿאַר זיינע אויגן.

אויך פּיקאַסאָ איז דעמאָלט געווען אין פֿולן בלי פֿון זיינע פּרוכטבאַרסטע שאַפֿונגס־פּעריאָדן. דער מוזיי פֿאַר מאָדערנער קונסט איז געווען טעטיק. פּאַריז איז געווען דאָס זעלבע פּאַריז, נישט געקוקט אויף דעם גרויליקן פֿאַרטרייבן די יידן, נישט געקוקט דערויף, וואָס עס האָט דאָרט געהערשט דער היטלעריסטישער אָקופּאַנט. מענטשן האָבן זיך געוויילט און געלאַכט. די ליבע האָט ווי תמיד געבליט אויף די גאַסן פֿון פּאַריז...

איבערן גאַנצן וועג, איבער וועלכן עס זענען דורכגעגאַנגען די יידן, וואָס מען האָט אַרויסגעשיקט אין טויט־לאַגערן, ביז צו דער פֿראַנצויזיש־דייטשער גרענעץ, האָבן די פֿראַנצויזן געהאָלפֿן צואיילן דאָס אַרויסשיקן די יידן, די טראַנספּאָרטן, וואָס האָבן זיי געפֿירט צום טויט. נישט בלויז פּאָליציאַנטן האָבן עס געטאָן, נאָר אויך סתם מענטשן, נישט קיין פֿאַנאַטיקער און נישט קיין אַנטיסעמיטן, נאָר סתם גלייכגילטיקע, די אַלע, וואָס מען רופֿט „דורכשניטלעכע" פֿראַנצויזן. אַזוי ווערט אין דאָזיקן בוך געשילדערט דער פּרצוף פֿון דורכשניטלעכן פֿראַנצויז און פֿון די גייסט־מענטשן, וואָס האָבן נאָך ביזן היינטיקן טאָג די אַמביציע צו זיין די פֿאָרויסגייער פֿון דער אייראָפּעאישער קולטור. עס פֿאַלט זיי אפֿילו נישט איין צו מאַכן פֿאַרגלייכן מיט דער אויפֿפֿירונג פֿון די מענטשן אין האָלאַנד און אין די סקאַנדינאַווישע לענדער. ווי אַנדערש איז געווען די באַציאונג, וואָס עס האָט אין יענע לענדער אַרויסגעוויזן סיי דער פּשוטער מענטש און סיי דער אינטעליגענט.

דאָך ווילט זיך נישט אויפֿהערן צו גלויבן אין די גרויסע גייסטער, וואָס פֿראַנקרייך האָט אַרויסגעגעבן און זייער ווייניק קענען זיך פֿאַרגלייכן מיט זיי. זייערע ווערק זענען טרייסטנדיק ביזן היינטיקן טאָג. עס ווילט זיך גלויבן, אַז אַזאַ גייסטיקער ריז ווי ראָמען ראָלאַן וואָלט אין יענער פֿינצטערער צייט געלאָזט הערן זיין רוף צו מענטשלעכקייט און ווידערשטאַנד קעגן שנאה און גלייכגילטיקייט. די גרויזאַמקייט פֿון לעבן באַשטייט אויך אין דעם וואָס אין דער פֿינצטערסטער תקופֿה זענען פֿאַרשוויגן און פֿאַרשוווּנדן געוואָרן די גרויסע גייסטער און עס שוידערט פֿונעם געדאַנק, אַז זיי האָבן אפֿילו פֿאַר זיך נישט

פאַרצייכנט זייער דערשטיקטן געשריי. עס איז אינטערעסאַנט זיך צו פאַרטראַכטן איבער דער ראָל פון טאָג־ביכער און זייער באַדייטונג פאַר שרייבער און לייענער. ווער נאָך ווי די שרייבער אַליין האָבן עס געדאַרפט וויסן ? !

אין די ראַמען פון דער סעריע, „ליטעראַרישע ירושה‟, וואָס עס גיט אַרויס דער מאָסקווער פאַרלאַג „נאַאוקאַ‟, איז דערשינען אַ נייער באַנד, וואָס נעמט אַרום די מאַטעריאַלן פון איוואַן טורגעניעווס פּאַריזער אַרכיוו. דאָס אַנגעזעענסטע אָרט פאַרנעמט דאָרט אַ טייל פונעם שרייבערס טאָג־ביכער, וואָס ער האָט געפירט אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן. דער דאָזיקער אינטע־רעסאַנטער מאַטעריאַל איז באַגלייט מיט אַ קאָמענטאַר פונעם ליטעראַטור־פאָרשער י. זילבערשטיין.

די דאָזיקע טאָג־ביכער האָבן אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס צווישן די שרייבער אין דער וועלט. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דער גרעסטער טייל פון טורגעניעווס ראָמאַנען און דערציילונגען זענען געבויט אויף אויטענטישע פּאַסירונגען, וועלכע ער האָט פאַרצייכנט אין זיין טאָג־בוך מיט דער שטרענגסטער גענויקייט. ער האָט דערביי צוגעגעבן זיינע אייגענע שטימונגען, איבערלעבונגען און אורטיילן.

צווישן די מאַטעריאַלן זענען אויך פאַראַן די פאַרצייכענונגען וואָס עס האָט געמאַכט אין זיינע טאָג־ביכער דער באַקאַנטער זשורנאַליסט י. פּאַוולאָווסקי, וועלכער איז געווען טורגעניעווס אַ נאָענטער פריינט און יעדער שמועס מיטן גרויסן שריפטשטעלער איז פאַר אים געווען אַן איבערלעבונג. ער שטרייכט אונטער אַז טורגעניעוו האָט געשריבן זייער פּאַוואָליע זיינע בעלעטריסטישע ווערק. דאַקעגן האָט ער גיך און אַ סך געשריבן אין זיינע טאָג־ביכער.

פּאַוולאָווסקי, ווי אויך אַנדערע פון דעם שריפטשטעלערס פריינט, דערציילן, אַז זיי האָבן די טאָג־ביכער קיינמאָל נישט געזען, אָבער טורגעניעוו האָט וועגן זיי אָפט דערמאָנט. פּאַוולאָווסקי גיט איבער ווי איינמאָל איז צו טורגעניעוון געקומען אַ יונגער שרייבער און זיך פאַר אים באַקלאָגט אויף זיין ביטערן מזל. אַז ס׳גייט אים נישט אין לעבן און ער פאַלט אַריין אין פאַרצווייפלונג. טור־געניעוו האָט אים דערויף געענטפערט:

„דערבאַרעמט אייך, אַ שרייבער טאָר זיך קיינמאָל נישט אונטערגעבן, טאָר נישט אַריינפאַלן אין קיין פאַרצווייפלונג. פונעם שווערסטן אומגליק דאַרף ער קענען אַרויסציען נוצן פאַר דער ליטעראַטור. מען זאָגט, אַז אַ שרייבער איז בלויז נערוון, לעבט איבער יעדע זאַך שטאַרקער פון אַנדערע געוויינלעכע מענטשן. דאָס איז אמת. אַ שרייבער דאַרף קענען זיך אַליין, געדענקען דעם דאָזיקן פאַקט, און טאַקע דערפאַר וויסן, אַז ער דאַרף זיך האַלטן, זיין שטאַרק, האָבן דעם כוח צו אָבסערווירן זיך און אַנדערע. אָט האָט, למשל, פּאַסירט מיט אים אַן אומגליק, דאַרף ער זיך גלייך אָוועקזעצן שרייבן אַלץ וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט, ווי אַזוי ער האָט עס איבערגעלעבט. דאָס אומגליק וועט אַוועק פונקט ווי אַלץ אין לעבן פאַרשווינדט. דערפאַר אָבער וועט בלייבן אַ פּרעכטיק פאַרשריבן צייטל, וואָס קאָן ווערן דער קערן פון אַ גרויס ווערק. יאָ, גרויס, ווייל עס איז אמתדיק, אַ לעבעדיק שטיק פלייש אַרויסגעריסן פון לעבן‟.

דער יונגער שרייבער האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ:

„עס איז גרינג צו זאָגן: זעץ זיך אַוועק און שרייב. ווי אַזוי שרייבן, ווען דער ווייטיק צערייסט די געדערים און עס ווילט זיך גאָר אַריינשיסן אַ קויל אין אייגענעם קאָפּ?"

טורגעניעוו איז אַזש אויפגעשפּרונגען און אויסגעשריגן:

„אויסגעצייכנט. נעם און פֿאַרשרייב עס, וועסט זען וואָס פֿאַר אַ פּרעכטיקע זאַך עס וועט דערפֿון אַרויסקומען... עך, דו, ווען אַלע אומגליקלעכע שרייבער וואָלטן זיך אַריינגעשאָסן אַ קויל אין קאָפּ, וואָלט נישט געבליבן קיין איין לעבעדיקער קינסטלער, ווייל עס איז נישטאָ אין דער וועלט קיין איין גליק־לעכער שרייבער. יעדער שרייבער איז אַן אומגליקלעכער מענטש. עס קאָן גאָר אַנדערש נישט זיין. גליק דאָס איז רו, און רו איז נישט קיין שעפֿערישע זאַך. אַ רואיקער מענטש איז נישט קיין שעפֿער און אַ שעפֿערישער מענטש איז שטענדיק אומרו. איידער ער דערפֿילט די גליקלעכע מינוט, איז ער שוין פֿאַרפֿלייצט פֿון ביטערע אומגליקן, אייגענע און פֿרעמדע... דערפֿאַר, זעסטו, פֿאַרשרייב איך אַלץ אין מיין טאָג־בוך, יעדע פּאַסירונג, אַלץ וואָס מיך אינטע־רעסירט. דעם שמועס מיט דיר וועל איך אויך פֿאַרשרייבן".

וואָלטן די שרייבער אין פֿראַנקרייך און אַנדערע אָקופּירטע לענדער זיך געהאַלטן ביים דאָזיקן טורגעניעווישן פּרינציפּ און פֿאַרצייכנט אין טאָג־בוך אַלץ וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט, געזען און געהערט, וואָלט עס געוויס זיך אָפּגע־שפּיגלט אין זייערע ווערק, אָבער וואַרשיינלעך איז אין זייער טעמפּן שווייגן געווען אויך די מורא פֿאַרן לעצטן אמת איבער זיך אַליין.

די וויזיע

והיה באחרית הימים

די אימהדיקע נאַכט פֿון יידישן אומקום האָט זיך אונדז אויסגעוויזן צו זיין דער סוף פֿון דער מענטשלעכער געשיכטע. אין די גרויזאַמסטע קאָנווולסיעס זענען צוזאַמען מיטן אומקום פֿון מיליאָנען אומגעבראַכט געוואָרן אַלע חלומות פֿון שיינקייט, פֿון יושר און צדק, אויסגעבערנט און אָפּגעגליט זענען געוואָרן אַלע אידעען און אידעאַלן, אויסגעלאָשן האָבן זיך אַלע וויזיעס פֿון אַ נייער צייט, אָבער די וויזיע פֿון „והיה באחרית הימים", פֿון אַ נייער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדענונג, פֿון אַ נייער מענטשהייט, איז אַ טעמע, וואָס ענדיקט זיך נישט, שעפּט זיך קיינמאָל נישט אויס, גייט איבער פֿון דור צו דור, פֿון אייביקייט צו אייביקייט, קומט אויף פֿון אונטער די חורבות, פֿון אונטערן אַש פֿון פֿאַרברענטע וועלטן.

עס איז שוין נישט איינמאָל דיסקוטירט געוואָרן איבער דער פֿראַגע: איז דער וויזיאָנער אַ פּראָדוקט פֿון זיין צייט און זיין סביבה אָדער איז ער איבער

זיי? זענען זײַנע ווײַזיעס נאָר אַן עכאָ פֿון באַהאַלטענע כּוחות אינעם מענטש אָדער שעפּט ער זײַנע ווײַזיעס פֿון אייגענעם קוואַל?

מײַן כּוונה איז אָבער נישט אַרײַנצולאָזן זיך אין דאָזיקן וויכּוח. צו רײַך און פֿאַרשידנאַרטיק איז די גאַלעריע פֿון די כּל־מיני טרוימער, שרײַבער און דענקער, וואָס זענען געקומען מיט זייערע ווײַזיעס פֿון דערלייזונג און אויפֿריכטונג. כּמעט אַלע זענען זיי געווען ווײַט פֿון רעאַלן לעבן און וויפֿל זיי האָבן נישט אָנגעזען זיך שלעכטס און רשעות, האָבן זיי נישט אויפֿגעהערט צו גלייבן אין מענטש און אידעאַליזירן אים. צו זיי געהער אויך דער ענגלי־שער שרײַפֿטשטעלער א. העקסליי.

א. העקסלעיס נײַ בוך „דער אינדזל", וואָס האָט אַרויסגערופֿן אַזאַ לעבהאַפֿטיקע דיסקוסיע אין ענגלאַנד און אַמעריקע, איז אייגנטלעך אַ ווײַטערדיקע קאָנטינואירן דעם געדאַנק, וועלכן דער גרויסער פּראָזע־מײַסטער האָט מיט דרײַסיק יאָר צוריק אַרויסגעבראַכט אין זײַן בוך „אַ נײַע וועלט און אַ העלד". פּונקט ווי זײַנע ווײַטערדיקע ווערק איז אויך דאָס בוך נישט געבוירן געוואָרן פֿון דער ריינער כּוונה צו שאַפֿן ליטעראַטור, אַלע זײַנע שאַפֿונגען זענען פֿאַרענטפֿערט און באַרעכטיקט דורך דער ווײַזיע אויסצולייזן די מענטשהייט פֿון אַלערלײַ פּײַן און יסורים.

אין „אַ נײַער וועלט און אַ העלד" איז פֿאַראַן די ווײַזיע פֿון מענטשנס צוקונפֿט, דאָס שטעלן אים פֿאַרן אויסוואַל: אומקערן זיך צו דער נאַקעטער פּרימיטיווקייט, אָדער גיין פֿאָרויס אויפֿן וועג פֿון גשמיותדיקן וויסנשאַפֿטלעכן פֿאָרשריט.

טרײַ דעם דאָזיקן וועלט־בליק גיט דער מחבר אין זײַן נײַ־דערשינענעם בוך אַן אוטאָפּיש בילד פֿון אַ לאַנד, וועמענס אײַנוווינער האָבן אויסגעקליבן אַ לעבן פֿון קאָנטעמפּלאַציע. דאָס לאַנד געפֿינט זיך אויפֿן אַזיאַטישן אינדזל פּילע, וואָס פֿאַרמאָגט נאַטור־אוצרות, אָבער צום רײַכסטן איז ער אין נאַפֿט, וואָס ווערט נישט אויסגענוצט, ווײַל שוין דער צווייטער דור לעבט דאָרט פֿול־שטענדיק אָפּגעריסן פֿון דער אויסערלעכער וועלט.

דער הערשער פֿונעם אינדזל האָט דאָרט אײַנגעפֿירט אַ נײַע געזעלשאַפֿטלעכע אָרדענונג. אינצווייען, צוזאַמען מיט זײַן פֿרײַנט, אַ דאָקטאָר, פֿירן זיי אָן און געשטאַלטיקן דאָס אוטאָפּישע לעבן פֿון דער גאַנצער באַפֿעלקערונג. עס איז אַ שטיל־פֿליסנדיק לעבן אָן קאָנקורענץ, אָן ראַפֿינירטע תּחבולות, נאָר איז באַזירט אויף דורכאויסיקער קאָאָפּעראַציע.

דער דאָקטאָר איז נישט קיין געבוירענער אויפֿן דאָזיקן אינדזל. ער איז געקומען אַהין פֿון סקאָטלאַנד אויף דער אײַנלאַדונג פֿונעם שווער־קראַנקן הערשער און האָט אים אָפּגעראַטעוועט דאָס לעבן.

צווישן הערשער פֿונעם אינדזל און דעם סקאָטישן דאָקטאָר האָט זיך פֿאַרבונדן אַן אינטימע פֿרײַנטשאַפֿט. זיי רעדן אַ סך וועגן ליבע און אַרבעט, פֿאַרברעכן און שטראָף, געדאַנק און ליידנשאַפֿט, פֿאַרגעניגן און שיינקייט, זעלבסטדערקענטעניש און לערנען, פֿרייד און פּײַן, רעליגיע און אייביקייט; וועגן די, וואָס שאַפֿן דאָס געזעץ און שטייען מיטן רוקן צו דער זון — וועגן

אַלע פּראָבלעמען, וואָס רירן אָן דאָס מענטשלעכע לעבן, ביז זיי קומען צו דער אויסלייזונג־אידעע, אַ חלום, וואָס איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ קאָנקרע־טער, רעאַלער און צוזאַמען האָבן זיי זיך גענומען רעאַליזירן דעם העלזעערישן באחרית הימים, איינשטעלן אַן אָרדענונג, וואָס זאָל באַפרייען די מענטשן פון יסורים און ווייטיקן; דערפירן דערצו, אַז אַלע, אַן אויסנאַם, זאָלן גלייך געניסן פון דער נאַטורס גוטס און שיינקייט און במילא אַליין זיין גוט און ערלעך.

אין זייערע שמועסן איז פאַראַן אַ סך רעטאָריק. אָבער אויך דאָס מאָראַליש־פּובליציסטישע איז דורכגעדרונגען מיט עמאָציע, וואָס אַנאַליזירט ווייניק און פילט מער. עס אַנטשטייט אַ נייע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, אָן מיליטער, אָן תפיסות, אָן אַנשטאַלטן פאַר גייסטיק־קראַנקע, עס פאַרשווינדן פּסיכישע דעפעקטן, דערשלאָגנקייט און מרה־שחורה. אין די פּריסטע קינדער־יאָרן ווערט דורכגע־פירט די פיזיאָטעראַפּישע היילונג דורך ביאָ־כעמיע. יעדעס קינד געהער צו אַ געמיינזאַמען אַדאָפּטירער־קלוב און פאַרמאָגט עטלעכע עלטערן. ווען דאָס קינד איז נישט צופרידן פון זיינע עלטערן, קען עס זיך אויסקלויבן אַנדערע טאַטע־מאַמע, אַזעלכע, וואָס געפעלן אים בעסער.

פולשטענדיק ניי און אינטערעסאַנט איז דער דערציאונגס־מעטאָד אין די שולן, ווו די קינדער לערנען זיך ווי אויסצוהיילן ווייטיקן און צוטראַכטן זאַכן, וועלכע דאַרפן פּאַסירן אין דער ווירקלעכקייט. מען לערנט די קינדער לערנען זיך אַליין, געפינען זיין אָרט אין דער מענטשלעכער קאָאָפּעראַציע.

דער עקאָנאָמישער סיסטעם איז אַ דורכאויס קאָאָפּעראַטיווער און עס איז תמיד פאַראַן גענוג שפּייז פאַר אַלע. ביידע, די נייע אָרדענונג און דער נייער מענטש, פורעמען זיך אויס קעגנזייטיק אין איין פּסיכאָ־עקאָנאָמישן פּראָצעס, ווייל ביידע זענען איינס.

אַ סך אויפמערקזאַמקייט ווערט געשענקט דער זאָרג פאַרן אויסבעסערן די ראַסע, וואָס ווערט געטון דורך קינסטלעכער באַפרוכפּערונג. די זרע ווערט גענומען נאָר פון אַזעלכע, וואָס צייכענען זיך אויס מיט אַ געוואַלטיקן איבער־פלוס פון לעבנס־ענערגיע.

די רעליגיע איז אַ מאָדנער מין בודאיזם. נישטאָ דער הייליקער פּחד און דאָס פרומע ציטערן. דאָך איז פאַראַן די היפּנאָטיזירנדיקע ווירקונג פונעם טעמפּל, פון וואַנען ס'פליסט אַ מיסטעריעזע אָנשטעקנדיקע קראַפט. די געבעטן זענען אַ געמיש פון מענטשנליבע און פרייהייט. די מידות טובות — אַ סינטעז פון קענען וואַרפן געלט אין מיסט און לערנען זיך באַמיסטיקן פעלדער אַזוי, אַז עס זאָלן וואַקסן בלויז שיינע און געזונטע פרוכטן.

אין דער זעלבער צייט, קומט פאָר אַ פאַראַלעלע אַקציע מיט אַן ענגלישן זשורנאַליסט, וואָס פאָרט אַרויס אין שליחות פון אַ רייכן לאָרד מיט אַ געוואַגטן פּלאַן צו עקספּלאָאַטירן די נאַפט־אוצרות פונעם דאָזיקן אינדזל. די שיף, אויף וועלכער דער זשורנאַליסט איז געפאָרן, איז אונטערגעגאַנגען אין צעשטורעמטן ים. דער זשורנאַליסט איז פון די איינציקע, וואָס האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט און דערשלאָגנדיק זיך צום שכנותדיקן אינדזל אָבסערווירט ער פון דאָרט די נייע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג. דערביי גיט ער נישט אויף זיין פּלאַן צו רעאַליזירן

שליחות פונעם ענגלישן לאַרד און דורכפירן די עקספּלאָטאַציע פון די ...אַפּט־אוצרות.

...אַט ווייזט זיך אויס, אַז ער ווערט אַליין אויך מיטגעריסן מיט די וווּנדער־...עכע ענדערונגען, וואָס פאַרמאָגן אין זיך אַזוי פיל פּראָסט־פּשוטע און נאַטור־...האַפטיקע אוממיטלבאַרקייט. אָבער דער ענגלישער לאָרד דאַרף האָבן נאָפט און דאָס מאַכט אַ סוף צו דעם מענטשלעכן גן־עדן, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אויף דעם אינדזל.

אין דאָזיקן בוך איז פאַראַן די טיפע בענקשאַפט פונעם שריפטשטעלער ...אָך אַ געוואַלטיקער דערשיינונג, וואָס זאָל מיטאַמאָל עפענען די אויגן און די הערצער פון דער געזונקענער מענטשהייט און זי אַרויספירן אויף אַ נייעם וועג. ער וויל אָבער נישט, אַז מען זאָל אים אָננעמען פאַר אַ נאַיוון פאַנטאַסט, אַ באַווירקטן פון אוטאָפּישן גייסט און ער פאַרמעסט זיך דערפאַר צו מאָלן די נייע געזעלשאַפט מיט טרוקענע וויסנשאַפטלעכע אויסרעכענונגען. דאָ דערפילט ער זיין אומבאַהאָלפנקייט און פאַלט אַריין אין מיסטישע זוכענישן, זעט אין זיינע העלדן די פאַרקערפּערונג פונעם פּראָמעטעוס־געראַנגל קעגן פינצטערע כוחות. באַפליגלטע ווערן זיי געטראָגן איבער שטורמישע אָקעאַנען צו ערגיץ אַ בלויען נירוואַנאַ־קעניגרייך, ווו עס דאַרפן זיך צונויפטרעפן רעאַליטעט מיט פאַנטאַזיע אין דעם שטראַלנדיק־קלאָרן שפּיגל פון אייביקייט.

דאָס איז העקסלעין נישט געלונגען. זיינע געשטאַלטן פאַרמאָגן נישט יענעם העראָאיש־טראַגישן באַוווסטזיין, צו ווערלכן עס דערהויבן זיך ענטוזיאַסטישע גאונים אין זייערע וויזיעס פון ענדערן מעשי־בראשית. פאַרכאַפּטע פונעם סיפור־המעשה קוקן מיר פאַרגאַפטע צו די ווייטע האָריזאָנטן פון יענעם אוטאָפּישן אינדזל, ווילן דערהערן דאָס געזאַנג פון יענער געזעלשאַפט און איר שטרעבונג צו פולקאָמער האַרמאָניע, צו גאַנצקייט און ליכט. עס איז נישט פריילעך און נישט אומעטיק אין יענער נייער וועלט. עס פעלט דער באַגער אַלץ אָנצוצינדן מיט פרייד און עס איז אויך נישטאָ די אָנגעלאָדנקייט מיט וואָגיקן געזעלשאַפטלעכן זין און נישט די העלזעמישע עקספּלאָזיע, וואָס זאָל אַנטפּלעקן די געהיימע לאָגיק אינעם גאַנג פון די פּאַסירונגען און לאָזן פריי די פאַנטאַזיע שפּינען זייער ווייטערדיק פונאַנדערוויקלען זיך אין אַן אידעאַלער געזעלשאַפט.

דער אַלטער מאָטיוו פון דער נביאישער וויזיע ״והיה באחרית הימים״ קלינגט אָפּ פונסניי ווי אין יעדן דור, פון אומדערגרייכבאַרע הויכן, ווערט פאַרטויבט, פאַרשטומט אין תהום פון מענטשלעכער אכזריות. אַ תהום וואָס זעט אויס נישט צום אַריבערשפּאַנען און דאָך גייט ווייטער אָן די באַוועגונג און עס חזרן זיך איבער די חלומות און וויזיעס פון גלויבנדיקע און האָפנדיקע טרוימער.

א י נ ה אַ ל ט

	זייט
ביים קוואַל פון פּאָעזיע	5
אברהם סוצקעווער	d
איציק מאַנגער	37
יעקב פרידמאַן	44
יצחק יאַנאַסאָוויטש	61
נחמן ראַפּפּ	75
לייזער אייכענראַנד	91
הירש אָשעראָוויטש	99
שלמה שנהוד	101
שלמה וואָרזאָגער	107
יעקב צבי שאַרגעל	109
יונה בערקמאַן	111
חיים־לייב פוקס	113
מ. חסיד	117
יעקב גלאַנץ	118
אברהם רייזען	120
היינריך היינע	121

ב פּראָזע

אמר רבי מענדעלע מוכר ספרים	123
מ. צאַנין	128
י. באַשעוויס	143
מענדל מאַן	146
גרשון סאַפּאָזשניקאָוו	148
יוסף ערליך	150
פּייוול זיגלבוים	158
ישעיהו שפּיגל	161
יהודה עלבערג	164
אפרים שרייער	172
צבי אייזנמאַן	176
משה שולשטיין	177
אליעזר אַלעי	179
י. הירשהויט	185
חיים גראַדע	188
שמואל לעווין	194
וואָלף טאַמבור	196

מאיר ווייסגאַל 199
לייב אַליצקי 201
חנן איאלטי 205
לייב ראַכמאַן 207

ג פון דער העברעאישער ליטעראַטור

דב סדן 211
ישעיהו אברך 212
יצחק אורפּז 215
יורם קניוק 222
ש. אבני 225
דן צלקה 227
אליעזר רובינשטיין 230
מלך ראַוויטש 233
יהודה הלוי 235
רמב״ם 238

ד פון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור

ביאָגראַפיעס פון גאונים 241
אויטאָביאָגראַפישע ראָמאַנען 256
דריי דורות 268
דער מדבר אַרום מענטש 270
קאָלין ווילסאָן 273
דער שטומער 276
מאַקיאַוועליזם 279
יאַפּאַנישער ראָמאַן מיט טויזנט יאָר צוריק . . 282
די וועלט וויל אַ מעשה הערן 285
דער נייער ראָמאַן 291
גאַנדיס תלמידים 299
מאָראַלישע ווערטן 311
מאַרטין בובער 318
יידן אין גאָרקיס ווערק 323
יידן אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור . . . 326
יידישע מאַמעס פון אייראָפּעאישע שרייבער . . 330
געוויסן־פּיין 336
ס. וויגאָדסקי 338
מאַריאַ דאָמבראָווסקאַ 340
אָן מאָראַלישן קאָמפּאַס 343
והיה באחרית הימים 262